STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08321

FUN YENER ZAYT FORHANG

David Lederman

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דוד לעדערמאַן

פון יענער זײַט פאָרהאַנג

ביכער-סעריע

דאָס פּוילישע ייִדנטום

152

רעדאַקטאָר:
מאַרק טורקאָוו
פאַרלאַגס-לייטער:
אַבֿרהם מיטלבערג

מ. פייגענבלום

די רשימה פון די דערשינענע ביכער — צום סוף פונעם בוך

דוד לעדערמאַן

פון יענער זייט פּאַראַנאַ

★

אַרויסגעגעבן דורכן
צענטראַל־פאַרבאַנד פון פּוילישע יידן אין אַרגענטינע
בוענאָס־איירעס, ה׳תש״כ — 1960

דרוקעריי ברידער זלאַטאָפּיאָראָ — סאַן לויס 3149 — בוענאָס־איירעס

אינהאַלט:

			זייט
קאַפּיטל	1	אויף דער שיף „קווין מערי“	11
„	2	אויפן וועג קיין פּוילן	17
„	3	מילחמה־שטימונג אין פּוילן	22
„	4	מילחמה!	27
„	5	אין די ערשטע טעג פון קריג	29
„	6	דײַטשע אַרמיי דערנענטערט זיך צו וואַרשע	32
„	7	פאַרטיידיקונג פון וואַרשע	36
„	8	אונטער דער היטלערישער בײַטש	43
„	9	אויפן וועג קיין זאַרעמבי־קאָשטשעלנע	49
„	10	צוריק קיין וואַרשע	55
„	11	מײַן צווייטער גאַנג צו דער גרענעץ	58
„	12	גיהנומדיקער וועג הינטער מאַלקין	62
„	13	אין „קיינעמס־לאַנד“	68
„	14	אין טעאַטער אויף אַ טיש	74
„	15	רעגיסטראַציע און איבעררעגיסטראַציע	79
„	16	טעג און נעכט אין ביאַליסטאָק	84
„	17	דאָס לעבן גייט ווײַטער און קיין צרות פעלן נישט	92
„	18	שרײַבער־געסט פון מאָסקווע	99
„	19	אַדמיניסטראַטיווער דירעקטאָר שוסטער	109
„	20	סאָוויעטישע וואַלן אין ביאַליסטאָק	117
„	21	אַרויפגעצוווּנגענע סאָוויעטישע בירגערשאַפט	126
„	22	אַרעסטירטער צי פאַרהאַלטענער?	130
„	23	דער ערשטער פּאַטש	137
„	24	אין פינצטערן קאַמער מיט נאָך צוויי ייִדן	143
„	25	אין ביאַליסטאָקער ענקאַוועדע	149
„	26	אין אַרעסטאַנטן־זאַל	155
„	27	אין ביאַליסטאָקער תפיסה	159
„	28	פינגער־אָפּדרוקן	165
„	29	אין קאַמער נומער 92	169
„	30	ווער אונדזער מענטש!...	178

			זייט
קאַפּיטל	31	די געשיכטע פון אַן אַלטן סאָציאַליסט	184
„	32	אינקוויזיטאָרישע אויספאָרשער	190
„	33	„שפּיצברודקאַ“ און „באַנטשע שוויַיג“	195
„	34	די לעצטע טעג אין תפיסה	202
„	35	אין פאַרמאַכטע „טיעפּלושקעס“	205
„	36	וואָס זענען מיר — הענדלער צי גנבים?	213
„	37	אין קאַראַנטין־לאַגער	219
„	38	אין אמתן אַרבעט־לאַגער	225
„	39	דאָס גראָע לעבן אין לאַגער	234
„	40	צוויי ייִדישע נאַטשאַלניקעס	240
„	41	ייִדישע אַרעסטאַנטן זאָגן כל־נדרי אויף פאַרשיקונג	246
„	42	נאַכטקאָנטראָל	250
„	43	ווידוי פון אַ ייִדישן נאַטשאַלניק	256
„	44	דער סאָוויעטישער המן	264
„	45	אַ געוועזענער טשעקיסט	270
„	46	מייַן ייִדישע טעאַטער־פאָרשטעלונג אין לאַגער	274
„	47	מייַן פּאַראַגראַף...	281
„	48	איך ווער אויס „דניעוואַלנע“	287
„	49	אויף אַרבעט אין אַ בריגאַדע	292
„	50	אין לאַגער־שפּיטאָל	297
„	51	דער לאַגער אַנטלויפט פאַר די היטלעריסטן	304
„	52	ווּוהין פירט מען אונדז?	310
„	53	מייַן לעצטער לאַגער אין קאַראַגאַנדאַ	314
„	54	אַמנעסטיע פאַר פּוילישע בירגער	320
„	55	געוועזענער אַרעסטאַנט	327
„	56	אַשכאַבאַד	334
„	57	כ׳ווער אַרויסגעשיקט פון אַשכאַבאַד	341
„	58	אויף פרייַער פאַרשיקונג אין מאַרי	352
„	59	אין סאַמאַרקאַנד צווישן פּליטים	360
„	60	אין סאַמאַרקאַנדער פּויליש־ייִדישן שפּיטאָל	368
„	61	מייַן באַפרייַונג	375

דאָס דאָזיקע בוך איז געהייליקט דעם אָנדענק
פון מיינע עלטערן **פישל** און **רבקה לעדערמאַן**
מיינע טעכטערלעך **פּאָלאַ** און **טאַמאַראַ**
זייער מוטער **שרה**
מיין שוועסטער **חיה־זיסל** און מיין שוואָגער **לייבוש**
זייערע קינדער **מאיר** און **פריידעלע** און איניקל
מיין ברודער **שמואל** און שוועגערין **האָדעס** זייער
זון **יעקב**, מיין שוואָגער **שמחה ראָזען** און שווע־
גערין **פייגעלע**, זייערע קינדער **הערשל** און **שרה**
מיין שוואָגער **משה ליקפערמאַן**,
וואָס זענען אומגעקומען **על־קידוש־השם** אין די
יאָרן פון אונדזער חורבן

דער מחבר

**
*

די איבערלעבונגען פֿון די מאַסן ייִדישע פּליטים, וואָס זענען אַנטלאָפֿן פֿון די נאַצישע רדיפֿות אין אָקופּירטן פּוילן אין די געביטן, וועלכע די סאָוויעטישע אַרמיי האָט באַזעצט אין די ערשטע חדשים פֿון דער צווייטער וועלט-מילחמה, פֿאַרנעמען גאָר אַן אָנגעזען אָרט אין דער ייִדישער חורבן-ליטעראַטור. אויך אין דער ביכער-סעריע „דאָס פּוילישע ייִדנטום״ זענען פֿאַראַן אַ גאַנצע רייע וויכטיקע ווערק וועלכע שילדערן די דאָזיקע טראַגישע עפּאָכע פֿון צער און פּײַן פֿון הונדערטער טויזנטער ייִדן, וואָס זענען אַזוי ביטער אַנטטוישט געוואָרן אין זייערע האָפֿענונגען צו געפֿינען רו און זיכערקייט אין דעם סאָוויעטישן לאַנד.

צו דער קאַטעגאָריע זכרונות-ביכער וועגן זייערע איבערלעבונגען „פֿון יענער זײַט פֿאָרהאַנג״ געהערט טאַקע דאָס בוך פֿון דוד לעדערמאַן, וואָס מיר גיבן איבער דעם ייִדישן לייענער אַלס דעם 152סטן באַנד פֿון אונדזער ביכער-סעריע.

דער נאָמען פֿון דעם מחבר פֿון דעם דאָזיקן בוך איז גוט באַקאַנט אין דער ברייטער ייִדישער קולטור-וועלט אַ דאַנק זײַנע לײַסטונגען פֿאַר דעם ייִדישן טעאַטער.

פֿון זײַנע גאָר פֿריִע יאָרן האָט דוד לעדערמאַן געפֿילט אַ נייגונג צו טעאַטער און האָט, ווי דאָס רוב פֿון זײַן דור, געשטעלט זײַנע ערשטע שריט אויף דער בינע אַלס ליבהאָבער. ער איז אָבער גאָר שנעל אַריבער אין דעם פּראָפֿעסיאָנעלן טעאַטער פֿאַרנעמענדיק גאָר אַ חשובֿע פּאָזיציע אַלס כאַראַקטער-שוישפּילער אין דער דראַמע, אָפּערעטע און רעווי-טעאַטערן.

דוד לעדערמאַן האָט אין די יאָרן פֿון דער ערשטער וועלט-מילחמה געהערט — צוזאַמען מיט מיכאַלעסקאָ און כאַראַז — צו די זײַלן פֿון דער מאָדערנער אָפּערעטע אין ייִדישן טעאַטער, ווו עס

זענען דאַן אויפגעטרעטן אַלס צענטראַלע פרויען־פיגורן דײַטשישע און ייִדיש־דײַטשישע שוישפּילערינס אין די סאַמע שענסטע אייראָ־פּעיִשע אָפּערעטעס.

נישט קלענער איז געווען דער אָנזען פון דוד לעדערמאַנען אין דעם ייִדישן דראַמאַטישן טעאַטער פריִער אין „צענטראַל־טעאַטער" און שפּעטער אין וואַרשעווער ייִדישן קונסט־טעאַטער („וויקט") שאַפנדיק אַ גאַנצע ריי העכסט־קינסטלערישע קרעאַציעס. מיט גאָרנישט קיין קלענערן דערפאָל איז געווען פאַרבונדן זײַן אָנטייל אין די ייִדישע רעווי־פאָרשטעלונגען, וואָס זענען שטאַרק פּאָפּולער געוואָרן אין פּוילן אין די יאָרן צווישן ביידע וועלט־מילחמות. דוד לעדערמאַן האָט זייער פיל אַרומגעוואַנדערט מיט די באַקאַנטסטע ייִדישע טעאַטער־טרופּעס אין אייראָפּע און איז אויך אויפגעטרעטן אין צפון־אַמעריקע פון וואַנען ער איז געקומען צוריק קיין פּוילן אין די סאַמע לעצטע טעג פאַרן גרויסן חורבן, בכדי צו ווערן אַ מיטשפּילער אין דער גרויסער טראַגעדיע פון אונדזער פאָלק, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט פון „ביידע זײַטן פאָרהאַנג".

דוד לעדערמאַן, וועלכער איז נאָך דער מילחמה געקומען קײַן אַרגענטינע, ווו ער איז ווײַטער טעטיק אין דעם היגן ייִדישן טעאַ־טער, דערציילט אונדז אין זײַן בוך בלויז אַ חלק פון דעם אַלעם, וואָס ער האָט איבערגעלעבט אין די טראַגישע יאָרן. ער דערציילט עס מיט פּשוטע ווערטער, וואָס ווירקן אויף יעדן איינעם, ווײַל די ביטערע איבערלעבונגען זיינע זענען אַ דאָקומענט פון אַ צײַט וועגן וועלכער מען טאָר נישט דערלאָזן, אַז זי זאָל פאַרגעסן ווערן אין דעם זכרון פון אונדזער פאָלק.

די רעדאַקציע

קאַפּיטל 1

אויף דער שיף „קווין מערי״

דעם 9טן אויגוסט, 1939, האָב איך פאַרלאָזט ניו־יאָרק. די שיף „קווין מערי״ גייט אָפּ מיטאָגצײַט, אַזייגער איינס בײַטאָג. כאָטש דער טאָג איז אַ שיינער, אַ זוניקער, דאָך איז מיר אומהיימלעך אויף דער נשמה. אַזוי פיל יאָרן האָב איך געחלומט צו קומען און טאַקע פאַרבלײַבן אין דאָזיקן וווּנדער־לעכן לאַנד, אין לאַנד פון אַזעלכע גרויסע מעגלעכקייטן. נעם איך איצט פון אייגענעם ווילן, הייב זיך אויף און לאָז דאָס אַלץ איבער, פאַרפּאַק די וואַלי־זעס און פאָר צוריק קיין איראָפּע.

— ווי מעג איך עס טון? — עקבערט אין מיר אַ געדאַנק — ווי מעג אַ מענטש זײַן אַן אכזר אויף זײַן אייגן לעבן? ווי קאָן איך אָבער נישט פאָרן? ווי האָב איך אַ רעכט צו לאָזן דאָרט אויף הפקר מײַן מישפּחה ווען די לופט שמעקט מיט מילחמה? אפשר וועל איך פאָרט באַוויזן — טראַכט איך — אַרויסצוראַטעווען מײַן פאַמיליע פאַרן אויסברוך פונעם מילחמה־שטורעם? אפשר. איך האָב דאָך עפּעס אַ קאָנסולאַר־פּאַס וואָס גיט מיר מעגלעכקייטן זיי צו ראַטעווען.

ווי זאָגט אָבער דאָס פאָלקסווערטל: דער מענטש טראַכט און דער גורל לאַכט... דו נעמסט זיך אונטער איינס און ס׳קומט אַרויס עפּעס אַנדערש — קעגן דײַנע אויסרעכענונגען, קעגן דײַן ווילן.

אַזייגער צוויי אין דער פרי בין איך שוין געווען אין פאָרט. באַאַמטע קאָנטראָלירן און פרעגן אויס: — ווען איך בין געקומען? פאַרוואָס איך פאָר אַוועק? די וויזע איז דאָך נאָך נישט אויסגעגאַנגען, האָב איך דאָך נאָך אַ רעכט צו בלײַבן. באַלד קומט צו אַן אינספּעקטאָר, גראָד אַ ייִד. ער נעמט מײַן פּאַס אין האַנט און קוקט, דאָ אויפן פּאַס, דאָ אויף מיר:

— מיסטער דייוויד לעדערמאַן — גיט ער צו מיר אַ זאָג — הערט זיך צו: קיין אַמעריקע קומט מען און נישט מע פאָרט אַוועק, איבערהויפּט אַ ייִד, נאָך דערצו אין דער שרעקלעכער צייט ווען ס׳בושעוועט דער היטלעריזם.

איך פּרוּוו זיך פאַרענטפערן, אַז איך קאָן נישט לאָזן מײַן פאַמיליע אויף הפקר. ווער ווייסט וואָס עס דראָעט זיי דאָרט אין דער היים. זיי זענען הילפ־לאָזע מענטשן.

דער אינספּעקטאָר אָבער האַלט זיך ווײַטער בײַ ס׳זײַניקע:

און איר גלייבט אויף זיכער, אַז ווען איר וועט דאָרט זײַן אין יוראָפּ, אין אײַער וואַרשע, און די מילחמה וועט אויסברעכן וועט איר זיי זיכער קאָנען ראַטעווען?

— אפשר יאָ — זאָג איך מיט אַ געזעצטקייט אין קול.

ער קוקט אויף מיר מיט באַדויערן, ווי אויף איינעם וואָס איז פאַר־נאַרט און פאַרגלייבט אין זאַכן, וואָס זענען אַן אוממעגלעכקייט זיי צו פאַר־ווירקלעכן, און ענטפערט מיר, אַז ווען איך בלײַב אין אַמעריקע, וואָלט איך זיי מער געקאָנט העלפן, כ׳וואָלט זיך געקאָנט ווענדן דאָ און דאָרט, אָנשפּאַרן אין העכערע אינסטאַנצן, זיי זאָלן אינטערווענירן:

— באַרעכנט זיך גוט וואָס איר גייט טון! — שרײַט ער פשוט אויף מיר, וואַרפט מיר צו אַ באַדויערנדיקן ברוגזן בליק און גייט אַוועק.

איך בלײַב אַ צעטומלטער, און טראַכט אַז ער איז זיכער גערעכט. איך וואָלט אָבער קיין איין מינוט נישט געווען געהאַט קיין רו, ווען איך בלײַב דאָ איבער און לעב זיך אַ גוטן טאָג אין דער צײַט, ווען מײַן מישפּחה איז אויסגעשטעלט אויף כלערליי סכנות און איבערלעבענישן, ווי אין צײַטן פון מילחמה.

איך לאָז זיך צו דער שיף. אין פּאָרט — זע איך — זאַמלען זיך עפּעס זייער אַ סך ייִדן, מיט בערד, מיט ברייטע קאַפּעלושן — פרומע ייִדן, אַזעלכע וואָס כ׳האָב געזען אין וויליאַמסבורג, אין ברוקלין. אַ סך זענען אויך אָן בערד. אַן עולם פון עטלעכע טויזנט ייִדן. אַ נייגעריקער פרעג איך בײַ איינעם פון זיי:

— וואָס עפּעס אַזוי פיל ייִדן דאָ בײַם פּאָרט?

— איר ווייסט נישט? די חסידים זענען געקומען געזעגענען זייער

רבין, — דערקלערט ער מיר, — דער רבי פאָרט היינט אָפּ מיט דער „קווין מערי״ קיין ארץ־ישראל.

אויף דער שיף געפינט זיך שוין מיין חבר, דער אַקטיאָר זישע קאַץ מיט זיינע פאַמיליע־לייט וואָס זענען געקומען זיך געזעגענען מיט אים. כ׳האָב דאָ געטראָפן אויך מיינע פאַמיליאַנטן, די שיינפעלדס, בן־ציון מיט זיין פרוי און זיינע טעכטער, די פרוי פון אַקטיאָר אירווינג דזשייקאָבסאָן, די טאָכטער מלכהלע, דינה האַלפּערן, סעם בראָנעצקי און נאָך עטלעכע אַקטיאָרן, אַלע וואָס זענען זיך געקומען מיט מיר געזעגענען.

די שיף גיט אַ צייכן. אַ לאַנגער אויסגעצויגענער פייף. מע געזעגנט זיך מיט פאַרקלעמטע הערצער. טרערן אין די אויגן. מע פאָכעט מיט ווייסע טעכלעך. די שיף הייבט אָן רירן. איך קוק נאָך דעם נומער פון מיין קאַבינע. לאָז זיך גיין מיטן לאַנגן קאָרידאָר איבערן רויטן פלושענעם כאָדניק. כ׳מאַך אויף די טיר און בלייב שטיין אַ צוגעשמידטער צום אָרט. אין מיין קאַבינע זיצט אַ מאַן פון אַ יאָר זיבעציק, מיט אַ הדרת־פּנימדיקער העלגראָער באָרד, מיט אַ סאַמעטן קאַפּל אויפן קאָפּ. אין דער רגע גיט מיר אַ קלאַפּ אין קאָפּ אַריין: אַ רבי! אַ רבי אין מיין קאַיוטע? וואָס טוט זיך דאָ? כ׳דערמאָן זיך וואָס יענער ייִד האָט מיר געזאָגט, אַז דאָס זענען חסידים געקומען געזעגענען זייער רבין וואָס פאָרט קיין ארץ־ישראל.

אַהאַ, יאָ, דאָס איז דער רבי, און מיט מיר — אין איין קאַיוטע? אַ מאָדנע באַגעגעניש. כ׳בין זיך מודה, אַז ס׳האָט מיך אַרומגעכאַפּט אַ גוואַלד־טיקער דרך־ארץ פאַרן דאָזיקן גאָטפאָרכטיקן חסידישן מנהיג.

דער רבי זיצט אויף דער שטול און מורמלט עפּעס אין דער שטיל. ער קוקט אויף מיר מיט פאָרשנדיקע בליקן. איך פאַרשטיי אַז אים אינטערעסירט איצט איינס: צי דער אַריינגעקומענער איז אַ ייִד? איך פאַרשטיי דעם רבינס מיין און אַוודאי באַנעם איך זיין לאַגע, אַז אים וועט זיין זייער שווער צו שטעלן אַזאַ דעליקאַטע פראַגע. זאָג איך אים אויפן אָרט:

— שלום־עליכם, רבי!

ווען ער דערהערט פון מיר דעם ברייטן שלום־עליכם, האָט זיך זיין פּנים צעשטראַלט פון צופרידנקייט. ער האָט זיך אויפגעשטעלט, מיר דער־לאַנגט די האַנט און געענטפערט ווייך און האַרציק: — עליכם־שלום! און פאַר זיך האָט ער געגעבן אַ זאָג — געלויבט השם־יתברך...

איך האָב פאַרשטאַנען דעם זין פון זײַן דאַנקען און לויבן דעם רבונו־של־עולם, וואָס האָט אים צוגעשיקט אַ שכן אַ ייִד, מיט וועמען ער וועט האָבן צו רעדן אַ וואָרט.

דער רבי פרעגט מיך וווהין איך פאָר. איך דערקלער אים, אַז איך קער זיך אום קײַן פוילן, כ׳פאָר קיין וואַרשע צו מיין מישפּחה. ער באַטראַכט מיך פאַרשנדיק אַ לענגערע ווייל און גיט צו:

— איצט פאָרט אַ ייִד קיין פוילן? וואָלט נישט בעסער געווען צו וואַרטן אין אַמעריקע און זען צי עס וועט נישט חלילה אויסברעכן קיין מילחמה?

איך כאַפּ זיך אַרויס מיט די ווערטער: — דער רבי פאָרט דאָך אויך נישט קוקנדיק וואָס עס קאָן אויסברעכן אַ מילחמה.

— איך — זאָגט ער — פאָר דאָך קיין ארץ־ישראל. אויב ס׳איז באַשערט דעם מענטשן אַוועקצוגיין פון דער וועלט, איז שוין אַ סך בעסער אויף דער ערד פון אונדזער הייליקן לאַנד ארץ־ישראל.

— רבי, — זאָג איך, — איך פאָר דערפאַר, ווײַל טאָמער איז חלילה אַ מילחמה וועל איך אפשר קאָנען אַרויסראַטעווען מײַן מישפּחה פון סכנה.

— אַוודאי, אַוודאי — זאָגט ער — איז ראַטעווען ייִדישע נפשות, אַ גרויסע מיצווה. ער גיט אַ זיפץ ווי ער וואָלט איצט פאַרגעפילט די נאָענט־קייט פון געפאַר. ער פאַרטראַכט זיך, נעמט אַ ספר אין דער האַנט און קוקט אַרײַן.

איך בעט אים איבער, וואָס איך וויל גיין אויפזוכן מײַנס אַ חבר וואָס פאָרט מיט דער זעלבער שיף. כ׳זוך אויף זישע קאַץ און דערצייל אים וועגן צופאַל וואָס גראַד מיר קומט אויס צו פאָרן אין איין קאַבינע מיטן רבין.

זישע קאַץ איז מיך שטאַרק מקנא:

— ערשטנס — זאָגט ער — פאָרסטו מיט אַ ייִד, און צווייטנס מיט אַ רבין, דאָס הייסט שוין בײַ פרומע מענטשן אַ גרויסע זכיה. נאָך דערצו האָסטו אַ קאַבינע אויף צוויי פערזאָן. איך פאָר אין אַ קאַיוטע פון פיר פער־זאָן, די איבעריקע דרײַ פּאַסאַזשירן זענען נישט קיין ייִדן. ס׳איז מיר שווער זיך צונויפצורעדן מיט זיי. אַלע דרײַ רעדן נאָר פראַנצויזיש.

מיר גייען זיך אָפּקלײַבן אַ טיש צום מיטאָג — מיר באַשליסן צו עסן בײַ אַ כשרן טיש.

בײַם נאַכט־עסן זיצן בײַ די כשרע טישן זייער פיל ייִדן, קיין עין־הרע.

מיר וואָלט זיך קיין מאָל נישט געגלייבט צו טרעפן אויף אַ שיף אַזוי פיל ייִדן. ס'ווערט סערווירט אָן עכט כשר עסן מיט טעלער, ווו ס'שטייט אָנגעשריבן כשר. אַ ספּעציעלער ייִדישער אָפיציר פון דער שיף, אַ מין נאַמן, דערקלערט אונדז, אַז אַלץ ווערט געמאַכט אונטער זײַן אויפזיכט. אפילו די קוכערס פון ייִדישן עסן זענען ייִדן. אַז די הויפּט־אויפזיכט איבער דעם אַלעם האָט דער רב פון סאַוטהעמפּטען הרב לאַנדוי. אויפן טיש זעט מען אפילו דעם ארץ־ישראלדיקן כרמל־ווײַן. אַלץ איז כשר. בײַ אַט דעם כשרן טיש, אונטער דער אויפזיכט פון אַ באַקאַנטן רב, האָט זיך דער שותף פון מײַן קאַבינע, דער רבי, וואָס פאָרט קיין ארץ־ישראל, זיך אָפּגעזאָגט צו עסן. כדי צו זײַן זיכער, אַז ער וועט נישט ניכשול ווערן אין טריפות, האָט ער די גאַנצע צײַט פון דער רייזע געלעבט דערפון, וואָס דער קעלנער האָט אים דרײַ מאָל אין טאָג געבראַכט פרוכטן און טיי. ער האָט אויך געהאַט מיט זיך פאַרשידענע געבעקסן. אויך די טיי פלעגט מען אים ברענגען אין זײַן אייגענעם טשייניק.

אויף דער שיף האָב איך זיך באַגעגנט מיט זייער אַ סך ייִדן; דאָס רוב ענגלישע, וואָס זענען געפאָרן צו זיך אַהיים קיין ענגלאַנד. אַלע ווי איינער האָבן זיי דערקלערט, אַז טאָמער איז מילחמה, איז זייער פליכט צו זײַן אין דער היים און העלפן זייער פאָטערלאַנד מיט וואָס ס'וועט נאָר מעגלעך זײַן און אין דער זעלבער צײַט נישט זײַן אָפּגעריסן פון זייערע מישפּחות.

פרײַטיק־צונאַכטס צו קבלת־שבת אין דער שיף־שול, האָב איך זיך ערשט איבערגעצייגט אין דער גרויסער צאָל ייִדן אויף דער שיף פון אַלע פאַרשידענע קלאַסן. מענער אויסגעפּוצטע אין סמאָקינגס מיט שניי־ווײַסע העמדער מיט סידורים אין די הענט. איך שטיי און טראַכט: ווער וואָלט געגלייבט אַז דאָס זענען ייִדן ווען איך זע זיי נישט בײַ קבלת־שבת? קיין שום ספּעציפישן אויסזען פון ייִדן, אָבער דאָך אַחינו בני־ישראל, ענגלישע ייִדן.

אויף דער שיף איז געפאָרן אַ ייִדישער יונגערמאַן פון פוילן, וואָס האָט געמוזט אַוועק פון ניו־יאָרק, ווײַל זײַן וויזע האָט זיך געענדיקט און ער האָט זיך באַצײַטנס נישט פאַרזאָרגט מיט קיין פאַרלענגערונג. אין דער דיסקוסיע צי ס'וועט יאָ אָדער נישט אויסברעכן אַ מילחמה, האָט ער דערקלערט זײַן מיינונג, אַז אויב עס וועט זײַן מילחמה וועלן די דײַטשן אין געציילטע וואָכן אײַננעמען גאַנץ פוילן. ער האָט געדינט אין פוילישן מיליטער. ער איז

געווען אונטער־אָפּיציר און ווייסט, אַז די פּוילישע זעלנער זענען זייער גוטע שלעגער און בערדרייסער קעגן ייִדן, אָבער קעגן די דייטשן לאָ. ער גיט צו אַז ער פאָרט נישט צוריק קיין פּוילן. ער בלייבט אין פראַנקרייך און וועט זוכן אַלע מעגלעכקייטן וואָס גיכער צו קאָנען צוריקפאָרן קיין אַמעריקע.

אַזעלכע ווערטער איז מיר אויסגעקומען צו הערן פון אַ סך ייִדישע פּאַסאַזשירן און אפילו אויך פון קריסטלעכע. פון די אַלע רייד איז מיר געוואָרן זייער שווער אויפן האַרצן. מיר זענען דערפאָרן ביז שערבורג.

די „קווין מערי״ וועגט פיר און אַכציק טויזנט טאָן. איר מאַנשאַפט באַשטייט פון 1.600 פּערזאָן. צוזאַמען מיט די פּאַסאַזשירן האָט זי זיכער געציילט עטלעכע טויזנט. זי האָט פּערצן שטאָק די הייך איבערן וואַסער, און אַזוי פיל אוודאי אונטערן וואַסער. קורץ, אַ שווימענדיקע שטאָט. די שיף קאָן נישט צופאָרן ביז צום פּאָרט, ווייל דאָס וואַסער איז שוין פאַר איר צו פלאַך. זי בלייבט שטיין אין מיטן ים נישט ווייט פון פּאָרט. עטלעכע קלענערע שיפן קומען צו און נעמען אַראָפּ די פּאַסאַזשירן און מע פירט זיי צו צום פּאָרט.

איך גיי אַרויס פון מיין קאַיוטע צוזאַמען מיטן רבין. איך בין אַרויף אויף אַ קלענערער שיף און צוזאַמען מיט אים געדאַרפט אַראָפּגיין אין שערבורגער האַפן. איך געזעגן זיך מיטן רבין. ער נעמט מיין האַנט אין זיינער און זאָגט מיר:

— פאָר געזונט, דוד, און זיי מצליח, גאָט זאָל דיר העהלפן, — הייבט ער אויף די אויגן צום הימל, — דו פאָרסט אין פייער אַריין, אָבער גאָט וועט העלפן און דו וועסט אַרויס גאַנץ.

— רבי, איך פאָר דאָך ראַטעווען מיין מישפּחה, ייִדישע נפשות.

— אָט־אָט ווייל דו פאָרסט ראַטעווען ייִדישע נפשות, ווייל דאָס איז איינע פון די גרעסטע מצוות, וועט דיר גאָט העלפן און דו וועסט אַרויס גאַנץ פון פייער.

— און מיין מישפּחה, רבי?

— וועגן דעם, דוד, האָבן מיר אַ גרויסן גאָט און ער וועט אַוודאי רחמנות האָבן. אָבער דו ביסט זיך מפקיר צו ראַטעווען ייִדישע נפשות, זאָג איך דיר נאָך אַ מאָל, אַז דו וועסט אַרויס פון פייער, גאַנץ.

איך בלײַב שטיין אין פּאַרט אין גאַנצן אַ צעטומלטער און מורמל צו זיך אין דער שטיל: דער רבי זאָגט, אַז איך וועל אַרויס גאַנץ פון פײַער? נו זיכער, אויב אַ מילחמה — איז דאָך צו גיין אין פײַער אַרײַן...

אַ געשריי פון מײַן חבר זישע קאַץ האָט מיר איבערגעהאַקט מײַנע געדאַנקען.

— וואָס שטייסטו און טראַכטסט — שרײַט ער — קום גיכער, מיר האָבן שוין דעם צוג קיין פּאַריז און ער שטייט.

מיר זענען אײַנגעשטיגן אין צוג וואָס האָט זיך געלאָזט מיט אונדז אויפן וועג קיין פּאַריז.

קאַפּיטל 2

אויפן וועג אַהיים קיין פּוילן

מיר זענען אָנגעקומען קיין פּאַריז פופצן טעג פאַרן אויסברוך פון דער מילחמה. און אַ מאָדנע זאַך. אַלץ איז דאָ געווען רויִק. איך האָב נישט באַמערקט קיין שום אויסערגעוויינטלעכס. מענטשן זענען געגאַנגען איבער די גאַסן נישט אָנענדיק וואָס עס שטייט זיי פאָר. די קאַפעען און רעסטאָראַנען זענען אומעטום געווען באַזעצט, מ׳איז געגאַנגען אין די קינאָס און טעאַטערס.

איך און מײַן חבר זישע קאַץ, האָבן אין אָנבליק פון דער רויִקייט זיך אָנגענומען מיט מוט צו פאָרן קיין פּוילן.

צוויי טעג זענען מיר נאָך פאַרבליבן אין פּאַריז בכדי צו דערלײדיקן די פאָרמאַליטעטן אין דער שיף־געזעלשאַפט, מיר האָבן זיך געטראָפן מיט מענטשן, גערעדט מיט זיי און נישט געפילט דעם מינדסטן שפור פון אומרו.

דעם 7טן אויגוסט, 1939, זענען מיר אָפּגעפאָרן פון פּאַריז אין דער ריכטונג פון וואַרשע. ווען מיר זענען אַריבער די גרענעץ צווישן פראַנקרײַך און דײַטשלאַנד האָט מיך אָנגעהויבן באַהערשן אַ שטיקל מורא. אין קעלן בײַם רײַן האָט אַ דײַטש אויסגערופן אַז די אויסלענדער זאָלן מעלדן וויפל זיי האָבן דאָלאַרן און אַנדערע וואַלוטע. איך בין אַראָפּ אין ספּעציעלן אַמט וואָס פאַרשרײַבט וויפל און וואָסער געלט יעדער פירט מיט זיך. איך האָב אָבער נישט באַמערקט קיין שום פאַרדעכטיקס און קיין שום האַנדלונג קעגן

ווען פון דער דײַטשער זײַט, אַז עמעצער זאָל אַרויספּילן אַז די וועלט שטייט ערב אַזאַ פֿײַנלעכער מילחמה. די כלומרשטע גוטע באַהאַנדלונג פון די דײַטשן איז געווען אַזוי גוט מאַסקירט מיט העפלעכקייט און געמיטלעכ־קייט, אַז קיין שום מענטש וואָלט נישט חושד געווען אַז אין געציילטע טעג אַרום וועלן זיך די זעלבע דײַטשן אַרויסלאָזן קוילענען מענטשן, זייען חורבן און טויט איבער אַלע וועגן.

די גאַנצע צײַט, ווי לאַנג דער צוג איז געפאָרן, האָב איך אויף קיין איין סטאַציע נישט באַמערקט קיין שום זאַך וואָס זאָל ווייזן אַז עפּעס איז נישט אין אָרדענונג. אַזוי זענען מיר אָנגעקומען אויפן בערלינער וואָקזאַל.

אין בערלין איז מען געשטאַנען אַ לענגערע צײַט. איך האָב געהאַט אַ מעגלעכקייט צו אָבסערווירן און אויך דאָ נישט באַמערקט קיין שום פּאַר־דעכטיקס. אָבער פינף מינוט פאַרן אָפּפאָרן פון בערלין זענען פּלוצלינג אָנ־געקומען אַ סך מיליטערלייט; אָפיצירן, אַלע מיט האַקנקרייץ־בענדער אויף די אָרעמס. זיי האָבן אָנגעהויבן אײַנצושטײַגן אין צוג. אין דעם וואַגאָן, וווּ איך און מײַן חבר האָבן זיך געפונען, זענען אַרײַן פיר אָפיצירן. זיי האָבן אונדז באַגריסט מיט אַ גוטמאָרגן. איך ווייס נישט צי זיי האָבן באַמערקט אונדזער אומרו. ס'איז דאָך דאָס ערשטע מאָל ווי מיר טרעפן זיך פּנים־אל־פּנים מיט היטלעריסטישע מיליטער־לײַט, נאָך דערצו אין דײַטשלאַנד און אין איין קופּע פון אַ פאַרנדיקן צוג.

אויפן געדאַנק איז מיר געקומען, אַז מיר האָבן דאָך געשפּילט אַנטי־היטלעריסטישן רעפּערטואַר אין פּוילן, ליטע, לעטלאַנד, בעלגיע, פראַנק־רײַך, קאַנאַדע און אַמעריקע. איך דערמאָן זיך טאַקע אין דער מינוט אַז ערשט מיט עטלעכע חדשים צוריק איז געווען אָנאָנסירט אין די „ניו־יאָרק־טיימס״ פון מאַי 1939, אַז מיר שפּילן אַנטי־נאַצי־רעפּערטואַר אין אַל. דזשאָנסאָן־טעאַטער, אויף דער 58סטער גאַס אין ניו־יאָרק, וווּ דער באַרימטער מאָריס שוואַרץ איז געווען דער דירעקטאָר. טראַכט איך ווײַטער, מעגלעך, אַז דער דײַטשער קאָנסול פון ניו־יאָרק האָט מיר דערפאַר געגעבן די טראַנ־זיט־וויזע אַזוי גיך, ווײַל ער האָט מיך אפשר געוואָלט אַרײַנקריגן צו זיך אין לאַנד, אויף דער דײַטשער טעריטאָריע. קורץ, די מורא איז מיר ערשט גוט אַרײַנגעקראָכן אין די ביינער.

פאַר מיר איז איצט געווען כמעט ווי זיכער, אַז די היטלעריסטן זענען

אַרײַן צו אונדז אין קופּע מיט דער כוונה צו אַרעסטירן און דערליידיקן מיט אונדז. קוקנדיק אויפֿן בלייכן פּנים פֿון מײַן חבר קאַץ, האָב איך מיר שוין פֿאַרגעשטעלט מײַן אויסזען. זיי האָבן באַמערקט אונדזער פֿאַרלעגנהייט און דווקא געוואָלט מיט אונדז אָנקניפּן אַ געשפּרעך. אויסגעפֿרעגט זיך פֿון וואַנען מיר פֿאָרן און פֿאַר וואָס מיר פֿאָרן צוריק קיין פּוילן. נישט ווילנדיק האָב איך דאָך געמוזט ענטפֿערן. איך האָב זיי געזאָגט, אַז מיר זענען שוין לאַנג אָפּגעריסן פֿון אונדזערע מישפּחות און פֿאָרן אַהיים געטריבן פֿון בענקשאַפֿט זיי צו זען, און גלײַך האָבן מיר צוגעגעבן, אַז אפֿשר וועלן מיר מיט אונדזערע פֿאַמיליעס אַרויספֿאָרן אין אַנדערע לענדער.

איינער פֿון זיי רופֿט זיך אָן:

— ווען דענקען זי דען די רײַזע צו מאַכן מיט אייערע פֿאַמיליעס?

איך ענטפֿער:

— אין אַ צוויי מאָנאַטן אַרום.

ער קוקט אויף מיר לאַנג-לאַנג און שווײַגט, מאַכט אַ פּויזע, איך פֿיל, אַז ער וויל עפּעס זאָגן און מיט אַ מאָל רופֿט ער זיך אָן מיט אַ הויך קול:

— ווען זי וואָלען פֿאַרן מיט אײַער פֿאַמיליע פֿון פֿאָלען, מאַכן זי עס שנעל, אָבער זייער שנעל.

פֿון זײַן מערדערישן בליק, זײַן אַרט רעדן און זיך איבערקוקן מיט זײַנע קאַמעראַדן, איז מיר געוואָרן הייס און קאַלט אין גאַנצן קערפּער. איך טראַכט, אַז עס זאָל נאָר אויסגיין בלויז צו זײַן רעדן, מער נישט, ווײַל איך האָב מורא באַקומען פֿאַר עפּעס ערגערס.

מיר פֿאָרן ווײַטער, און וואָס נעענטער מיר קומען צו דער פּוילישער גרענעץ, באַמערקן מיר, אַז די אָפֿיצירן הייבן זיך אָן גרייטן אויסצושטײַגן. פֿון מײַן זײַט קומט אַ זייער פֿאַרזיכטיקע פֿראַגע: צי זיי, די פֿיר היטלעריסטישע פּאַסאַזשירן, וווינען אין דער געגנט, נאָענט פֿון דער פּוילישער גרענעץ און צי זיי פֿאָרן צו זיך אַהיים. פֿון זייער זײַט ווערט אַ גרויס געלעכטער. אַזאַ מין הילכיק געלאַכערײַ, אַזש עס קלינגט אָפּ איבערן גאַנצן וואַגאָן:

— ווי קומט עס — זאָגן זיי — אַז איך זאָל גאָר טראַכטן אַזאַ זאַך, אַז די, העכערע דײַטשע אָפֿיצירן, זאָלן גאָר וווינען אין אַ קליין שטעטל נישט ווײַט פֿון פּוילן. זיי אַלע פֿיר זענען גראָד בערלינער און איצט פֿאָרן זיי אויף אָפּרו. זיי דערקלערן, אַז נישט ווײַט פֿון דער פּוילישער גרענעץ האָט

איינער פון זיי אַ וווּנדערבאַרע ווילע, פֿאָרן זיי זיך דאָרט פּאַרווײַלן אויף אַ קורצער צײַט.

ווען איך ריזיקיר ווײַטער און באַמערק זיי, אַז איך האָב געזען אײַנ־שטײַגן אין דער באַן פֿיל אָפֿיצירן, ענטפֿערט איינער פֿון זיי:

— אָ, יאָ, דאָס האָט ער פֿאַרבעטן צו זיך אַלע אָפֿיצירן אויף פֿאַר־ווײַלונג.

מיר דערנענטערן זיך צו אַ סטאַציע, איינע פֿון די לעצטע בײַ דער פּוילישער גרענעץ. זיי שטעלן זיך אויף, ווינטשן אונדז אַ גוטן טאָג, אַ גוטע רײַזע און אויף ווידערזען אין פּאָלען.

מיר ווערן אַ ביסל צעטומלט און פֿרעגן:

— וואָס, איר קומט קיין פּוילן?

— יאָ — זאָגן זיי — וויר קאָמען גאַנץ שנעל זיך באַקענען מיט פּאָלען.

מיר פֿרעגן טויט־ערנסט:

—ווירקלעך?

זיי באַמערקן דעם גוואַלטיקן אײַנדרוק, וואָס דאָס האָט אויף אונדז געמאַכט, רופֿט זיך אָן איינער וואָס האָט די גאַנצע צײַט פֿון דער רײַזע געשוויגן:

— אָ, ניין, עס שטימט נישט דאָס וואָס זיי זאָגן... אַז זיי קומען קיין פּאָלען שטימט נישט... זיי האָבן געשפּאַסט.

אַלע צעלאַכן זיך מיט אַן אויפֿשווידערנדיק גיפֿטיק געלעכטער און שטײַגן אויס אויף דער קליינער סטאַציע.

מיר פֿאָרן איצט צו דער פּוילישער גרענעץ־סטאַציע זבאָנשין. איך און מײַן חבר קאָן בלײַבן זיצן אין אַ געדריקטער שטימונג פֿון דער אי־בערלעבונג און פֿון די אָנצוהערענישן פֿון די היטלערישע באַנדיטן.

„אויף ווידערזען אין פּוילן"...

אונדז ווערט קלאָר, אַז דאָס איז נישט קיין שפּאָס. איך מיט מײַן חבר הייבן זיך אָן צו פֿאַרטראַכטן וועגן די דײַטשע אָפֿיצירן וואָס פֿאָרן זיך כלומרשט פּאַרווײַלן נאָענט פֿון דער פּוילישער גרענעץ. עס ווערט אונדז זייער טרויעריק אויף דער נשמה. דאָס האַרץ בײַ אַ מענטש איז אין אַזעלכע פֿאַלן אַ האַלבער נביא און מײַן האַרץ האָט מיר נאָך דער באַגעגעניש נישט געזאָגט קיין גוטס.

מיר זענען געבליבן זיצן אין וואַגאָן פּאַרזונקען אין אונדזערע געדאַנ־קען. פּלוצלינג קומט אַרײַן אין אונדזער קופּע אַ יונג מיידל, פון אַ יאָר עטלעכע און צוואַנציק און הייבט אָן רעדן צו אונדז גלײַך אין יידיש. אַנט־שולדיקט זיך וואָס זי איז אַרײַן אין אונדזער קופּע נישט געפרעגט, און דערקלערט גלײַך, אַז אויך זי פּאָרט פון פּאַריז קיין פּוילן. זי איז געפּאָרן צוזאַמען מיט דײַטשע פּאַסאַזשירן אין זעלבן וואַגאָן און האָט מיט זיי קיין איין וואָרט נישט אויסגערעדט. אין בערלין איז זי אָבער געבליבן איינע אַליין און אויך צו איר זענען אַרײַן היטלעריסטישע אָפיצירן. זיי האָבן זי באַגריסט און זי האָט כמעט נישט געענטפערט, וועלנדיק אויסמײַדן מיט זיי געשפּרעכן. זיי האָבן אָבער אָנגעהויבן רעדן צו איר ציניש'ע רייד. זי האָט זיך אויפגעשטעלט אַרויסצוגיין פון קופּע. איינער פון די אָפיצירן האָט איר פאַרשטעלט דעם וועג. געבעטן זי זאָל זיך נישט מאַכן קיין אַנגסט, ס'וועט איר גאָר נישט געשען. ער האָט זי אָנגענומען בײַ דער האַנט און מיטן גאַנצן כוח אַוועקגעזעצט צוריק אויף דער באַנק. איר געשטעלט פראַגעס, וווהין זי פּאָרט, צי זי איז אַ קריסטין צי אַ יידין? מורא האָבנדיק צו זאָגן ליגן, האָט זי זיי דערקלערט, אַז זי איז אַ יידישע.

— אָ, זי זענען יידין? דאָן בלײַבן זי רויק, פריילין. דײַטשע אָפיצירן איז פאַרבאָטן מיט איין יידין „צו טאָן זאַ וואָס", וואָס מע קאָן באַטראַכטן פאַר ראַסן־שאַנדע.

נאָך די דאָזיקע ווערטער האָט זי באַשלאָסן בײַ אַלע אומשטענדן צו פאַרלאָזן די קופּע. זי האָט זיך געגעבן אַ שטעל אויף און מיט אַלע כוחות איז זי אַרויסגעלאָפן אין קאָרידאָר, דערלאָפן ביז אונדזער טיר און צופּע־ליק געהערט אַלץ וואָס בײַ אונדז אין קופּע איז פאָרגעקומען, ווײַל די דײַטשן האָבן דאָך גערעדט זייער הויך. לויטן כאַראַקטער פונעם געשפּרעך מיט אונדז, איז זי געווען זיכער, אַז דאָס פאָרן יידן אַהיים קיין פּוילן. ווען די אָפיצירן זענען אַוועק, איז זי גלײַך אַרײַן צו אונדז אין קופּע, זיך צו פילן אַ ביסל בעסער. דאָס מיידל איז געווען טויט־בלאַס און געציטערט פון שרעק בײַם דערציילן איר איבערלעבונג.

אויף אונדזער פראַגע פאַר וואָס זי פּאָרט אַליין אין אַזאַ נישט זיכערער צײַט, האָט זי דערציילט, אַז זי איז געווען בײַ מישפּחה אין פּאַריז און זי

אײַלט זיך אַהיים צו פֿאָרן קיין לאָדזש, ווו אירע עלטערן וווינען. טאָמער וועט זײַן מילחמה וויל זי זײַן צוזאַמען מיט איר פֿאַמיליע.

אויף דער פּוילישער גרענעץ־סטאַציע זבאָנשין זענען מער, ווי מיר דרײַ ייִדן, נישט אָנגעקומען. דאָס איז געווען צוועלף טעג פֿאַרן אָנהייב פֿון אונדזער גרויסן פֿאָלקס־חורבן, צוועלף טעג פֿאַרן אויסברוך פֿון דער מילחמה.

קאַפּיטל 3

מילחמה - שטימונג אין פּוילן

שוין אויף דער פּוילישער גרענעץ האָט מען געפּילט אַז מע שטייט ערב זייער וויכטיקע געשעענישן אין פּוילן.

אָנגעקומען זענען מיר צום קאָנטראָל־פּונקט נישט מער ווי דרײַ פּוילישע בירגער. דאָס אַליין איז דאָך שוין געווען עפּעס אַ נײַעס. מיט אַ צײַט צוריק, ערשט מיט אַ קנאַפּ יאָר, ווען איך בין דורכגעפֿאָרן די זעלבע גרענעץ אויפֿן וועג קיין אַמעריקע, האָב איך געזען פֿולע צוגן מיט פּוילישע בירגער און אויסלענדער, וואָס זענען געפֿאָרן צו דער פּוילישער גרענעץ. איצט לאָזן זיך נישט מער ווי דרײַ פּערזאָן איבער דער גרענעץ קיין פּוילן, און אַלע דרײַ — ייִדן: איין ייִדיש מיידל און צוויי ייִדישע אַקטיאָרן. שוין דאָס אַליין האָט געמאַכט אַ מאָדנעם אײַנדרוק אין צייכן פֿון דער געפֿערלעכער צײַט. די רעוויזיע איז געווען אַ שטרענגע מיט פֿאַרשידענע אויספֿרעגענישן, מ׳האָט נאָך אַ מאָל באַטראַכט די פּעסער, באַקוקט פֿון אַלע זײַטן. אַפּנים, אַז זיי איז אויסגעקומען עפּעס פֿאַרדעכטיק דאָס קומען פֿון ייִדן אין די טעג קיין פּוילן.

באַלד אויף די ערשטע פּוילישע סטאַציעס זענען אַרײַן פֿאַרשידענע פּאַסאַזשירן, אין גרעסטן טייל, פֿאַרשטייט זיך, פּאָלאַקן. אַלע מיט ערנסטע פּנימער, אָנגעברוגזטע, פֿאַרזאָרגטע. מיר האָבן שוין באַמערקט די געשפּאַנטע שטימונג. איך האָב געהערט פֿאַלן ווערטער קעגן די „שוואָבן״ (דײַטשן) און קעגן די זשידעס.

פֿאַרוואָס עפּעס קעגן די ייִדן איז מיר נישט געווען פֿאַרשטענדלעך.

אין קאַליש זענען שוין אײַנגעשטיגן אַ ביסל ייִדן. איך האָב זיך פּשוט אוועקגעשטעלט אין וואַגאָן־קאָרידאָר און אַרײַנגעבעטן אין אונדזער קופּע יעדן איינעם וואָס כ׳האָב דערקענט אין אים אַ ייִד.

און אָט זיצן מיר צוזאַמען מיט עטלעכע פּוילישע ייִדן, אייניקע טאַקע וואַרשעווער, וואָס קענען מיך און קאַצן. די וואַרשעווער ווונדערן זיך וואָס איך בין געקומען אין אַזאַ צײַט אַהיים קיין פּוילן:

— איצט — זאָגט צו מיר איין ייִד — קומען ייִדן צוריק קיין פּוילן? וואָס האָט איר געטון? ס׳איז דאָך מאָביליזאַציע. ס׳האַלט דאָך אָט־אָט בײַ אַ מילחמה.

איך דערקלער מײַנע מאָטיוון וואָס האָבן מיך געצווונגען זיך אומצוקערן אַהיים.

— ווייס איך וואָס — מישט זיך אַרײַן אַ צווייטער ייִד — קיין שום מאָטיוו האָט אײַך נישט געגעבן דאָס רעכט צו קומען איצט קיין פּוילן.

די ייִדן הייבן אָן דערציילן וועגן דער געשטייגערטער אַנטיסעמיטישער שטימונג בײַ די פּאָלאַקן. די אַגיטאַציע, וואָס זיי פירן אַז ייִדן זענען אין אַלעם שולדיק, און איינער גיט צו, איר וועט זען, ייִדן, ווי נאָר ס׳וועט אויסברעכן אַ מילחמה וועלן די פּאָלאַקן גלײַך פאַרשפּרייטן אַ בילבול, אַז די ייִדן האָבן אַ חלק אין דעם. דער בילבול וועט אויסזען אַזוי: היות ווי היטלער האָט פײַנט ייִדן און וויל זיך מיט זיי אָפּרעכענען, דערפאַר וועט ער פירן די מילחמה קעגן פּוילן, ווו ס׳געפינען זיך אַזוי פיל ייִדן און אויב מילחמה קעגן ייִדן מוז ער זי שוין אויך פירן קעגן פּאָלאַקן.

איך מוז צוגעבן, אַז דער ייִד האָט נישט גערעדט גלאַט אין דער וועלט אַרײַן. די אַנטיסעמיטישע טיילן פון פּוילישן פאָלק האָבן געלאָזט אָט די ווערסיע, וואָס האָט זיך גיך אָנגענומען און פאַרשפּרייט. היות ווי אין פּוילן האָבן געוווינט עטלעכע מיליאָן דײַטשן, פּוילישע בירגער טאַקע, אָבער פּאַרט דײַטשן, האָבן זיי צוגעהאָלפן פאַרשפּרייטן די ווערסיע.

שוין אין וואַגאָן, וואָס האָט אונדז געפירט קיין וואַרשע, האָבן מיר דערפילט דעם פיבערדיקן אָנקום פון אַ שטורעם. איך האָב שוין טאַקע אָנגעהויבן פילן די אומבאַרעכנטקייט וואָס איך האָב געטון מיט מײַן קומען צוריק קיין פּוילן, און נאָר די טרייסט, אַז אפשר וועל איך פּאָרט עפּעס

קאָנען טון פֿאַר מײַן פֿאַמיליע, האָט מיר אַ ביסל געלינדערט מײַן שווער געמיט.

אויפֿן ווײַטערן וועק אַהיים, האָב איך אָפֿט געהערט אין צוג גאַנץ הויך רעדן דײַטש. איך גיב זיך די מי צו זען ווער עס רעדט אַזוי הויך דײַטש ערבֿ־מילחמה און איך איבערצײַג זיך, אַז דאָס זענען דײַטשן, פּוילישע בירגער, וואָס וווינען אין דער געגנט, אַרום קאַליש, קאָנין, קאָלאָ, לאָדזש. אין די אַרומיקע שטעטלעך, ווי פּאַביאַניץ, זגערזש, לענטשיץ, לויוויטש, זדונסקע־וואָליע, וויעלון, לאַסק, סקערניעוויץ און אַנדערע קלענערע שטעטלעך האָבן דאָך געוווינט הונדערטער טויזנטער דײַטשן, וואָס זענען שפּעטער פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַזוי גערופֿענע פֿאָלקס־דײַטשן. איך הער דײַטלעך ווי מע רעדט אויפֿן קול דאָס בעסטע וועגן היטלער־דײַטשלאַנד און דאָס ערגסטע וועגן ייִדן. זיי חזרן איבער אַלע דײַטשע ווערטער אויף פּויליש, כּדי עס זאָל דינען ווי אַן אַגיטאַציע פֿאַר פּאָלאַקן קעגן ייִדן. שוין דאָ, אין וואַגאָן, הער איך ווי פּאָלאַקן שרײַען, אַז מע דאַרף אַלע ייִדן אַרויסטרײַבן פֿון לאַנד וועט דעמאָלט נישט זײַן קיין מילחמה קעגן פּוילן. די דײַטשן לאַכן און פֿרייען זיך. גלײַך האָבן זיך געפֿונען פּאָלאַקן, וואָס האָבן זיך תמעוואַטע געפֿרעגט, ווו מע זאָל טרײַבן די ייִדן און די דײַטשן האָבן צוזאַמען מיט די פּאָלאַקן געהאַט דעם פֿאַרטיקן רעצעפּט וווהין אַרויסצושיקן ייִדן: קיין מאַדאַגאַסקאַר.

אָט מיט וואָס דער גרעסטער טייל פֿון פּוילישן פֿאָלק האָט זיך פֿאַרנומען ערבֿ מילחמה: מיט העצן קעגן ייִדן, פּראַווען אַנטיסעמיטיזם, אַנשטאָט צו טראַכטן ווי אַזוי צו פֿאַרטיידיקן זייער פֿאָטערלאַנד. זייער הויפּטגעדאַנק איז נאָר געווען ווי אַזוי פּטור צו ווערן פֿון זייערע אייגענע מיטבירגער — די ייִדן. זיי האָבן נישט באַמערקט, אָדער זיך נישט געמאַכט זען, וואָסער געפֿאַר היטלער־דײַטשלאַנד טראָגט זיי אַנטקעגן.

אונדזער געמיט איז געוואָרן זייער טרויעריק, ווײַל אויב אונדזערע טויזנטיאָריקע שכנים, די פּאָלאַקן רעדן צו אונדז און וועגן אונדז די זעלבע געמיינע ווערטער ווי ס׳רעדט אונדזער און זייער שונא — דער דײַטש — איז עס זייער אַ שלעכטער סימן. אין אַ געדריקטער שטימונג זענען מיר אָנגעקומען קיין וואַרשע.

מיר האָבן זיך דערפֿרייט מיט אונדזערע פֿאַמיליעס, וואָס האָבן שוין

געוואָרט אויף אונדז מיט גרויס אומגעדולד. מ׳האָט גענומען אַ טאַקסי, יעדער מיט זײַן פאַמיליע. מײַן שאָפער פון טאַקסי, אַ ייִד, קוקט מיך אָן און בעט מיך איבער, וואָס ער וועט זיך דערלויבן מיר עפּעס צו זאָגן:

— פּאַניע לעדערמאַן, איך קען דאָך אײַך און איך ווייס, אַז איר זענט געפאָרן קיין אַמעריקע, קומט איר עס איצט צוריק, איצט, ווען עס שמעקט מיט מילחמה? ס׳איז דאָך מאָביליזאַציע!..

איך ענטפער שוין גאָרנישט. וואָס האָב איך אים צו זאָגן? כ׳קוק אַרויס דורכן פענצטערל און דערקען נישט די וואַרשעווער גאַס וואָס זעט איצט אויס ווי אויסגעשטאָרבן. דאָ און דאָרט גייען מענטשן אַפּאַטיש און שלאַבעריק. דאָס אַלץ זאָגט נישט אָן קיין גוטס.

אָפּגעפרייט זיך מיט מײַן פאַמיליע, פאָר איך אין אַקטיאָרן־פאַראיין אויף לעשנע 2 — מײַן צווייטע היים. כ׳בין דאָך געווען איינער פון זײַנע גרינדער, כ׳דערמאָן זיך די ערשטע פאַרזאַמלונג בײַם סקולפּטאָר אברהם אייזענבערג, דער מאַן פון דער אַרטיסטן נעמי, אין שטוב. צוזאַמען מיט מײַנע חברים און פרײַנד מיכאַל מיכאַלעסקאָ און לעאָן כאַראַז האָבן מיר דעמאָלט באַשטימט צו גרינדן אונדזער באַרימטן אַקטיאָרן־פאַראיין.

דעם ערשטן, וועמען כ׳באַגעגן, איז דעם גוט־באַקאַנטן לייטער פון אונדזער פאַראיין פאַר די לעצטע יאָרן, דעם ליבן חבר און פרײַנד מאַרק יוווילער. מיר נעמען זיך אַרום, דערפרייען זיך. איך זע, ער וויל מיר עפּעס זאָגן, אָבער ער שווײַגט דערווײַל. כ׳פרעג זיך נאָך וועגן דער לאַגע און טעטיקייט פון אַקטיאָרן־פאַראיין. מיר צערעדן זיך וועגן טעאַטער, ביז מיר קומען צום ברענפּונקט, וואָס מאַטערט אַלעמען, צי ס׳וועט זײַן מילחמה אָדער נישט? יוווילער האַלט אַז ס׳וועט נישט זײַן מעגלעך אויסצומײַדן, און די קאָנסעקווענצן וועלן זײַן טרויעריקע און שווערע פאַר די ייִדן אין פּוילן.

מיר בלײַבן יעדער איינער מיט אונדזערע טרויעריקע געדאַנקען, צום סוף קאָן ער זיך מער נישט אײַנהאַלטן און פרעגט מיך:

— וואָס האָט איר געטון? פאַרוואָס זענט איר געקומען אין אַזאַ צײַט, דעמאָלט ווען מע זעט אײַן אַז מע וועט דאַרפן אַוועק פון פּוילן און דאָס וואָס גיכער?

איך גיב צו, אַז ער איז גערעכט, אַבער איך האָב אַנדערש נישט געקאָנט האַנדלען צוליב מײַן פאַמיליע.

איך דערפרייַ זיך אויך מיט מאַרק יווילערס געהילף יצחק פּאַפּיערני און דערוויס זיך פון אים אַז ס'ווערט געשפּילט אין טעאַטער „באָוואָשטשי“, אויף ביעלאַנסקע 5, „שולמית“, אַ גאַנץ נײַע אויפפירונג פון באַרימטן רעזשיסאָר און קינסטלער זיגמונט טורקאָוו. איך באַשליס וואָס גיכער צו זען די פאָרשטעלונג און מוז צוגעבן, אַז שוין לאַנג־לאַנג האָב איך אַזאַ וווּנדערלעכע אויפפירונג נישט געזען. „שולמית“ אין אַ נײַער אינטערפּרעטאַציע, טאַקע נײַ, אָבער נישט צופיל אַוועקגעגאַנגען פון גאָלדפאַדנס „שולמית“. מײַן האַרץ האָט אין מיר געקוואָלן צו זען אַזאַ קינסטלערישע פאָרשטעלונג, וואָס האָט מיר דערמאָנט אין דער גאָלדענער צײַט פונעם באַרימטן „וויקט“ (וואַרשעווער יידישער קונסט־טעאַטער), געשאַפן דורכן בינע־מײַסטער זיגמונט טורקאָוו.

איך וויל אויך דערמאָנען מיטן גרעסטן לויב די הויפּט־אויספירער פון דער פאָרשטעלונג, די באַרימטע יונגע זינגערין ליובע לעוויצקע וואָס איז טראַגיש אומגעקומען אין ווילנער געטאָ. איר „שולמית“ וועט בײַ מיר פאַרבלײַבן אייביק אין מײַן געדעכעניש. אויך דער באַרימטער זינגער פון דער ווינער אָפּערע אַלפרעד פעלער וואָס האָט וווּנדערשיין געזונגען אבשלומען. אויך עני ליטאָנס ציגעטאַנג און אַ ספּעציעל צוגעשריבענע ראָל וואָס איז זייער גוט אויסגעפירט געוואָרן דורך יצחק גרודבערג. אויך אַלע איבעריקע שוישפּילער זענען געווען גוט אין זייערע ראָלן.

אין דער אומרויִקער ערב מילחמה־שטימונג איז די פאָרשטעלונג געווען פאַר מיר די גרעסטע איבערלעבונג.

דאָס איז שוין אָבער לײדער געווען די לעצטע יידישע פאָרשטעלונג ערב דעם גרויסן חורבן פון וואַרשע, אין די לעצטע טעג פון אויגוסט 1939, געציילטע טעג פאַרן אויסברוך פונעם שטורעם.

קאַפּיטל 4

מ י ל ח מ ה !

אַ שווערן אײַנדרוק האָט געמאַכט דאָס יידישע לעבן אין וואַרשע. ווי אויף אַלע גאַסן און געסלעך האָט מען געזען אַרומגיין פאַרחושכטע יידן מיט פינצטערע בליקן און מיט גרויס מורא פאַרן מאָרגנדיקן טאָג.

ווי מענטשן זענען זיך צונויפגעקומען איז באַלד געקומען צו רייד וועגן יאָ מילחמה, צי נישט מילחמה? דער אָנזאָג פון דער מאָביליזאַציע איז געווען דער ערשטער סימן, אַז מע דאַרף זײַן גרייט צו מילחמה. ווי שטענדיק אין אַזאַ פאַל געפינען זיך גלײַך פעסימיסטן און אָפּטימיסטן. אַזעלכע וואָס גלייבן, אַז ס׳איז נאָך פאַראַן אַ מעגלעכקייט, אַז די מילחמה זאָל אויסגעמיטן ווערן און אויב אַפילו ס׳זאָל יאָ זײַן מילחמה — האָבן געטענהט די אָפּטימיסטן — וועט זי לאַנג נישט געדויערן, ווײַל די וועלט וועט נישט שווײַגן. עס הייסט, אַז אַלע פרײַע לענדער וועלן זיך שטעלן קעגן היטלערן און ער וועט לאַנג נישט אויסהאַלטן. אין גאָר אַ קורצער צײַט — האָבן זיי געטענהט — וועט זײַן נאָך דער מילחמה און נאָך היטלערן. די פעסימיסטן אָבער האָבן געהאַט גאָר אַן אַנדער מיינונג. זיי האָבן דאָס גאַנצע לעבן איצט געזען אין שוואַרצע פאַרבן. זיי זענען געווען זיכער, אַז אַ ליאַדע טאָג ברעכט אויס דער קריג און ס׳קומט אַ שווערע צײַט פאַר פוילן, איבערהויפּט פאַר יידן. זיי האָבן אויפגעוויזן, אַז אויסער מילחמה־געפאַר האָבן יידן אויף זיך נאָך אַ גרויס אומגליק — דער געפערלעכער פוילישער אַנטיסעמיטיזם, וואָס ווערט איצט אונטערגעהאַלטן פון היטלערישן דײַטשלאַנד.

איך בין געגאַנגען, פאַרשטייט זיך, אין אַקטיאַרן־פאַראיין יעדן טאָג. אויך דאָרט, צווישן די אַקטיאָרן, זענען געווען אָפּטימיסטן און פעסימיסטן. זיי טאַקע, די אַקטיאָרישע פעסימיסטן, האָבן אויפגעוויזן און געשריגן:

— זעט וויפל קאָנצעסיעס ענגלאַנד האָט געמאַכט היטלערן. גיט אַ קוק וואָס די ענגלישע טשעמבערליינס האָבן אַלץ נאָכגעגעבן היטלערן און אים נישט געקאָנט צופרידנשטעלן. קיין אַרגומענטן אויף בייזע נביאותן האָבן נישט געפעלט. די אָפּטימיסטן האָבן אָבער געהאַט בלויז איין האָפע־

בונג, אַז אין מאָסקווע זיצט די קאָמיסיע פון פערציק, וואָס באַשטייט פון דיפּלאָמאַטן פון אַלע גרויסע מלוכות און זיי האַנדלען אונטער מיטן ראַטנ־פאַרבאַנד וועגן שאַפן אַ געאייניקטן פראָנט קעגן היטלערן; און די אָפּ־טימיסטן האָבן ווידער געטענהט:

— נו, ווי מיינט איר, וועט דער ראַטנפאַרבאַנד נישט גיין צוזאַמען מיט אַלע דעמאָקראַטישע מלוכות קעגן זייער און אַלעמענס ערגסטן שונא — קעגן היטלערן?

דער טראַגישער ענטפער צי דער ראַטנפאַרבאַנד וועט וועלן גיין מיט דער דעמאָקראַטישער וועלט צי ניין האָט נישט געלאָזט לאַנג אויף זיך וואַרטן.

גאָר גיך האָט זיך די וועלט דערוווּסט, אַז די קאָמיסיע פון פערציק גרויסע דיפּלאָמאַטן פון דער וועלט זענען אַוועק פון מאָסקווע מיט גאָרנישט. די באַדינגונגען, וואָס רוסלאַנד האָט געשטעלט, זענען געווען אַזעלכע שווערע אַז די וועלט האָט נישט געקאָנט מסכים זײַן.

גאָר אין גיבן איז געקומען אַ צווייטע נײַעס, וואָס האָט שוין בולט אָנ־געזאָגט, אַז די רוסן שפּילן פּשוט היטלערן אין דער האַנט אַרײַן, ער זאָל אָנהייבן די מילחמה. ס'איז באַוווּסט געוואָרן, אַז סטאַלין און היטלער האָבן צווישן זיך געשלאָסן אַ פּאַקט, אַ נישט־אַגרעסיע־אָפּמאַך. די איבערראַשונג און אויפגעבראַכטקייט איז געווען גרויס אין אַלע פּוילישע קרייזן. גאַנץ פּוילן איז אַרומגעכאַפּט געוואָרן פון אַ בהלה. דאָס לאַנד איז באַהערשט גע־וואָרן פון געדאַנק אַז מע וויל דערפירן פּוילן צו אַ פונאַנדערפאַל.

באַלד צומאָרגנס האָבן די צײַטונגען געבראַכט פאָטאָגראַפיעס ווי מאָ־לאָטאָוו און ריבענטראָפּ — ביידע אויסערן־מיניסטאָרן פון ראַטנפאַרבאַנד און היטלער־דײַטשלאַנד — זיצן בײַם טיש און שרײַבן אונטער דעם אָפּמאַך, דעם באַרימטן מאָרד־שותפות קעגן דער גאַנצער דעמאָקראַטישער וועלט. און הינטער זיי, אין דער טיר זעט מען שטיין דעם טײַוולאָנישן סטאַלינען מיט דער פּײַפקע אין האַנט און שמייכלט. ער לאַכט פונעם שפּיצל וואָס ער מיט זײַנע משרתים האָבן אָפּגעטון דער וועלט.

דער טאָג אויף צומאָרגנס — דאָנערשטיק, דעם 31סטן אויגוסט, 1939 — איז דורך דער געשיכטע פאַרצייכנט געוואָרן ווי דער בלוטיקער סיגנאַל אויף אָנצוהייבן די מילחמה. נאָך האַלבער נאַכט האָט זיך גאַנץ פּוילן און

די גאַנצע וועלט דערוווּסט, אַז דער העכסטער סאָוויעט אין מאָסקווע האָט באַשטעטיקט דעם סטאַלין־היטלער־אָפּמאַך, און מיט עטלעכע שעה שפּעטער זענען שוין געפאַלן די ערשטע באָמבעס פון די היטלער־איראָפּלאַנען איבער די שטעט און שטעטלעך פון פוילן.

מילחמה! אָן שום קריג־דערקלערונג! לויטן מאָדערנעם היטלעריסטישן באַרבאַרישן סיסטעם. מילחמה — אָן שום דערקלערונג פון מילחמה...

קאַפּיטל 5

אין די ערשטע טעג פון קריג

באַלד אין דער פרי, פרײַטיק דעם 1טן סעפּטעמבער 1939 — האָבן די היטלעריסטישע האָרדעס אָנגעהויבן פאַרפלייצן די גרענעץ־שטעטלעך פון פוילן. גלײַך ווי זיי זענען אַרײַן אין אַ שטעטל האָבן זיי זיך אָפּגערעכנט מיט די אײַנוווינער. זייער גאַנצע ווילדקייט האָבן זיי אויסגעלאָזט צו די שטעטל־שע ייִדן. אין די אַלע קליינע גרענעץ־שטעטלעך האָבן ייִדן געוווינט אין די טויזנטער. די היטלעריסטישע קאָמענדאַנטן האָבן געשיקט נאָך די ייִדישע פאָרשטייער, געהאַלטן פאַר זיי באַליידיקנדיקע דרשות, פיל מיט פאָרוואָרפן אויפן חשבון פון ייִדישן פאָלק. אומעטום האָבן זיי צוגעגרייט רשימות מיט נעמען פון די חשובסטע אײַנוווינער פונעם שטעטל און באַפוילן זיי זאָלן זיך צושטעלן צום דײַטשן קאָמענדאַנט. וואָס האָט זיי גלײַך פאַרהאַלטן און זיי דערקלערט פאַר לעבעדיקע משכנות. די דײַטשן האָבן אַרויסגעלאָזט אַ מעלדונג אין צוויי שפּראַכן — אין דײַטש און אין פויליש — ווו זיי האָבן געגעבן צו וויסן אַז אויב ס׳וועט געשען עפּעס שלעכטס עמעצן פון דער אַרמיי, אָדער פון די, וואָס וועלן מיט זיי מיטאַרבעטן (אַ ווונק צו די פאָ־לאַקן!), דעמאָלט וועלן אַלע ייִדן פון שטעטל זײַן פאַראַנטוואָרטלעך, אין דער ערשטער ריי — די ערובניקעס.

ווו נאָר די דײַטשן זענען געקומען, האָבן זיי שוין געהאַט פאַרטיקע מאַפּעס פון יעדער שטאָט און שטעטל, געוווּסט די צאָל אײַנוווינער, וויפל פאָלאַקן און וויפל ייִדן. מאַפּעס פון אַלע גאַסן און געסלעך, הײַזער און נעמען

פון כמעט אַלע חשובסטע אײַנוווינער. אַזוי אַרום האָבן זיי געפּאָדערט, אַז די און די ייִדישע פאָרשטייער זאָלן זיך תיכף צו זיי צושטעלן. טאָמער האָבן זיך די אָנגעוויזענע ייִדן נישט צוגעשטעלט, האָבן זיך אָנגעהויבן הויז־זוכונ־גען. נישט ווייניק פּאַלאַקן האָבן זיי געהאָלפן אין דער שמוציקער אַרבעט.

די פּוילישע פאַררעטער האָבן פאַרגרינגערט די דײַטשן אין זייער אויסראָטונג־אַקציע קעגן די ייִדן.

פאַרשטייט זיך, אַז דאָס האָט גלײַך דערפירט, אַז אַ סך ייִדן זאָלן אי־בערלאָזן זייערע היימען אויף הפקר און זיך לאָזן לויפן וואָס ווײַטער פון די גרענעץ־שטעטלעך — צו די גרעסערע שטעט, מיינענדיק אויף אַזאַ אופן צו ראַטעווען דאָס נאַקעטע לעבן.

דאָס טאַקע האָבן די דײַטשן מיט זייערע פּוילישע משרתים אויסגע־קוקט און זיך געלאָזט אויסראַבירן דאָס גאַנצע האָב און גוטס פון די אַנטלאָ־פענע ייִדן.

די פאַרפאָלגטע ייִדן זענען אין בהלה געלאָפן פון די קלענערע גרענעץ־שטעטלעך אין די גרעסערע. זיי האָבן פאַרפולט מיט זיך די גאַסן פון קאַ־ליש — די ערשטע גרעסערע שטאָט נישט ווײַט פון דער דײַטשער גרע־נעץ, וווּ ס'האָבן געוווינט אַ גרעסערע צאָל ייִדן. קאַליש איז געווען באַרימט מיט אירע באַנדעס פּוילישע אַנטיסעמיטן וואָס האָבן איצט געקריגן אַ ברייט פעלד פון אַרבעט. גלײַך איז אַרויס אַ באַפעל אַז אַלע ייִדן זאָלן זיך פאַר־זאַמלען אויפן גרויסן מאַרק. מ'האָט פאַר זיי געהאַלטן גיפטיקע אַנטיסעמי־טישע רעדעס, זיי אַרײַנגעיאָגט אין קאָשטשאָל אַרײַן, וווּ זיי זענען געווען אָן עסן און טרינקען עטלעכע טעג און נעכט. אַ סך פון זיי האָט מען אַרעסטירט מיטן אויסרייד אַז זיי זענען באַגאַנגען פאַרשידענע פאַרברעכנס און אין אַ פינצטערער נאַכט געהייסן פאַרלאָזן די שטאָט. זייער האָב און גוטס איז גלײַך געוואָרן צעראַבירט.

איידער די דײַטשן זענען אַרײַן קיין קאַליש, האָבן זיך אויף די פאַר־שטעט אָפּגעשפּילט קאַמפן מיטן פּוילישן מיליטער וואָס האָט געשטעלט דעם דײַטש אַ העפטיקן ווידערשטאַנד. אַ טייל פון דער ייִדישער באַפעלקע־רונג האָט זיך דערמאָנט אין דער ערשטער וועלט־מילחמה, אַז שוין דעמאָלט האָבן די דײַטשן געמאַכט אַ תל פון דעם שטאָט־טייל וווּ ס'האָבן געוווינט די ייִדן און מ'האָט באַצײַטנס פאַרלאָזט די שטאָט. מ'איז געלאָפן קײַן לאָדזש.

לאָדזש האָט שטענדיק געהאַט אַ 250 טויזנט ייִדן. נאָך וואַרשע איז לאָדזש געווען די צווייט־גרעסטע שטאָט פון פּוילן און אויך דער צווייט־גרעסטער ייִדישער צענטער. אין די אַרומיקע שטעט און שטעטלעך איז די מערהייט פון דער באַפעלקערונג באַשטאַנען פון דײַטשע אײַנוווינער, טאַקע פּוילישע בירגער, וואָס האָבן זיך שפּעטער אַליין געקרוינט מיטן נאָמען פאָלקסדײַטשן. אָט די דײַטשן זענען עס געווען די פינפטע קאָלאָנע, וואָס האָט שותפות געמאַכט מיט די פּוילישע אַנטיסעמיטן צו העלפן אויסראָטן די ייִדן.

די שטאָט לאָדזש האָט פאַרמאָגט כמעט אַזוי פיל דײַטשן ווי ייִדן, דאָס הייסט, 250 טויזנט דײַטשן. גאָר אין גיכן האָט זיך אָנגעהויבן דער שטורעם פון דער דײַטשער מאָטאָריזירטער אַרמיי אויף לאָדזש. ס׳האָט לאַנג נישט געדויערט ווי די שטאָט האָט זיך אונטערגעגעבן. אַפּנים, אַז די פּוילישע אַרמיי־פירונג האָט פון פאָרויס רעזיגנירט פון וועלן פאַרהאַלטן די שטאָט און אומגעגנט. ס׳האָבן זיך דאָך דאָ געפונען אַן ערך אַ האַלבער מיליאָן דײַטשע אײַנוווינער. דאָס האָט געהייסן די זעלבע צאָל דײַטשע שפּיאָנען, וואָס זענען זיכער געשטאַנען אין קאָנטאַקט מיט די דײַטשע אַרמיי־טיילן, וואָס האָבן אַרומגערינגלט לאָדזש.

גלײַך נאָכן פאַרנעמען די שטאָט האָבן די היטלעריסטן צוזאַמען מיט די דײַטשע אײַנוווינער אָנגעהויבן אַן אויסראָטונג־אַקציע קעגן די ייִדן. מ׳האָט אַרעסטירט אַ סך אָנגעזעענע ייִדישע פאַרשטייער. אין געציילטע טעג אַרום האָט מען עפנטלעך געהאַנגען עטלעכע ייִדן לעבן באַלוטער מאַרק און די טויטע גופים געלאָזט אַזוי הענגען אַ פּאָר טעג.

מיט עטלעכע טעג שפּעטער האָבן די פאָלקסדײַטשן צוזאַמען מיט דײַטש מיליטער אַרומגערינגלט די אַלטע שטאָט, איבערהויפּט די וואָלבאַרסקע גאַס, ווו ס׳האָט זיך געפונען די עלטסטע שיל, וואָס איז געווען פאַרהייליקט ביי די לאָדזשער ייִדן. זיי האָבן באַפוילן אַלע ייִדישע אײַנוווינער פון יענער געגנט, זיי זאָלן נישט דערוועגן אַרויסצוגיין פון זייערע הייזער און געוואָרנט אויב עמעצער וועט אַרויסגיין וועט ער גלײַך דערשאָסן ווערן. די היטלעריסטישע באַנדיטן האָבן צונויפגעבראַכט פעסער מיט נאַפט, באַגאָסן די שיל און זי אונטערגעצונדן. זיי האָבן אויך מיט זיך מיטגעבראַכט אַלע אָפּטיילונגען פון די לאָדזשער פײַערלעשער, וואָס זענען אין אַ גרויסער צאָל באַ־

שטאַנען פון פּריוואַליקע דײַטשן און מיט וואַסער־פּאָמפּעס האָבן זיי פאַרהיט די דערנעבן־שטייענדיקע הײַזער זיי זאָלן נישט אָנגעכאַפּט ווערן פון פײַער.

מער ווי אַ טאָג מיט אַ נאַכט האָט די שיל געברענט. אַ סך יידן פון ווייטע געגנטן, וואָס האָבן זיך דערוווּסט פונעם גרויסן חילול־השם, האָבן זיך געלאָזט לויפן מיט געשרייען:

— יידן, ראַטעוועט! עס ברענט די אַלטשטאָטישע שיל!

זענען יידן געקומען ראַטעווען. אָבער שוין עטלעכע גאַסן ווײַט פון דער שיל האָבן באַוואָפנטע באַנדעס פון פאָלקסדײַטשן און אַנטיסעמיטישע פּאָ־לאַקן אָפּגעשטעלט די יידן און זיי באַפוילן גיין צוריק. ווער ס׳האָט נישט געוואָלט צוריק גיין איז געוואָרן דערשאָסן אויפן אָרט.

אַזוי אַרום זענען צענדליקער יידן דערשאָסן געוואָרן, וועלנדיק ראַ־טעווען זייער הייליקטום — די אַלטשטאָטישע שיל.

און שוין דעמאָלט, אין די ערשטע טעג פון דער מילחמה, זענען יידן געפאַלן על קידוש־השם אין דער שטאָט לאָדזש.

קאַפּיטל 6

דייטשע אַרמיי דערנענטערט זיך צו וואַרשע

וואָס אַ טאָג האָט די אינוואַזיע פון דער היטלעריסטישער אַרמיי אַרײַנ־גענומען אין קלעם אַלץ גרעסערע געביטן פון פּוילן. גלײַך נאָך די ערשטע מילחמה־טעג האָבן זיך אין די פּראָווינץ־שטעט אָנגעהויבן באַווײַזן יידישע פּליטים פון די גרענעץ־שטעטלעך און מיט יעדן טאָג האָבן שוין אָנגעהויבן קומען פּליטים פון די גרעסערע שטעט פון פּוילן קיין וואַרשע.

דער אַקטיאָרן־פאַראיין אויף לעשנע 2 און דער ליטעראַטן־פאַראיין אויף טלאָמאַצקע 13 זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין קיכן צו העלפן זייערע מיט־גלידער און יעדן איינעם וואָס האָט זיך נאָר געניייטיקט אין הילף.

די געקומענע האָבן איבערגעגעבן ווי אַזוי די היטלעריסטן, פאָלקס־דײַטשן און אַנטיסעמיטישע פּאָלאַקן האָבן זיי פאַרזאַמלט אויף די מערק, באַראַבעוועט דאָס האָב און גוטס און אַרויסגעטריבן פון די שטעטלעך. אויף

אַלע וועגן זענען זיי באָמבאַרדירט געוואָרן פון די איירעפּלאַנען. טויזנטער טויטע וואַלגערן זיך אויף די וועגן. די שטימונג ביַי די וואַרשעווער ייִדן איז געוואָרן מיט יעדן טאָג מער פאַרצווייפלט. די פוילישע אַרמיי האָט געהאַלטן אין איין אָפּטרעטן פון איין פּאָזיציע צו דער צווייטער, אָבער מ׳האָט שוין געפילט, אַז קיין גרויסן ווידערשטאַנד וועט די פוילישע אַרמיי נישט זיַין אימשטאַנד צו שטעלן דעם שונא וואָס איז באַוואָפנט ביז די ציין.

אויפן דריטן טאָג פון דער מילחמה, ווען כמעט אַלע פוילישע שטעט און שטעטלעך און אַלע מיליטערישע סטראַטעגישע פונקטן זענען באָמבאַרדירט געוואָרן דורך די דיַיטשע אַוויאָנען, האָט דער ראַדיאָ איבערגעגעבן, אַז פראַנקרייך און ענגלאַנד גייען צו הילף פוילן. דאָס האָט אַ ביסל אויפגעהויבן די שטימונג און די האָפענונג, אַז נאָך נישט אַלץ איז פאַרלוירן, אַז די גרויסע דעמאָקראַטישע וועלט געדענקט אין אונדז, אָבער אין עטלעכע טעג אַרום האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דערוויַיל וועט קיין הילף אַזוי גיך נישט קומען. מע מוז קודם־כל וויַיזן אַז מע קאָן זיך אַליין האַלטן אויף די פיס. אַליין קעגנשטעלן קעגן דעם דרוק פון די אָנגרייפנדיקע דיַיטשע חיילות; אַז מע דאַרף מיט זיך פאַרשטעלן אַ כוח, ס׳זאָל זיַין וועמען צו געבן הילף.

אויפן פינפטן טאָג פון דער מילחמה האָט זיך אין וואַרשע פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז די גאַנצע רעגירונג, בראש מיטן פּרעזידענט און הויפּטקאָמאַנדיר, מאַרשאַל רידז־שמיגלי, איז אַנטלאָפן צו דער רומענישער גרענעץ און דאָס גאַנצע לאַנד געלאָזט אויף הפקר.

נישט געקוקט אויף אַלע אַנטיסעמיטישע אַרויסטרעטונגען, האָבן ייִדן געהאַנדלט הונדערט־פּראָצענטיק פּאַטריאָטיש באַלד פון ערשטן מילחמה־טאָג אָן. ווען מ׳האָט גערופן צו גראָבן אָקאָפּעס אויף פאַרשידענע פּלעצער, זענען ייִדן געווען די ערשטע וואָס האָבן צוגעשטעלט גאַנצע בריגאַדעס.

איך אַליין, צוזאַמען מיט מיַין פּערצניאַריק טעכטערל פאַליאַ, מיט נאָך שכנים פון דער גאַס ווו איך האָב געוווינט — אין איינעם אַ הונדערט ייִדן — זענען מיר באַלד דעם ערשטן טאָג מילחמה געגאַנגען אויף אָקאָפּאָווע־גאַס גראָבן אָקאָפּעס. אַלע צוויַיגן פון דער ייִדישער באַפעלקערונג האָבן אויפן זעלבן אופן דערפילט זייער בירגערלעכן חוב. די צענדליקער טויזנטער ייִדישע סאָלדאַטן, וואָס זענען געווען איַינגעגלידערט אין דער פוילישער אַרמיי, האָבן טריַי דערפילט זייערע מיליטערישע און בירגערלעכע פליכטן. זייער

פיל יידישע זעלנער זענען באַלד אין די ערשטע עטלעכע טעג נאָכן דײַטשן איבערפאַל געפאַלן אין די קאַמפן מיטן צעיושעטן שונא.

איך אַליין בין געווען אַן עדות פון אַ טרויער־מעלדונג וואָס אַ יידישע מאַמע — די פרוי פון אַרטיסט אײַזיק ראַטמאַן — מאַשע — האָט באַקומען צוגעשיקט פון דער אַרמיי, אַז איר זון לייזער איז געפאַלן אין די ערשטע טעג בעת די שלאַכטן מיט די דײַטשן אין דער געגנט פון פויזן.

נישט געקוקט אויף די אַלע פאַטריאָטישע האַנדלונגען פון די יידן איז דער קאַמף פון די פּוילישע אַנטיסעמיטן געווען געריכט מער קעגן יידן, ווי קעגן די דײַטשן — די אייגנטלעכע שונאים פון פּוילן. אין דער זעלבער צײַט אָבער האָבן די דײַטשן געהאַלטן אין איין באַוואַרפן מיט באָמבעס דאָס גאַנצע לאַנד. איינגענומען און חרוב געמאַכט איין שטאָט נאָך דער צווייטער און זיך דערנענטערט מיט יעדן טאָג און יעדער שעה צו די טויערן פון וואַרשע.

נאָך דעם ווי די דײַטשע האָרדעס האָבן צעקלאַפּט דעם גרעסטן טייל פון דער פּוילישער אַרמיי, וואָס האָט פון ערגעץ נישט באַקומען קיין הילף; נאָך דעם ווי די רעגירונג איז אַנטלאָפן קיין רומעניע; דאָס מיליטער איז שוין געווען דעמאָראַליזירט, אָן שום אָנפירונג און אין דער הויפּטשטאָט אַליין האָבן זיך געפונען הונדערטער און אפשר טויזנטער דײַטשע שפּיאָנען מיט באַנדעס היטלעריזירטע פּוילישע אַנטיסעמיטן, וואָס האָבן נישט מער אין זינען געהאַט ווי רויבן און אומברענגען יידן, — איז אין אַזאַ אַטמאָס־פער נישט שווער געווען דער גוט־באַוואָפנטער דײַטשער אַרמיי אַרומצורינ־גלען די הויפּטשטאָט פון פּוילן — וואַרשע.

אין דער אַרומגערינגלטער שטאָט איז בלויז געבליבן איין מענטש, וואָס האָט מיט זײַן שטים געדונערט דורכן ראַדיאָ, אַז מע זאָל ווײַטער קעמפן, זיך נישט אונטערגעבן דעם פאַרשאָלטענעם שונא! — דער שטאָט־פּרעזידענט סטאַזשינסקי. טאָג און נאַכט האָט ער געהאַלטן אין איין וועקן די בירגער צום קאַמף. אָבער מיט וואָס קעמפן? מיט די בלויזע הענט? קיין שום אַנטילופט־געווער איז שוין כמעט נישט געווען. די היטלעריסטישע באָמ־באַרדירער האָבן רויק אַראָפּגעוואָרפן די באָמבעס איבער דער שוצלאָזער הויפּטשטאָט. פאַר וועמען האָבן זיי דען מורא געהאַט?

די לופט איז געווען פאַר זיי פרײַ, די הימלען ריין, די טעג שיינע און לויטערע. אַלץ האָט זיי צוגעשפּילט. אָבער אויפן רוף פון פּרעזידענט סטאַ־זשינסקי האָבן זיך פיל בירגער געשטעלט גראָבן אָקאָפּעס אין מיטן דער שטאָט און אַנטי־טאַנק־גריבער. למען־האמת דאַרף אויך ווערן געזאָגט, אַז אייניקע מיליטער־טיילן האָבן פאַרשטעלט די דײַטשן דעם וועג צו דער הויפּטשטאָט.

די צינדבאָמבעס, וואָס די דײַטשע אַוויאָנען האָבן געוואָרפן אויף וואַר־שע, האָבן געטון זייערס און חרוב געמאַכט הײַזער און גאַסן. דאָס פײַער אויף דער שטאָט האָט אָנגעהאַלטן אָן אויפהער. ס'איז געקומען דער שוידערלע־כער טאָג, וואָס זיי האָבן זיך פאַרלייגט אויף דעם טייל וואַרשע, וואָס איז צו מיינסט באַוווינט געווען פון ייִדן. מיטוואָך, דעם 13טן סעפּטעמבער, 1939, ערב ראש־השנה, האָבן די דײַטשן אָנגעהויבן באָמבאַרדירן די ייִדישע געגנט. פון נײַן אַזייגער פרי ביז פאַרנאַכט האָבן זיי געזייעט טויט און פײַער. הײַזער האָבן געברענט. מענטשן זענען געפאַלן אין די גאַסן. מיט צינד־ און אויפ־רײַס־באָמבעס זענען באַוואָרפן געוואָרן די ייִדישע גאַסן: נאַלעווקעס, דזשיקע, מוראַנאָוו, גענשע, נאָוואָליפּיע, נאָוואָליפּקי, פּשעיאַזד, קאַרמעליצקע, פּאַווע, זאַמענהאָף, מילע, סמאָטשע, סאָלנע, קראָכמאַלנע, פּראַנטשישקאַנער, גראַ־ניטשנע, שווענטע־יורסקע, גנאָינע, מאַריאַנסקע, טשעפּלע, שליסקע, זלאָטע, זשעלאַזנע.

צען שעה נאָכאַנאַנד איז די ייִדישע באַפעלקערונג געלעגן באַהאַלטן אין די שוצקעלערס. ערשט פאַרנאַכט, ווען מ'איז אַרויס פון די „סכראָנען"־באַהעלטענישן, האָט מען דערזען דעם גרויסן חורבן. מאַסן טויטע זענען באַגראָבן געוואָרן אויף דער גאַס דאָרט וווּ זיי זענען געפאַלן. נישט געקוקט אויפן שרעקלעך־איבערגעלעבטן טאָג זענען ייִדן בײַנאַכט געגאַנגען דאַווענען צו די ראש־השנהדיקע תפילות אין די גאַנצגעבליבענע בתי־מדרשים און חסידים־שטיבלעך.

נאָך דער שרעקלעכער איבערלעבונג האָבן אַ סך ייִדן געמאַכט פּרוּוון זיך אַרויסצוקריגן פון וואַרשע. ס'איז נאָך געבליבן אַ קליין שפּעלטעלע — צו פּראַגע צו, בכדי זיך צו קאָנען ראַטעווען. אָבער ווער האָט שוין דעמאָלט געקאָנט אָדער געוואָלט ריזיקירן... נאָר געציילטע יונגע מענטשן.

קײַן פּראַגע האָבן אויך אָנגעהויבן אַנטלויפן אַ ביסל פּאָלאַקן. אַ סך,

אַ סך זענען אָבער גלײַך געקומען צוריק. די וועגן זענען געווען אָנגעפּראָפּט מיט מיליטער. זיי האָבן נישט דורכגעלאָזט די ציווילע. דערפאַר זענען טויזנ־טער מענטשן געווען געצווונגען צו קומען צוריק. די דײַטשן האָבן זיך אַראָפּ־געלאָזט זייער נידעריק מיט זייערע אייראָפּלאַנען און באַשאָסן מיט מאַשין־געווער די אַנטלויפנדיקע און אָנגעמאַכט אַן אמתן בלוטבאָד.

אין דער זעלבער צײַט האָבן געברענט כמעט אַלע שטעטלעך פון די דײַטשע צינדבאָמבעס. ס׳איז נישט געווען ווו זיך צו באַהאַלטן. די פּליטים זענען געווען געצווונגען צו לויפן צוריק און בײַם צוריקלויף זענען מענטשן געפאַלן ווי פליגן. אין וואַרשע האָבן זיך אָנגעזאַמלט איבער זעקס־הונדערט־טויזנט ייִדן. נישט נאָר פון די קליינע שטעטלעך, נאָר אויך פון לאָדזש איז מען געקומען אין דער האָפענונג אַז אין וואַרשע וועט זײַן זיכערער. אויף מײַן הויף ווו איך האָב געוווינט, פּאַווע 12, האָבן זיך געפונען עטלעכע און צוואַנציק לאָדזשער פּליטים. באַלד נאָך דער שרעקלעכער באָמבאַרדירונג פון ערב ראש־השנה, האָט די פּוילישע מיליטער־קאָמאַנדע פון דער שטאָט, צוזאַמען מיטן שטאָט־פּרעזידענט סטאַזשינסקי, אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז די מיליטער־פעיקע מענער זאָלן זיך פאַרזאַמלען אויף פאַרשידענע גרעסערע פּלעצער, ווו מע וועט זיי געבן געווער און זיי זאָלן אָנהייבן גראָבן שוץ־קעלערן. אין דער ייִדישער געגנט האָבן זיך פאַרזאַמלט גרויסע מאַסן ייִדן, אַפילו עלטערע, כדי צו באַקומען געווער צו קאָנען קעמפן, צוזאַמען מיט די פּוילישע שכנים, קעגן געמיינזאַמען בלוטיקן שונא.

קאַפּיטל 7

פאַרטיידיקונג פון וואַרשע

נאָך ראש־השנה איז די לאַגע געוואָרן מיט יעדן טאָג ערגער. די מיליטערישע קאַמפן אַרום וואַרשע האָבן נישט דערלויבט די פּויערים צוצופירן זייערע פּראָדוקטן אין שטאָט אַרײַן. דער דוחק אין לעבן־מיטלען האָט זיך געענומען פילן אין יעדן ווינקעלע. די מילחמה־אָפּעראַציעס און דאָס קאָנפיס־קירן די לעבן־פּראָדוקטן פאַר דער אַרמיי האָט דערפירט צו אַ שרעקלעכן

יקרות. די פּרײַזן זענען געוואַקסן מיט קאַפּשווינדלערישער גיכקייט. וואָס אַ טאָג שפּעטער איז די לאַגע געוואָרן אַלץ ערגער און ערגער.

די ייִדן פון אַרום וואַרשע, וואָס זענען געקומען צו לויפן אין שטאָט אַרײַן, האָבן זיך אַנדערצײלט מוראדיקע זאַכן פון די היטלעריסטן. אַלע געקומענע זענען קוים מיטן לעבן אַנטלאָפן. אין יעדן הויז האָט מען זיי געמוזט אײַנאָרדענען, אַרײַננעמען ווו ס׳האָט זיך נאָר געלאָזט. און די פּי־לאַנטראָפּישע אָרגאַניזאַציעס — אין דער ערשטער ריי דער דזשאָינט — האָבן געטון אַלץ וואָס ס׳איז געווען אין זייערע מעגלעכקייטן צו לינדערן די גרויסע נויט.

די מיליטערישע לאַגע איז געוואָרן קריטישער מיט יעדן טאָג. פון דער פּראַגער זײַט האָבן אָנגעהויבן קומען גרויסע מיליטער־אײנהייטן, וואָס זע־נען פריִער געשטאַנען אויף די קרעסן. אויך פון דער מאָדלינער פעסטונג האָבן געצויגן אַרמיי־טײלן אויף צו פאַרטיידיקן וואַרשע. אין דער הויפּט־שטאָט האָט זיך געפונען אַ סך מיליטער וואָס איז באַזעצט געוואָרן כמעט אין יעדן הויף. איבערהויפּט אין דער געדיכט־באַוווינטער ייִדישער געגנט. אין די הייף אויף נאַלעווקעס און אויף זאַמענהאָף — אומעטום איז גע־ווען פול געפּאַקט מיט זעלנער. ס׳זענען פאַרמירט געוואָרן נײַע מיליטער־גרופּעס צו פאַרטיידיקן די הויפּטשטאָט. גאַנץ וואַרשע האָט מיט זיך פאָר־געשטעלט איין גרויסער פראָנט. צענדלינגער טויזנטער פרײַוויליקע האָבן זיך געשטעלט קעמפן מיט די דײַטשע איבערפאַלער. דאָס אַלץ האָט געגעבן אַ שטיקל האָפענונג צו קאָנען דערהאַלטן די שטאָט אונטער די גרעסטע קרבנות און זי נישט לאָזן אַרײַנפאַלן צום שונא אין די הענט.

די מיליטערישע מאַכט האָט אַרויסגעגעבן אַ באַפעל צו דער באַפעל־קערונג צו בויען באַריקאַדעס אין די גאַסן, וואָס איז אויסגעפירט געוואָרן מיט אַ גוואַלדיקן ענטוזיאַזם. אין דער גאַנצער ייִדישער געגנט זענען אויף אַלע גאַסן אויפגעשטעלט געוואָרן באַריקאַדעס. יונג און אַלט, פרויען און מענער, אַפילו די חסידישע ייִדן האָבן געהאָלפן מאַכן גאַסן־פאַרפעסטי־קונגען. אין אָט די טעג איז בײַ יעדן אויף די ליפּן געווען דאָס פאָלקס־וואָרט „ניע פּשעידאָן"! זיי וועלן נישט אַדורך! וואַרשע האָט זיך העלדיש געשטעלט צו איר פאַרטיידיקונג.

טאָג און נאַכט האָבן די היטלעריסטישע מערדער באַוואָרפן די שטאָט

מיט באָמבעס. נישט געקוקט אויף דער באָמבאַרדירונג האָבן צענדלינגער טויזנטער פּריוואַטער, צוזאַמען מיטן מיליטער, געמאַכט די גרעסטע אָנ־שטרענגונגען מיט פאַרשידענע קאָנטער־אַטאַקעס אָפּצושטופּן די דײַטשן פון דער הויפּטשטאָט.

דאָס יאָר איז שבת־שבתון, יום כיפור, דער הייליקסטער טאָג בײַ ייִדן, אויסגעפאַלן אין שבת. פּרעציז־צו־נאַכטס, דעם 22סטן סעפּטעמבער. די נאַכט פון כל־נדרי זענען ייִדן געגאַנגען דאַווענען נישט געקוקט אויף דער מערדערישער באָמבאַרדירונג. איך אַליין האָב בײַגעוווינט כל־נדרי אין דער שול „עדת־ישורון" אויף פּאַווע־גאַס. קיין מענטשלעכע פאַנטאַזיע איז נישט בכוח יענע כל־נדרי־נאַכט אין וואַרשע אויסצומאָלן, ווען די היטלער־ריסטישע באַנדיטן האָבן אָנגעהויבן באָמבאַרדירן גלײַכצײַטיק פון דער לופטן און פון ווײַטשיסנדיקע האַרמאַטן פון דער וואָליער זײַט. באָמבעס און שראַפּנעלן זענען געפאַלן מיט מוראדיקע אויפרײַסן, און דאָ שטייען ייִדן אײַנגעהילט אין טליתים און זאָגן כל־נדרי. שוין לאַנג האָט אַ חזן נישט געזאָגט כל־נדרי מיט אַזאַ האַרצרײַסנדיק קול. אַ ים מיט טרערן איז אין די תפילות געוואָרן פאַרגאָסן. די מתפללים האָבן אַפּנים פאַרויסגעפילט זייער שרעקלעכן גורל. אַ גאַנצן טאָג, צומאָרגנס שבת יום־כיפור, האָבן די דײַטשן באָמבאַרדירט און ייִדן האָבן נישט פאַרלאָזט דעם מקום־קדוש. זיי זענען געשטאַנען און געדאַוונט, געבעטן צו גאָט, ער זאָל זיך אויף זיי מרחם זײַן אין זייער פאַרצווייפלטער לאַגע. ווען מ׳האָט זיך געשטעלט דאַווענען נעילה, האָט זיך דאָס באָמבאַרדירן אָנגעהויבן מיט אַזאַ שטורעם, אַז ס׳איז אוממעגלעך געווען זיך צו האַלטן אויף די פיס. די דײַטשע באַנדיטן האָבן אַרומגענומען די שטאָט ווי מיט שטאָלענע צוואַנגען. דאָס פײַער איז געפאַלן פון הימל און פון אַלע זײַטן. הײַזער האָבן געברענט. מענטשן זענען געלאָפן פון איין גאַס אין דער צווייטער. יעדער איינער האָט אויסגעזען אָפּשרעקיק ווילד פון פאַרצווייפלונג. מאַמעס זענען געלאָפן מיט די קינדער אויף די הענט. מענטשן האָבן מורא געהאַט זיך צו באַהאַלטן אין די קעלערס, ווײַל אַ סך הײַזער זענען אײַנגעפאַלן און האָבן באַגראָבן אונטער זייערע חורבות אומצייליקע קרבנות.

פאַרטאָג איז פּלוצלינג געוואָרן שטיל. אין דער פרי האָט דער ראַדיאָ פון דער דײַטשישער מיליטערישער קאָמאַנדע געמאָלדן, אַז אויב וואַרשע

וועט נישט קאַפּיטולירן, וועלן זיי צעשטערן די גאַנצע שטאָט און זי פאַר־וואַנדלען אין אַ באַרג אַש. זיי האָבן אויך געמאָלדן, אַז בײַנאַכט וועט די קריג־אַקציע איבערגעריסן ווערן, בכדי דער דיפּלאָמאַטישער קאָרפּוס זאָל קאָנען פאַרלאָזן די שטאָט. דער רושם וואָס די דאָזיקע נײַעס האָט געמאַכט אויף דער אויסגעמוטשעטער באַפעלקערונג איז נישט צו באַשרײַבן. ס׳האָבן זיך שוין אָנגעהויבן הערן שטימען פון דער באַפעלקערונג:

—אַ סוף! זאָל מען קאַפּיטולירן! זאָל שוין דאָס גיהנומדיקע פײַער אויפהערן!

אָבער דער העלדישער שטאָט־פּרעזידענט האָט ווײַטער געדונערט מיט זײַן שטים: ניין! נישט קאַפּיטולירן! נאָר קעמפן ביז צום לעצט! און אויסגע־שריגן מיט זײַן הייזעריקער שטים:

— בעסער אומקומען מיט כבוד, ווי העלדן, איידער דאַרפן לעבן אונטער דער בײַטש פון די היטלעריסטן ווי קנעכט! נײַע פּרײַוויליקע — צווישן זיי אַ סך ייִדן — זענען אַוועק צום פראָנט צו פאַרטיידיקן די הויפּטשטאָט. די דײַטשע מערדער האָבן אָבער געוויזן אַז זיי קאָנען האַלטן וואָרט און גענו־מען פאַרוואַנדלען וואַרשע אין אַ באַרג אַש. באָמבאַרדירונגען פון דער ווײַטשיסנדיקער אַרטילעריע און פון דער לופט האָבן זיך אָנגעהויבן זונטיק דעם 24סטן פאַרנאַכט מיט אַ גוואַלדיקער אינטענסיוויקייט.

איך מיט מײַן פאַמיליע זענען דעמאָלט, זונטיק שפּעט בײַנאַכט, געווען אין שטוב. אַ מידער פון אויפזײַן גאַנצע נעכט, האָב איך געכאַפּט אַ דרעמל זיצנדיק בײַם טיש. פּלוצלינג האָט זיך דערהערט אַ מוראדיקער קלאַפּ און ס׳האָט אַ טרייסל געטון מיטן הויז. אַלע שויבן זענען אַרויסגעפאַלן. ס׳האָבן זיך דערהערט הילפרופן:

— ראַטעוועט!! ראַטעוועט!!

אין דער ערשטער מינוט האָט מען נישט געוווּסט וואָס ס׳איז פאַרגע־קומען. פונעם זעץ זענען מיר אַלע אַראָפּגעפאַלן אויף דער ערד און פון דרויסן האָבן זיך געהערט געשרײַען:

— אַ גאַז־באָמבע! אַ גאַז־באָמבע!!

ווען מיר זענען אַ ביסל געקומען צו זיך האָט מײַן פרוי געכאַפּט דאָס

ייִנגערע קינד, טאַמאַרע, און איז מיט איר אַנטלאָפן. איך האָב גענומען די עלטערע טאָכטער, פאָליע, און בין מיט איר אַוועקגעלאָפן אין קעגנאיבער־דיקן הויף. איך זאָג געלאָפן. נישט אַזוי גיך האָב איך געקאָנט אַרויס פון הויף. גאַנצע בערג מיט ציגל, שטיינער, שטיקער גלאָז זענען געלעגן אָנ־געוואַלגערט. איך האָב זיך געמוזט דורכקריגן דורך פאַרשידענע שטובן פון די שכנים און דורך אַ פענצטער פון אַ פראָנטשטוב אַרויס אויף דער גאַס. איך מיט מײַן טאָכטער, פאָליע, און אויך אַ סך אַנדערע שכנים פון די הײַזער זענען אַרײַן אין אַ קעלער פונעם קעגנאיבערדיקן הויז. מיר זענען אָפּגעלעגן אַ גאַנצע נאַכט פון זונטיק אויף מאָנטיק. ערשט מאָנטיק בײַטאָג, ווען ס'איז אַ ביסל שטילער געוואָרן, זענען מיר אַרויס און דערזען דעם חורבן. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אַ שראַפנעל, וואָס איז געקומען פון דער ריכטונג פון וואָליע, איז אַרײַן אין דער שכנותדיקער געביידע, אָפּגעריסן אַ האַלב הויז, און איז ווײַטער אַרײַן אין אונדזער אָפּיציינע. מײַן שכן וואַקסמאַנס דירה, וואָס האָט זיך געגרענעצט מיט מײַן וווינונג, איז אויך געוואָרן צעשמעטערט. די גאַנצע פאַמיליע איז דאָרטן אומגעקומען. אויך אין אַקעגנאיבערדיקן הויז זענען געווען אַ סך קרבנות. די ווענט פון מײַן שלאָפצימער זענען געוואָרן געשפאָלטן. כמעט אַ האַלבער הויף איז געוואָרן צעשטערט און אַ סך זענען אומגעקומען.

דער אויפרײַס איז פאָרגעקומען פונקט איינס אַזייגער בײַנאַכט. אַ סך אײַנוווינער זענען פון די אַלע פריִערדיקע איבערלעבונגען — מידע און צעבראָכענע — אײַנגעשלאָפן אין דער צײַט און דערפאַר זענען געווען אַזוי פיל קרבנות.

אַ טייל אײַנוווינער פון הויז האָט געהאַט יעדע נאַכט אַ דיזשור צו זען צי עס געשעט נישט עפּעס, גרייט צו אַלאַרמירן די אײַנוווינער. אַזוי איז געווען אין אַלע ייִדישע הײַזער, ווײַל ס'האָבן זיך פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז ס'דרייען זיך אַרום דײַטשישע סאַבאָטאַזשניקעס וואָס צינדן אונטער בײַנאַכט די הײַזער. דערפאַר איז יעדע נאַכט אַן אַנדער צאָל אײַנוווינער געשטאַנען אין טויער און אַכטונג געגעבן. אויך בײַ אונדז אויפן הויף איז געשטאַנען אַ וואַך. יעדע צוויי שעה האָט זיך די וואַך געטוישט דורך אַנדערע צוויי אײַנוווינער. אַז דער שראַפנעל איז אַרײַן אין הויף און אײַנגעוואַלגערט אַ טייל פון הויז, האָט זיך דאַך אויפגעהויבן אַ גרויסער שטויב, פינצטער איז

געוועזן, ווײַל קיין ליכט האָט דאָך נישט געטאָרט ברענען, האָבן דאַן די היטער אויפגעהויבן אַ גוואַלד אַז מ׳האָט געוואָרפן אַ גאַזבאָמבע, דעריבער איז געוואָרן אַ מהומה און בהלה. אַלע לעבנגעבליבענע זענען ווי משוגע געלאָפן מיט שרעקלעכע געשרייען און געוויינען. מאַמעס האָבן גערופן די קינדער, פרויען זייערע מענער, איינער האָט נישט געוווּסט ווו דער צווייטער איז אַהינגעקומען.

אין דער זעלבער צײַט, ווען עס זענען געפאַלן די שראַפּנעלן פון אַלע זײַטן און די פלאַמען פון די ברענענדיקע הײַזער האָבן באַלויכטן די גאַסן, האָט מען זיך אויך דערוווּסט, אַז די באָמבעס האָבן צעהאַקט די עלעקטראָווניע און די וואַסער־לייטונג. וואָרשע איז געבליבן אָן ליכט און אָן וואַסער.

אין דער גרויסער בהלה, בעת די באָמבאַרדירונגען, האָב איך זיך אויך דערוווּסט אַז מיט מײַן שוואָגער, דעם אַקטיאָר שימחה ראָזן, איז געשען אַן אומגליק. מײַן שוואָגער, וואָס איז געווען אַ מענטש אַ גיבור, האָט באַוויזן אַן אמתע העלדישקייט בײַם אָפּראַטעווען דאָס הויז זאַמענהאָף 11 וואָס האָט אָנגעהויבן ברענען. אַזוי ווי קיין וואַסער איז נישט געווען, איז ער אַרויף אויפן דאַך מיט אַ האַק און גענומען אָפּהאַקן שטיקער פון ברענענדיקן הויז. אין דער זעלבער צײַט האָט אים געטראָפן אַ שפּליטער פון אַ באָמבע אין רעכטן פוס. די סכנה איז געווען גרויס. מ׳האָט געמוזט ברענגען אַ דאָקטאָר צו באַזײַטיקן דעם שפּליטער פונעם פוס. נישט געקוקט דערויף וואָס ס׳איז געווען געפערלעך צו גיין אין גאַס, צוליבן כסדרדיקן האָגל פון די באָמבעס און אויפרײַסן, בין איך אין דער גרעסטער סכנה אַוועק צום דאָקטער ראַפּאָפּאָרט אויף זאַמענהאָף 3. איך האָב אים געבעטן ער זאָל ראַטעווען מײַן שוואָגער. ער איז געווען אויך אַזוי פיל מענטשלעך און העלדיש, אַז ער האָט אײַנגעשטימט אַהינצוגיין צו מײַן שוואָגער בכדי אים צו געבן הילף.

מיר האָבן זיך אָנגעהויבן שלעפּן, קריכן איבערן ברוכוואָרג דורך די אָפענע הייף, וואָס זענען אין גרעסטן טייל געווען דורכגעלעכערט מיט ספּעציעלע דורכגענג אויף גאַנצע לענגען פון די חרובע גאַסן. פון זאַמענהאָף 3 ביז אויף דער זעלבער גאַס 11 איז געווען אַ מרחק נישט מער ווי פון זעקס הײַזער. אָבער יעדער טריט דעמאָלט בײַנאַכט איז געווען פאַרבונדן מיט

טויטגעפאַר. דאָקטאָר ראַפּאַפּאָרט האָט געגעבן מיין שוואָגער די ערשטע הילף און באַזײַטיקט דעם שפּליטער. שמחה ראָזען האָט שפּעטער געוואָלט פאַרלאָזן וואַרשע. ער האָט עס אָבער, לײדער, נישט געקאָנט באַוויַזן ווײַל ער האָט געמוזט ליגן אין בעט אַ לענגערע צײַט צוליבן נישט קאָנען גיין אויפן רעכטן פוס. דאָס האָט אים געשטערט אַרויסצוגיין פון וואַרשע און ער איז שפּעטער אומגעקומען פון די דײַטשע רוצחים.

מאָנטיק דעם 25סטן סעפּטעמבער, בײַנאַכט, און דינסטיק דעם 26סטן, האָבן זיך ווײַטער אָנגעהויבן די שרעקלעכע באָמבאַרדירונגען. וואַרשע איז שוין דעמאָלט געווען אָפּגעשניטן פון דער וועלט, אַרומגערינגלט פון דער דײַטשער אַרמיי, וואָס האָט געהאָגלט מיט פײַער פון אַלע זײַטן. דינסטיק בײַנאַכט האָט זיך שוין קיין שום אײַנוווינער אין וואַרשע נישט אָוועקגע־לייגט אויסרוען אויף קיין איין מינוט.

פאַרטאָג איז פּלוצלינג געוואָרן שטיל ווי אויף אַ בית־עולם. מיר זענען געוואָרן אַזוי אַפּאַטיש צום לעבן, אַז קיין שום זאַך האָט אונדז שוין נישט געאַרט. מיר האָבן געזען אַז קיין שום הילף קומט נישט פון ערגעץ און פאַר־שטאַנען אַז מיר האָבן זי נישט מער צו דערוואַרטן פון אויסלאַנד. די דײַטשן וועלן סײַ ווי פאַרוואַנדלען די שטאָט אין אַ באַרג אַש. זײַענדיק אַפּאַטיש צו אַלץ האָבן מיר זיך אָוועקגעלייגט אין זאַל געשען וואָס עס וויל. מער קיין כוח איז שוין נישט געווען. אַזוי זענען מיר אַרײַנגעפאַלן אין אַ דרעמל.

גאַנץ פרי האָט אונדז פּלוצלינג אויפגעוועקט אַ שאַלן פון אַ טראָמפּייט. מיר זענען אַראָפּ אין גאַס און דערזען אַ פּוילישן זעלנער אויף אַ פערד. ער האָט געבעטן, אַלע אײַנוווינער זאָלן זיך פאַרזאַמלען אין גאַס. ער האָט עפּעס צו מעלדן אַ וויכטיקע זאַך. ווען די אויסגעמוטשעטע מענטשן האָבן זיך פאַרזאַמלט, האָט ער צוויסן געטון, אַז די פּוילישע מיליטער־לייטונג האָט געלייגט דאָס געווער. די מלחמה איז פאַרענדיקט: קאַפּיטולאַציע, די שטאָט האָט זיך אונטערגעגעבן. וואַרשע האָט קאַפּיטולירט.

קאַפּיטל 8

אונטער דער היטלערישער בייטש

צוויי טעג האָט געדויערט ביז די דײַטשן האָבן זיך באַוויזן אין שטאָט. פריִער האָבן זיי אַרויסגעגעבן אַ פאַראָרדענונג, מע זאָל אַוועקנעמען אַלע באַריקאַדעס און אַלץ זאָל אָפּגערייניקט ווערן.

באַלד זענען פאָרגעקומען אַרעסטן פון פאַרשידענע כלל־טוער. אַ סך אַרעסטירטע האָט מען שוין מער פאַר די אויגן נישט געזען. נאָך עטלעכע טעג וואַרטן האָבן איך באַשלאָסן, אַז מע דאַרף זען עפּעס צו טון, בכדי זיך צו טרעפן מיט די חברים אַקטיאָרן. פאַר מענער איז געווען שווער זיך צו באַווײַזן אין גאַס, מחמת מע האָט זיי געכאַפּט אויף שווערער אַרבעט, איבער־הויפּט ייִדן. פאַרשטייט זיך, אַז צום כאַפּן ייִדן האָבן צוגעהאָלפן באַנדעס פּאָלאַקן. זיי זענען געשטאַנען אויף די גאַסן און אָנגעוויזן:

— יודע! יודע! אָט איז אַ יודע!..

צום ערשטן מאָל נאָך דער קאַפּיטולאַציע פון וואַרשע, אַז מיר האָבן זיך געטראָפן אין אַקטיאָרן־פאַראיין, האָבן מיר זיך איינער דעם צווייטן איבער־געגעבן אונדזערע איבערלעבונגען.

אײַזיק סאַמבערג דערציילט, ווי אַזוי ער איז קוים אַרויס מיטן לעבן פונעם ברענענדיקן הויז וווּ ער האָט געוווינט. ברין האָט דערציילט וואָס עס האָט געטראָפן מיט זײַן פרוי און טאָכטער.

יצחק גרודבערג האָט דערציילט וואָס מיט אים האָט געטראָפן בײַ זיך אין דער היים אויף לעשנע 19. ער איז געזעסן אויף אַ שטול און זיך פּלוצלינג אויפגעהויבן פון אָרט. ער איז אַרײַן אין צווייטן צימער. אויף דער זעלבער שטול האָט זיך אַוועקגעזעצט דער אַקטיאָר שאַפּיראָ. אין דעם מאָמענט איז אויפן הויף געפאַלן אַ באָמבע. אַ שפּליטער האָט געטראָפן שאַפּיראָן און אים דערהרגעט אויפן אָרט. אין זעלבן צימער האָט זיך געפונען דער אַקטיאָר משה ליפּמאַן, וואָס איז קאָנטוזירט געוואָרן און געדאַרפט ליגן עטלעכע וואָכן אין בעט.

גאָר אַ טראַגישע געשיכטע האָט דערציילט דער אַקטיאָר משה גאָר־

באַזש. ס׳איז געשען מיט דער פאַמיליע פון זײַן שוואָגער יצחק געליבטער. ער האָט עס געהערט פון זײַן שוואָגערס עלטסטע טאָכטער, רחל.

דאָס איז געשען דרייסיק שעה פאַר דער קאַפּיטולאַציע פון וואַרשע, מאָנטיק דעם 25סטן סעפּטעמבער, 4 אַזייגער נאָכמיטאָג. זיי האָבן זיך געפונען אין דער וווינונג אויף גזשיבאָווסקע 5 אין הויף אויפן ערשטן שטאָק. פּלוצלינג האָבן אָנגעהויבן פאַלן באָמבעס אויף דער אַרומיקער געגנט. אַ באָמבע איז געפאַלן לעבן פּראַנטהויז צו דער גאַס. דער גאַנצער הויף און די זײַטיקע הײַזער האָבן זיך געגעבן אַ טרייסל. רחלס פאָטער, יצחק געליבטער, האָט געזאָגט, אַז ס׳וועט אפשר זײַן זיכערער אַרײַנצוגיין אין הויז־קאָרידאָר אײַנבערוואַרטן ביז די באָמבאַרדירונג וועט אויפהערן. ער, יצחק, מיט נאָך ייִדן, שכנים, האָבן זיך אָנגעזעצט אויף דער פּאָדלאָגע פון קאָרידאָר לעבן זייערע שטובן, אָנגעטון די טליתים און אָנגעהויבן זאָגן תהילים. דערווײַל איז רחל אַראָפּ פון די טרעפּ פון ערשטן שטאָק. זי האָט געוואָלט כאַפּן אַ קוק, וואָס עס הערט זיך מיט די שכנים פון פּראַנטהויז און צי מע קאָן ערגעץ גיין זיך אויסבאַהאַלטן. עטלעכע מעטער ווײַטער, הינטער איר, איז געגאַנגען איר ייִנגערע שוועסטער מיט אַ פינף־חדשימדיק קינד אויף דער האַנט, און דאָס ייִדישע דינסטמיידל. אין דעם מאָמענט, ווען רחל האָט שוין געהאַלטן בײַם אַרויסגיין פון הויז־קאָרידאָר אויפן הויף, האָט זיך פּלוצלינג דערהערט אַ שרעקלעכער קלאַפּ. ס׳איז איר געוואָרן פינצטער פאַר די אויגן. זי איז אומגעוואָרפן געוואָרן אויף דער ערד. זי האָט זיך נישט געקענט דערמאָנען ווי לאַנג זי איז אַזוי געלעגן. ווען זי האָט אויפגעמאַכט די אויגן, האָט זי דערזען, אַז זי ליגט צווישן גרוז, ברעטער, ציגל. די שוועסטער מיטן קינד האָט זי מער נישט געזען. אַלע שטיגן זענען געווען אַוועקגעריסן. די ייִדן, וואָס זענען געזעסן אויפן ערשטן שטאָק צוזאַמען מיט איר פאָטער, זענען געוואָרן פאַרשאָטן אין איינעם מיטן אײַנגעפאַלענעם הויז. אויך די שוועסטער מיטן קינד זענען געלעגן אונטערן גרוז.

ווען זי איז געקומען צום באַוווּסטזײַן האָט זי ערשט דערזען אַז זי איז צעקלאַפּט און פאַרבלוטיקט. זי האָט זיך געפּרוּווט אויפשטעלן, זיך באַוועגן. אַרויסקריכנדיק פונעם אָנגעוואַלגער, האָט זי פּלוצלינג דערהערט ווי עמעצער פון די פאַרשאָטענע רופט עפּעס, אָבער שוין מיט זייער אַ שוואַכער שטים. זי האָט אָנגעהויבן זוכן פון וואַנען דאָס קול קומט און אויפגעשווידערט:

אַ קאָפּ פון אַ מענטש, האָט זי דערזען, שטעקט אַרויס פון גרוז און בעט מע זאָל זי ראַטעווען. זי האָט דערקענט דעם קאָפּ פון איר שוועסטערס ייִדישן דינסטמיידל. מיט די לעצטע כוחות האָט זי אָנגעהויבן שרײַען און רופן נאָך הילף. ס׳זענען אָנגעלאָפן אַ סך ייִדן פון פאַרשידענע זײַטן. זיי האָבן פאַרזיכטיק געגראָבן און אַרויסגענומען דאָס פאַרשאָטענע ייִדישע מיידל. מ׳האָט איר געגעבן די ערשטע הילף. רחל איז צוגעשטאַנען צו די ייִדן מע זאָל גראָבן ווײַטער און ראַטעווען איר פאָטער, די שוועסטער מיטן קינד און די איבעריקע ייִדן.

ס׳האָבן אָנגעהויבן פאַלן שטיקער ציגל, בעלקעס. ס׳איז געוואָרן לעבנס־געפערלעך ווײַטער צו גראָבן. אין דער זעלבער צײַט האָבן ווידער אָנגעהויבן פאַלן באָמבעס. מ׳איז געווען געצוווּנגען צו וואַרטן מיטן גראָבן. אין צווישן איז דערקלערט געוואָרן וואָפנשטילשטאַנד.

מיטוואָך פאַרטאָג, ערב סוכות, ווי נאָר ס׳איז שטיל געוואָרן, האָט זי צוזאַמענגעשלעפּט אַ צאָל ייִדן, געדונגען ספּעציאַליסטן און מ׳האָט אויפגע־גראָבן די שוועסטער מיטן קינד.שפּעטער האָט מען אויך אַרויסגעקריגן דעם פאָטער, וואָס איז געווען אײַנגעהילט אין טלית. פאַרנאַכט האָט זי אויסגעגראָבן צוויי קברים אויפן סקווערל פון פּלאַץ גזשיבאָווסקי, איין קבר פאַרן פאָטער און איין קבר פאַר דער שוועסטער מיטן קינד. זי אַליין האָט זיי מקבר געווען אין צוויי קאָסטנס.

אויפן זעקסטן טאָג נאָך דער קבורה איז געקומען דער אַקטיאָר משה גאַרבאַזש און זי צוזאַמען מיט אים האָבן אויפגעגראָבן די צוויי צײַטווײַליקע קברים, אַרויפגעלייגט די מתים און זיך געלאָזט מיט זיי אין דער ריכטונג פון גענשער בית־עולם. אַז זיי זענען צוגעקומען אויפן ראָג פון די גאַסן טוואַרדע און מאַריאַנסקע האָבן זיי דערזען ווי דײַטשן כאַפּן ייִדן אויף אַרבעט. זיי האָבן ווײַטער געפירט דאָס וועגעלע מיט די טויטע. געגלייבט אַז מע וועט זיי נישט פאַרהאַלטן. די דײַטשן האָבן זיי אָבער גלײַך אָפּגעשטעלט און געפרעגט וועמען זיי פירן אויפן וועגעלע. באַלד זענען אויך אונטער־געקומען עטלעכע פּאָלאַקן און האָבן זיך אַרײַנגעמישט, גענומען שרײַען, אַז מע זאָל נישט גלייבן די ייִדן, אַז זיי פירן דאָ טויטע, ס׳איז ליגן, זיי פירן שמוגל. צוליב דער פּראָוואָקאַציע פון די פּאָלאַקן האָט מען געמוזט אויפרײַסן די ברעטלעך פון די קאָסטנס און ווײַזן וועמען מע פירט דאָ.

ווען די דײַטשן האָבן זיך שוין איבערגעצייגט אַז מע פירט טאָקע טויטע, האָבן זיי ערשט איצט געשלעפּט משה גאַרבאַזשן אויף אַרבעט און צוגעגעבן, אַז פירן זייערע טויטע זאָלן די יידישע ווײַבער אַליין, ווייל די מענער דאַרפן גיין צו וויכטיקערע אַרבעט.

זי, רחל, מיט נאָך אַ פרוי האָבן שוין געמוזט אַליין שלעפּן דאָס וועגעלע מיט אירע טויטע פאָטער, שוועסטער און קינד, בכדי זיי צו ברענגען צו קבר־ישראל.

אַ שוידער האָט אונדז אַרומגעכאַפּט פון דער טראַגישער געשעעניש. אַלע אַקטיאָרן האָבן אויפגעציטערט הערנדיק די טראַגעדיע וואָס ס'האָט געטראָפן דער פאַמיליע געליבטער.

***

— נאָך די אַלע דערציילונגען איז באַשלאָסן געוואָרן אַז מע דאַרף צונויפרופן עטלעכע אַקטיאָרן און זיך באַראַטן וואָס צו טון. מיר זענען זיך טאָקע אויף צומאָרגנס צוזאַמענגעקומען אין דער וווינונג פון אַקטיאָר מאיר ווינדער אויף נאָוואָליפּיע 20. אין דער באַראַטונג האָבן אָנטייל גענומען: מאיר ווינדער, זיין פרוי יאַדזשע זילבערג, דזשיגאַן און שומאַכער, דזשעני לאָוויטש; די שרײַבער־הומאָריסטן: דער לוסטיקער פּעסימיסט (גאָלדשטיין) און מ. נודעלמאַן, זישע קאַץ און דער שרײַבער פון די שורות. נאָך אַלע דיסקוסיעס איז געבליבן אַז מע מוז אַוועקגיין פון וואַרשע, ווײַל קיין גוטס קאָנען מיר פון די דײַטשן נישט דערוואַרטן און פון אונדזערע שכנים די פּאָלאַקן וועלן מיר זיכער אויך קיין האָניק נישט לעקן.

דאָס כאַפּן אויף אַרבעט הערט נישט אויף. דער טעראָר קעגן די יידן פאַרשטאַרקט זיך. אַ געשיכטע וועגן עפּעס אַ סיכסוך צווישן אַ גנב און אַ פּאָליציאַנט, וואָס איז פאָרגעקומען אויף נאַלעווקעס 9, האָט געקאָסט דאָס לעבן פון זעכציק יידן.

דער דײַטשער אָקופּאַנט האָט געשאַפן אַ ספּעציעלע פּאָליציי וואָס האָט געאַרבעט צוזאַמען מיט דער געשטאַפּאָ. די דאָזיקע פּוילישע פּאָליציי איז באַטיטלט געוואָרן: גראַנאַטענע פּאָליציי. זיי זענען באַשטאַנען פון אונטערוועלטניקעס, באַנדיטן און אַנטיסעמיטן.

אין עטלעכע טעג אַרום, ווען איך בין אַרויס פון אַקטיאָרן־פאַראיין,

האָט מען מיך אויף פּשעיאַזד געכאַפּט אויף אַרבעט. צוזאַמען מיט אַ פּאַר־טיע ייִדן האָט מען מיך אַוועקגעפירט אַראָפּ אויף דער וואָלסקע גאַס, ווו איך האָב געמוזט, אונטער דער בײַטש פון די היטלעריסטן, אַרבעטן אַ גאַנצן טאָג בײַם אָפּרייניקן די גאַסן פון גרוז און שטיקער אײַזן, וואָס זענען געלעגן אָנגעוואָלגערט פון אײַנגעפאַלענע צעשמעטערטע הײַזער. אין דער לעצטער שעה, פאַר דער פּאָליציי־שעה, ווען מ׳האָט באַלד נישט געטאָרט גיין אין גאַס, האָט מען מיך אָפּגעלאָזט. מיט די לעצטע כוחות האָב איך זיך קוים דער־שלעפּט אַ היים. מײַן פרוי און קינדער האָבן איבערגעלעבט שווערע שעהען איידער זיי האָבן מיך דערזען פאַר די אויגן.

מיט יעדן טאָג זענען אָנגעקומען נײַע צרות. מ׳האָט אָנגעהויבן געפינען טויטע ייִדן פאַר זייערע שטיבער. די דײַטשן האָבן אַרויסגעשלעפּט ייִדן פון די הײַזער, זיי אומגעבראַכט און געלאָזט ליגן נעבן יעדער שטוב.

אין דער זעלבער צײַט האָט דאָס סאָוויעטישע מיליטער אָנגעהויבן צו פאַרנעמען פּוילישע געביטן און זיך דערנענטערט צו דער ווײַסל. זיי האָבן שוין געהאַט פאַרנומען באַראַנאָוויטש, פּינסק, קאָברין, בריסק, ביאַ־ליסטאָק, סלאָנים, וואָלקאָוויסק, ווילנע, לידע, כעלעם און אָנגעהויבן גיין נאָך נענטער. שפּעטער אָבער האָבן זיי זיך אַ ביסל צוריקגעצויגן. אַלע האָבן פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז די קאָנסעקווענץ פונעם סטאַלין־היטלער־אָפּמאַך זיך אײַנצוטיילן מיט פּוילן, זיך צעטיילן מיטן רויב.

די ייִדישע באַפעלקערונג — געפּײַניקט און טעראָריזירט פון די דײַטשע באַנדיטן — האָט אָנגעהויבן אַריבערצולויפן צו די סאָוויעטן, דערהויפּט די מענער, יוגנט. אויך יונגע פרויען האָבן זיך אַוועקגעלאָזט אַהין. אַ קלענערער פּראָצענט פון עלטערע מענטשן זענען אויך אַוועק, ווײַל מ׳האָט אײַנגעזען, אַז דאָ איז געפערלעך צו בלײַבן. אײַ דאָרטן איז אויך נישט צום האַרצן, איז אָבער געווען אַ האָפענונג, אַז אפשר וועט מען פון דאָרט קאָנען אַוועק ווײַטער, אָדער אפשר וועט זיך דאָרט אײַנגעבן איבערצולעבן די מילחמה. דערפאַר האָבן וואָס אַמאָל מער אָנגעהויבן אַריבערלויפן צו די סאָוויעטן, צו מיינסט ייִדן, אויך אַ געוויסע צאָל פּאָלאַקן, וואָס האָבן מורא געהאַט צו בלײַבן אין לאַנד צוליב זייער אָנגעהעריקייט צו דעמאָקראַטישע פּאַרטייען.

מיט דער צײַט איז אַרויס אַ באַפעל, אַז די ייִדן מוזן זיך צושטעלן גרופּעסווײַז, לויט די בלאָקן־הייזער. טאָמער האָט זיך עמעצער נישט צוגע־

שטעלט, האָט מען דערפֿאַר באַשטראָפֿט אַ געוויסע צאָל אײַנוווינער פֿון זעלבן הויז. פֿון מײַן הויף, ווו איך האָב געוווינט, אויף פֿאָווע 12, האָט טאַקע איין ייִד נישט געוואָלט זיך שטעלן צו דער אַרבעט, ווײַל ס׳איז אים אויסגעקומען צו גיין אַרבעטן אום שבת, האָט מען דערפֿאַר באַשטראָפֿט אַכט אײַנוווינער פֿונעם הויף און איך בין געווען צווישן די אַכט וואָס האָבן זיך געמוזט צושטעלן.

באַלד האָט דעם הויף אַרומגערינגלט די גראַנאַטענע פּאָליציי און מע האָט אונדז אַוועקגעפֿירט אויף אַרבעט אין ציטאַדעל. דאָרט האָב איך גע־מוזט אַרבעטן בײַם אויפֿלאָדן קאַסטנס מיט אַמוניציע אויף לאַסטוואָגנס. דאָס איז געווען אַ קאַטאָרזשנע אַרבעט, באַגלייט מיט גוטע קלעפּ און אָן עסן. די גראַנאַטענע פּאָליציי האָט נאָך געמאַכט אַ פּראָוואָקאַציע, אַז מיר זענען באַשטראָפֿט פֿאַר נישט וועלן קומען אַרבעטן, דערפֿאַר האָט מען אונדז באַהאַנדלט שטרענגער פֿון אַלע.

פֿון דער אַרבעט האָט מען אונדז אָפּגעלאָזט שפּעט, כמעט אין דער לעצטער האַלבער שעה פֿון מעגן גיין אין גאַס. אַזוי ווי איך האָב דערזען, אַז ס׳איז שוין זייער שפּעט, האָב איך אָנגעהויבן לויפֿן. אַ פּאָליציאַנט האָט באַמערקט ווי איך לויף, האָט ער מיך פֿאַרהאַלטן און אָפּגעפֿירט אין פֿינפֿטן קאָמיסאַריאַט, ווו צוליב דער שפּעטער שעה בין איך שוין געווען געצוווּנגען צו נעכטיקן אַ גאַנצע נאַכט אין קאָמיסאַריאַט. ערשט אין דער פֿרי האָב איך געקאָנט באַשטעטיקן מיט עדות פֿון מײַן הויף, אַז איך בין געווען אויף אַרבעט אין ציטאַדעל און ערשט דאַן בין איך געוואָרן באַפֿרײַט.

אין מײַן שטוב איז, פֿאַרשטייט זיך, געווען תשעה־באב. זיי האָבן נישט תּופֿס געווען וואָס מיט מיר איז געשען. שפּעטער מיט עטלעכע טעג, ווען איך בין געווען אין שטוב פֿון מײַן חבר זישע קאַץ, אויף נאַלעווקעס 17, איז דער הויף אַרומגערינגלט געוואָרן פֿון דײַטשן און גראַנאַטאָווע פּאָליציי. זיי האָבן אָנגעהויבן אַרויסנעמען פֿון די שטובן אַלע מענער, וועמען זיי האָבן נאָר געטראָפֿן. אַזוי בין איך געכאַפּט געוואָרן אויף אַרבעט צוזאַמען מיט מײַן חבר קאַץ. ס׳איז געווען אַרום צען אַזייגער אין דער פֿרי. מ׳האָט אונדז אַרויסגעפֿירט אויף דער גאַס און צוגעטיילט צו אַ גרופּע געכאַפּטע ייִדן. דאַן האָט מען אַלע צוגעפֿירט צו אַ גרויס געשעפֿט פֿון מאַנופֿאַקטור אויף די נאַלעווקעס, געהייסן יעדן נעמען גרויסע פּעק און אַרויפֿלאָדן אויפֿן

קאַמיאָן. מיר האָבן אַ גאַנצן טאָג געשלעפּט די פּעק אונטער דער בײַטש פון די באַוואָפנטע היטלעריסטן און געטריבן געוואָרן צו מאַכן עס וואָס שנעלער. פאַרשטייט זיך, אַז עס האָבן זיך באַלד באַוויזן פּאָלאַקן, וואָס האָבן צוגע־האָלפן די דײַטשן אויסרויבן ייִדישע געשעפטן, אויך שיקסעס האָבן צוגע־האָלפן אין דער אַרבעט פון אָנווײַזן אויף ייִדישע געשעפטן. ערשט פאַר־נאַכט האָט מען אונדז באַפרײַט פון דער געצוווּנגענער אַרבעט. אָפיציעל האָט עס געהייסן, אַז זיי, די היטלעריסטן קאָנפיסקירן סחורות, וואָס זענען נישט רעגיסטרירט געוואָרן אין דער צײַט, אָבער אין דער אמתן איז עס געווען אַן אָפענער רויב.

נאָך דעם ווי איך בין נאָך עטלעכע מאָל געכאַפּט געוואָרן אויף אַרבעט האָב איך באַשלאָסן זיך צו זען מיט אייניקע אַקטיאָרן. אין פאַראיין אויף לעשנע איז אָנגעגאַנגען אַ דיסקוסיע וואָס צו טון. דאָס הייסט, לאָזן זיך אין וועג אַרײַן און אַריבערגיין צו די סאָוויעטן, צי ניין. בלײַבן ווײַטער אין גיהנום. איך און נאָך אַ גרויסע גרופּע אַקטיאָרן האָבן באַשלאָסן וועגן דעם זיך צו באַראָטן נאָך אַ מאָל. מיר זענען זיך ווידער צונויפגעקומען בײַ מאיר ווינדערן אין שטוב און דאָרטן האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז זייער פיל שרײַ־בער, מיטגלידער פון ליטעראַטן־פאַראיין, זענען אַוועק פון וואַרשע, בכדי אַריבערצוגיין אויף די פאַרנומענע סאָוויעטישע געביטן. מיר האָבן באַשלאָסן, אַז היות מיר געפינען זיך אין אַ פאַרצווייפלטער לאַגע, זעען מיר נישט קיין אַנדערן אויסוועג ווי נאָר אַרויס פון דער היטלעריסטישער פּעסט, כל־זמן מע קען נאָך און ס'איז נאָך נישט צו שפּעט.

קאַפּיטל 9

אויפן וועג קיין זאַרעמבי־קאָשטשעלנע

נאָך די אַלע איבערלעבענישן פון די ערשטע זעקס־זיבן וואָכן פון דער היטלעריסטישער אָקופּאַציע אין וואַרשע איז בײַ מיר רייף געוואָרן דער געדאַנק אַז איך מוז אַוועק פון דאַנען.

איך האָב זיך צונויפגערעדט מיט זישע קאַץ, זיגמונט טורקאָוו, דוד

זיידערמאַן, מיכאל קליין, אַדאַם דאַמב, אברהם שטאָקפעדער און אַנדערע קאָלעגן־אַקטיאָרן און ס׳איז געבליבן אַז מע דאַרף זיך גרייטן אין וועג אַרײַן.

אברהם שטאָקפעדער, ווי אַ שטענדיקער אַדמיניסטראַטאָר פון ייִדישן טעאַטער, איז אין דעם פאַל אויך געוואָרן דער אָרגאַניזאַטאָר. ער האָט זיך אונטערגענומען זיך צו שטעלן אין פאַרבינדונג מיט אַ „מאַכער״, אָדער „פירער״ וואָס ווייסט דעם וועג. אין צוויי טעג אַרום האָט ער געמאָלדן, אַז ער האָט אָפּגעמאַכט מיט איינעם אַ געוויסן טריסק, אַ באַקאַנטער וואַרשעווער ייִד, פון שטשענשליווע־גאַס, וואָס פאַרנעמט זיך מיט דעם ענין. דער ייִד האָט צוגעזאָגט צוצושטעלן אַ גאַנצע פור, דאָס הייסט אַזאַ מין פאַרדעקטע בויד. מיר האָבן אים אײַנגעצאָלט די געפאָדערטע סומע געלט פאַר דער נסיעה. ער האָט אונדז פאַרן זעלבן געלט צוגעזאָגט צוצושטעלן אויף דער צווייטער זײַט קײַן זאַרעמבי־קאָשטשעלנע — די ערשטע סטאַציע שוין אויף דער סאָוויעטישער זײַט.

זאַרעמבי־קאָשטשעלנע איז געלעגן בײַ יעדן איינעם אויף די ליפּן, ווײַל פון יעדער פאַמיליע איז עמעצער אַוועק אַהין. מ׳האָט גערעדט אַרײַ־בערגיין דעם טײַך, דעם בוג — די גרענעץ, וואָס האָט צעטיילט פּוילן צווישן דעם ראַטנפאַרבאַנד און היטלערלאַנד לויטן אָפּמאַך פון ריבענטראָפּ און מאָלאָטאָוו.

אין אַ פאַרטאָגס — אָקטאָבער 1939 — ווי נאָר מ׳האָט זיך גע־מעגט באַווײַזן אין גאַס, בין איך אַרויס מיט אַ קליין וואַליזקעלע אין האַנט, באַגלייט פון מײַן עלטער טעכטערל פּאָלטשעלע, און זיך פאַרנומען מיט דער פּאַווע־גאַס דורך קאַרמעליצקע צו לעשנע 24, וווּ די פור האָט שוין אָפּגע־וואַרט אונדזער גרופּע אַקטיאָרן וואָס זענען שוין דאָרט געווען פאַרזאַמלט.

בײַ דער פור האָבן זיך געפונען כמעט צוויי מאָל אַזוי פיל מענטשן מיט וואַליזעס, מיט פּעק. די גרעסטע וואַליזע האָט געבראַכט דוד זיידערמאַן מיט זײַן פאַמיליע וואָס איז באַשטאַנען פון פיר פּערזאָן: ער, זײַן פרוי, די אַקטריסע חנה לערנער, זייער זון האַרי און אַ פאַמיליע־מיידל. פון די אַנ־געוואָרפענע וואַליזעס, זעק און פּעק, איז געוואָרן אַזאַ מין ענגשאַפט, אַז ס׳איז נישט געווען ווו אויסצוציִען די פיס, אָבער מ׳האָט אַלץ אָנגענומען פאַר ליב.

די גרופּע איז איצט באַשטאַנען פון דריי און צוואַנציק ייִדישע אַק־

טיאַרן, וואָס האָבן זיך פאַרנומען אין וועג אַרײַן צו אַנטלויפן פון דער ברוי־נער היטלעריסטישער פעסט.

אויפן זעלבן הויף האָט געוווינט דער באַקאַנטער שרײַבער אהרן אייג־האָרן. ווען ער האָט געהערט דעם פאַרדעכטיקן גערויש אויפן הויף — איז ער צו צום פענצטער און זעענדיק די סצענע האָט ער אונדז געווונטשן: — חברים אַקטיאָרן, פאָרט געזונט און זײַט מצליח, הלוואַי וואָלט איך עס אויך געקאָנט... און טרערן האָבן זיך באַוויזן אין זײַנע אויגן.

מיר פאָרן אַרויס פון הויף. עס באַגלייט אונדז אַ דראָבנע, טריף־רעגנדל, קאַלעמוטנע און טריב ווי ס׳איז אויף דער נשמה. מיר פאָרן און דאָס האַרץ קלאַפּט, וועלן מיר אַדורך בשלום?

אויף דער זעלבער פור איז מיט אונדז געפאָרן דער אַקטיאָר שלום צוקער מיט זײַנס אַ זון, אַ געבוירענער אין ווין. ער האָט גערעדט אַ פּרעכ־טיקן דײַטש און אויסגעזען אין גאַנצן ווי אַן אַריער. אין 1938, ווען ווין איז שוין געווען היטלעריסטיש, איז ער געקומען קיין וואַרשע ווי אַ פּליט. שלום צוקער, וואָס האָט יאָרנלאַנג געשפּילט יידיש טעאַטער אין ווין, איז וואַרעם אויפגענומען געוואָרן אין יידישן אַרטיסטן־פאַראיין און גענאָסן פון אַ ברייטער הילף. פאַרן אָפּפאָרן איז אים אײַנגעפאַלן אַ גליקלעכער געדאַנק אַרויס־צונעמען פון דער דײַטשער קאָמענדאַטור אַן אָפּיציעלע דערלויבעניש פאַר אַ גרופּע יידישע אַקטיאָרן וואָס פאָרט שפּילן טעאַטער קיין ביאַליסטאָק — אַ זאַך וואָס ס׳איז אים געלונגען אַדאַנק זײַן פּערפעקטן דײַטש.

יעדן איינעם האָט געעקבערט אין מוח דער געדאַנק: וועלן די דײַטשן אונדז דורכלאָזן, און די פּאָלאַקן? זיי זענען געווען נישט קיין קלענערע פּלאָג ווי די דײַטשן.

מיר פאָרן איבער די פּאַרטאָגיקע וואַרשעווער גאַסן דורך לעשנע, ביע־לאַנסקע, אַראָפּ סענאַטאָרסקע און מיר לאָזן זיך איבער דער קערבעדזש־בריק. מיר ווילן שוין וואָס גיכער זײַן אויף יענער זײַט ווײַסל, אָט דאָ איז געווען די גרעסטע געפאַר. דער פערד־אָנטרײַבער דערזעט אונדזער פאַר־צווייפלונג און לאַכט.

— איך פאָר נישט צום ערשטן מאָל — זאָגט ער — מיר וועלן אַדורך בשלום.

מיר זענען טאַקע דורכגעפאָרן בשלום די בריק. אָבער ביי דער פּראַ־גער ראָגאַטקע האָבן די פּאָלאַקן דערשמעקט, אַז דאָ פאָרן ייִדן. זיי האָבן אונדז נאָכגעשריגן: — „זשידזשי דאָ פּאַלעסטיני! מיר ווייסן גוט, אַז איר פאָרט אין סאָוויעטישן גן־עדן!...״ און אונדז נאָכגעוואָרפן שטיינער...

מיר פאָרן ווײַטער... מיר זענען אָנגעקומען אין ראַדזימין.

דער באַלעגאָלע האָט דערקלערט, אַז ער מוז געבן די פערד צו טרינ־קען. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אין מיטן מאַרק לעבן אַ ברונעם. דאָ ערשט האָט זיך אָנגעהויבן די אמתע שפּיל מצד די פּאָלאַקן און דײַטשן קעגן אונדז.

געשרייען, זידלערײַען און בלאָטע מיט שטיינער זענען געוואָרפן גע־וואָרן אויף אונדז מיט אַ געמיש פון העסלעכע כוליגאַנישע אויסרופן: — אויפהענגען זיי! דערליידיקן מיט זיי! אויסשעכטן זיי!... די ווײַבער הייבן אָן צו כליפּען. מיר שעפּטשען איינער צום צווייטן און באַשליסן נישט צו ענטפערן קיין וואָרט.

יעדע ווײַלע פירט צו אַ שגץ, אָדער אַ שיקסע אַ דײַטש און ווײַזט אָן אויף אונדז: — יודע! יודע! די דײַטשן הייבן אויך אָן צו שרײַען און וואַרפן שמוציקע עפּיטעטן אויף אונדזער חשבון. עס זאַמלען זיך גרופּעס גוים. זיי נעמען אָן אַ דראָענדיקע שטעלונג קעגן אונדז. פּלוצלינג קומט אָן אַ דײַטש, ווײַזט אויס אַן אָפיציר. פרעגט אויס וווהין מע פאָרט. מע ווײַזט אים די דערלויבעניש, אַז מיר פאָרן ווי שוישפּילער. ער לייענט איבער, ווערט אַ ביסל ווייכער און הייסט מאָמענטאַל פאָרן ווײַטער.

אונטער די אויסגעשרייען פון אונדזערע טויזנטיעריקע שכנים די פּאָ־לאַקן, באַהאָגלט מיט שטיינער און בלאָטע, פאָרן מיר אָפּ. מיר לאָזן זיך אויפן וועג פון ראַדזימין קיין יאַדאָוו.

עס קומען אונדז אַנטקעגן פאַרשידענע פויערישע פורלעך. די פורמאַ־נעס — באַקאַנטע פון אונדזער באַלעגאָלע — פרעגן וווהין מיר פאָרן.

— אַהאַ, קײַן זאַרעמבי־קאָשטשעלנע, פאָרט שוין צוריק! — זאָגן זיי.

— וואָס איז? — פרעגן מיר.

זיי דערקלערן, אַז די סאָוויעטן האָבן זיך צוריקגעצויגן פיר קילאָמע־טער לטובת די דײַטשן. זיי לאָזן מער קיינעם נישט אַרײַן. די מענטשן בלײַבן אויפן גרענעץ־פּאַס אין קיינעמס לאַנד. שלעכט, — זאָגן זיי, — פאָרט צוריק!...

מיר בלײַבן שטיין צעטומלט. וואָס טוט מען? די ווײַבער וויינען און קלאָגן: — צוריק!

— ווי אַזוי פּאָרט מען צוריק? מיר האָבן דאָך נאָר וואָס איבערגעלעבט ראַדזימין, ווי מעגן מיר פּאָרן צוריק.

דער באַלעגאָלע זאָגט:

— ס'איז גאָרנישט. די פּויערן זאָגן ליגן. איר פאַרשטייט, ס'איז קאָנקורענץ. ז יי ווילן זײַן די פירער, דערפאַר זאָגן זיי אַזוי.

מיר באַרויִקן זיך אַ ביסל און מיר פּאָרן ווײַטער. אונדז אַנטקעגן קומען אָן פורלעך אָבער שוין מיט איינצלנע ייִדן. נאָר אויך זיי זאָגן דאָס זעלבע. מיר בלײַבן אין אַ לאַגע וואָס מע ווייסט נישט וואָס צו טון.

אויפרעגונג, שטילע זיפצן, געוויינען. מע באַוויינט דאָס פינצטערע מזל און מע באַשליסט צו ריזיקירן און ווײַטער צו פּאָרן. די מענער דערקלערן די פרויען אַז די גאַנצע רײַזע איז אַ ריזיקע. באַלד דאָס אַרויספּאָרן פון וואַרשע איז געווען אַ ריזיקאַלישער שריט. און דאָס האַרץ קלאַפּט.

פּלוצלינג קומט אונדז אַנטקעגן אין אַ קליין קאַמיאָנדל, דער באַקאַנטער אין וואַרשע אנשל קאלאטשאנסקי, אַ צושטעלער פון פלייש פאַרן פּוילישן מיליטער. אָט דער זעלבער איז טאַקע געצוווּנגען געווען צוצושטעלן פלייש פאַר די דײַטשן. פאַרשטייט זיך, אַז ער איז געווען פאַרזיכערט מיט „אײַזערנע" פּאַפּירן און געפּאָרן פראַנק און פריי. ווי נאָר ער האָט אונדז דערזען, האָט ער אונדז אַ פרעג געטון:

— ייִדישע אַקטיאָרן, וווּהין פּאָרט איר?

זיך דערוויסנדיק וווּהין האָט ער אויסגעשריגן:

— פּאָרט שוין צוריק, ווי גאָט איז אײַך ליב, אויב איר ווילט נישט אומקומען אויף קיינעמס לאַנד. ער דערציילט אונדז אויך די זעלבע געשיכטע, אַז די סאָוויעטן האָבן זיך צוריקגעצויגן אויף פיר קילאָמעטער. די וואָס גייען דאָרטן אַהין — האָט ער פאַרגעזעצט — בלײַבן אויף קיינעמס לאַנד, קומען אום. ס'זענען שוין פאַראַן אַ סך טויטע.

— פּאָרט צוריק! — שרייט ער אונדז נאָך און פאַרשווינדט מיט זײַן קאַמיאָן אויפן וועג ראַדזימין־וואַרשע.

נאָך דער דאָזיקער סצענע הייבט אָן דוד זיידערמאַן ווילד צו שרײַען:

— איך פֿאָר נישט ווײַטער! לאָזט מיך אַראָפּ! איך וויל נישט שטאַרבן אין פֿעלד! אין קיינעמס לאַנד דאָרט! איך וויל נישט!

ער און זײַן פֿרוי חנה, זײַן זון און דאָס כלה־מיידל זענען אַראָפּגע־שפּרונגען פֿון וואָגן.

ער הייבט אָן צו שרײַען:

— גיט מיר מײַנע וואַליזעס, מײַנע וואַליזעס גיט מיר!

זײַנע וואַליזעס זענען געווען זייער שווער. ער איז געפֿאָרן ווי צו אַ חתונה ערגעץ.

אַדאָם דאָמב, וואָס איז פֿון דער נאַטור געווען אַ קרעפּטיקער, — שטאַרק אויפֿגעבראַכט וואָס זיידערמאַן וויל זיך פֿון אונדז אָפּטיילן, — כאַפּט זײַדערמאַנס וואַליזעס און וואַרפֿט אַראָפּ פֿון וואָגן. מיר פֿאַרלאָזן אָבער נישט זײַדערמאַנען און וואַרטן ביז ער דינגט אַ פּויעריש פֿורל, לייגט אַרויף זײַנע זאַכן און הייסט דעם פֿורמאַן פֿאָרן צוריק קיין ראַדזימין צו דער קאַלייקע.

מיר טרעפֿן אָן אַ בויד פֿון דער זעלבער פֿירמע טריסק וואָס פֿירט צוריק ייִדן. דער פֿערד־אָנטרײַבער איבערצײַגט אונדזער באַלעגאָלע, אַז מע קאָן דאָרט נישט פֿאָרן, ווײַל ס׳הייבט אָן צו ווערן געפֿערלעך. דער באַלעגאָלע הייבט זיך אָן וואַקלען און פֿרווּוט אונדז איבערצײַגן אַז ס׳איז באמת געפֿער־לעך און ער באַשליסט אַז מיר מוזן צוריקפֿאָרן.

דערווײַל ווערט שפּעט. די שפּער־צײַט קומט אָן. מיר הייבן אָן טראַכטן וועגן איבערנעכטיקן דאָ ערגעץ אין אַ פּוילישער כאַטע. מיר פֿרעגן זיך נאָך בײַ די פּויערן וואָס ווײַזן אונדז אָן אַ ספּעציעל אָרט בײַ אַ פּויער, ווו ס׳האַל־טן זיך שוין אויך עטלעכע אַזעלכע פּאַסאַזשירן ווי מיר.

בלית־ברירה לאָזן מיר זיך אַרײַן צום פּויער. מיר טרעפֿן דאָרט אַ צוויי־דרײַ ייִדן. דער פּויער דערציילט אונדז, אַז דאָ נישט ווײַט באַוועגט זיך אַ דײַטשער פּאָסטן און וואָרנט אונדז צו זײַן שטיל. ער הייסט זיך באַצאָלן פֿאָרויס. מיר לייגן זיך אויפֿן אויסגעבעטן שטרוי. ס׳איז אָבער שווער אײַנצו־שלאָפֿן. אַ גאַנצע נאַכט האָט מען נישט צוגעמאַכט קיין אויג. יעדער ריר, באַוועגונג און ביל פֿון אַ הונט האָט אונדז די נשמה אַרויסגענומען.

אויף צומאָרגנס פֿינף פֿאַרטאָגס, ווי נאָר מ׳האָט געמעגט זיך באַוועגן, האָבן מיר באַשלאָסן צו נעמען דעם וועג צוריק.

קאַפּיטל 10

צוריק קיין וואַרשע

נאָך דער שווערער שלאָפלאָזער נאַכט בײַם פֿויער אין דער כאַטע זענען מיר אין דרײַען — זיגמונט טורקאָוו, זישע קאַץ און איך — אַרויס אויפן הויף, אַרויף אויפן וואָגן און אָנגעשפּיצט אונדזער געהער אין דער ווײַט אַרײַן.

דער זייגער איז שוין געווען זעקס ווען מיר האָבן זיך פאַרנומען אויפן וועג צוריק. דער פויער, בײַ וועמען מיר האָבן איבערגענעכטיקט, האָט געווינט אַ גוטע האַלבע שעה אויפן וועג פון הויפּט־שאָסיי, אַזוי אַז כמעט זיבן אַזייגער זענען מיר שוין געפאָרן אויפן שאָסיי.

מיר זענען אָפּגעפאָרן אַ לענגערע צײַט און זיך דערנענטערט צו ראַ־דזימין. מיר האָבן געהאַט אָפּגערעדט מיטן באַלעגאָלע, ער זאָל זיך נישט אָפּשטעלן און גיך אַדורכפאָרן דאָס שטעטל, כדי מען נישט דאַרפן איבער־לעבן די סצענעס מיט די פּאָלאַקן און דײַטשן... מיט קלאַפּנדיקע הערצער זענען מיר אַרײַנגעפאָרן אין שטעטל, פאַרנדיק דורכן מאַרק האָבן פון דעסט־וועגן אייניקע שקצים אונדז נאָכגעוואָרפן עפּיטעטן: יודע! יודע!

אָפּפאָרנדיק אַ שטיקל צײַט האָבן מיר פּלוצלינג דערהערט אַ גערויש פון אָנפאָרנדיקע מאָטאָציקליסטן אין זייער אַ גרויסער צאָל מיט אויס־געשרייען אַז אַלע פורן זאָלן זיך פאַרנעמען אָן אַ זײַט, דאָס הייסט, אַז מיר זאָלן אַראָפּ פון שאָסיי.

אויפן שאָסיי זענען געפאָרן נאָך פאַרשידענע פויערישע פורלעך. דער באַפעל איז גלײַך אויסגעפירט געוואָרן. מיר האָבן אָנגעהויבן פאָרן אין דער זײַט. וואָס אַמאָל האָבן אָנגעהויבן אָנקומען אַלץ מער און מער מיליי־טער־לײַט אויף מאָטאָציקלען. פּלוצלינג איז געפאַלן דער באַפעל: — שטיין בלײַבן! אַלע פורן זענען געבליבן שטיין. אַ צען מאָטאָציקליסטן מיט האַקנ־קרייץ־בענדער אויף די אָרעמס און אויטאָמאַטיש געווער אויף דער ברוסט, זענען צו צו די פאָרנדיקע און אָנגעהויבן קאָנטראָלירן יעדע פור באַזונדער.

מיר האָבן באַלד געהאַט אַ פֿאַרגעפֿיל אַז קיין געזונט וועט אונדז פֿון דער קאָנטראָל נישט צוקומען.

זיי זענען צו צו אונדזער פֿור:

— אָ, אַזוי פֿיל לויטע אויף איין וואַגען — האָט זיך איינער אָנגערופֿן. זיי פֿרעגן וואָס מיר טוען אויפֿן וועג ווען דאָס מיליטער דאַרף דורכפֿאָרן? און גלײַך גיבן זיי אַ פֿרעג: — יודען?

— יאָ, — זאָגן מיר, — מיר זענען ייִדן, מיר פֿאָרן קיין וואַרשע.

— אַך זאָ, זי פֿאָרן נאָך וואַרשוי? — האָט זיך איינער אָנגערופֿן.

אַ מינוט איז געוואָרן שטיל, די מיליטער־לײַט רעדן צווישן זיך עפּעס און גלײַך פֿאַלט אַ באַפֿעל:

— אַלע מענער אַרונטער פֿון וואַגן!

זיי ווײַזן אָן מיט דער האַנט אויף רעכטס, אַז דאָרט איז פֿאַראַן אַ ציי־געלניע, דאָרט זאָלן מיר צופֿאָרן.

די פֿרויען הייבן אָן שרעקלעך צו וויינען און בעטן מע זאָל אונדז אָפּלאָזן. די דײַטשן שרײַען:

— שווײַגן! דעם באַפֿעל אויספֿירן!

די מענער גייען אַראָפּ פֿון וואָגן. די היטלעריסטן רינגלען אונדז אַרום מיט אויטאָמאַטיש געווער און שרײַען: — מאַרש!

מיר ווערן ווי פֿאַרגליווערט. מיר רעדן גאָרנישט און הייבן אָן אויס־צופֿירן דעם באַפֿעל. די ווײַבער אויפֿן וואָגן, די מענער אַרום וואָגן, אַרומ־גערינגלט פֿון די באַוואָפֿנטע היטלעריסטן נעמען אונדז פֿירן אויפֿן פֿרײַען פֿעלד צום אָנגעוויזענעם אָרט.

דורך דער צײַט קומען כסדר אָן אַלץ מער די מיליטער־טיילן. מיר הערן געשרייען צו די זעלנער וואָס פֿירן אונדז:

— קאַמעראַדן, וואָס איזט דען לאָס, ווהין פֿירן זי די לויטע? און פֿאַרוואָס?

איינער פֿון די, וואָס פֿירט אונדז, לויפֿט צו און מעלדעט עפּעס דעם עלטסטן.

ס׳קומט אַ באַפֿעל פֿונעם עלטסטן:

— שטיין בלײַבן!

ס׳דערנענטערט זיך צו אונדז אַ העכערער אָפיציר מיט צוויי באַגלייטער און זיי פרעגן זיך אויס וואָס, ווען און פאַרוואָס מע פירט אונדז.

איינער פון די דײַטשן ענטפערט אים, אַז מיר זענען זיי פאַרדעכטיקט און דער עיקר וואָס מיר זענען ייִדן. דער אָפיציר האָט אונדז געפרעגט וואָס מיר טוען דאָ און צוליב וואָס מיר פאָרן אין דער ריכטונג פון וואַרשע.

מיר דערקלערן, אַז מיר זענען שוישפּילער.

דער עלטערער אָפיציר זאָגט:

— שוישפּילער? מערקווירדיק, איך זעלבסט בין שוישפּילער.

דער אַלטער ייִדישער אַקטיאָר שלום צוקער פון ווין נעמט אַרויס דעם פּאַסירשײַן, וואָס ער האָט אַרויסגענומען בײַם קאָמענדאַנט אין וואַרשע, און ווײַזט אים. ער לייענט איבער און זאָגט:

— יאָ, אָבער וואָרום פאָרט איר נישט נאָך ביאַליסטאָק?

מיר דערקלערן אים, אַז קיין ביאַליסטאָק לאָזט מען מער נישט אַרײַן און מיר זענען געצוווּנגען צו פאָרן צוריק.

אייניקע מינוט הערשט אַ טויטע שטילקייט. דער עלטערער אָפיציר באַראָט זיך אַפּנים מיט זײַנע צוויי באַגלייטער און עס קומט אַ באַפעל.

— פיר שעה זאָלן מיר דאָ בלײַבן שטיין און נישט וואַגן זיך צו רירן פון אָרט, איין טריט בלויז, אַז מיר וועלן מאַכן, יוערן מיר דערשאָסן אויפן אָרט. נאָך די פיר שעה קאָנען מיר ווײַטער פאָרן אונדזער וועג.

מיר האָבן אַ ביסל פרײַער אָפּגעאָטעמט. זיי זענען אַוועק. נישט ווייניקער פון צוויי אָדער דרײַ שעה האָט געדויערט דער דורכמאַרש פון דײַטשן מיליטער. ווען זיי זענען שוין געווען ווײַט פון אונדז האָבן מיר זיך נאָך אַלץ געפילט אין אַ הינערפלעט־צושטאַנד אין גאַנצן ווי צעטומלט פון שרעק.

נאָך די פיר שעה האָבן מיר אָנגעהויבן ווײַטער צו פאָרן. מיר זענען דערפאָרן צו דער וואַרשעווער ראַגאַטקע אויף פּראַגע. פּלוצלינג זעען מיר אַז דער וועג איז פאַרשטעלט. אַ זעלנער מיט אַ ביקס שטייט אויפן שאָסיי, וואָס איז פאַרלייגט מיט אַ באַריערע. ס׳איז נאָר אָפן אַ שמאָלער דורכגאַנג פאַר פוסגייער. אָבער אַז אַ פור זאָל קאָנען דורכפאָרן מוז מען האָבן אַ ספּעציעלע דערלויבעניש. דאָס, דערקלערט אונדז דער זעלנער, איז איין פאַראָרדענונג, און די צווייטע פאַראָרדענונג איז, אַז קיין ייִדן לאָזט מען מער נישט אַרײַן קיין וואַרשע.

דער באַלעגאָלע באַוויזט אַז ער האָט אַ פּאַסירשײַן צו פֿאָרן הין און צוריק.

— גוט, — זאָגט דער זעלנער, — די פֿור וועל איך דורכלאָזן, נאָר די מענטשן נישט.

ווײַטער ראַטעוועט אונדז דאָס פּאַפּירל וואָס ס׳האָט פּאַר אונדז פֿאַר־זאָרגט דער אַלטער ייִדישער אַקטיאָר פֿון ווין שלום צוקער.

מע לאָזט אונדז אַדורך. איצט דאַרף מען נאָך האָבן דאָס גרויסע מזל דורכצופֿאָרן די קערבעדזש־בריק אַרײַנצוקומען קיין וואַרשע. דאָס מזל איז געווען אויף אונדזער זײַט. מיר זענען בשלום אַדורך די בריק. זעקס אַזייגער פֿאַרנאַכט האָב איך זיך, אַ מידער און צעבראָכענער, געשלעפּט מיט מײַן וואַליזקעלע אַהיים צו מײַן פֿאַמיליע.

קאַפּיטל 11

מיין צווייטער גאַנג צו דער גרענעץ

איך האָב אײַנגעזען אַז בלײַבן בײַ די האַקנקרייצלער אין וואַרשע איז פֿאַר מיר אוממעגלעך. איבערהויפּט נאָך דעם ווי איך האָב זיך איבער־געצײַגט ווי הפקר דאָס ייִדישע לעבן איז בײַ זיי. איך האָב איבערגערעדט מיט מײַן פֿאַמיליע וועגן אונדזער אַלעמענס אַוועקגיין פֿון וואַרשע. ליידער האָט מײַן פֿרוי וועגן דעם נישט געוואָלט הערן. זי אַזוי ווי די מערהייט ייִדישע פֿרויען האָבן געהאַלטן אַז פֿאַר די מענער איז טאַקע אַ גרויסע סכנה צו בלײַבן, אָבער פֿאַר די פֿרויען איז די געפֿאַר נישט אַזוי גרויס.

איז געבליבן, אַז מײַן פֿאַמיליע בלײַבט דערווײַל אין וואַרשע, אָבער איך דאַרף און מוז פֿאַרלאָזן די שטאָט. און כ׳האָב זיך אָנגעהויבן גרייטן.

ווידער האָב איך זיך צונויפֿגערעדט מיט מײַן חבר זישע קאַץ און מיר האָבן אָנגעהויבן טראַכטן וועגן גיין אין צווייען. אויב ס׳וועט זיך אײַנגעבן צו קאָנען אַריבערגיין די גרענעץ מיט אַ „מאַכער“, אַ ספּעציאַליסט, דאָס הייסט, מיט אַן אויסגעפּרוווטן גרענעץ־גייער, איז גוט, אויב נישט, האָבן

מיר באַשלאָסן צו גיין אַליין, ריזיקירן, ביי אַלע אומשטענדן, וואָס עס זאָל נישט געשען.

איך האָב זיך געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט פאַרשידענע מעקלערס וועגן דעם ענין. מ׳האָט מיר רעקאָמענדירט די בעסטע גרענעץ־פירער. דאָס זענען געווען צוויי יונגע פאַלאַקן, וואָס האָבן באַוויזן מיט עדות אַז זיי מאַכן עס אויסגעצייכנט. איך האָב מיט זיי אָפּגעמאַכט אַז זיי זאָלן נעמען דאָס ביסל זאַכן, מיין קאָנסולאַר־פּאַס, וואָס האָט געהאַט אויף זיך אַ נישט־אויסגעגאַנגענע וויזע קיין אַמעריקע אויף אַ גאַנץ יאָר, אַ פּאַפּיר פון עליס־איילאַנד, און מיין לעגיטימאַציע פון אַקטיאָרן־פאַראיין. דאָס וויכטיקסטע איז פאַר מיר געווען מיין פּאַס און דאָס פּאַפּיר פון עליס־איילאַנר וואָס איך האָב זעלבסטפאַרשטענדלעך נישט געטאָרט האַלטן ביי זיך.

מיט די פאַלאַקן איז אָפּגערעדט געוואָרן אַז זיי זאָגן מיר דעם וועג ווו צו גיין, וואָס צו טון און צו וועמען איך האָב זיך צו ווענדן אויפן גאַנצן וועג. זיי גייען אָפּגערוקט פון מיר מיט אַ הונדערט מעטער. אויב ס׳וועט, חלילה, מיט מיר עפּעס געשען, זאָלן זיי קודם באַזאָרגן דאָס ביסל זאַכן, דעם פּאַס, דאָס פּאַפּיר פון עליס־איילאַנד, די לעגיטימאַציע פון אַקטיאָרן־פאַראיין, — דאָס אַלץ זאָלן זיי באַזאָרגן צום דירעקטאָר פון טעאַטער „פּאַלאַס״ אין ביאַליסטאָק, גורוויטש. דאָס איז גערעדט געוואָרן אויב מיר וועט זיך נישט איינגעבן דורכצוגיין. פאַרן דורכפירן די זאַכן האָבן זיי נישט אַנדערש גענומען ווי נאָר גוטע וואַלוטע — דאָלאַרן.

איך האָב איינגעלייגט אַ געוויסע סומע דאָלאַרן און אויך זיי האָבן איינגעלייגט א סומע געלט. קום איך אַדורך בשלום, שיק איך מיט זיי אַ בריוו, וועט מען זיי אויסצאָלן, אויב איך וועל, חלילה, נישט אַדורך און זיי וועלן ברענגען אַ בריוול פון גורוויטשן, אַז ער האָט באַקומען די אַלע זאַכן — זאָל מען זיי אויסצאָלן דאָס געלט. אויך מיין חבר קאַץ האָט אַזוי אָפּגעמאַכט און ס׳איז געבליבן, אַז איין אַ געוויסן טאָג פון נאָוועמבער פון זעלבן 1939, זאָלן זיי צוקומען אויף אַ געוויסן פּלאַץ. אין דער אַנוועזנהייט פון עדות וועלן זיי נעמען אונדזערע וואַליזעס, פּעסער און פּאַפּירן, ווי מ׳האָט אָפּגע־רעדט, און מיר וועלן זיך לאָזן אין וועג.

מיט עפּעס מער ווי אַ שעה, איידער עס איז געווען דער פאַרבאָט, ווען מע טאָר נישט אַרויסגיין אין גאַס, האָבן מיר זיך מיט זיי געטראָפן.

זיי האָבן צוגענומען אונדזערע זאַכן און אונדז געזאָגט ווי אַזוי מיר זאָלן אַדורכגיין די בריק קיין פּראַגע, ווו מיר וועלן זיך דאַרפֿן אויפֿהאַלטן אין אַ געוויס הויז פֿאַרן לאָזן זיך אין וועג אַרײַן.

דאָס געזעגענען זיך מיט מײַן פֿאַמיליע איז פֿאַר מיר געווען אַן אויסער־געוויינטלעכע איבערלעבעניש. געוויינען, ספּאַזמעס. איך האָב זיך געווונטשן צו קאָנען זיך מיט זיי אין גיכן זען אין אַ פֿרײַ און רויִק לאַנד און לעבן ווי פֿרײַע מענטשן.

איך האָב עפּעס געהאַט אַ פֿאַרגעפֿיל, ווער ווייסט, צי איך וועל זיי נאָך ווען ס'איז זען. דערפֿאַר טאַקע איז עס געווען אַזוי האַרצרײַסנדיק אונ־דזער געזעגענען זיך. נאָך לאַנג פֿאַר מײַן אַוועקגיין, אַ גאַנצן מעת־לעת זענען אַנגעגאַנגען די געוויינען, אַפֿנים, אַז בײַ אונדז אַלעמען איז געווען דער פֿאַרגעפֿיל, אַז מיר וועלן זיך שוין מער נישט זען און דער פֿאַרגעפֿיל האָט אונדז ליידער נישט אָפּגענאַרט.

דעם 21סטן נאָוועמבער, 1939, איז געווען דער טאָג, ווען מיר האָבן זיך צום לעצטן מאָל געזען, און שוין אויף אייביק. מײַן עלטער טעכטערל האָט מיך נאָך באַגלייט ביז אויף דער דזשעלנע גאַס נומער 20, ווו מע דאַרף קומען נאָך מיר געבן אָנווײַזונגען ווי אַזוי צו גיין. אין דער לעצטער מינוט זאָגט צו מיר מײַן ליב טעכטערל, פֿאַלטשעלע:

— טאַטעשי, איך וואָלט געוואָלט אַזוי גיין מיט דיר צוזאַמען... איך האָב אַזוי מורא צו בלײַבן דאָ מיט די דײַטשע מערדער.

— אָבער, קינד מײַנס, — זאָג איך צו איר, — ווי קאָן איך דיך נעמען אויף אַזאַ ריזיקאַלישן וועג? דער גאַנג מײַנער איז דאָך פֿאַרבונדן מיט גרויס געפֿאַר, זאָל איך אויך ריזיקירן מיט דײַן יונג לעבן? ניין, מײַן קינד, איך טאָר עס נישט.

עס ווערט שפּעט. די קריסטן קומען אָן, אויך מײַן חבר קאַץ באַוועגט זיך. איך געזעגן זיך נאָך אַמאָל מיט מײַן געליבט קינד. טרערן, טרערן, אַ ים מיט טרערן...

זי הייבט מיך אָן צו פֿאַרלאָזן, זי גייט מיט פֿאַמעלעכע טריטלעך, קוקט זיך אַלע ווײַלע אַרום, בכדי צו כאַפּן אויף איר פֿאָטער נאָך איין בליק, נאָך אַ קוק, ביז זי פֿאַרשווינדט אין דער פּאָוו־גאַס אַרײַן.

אָרעם קינד מײַנס, אַפּנים, אַז דו האָסט געהאַט דאָס זעלבע געפיל וואָס איך!... האָסט אַוודאי געטראַכט: ווער ווייסט צי וועלן מיר זיך נאָך זען...

**
*

כדי צו זײַן אַ ביסל זיכערער מיטן אויסזען בין איך געגאַנגען אָנגעטון עכט־פּויליש. אַ פּוילישע מאַטשעיעווקע־היטל, אַ קורטקע און אַ פּאָר שטיוול. מיט גרויס האַרצקלאַפּעניש האָב איך זיך דערנענטערט צו דער פּראַגער בריק.

די צוויי פּאַלאַקן זענען געפאָרן מיט אַ פורל. איך בין זיי נאָכגעגאַנ־גען אָפּגערוקט פון זיי אויף אַ הונדערט מעטער. בײַם אָנהייב פון דער בריק איז געשטאַנען אַ וואַך. האָבן זיי פאַרפירט אַ געשפּרעך מיט די וואַכלײַט אָפּ־צוציִען די אויפמערקזאַמקייט בעת מײַן אַדורכגיין דעם וואַכפּאָסטן פאַר דער בריק. דאָס זעלבע איז אויך געשען מיט זישע קאַץ. לויטן פּלאַן זענען מיר איינער פון צווייטן געגאַנגען אָפּגערוקט אויף 50 מעטער.

אין נאָוועמבער איז די קאָנטראָל געוואָרן נאָך שטרענגער ווי פריִער. דאָס באַנעמען זיך פון די דײַטשן און פּאָלאַקן איז געוואָרן נאָך מער הפקר, דער עיקר מצד די פּאָלאַקן וואָס האָבן אײַנגעזען אַז מיט ייִדן קאָן מען טון וואָס מע וויל.

אַריבערגעפאָרן די בריק זענען די צוויי פירער אונדזערע געפאָרן מיטן פורל און מיר זענען נאָכגעגאַנגען פון הינטן. צוקומענדיק נאָענט צו דער טאַרגאָווע־גאַס האָבן זיי צו אונדז אַ ווונק געטון, מיר זאָלן גיך אַרויף אויפן וועגעלע. זיי זענען שנעל געפאָרן מיט אונדז אין אַ פאַרוואָרפן געסל. אונדז אַרײַנגעפירט אין אַ פינצטער צימערל און געהייסן דאָרט בלײַבן ביז פינף אַזייגער פאַרטאָגס. זיי וועלן שוין קומען נאָך אונדז, — האָבן זיי אונדז פאַרזיכערט, — פאַרשלאָסן אונדז און אַוועק.

וואָס איך האָב איבערגעלעבט אין די צען שעה, וואָס איך בין געווען פאַרשלאָסן, קאָן מען זיך קוים פאָרשטעלן. צי בין איך דען געווען זיכער אין דער דאָזיקער הפקר־צײַט, אַז זיי וועלן טאַקע קומען פינף אַזייגער? אפשר וועלן זיי גאָר באַלד קומען מיט די דײַטשן צו אונדז און אויסטראַכטן אַ בילבול אַז איך מיט מײַן חבר גרייטן עפּעס קעגן די דײַטשן...

די צען שעה ביז אין דער פרי האָבן זיך געצויגן ווי אַן אייביקייט.

פלוצלינג הער איך טריט. אַ דריי פון שליסל. זיי זענען דאָ. זיי גיבן אונדז באַן־בילעטן קיין מאַלקין און זאָגן אונדז אָן, אַז אויפן וועג זאָלן מיר מיט קיינעם נישט רעדן, גיין באַזונדער יעדער איינער און אַרײַנגיין דרייסט אין וואַגאָן אַרײַן. מאַכן זיך, אַז מיר קענען זיי נישט און נישט קוקן אויף זיי, אין זייער זײַט, אויב מיר וועלן זיי אַפילו באַמערקן. נישט האָבן בײַ זיך קיין שום דאָקומענטן, טאָמער באַזוכט מען אונדז.

זיי לאָזן זיך גיין און מיר — נאָך זיי — אויף פופציק מעטער ווייט. מיר, איך און קאַץ, גייען אָפּגערוקט איינער פון צווייטן אויך אויף אַ פופציק מעטער.

אויפן וואָקזאַל האָבן זיך געפונען הונדערטער מענטשן. אפשר גאָר טויזנטער, זייער אַ סך. קריסטן צוזאַמען מיט ייִדן. אַלע זענען אָנגעטון ווי פּאָלאַקן מיט די מאַטשעיוווקעס אויפן קאָפּ. די פּאָלאַקן זענען באַלאָדן מיט אַ סך פּעקלעך: שמוגלערס וואָס האָבן אַריבערגעפירט אויף דער צווייטער זײַט, ווײַל דאָרט, בײַ די סאָוויעטן, האָט מען געגומען צען, צוואָנציק און אַפילו פופציק מאָל טייערער אויך. פּאָלאַקן זענען שוין דעמאָלט רײַך גע־וואָרן פונעם שוואַרצן מיסחר און פון די ייִדישע פּײַן און לײַדן.

איך בין אַדורך די וואָקזאַל־טיר, אַרײַן אין וואַגאָן. אָן ענגשאַפט — קאָפּ אויף קאָפּ, נישטאָ וווּ צו שטיין, נישטאָ וווּ צו זיצן. איך הער ווי מע זאָגט, אַז וואָס ענגער איז בעסער, כדי ס׳זאָל נישט זײַן קיין מעגלעכקייט צו קאָנטראָלירן די בילעטן.

די באַן הייבט אָן רירן, מע פאָרט אָפּ אויפן וועג קיין מאַלקין...

קאַפּיטל 12

גיהנומדיקער וועג הינטער מאַלקין

נאָך אַ לענגערער צײַט שלעפּן זיך, אונטער אַ כסדרדיקער מורא און האַרצקלאַפּעניש וועגן ווײַטערדיקן גורל, זענען מיר אָנגעקומען אויף דער סטאַציע מאַלקין.

דער גרויסער עולם האָט זיך געגעבן אַ לאָז אַרויס פון די וואַגאָנען,

ווי אַ שטורמיש וואַסער וואָס פאַלט פון די בערג. די שטענדיקע שמוגלערס און גרענעץ־גייערס האָבן שוין געוווּסט וואָס צו טון און וועלכן וועג צו נעמען.

דעם צוג האָבן אָפּגעוואַרט דײַטשן פון אַ ספּעציעלער קאָמאַנדע, וואָס פלעגט אויפנעמען די אומגליקלעכע אָנקומענדיקע ייִדן מיט אויסגעשרייען:

— יודן, שטייַן בלײַבן!

זיי האָבן געהאַלטן געווער אין די הענט און געפּלאַכטענע בײַטשן. אַרום זיי האָט זיך געפונען אַ באַנדע פּאָלאַקן מיט שטעקנס אין די הענט — אַ ספּעציעלע קאָמאַנדע פון פּוילישע שלעגער.

די גרויסע מענטשן־מאַסע פון די וואַגאָנען האָט אָנגעהויבן לויפן אין פאַרשידענע ריכטונגען. די גוטבאַקאַנטע פּוילישע שמוגלערס האָבן געגור־מען שרײַען אין פּויליש אַז מע זאָל נישט בלײַבן שטיין. נאָך אין די וואַ־גאָנען האָט מען אַלעמען געלערנט, אַז וואָס עס זאָל נישט געשען, זאָלן אַלע לויפן, נאָר לויפן.

מע שלאָגט און דער עולם לויפט...

די ספּעציאַליסטן־שמוגלערס, — וואָס מאַכן כסדר דורך דעם וועג הין און צוריק, זינט די היטלעריסטן מיט די סאָוויעטן האָבן געמאַכט דעם טרויעריק־באַרימטן שותפות זיך אײַנצוטיילן מיט פּוילן, — האָבן שוין זייערע פּויערן, וואָס וואַרטן אויף זיי מיט פורלעך. זיי כאַפּן זיך אַרויף צו זיי אויפן וואָגן און פאָרן גיך־גיך אַוועק. גאָר אַ סך פון די פּוילישע שלע־גער־יונגען זענען געווען שותפים פון די שמוגלערס. זיי האָבן עס געמאַכט די גרעסטע געשרייען: — ייִדן! ייִדן! — בכדי אָפּצוציִען די אויפמערקזאַמ־קייט פון זייערע שותפים, די שמוגלערס, וואָס זענען גאָר גיך נעלם געוואָרן אויף די וואַרטנדיקע פורלעך מיט זייער שמוגל. דאַקעגן די ייִדן, וואָס זענען דאָ אָנגעקומען צום ערשטן מאָל און האָבן זיך אַזוי גיך נישט געקענט אָריענ־טירן אין וועלכער זײַט עס איז בעסער זיך צו לאָזן לויפן, זענען געווען די קרבנות.

איך האָב זיך אויסגעמישט מיט דער גרויסער מאַסע לויפער, געטון אַזוי ווי מײַנע צוויי פּאָלאַקן, די וועגפירער פון וואַרשע, האָבן מיך געלערנט: אַז וואָס עס זאָל נישט געשען — זאָל איך לויפן אין דער ריכטונג גלײַך מיטן שאָסיי, וואָס פירט צו דער אײַנגעשטעלטער גרענעץ. צו לויפן איז גע־

ווען אַ שיינע פּאָר קילאָמעטער. מע שלאָגט איבער די קעפּ, איבער די פּליי־צעס. יעדער איינער פון די אומגליקלעכע ייִדן ווערט צעמזיקט, אָבער מע לויפט. מע שיסט־נאָך און מע לויפט. יעדער וויל פּאַר יעדן פּרײַז אַוועק פון גיהנום.

איך פּיל, אַז ס׳רינט מיר בלוט פון קאָפּ, פון פּנים, אָבער איך לויף מיט מײַנע לעצטע כוחות. לויפנדיק זעט מען ווי מענטשן פאַלן אויף דער ערד. דאָס האַרץ ווערט צעריסן פאַר ווייטיק איבערצולאָזן די געפאַלענע פאַרבלוטיקטע ייִדן. דער אימפּעט און די מורא יאָגט אָבער ווײַטער און ווײַטער. איך דערפיל אַז מער לויפן קאָן איך נישט. איך לאָז מיך אַראָפּ אין דער זײַט פון שאָסיי אין אַ גרוב און בלײַב דאָרט ליגן, מיינענדיק, אַז אפשר וועט זיך מיר אײַנגעבן נישט באַמערקט צו ווערן פון די שלעגערס. איך האָב אָבער געמאַכט אַ ביטערן טעות.

די באַנדע שלעגערס — דײַטשן און פּאָלאַקן — האָבן אַרומגערינגלט דעם שאָסיי אויף אַ גרויסן שטח. די אַלע, וואָס זענען אַרײַנגעפאַלן אין זייערע הענט, זענען פריִער באַרויבט געוואָרן און שפּעטער פּאַרטיעסווײַז אָפּגעפירט געוואָרן אין דער פּאָסט־געביידע פון מאַלקין.

איך בין אויך געווען איינער פון די, וואָס מע האָט געכאַפּט. געוואָרן ווײַטער צעשלאָגן און אָפּגעפירט צו דער פּאָסט־געביידע. דאָרט האָט מען צונויפגעטריבן מער ווי אַ צוויי הונדערט צעבלוטיקטע ייִדן און אויך עט־לעכע געציילטע פּאָלאַקן, אַפּנים, נישט קיין שמוגלערס, וואָס זענען אפשר אויך געווען געצוווּנגען צו אַנטלויפן. מ׳האָט אַלע געהייסן שטיין גלײַך, זיך נישט באַוועגן. אַ היטלעריסט מיט אַ הייזעריק־פאַרשיכורטע שטים האָט אויסגערופן:

— דער קאָמענדאַנט פונעם וואַך־אַמט אין מאַלקין וויל זיך מיט יעדן איינעם געזעגענען, איידער זיי גייען אַריבער די גרענעץ אויף יענער זײַט.

אַ נײַער גיהנום האָט זיך אָנגעהויבן.

איך בין אַרײַנגעוואָרפן געוואָרן אין אַ גרויס צימער, ווו ס׳איז גע־שטאַנען אַ מגושמדיקער גרויסער אויסגעפּאַשעטער דײַטש, גראָב ווי אַ חזיר. ער האָט מיך געהייסן צוגיין נענטער צו זיך און מיר פאַרגעלייגט איך זאָל אים מיט גוטן אָפּגעבן דאָס גאַנצע גאָלד און געלט וואָס איך האָב בײַ זיך.

איך דערקלער אים, אַז איך האָב נישט קיין געלט און קיין גאָלד.

ער פרעגט מיך:

— צוליב וואָס ביסטו געלאָפן איבער דער גרענעץ?

און איך ענטפער:

— איך האָב ביז איצט געוווינט אין ביאַליסטאָק און בין צופעליק געבליבן אין וואַרשע בײַם אויסברוך פון קריג און איצט וויל איך צוריק קומען אַהיים אַרבעטן און פאַרדינען אויף ברויט.

ער רופט מיך צו נענטער, לאָזט מיר אַראָפּ אַ פײַערדיקן פּאַטש און שרײַט צו מיר:

— יודע פערעקע! דײַן געלט גיב!

ער כאַפּט מיך שטיקן פאַרן האַלדז מיט זײַנע לאַפּעס. איך פיל, אַז איך וועל עס נישט אויסהאַלטן און פאַל אַנידער אויף דער ערד.

ער גיט אַ געשריי און ס'קומען אַרײַן צוויי דײַטשן, זיי הייבן מיך אויף און טראָגן מיך אַרײַן אין אַ צווייטן גרעסערן בנין, וואַרפן מיך אַראָפּ אויף דער ערד אַ האַלב־פאַרחלשטן. איך פיל, אַז עמעצער באַרירט מיך און גיט מיר אַ ביסל וואַסער. ווען איך בין געקומען צו זיך באַמערק איך אַז אין דער געבײַדע געפינען זיך שוין אַ סך געכאַפּטע יידן. זיי דערציילן אַז יעדער איינער האָט מיטגעמאַכט בײַם מגושמדיקן דײַטש דאָס זעלבע וואָס איך. אָבער די, וואָס האָבן געהאַט געלט אים אָפּצוגעבן, זענען אָפּגעקומען מיט שוואַכערע קלעפּ. אָך און וויי איז געווען נאָר צו יענע וואָס האָבן אים נישט געהאַט אָפּצוגעבן קיין געלט.

מיט אַ שטיקל צײַט שפּעטער קומט אַ באַפעל אַז אַלע זאָלן זיך אויס־שטעלן צו פינף פּערזאָן אין אַ ריי. מיר ווערן אַרומגערינגלט פון היטלע־ריסטן מיט געווער אין די הענט און דער מאַרש הייבט זיך אָן.

מ'האָט אונדז געפירט עטלעכע קילאָמעטער ביז מיר זענען געבליבן שטיין פאַר אַ קליינער געביידע. עס באַווײַזט זיך דער אָבערקאָמענדאַנט. איינער, וואָס פירט אונדז, גיט אַ געשריי: — אַכטונג! אָבערלייטענאַנט פון עסעס, שניטקע.

ער דערקלערט אונדז, אַז פאַרן ווערן אַריבערגיין אויף יענער זײַט גרענעץ, צו די סאָוויעטן, אָן פאַסירשײַנען, ווערן מיר באַשטראָפט מיט אַר־בעט. אין געציילטע מינוטן אַרום באַווײַזן זיך לאַסט־אויטאָס. מיר ווערן אַרויפגעפּאַקט צו צוואַנציק און פינפאונצוואַנציק מאַן. מע פירט אונדז

אַוועק. ווי לאַנג מ׳האָט אונדז געפירט האָבן מיר געגעבן נישט געוווּסט ווייל קיינער פון אונדז האָט שוין קיין זייגער נישט פאַרמאָגט.

מיר זענען שטיין געבליבן אויפן אָרט וואָס האָט אונדז אויסגעזען ווי אַ דאָרף. גלייך זענען אָנגעקומען נאָך דייטשן. מ׳האָט אונדז איינגעטיילט צו צוואַנציק פּערזאָן, אַריינגעפירט אין אַ גרויסן שפּייער, וווּ אויף דער ערד איז געווען אויסגעשפּרייט שטרוי, און געהייסן זיך אויסרוען, ווייל מאָרגן פרי, — אַזוי האָבן זיי אונדז פאַרזיכערט, — גייען מיר צו דער אַרבעט.

אַ וואַכזעלנער האָט אונדז געהיט בײַם אַרײַנגאַנג.

נישט געקוקט דערויף, וואָס איך בין געווען מיד און צעבראָכן פון די איבערלעבענישן, האָב איך נישט געקאָנט איינשלאָפן. מײַנע געדאַנקען האָבן מיך אַוועקגעפירט אַ היים, קיין וואַרשע, כ׳האָב געטראַכט וועגן מײַן פאָרן קיין אַמעריקע, מײַן באַשלוס נישט צו בלײַבן אין אַמעריקע אין דער צײַט פון דער מילחמה, נאָר פאָרן גיך אַ היים, אפשר וועל איך עפּעס קאָנען טון פאַר מײַן פאַמיליע... און אָט געפין איך זיך אין אַ לאַגע, וואָס נאָר איין גאָט ווייסט מײַן ווײַטערדיקן גורל...

אַזוי טראַכטנדיק בין איך געוואָרן אַנטדרעמלט.

אַ געשריי האָט מיך אויפגעוועקט. מ׳הייסט אונדז אויפשטיין און אין רייען צו פינף מאַרשירן מיר אָפּ צו דער פעלדקיך. דער פאַרטאָגס איז געווען אַ קאַלטער אַזוי ווי אין האַרבסט. יעדער איינער האָט באַקומען אַ שוואַרץ שטיק ברויט מיט קאַווע. נאָכן פרישטיק האָט מען אונדז געפירט צו אַ פּלאַץ וווּ ס׳זענען געלעגן זייער אַ סך לאָפּעטעס און אַנדערע אַרבעט־מכשירים. עס זענען צוגעפאָרן די זעלבע קאַמיאָנען וואָס האָבן אונדז געבראַכט אַהער. יעדער איינער האָט באַקומען זײַן אַרבעט־אינסטרומענט. איך האָב באַקומען אַ לאָפּעטע. מ׳האָט אונדז אויפגעלאָדן אויף די קאַמיאָנען, און געפאָרן מיט אונדז צו אַ וואַלד־אָפּשניט און דאָרט געבליבן שטיין. באַלד איז געקומען אַ באַפעל אַראָפּצוגיין פון די קאַמיאָנען. מ׳האָט אונדז אָנגעוויזן וואָס צו טון. יעדע צען פּערזאָן האָבן געדאַרפט אויסגראָבן אַ גרוב פון דרײַ מעטער די ברייט, דרײַ די לענג און צוויי די טיף.

פון דער ווײַטן האָבן זיך דערטראָגן געשרייען, וואַרשײַנלעך האָט מען דאָרט אויך געאַרבעט. מיר האָבן געהאַט דעם אײַנדרוק, אַז אַרום אונדז אַר־בעט מען פיבערהאַפט און די אַרבעטער זענען אַלע די אָנגעקומענע ייִדן.

אפּנים, אַז אויף דעם אָרט אַרום האָט מען אָנגעהויבן אויפצושטעלן די ערד־שטע אַרבעט־לאַגערן. אַזוי האָב איך אָפּגעאַרבעט אַכט טעג.

אויפן ניינטן טאָג אין דער פרי האָט מען אונדז אָפּגעפירט קיין מאַלקין, און אונדז געמאָלדן, אַז איצט קאָנען מיר גיין, אויב מיר ווילן, צו די סאָוויעטן. מיר זענען אַוועק יעדער זיין וועג צו דער גרענעץ. אָפּגייענדיק אַ שטיקל צייט דערהערן מיר פון גאַנץ ווייט די זעלבע געשרייען און יללות, וואָס מיר האָבן איבערגעלעבט קומענדיק קיין מאַלקין. אַפּנים, אַז יעדער טאָג איז פאַרגעקומען אַזאַ מערדערישער פאַרבלוטיקטער ספּעקטאַקל מיט אונדזערע ייִדן.

איך בין שוין אָבער געווען זייער נאָענט צו דער באַריערע מיט דער דייטשער וואַך, נאָענט צו דער גרענעץ. אויך דאָ שטייען אַ סך פּאַלאַקן מיט שטעקנס אין די הענט. ביים שמאָלן אַדורכגאַנג, וווּ ס'געפינט זיך די לעצטע דייטשע וואַכבודקע, שטייען נישט מער ווי אַ צען דייטשן, אַדורכגיין מוז מען איינציקווייז.

איידער איך גיי אַדורך, באַקום איך פון עטלעכע פּאַלאַקן מוראדיק געשלאָגן, אָט־אָט און איך פּאַל. אין מיינע געדאַנקען טו איך תפילה:

— גיב מיר כוח, גאָט, כ'זאָל נאָך קאָנען שטעלן עטלעכע טריט, אַדורכצוגיין די באַריערע.

איך בין אַדורך, אָבער גלייך אַוועקגעפאַלן פון שוואַכקייט. ענדלעך געפין איך זיך אויף דער ערד פון קיינעמס־לאַנד.

עס לויפן צו מיר צו עטלעכע ייִדן. מ'הייבט מיך אויף און מיינע ייִדישע ברידער טראָגן מיך אויף זייערע הענט ביז צו אַ פּויערישער כאַטע. מע גיט מיר אַ ביסל וואַסער, מע וואַשט אַרום מיינע ווונדן און דאָס בלוט פון מיין פּנים, ביז איך קום צו די כוחות. איך האָב איצט איין ציל, כ'וויל וואָס גיכער זיך צו קאָנען ווייטער באַוועגן אין דער ריכטונג פון דער סאָוויעטישער גרענעץ און אָנקומען קיין ביאַליסטאָק, ווו איך האָב געהאָפט אַ שטיקל צייט זיך צו קאָנען אויסלעבן ווי אַ פרייער מענטש, ביז דער מילחמה־שטורעם וועט אַדורך און כ'וועל זיך קאָנען אומקערן צו מיין פאַמיליע.

אַזוי האָב איך געחלומט אויף דער פוילישער ערד, וואָס האָט איצט פלוצים באַקומען אַ נייעם נאָמען „קיינעמס־לאַנד" לויטן אָפּמאַך צווישן די צוויי שותפים און פריינד — היטלער און סטאַלין.

קאַפּיטל 13

אין „קיינעמס - לאַנד"

מיט מײַנע שוואַכע כוחות האָב איך געמאַכט גרויסע אָנשטרענגונגען, געזוכט מיטלען וואָס גיכער צו קאָנען אָנקומען צו דער סאַמע סאָוויעטישער גרענעץ פון קיינעמס-לאַנד.

ווען כ'בין געקומען אַהין, האָבן מיר ייִדן איבערגעגעבן, אַז מײַן חבר, זישע קאַץ, זוכט מיך אַרום שוין פון נעכטן אָן. עטלעכע מענטשן, וואָס האָבן מיטגעמאַכט מיט מיר די פאַרשלעפּונג אין דער פּאָסט-געבײַדע אין מאַל-קין, גיבן מיר איבער, אַז זיי האָבן זיך שוין געזען מיט קאַצן. ער ווייסט שוין אַז איך געפין זיך דאָ. באַלד באַווײַזט זיך טאַקע זישע קאַץ. ער דער-ציילט מיר, אַז אויך אים האָבן געכאַפּט די דײַטשע באַנדיטן און פאַרשלעפּט אויף אַרבעט. צוזאַמען מיט אַ גרעסערער גרופּע ייִדן האָט ער געאַרבעט זיבן טעג בײַם העלפן אויפשטעלן באַראַקן. נאָך די זיבן טעג שווערער אַר-בעט האָט מען זיי געהייסן לויפן וואָס גיכער צו דער גרענעץ, באַגלייט מיט אַ האָגל פון קלעפּ. פון נעכטן אָן איז ער שוין דאָ. ער גיט מיר אויך איבער, אַז נעכטן זענען דאָ געווען אונדזערע צוויי פּאַלאַקן, וואָס האָבן זיך אונטערגענומען אַריבערצופירן אונדזערע פּעסער און זאַכן. זיי האָבן אים געזאָגט, אַז זיי זוכן אונדז שוין אין משך פון צוויי טעג, און זעענדיק אַז מיר באַווײַזן זיך נישט, האָבן זיי אַלצדינג באַזאָרגט דאָרטן, ווו מיר האָבן זיי גע-הייסן אין ביאַליסטאָק. זיי האָבן אים געוויזן אַ בריוו פון טעאַטער-אייגנטי-מער אַז זיי האָבן אַלץ דערהאַלטן אין אָרדענונג. זיי האָבן אויך געהאַט אַ בריוועלע פון הויפּט-קאַסיר פון טעאַטער פונעם אַלטן סקאַרבניק, ווו ער זאָגט עדות אַז זיי האָבן אַלץ איבערגעגעבן. קאַץ האָט די צוויי פּאַלאַקן גע-געבן אַ בריוו קיין וואַרשע מיט אַ באַשטעטיקונג, אַז זיי האָבן אַלץ דער-ליידיקט אַזוי ווי מ'האָט אָפּגעמאַכט, אָבער אויסצאָלן דאָס געלט זאָל מען זיי נישט פריִער ווי אין אַכט טעג אַרום. ער האָט עס געטון דערפאַר, ווײַל ער האָט געגלייבט, אַז אין משך פון די אַכט טעג וועט ער זיך עפּעס קאָנען דערוויסן וועגן מײַן גורל.

דערווײַל איז צוגעפאַלן די נאַכט. מיר האָבן אָנגעהויבן מאַכן פּלענער וועגן אַריבערקומען אויף דער צווייטער זײַט. פון אַריבערגיין לעגאַל איז נישט געווען וואָס צו טראַכטן, ווײַל ס'איז געקומען אַ באַפעל דערווײַל קיינעם מער נישט אַריבערצולאָזן איבער דער גרענעץ. די לאַגע איז געוואָרן אַ פאַרצווייפלטע. די לעצטע טעג זענען שוין דאָ געווען טויטפאַלן פון קינדער און עלטערע מענטשן. מענטשן בעטן זיך בײַם וואַכזעלנער, ער זאָל דורכלאָזן, ווײַל אַנדערש וועט אויסקומען אַלעמען דאָ אויסצושטאַרבן.

עס ווערט שטאָק־פינצטער. די קעלט פרעסט זיך אײַן אין די ביינער. קינדער וויינען. אַלטע לײַט קרעכצן. עס געפינען זיך ריזיקאַנטן, וואָס הייבן אונטער די דראָטן און פאַרשווינדן אין דער געדיכטעניש פון וואַלד. פון דער רוסישער זײַט הערן זיך געשרייען מיט געמיינע עפּיטעטן אויפן חשבון פון אַלע ייִדן. רעפלעקטאָרן וואַרפן סנאָפּעס ליכט און באַלײַכטן דעם גאַנצן שטח פונעם געדיכטן וואַלד־אָפּשניט. אין מיטן פון בײדע זײַטן וואַלד האָט זיך געפונען אַ שאָסיי ווו ס'זענען געשטאַנען די סאָוויעטישע וואַכזעלנער. אין דער גאַנצער ברײַט זענען געווען דראָט־פאַרצוימונגען. דאָס אַריבערגיין איז דעריבער געווען זייער שווער. איבער דער ברייט פון שאָסיי איז געווען פאַרלייגט אַ שלאַבאַן.

צוזאַמען מיט טויזנטער ייִדן, פרויען, מענער און קינדער, האָבן מיר פאַרבראַכט די נאַכט אויפן פעלד. יעדע האַלבע שעה האָבן זיך דערטראָגן געשרייען. מענטשן זענען געלאָפן איבער דער גרענעץ. די רוסן האָבן געשלאָגן מיט „פּאָמאַטעריס" און געדראָעט אַז זיי וועלן שיסן. אייניצלנע מענטשן האָבן ריזיקירט און כסדר איבערגעלאָפן. פון שלאָפן האָט נישט געקאָנט זײַן קיין רייד. מ'האָט נאָר געטראַכט וואָס טוט מען ווײַטער?

די צײַט לויפט און קיין הילף זעט מען נישט פון ערגעץ. איך הייב אָן גיין זוכן, זיך דערוויסן וואָס מע קאָן טון. איך זע מיט מײַנע אייגענע אויגן קינדער און אַלטע לייט וואָס האָבן אויסגעהויכט זייערע נשמות. זייערע פאַמיליע־מיטגלידער לייגן זיי אַרויף אויף די פויערישע פורלעך און קערן זיך אום אַהיים מיט די טויטע. אַ סך אַנדערע עקשנים, וואָס ווילן זיך נישט אומקערן, זענען געצוווּנגען מיט דער הילף פון די אָרעמיקע פויערן צו גראָבן קברים פאַר די געשטאָרבענע. די פויערן, פאַרשטייט זיך, נעמען דערפאַר גוט באַצאָלט. די פּאָלאַקן, וואָס זענען דאָ געקומען אַהער, האָבן געמאַכט

גאַנץ שיין פּרנסה פון אונדזער אומגליק. אַ סך פּאָלאַקן הייבן אָן סטראַשען, מע זאָל זיי געבן געלט, אויב נישט וועלן זיי דאָ ברענגען דײַטשן, מע זאָל אַלע ייִדן אויסהרגענען.

דאָס וועטער ווערט וואָס אַ טאָג ערגער. ס'פּאַלט שוין אַ שניי. קיין שום געוויין פון פרויען און קינדער, מע זאָל זיי כאָטש אַדורכלאָזן, העלפט נישט. די מענער זענען גרייט צו וואַרטן ביז ס'וועט קומען דער באַפעל. אָבער ס'העלפט נישט, נישטאָ צו וועמען צו רעדן.

מענטשן ווערן אַזוי פאַרצווייפלט, אַז מע ריזיקירט אין מיטן העלן טאָג און מע רײַסט אַדורך די שטעכלדראָטן און מע ווערט פאַרשווונדן אין וואַלד. ס'הערן זיך געשרייען און אַפּילו אָפּהילכן פון שיסערײַען.

אַ גרופּע יונגע מענטשן, פרויען און מענער, האָבן ערגעץ באַקומען אַ רויטן שטיק טוך, זיי בינדן עס צו צו אַ שטעקן, מאַכן אַ דעמאָנסטראַציע נאָענט פון די וואַכזעלנער מיט אויסגעשרייען לכבוד דער רויטער אַרמיי. זיי שרײַען, אַז זיי זענען קאָמוניסטן, מע זאָל זיי אַרײַנלאָזן אין ראַטנפאַר־באַנד. זיי שרײַען, אַז זיי קענען נישט גיין צוריק, ווײַל ס'דראָט זיי דער טויט. די סאָוויעטישע וואַכזעלנער קוקן אויפן דאָזיקן בילד און לאַכן, הייסן זיי גיין ק'טשאָרטו, צום טײַוול!...

איך בין אַזוי אָפּגעלעגן אין פעלד פינף טעג און פינף נעכט אין שרעק־לעכע באַדינגונגען, אין קעלט און נעץ. ס'זענען שוין געווען די ערשטע טעג פון דעצעמבער. איך מיט קאַצן באַשליסן מיר, וואָס ס'זאָל נישט געשען, די נאַכט מוזן מיר זיך דורכרײַסן דורך די דראָטן און פאַר יעדן פּרײַז זיך אַרײַנ־באַקומען אין וואַלד.

דאָ אויף „קיינעמס־לאַנד" האָט זיך געפונען אַ ייִדישער קרעטשמער. פריִער, איידער די סאָוויעטן האָבן זיך צוריקגעקערט אויף די פיר קילאָ־מעטער לטובת דעם דײַטש, האָט דער ייִד מיט זײַן קרעטשמע זיך געפונען אויף דער סאָוויעטישער זײַט, אָבער איצט — קלאָגט זיך נעבעך דער ייִד — קומט אים אויס איבערצולעבן שרעקלעכע נעכט. ס'טרעפט אַמאָל, אַז בײַ־נאַכט קומען צו אים דײַטשן און מאַכן רעוויזיעס צי ס'באַהאַלטן זיך נישט בײַ אים קיין פאַרדעכטיקטע מענטשן. אַ סך מאָל שלאָגן זיי אים אויך. אויף צומאָרגנס לויפט ער צו דער סאָוויעטישער וואַך און דערציילט, אַז דײַטשן שלאָגן אים; ווען ער איז געבליבן אויף קיינעמס־לאַנד האָבן אים ביידע קאָ־

מענדאַנטן — דער סאָוויעטישער און דײַטשער — פּאַרזיכערט, אַז ער קאָן דאָ זײַן רויק; מע וועט אים גאָרנישט טון, ווײַל קיינעמס־לאַנד איז אַ ניי־טראַלער באָדן. ענטפערן אים די רוסן, אַז זיי קאָנען אים גאָרנישט העלפן... איז ער געקומען אַ צווייט מאָל זיך קלאָגן האָבן זיי אים געזאָגט: — פּאַשאָל וואָן! ער אַליין טראַכט אויך אַוועקצוגיין פון דאַנען... נאָר ס׳האַלט אים צו זײַן אייגנס, דאָס שטיבל, וואָס ער פאַרמאָגט. ער ווייסט, אַז טאָמער פאַרלאָזט ער דאָס שטיבל פאַרכאַפּן עס גלײַך די פּאָלאַקן. ווי לאַנג אָבער ער וווינט דאָ, העלפט ער יעדן ייִדן, וואָס וויל אַריבער, מיט ווײַזן דעם וועג. ער קאָן דאָ יעדן טריט. ער, זײַן טאַטע און זײַן זיידע זענען דאָ געבוירן געוואָרן.

מיט דער הסכּמה פונעם קרעטשמער און זײַנס אַ זון זענען מיר בײַ אים געווען ביז שפּעט אין דער נאַכט באַהאַלטן אין אַ קעמערל. איך, קאַץ און נאָך דרײַ ייִדן. מיר האָבן געדאַרפט גיין איינציקווײַז, שטיל. זיי האָבן שוין געהאַט צוגעגרייט אַן אָרט ווו ס׳איז געווען גרינג אַדורכצוגיין די דראָטן.

איך האָב זיך געשאַרט אויף די הענט און פיס, פּשוט געקראָכן, ווי אַ וואָרעם, אויפן בויך, נאָך יעדע פּאָר טריט בין איך געפאַלן, ווײַטער געקראָכן און געפאַלן. ביז איך האָב געפילט אַז איך בין אַריבער די דראָטן.

די נאַכט איז געווען אַ קלעפּיק־פינצטערע, קיינער האָט גאָרנישט באַ־מערקט. בײַם קריכן האָבן מיר זיך אָנגעשלאָגן אָן ביימער. ערשט דאַן האָב איך באַנומען, אַז איך בין שוין אין וואַלד און געפין מיך אויף דער סאָוויעטי־שער זײַט. איך האָב צוגעלייגט מײַן אויער צו דער ערד און געהערט אַ שטיל שעפּטשערײַ. כ׳האָב פאַרשטאַנען, אַז די גאַנצע גרופּע איז שוין בשלום אַריבער, און נאָר צוליב דער געדיכטער פינצטערניש זעען מיר זיך נישט איינס ס׳אַנדערע. צוליב זיכערקייט האָב איך ווײַטער געפּרוווט קריכן, אָבער יעדע מינוט זיך צעקלאַפּט אָן די ביימער. כ׳האָב זיך אויפגעשטעלט און געפּרוווט גיין, אָבער אוממעגלעך, מחמת דער וואַלד איז געווען זייער אַ געדיכטער. איך האָב דערפילט, אַז ווײַטער קריכן קאָן איך נישט און בין געצוווּנגען צו בלײַבן ליגן אויף אַן אָרט.

נאָכן אָפּליגן אַ לענגערע צײַט דערהער איך עפּעס אַ גערויש פון נישט ווײַט וואָס דערנעענטערט זיך צו מיר. ווי פאַרהאַרטעוועט איך בין שוין גע־ווען פון מײַנע איבערלעבענישן, האָט פון דעסטוועגן מײַן גאַנצער קערפּער אַ ציטער געטון, ס׳איז מיך באַפאַלן אַ פּחד, ווײַל כ׳געפין זיך דאָך פאָרט

אין אַ געדיכטן וואַלד, אין אַן אומבאַקאַנט אָרט אין אַ פֿינצטערער נאַכט. איך הער אַ שאָרך און דערפֿיל אַז מע באַרירט מיך. איך גיב זיך אַ כאַפּ אַרויס זייער שטיל: — אוי, גאָטעניו! איך דערהער א שטילן שעפּטש: — שאַ!... האָט נישט קיין מורא! איך בין אין דער זעלבער לאַגע, וואָס איר, רעב ייִד. דער ייִד רוקט זיך צו מיר צו נענטער און רוימט מיר איַן אין אויער: מיר זאָלן זיך אונטער אַלע אומשטענדן רוקן נאָך אַ ביסל וויַטער, וויַל טאָמער כאַפּן די רוסן נאָענט פֿון דער גרענעץ וואַרפֿן זיי צוריק אַריבער אויף יענער זיַט, אָבער אַז מען כאַפּט שוין אַ ביסל טיפֿער אין וואַלד ,קאָן מען זיי זאָגן אַ תּירוץ, אַז מ׳איז שוין אַ לענגערע ציַט אין וואַלד, אַז מ׳איז אַדורך לעגאַל, נאָר מ׳האָט פֿאַרבלאָנדזשעט און דעמאָלט לאָזן זיי גיין וויַטער. מיר זענען אַזוי געקראָכן אַלץ טיפֿער און טיפֿער אין וואַלד.

איך האָב קוים דערלעבט ס׳זאָל אָנהייבן צו טאָגן. דער פֿינצטערער וואַלד, וואָס איז היַנט בײַנאַכט געווען מיַן רעטער, הייבט אָן צו באַקומען אַ ביסל העלקייט. איך באַטראַכט מיַן שכן, יאָ, טאַקע, ער איז צוזאַמען מיט מיר געווען ביַים קרעטשמער. אָבער ווו איז קאַץ?

איך דערהער שטילע טריט. ס׳באַוויַזן זיך עטלעכע ייִדן, אויסגעמור־טשעטע ווי איך. איך פֿרעג זיך נאָך אויף קאַצן. זיי ווייסן נישט. איך באַשליס צו וואַרטן. ענדלעך באַוויַזט זיך קאַץ מיט נאָך עטלעכע ייִדן וואָס האָבן צו־זאַמען אונטערגענומען דעם געפֿערלעכן וועג.

מיר הייבן אָן גיין. נישט וויסנדיק וווהין זענען מיר אַזוי אָפּגעגאַנגען אַ גוטע פֿינף שעה. פּלוצלינג הערן מיר אַ בילן פֿון הינט. מיר בלײַבן שטיין. ס׳געדויערט נישט לאַנג ווי ס׳באַוויַזט זיך אַ סאָוויעטישער פּאַטרול. איך און קאַץ האַלטן זיך צוזאַמען. מע פֿירט אונדז צו אַ כאַטע. איך באַוויַז נאָך צו זאָגן קאַצן, אַז מיר זאָלן זאָגן דעם אמת, אַז מיר זענען אַקטיאָרן, אַנטלאָ־פֿענע פֿון היטלערן און אַז מיר גייען שפּילן טעאַטער קיין ביאַליסטאָק.

דער פּאַטרול האָט צונויפֿגעשטעלט אַ גאַנצע גרופּע ייִדן צוזאַמען מיט מיר און קאַצן. אין דער כאַטע ווערן מיר אַריַנגעלאָזט איינציקוויַז צום אָפֿיציר.

אין אַ דאָרפֿישער כאַטע, נישט וויַט פֿון שאָסיי, געפֿינט זיך דער הויפּט פּונעם סאָוויעטישן פּאַטרול. נאָכן ראַנג דאַרף ער זיַן אַן אָפֿיציר. איך בין געווען דער פֿינפֿטער לויט דער ריי ביַים אויספֿרעגן. די ערשטע פֿיר ייִדן

וואָס מ׳האָט אויסגעפרעגט, האָט מען געהייסן וואַרטן אין דרויסן לעבן דעם וואַכזעלנער.

דער אויספאָרשער פרעגט מיך אויף דאָקומענטן. איך ענטפער אַז איך פאַרמאָג נישט קיין דאָקומענטן. איך בין אַן אַקטיאָר, איך האָב זיך פון צײַט צו צײַט באַטייליקט אין אַנטי־היטלער־פּיעסן. דערצו בין איך נאָך אַ ייִדישער אַקטיאָר, און ס׳וואָלט פאַר מיר געווען געפערלעך בײַם אַנטלויפן צו האָבן מיט זיך דאָקומענטן. מײַנע דאָקומענטן אָבער — זאָג איך אים — וועלן נאָך באַזאָרגט ווערן קײַן ביאַליסטאָק דורך מײַן פאַמיליע. כ׳גיב אים אָן מײַן אמתן נאָמען, כ׳זאָג אים אויך, אַז מע קאָן זיך נאָכפרעגן אויף מיר בײַ זייער פיל אײַנוווינער פון ביאַליסטאָק, מחמת איך פלעג יעדן יאָר דאָרט קומען שפּילן טעאַטער.

איך דערצייל דעם גאַנצן אמת פון מײַן קומען פון אַמעריקע, בכדי אפשר צו קאָנען ראַטעווען מײַן פאַמיליע. ער פאַרשרײַבט אַלצדינג.

— לאַדנאָ, — זאָגט ער, — ווסיאָ בודיעט ווּ׳פּאָריאַדקי, אַלץ וועט זײַן אין אָרדענונג. ער זאָגט מיר אָן, אַז איך זאָל געדענקען קומען קײַן ביאַ־ליסטאָק זיך צו רעגיסטרירן דאָרט ווו מע דאַרף.

איך וואַרט נאָך אויף קאַצן. ער מעלדעט, אַז מיר זענען פרײַ און קאָנען גיין קיין ביאַליסטאָק. ער זאָגט אונדז אָן נאָך אַמאָל זיך צו רעגיסט־רירן אין יעדן אַמט, יעדער לויט זײַן פּראָפעסיע.

אַ זעלנער זאָגט אונדז אָן מיר זאָלן גיין גלײַך מיטן שאָסיי, ווו מיר וועלן באַמערקן באַנשינעס, און פון דאָרטן וועלן מיר קאָנען פאָרן דירעקט קײַן ביאַליסטאָק. איך מיט קאַצן לאָזן זיך אויפן נײַעם וועג.

לאַנג האָט געדויערט דער וועג, כמעט אַ גאַנצן טאָג. מידע און דער־שעפּטע זענען מיר קוים דערקראָכן צו די שינעס מיט דער באַנסטאַציע.

מיר דערהערן דאָ אַן אויסערגעוויינטלעכן גערודער, קולות. אַ ים מיט מענטשן, פּעק, זאַכן, וואַליזעס. טויזנטער מענטשן, גאַנצע פאַמיליעס מיט קינדער.

מיר פרעגן בײַ איינעם ווו מיר זענען?

— איר ווייסט נישט, ווו איר זענט? — לאַכט מען פון אונדז. דאָס איז דאָך זאַרעמבי־קאָשטשעלנע. פון דאַנען קאָן מען פאָרן קײַן ביאַליסטאָק.

מיר פרעגן, ווו די באַן איז, לאַכט מען ווײַטער פון אונדז: — איר ווילט

שוין זען די באַן און אַוודאי שוין פאָרן אויך? וואַרט דאָ פרי׳ער צו עטלעכע וואָכן ביז ס׳וועט קומען אַ־ער אַטשערעד דעמאָלט וועט איר ערשט קאָנען פאָרן.

מיר דערוויסן זיך, אַז דאָס איז אַ מעשה אָן אַ סוף. טאָמער זענט איר שוין דער גליקלעכער צו האָבן אַ בילעט, דאַרף מען ערשט זײַן אַ בריה אַרײַנצוקריכן אין אַ וואַגאָן, ווײַל די וואַגאָנען זענען דער עיקר איבערגע־פולט מיט די שמוגלערס. זיי מאַכן גוטע געשעפטן. זיי שמירן־אונטער ווע־מען מע דאַרף און זיי קריכן אַרײַן די ערשטע אין די וואַגאָנען.

איך באַשליס קודם־כל אויפצוזוכן אַ באַקאַנטן ייִד וואָס קען מיך מיט קאַצן, בכדי אויסצובאָרגן אַ ביסל געלט, וואָס מיר וועלן מיט דאַנק אים אומקערן אין ביאַליסטאָק. אַ טאָג מיט אַ נאַכט האָב איך זיך דאָ אָפּגעוואַל־גערט ביז ס׳האָט זיך אָפּגעפונען אַ גוטבאַקאַנטער סוחר פון וואַרשע, וואָס האָט זיך אונטערגענומען צו אָרגאַניזירן די רייזע קיין ביאַליסטאָק, אָבער נישט פון דאַנען. ער האָט געדונגען אַ פור, וואָס האָט אונדז צוגעפירט ביז עפּעס אַ סטאַציעלע. דאָרט האָט ער שוין אָפּגעמאַכט מיטן נאַטשאַלניק פון דער סטאַציע... אים געגעבן אַ שיינע מתנה און יענער האָט אונדז אַרײַנגע־שטופּט אין אַ וואַגאָן, אָבער טאַקע ממש אַרײַנגעשטופּט, ווײַל קיין אָרט איז נישט געווען. איינער איז געלעגן אויפן צווייטן. אַזוי האָבן מיר זיך געשלעפּט ביז אויף מאָרגן פרי קיין ביאַליסטאָק.

פאַרמאַטערטע, האַלב־פאַרחלשטע, זענען מיר אין אַ קאַלטן רעגנדיקן טאָג אָנגעקומען און זיך מיט די לעצטע כוחות דערשלעפּט גלײַך צום ביאַ־ליסטאָקער ייִדישן טעאַטער.

קאַפּיטל 14

אין טעאַטער אויף אַ טיש

נישט טויט נישט לעבעדיק בין איך אָנגעקומען קיין ביאַליסטאָק. כ׳בין גלײַך אַוועק אין טעאַטער און פּשוט אַוועקגעפאַלן אויף דער ערד זיך נישט קאָנענדיק מער האַלטן אויף די פיס. דער ערשטער וואָס איז צו מיר

צוגעלאָפן איז געווען דער אַלטער קאַסירער פון טעאַטער — סקאַרבניק. ער האָט גלײַך אַלאַרמירט אַלע חברים וועגן מײַן קומען, מיך אַרײַנגענומען אין אַ טעאַטער־גאַרדעראָב און געשיקט זוכן עטלעכע אַקטיאָרן וואָס זענען שוין געווען אין שטאָט. ענדלעך, נאָך אַזוי פיל שווערע איבערלעבונגען, האָב איך געקאָנט ליגן כאָטש אויף דער האַרטער פּאָדלאָגע אין גאַרדעראָב־צימערל רויִק זיך נישט דאַרפנדיק מער שרעקן פאַר די דײַטשע מערדער.

ווען ס׳איז צוגעפאַלן די נאַכט, האָבן אָנגעהויבן אָנקומען אין טעאַטער אַקטיאָרן־פּליטים, וואָס האָבן זיך שוין דאָ געפונען אַ שטיקל צײַט. נאָכן אָפּפרייען זיך מיט מיר און באַדויערן מײַנע איבערלעבענישן, האָב איך זיך דערוווּסט, אַז אַ געוויסע צאָל אַקטיאָרן נעכטיקן דאָ אין טעאַטער און טאַקע אויף דער פּאָדלאָגע. פאַר מיר, האָבן זיי אָבער דערקלערט, וואָלטן זיי געוואָלט עפּעס אויסזוכן כאָטש אויף עטלעכע טעג אַ בעסער געלעגער. זיי זענען גלײַך אַוועק זוכן אין שטאָט, אפשר וועט מעגלעך זײַן עפּעס צו געפינען. זיי האָבן זיך אָבער לײדער אומגעקערט מיט גאָרנישט. פאַר קיין פאַל איז נישט מעגלעך געווען צו געפינען אין ערגעץ קיין ווינקל.

ביאַליסטאָק איז געווען איבערגעפּאַקט. און טויזנטער פּליטים האָבן נישט געהאַט וווּ צו נעכטיקן. אַ סך פון זיי דרייען זיך אַרום אין די נעכט איבער די גאַסן, נעכטיקן אין די שטאָטישע פּאַרקן אויף בענק, אָדער שטייען אין טויערן אָנגעשפּאַרט אָן די ווענט און בײַטאָג פאַרנעמען זיי די ערשטע ערטער פון די מענטשן וואָס שלאָפן בײַנאַכט. די בעטן אין אַ סך שטובן זענען פאַרדונגען געוואָרן צו „נאַכט־שלאָפערס" און צו „טאָג־שלאָפערס". די, וואָס זענען פריִער געקומען קיין ביאַליסטאָק, זענען געווען די נאַכט־שלאָפערס און די שפּעטער־געקומענע זענען די טאָג־שלאָפערס. וואָס ווײַטער איז די לאַגע געוואָרן אַלץ ערגער, ווײַל מ׳האָט שוין געמוזט שלאָפן וואָס ווייניקער. די בעטן האָט מען אָנגעהויבן פאַרדינגען צום שלאָפן נישט אויף קיין גאַנצע נאַכט און נישט אויף קיין גאַנצן טאָג, נאָר אויף עטלעכע שעה פאַר יעדן איינעם און דאָס אַלץ פאַר גוטע געלטער. ווען איך בין געקומען איז שוין קיין שום אָרט נישט געווען צו קריגן אַפילו פאַר גוט געלט.

איז טאַקע געבליבן, אַז איך און זישע קאַץ מוזן נעכטיקן צוזאַמען מיט די אַקטיאָרן וואָס געפינען זיך דאָ שוין פון פריִער. אָבער אַזוי ווי אַלע ער־

טער זענען פאַרנומען, האָב איך באַקומען צו שלאָפן אויף אַ זייער פּריווי־לעגירט אָרט: אויפן טיש.

באַלד צומאָרגנס, נאָכן איבערנעכטיקן אויפן טיש, האָב איך זיך גע־דאַרפט גיין רעגיסטרירן צוויי מאָל. צום ערשטן אין שטאָט־קאָמיטעט, ווי אַן אַנטלאָפענער פון היטלער־פּוילן, און צום צווייטן מאָל ווי אַן אַקטיאָר.

באַלד אין דער פרי האָב איך אָפּגענומען ביי סקאַרבניקן מיינע דאָקו־מענטן, מיין קאָנסולאַר־פּאַס, דאָס פּאַפּיר וואָס איך האָב געהאַט פון עליס־איילאַנד און מיין קאַרנעט, מיין לעגיטימאַציע נומער 6 פון אַקטיאָרן־פאַר־איין פון פּוילן, און אַוועק זיך קודם־כל רעגיסטרירן אין שטאָט־קאָמיטעט.

מיך האָט אויסגעפרעגט אַ יונגער מענטש און אַ מיידל האָט פאַרשריבן. די פראַגעס זענען געווען: פאַמיליע־נאָמען, געבוירן־צייט, מיין פאַך, פון וואַנען איך קום, צי כ'האָב עמעצן געלאָזן אין פּוילן. פאַרשטייט זיך, כ'האָב אויף אַלע פראַגעס געגעבן דעם ריכטיקן ענטפער, ווייל וואָס דען פאַר אַ מאָטיוו האָב איך געהאַט נישט צו זאָגן דעם אמת, בפרט אַז די אויספרעגער זע־נען יידן.

איך האָב אָבער אויך באַמערקט, אַז קיינער פון די, וואָס האָבן זיך פאַר מיר רעגיסטרירט, האָבן נישט באַוויזן קיין שום דאָקומענטן. האָב איך טאַקע אויך אַזוי באַשלאָסן נישט צו ווייזן מיין פּאַס און נישט מיין אַקטיאָרן־קאַרטע. ווייל אויב די יידן, וואָס רעגיסטרירן זיך, ווייזן נישט קיין דאָקומענטן מיסתמא ווייסן זיי שוין, אַז דערוויייל דאַרף מען גאָרנישט ווייזן.

דער יונגערמאַן, וואָס האָט מיך רעגיסטרירט, באַמערקט מיך, ווי איך שטיי נאָך, רופט ער מיך צו און זאָגט צו מיר:

— זייט אַזוי גוט און קומט צו נענטער אַ ביסל. כ'האָב, דאַכט זיך, פאַרגעסן צו פאַרשרייבן ווו איר וווינט.

— איך האָב דאָך אייך געזאָגט — ענטפער איך — ווו איך וווין.

— צי האָסטו פאַרשריבן ווו דער מענטש וווינט? — פרעגט ער דאָס מיידל.

די באַאַמטין קאָנטראָלירט נאָך און עס ווייזט זיך אַרויס, אַז ניין, זי האָט נישט פאַרשריבן.

— עס קאָן זיין — ענטפער איך — אַז זיי האָבן נישט פאַרשריבן על־

פי־טעות און איך דערקלער גלײַך, אַז איך ווין אין טעאַטער און שלאָף אויף אַ טיש.

— אויף אַ טיש? — הערן זיך שטימען פון די רעגיסטרירער און פון די וואָס דאַרפן זיך רעגיסטרירן:

— אויף אַ טיש?

— יאָ — זאָג איך נאָך אַמאָל — איך שלאָף אויף אַ טיש.

אין דעם מאָמענט טרעט אַרויס פון דער ריי אַ קליין יידעלע און גיט אַ זאָג:

— עטץ ווייסט ווער דאָס איז? — ווײַזט ער מיטן פינגער אויף מיר — דאָס איז דאָך דער אַרטיסט דוד לעדערמאַן! ער איז דאָך נאָר וואָס געקומען פון אַמעריקע, אמת, פאַניע לעדערמאַן?

— אמת, — באַשטעטיק איך, — איך בין נאָר וואָס געקומען פון אַמע־ריקע קײַן ביאַליסטאָק בכדי צו קאָנען שלאָפן אויף אַ טיש.

איך לאָז זיך גיין צו דער טיר און ס׳באַגלייט מיך אַ גרויס געלעכטער פון די רעגיסטרירער ווי פון די וואָס רעגיסטרירן זיך.

איצט מוז איך זיך גיין רעגיסטרירן אין דער נײַער טעאַטער־געביידע, אין פאַרק, צו דער ספּעציעלער רעגיסטראַציע פאַר אַקטיאָרן. מיר גייען ביידע, איך און זישע קאַץ, אין פאַרק־טעאַטער.

ווי נאָר מיר מאַכן אויף די טיר און באַמערקן דעם מענטש וואָס זיצט בײַם טיש — בלײַבן מיר שטיין אַ ביסל געפּלעפּט, טאַקע שטאַרק פאַרחי־דושט, ווײַל בײַם טיש זיצט אַ גוט־באַקאַנטער רעזשיסער, אַ ייִד פון ווילנע. אמת, נאָך אַ יונגער מענטש. ביז איצט האָט ער זיך פאַרנומען אויסשליס־לעך מיט פּויליש טעאַטער.

ער שטעלט פראַגעס, ווען געקומען? מיר ענטפערן. ער הייסט ווײַזן אונ־דזערע פאַראיין־קאַרטעלן און פרעגט צי מיר האָבן אויך פּאַספּאָרטן? מיר בלײַבן אַ ביסל אין אַ פאַרלעגנהייט, הייבן אָן טראַכטן, יאָ ווײַזן, נישט ווײַזן? און מיר ענטפערן: מיר האָבן, מיר האָבן.

מיר גיבן אים די פּאַספּאָרטן. ער באַטראַכט זיי ערנסט, נאָטירט, פאַר־שרײַבט כמעט אַלצדינג וואָס מיר זאָגן. ער דערקלערט, אַז גאָר אין קורצן זעט די סאָוויעטן־מאַכט אָרגאַניזירן צוויי טרופּעס אין טעאַטער „פּאַלאַס“

פֿאַר דראַמע און מוזיקאַלישער קאָמעדיע, אָדער אַ קינסטלערישע רעווי, ווי ס'וועט זיך לאָזן. אַקטיאָרן — זאָגט ער — וועלן שפּילן און האָבן פּרנסה.

איך באַמערק אים, אַז דערווײַל איז אָבער שלעכט, נישטאָ ווו צו וווינען און כדי צו קאָנען עקזיסטירן מוז מען דאָך אָנהייבן צו פֿאַרדינען. צום ערגסטן וואָס מ'איז געצוווּנגען צו שלאָפֿן אינעם קאַלטן טעאַטער אויף דער פּאָדלאָגע צי גאָר אויף אַ טיש.

— וואָס — זאָגט ער — אויף אַ טיש?

— יאָ — ענטפֿער איך — איך בין געצוווּנגען צו שלאָפֿן אויף אַ טיש.

ער צעלאַכט זיך. עטלעכע מינוט הערשט אַ שטילשווײַגן צווישן אונדז. פּלוצלינג אָבער טוט ער אַ פֿרעג:

— זאָגט מיר, איך בעט אײַך, איך וועל אײַך שטעלן אַ פֿראַגע. איר זאָלט מיר אָבער ענטפֿערן אויפֿריכטיק: — לאָמיר אָננעמען, אַז די מלחמה האָט זיך שוין פֿאַרענדיקט, איז ווי וואָלט איר געהאַנדלט, איר וואָלט פֿאַרבליבן דאָ, אָדער אַוועק פֿון דאַנען? און ווו וואָלט איר אַוועק?

איך ענטפֿער גלײַך אויפֿן אָרט גאַנץ פּשוט, אַז די מלחמה וועט זײַן פֿאַרענדיקט וואָלט איך זיך גלײַך געוואָלט אומקערן אַהין פֿון וואַנען איך בין געקומען: קיין אַמעריקע.

קאַץ גיט מיר מיטן פֿוס אַ שטויס אין מײַן פֿוס. אַ צייכן, אַז איך זאָל אויפֿהערן רעדן. יענער באַמערקט דעם קלאַפּ אין פֿוס, וואָס קאַץ האָט מיר געגעבן, און מײַן אויסדרוק צו קאַצן, וואָס ער האָט אַזוי מורא, אַז איך וויל זיך צוריק אומקערן קײַן אַמעריקע, און ער האָט גלײַך צוגעגעבן:

— איר דאַרפֿט נישט קיין מורא האָבן פֿאַר מיר צו זאָגן דעם אמת וואָס איר טראַכט צו טון נאָך דער מלחמה.

דערהערנדיק פֿון אים די ווערטער ווענד איך זיך צו קאַצן און זאָג אים הויך:

— קאַץ, וואָס האָסטו מורא פֿאַרן אמת? דער חבר איז דאָך אַ טעאַטער־מענטש, אַ רעזשיסער, אַ ייִד, אַ פּוילישער בירגער. ער איז זיכער אונדזערס אַ פֿרײַנד. איך גלייב אויך, אַז ער איז נישט קיין קאָמוניסט. אויב מיר זענען געקומען פֿון אַמעריקע מיטן מיין, אז אפשר וועלן מיר קאָנען ראַטעווען אונדזערע פֿאַמיליעס און אַז דער גורל האָט אונדז פֿאַרוואָרפֿן אין די הענט פֿון די היטלער־מערדער, האָבן מיר דאָך, מיין איך, געהאַט דאָס

רעכט צו אַנטלויפן אַהער. אויב די מילחמה וועט זיך ענדיקן, מיין איך, אַז ווי אַ פוילישער בירגער, וועל איך קאָנען צוריקפאָרן פון וואַנען איך בין געקומען.

קאַץ איז אָבער זייער בלאַס געוואָרן. איך זע, אַז ער איז אומצופרידן פון מײַן אָפנהאַרציקייט און גיט צו:

— ווער קאָן וויסן צי מיר וועלן פון דאַנען אַוועקפאָרן? אפשר וועלן מיר בלײַבן...

איך ענטפער אָבער גלײַך, אַז איך וועל דאָ נישט בלײַבן.

דער אויספרעגער זאָגט אונדז: — זײַט רויק, קיינער וועט פון דעם גע־שפרעך נישט וויסן. האָט נישט קיין מורא; איך בין נישט קיין קאָמוניסט, און גיט צו, יעדער איינער האָט אַ רעכט נאָך דער מילחמה צו פאָרן, ווו נאָר ער וויל, דאָ איז פרײַהייט און יעדער מעג זאָגן וואָס ער וויל...

מיר געזעגענען זיך, און לאָזן זיך גיין אין אונדזער טעאַטער־„האָטעל“, בכדי דאָרט אַדורכצושלאָפן די צווייטע נאַכט. ער, קאַץ — אויף דער פּאָד־לאָגע, און איך — אויפן טיש.

מיר איז וויל — איך שלאָף אויף אַ טיש...

קאַפּיטל 15

רעגיסטראַציע און איבעררעגיסטראַציע

איבערגעקומען די צווייטע נאַכט אינעם אייז־קאַלטן טעאַטער אויפן טיש, בין איך אַרויס אין גאַס, כאַפּן אַ קוק וואָס עס הערט זיך. בײַם אַרויס־גיין פון „פּאַלאַס“־טעאַטער טרעף איך דעם באַקאַנטן ייִדישן בילעטער, אָשר, פון וועלכן איך דערוויס זיך, אַז דזשיגאַן און שומאַכער זענען שוין דאָ. אויך גאַדיק איז שוין דאָ. עס זענען אויך אַריבער אַהער מאַרעווסקי און נאָך אַנדערע אַקטיאָרן. ווער די אַנדערע זענען און ווי זיי הייסן — וועגן דעם וועט מען זיך זיכער הײַנט אָדער מאָרגן דערוויסן.

אין גאַס איז לעבעדיק און טומלדיק. דער ראַדיאָ גיט איבער, אַז די

היטלעריסטישע אַרמייען גייען כסדר פאָרויס אויף פאַרשידענע פראָנטן. זיי פאַרנעמען כסדר נײַע פּאָזיציעס.

איך גיי אַרײַן אין אַ קאַפע וואָס איז פול געפּאַקט מיט מענטשן. די מערהייט זענען פּליטים. ס׳זיצן אָבער אויך סאָוויעטישע מיליטער־לײַט. ס׳וואַרפט זיך שטאַרק אין די אויגן, וואָס די סאָוויעטישע מענטשן עסן און טרינקען און ווי אַזוי זיי באַשטעלן דאָס עסן. יעדער איינער פון זיי הייסט זיך גלײַך ברענגען אויפן הורט, אַ סך, למשל, פינף גלעזער מילך, דרײַ גלעזער טיי, צוואַנציק שטיקלעך קעזקוכן מיט איין מאָל פאַר אַ פּערזאָן און אַזוי כסדר.

איך זוך מיט די בליקן צו דערקענען אַ ייִדיש פּנים צווישן די סאָוויעטישע זעלנער אָדער ציוויל־געקליידטע. ענדלעך האָט זיך מיר אײַנגעגעבן אָנצוקניפּן אַ געשפּרעך מיט צוויי סאָוויעטישע ייִדן.

די קאַפע איז געווען געפּאַקט טאָג און נאַכט. צו באַקומען אַ טיש איז געווען זייער שווער. ווען איך בין אַרײַן אין קאַפע און באַמערקט מײַנעם אַ באַקאַנטן וואַרשעווער קעלנער, נאָך פון סטודניע־צוקערניע אין וואַרשע, האָט ער גלײַך צו מיר געגעבן אַ ווונק, איך זאָל וואַרטן נישט ווײַט פון בופעט, ווו עס ליידיקט זיך אָפּ אַ טישל. ס׳זענען אָבער צוגעלאָפן צום טישל נאָך דרײַ פּערזאָן. אַ וואַרשעווער באַקאַנטער ייִד און צוויי פרעמדע מענטשן.

איך האָב אָנגעהויבן דעם געשפּרעך מיטן וואַרשעווער ייִד און זיך דערוווּסט פון די גרויסע צרות פון די ייִדן אין וואַרשע, וועגן די אַרעסטן פון באַקאַנטע ייִדן וואָס ווערן שפּעטער פאַרשווינדן אויף אייביק און אַז די דײַטשן גייען אײַנפירן אַ געטאָ פאַר ייִדן.

פלוצלינג רופט זיך אָן איינער פון די פרעמדע מיט אַ פּאָר ייִדישע ווערטער וועגן די געפּלאָגטע ייִדן אין פּוילן. ער וואַרפט־צו שטיל, קוים וואָס מ׳הערט, אַז די גאַנצע וועלט וואָלט זיך געדאַרפט קעגנשטעלן קעגן דעם מערדער היטלער. דער צווייטער סאָוויעטישער מענטש בײַם טישל וואַרפט אויך אַרײַן עטלעכע ייִדישע ווערטער, הייסט עס, אַז זיי פאַרשטייען גוט ייִדיש. מיר צערעדן זיך, און איך פיל, אַז די סאָוויעטישע ייִדן לעבן איבער צוזאַמען מיט אונדז, פּוילישע ייִדן, די גרויסע טראַגעדיע, וואָס האָט געטראָפן דאָס פּוילישע ייִדנטום; וואָס מיר זענען געצוווּנגען געווען צו פאַרלאָזן אונדזערע היימען און ווערן נע־ונדניקעס.

איך באַמערק אויך אַז בײַם באַשטעלן בעטן זיי אויך דעם קעלנער דאָס זעלבע וואָס אַלע סאָוויעטישע מענטשן: אַ סך גלעזער טיי, אַ סך גלעזער מילך, אַלץ באַשטעלן זיי זייער אַ סך.

איך ווער דרייסטער און פרעג זיי, פאַרשטייט זיך, אַ ביסל פאַרזיכטיק:

— זאָגט מיר, ליבע רוסישע ייִדן, איך וויל אײַך עפּעס פרעגן, איר זאָלט זיך דערפון נישט באַליידיקן. איך האָב באַמערקט, אַז איר און אויך די סאָוויעטישע מיליטער־לײַט באַשטעלן זייער פיל עסן און טרינקען. זײַט מוחל פאַר מײַן אָפנהאַרציקייט. פאַר מיר איז עס נישט פאַרשטענדלעך אײַערע באַשטעלונגען, וואָס איר באַשטעלט אַזוי פיל מיט אַ מאָל, ווי למשל, צוואָנציק שטיקלעך קעזקוכן. איך פאַרשטיי נאָך, אַז מע נעמט צו זיך אַהיים, אָבער גלײַך אויפעסן עס אויפן אָרט? און נאָך דעם באַשטעלן נאָך אַנדערע געבעקסן אין דער זעלבער צאָל און באַלד אויפעסן אויפן אָרט...

דער באַרעדעוודיקער סאָוויעטישער ייִד ענטפערט מיר בזה הלשון:

— כדי דאָס גוט צו פאַרשטיין, ליבער ייִד, דאַרפט איר לעבן אין סאָ־וויעטנפאַרבאַנד. אַז איר וועט דאָ זײַן בײַ אונדז אַ לענגערע צײַט, וועט איר שוין פאַרשטיין פאַרוואָס מיר באַשטעלן אַלץ מיט איינמאָל און אַ סך. צווייטנס — זאָגט ער מיר — קענען מיר זיך זייער ווייניק, אַז איך זאָל אײַך שוין אויף איין פּוס דערציילן פון אונדזער לעבן. און דער צווייטער ייִד גיט צו, טאָמער וועט אײַך זײַן באַשערט צו זײַן בײַ אונדז אין סאָוויעטנפאַרבאַנד אַ לענגערע צײַט, חלילה, וועט איר זיך אַליין וועגן אַלצדינג זייער גוט דערוויסן.

זיי הייסן זיך דערלאַנגען נאָך פאַרשידענע געבעקסן און אײַנפּאַקן אין צוויי באַזונדערע פּעקלעך. זיי דערקלערן, אַז זיי האָבן נאָך דאָ צו מאַכן איי־ניקע אײַנקויפן אין פאַרשידענע געשעפטן און שפּעטער פאָרן זיי גלײַך צוריק אין זייער ווײַסרוסישער הויפּטשטאָט מינסק.

אויף מײַן פראַגע צי זענען זיי געקומען אײַנקויפן פּריוואַט פאַר זיך, לאַכן זיי און ענטפערן:

— פּריוואַט אײַנקויפן? וואָס רעדט איר. אַפנים איר ווייסט נישט, אַז בײַ אונדז זענען נישטאָ קיין שום פּריוואַט־קראָמען. מיר ביידע — זאָגן זיי — זענען געקומען אַהער אײַנקויפן פאַרשידענע זאַכן פאַר די מלוכה־געשעפטן, דאָס הייסט, פאַר דער רעגירונג, מיר ביידע זענען אָנגעשטעלטע בײַ דער

רעגירונג. אַלצדינג בײַ אונדז געהער דער רעגירונג. מיר בײדע האָבן באַקומען צװײ קאָמאַנדיראָװוקעס צו פֿאָרן אײַנקויפֿן.

איך פֿרעג זײ בכן: — צי צום אײַנקויפֿן דאַרפֿן אַלע האָבן קאָמאַנדיראָװוקעס, און אָן דעם קאָן מען נישט פֿאָרן?

— װאָס פֿרעגט איר פֿאַר אַ שאלה? — ענטפֿערן זײ — בײַ אונדז אין לאַנד קאָן קײנער נישט פֿאָרן אָן אַ ספּעציעלער דערלויבעניש. װוּ מע זאָל נישט פֿאָרן מוז מען האָבן אַ קאָמאַנדיראָװוקע, דאָס הײסט, אַז מע שיקט אײַך. אַלײן טוט מען בײַ אונדז גאָרנישט, מע טוט נאָר דאָס װאָס מע הײסט... פּאָניאַטנאָ? פֿאַרשטאַנען.

— יאָ, ליבע ייִדן, — זאָג איך, — איך בין טאַקע דאָ נאָך זײער װײניק און צום ערשטן מאָל אין לעבן רעד איך מיט סאָװיעטישע ייִדן. איך האָב אײַך אָבער גלײַך פֿאַרשטאַנען. לױט װי מיר דאַכט זיך האָב איך אײַך זײער גוט פֿאַרשטאַנען...

זײ געזעגענען זיך מיט מיר זײער האַרציק און װינטשן, אַז די מילחמה זאָל זיך װאָס גיכער ענדיקן. זײ גיבן באַלד צו, אַז מיר אַלע פּליטים זאָלן האָבן דאָס גרױסע מזל זיך קאָנען אומקערן אין גיכן אַהײם צו אונדזערע פֿאַמיליעס נאָך דעם װי היטלער װעט האָבן אײַנגענומען אַ מיתה־משונה.

נאָך אײדער די צװײ ייִדן גײען אַװעק, קומט אַרײַן אין קאַפֿע זישע קאַץ. ער זעצט זיך גלײַך צו צום טיש און זאָגט מיר אַז ער האָט באַקומען אַ גרוס פֿון װאַרשע.

— פֿון װאַרשע? — פֿרעג איך — דורך װעמען?

— דורך זײער אַ נאָענטן — ענטפֿערט ער מיר — דורך מײַן עלטערן זון.

— דורך דײַן זון? — װי אַזױ — פֿרעג איך.

ער ענטפֿערט: — זײער אײנפֿאַך. מײַן עלטערער זון — זאָגט ער — איז אָנגעקומען קײן ביאַליסטאָק.

הײסט עס, אַז קאַץ איז שױן נישט אַלײן, ער האָט שױן לעבן זיך זײַן עלטערן זון. קאַץ דערצײלט מיר אױך, אַז זײַן שװאָגער, דער גוטבאַקאַנטער מיטאַרבעטער פֿון „הײַנט" און „הײַנטיקע נײַעס", ב. קוטשער, געפֿינט זיך שױן אױך אין ביאַליסטאָק. ער װעט אים נאָך הײַנט זען. ער גיט מיר אױך איבער װעגן נאָך עטלעכע אַקטיאָרן װאָס זענען געקומען קײן ביאַליסטאָק.

די קעלטן זענען שוין זייער שטאַרקע. ס׳גייען שוין די לעצטע טעג פון יאָר 1939, שוין ווינטער. איך זאָג קאַצן, אַז ער זאָל געבן אַ טראַכט צו פאָרן אַ ביסל ווײַטער פון ביאַליסטאָק. איך פרעג אים צי עס וואָלט נישט געווען קיין פּלאַן זיך זען אַרײַנקריגן קיין ווילנע?

קאַץ פרעגט: — וואָס עפּעס ווילנע?

דערצייל איך אים, אַז איך האָב נעכטן געהערט אין טעאַטער, אַז אין ווילנע איז בעסער ווי דאָ. ווײַל די סאָוויעטן זאָלן האָבן דערקלערט ווילנע פאַר די ליטווישע הויפּטשטאָט. איז אפשר וואָלט דאָרט געווען פאַר אונדז בעסער?

קאַץ זאָגט מיר אַז נאָך דעם ווי זײַן זון איז געקומען ווייסט ער נישט צי וועט ער פון דאַנען אַוועק. ווײַל ס׳קאָן דאָך זײַן, אַז זײַן פרוי מיטן יינגערן זון זאָלן אויך קומען אַהער. אַלץ איז דאָך מעגלעך.

מיר פאַרלאָזן די קאַפע און לאָזן זיך איבער די ביאַליסטאָקער גאַסן, וואָס זענען פול מיט מענטשן און אַלע געשעפטן — געפּאַקט מיט קונים. מענטשן האַלטן אין איין קויפן וואָס ס׳לאָזט זיך. די פרײַזן שפּרינגען טאָקע מיט יעדן טאָג אַלץ העכער און העכער. יעדע פאַר מינוט באַגעגנט מען אַנדערע באַקאַנטע פון פאַרשידענע שטעט פון פּוילן. נײַנציק פּראָצענט פון די אַלע פּליטים האָבן איבערגעלאָזט זייערע פרויען און קינדער אויף יע־נער זײַט.

— וואָס האָבן מיר געהאַט צו לויפן — טענהן זיי — גלײַך מיט די פאַ־מיליעס? זיי גיבן אָבער אויך איבער אַז אַ סך פּליטים גייען צוריק.

— וואָס רעדט איר? — זאָג איך — צוריק?

— נויט — ענטפערן זיי — ברעכט אײַזן. אַ סך גייען צוריק. אַנדערע פּליטים גייען ווײַטער, אַ סך קיין לעמבערג, נאָך מער — קיין ווילנע, און גיבן גלײַך צו, אַז ס׳איז פאַראַן אַ ידיעה צו גיין בעסער קיין ווילנע.

פאַר וואָס עפּעס בעסער ווילנע? — דאָס ווייסט קיינער נישט.

— מע דאַרף זיך אַרײַנרײַסן — שרײַען זיי — בעסער קײַן ווילנע.

גייענדיק אַזוי ווײַטער באַמערק איך ווי זייער פּיל מענטשן לייענען מעלדונגען וואָס זענען אויפגעקלעפּט אויף די ווענט. נײַע מעלדונגען. מע רופט די פּליטים זיך איבעררעגיסטרירן. אַלע, וואָס האָבן זיך שוין איין מאָל רעגיסטרירט, דאַרפן קומען זיך נאָך אַכאָל איבעררעגיסטרירן.

איך באַשליס צו גיין צום טעאַטער „פּאַלאַס". אפשר וועל איך זיך דערוויסן נײַעס בײַ די נײַגעקומענע אַקטיאָרן. איך טרעף זיך דאָרטן מיט דזשיגאַן און שומאַכער, וו. גאָדיק, א. מאָרעווסקי, מ. קליין, ווײַנטרויב. עס זענען שוין אויך דאָ נוסבוים, נויפעלד, לוקסעמבורג, בערגמאַן. מע גיט מיר אויך איבער, אַז נאָר וואָס האָט מען זיך דערוווּסט, אַז משה ליפּמאַן און זײַן פאַמיליע זענען געקומען. הייסט עס, אַז אַ ביסל אַקטיאָרן האָט זיך אײַנגעגעבן אַהער צו קומען. איך הייב אָן צו גלייבן, אַז גאָר אין גיכן וועט זיך אײַנגעבן צו אָרגאַניזירן אַ טעאַטער־אַנסאַמבל.

איך לאָז זיך אַרײַן אין אַ געשפּרעך מיט דזשיגאַן און שומאַכער, וועגן אונדזער גורל, וועגן די איבערלעבענישן אין וואַרשע. איך פרעג זיי צי זיי ווייסן שוין וועגן דער נײַער איבעררעגיסטראַציע.

— וואָס? — שרײַט אויס דזשיגאַן — מע דאַרף זיך שוין ווידער רעגיסט־רירן? מיר האָבן זיך דאָך ערשט רעגיסטרירט!

איך דערצייל זיי וועגן מײַן געשפּרעך מיט די צוויי מינסקער יידן און גיב צו:

— חברים, דאָ טוט מען נישט וואָס מע וויל. דאָ זענען די סאָוויעטן, און אַז זיי הייסן זיך רעגיסטרירן, מוז מען פאָלגן און פאַרצייכענען די דאַטע פון דער איבעררעגיסטראַציע — פּאָניאַטנאָ? — גיב איך צו אויף רוסיש.

און אַלע ענטפערן אין איין כאָר: — פאַרשטאַנען, גוט פאַרשטאַנען.

קאַפּיטל 16

טעג און נעכטן אין ביאַליסטאָק

מיר האָבן שוין דאָס יאָר 1940. שוין איבערגעקומען די רעגיסטראַ־ציע אין פּליטים־קאָמיטעט. נישט אַלץ אָבער מאַכט זיך אַזוי גיך. דאָס אי־בעררעגיסטרירן האָט געדויערט אַ שיין שטיקל צײַט, דאָס שטיין אין דער ריי האָט בײַ יעדן גענומען כמעט אַ האַלבן טאָג, ווײַל צענדלינגער טויזנטער פּליטים זענען געווען אין ביאַליסטאָק. אַ סך האָבן זיך בכלל נישט רעגיסט־רירט אָדער איבעררעגיסטרירט, ווײַל זייער פיל, וואָס האָבן נישט געהאַט

דעם קאָפּ ווי אַוועקצולייגן, זענען אָפּגעוועזן אין ביאַליסטאָק אַ שטיקל צײַט און געזוכט אַ וועג צו פֿאָרן ערגעץ אין אַן אַנדערער שטאָט, לויט די קלאַנ־גען, וואָס האָבן זיך פֿאַרשפּרייט, איז אַ גרויסע מערהייט אַוועק קיין ווילנע.

ווי איך האָב זיך שפּעטער דערוווּסט, איז מען געפֿאָרן דירעקט פֿון ביאַליסטאָק אין אַ קליין שטעטל אין ווילנער געגנט און פֿון דעם שטעטעלע איז שוין דער וועג קיין ווילנע געווען זייער לײַכט. פֿאַרשטייט זיך, אַז צו דעם זענען געווען ספּעציעלע „מאַכערס".

ווי ס'איז שפּעטער באַוווּסט געוואָרן, איז דער הויפּט־מאַכער פֿון אי־בערפֿירן די ייִדישע פּליטים פֿון ביאַליסטאָק קיין ווילנע געווען אַ געוויסער ווייסמאַן, אַ פּוילישער ייִד פֿון ראַדאָם, אַ שטיקל שרײַבער און אַרויסגעבער פֿון אַ וואָכנבלעטל אין ראַדאָם. אָט דער ווייסמאַן, וואָס האָט געהאָלפֿן עט־לעכע טויזנט ייִדן אַריבערגיין קיין ווילנע, האָט אָבער שפּעטער, זיך אַליין, לײדער, נישט באַוויזן אַריבערצופּעקלען אַהין. ער איז ערגעץ פֿאַרפֿאַלן געוואָרן אָן אַ שפּור. אַז מע פֿלעגט אים אַמאָל זאָגן:

— נו, און איר, פּאַניע ווייסמאַן, אויף וואָס וואַרט איר? איר רעדט דאָך צו טויזנטער ייִדן, אַז מע דאַרף נעמען דעם דרך, פֿאַרוואָס גייט איר נישט? עס קאָן דאָך ווערן צו שפּעט?...

זײַן ענטפֿער איז געווען, אַז מיר האָבן נאָך צײַט, און אַזוי צוליב דעם „האָבן נאָך צײַט" איז ער פֿאַרפֿאַלן געוואָרן.

פֿון יענער זײַט גרענעץ האָבן שוין אויפֿגעהערט קומען פּליטים. די גרענעץ איז שוין געוואָרן כמעט הערמעטיש פֿאַרמאַכט. אויב ס'איז נאָך עמעצער געקומען, איז עס שוין געווען אַ זעלטנקייט. דאַקעגן זענען נאָך גע־קומען פּוילישע שמוגלערס, וועלכע האָבן געבראַכט פֿאַרשידענע סחורות, וואָס זענען דאָ פֿאַרצוקערט געוואָרן. מ'האָט פֿאַר זיי געצאָלט זייער גרויסע פּרײַזן. מיט יעדן טאָג זענען די סחורות פֿון די פּוילישע שמוגלערס געוואָרן טייערער. ווער האָט זיי געקויפֿט? — בלויז סאָוויעטישע מענטשן. מיליטער־לײַט, אָדער סאָוויעטישע ציוויל־געקליידטע מענטשן, וואָס זענען כסדר גע־קומען צו פֿאָרן.

אָנהייב 1940 האָבן זיך שוין אין ביאַליסטאָק געפֿונען אַ סך טויזנטער סאָוויעטישע מענטשן, וואָס האָבן שוין פֿאַרנומען פֿאַרשידענע אַמטן. מ'האָט אויפֿגעקויפֿט אַלץ וואָס ס'האָט זיך נאָר געלאָזט, און צום קויפֿן איז געווען

וואָס, ווײַל די צענדליגער טויזנטער פּליטים האָבן שוין אָנגעהויבן פּאַרקויפן זייערע זייגערס, קאָסטיומען און אַנדערע זאַכן, וואָס ס׳איז זיי געלונגען צו ברענגען אַהער. די פּליטים זענען געצוווּנגען געוואָרן אַראָפּצופּאַרקויפן פון זיך די זאַכן, צוליב דעם, וואָס אויב איינער פון זיי האָט געוואָלט ווײַטער פאָרן, האָט ער געמוזט האָבן מיט זיך וואָס ווייניקער זאַכן. איבעריקנס, האָט אַזאַ נסיעה געקאָסט געלט. די ווידער וואָס זענען געבליבן האָבן גע־דאַרפט מיט יעדן טאָג מער געלט. דער יקרות איז געוואָקסן. וואָס מער ס׳זע־נען אַרויסגעפירט געוואָרן פאַרשידענערליי זאַכן און סחורות קײַן רוסלאַנד, אַלץ טײַערער איז אַלץ געוואָרן אויפן מאַרק און שווערער דאָס לעבן. אין ביאַליסטאָק האָט אָנגעהויבן אַרויסגיין „דער ביאַליסטאָקער שטערן״, וואָס האָט געבראַכט פאַרשידענע נאָטיצלעך אויפן חשבון פון די פּליטים, למשל, אַז עס דרייען זיך אַרום זייער פיל געקומענע וואָס טוען גאָרנישט. דאָס איז שוין געווען אַן אָנצוהערעניש אַז די מענטשן דאַרפן אָנהייבן טראַכטן זיך אײַנצושפּאַנען אין נײַעם שטייגער.

שפּעטער האָבן זיך שוין אין דער זעלבער צײַטונג באַוויזן נאָטיצן וועגן „האַנדל״ און „שפּעקולאַנטן״, אָבער, אַז אין דעם האַנדל באַטייליקן זיך די סאָוויעטישע געקומענע מענטשן וואָס קויפן־אויף און פירן אַלץ אַרויס פון ביאַליסטאָק, וועגן דעם האָט מען פאַרגעסן צו שרײַבן. מ׳האָט שוין אָנגע־הויבן פילן אַז די זאַך וועט גלאַטיק נישט אַראָפּ.

אין טעאַטער האָט זיך פלוצלינג געמאָלדן אַ ייִד, אַ פיש־הענדלער, וואָס האָט אַמאָל געוווינט אין וואַרשע, און האָט מיר דערקלערט, אַזוי ווי ער קען מיך שיינע עטלעכע יאָר אי פון וואַרשע, אי פון ביאַליסטאָק, און היות ער האָט געהערט, אַז איך וואַלגער זיך אַרום אין טעאַטער, האָט ער באַשלאָסן מיך אַרײַנצונעמען צו זיך אויף עטלעכע טעג. ער פאַרענטפערט זיך פאַר וואָס נאָר אויף עטלעכע טעג, ווײַל ערשטנס ווינען שוין בײַ אים אין זײַן קליינער ווינונג עטלעכע פּליטים, צווייטנס, דאַרפן צו אים קומען זײַנס אַ שוואָגער מיט אַ פרוי און צוויי קינדער פון אַ קליין שטעטעלע. איך וויל דעם ייִד, דעם ערלעכן פישער אַרומכאַפּן און קושן פאַר פרייד. טאַקע באַלד נעמט ער מיך און פירט מיך אַוועק אויף דער קופּיעצקע־גאַס. זײַן ווינונג איז זייער אַ באַשיידענע. באַשטייט פון צוויי צימערלעך מיט אַ קיך. ער מיט זײַן פרוי און דרײַ קינדער — צוויי זין מיט אַ טאָכטער — פאַרנעמען דאָס לעצטע

שטיבל, אין ערשטן צימער וווינען פיר פּליטים און פאַר מיר וועט ער אויפ־שטעלן אַ בעטל אין קיך כ׳זאָל האָבן וווּ צו שלאָפן בײַנאַכט. בײַטאָג — זאָגט ער — אויב איך וויל וועל איך קאָנען זײַן בײַ אים אין לעצטן צימער.

זייער שיין פון זײַן זײַט. וואָס וועט אָבער זײַן ווען זײַן שוואָגער קומט?

אָבער קודם־כל וויל איך שוין גאָרנישט טראַכטן. גוט וועט זײַן פאַר מיר צו שלאָפן אין אַ בעטל נאָכן וואַלגערן זיך אַזוי לאַנג אין טעאַטער. איך גיי שוין נישט אַוועק פון פּישערס שטוב און בלײַב דאָ איבערנעכטיקן די ערשטע נאַכט אין קיך. מ׳האָט מיך אויך מכבד געווען מיט אַ נאַכט־עסן. צום ערשטן מאָל נאָך לאַנגע וואָכן בין איך געשלאָפן אין אַ בעט אין אַן אײַנגעהייצטער וואַרעמער קיך.

אויף מאָרגן, קומענדיק אין טעאַטער, דערוויס איך זיך, אַז אין צוויי טעג אַרום וועט זײַן אַ פאַרזאַמלונג פון אַלע אַקטיאָרן, וואָס געפינען זיך אין ביאַליסטאָק. מײַן חבר קאַץ און זײַן זון האָבן שוין באַקומען ערגעץ ווו דעם קאָפּ אַוועקצולייגן אויף אַ שטיקל צײַט. אויף דער פאַרזאַמלונג אין טעאַ־טער האָב איך באַמערקט אַ גאַנץ פרעמדן מענטש. עטלעכע אַקטיאָרן האָבן אַרום אים אַרומגעטאַנצט. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דאָס מוז זײַן עפּעס אַ „שישקע״, אַ סאָוויעטישער „ספּעץ״ אין טעאַטער־ענינים. דער ספּעץ האָט טאַקע געהאַלטן די ערשטע רעדע. ער האָט זיך געוואָנדן צו אונדז אין אָנהייב אין רוסיש: — טאָוואַרישטשי אַקטיאָרי! באַלד איז ער איבערגעגאַנגען אויף אַ ליטווישן יידיש און געזאָגט:

— חברים אַקטיאָרן, די סאָוויעטנמאַכט האָט באַשלאָסן דאָ צו עפענען אַ יידיש טעאַטער.

ער האָט אָנגעהויבן דערציילן ווי גליקלעך עס לעבן אין ראַטנפאַרבאַנד די יידישע אַקטיאָרן, אַז זיי דאַרפן וועגן גאָרנישט זאָרגן, מע זאָרגט שוין פאַר זיי. זיי דאַרפן נאָר הערן וואָס מע זאָגט זיי. שפּילן, וואָס מע גיט זיי, און זיך אויפפירן ווי געטרײַע סאָוויעטישע מענטשן און בירגער. צווישן די אַקטיאָרן ווערט אַ שטיקל באַוועגונג און באַלד שטילט זיך עס אײַן.

— טאָמער וויל עמעצער פרעגן — גיט ער צו צום סוף — קאָן מען עס שוין טון אויפן אָרט.

איך בעט מע זאָל מיר געבן אַ וואָרט צו אַ באַמערקונג און איך פרעג אים טאַקע:

— איר האָט געזאָגט, אַז מיר זאָלן זיך אויפפירן ווי סאָוויעטישע מענטשן און בירגער, ווײַל איך באַמערקן, אַז מיר אַלע געקומענע אַקטיאָרן זענען פּוילישע בירגער, אַנטלאָפענע פאַר די היטלער־מערדער, פאַר די פאַ־שיסטן, ווי זשע איז מיט אונדז די לאַגע?

ער ענטפערט גלײַך אַז דאָס וואָס מ׳איז אַנטלאָפן פון די פאַשיסטן האָבן מיר זייער גוט געטון, און אַז קיין פּוילישע בירגער זענען מיר מער נישט, ווײַל ס׳איז מער נישטאָ קיין פּוילישע מלוכה. אַלע, וואָס געפינען זיך דאָ, זענען אין סאָוויעטנפאַרבאַנד. ווער עס קומט אין אונדזער לאַנד אַרײַן, האָט באַלד דאָס מזל צו זײַן אַ סאָוויעטישער בירגער, פאָניאַטנאָ? פאַרשטאַנען?

—ווער וויל נאָך עפּעס פרעגן?

יאָ, אויך גאָדיק וויל עפּעס פרעגן.

— פרעגט.

— אויב מיר זענען שוין בירגער קאָנען מיר דאָך פאָרן וווהין מיר ווילן, אמת?

דער „ספּעץ״ ענטפערט:

— ניין, פאָרן קאָנט איר נאָך נישט אין ערגעץ. וועגן אײַער בירגער־שאַפט וועט באַקאַנט ווערן אָפיציעל, פאַרשטאַנען? יעדער וואָס ווערט אַ סאָוויעטישער בירגער, באַקומט אַ פּאַספּאָרט וואָס שטעלט פעסט זײַן ביר־גערשאַפט. אויב ער וויל ערגעץ פאָרן, קאָן ער באַקומען אויפן סמך פון זײַן פּאַספּאָרט אַ קאָמאַנדיראָווקע... דעמאָלט ערשט קאָן ער פאָרן. נו, פאַרשטייט זיך, — גיט ער גלײַך צו, — אַז פריִער ווערט אויסגעפאָרשט צי דער מענטש דאַרף בכלל פאָרן, צי ער מעג פאָרן? ווו וויל ער פאָרן? צו וואָס ער דאַרף פאָרן? און צי מע קאָן אים לאָזן פאָרן? פאָניאַטנאָ?

— יאָ, — זאָגן עטלעכע אַקטיאָרן, — פאַרשטאַנען, זייער גוט פאַר־שטאַנען...

און איך גיב גלײַך צו:

— אַז מע רעדט דײַטלעך און קלאָרע ווערטער פאַרשטייט מען זיי־ער גוט..

— נו, עפּעס נאָך פראַגעס וויל ווער שטעלן?

— יאָ, מע וויל שטעלן נאָך פראַגעס.

— צי איז דעם חבר באַוווּסט, אַז אַקטיאָרן האָבן נישט ווו צו ווױנען און שלאָפן?...

— אַזוי גאָר, — זאָגט ער, — איר האָט נישט ווו צו שלאָפן? וועגן דעם זאָלט איר זײַן רויק, באַלד ווי ס׳וועלן זיך אָנהייבן די פּראָבן אין טעאַטער וועט איר דאָך דאָרט נישט קאָנען שלאָפן, וועט מען אײַך באַזאָרגן מיט דירות. וועגן דעם קאָנט איר זיך שוין פאַרלאָזן אויף דער סאָוויעטנמאַכט. מיר וועלן געבן אײַן ווונק, דאָרט ווו מע דאַרף, וועט איר שוין האָבן דירות. ווײַטער, זאָגט ער, אַז ס׳איז שוין באַשטימט געוואָרן, אַז ס׳וועלן זײַן צוויי אַנסאַמבלען: איינער אַ דראַמאַטישער און איינער פאַר אַ מוזיקאַלישער קאָמעדיע אָדער פאַר אַ קינסטלערישער רעווי. אַזוי ווי מ׳האָט שוין פריִער איבערגעגעבן וועגן די אַקטיאָרן, ווער און וואָס זיי זענען.

אין זאַל הערט מען עטלעכע שטימען פון אַקטיאָרן: — ווער איז עס דער? ווער האָט גערעדט מיט אײַך וועגן דעם? ווער האָט קוואַליפיצירט ווער ס׳זאָל שפּילן אין דער דראַמע, ווער אין דער רעווי?

פּלוצלינג הערט מען עפּעס אַן אויסגעשריי פון עפּעס אַ באַקאַנט קול:

— טאָ, זאָל שוין בלײַבן שטיל יעדער איינער! שטיל זאָלט איר בלײַבן!

מיר קוקן ווער איז עס דער וואָס שרײַט אַזוי הויך און מיט אַזאַ זי־כערקייט צו די אַקטיאָרן.

— אַהאַ, דאָס איז דאָך אונדזערס אַ חבר פון פּוילן, אַ באַקאַנטער אַק־טיאָר.

— דאָס איז דאָך דער אַקטיאָר וואָס האָט אונדז פאַרשריבן. ער שרײַט עס אַזוי הויך, עפּעס מעשה באַלעבאָס. אַהאַ, פאַרשטענדלעך... עס פאַלן צו אים גלײַך פראַגעס פון פאַרשידענע אַקטיאָרן:

— הע, דו! וואָס קאָכסטו זיך עפּעס? וואָס ווילסטו און וואָס שרײַסטו? מיר פרעגן דען בײַ דיר? מיר פרעגן דאָך דעם חבר וואָס איז ספּעציעל צו אונדז געקומען פון מינסק. פון דיר האָבן מיר נישט וואָס צו הערן?

דער אַקטיאָר אָבער שווײַגט נישט. ער שרײַט נאָך העכער: — שטיל זאָל זײַן, זאָג איך אײַך! דאָ איז נישט פּוילן! דאָ איז סאָוויעטנרוסלאַנד, איר הערט, דאָ איז אַ גאַנץ אַנדערע דיסציפּלין. איר וועט שוין יאָ הערן וואָס איך זאָג.

עס ווערט שטיל. אַלע אַקטיאָרן קוקן זיך איבער, מיר האָבן פאַרשטאַ־

נען, אַז ער איז געוואָרן דער וואָס טראָגט צו וועגן דעם, צי וועגן אַ צווייטן אַקטיאָר.

אַזוי — טראַכט איך — וועט ער שוין ווערן אַ שטיקל מאַכער, ער וועט שוין מאַכן אַ קאַריערע. ער קאָן זיך אפּנים גלײַך צופּאַסן צו דער לאַגע... אויף אים קוקנדיק וועלן זיך נאָך עטלעכע וועלן צופּאַסן... און ס׳וועט שווער ווערן צו ברענגען אַ מאָל פאַרן מויל אַן אמתדיק וואָרט.

דער צונויפֿקום ווערט געשלאָסן מיט אַ מעלדונג, אַז אין צוויי טעג אַרום וועט זײַן אַ צווייטע אויסגעברייטערטע פאַרזאַמלונג. מיר הייבן אָן אַרויסצוגיין פון טעאַטער. איך און מײַן חבר קאָץ גייען שווייגנדיקע אַרויס צוזאַמען אין דרויסן.

אויף דער גאַס איז טומלדיק. פון די אינסטאַלירטע ראַדיאָ־הילכערס טראָגט זיך מוזיק. די קאַפעען זענען געפּאַקט מיט מענטשן, זייער אַ סך פּליטים האָבן זיך שוין אַ ביסל צוגעפּאַסט צו דער לאַגע. איך באַגעגן מײַנעם אַ שכן פון וואַרשע, טיקולסקי, ער דערציילט מיר, אַז אויך ער האָט איבערגעלאָזן אין וואַרשע זײַן פרוי און קינד. וואָס ער טוט דאָ? ער האַנדלט, קויפט, פאַרקויפט.

— ווייס איך וואָס — זאָגט ער — אַז מ׳האָט אין קעשענע געלט, קאָן מע טון וואָס מע וויל; אַז מע שמירט — פאָרט מען.

ער קלערט די טעג צו געבן אַ גיי אַריבער קיין וואַרשע, ער דאַרף פון דאָרט עפּעס ברענגען. איך קוק אים אָן פאַרחידושט און פרעג אים:

— וואָס הייסט איר גייט קיין וואַרשע? ס׳איז דאָך איצט פאַרבונדן מיט לעבנס־געפאַר!

— גייט שוין, גייט, — מאַכט ער צו מיר, — איר זענט אַ יאָלד. ערשטנס, גיי איך נישט אַליין, נאָר מיט עטלעכע פּאָלאַקן וואָס האַלטן אין איין גיין הין און צוריק. די זאַך איז אין גאַנצן זיכער, ווײַל אַז מע שמירט — פאָרט מען און דער וועג איז אָן אָנגעשמירטער. פאַרשטייט זיך, אַז פאַר ייִדן איז עס געפערלעך צו ריזיקירן, אָבער אַז מע גייט צוזאַמען מיט די פּאָלאַקן איז עס נישט געפערלעך, ווײַל ס׳הייסט, אַז מ׳איז אויך אַ פּאָלאַק.

מיר געזעגענען זיך מיט טיקולסקין, און איך מיט קאַצן לאָזן זיך גיין ווײַטער, זיך דערוויסן עפּעס נײַעס אויב ס׳איז נאָר מעגלעך. מיר באַמערקן, אַז ס׳שטייען רעדלעך ייִדן און מע קאָמענטירט עפּעס אַ וויכטיקע זאַך. מע

גיט אונדז איבער אַז דער ראַדיאָ האָט נאָר וואָס געמאָלדן אַז ס׳וועט זײַן אַ נײַע רעגיסטראַציע. יעדער איינער וועט מוזן באַווײַזן מיט וואָס ער באַשעפטיקט זיך. איבערהויפּט מיינט מען דאָ די פּליטים. די וואָס וועלן נישט קאָנען באַווײַזן קיין אויסזיכט אויף אַרבעט וועלן געשיקט ווערן טיפער קײַן רוסלאַנד. דערפאַר, האָט דער ראַדיאָ איבערגעגעבן, איז בעסער זיך צו רעגיסטרירן צו פאָרן אויף אַרבעט פרײַוויליק. אויף די ווענט זענען שוין געהאַנגען פּלאַקאַטן וועגן אָט דער נײַער רעגיסטראַציע. מ׳האָט אויך באַמערקט אין דער מעלדונג אַז מע דאַרף דאָס מאָל מיטברענגען דאָקומענטן, פּעסער, ביכלעך פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען.

— נו, — זאָג איך צו זישע קאַצן, — האָבן מיר דאָ געמוזט בלײַבן? וואָלטן מיר נישט בעסער געטון ווען מיר פאָרן קיין ווילנע?

ער קוקט מיך אָן און צעלאַכט זיך:

— און דאָרט, מיינסטו, קומען נישט פאָר די זעלבע רעגיסטראַציעס אַלע מאָנטיק און דאָנערשטיק? דאָרטן זענען דאָך אויך די זעלבע סאָוויעטישע מעטאָדן ווי דאָ. דאָ, דאָרט — ווייס איך וואָס — ס׳איז איין גרויסע צרה.

מיר צעגייען זיך — יעדער זײַן וועג, צו זײַן אָרעם אָרט — איבערצוקומען די נאַכט. איך גיי און טראַכט: וואָס טוט זיך מיט מיר? עפּעס האָב איך אַ שלעכט פאָרגעפיל. פּלוצלינג קומען מיר אַנטקעגן דזשיגאַן און שומאַכער. מיר צערעדן זיך וועגן דער נײַער רעגיסטראַציע. זיי גיבן צו: — איז דאָס שוין די לעצטע רעגיסטראַציע? ס׳וועלן נאָך זײַן אַ סך... מיר גלייבן דען אין דעם? מיר האָבן אַ ברירה: לאָמיר גלייבן, אַז ס׳וועט נאָך אפשר זײַן גוט, אפשר. מיר געזעגענען זיך. איך גיי אין מײַן קיכל אַרײַן שלאָפן. פאַר די אויגן מישט זיך מיר די פאַרזאַמלונג... דער אַקטיאָרישער מסור... ראַטנפאַרבאַנד, פּוילן, וואַרשע, אַמעריקע... אין קאָפּ רוישט משוגע צו ווערן... די נײַע רעגיסטראַציע, יעדער איינער דאַרף האָבן זײַן באַשעפטיקונג, זײַן פּאַספּאָרט. דאָ איז ראַטנפאַרבאַנד... דאָ מוז יעדער איינער האָבן אַ פּאַס, פּאַניאַטנאָ? פאַרשטאַנען?...

קאַפּיטל 17

דאָס לעבן גייט ווייטער און קיין צרות פעלן נישט

הײַנט דאַרף מען גיין זיך רעגיסטרירן און אויפוויַיזן צי מ׳איז בײַ עפּעס באַשעפטיקט. דאָס מאָל אָבער גייט מען נישט צו דעם פּריערדיקן קאָמיטעט ווו איך האָב זיך שוין איין מאָל רעגיסטרירט און אַ צווייט מאָל איבערגערעגיסטרירט... ווען איך זאָל צורעכענען דאָס רעגיסטרירן זיך אין טע־אַטער בײַם ספּעציעלן רעזשיסער אַלס אַקטיאָר, הייסט עס אַז שוין דרײַ מאָל האָב איך זיך רעגיסטרירט. הײַנט גייט שוין פֿאַר מיר די פערטע רע־גיסטראַציע.דאָס אָרט, ווו מע דאַרף זיך רעגיסטרירן, איז שוין אָבער גאָר אַן אַנדערס. עס מאַכט שוין דעם אײַנדרוק פֿון עפּעס גאָר אַ וואַזשנעם אָפּי־ציעלן פּלאַץ...

עס שטעלן זיך אויס לאַנגע רייען פּליטים. אָבער דאָס מאָל אײַל איך זיך נישט. איך וואַרט כדי זיך צו דערוויסן פֿון באַקאַנטע וואָס מ׳איז אויסן מיטן נײַעם רעגיסטרירן. כ׳וואַרט אָפּ באַקאַנטע און פרעג זיך נאָך בײַ זיי. די באַקאַנטע ענטפערן:

— וויס איך וואָס... די רעגיסטרירער האָבן געפרעגט, איך האָב גע־ענטפערט און זיי האָבן פאַרשריבן צו וואָס פֿאַר אַן אַרבעט איך טויג, ס׳הייסט מיט וואָס איך האָב זיך פאַרנומען אין דער היים, און געהייסן אָפּוואַרטן ביז אַ פרישער מעלדונג. יאָ, זיי פאָדערן אומבאַדינגט צו ווײַזן דאָקומענטן. טאָ־מער האָט נישט ווער קיין דאָקומענטן הייסן זיי, מע זאָל זיך ווענדן צו דער מיליץ אינעם ראַיאָן ווו מע וווינט, וועט מען שוין אויסשטעלן דאָקומענטן...

אַרום אונדז זאַמלען זיך אַ סך פּליטים. עס ווערט זיי אומהיימלעך ווען זיי דערהערן אַז אויב מ׳האָט נישט קיין דאָקומענטן דאַרף מען גיין אין דער מיליץ... די שטימונג ווערט זייער אַ געדריקטע. יעדער איינער באַשטייט זיך צו רעגיסטרירן אַפילו צוואַנציק מאָל בײַ די ציווילע מענטשן, אַבי קיין איין מאָל נישט דאַרפן גיין צו דער סאָוויעטישער מיליץ. די פּליטים האָבן שוין אָנגעשמעקט אַז ס׳איז אַ סך בעסער און געזונטער נישט צו האָבן צו טון מיט דער מיליץ.

אַזוי ווי די רעגיסטראַציע וועט געדויערן שיינע עטלעכע טעג באַשליס איך, אַז דערוויַיל האָב איך צייַט צו גיין זיך דאָרט רעגיסטרירן, וויַיל אייגנט־לעך האָב איך דאָך פאַר דער רעגיסטראַציע קיין שום מורא נישט. איך האָב מייַנע דאָקומענטן אין אָרדענונג. אין קורצן — האָט מען דאָך געמאָלדן — וועלן אָרגאַניזירט ווערן טעאַטער־אַנסאַמבלען פון אַלע אַקטיאָרן. הייסט עס, אַז איך געהער דאָך שוין צו דער קאַטעגאָריע פּליטים וואָס וועלן האָבן באַ־שעפטיקונג דאָ אין ביאַליסטאָק. און נאָך אַ זאַך, שוין מאָרגן וועט דאָך זייַן די צווייטע פאַרזאַמלונג אין טעאַטער; טאָ לאָמיך פריִער איבערקומען די פאַרזאַמלונג אין טעאַטער. שפּעטער וועל איך זיך גיין רעגיסטרירן.

איך טראַכט מיר אַז וועגן דער רעגיסטראַציע דאַרף איך מיך נישט זאָרגן. דאָס וויכטיקסטע איז איצט די פאַרזאַמלונג, דאָס אָנהייבן שפּילן טעאַטער. און נאָך אַ זאַך, זייער אַ וויכטיקע: אויב מע וועט נאָר אָנהייבן מאַכן פּראָבן, וועט מען דאָך זען צו באַזאָרגן די אַקטיאָרן מיט דירות און איך מוז דאָך שוין זען צו באַקומען אַ דירה ווו דעם קאָפּ אָוועקצולייגן, וויַיל דער פּישער, בייַ וועמען איך שלאָף אין דער קיך, האָט מיר שוין געמאָלדן אַז אין די נאָענטסטע טעג קומט זייַן שוואָגער צו פאָרן צו אים. איך האָב טאַקע דעם אײדעלן מענטש, דעם פּישהענדלער, באַרויִקט אַז ווי נאָר זייַן שוואָגער מיט זייַן פאַמיליע וועלן קומען, לײדיק איך באַלד אָפּ די קיך ווו איך שלאָף. פאַרקערט, איך האָב אים נאָך זייער געדאַנקט פאַר זייַן שיינער האַנדלונג לגבי מיר. איז מילא, פאַרפאַלן, וועל איך טאַקע מוזן צוריקגיין שלאָפן אין קאַלטן טעאַטער.

אויף מאָרגן גאַנץ פרי האָט באַדאַרפט זיך אָנהייבן די צווייטע פאַר־זאַמלונג. עס פאַרזאַמלט זיך אַ גאָר היפּשע צאָל אַקטיאָרן און אַקטריסעס, אויך משה בראָדערזאָן איז געקומען אויף דער פאַרזאַמלונג. איך זע דאָ אויך נאָך אַקטיאָרן, וואָס איך האָב גאָרנישט געוווּסט אַז זיי זענען אין ביאַליסטאָק, ווי דעם באַקאַנטן טעכנישן לייַטער פון וואַרשעווער סקאַלאַ־טעאַטער, בע־רעלע שוואַרצשטיין. ער גיט מיר איבער, אַז איינער פון די דירעקטאָרן פון וואַרשעווער סקאַלאַ־טעאַטער, שמחה ריבאַ, געפינט זיך אין ביאַליסטאָק.

איך קוק זיך צו דאָ אינעם צימער, ווו ס׳קומט פאָר די פאַרזאַמלונג, און אָבסערוויר אַלצדינג. עס שטייט אַ לאַנגער טיש, אויבן־אָן זיצט „דער גאַסט פון מינסק". עס זיצן אויך מאַרעווסקי און בערל מאַרק, אַ לינקער

שרײַבער פון פוילן. די זיצונג ווערט געעפנט מיט אַ רעדע פון בערל מאַרק, אַז מע גייט פאַרזאָרגן די ביאַליסטאָקער אײַנוווינער מיט גייסטיקער שפּײַז, מיט טעאַטער. אַלע אַקטיאָרן וועלן ווערן באַשעפטיקט. דער רעפּערטואַר וועט זײַן אַ געקליבענער, אַ קאָנטראָלירטער, די אַקטיאָרן וועלן נישט האָבן קיין שום זאָרגן, זיי וועלן נאָר דאַרפן הערן וואָס מע זאָגט זיי; זיך צופּאַסן צו אַלצדינג וואָס מע וועט זיי הייסן. שוין אין עטלעכע טעג אַרום וועט באַקאַנט ווערן וואָס מע וועט שפּילן און ווער ס'וועט דאַרפן אָנהייבן מאַכן פּראָבעס. עס וועלן — זאָגט ער — וואַרשיינלעך זײַן צוויי אַנסאַמבלען. אַזוי ווי מ'האָט אים איבערגעגעבן, וועט לײַכטער זײַן צו שטעלן דאָס ערשטע אַ קינסטלער־רישע רעווי־פאָרשטעלונג, אויך דערפאַר, ווײַל ס'געפינען זיך דאָ אַקטיאָרן וואָס האָבן גאָר נישט לאַנג געשפּילט קינסטלערישע רעווי־פאָרשטעלונגען, און אַז מע טאָר נישט פאַרגעסן — זאָגט ער ווײַטער — אַז ס'געפינט זיך צווישן אונדז דער שאַפער פון גרויסע קינסטלערישע רעווי־ספּעקטאַקלען, דער דיכטער און טעאַטראַל משה בראָדערזאָן, נו פאַרשטייט זיך — גיט ער צו — אַז אַ „ספּעציעלע קאָמיסיע", וועט קאָנטראָלירן די איינציקע נומערן ווי אויך די גאַנצע רעווי. די רעדע פון בערל מאַרק האָט קיינעם נישט שאָקירט. ער האָט גערעדט געלאַסן און מענטשלעך.

דאָס צווייטע וואָרט האָט גענומען דער „גאַסט פון מינסק" און געזאָגט נישט מער ווי געציילטע ווערטער: — געדענקט, טאָוואַרישטשי־אַקטיאָרי, אַז איר זאָלט אויף קיין איין מינוט נישט פאַרגעסן ווו איר געפינט זיך, דאָ, אין ראַטנפאַרבאַנד, וועט איר זיך דאַרפן צופּאַסן צו אונדזער דיסציפּלין, פּאָניאַטנאָ? פאַרשטאַנען?

אַ וואָרט האָט באַקומען דער אַקטיאָר וו. ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט אין אַ פּאָזע פון אַ „שישקע" און אָנגעהויבן גלײַך מיט אַ הויכן טאָן:

— חברים, אַקטיאָרן! ביז ס'וועט באַשטימט ווערן, ווען ס'הייבן זיך אָן די פּראָבן, דאַרפן זיך אַלע אַקטיאָרן מעלדן פונקט 10 אַזייגער אין דער פּרי אין „פּאַלאַס"־טעאַטער. געדענקט ווו איר געפינט זיך, איר הערט? געדענקט! ווײַל פאַר פאַרשפּעטיקן אין ראַטנפאַרבאַנד מיט פינף מינוט וועט איר'באַצאָלן מיט אײַערע קעפּ...

— וואָס? — הערן זיך שטימען פון די אַקטיאָרן — וואָס קעפּ? וואָס רעדט ער? צו וועמען רעדט ער אַזוי?

דער אַקטיאָר וו. טוט אַ געשריי אויפן העכסטן טאָן:
— שטיל זאָל זיין! דיסציפּלין! פאַר נישט צופּאַסן זיך, פאַר נישט קו־מען צו דער צייט וועט איר זיין פאַראַנטוואָרטלעך מיט אייערע קעפּ!

די וואָס זיצן ביים טיש באַמערקן ווי די שטימונג ווערט אַ פּיינלעכע, אַ געדריקטע און אויך אַ צערייצטע, און זיי דערקלערן די פאַרזאַמלונג פאַר געשלאָסן.

די אַקטיאָרן פאַרלאָזן גיך דאָס טעאַטער. אַלע זענען אויפגערעגט, ווייל זיי זענען שוין גוט איין, אַז אָט דער אַקטיאָר האָט זיך געשטעלט צום דינסט פון די וואָס האָבן די מאַכט איבער אונדז. יעדער פון אונדז האָט זיכער געטראַכט איינס און דאָס זעלבע, אַז מע דאַרף זיין מיט אָט דעם „פויגל" זייער פאָרזיכטיק, ווייל אַזאַ פאַרשוין איז פעיִק אויף אַלצדינג...

איך באַשליס אויף מאָרגן גאַנץ פרי קודם־כל זיך צו גיין רעגיסטרירן, אָבער פריִער וועל איך גיין אין טעאַטער אַריין און מעלדן דעם נייעם „קאָמי־סאַר"־אַקטיאָר, אַז איך גיי זיך רעגיסטרירן. קעגן דעם קאָן ער דאָך גאָרנישט האָבן, דאָס איז דאָך אַ פאַראָרדענונג פון דער מאַכט.

איך קום אין טעאַטער און טרעף שוין דאָרט כמעט אַלע אַקטיאָרן. מיר אַלע שטייען און שווייגן. מיר קוקן כמעט נישט אין זיין זייט. ער האָט פאַר־שטאַנען, אַפּנים, אַז ער האָט נעכטן איבערגעכאַפּט די מאָס... און אפשר האָט מען אים אויפמערקזאַם געמאַכט אויף דעם. אַזוי צי אַזוי, ער הייבט אָן מיט אַ שטילן טאָן און זאָגט אַז נעכטן איז ער געווען עפּעס זייער נערוועזיש. אפשר האָט ער זיך אַ ביסל צו שאַרף אויסגעדריקט צו די אַקטיאָרן בעט ער דעריבער אַלע אַקטיאָרן זיי זאָלן אים מוחל זיין.

אין דעם מאָמענט פאַלט מיר איין אין געדאַנק, אַז אָט דער אַקטיאָר שפּילט אפשר איצט די ראָל פון יאַסעלע באַבטשעס נומער צוויי. איך דער־מאָן זיך אגב אינעם גרויסן ספּעקטאַקל, וואָס מיר האָבן געשפּילט אין וואַר־שע, אין קאַמינסקיס טעאַטער, אין יאָר 1929־30 — „דער טויבער" פון דוד בערגעלסאָן. כמעט אַ גאַנצן סעזאָן איז געגאַנגען „דער טויבער" און צו דער פּופּציקסטער פאַרשטעלונג האָבן מיר אַראָפּגעבראַכט דעם באַרימטן שרייבער דוד בערגעלסאָן קיין וואַרשע. ער האָט דעמאָלט בייגעוווינט די אויפפירונג פון „דער טויבער" און איז געווען באַגייסטערט פונעם שפּילן פון די אַקטיאָרן און פונעם רעזשיסער, דוד הערמאַן. נישט געקוקט אויף

דעם וואָס דוד הערמאַן האָט זיך דערלויבט אייניקע סצענעס איבערצומאַכן האָט דוד בערגעלסאָן מיט אים מסכים געווען. נאָך דער פאָרשטעלונג האָט דוד בערגעלסאָן געהאַלטן אַ וווּנדערבאַרע באַגריסונג־רעדע צו די אַקטיאָרן, צום רעזשיסער און עולם. פאַרוואָס דערמאָן איך עס פונקט איצט? ווײַל אין „דער טויבער" האָב איך געשפּילט איינע פון די הויפּטראָלן, די זייער שווע־רע און קאָמפּליצירטע כאַראַקטער־ראָל — יאָסעלע באַבטשעס. אַ טיפּ וואָס פאַרמסרט די אַרבעטער פאַרן באַלעבאָס פון דער ברויטמיל. יאָסעלע באַב־טשעס, אַליין אַן אָנגעשטעלטער, און אַ גרויסער אָרעמאַן, שטעלט זיך קעגן די אַרבעטער און חנפעט דעם באַלעבאָס. פאַרוואָס טוט ער עס? ווײַל ער פאַר־דינט בײַם באַלעבאָס אַכצן רובל אַ חודש. יאָסעלע באַבטשעס האָט אַ ווײַב מיט קינדער און לעבן דאַרף מען, טוט ער דאָס וואָס דער באַלעבאָס וויל... ווען די אַרבעטער ווילן זיך אָפּרעכענען מיט אים פאַר די מסירות, הייבט ער זיך אָן פאַרענטפערן, אַז ער האָט אַ ווײַב מיט קינדער און אַז ער באַקומט בײַם באַלעבאָס אַכצן רובל אַ חודש. דערפאַר שפּרינגט ער אַהין און צוריק... אַזאַ מין יאָסעלע באַבטשעס איז איצט דער אַקטיאָר וו. אפשר נאָך עפּעס ערגערס פון יאָסעלע באַבטשעס...

איך לאָז זיך צום רעגיסטראַציע־פּונקט, שטיי לאַנג אין דער ריי ביז איך באַטרעט שוין די שוועל פונעם גרויסן זאַל ווו מע רעגיסטרירט. ס׳איז אַפּנים דאָ געווען עפּעס אַ ספּעציעלער זאַל אויף פאַרזאַמלונגען, אָדער אַ פאַבריק וואָס מ׳האָט שוין די מאַשינען פון דאַנען צוגענומען. בײַ פאַר־שידענע טישן זיצן מענער און אויך מיידלעך — סעקרעטאַרינס און פאַר־רעגיסטרירן די וואָס שטייען אין די רייען. אויך אויף דער גאַס איז געווען אַ גרויסע ריי פון די וואַרטנדיקע מענטשן אויף צו רעגיסטרירן זיך. אינעווײי־ניק איז פון דער איינער ריי דרויסנדיקע געוואָרן עטלעכע רייען.

עמעצער האָט געבעטן ס׳זאָל זײַן רויִק. ער האָט עפּעס צו זאָגן. ס׳ווערט שטיל. ער הייבט אָן אין רוסיש און גייט גלײַך איבער אויף ייִדיש. ער זאָגט, אַז מע קאָן נישט לאָזן די מענטשן גלאַט אַזוי זיך אַרומדרייען אויף הפקר. מ׳דאַרף זען אײַנאָרדענען די מענטשן בײַ עפּעס אַן אַרבעט, זיי זאָלן פאַר־דינען אויף זייער אויסקומעניש, האָבן וווּ צו וווינען און גענוג פאַרדינסט צו קאָנען בעסער לעבן ווי ביז איצט. וווינען ווי מענטשן און נישט דאַרפן זײַן אויף דער גאַס. מיט דער איצטיקער רעגיסטראַציע מיינט מען צו פאַר־

זאָרגן די פּליטים מיט אַלעם גוטן. אָבער אַזוי ווי דאָ אין שטאָט קאָן מען דאָך נישט אַלעמען פאַרזאָרגן, ווײַל ביאַליסטאָק קאָן נישט אַרײַננעמען אַזוי פיל פּליטים, זאָל מען וויסן אַז זיי, די פאַרזאָרגער, וואָלטן געקאָנט נעמען די אַלע מענטשן, וואָס זענען אָן אַרבעט, און זיי פשוט אַרויסשיקן אויף אַר־בעט ווו נאָר זיי וועט געפעלן. אָבער די ראַטנמאַכט האָט באַשלאָסן נישט צו שיקן קיינעם מיט גוואַלט, נאָר רעגיסטרירן יעדן איינעם וואָס געפינט זיך אין ביאַליסטאָק. די וואָס האָבן דאָ נישט קיין באַשעפטיקונג, לייגט מען פאָר, אַז זיי זאָלן זיך אַליין אויסקלייבן ווו זיי ווילן פאָרן אויף אַרבעט. מע וועט יעדן איינעם רופן נאָך דער רעגיסטראַציע און אים פאָרלייגן ווו אים געפעלט בעסער צו אַרבעטן, איינעם אין אַ קאַנטאָר, אַ צווייטן אין אַ פאַבריק, און אַלעמען אײַנאָרדענען אויף די בעסטע באַדינגונגען. ער האָט פאַרענדיקט מיטן באַוווסטן רוסישן „פּאָניאַטנאָ״?

— יאָ, יאָ! — האָבן זיך געהערט שטימען פון די פּליטים — מיר האָבן פאַרשטאַנען.

— נו, און איצטער שטעלט זיך אויס איינער הינטערן אַנדערן. מיר הייבן אָן די רעגיסטראַציע. שטייט אָבער אַלע אין אַ גוטער אָרדענונג. מיר, סאָוויעטישע מענטשן, האָבן ליב אָרדענונג, אַז מיר זאָגן צו האַלטן מיר וואָרט. מיר נאַרן קיינעם נישט אָפּ, ווי מע טוט דאָס אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער. יעדער איינער, וואָס האָט זײַנע דאָקומענטן, זאָל זיי ווײַזן, כדי ער זאָל נישט דאַרפן קומען נאָך אַמאָל.

די רעגיסטראַציע האָט זיך אָנגעהויבן.

נישט אַלע האָבן מיט זיך געהאַט דאָקומענטן, מ׳האָט זיי אָבער אויך רע־גיסטרירט מיט דער באַמערקונג, אַז זיי דאַרפן מאָרגן ברענגען זייערע דאָ־קומענטן צו ווײַזן. ווער ס׳האָט נישט קיין דאָקומענטן וועט מען אים שוין אויסשטעלן...

עס קומט אָן צו מיר. מע פרעגט מײַן נאָמען, פאַמיליע־נאָמען, פאָטערס נאָמען, מוטערס נאָמען, פאָטערס באַשעפטיקונג, מײַן באַשעפטיקונג, מײַן פּאַך, וואָס איך טו דאָ? איך בין אַן אַקטיאָר. אַן אַקטיאָר? איר שפּילט שוין דאָ טעאַטער? איך ענטפער, אַז מע שטעלט שוין דאָ איצט צונויף אַ טרופּע און איך בין פאַררעכנט צום אַנסאַמבל.

דער, וואָס רעגיסטרירט מיך, איז פון דעם זייער צופרידן, ער זאָגט מיר:

— הייסט עס, אַז ס׳וועט דאָ זײַן אַ טעאַטער — וועט דאָך זײַן ווו צו פאַרברענגען. זייער גוט... און ער פרעגט מיך: — איר האָט אַנדערע דאָקומענטן? אַ שאלה? — זאָג איך — צי איך האָב מיט זיך מײַנע דאָקומענטן, זיכער! אָט האָט איר — זאָג איך — מײַן קאָנסולאַרן פּאַס, אָט האָט איר מײַן אַקטיאָרן־קאַרטע, אַרויסגעגעבן פון אַקטיאָרן־פאַראיין אין וואַרשע.

ווען דער, וואָס רעגיסטרירט מיך, נעמט מײַן פּאַס אין האַנט, הייבט ער אָן מישן די בלעטלעך, און דערזעט, אַז אויף מײַן פּאַס געפינט זיך אַ נישט־אויסגעגאַנגענע אַמעריקאַנער וויזע — הייבט אָן מײַן פּאַס פּלוצלינג איבער־צוגיין פון האַנט צו האַנט, צו אַלע באַאַמטע, וואָס פאַרנעמען זיך מיטן רע־גיסטרירן. איך באַמערק אויך עפּעס אַ שושקערײַ פון זייער זײַט. זיי רעדן צווישן זיך עפּעס אין דער שטיל. איינער גיט אַ זאָג צו מיר:

— זײַט איר דאָך געווען אין אַמעריקע גאָר נישט לאַנג.

איך באַשטעטיק אַז דאָס איז אמת. איך קום טאַקע פון אַמעריקע. אַ צווייטער באַאַמטער האַלט מײַן אַקטיאָרן־קאַרטע אין האַנט און באַשטעטיקט, אַז איך בין דער זעלבער דוד לעדערמאַן וואָס אין פּאַס.

ווען זיי האַלטן שוין בײַם אָפּגעבן מיר מײַנע דאָקומענטן, שטעלט זיך פּלוצלינג אויף אַ מענטש, וואָס איז געזעסן אַ ביסל ווײַטער אין אַ זײַט בײַ אַ טישל און זאָגט:

— איין מינוט וואַרט נאָר צו, ווײַזט מיר נאָר די דאָקומענטן איך דאַרף זיי ווײַזן דעם פּרעצעדאַטעל, ס׳הייסט, דעם פאָרזיצער פון רעגיסטריר־קאָ־מיטעט. ער נעמט מײַנע דאָקומענטן און פאַרשווינדט מיט זיי אין אַ זײַ־טיקער טיר. מיך הייסט מען וואַרטן עטלעכע מינוט. מע רעגיסטרירט ווײַטער אַנדערע פּליטים.

ס׳געדויערט נישט לאַנג. דער מענטש קומט צוריק מיט מײַנע דאָקו־מענטן און דערקלערט מיר, אַז ס׳קאָן זייער מעגלעך זײַן, אַז איך זאָל זיך מוזן מעלדן אין „אָוויר״. איך פרעג, וואָס איז דאָס אַזוינס „אָוויר״? ער דער־קלערט מיר, אַז „אָוויר״ איז אַ געוויסע אָפּטיילונג פון קאָמיסאַריאַט פאַר אויסערלעכע ענינים. שפּעטער האָט זיך טאַקע אַרויסגעוויזן, אַז דאָס איז די באַוווסטע אָפּטיילונג פאַר אויסערן־ענינים פון דער „ען־קאַ־ווע־דע״ — ען־קאַ־גע־בע...

איך דערקלער אים, אַז איך פאַרשטיי נישט דייטלעך, וואָס ער מיינט

מיט דעם „אָוויר״. ער ענטפערט מיר, „זײַט רויק, דער „אָוויר״ עסט נישט קיינעם אויף. דאָס איז אַזאַ אָפּטיילונג צום רעגיסטרירן מענטשן וואָס האָבן אַזאַ פּאַספּאָרט ווי איר... און גיט באַלד צו דאָס באַרימטע ווערטל: פּאָניאַטנאָ? פאַרשטאַנען? יאָ, יאָ, — זאָג איך — אַ ביסל האָב איך פאַרשטאַנען אָבער נישט אין גאַנצן... נאָר — זאָגט ער — זײַט זיכער, אַז אויב איר האָט נישט פאַרשטאַנען, וועט מען אײַך שוין דאָרטן געבן גוט צו פאַרשטיין... און ער פאַרענדיקט: — איר, אַרטיסט, איר קאָנט שוין גיין ווו איר באַדאַרפט. און איך בין אַרויס פון דאָרט.

איך גיי און טראַכט וואָס איז דאָס אַזוינס דער „אָוויר״, וווהין מע וועט מיך שיקן? ער האָט דאָך געזאָגט אַז ס׳קאָן זײַן אַז מע וועט מיך רופן. עס קאָן אָבער אויך זײַן, מע זאָל מיך נישט רופן. איבעריקנס, וואָס וועל איך אַזוי פיל טראַכטן, איך וועל מיר דען מיט דעם עפּעס העלפן? און זאָג צו זיך אַליין: דוד, האַלט זיך! זאָרג נישט, קיין צרות וועלן נישט פעלן. ווײַל אַ פּליט, אַ נע־ונדניק דאַרף שטענדיק זײַן גרייט אויף אַלצדינג, אַבי דאָס לעבן גייט ווײַטער. איי די רעגיסטראַציעס? איבעררעגיסטראַציעס און נײַע רעגיסטראַציעס? זאָל עס גיין ווי עס גייט, אַבי דאָס לעבן גייט ווײַטער און קיין צרות פעלן נישט.

קאַפּיטל 18

שרייבער - געסט פון מאָסקווע

איך געפין זיך שוין צוריק אין טעאַטער, ס׳הייסט, איך וווין שוין ווײַטער אין טעאַטער, ווײַל מײַן דירה בײַם פּישהענדלער איז פאַרנומען געוואָרן פון זײַן מישפּחה. ס׳האָבן זיך באַוויזן מעלדונגען, אַז אַלע וואָס ווינען אין גרעסערע ווינונגען וועלן מוזן מעלדן וועגן דעם. אויך אַלע פאַבריקאַנטן דאַרפן אויפגעבן וועגן זייערע סחורות, וועגן זייערע מאַשינען. מ׳האָט אָנגעהויבן קאָנפיסקירן די סחורות, מ׳האָט צוגענומען די פאַבריקן, אויך כמעט אַלע קראָמען זענען געוואָרן איבערגענומען. קורץ — אַלצדינג האָט אָנגעהויבן צו ווערן דאָס אייגנטום פון דער ראַטנמאַכט.

פאַר די קראָמען פון עסנוואַרג האָט מען שוין אָנגעהויבן זען לאַנגע רייען. פּוטער האָט מען שוין מער ווי 100 גראַם פאַר אַ פּערזאָן נישט פאַרקויפט. מאַסן מאַשינען פון די פאַבריקן האָט מען אַרויסגעפירט פון שטאָט...

אין „ביאַליסטאָקער שטערן" האָבן זיך באַוויזן נאָטיצן וועגן פּריוואַט־אייגנטום. דער עולם האָט דערשמעקט, אַז קיין צרות וועלן נישט פעלן. דעם אמת געזאָגט איז באַלד בײַם אָנהייב געווען צרות. אָבער מיט יעדער וואָך וואָס ס׳איז אַוועק האָט זיך באַמערקט אַז ס׳גייט צום ערגערן.

נאָך דער לעצטער רעגיסטראַציע האָבן מענטשן גלײַך אין עטלעכע טעג אַרום באַקומען מעלדונגען, אַז זיי זאָלן זיך גרייטן צו קומען נאָך אַמאָל אויפן זעלבן אָרט ווו מ׳האָט זיי רעגיסטרירט, דאָרט וועט מען שוין מעלדן וועגן ווײַטערדיקע פאַראָרדענונגען. מיט עטלעכע טעג שפּעטער האָט מען שוין געוווּסט, אַז גרויסע פּאַרטיעס מענטשן ווערן געשיקט טיף אין רוסלאַנד אויף פאַרשידענע אַרבעטן...

אויך זישע קאַצס זון האָט זיך רעגיסטרירט געשיקט צו ווערן אויף אַרבעט. מ׳האָט אים צוגעזאָגט, אַז ס׳וועט אים דאָרט זײַן זייער גוט, ער וועט אַרבעטן בײַ לײַכטער אַרבעט, נאָר עטלעכע שעה אין טאָג, די איבעריקע צײַט וועט ער זיך קאָנען לערנען. פיל טויזנטער פּליטים זענען געשיקט געוואָרן ווײַט אין רוסלאַנד. אָבער אין שטאָט זענען נאָך אַלץ געבליבן אַ סך טויזנטער.

ווידער איז גערופן געוואָרן אַ פאַרזאַמלונג פון די אַקטיאָרן. מ׳האָט געמאָלדן אַז גאָר אין קורצן וועלן זיך אָנהייבן די פּראָבן פון דער קינסט־לערישער רעווי־פאָרשטעלונג. די מעלדונגען האָט איבערגעגעבן ו. וואָס האָט אויך געמאָלדן, אַז אַלע אַקטיאָרן דאַרפן אָנשרײַבן זייער ביאָגראַפיע, ס׳הייסט, ווען געבוירן, ווו, אין וועלכן לאַנד, ווי לאַנג זיי שפּילן טעאַטער, די נעמען פון זייערע עלטערן, מיט וואָס זייערע עלטערן האָבן זיך פאַרנומען, די נעמען פון זייערע זיידעס און באָבעס, מיט וואָסערע באַשעפטיקונגען די זיידעס האָבן זיך פאַרנומען. צי זענען זייערע טאַטעס אָדער זיידעס געווען אַרבעטער, סוחרים צי פאַבריקאַנטן? און נאָך פאַרשידענע דאַטעס וואָס זיי דאַרפן אויספילן, און דאָס צושטעלן אין משך פון דרײַ טעג. מיר האָבן זיך דערוווּסט אַז ס׳קומט צו אונדז אַ ספּעציעלער מענטש פון רוסלאַנד, אַן אַזוי גערופענער אַדמיניסטראַטיווער דירעקטאָר.

אין די דרײַ טעג, וואָס מיר האָבן באַדאַרפט צושטעלן אונדזער ביאָ־גראַפיע, האָבן מיר זיך שוין גלײַכצײַטיק פאַרנומען מיטן צוזאַמענשטעלן די רעווי, וואָס האָט שוין אויך באַדאַרפט אין קורצן באַקומען אַ נאָמען. די דרײַ טעג זענען מיט מזל אַוועק. אַ סך אַקטיאָרן האָבן עס גענומען לײַכט, זיך אויסגעלאַכט:

— ווייס איך וואָס — האָבן זיי געזאָגט — „זיי" ווילן ביאָגראַפיעס, ביטע זייער! מיר קאָנען זיי צושטעלן וויפל ביאָגראַפיעס זיי ווילן, אָבער, ווען וועלן זיי שוין געבן אַ טראַכט, אַז מענטשן דאַרפן עפּעס פאַרדינען, קיין מן פון הימל פאַלט דאָך נישט אַראָפּ... דאָס ביסל געלט, וואָס מיר האָבן אַהערגעבראַכט, לאָזט זיך שוין אויס... ווען קלערן זיי שוין אָנצוהייבן שפּילן טעאַטער און צו צאָלן די אַקטיאָרן זייערע לוינען?

עס זענען אָבער אויך געווען אַקטיאָרן, וואָס האָבן שוין גוט פאַרשטאַ־נען, אַז דאָס פאָדערן די ביאָגראַפיעס איז נישט אַזוי גלאַט אין דער וועלט אַרײַן, אַז דאָס האָט נישט קיין שום שייכות מיט קונסט, — אָדער מיט אַק־טיאָרישקייט... מ'האָט שוין אָנגעהויבן אײַנזען אַז בײַ די סאָוויעטן איז דאָס אַזאַ „סיסטעם"... די מערהייט אַקטיאָרן האָבן זיך צוגעפּאַסט צום טערמין און געבראַכט זייערע ביאָגראַפיעס. זיי האָבן זיך אויך דערוווסט, אַז משה בראָדערזאָן, ווי דער קינסטלערישער לייטער פון דער רעווי, דאַרף צושטעלן אַלע נומערן צו אַ ספּעציעלער קאָמיסיע וואָס דאַרף קאָנטראָלירן די טעקסטן און באַשטימען וועגן אַלצדינג, אויב ס'איז כשר אָדער טריף. פאַרשטייט זיך, אַז מיר האָבן אויסגעקליבן אַזעלכע נומערן צו שפּילן, וואָס זענען געווען, נאָך אונדזער מיינונג, הונדערט פּראָצענט כשר.

נישט אַלע טעקסטן זענען אָבער אָנערקענט געוואָרן פאַר גלאַט־כשר. מ'האָט געמוזט טוישן עטלעכע נומערן. ווער ס'איז די ספּעציעלע קאָמיסיע, וואָס איר מיינונג איז אַזאַ דיקטאַטאָרישע, האָבן מיר נישט געוווסט. ס'איז געווען גענוג אַז משה בראָדערזאָן האָט געגעבן צו פאַרשטיין אַז לויט דער מיינונג פון דער קאָמיסיע טאָר מען גאָרנישט מאַכן. ס'הייסט, אַז מע מוז זיך צו אַלצדינג צופּאַסן. מיר זענען געווען געצווונגען אויסצוזוכן נייטראַלע נומערן, וואָס האָבן נישט צו טון מיט קיין שום פּאָליטיק. מיר האָבן געמיינט אַז איצט דאָ, אונטער דער אָקופּאַציע פון ראַטנפאַרבאַנד, וועלן מיר קאָנען געבן דיאַלאָגן און סקעטשן וואָס האָבן אַן אַנטי־נאַצי־פּנים. אָבער לא —

האָט מען אונדז געזאָגט — קיין שום נומער טאָר נישט זײַן מיט קיין אַנטי־נאַצי־טענדענץ... מיר האָבן געטענהט, אַז אין פּוילן האָט מען פּראַנק און פרײַ געשפּילט יאָרנלאַנג אַנטי־נאַצי־רעפּערטואַר, דאַרף מען דאָ אַוודאי לאָזן שפּילן דעם רעפּערטואַר. אָבער ס׳האָט גאָרנישט געהאָלפן, דער ענטפער איז געווען:

— מע טאָר נישט... דאָ טאָר מען נישט.

און טאַקע באמת, וואָס הייסט מע וועט דאָ אין ביאַליסטאָק שפּילן אַן אַנטי־נאַצי־רעפּערטואַר? דאָ געפינען זיך דאָך די סאָוויעטן! די סאָוויעטנ־מאַכט האָט זיך דאָך פאַרבונדן מיט היטלער־דײַטשלאַנד, געמאַכט אַ „פּאַקט“ מיט זיי, אַ שותּפות, זיך אײַנגעטיילט מיט פּוילן, טאָ ווי אַזוי מעגן זיי דערלאָזן קריטיקירן אָדער מיט עפּעס זיך אויסדריקן קעגן זייערע פאַרבינדעטע, קעגן זייערע פרײַנד?

אָט זעט איר — האָבן זיי געזאָגט — ווען איר האָט אַ ביסל רעפּערטואַר קעגן פּוילן, קעגן אַמעריקע, ענגלאַנד, פראַנקרײַך — ביטע זייער! דאָס יאָ! אָבער קעגן היטלערן? חלילה! דאָס נישט! — אָט דאָס איז געווען דער פּסק פון דער ספּעציעלער טעאַטער־קאָמיסיע.

מיר האָבן באַשלאָסן: אויב אַזוי — וועלן מיר געבן בלויז נייטראַלע נומערן, דאָס הייסט, שפּילן גלאַט סקעטשן, זינגען פאָלקסלידער, מער גאָרנישט און פאַרטיק... אויף קיין באַשטעלונגען וועלן מיר נישט שפּילן...

ס׳איז אפשר פון אונדזער זײַט געווען צו פיל ריזיקירט, אָבער קיינער האָט זיך נישט געוואָלט שטעלן צום דינסט פון היטלערס שותּפים, צו דער סאָוויעטנמאַכט.

נאָר איין אַקטיאָר, גאָדיק, האָט אין זײַן קאָנפעראַנסיערקע אַ ביסל אָפּגעחוזקט פון דער פּוילישער רעגירונג און איר פּרעזידענט וואָס זענען מיטן ערשטן שאָס אַנטלאָפן פון לאַנד און איבערגעלאָזט די גאַנצע באַפעלקערונג אויף הפקר. גאָדיק האָט עס געטון אויף זײַן פערזענלעכער פאַראַנטוואָרטלעכקייט. ער האָט געמאַכט אימפּראָוויזאַציעס בײַנאַכט. און אַזוי ווי דער עולם האָט זײַנע וויצן, אויפן חשבון פון דער אַנטלאָפענער פּוילישער רעגירונג, אויפגענומען מיט אַפּלויזן און געלעכטערס, האָט ער זיך שוין געלאָזט

וווילגיין אויף אַט דער טעמע... ס׳הייסט, אַז ער איינער האָט זיך אַ ביסל צוגעפּאַסט צו דעם וואָס די קאָמיסיע האָט געוואָלט.

***

טעג זענען אַוועק און טעג זענען געקומען. מ׳האָט זיך פּלוצלינג דער־ווּסט פון אַ נאָטיץ אין „ביאַליסטאָקער שטערן", אַז ס׳קומען קיין ביאַלי־סטאָק געסט פון מאָסקווע, די סאָוויעטיש־יידישע שרײַבער, צווישן אַנדערע וועט קומען פּרץ מאַרקיש, פּראָפ׳ נוסינאָוו, יחזקאל דאָברושין, קושניראָוו, גאָדינער. ס׳האָט לאַנג נישט געדויערט און די געסט זענען געקומען. עטלעכע פון זיי האָבן זיך פּערזענלעך גוט געקענט מיט די יידישע שרײַבער־פּליטים, אַנטלאָפענע פון היטלער־פּוילן. אונדזערע יידישע שרײַבער פון פּוילן האָבן זיך מיט זיי געזען, געמאַכט פאַר זיי אויפנאַמען אין שרײַבערהויז, וואָס האָט שוין געהאַט עקזיסטירט נאָך פאַר אונדזער קומען קיין ביאַליסטאָק. די יידישע שרײַבער זענען געהאַט אַוועק פון וואַרשע אַ שטיק צײַט פאַר אונדז.

עטלעכע טעג שפּעטער זענען די געסט, די מאָסקווער יידישע שרײַבער, אויך געקומען אין טעאַטער אַרײַן. מיט פּרץ מאַרקיש האָב איך זיך פּערזענ־לעך זייער גוט געקענט, נאָך פון יאָר 1923 אין וואַרשע ווו ער האָט דע־מאָלט אַרויסגעגעבן זײַנע שריפטן. פּרץ מאַרקיש האָט זיך דערפרייט וואָס ער האָט זיך געטראָפן מיט זײַנע באַקאַנטע שרײַבער און אַקטיאָרן. ער פרעגט זיך אויס ווער ס׳איז געבליבן אין וואַרשע און אויך פאַר וואָס אַלע זענען נישט געקומען. נאָר גיי דערצייל מאַרקישן, אַז נישט אַלע אַקטיאָרן האָבן געוואָלט אַריבערלויפן אַהער, אַ סך האָבן בפירוש נישט געוואָלט קו־מען, פאַר וואָס? גאַנץ איינפאַך, געווען אַ ביסל אַקטיאָרן וואָס האָבן מיט־געמאַכט די רעוואָלוציע פון יאָר 1917 אין רוסלאַנד, און האָבן יאָרנלאַנג געוואַרט אויף דעם טאָג, ווען זיי וועלן שוין קאָנען זײַן אויף דער פּוילישער ערד, אין זייער היים. זיי האָבן געטענהט אַז איצט איז טאַקע אַ סכנה צו זײַן אין וואַרשע, זיי קאָנען זיך אָבער נישט באַשליסן צו לויפן אַהער, ווײַל זיי קענען שוין גוט די אָרדענונג און פאַרהעלטענישן פון ראַטנפאַרבאַנד, און זיי ווייסן אַז אַרײַן איז לײַכטער ווי אַרויס... האָבן זיי מורא געהאַט צו ריזי־קירן און דערפאַר נישט געקומען אַהער.

פּרץ מאַרקיש באַדויערט זייער אַ סך אַקטיאָרן וואָס ער קען זיי גוט.

לויט זײַן מיינונג דאַרף מען אַלצדינג טון, צו זען, אַז קיינער זאָל דאָרט נישט בלײַבן. ווײַל ס׳איז אַ גרויסע סכנה פאַר די וואָס זענען דאָרט פאַר־בליבן.

איך דערצייל אים וועגן די איבערלעבענישן, וואָס מיר האָבן געהאַט, ביז מיר זענען שוין אַהערגעקומען. ער פאַרזיכערט אונדז, אַז דאָ וועט אונדז זײַן גוט, מיר זאָלן נישט זאָרגן, מע וועט שוין זאָרגן פאַר אונדז, און ער גיט צו, מיר זאָלן זיך האַלטן איינער מיטן צווייטן חבריש. געדענקען גוט אונ־דזערע איבערלעבונגען און נישט לאָזן פאַלן איינער דעם אַנדערן. די געסט דערציילן וועגן דעם אויפשטייג פון דער יידישער קולטור בײַ זיי אין מאָס־קווע, וועגן דעם קינסטלערישן מאָסקווער מלוכה־טעאַטער, וועגן די צווויי שוישפילער מיכאָעלס און זוסקין, וועגן זייערע גרויסע פאָרשטעלונגען.

פלוצלינג גיט מיר פרץ מאַרקיש אַ ווונק איך זאָל מיט אים אַוועקגיין אין אַ זײַט, ער האָט מיר געזאָגט גאַנץ שטיל אַז ער וויל מיר עפּעס דער־ציילן און אויך עפּעס ווײַזן, אָבער נישט איצט. מאָרגן, זאָגט ער, אויב ס׳איז מעגלעך, וויל ער זיך מיט מיר זען אין אַ צײַט, ווען ער קאָן מיט מיר רעדן אומגעשטערט, ער וויל זיך מיט מיר זען וועגן אַ זייער וויכטיקן ענין, אָבער מיר זאָלן זײַן אַלייך, אָן שום עדות. איך האָב געגעבן אַ טראַכט און אויף גיך אים געענטפערט, אַז ער זאָל קומען מאָרגן אין דער און דער שעה, ווען קיינער איז נישטאָ אין טעאַטער, וועלן מיר קאָנען רעדן אומגעשטערט. די גאַנצע דעלעגאַציע האָט זיך געזעגנט מיט די אַקטיאָרן און פאַרלאָזט דאָס טעאַטער.

גלײַך נאָך זייער אַוועקגיין האָט וו. געמאָלדן אַז ס׳זענען שוין באַ־שטימט געוואָרן די געהאַלטן פאַר די אַקטיאָרן. ס׳איז שוין דאָ די פּאַרטיקע פולע ליסטע מיט אַלע לוינען פאַר אַלע שוישפילער, פאַר די וואָס הייבן שוין אָן און פאַר די וואָס וועלן שפּעטער שפּילן טעאַטער. אָבער צי אַלע שוי־שפּילער וועלן גלײַך באַקומען די געהאַלטן איז אַ פראַגע, די וואָס הייבן אָן באַלד צו שפּילן באַקומען גלײַך, און די אַנדערע, וואָס דאַרפן שפּעטער אָנ־הייבן, איז נאָך נישט זיכער.

אַז איך האָב דערזען דעם אונטערשיד פון די געהאַלטן בין איך נשתומם געוואָרן. פאַר די קלענערע אַקטיאָרן זענען באַשטימט געוואָרן אַזעלכע ניש־טיקע לוינען, אַז דאָס האָט אוממעגלעך געמאַכט זייער עקזיסטענץ. איך האָב

געזען די גאַנצע ליסטע פון אַלע געהאַלטן פונעם גרויסן אַנסאַמבל אַקטיאָרן, און דער אונטערשיד פונעם גרעסערן אַקטיאָר ביזן קלענערן איז געווען אַזאַ גוואַלטיקער, אַז ס׳לאָזט זיך גאָרנישט גלייבן, אַז מענטשלעכע קעפּ און מענטשלעכע הערצער זאָלן עס איבערהויפּט דערלאָזן... און ווו נאָך? אין דער פּראָלעטאַרישער מלוכה — אין ראַטנפאַרבאַנד! און דאָך איז עס אַ פאַקט. אויב זיי האָבן, למשל, געשטעלט אַ גרויסן אַקטיאָר צוויי טויזנט רובל אַ חודש, האָבן זיי דעם קלענערן אַקטיאָר געשטעלט 275 רובל אַ חודש. איך האָב געמאַכט אויפמערקזאַם אַז אַזאַ דעגראַדאַציע איז נישט דערלאָזבאַר! פאַר 275 רובל וועט דאָך דער קלענערער אַקטיאָר נישט קאָנען עקזיסטירן; איז געווען דער ענטפער, אַז אַזוי האָט באַשטימט די ספּעציעלע קאָמיסיע. און אַז אַזוי זענען די געהאַלטן פון אַלע סאָוועטישע אַקטיאָרן. אין דער ליסטע איז געווען אפשר פופצן פאַרשידענע געהאַלטן.

איך בין אויסגעווען אין מײַן לעבן אין אַכט לענדער פון דער וועלט ווו מ׳האָט נאָר געשפּילט ייִדיש טעאַטער. אָבער אַזאַ צעטל פון לוינען זע איך צום ערשטן מאָל אין מײַן לעבן. דער קלענערער אַקטיאָר איז נעבעך גלײַך געווען פאַראורטיילט צו אַרבעטן און צו הונגערן. און צו אַפּעלירן איז נישט געווען צו וועמען, ווײַל ס׳איז גלײַך דערקלערט געוואָרן אַז אַזוי איז באַשטימט געוואָרן פון „אויבן“, דער באַפעל פון די געהאַלטן קומט פון מאָסקווע. דער אַקטיאָר וו. האָט גלײַך צוגעגעבן:

— פאַר אײַך, וואָס איר הייבט שוין אָן שפּילן אין דער קינסטלערישער רעווי, האָט מען דאָך באַשטימט גוטע געהאַלטן... וואָס גייט אײַך אָן וואָס מ׳האָט אַנדערע באַשטימט ערגערע?

אמת, פאַר אונדז האָט מען באַשטימט גאַנץ גוטע געהאַלטן און בײַ דעם גרויסן יקרות האָט מען געקאָנט ווי ס׳איז דורכלעבן. מיר האָבן אָבער געהאַט טענות פאַר וואָס מע דערלאָזט אַזוי עקספּלאָטירן דעם קלענערן אַקטיאָר. איך האָב אָנגעוויזן אויף דעם, וואָס אַ געוויסן אַלטן אַקטיאָר, וואָס האָט זיך קוים דערשלאָגן קיין ביאַליסטאָק, האָט מען באַשטימט דעם קלענסטן געהאַלט און דאָס ערשט דעמאָלט, ווען ער וועט אָנהייבן אַרבעטן אין אַ נײַער אויפפירונג. און דאָס האָבן באַשטימט מענטשן וועלכע רעדן וועגן יושר און גערעכטיקייט! מיר האָבן זיך שוין איבערצייגט אַז זייער יושר און גערעכטיקייט איז איין גרויסער ליגן. שפּעטער מיט יאָרן האָב איך זיך דער-

ווּסט פון ייִדישע אַקטיאָרן אין ראַטנפאַרבאַנד וועגן נאָך גרעסערע עוולות, וואָס מע באַגייט קעגן זיי, און נאָך קלענערע געהאַלטן וואָס מע גיט זיי, אַז ס׳איז נישט צום לעבן און נישט צום שטאַרבן... ווײַל אויף ברויט און וואַסער, אָדער, ווי ס׳הייסט בײַ זיי, ברויט מיט קיפּיאַטאָק[1] קאָן מען אויך לעבן, ס׳הייסט, זיך מוטשען שיינע יאָרן... וואָרן וועגן קליידער איז דאָך נישטאָ וואָס צו רעדן; ווער קאָן זיך דען פאַרשטעלן ווי זיי זענען געגאַנגען אָנגעטון, די אַקטיאָרן פון ראַטנפאַרבאַנד. אַ נײַער שלום־עליכם האָט געדאַרפט אויפשטיין, כדי אויסצומאָלן זייער נעבעכדיקן הולך.

אויף מאָרגן, ווען פּרץ מאַרקיש איז געקומען אין דער אָפּגערעדטער צײַט, האָב איך אים טאַקע דערציילט וועגן די געהאַלטן... זײַן ענטפער איז געווען אַז מיט דער צײַט וועט אויך דאָס אויסגעבעסערט ווערן. ער האָט, אַפּנים, געגלייבט אינעם בעסערן צוקונפטיקן לעבן פון ייִדישן קינסטלער. אפשר האָט ער אַליין אויך נישט געגלייבט, אָבער מיר האָט ער געדאַרפט זאָגן די פאַר טרייסטווערטער. פלוצלינג זאָגט ער מיר אַז אויף דער פאַרזאַמלונג פון די ייִדישע שרײַבער האָט איינער פון די געקומענע אָנגעהויבן מסרן די איבעריקע שרײַבער פון פוילן. דאָס האָט אויף אים געמאַכט זייער אַ שווערן אײַנדרוק. ער האָט דעם מסור געמאַכט אַ פאָרוואורף און אויך אויפמערקזאַם אַז ער זאָל נישט פאַרגעסן ווו ער געפינט זיך, און אויפהערן מסרן זײַנע חברים שרײַבער וואָס זענען דאָ צוזאַמען מיט אים אַנטלאָפן זיך ראַטעווען פון דער שרעקלעכער געפאַר וואָס ס׳שטעלט מיט זיך פאַר דער היטלעריזם. ער דערציילט מיר, אַז אויך די איבעריקע שרײַבער, וואָס זענען געקומען פון מאָסקווע, האָבן זיך געפונען אין אַ שווערער שטימונג צוליב דעם מסרן. די מאָסקווער ייִדישע שרײַבער זענען געקומען אַהער ווײַל זיי האָבן געוואָלט זען זייערע ייִדישע ברידער.

ער פרעגט זיך נאָך וועגן פאַרשידענע שרײַבער און אַקטיאָרן וואָס זענען געבליבן אין וואַרשע, מיט וועלכע ער האָט זיך זייער גוט געקענט. דערמאָנט פאַרשידענע איבערלעבונגען אין וואַרשעווער ליטעראַטן־פאַראיין אויף טלאָמאַצקע 13.

פלוצלינג זאָגט ער מיר אַז ער וויל מיר עפּעס דערציילן וואָס איך וואָלט

[1] הייס, געקאָכט וואַסער

זיך גאָרנישט געקאָנט ריכטן. אָבער דאָ — זאָגט ער — אויף דעם אָרט, ווי מיר שטייען איצט, קאָן ער עס נישט טון. איך ווער, נאַטירלעך, זייער נייגע־ריק וואָס ער קאָן מיר דאָ דערציילן און איך פיר אים אַרײַן אין אַ ווײַטערער גאַרדעראָב פונעם טעאַטער.

אַז ער איז אַרײַן מיט מיר אינעם קאַמאַריק, האָט ער זיך אַרומגעקוקט, געבליבן שטיל אַ ווײַלע, און מיך אַ פּאָר מאָל געפרעגט, צי איך בין זיכער, אַז קיינער הערט אונדז נישט. איך האָב אים פאַרזיכערט, אַז אין דער שעה איז קיינער נישטאָ אין טעאַטער, ער קאָן גאַנץ רויִק מיט מיר רעדן וואָס ער וויל. ער האָט מיר געגעבן אַ פרעג:

— זאָג מיר, איך בעט דיך, לעדערמאַן, ווי לאַנג קענען מיר זיך שוין? צוואָנציק יאָר, אמת?

— יאָ, קנאַפּע צוואָנציק יאָר, — זאָג איך, — צוואָנציק יאָר און צווישן אונדז איז קיין סיכסוך קיין מאָל נישט געווען, און ער מעג זײַן רויִק מיט מיר צו רעדן — האָב איך אים ווײַטער געזאָגט.

ער האָט עס באַשטעטיקט און מיר געזאָגט, אַז טאַקע דערפאַר האָט ער מיך אויסגעקליבן כדי עפּעס צו זאָגן און עפּעס צו ווײַזן. און צוגעגעבן, אַז זײַן האַרץ איז אים עפּעס נישט רויִק, ער מוז זיך פאַר אַן אַלטן פרײַנד עפּעס אַראָפּרעדן. אָבער זינט דער געשיכטע מיטן מסרן אין שרײַבער דעם צווייטן — האָט ער באַשלאָסן דאָס דאָזיקע קיין שום שרײַבער נישט צו ווײַזן.

— געדענק, לעדערמאַן, — האָט ער מיר געזאָגט — קיין מאָל וועגן דעם נישט צו רעדן, ביז די צײַט וועט אפשר קומען, ווען דו וועסט עס קאָנען דערציילן...

איך האָב אים געגעבן מײַן וואָרט און מײַן האַנט, און איך האָב מײַן וואָרט געהאַלטן ביז הײַנט.

ער האָט מיך שאַרף אָנגעקוקט מיט זײַנע ווונדערבאַרע אויגן. לאַנג האָבן מיר זיך ביידע אַזוי אָנגעקוקט, איך אַליין בין געוואָרן — פון זײַן קוקן מיר אין די אויגן — אַרײַנגעצויגן אין דער זעלבער שטימונג אין וועלכער ער האָט זיך געפונען. זײַן גאַנצע האַלטונג האָט מיר געגעבן אַ פאַרגעפיל, אַז ער, פּרץ מאַרקיש, לעבט עפּעס איבער אַ שרעקלעך געשעעניש. ער האָט מיר סודותפול געגעבן אַ זאָג, אַז משה נאַדיר האָט אָנגעשריבן אין אַן אַמעריקאַ־

נער יידישער צײַטונג עפּעס אַזוינס וואָס לאָזט אים נישט רוען, נישט בײַטאָג און נישט בײַנאַכט... נישט לאַנג טראַכטנדיק האָט ער געטון אַ נעם אַרויס פון זײַן בוזעם־קעשענע אַ צײַטונג, און איך האָב פאַר זיך דערזען אַ יידישע צײַטונג פון אַמעריקע. כ׳האָב דערזען אַ קאָפּ פון אַן אַרטיקל מיט ריזיקע אותיות, און איבערגעלייענט: „איך האָב אויסגעהאָדעוועט אַ שלאַנג אַרום מײַן האַלדז״, פון משה נאַדיר. מער — זאָגט ער — וועט ער מיך נישט לאָזן לייענען, און ער באַהאַלט צוריק די צײַטונג.

עס האָט געהערשט צווישן אונדז אַ שטילשווײַגן. אַ ביסעלע שפּעטער האָט ער געזאָגט עטלעכע מאָל ווי צו זיך אַליין:

— משה נאַדיר באַשטעטיקט, אַז ער האָט אויסגעהאָדעוועט אַ שלאַנג אַרום זײַן האַלדז... נאָר ער אַליין האָט אויסגעהאָדעוועט אַ שלאַנג אַרום זײַן האַלדז? נאָר ער אַליין? און אפשר האָבן מיר אַלע אויסגעהאָדעוועט די שלאַנג? און עס קאָן דאָך קומען די צײַט, ווען די אויסגעהאָדעוועטע שלאַנג וועט אונדז אַלע אויסווערגן... יאָ, — רעדט ער אַליין ווײַטער, — אויב ס׳זאָל אַזוי גיין ווי ס׳גייט, קאָן, חלילה, קומען דער טאָג ווען די שלאַנג, וואָס איז אַרומגעוויקלט אַרום אונדזערע העלדזער, זאָל אונדז דערשטיקן...

זײַנע אויגן זענען אָנגעפילט געוואָרן מיט טרערן. ער איז זיך פאַרגאַנגען אין אַ ספּאַזמאַטיש געוויין. זייער שווער איז מיר געווען אים צו באַרויקן. ער האָט זיך געגרייט מיט מיר צו געזעגענען, מיך אַרומגענומען און געזאָגט, אַז ער גלייבט אַז פון דעם געשפּרעך מיט מיר וועט קיינער נישט וויסן ביז ס׳וועט קומען אַ צײַט ווען מע וועט עס מעגן וויסן.

ער האָט מיר נאָך אַמאָל געזאָגט, אַז די אַקטיאָרן מיט די שרײַבער דאַרפן זיך האַלטן צוזאַמען, ווײַל סוף־כל־סוף האָבןביידע איין ציל — צו פלעגן יידישע קולטור, און צוגעגעבן:

— האָט האָפענונג אַז איר וועט נאָך אַמאָל זײַן אין אײַערע היימען און זען אײַערע פאַמיליעס...

פּרץ מאַרקיש איז אַוועק.

ערשט נאָך זײַן אַוועקגיין האָב איך גענומען גוט אַרײַנטראַכטן אין משה נאַדירס שרײַבן, הייסט עס, אַז ער, משה נאַדיר, האָט איבערגעריסן מיט דעם וואָס ער איז געווען ביז איצט... מיטן קאָמוניזם... ער איז זיך מודה

אַז ער האָט „אויסגעהאַדעוועט אַ שלאַנג אַרום זײַן האַלדז”, און דאָס האָט ער ערשט דערזען נאָך דעם היטלער־סטאַלין־פּאַקט?

צו שפּעט האָט משה נאַדיר דאָס דערזען, מיר האָבן דאָס שוין לאַנג, לאַנג, דערזען. הייסט עס אַז עפּעס וואָס האָב איך זיך פּאָרט דערוווּסט מיט דעם קומען פון די מאָסקווער געסט.

קאַפּיטל 19

אַדמיניסטראַטיווער דירעקטאָר שוסטער

שוין, איך האָב שוין מיט מזל וווּ צו וווינען. ס׳הייסט, נישט איך אַליין, נאָר אַלע אַקטיאָרן, וואָס נעכטיקן אין טעאַטער, זענען געוואָרן געהאָלפן. איך וווין צוזאַמען מיט נאָך צוויי אַקטיאָרן אין אַ צימער פון אַ געוועזענעם פאַבריקאַנט.

די זאַך איז פאָרגעקומען אַזוי:

נאָך דעם ווי ס׳זענען געווען מעלדונגען, אַז ווער ס׳וווינט אין עטלעכע צימערן דאַרף זיך מעלדן אויף אַ ספּעציעלן אָרט און אויפגעבן וויפל מענטשן ס׳באַוווינען די גרעסערע וווינונגען, האָט זיך געמאָלדן אַ געוויסער קאַשעוור־סקי, אַ ייִד פון דעמבאָווע־גאַס נומער 4 אין ביאַליסטאָק, אין טעאַטער „פּאַ־לאַס” און געבעטן, אַז אויב ס׳געפינען זיך אַקטיאָרן, וואָס שלאָפן אין טעאַ־טער און האָבן נישט קיין וווינונג, איז ער גרייט אָפּצוגעבן איין צימער פאַר עטלעכע אַקטיאָרן. דער גורל האָט געוואָלט, אַז איך זאָל פּונקט זײַן דערבײַ, האָב איך גלײַך באַמערקט, אַז כ׳בין שוין גרייט מיט נאָך צוויי אַקטיאָרן צו פאַרנעמען דאָס צימער.

איך צוזאַמען מיט מײַן חבר קאַץ און דעם טעכנישן לייטער בערל שוואַרצשטיין, האָבן געבעטן, אַז די טעאַטער־אַדמיניסטראַציע זאָל אויס־שטעלן אַ באַשטעטיקונג דעם ייִדן קאַשעווסקי, אַז ער זאָל קאָנען באַווײַזן דאָרט, ווו מע דאַרף, אַז ער האָט שוין אָפּגעגעבן איין צימער פאַר דרײַ אַקטיאָרן פון זײַן דרײַצימערדיקער וווינונג. און אַזוי האָב איך שוין ווו דעם קאָפּ אַוועקצולייגן.

דער געוועזענער פֿאַבריקאַנט, קאַשעווסקי און זײַן פֿרוי, זענען נאָך פֿאַרהעלטעניסמעסיק יונגע מענטשן, אין די פֿערציקער. זיי האָבן צוויי קינדער, אַ מיידעלע מיט אַ ייִנגעלע. די קינדער זענען צווישן אַכט און צען יאָר אַלט. וווּנדערבאַרע שיינע קינדערלעך. אין דער וווינונג געפֿינט זיך אויך אַ זיידע פֿון אַ יאָר פֿינפֿאונזעכציק. אַלע ביז גאָר סימפּאַטישע מענטשן.

באַלד בײַם אַרײַנקומען אין דער דירה האָבן זיי מיר דערקלערט, פֿאַר וואָס זיי איז אײַנגעפֿאַלן זיך צו ווענדן צום טעאַטער אַז אַקטיאָרן זאָלן בײַ זיי וווינען:

זייערע שכנים, וואָס האָבן געהאַט גרעסערע וווינונגען, האָבן זיך געווענדט מיט מעלדונגען אין וווינונג־אַמט — האָט מען צו זיי געשיקט וווינען זייער נישט קיין געוווּנטשענע עלעמענטן, אַזוי אַז דאָרט איז קיין איין מינוט נישטאָ קיין רו. די נײַע לאָקאַטאָרן זענען אין אַ סך פֿאַלן נישט קיין ייִדן. צווייטנס, זענען עס גאָרנישט קיין פּליטים, נאָר געקומענע פֿון רוסלאַנד: באַאַמטע, אָדער מענטשן וואָס וווינען עטלעכע טעג און דערנאָך טוישן זיי זיך מיט אַנדערע וואָס קומען צו פֿאָרן. די וווינונג ווערט פֿאַרוואַנדלט אין אַ האָטעל, מיט געשרייען און גוואַלטן. בײַנאַכט זינגט מען און מע שפּילט אויף האַרמאָשקעס פֿאַרשידענע לידער, ס'טרעפֿט אויך, אַז זייערע אײַנוווינער קומען אַהיים שיכור און ס'קומען פֿאָר סקאַנדאַלן. האָבן זיי זיך באַטראַכט, אַז עס וועט זײַן פֿיל זיכערער און בעסער אַרײַנצונעמען ייִדישע פּליטים. זיי האָבן זיך טאַקע דערטראַכט דערצו, אַז ס'בעסטע וואָלט געווען אַרײַנצונעמען ייִדישע אַקטיאָרן. זיי דערקלערן אונדז אַז ס'האָט זיי אָפּגעגליקט אין דעם פּרט, ווײַל גראָד קענען זיי מיך זייער גוט פֿון מײַן קומען שפּילן קײַן ביאַליסטאָק יאָר־אײַן, יאָר־אויס.

קאַשעווסקי איז נישט קיין גרויסער פֿאַבריקאַנט, נאָר אַ גאַנץ קליין פֿאַבריקאַנטל. סך־הכל האָט ער זיך נישט לאַנג אַרויפֿגעאַרבעט. ער איז געווען אַן אַרבעטער פֿון פֿופֿצן יאָר אָן. ער האָט געאַרבעט זייער שווער און ביטער, געשפּאָרט אַ גראָשן צו אַ גראָשן, ביז ער האָט זיך געקאָנט קויפֿן די ערשטע צוויי וועבשטולן, אַזוי פּאַמעלעך צוגעקויפֿט נאָך עטלעכע שטולן אויף אויסצוצאָלן און געוואָרן אַ קליין פֿאַבריקאַנטל. איצט אָבער האָט מען בײַ אים אַלץ קאָנפֿיסקירט. צוגענומען דאָס פֿאַבריקל מיט די מאַשינען און אויך די סחורות וואָס ער האָט געהאַט. ס'האָט נישט געהאָלפֿן דאָס ברענגען

עדות, אַז ער איז אַ געוועזענער אַרבעטער, אַז זײַן פֿאַבריק איז אָפּגעשפּאַרט געוואָרן פֿון זײַן אייגענער פֿראַצע, אַז ער האָט קיינעם נישט עקספּלאָאַטירט, אַז ער האָט זײַנע עטלעכע אַרבעטער זייער גוט באַהאַנדלט, זיי געצאָלט דעם העכסטן לוין. קיין שום זאַך האָט נישט געהאָלפֿן. מ׳האָט בײַ אים אַלץ צו־גענומען. אַפֿילו זײַן אייגענער ברודער, וואָס איז אַן אַלטער קאָמוניסט, האָט פֿאַר אים אויך גאָרנישט געקאָנט אויפֿטון און פּועלן. נאָך דעם ווי מ׳האָט שוין בײַ אים אַלץ צוגענומען, האָט מען אים איצט געהייסן אָנשרײַבן זײַן ביאָגראַפֿיע, ווי אַזוי ער איז געוואָרן אַ פֿאַבריקאַנט און ווי אַזוי אַן אַרבע־טער האָט זיך געקאָנט דערשלאָגן צו אַן אייגענער פֿאַבריק. זיי מוזן עס געגוי וויסן.

ער גייט אַבער אַרום אַ פֿאַרזאָרגטער. ער, קאַשעוווסקי, זאָגט אַז ער וואָלט מסכים געווען מיטן גורל, איז אָבער די מעשה וואָס ס׳גייען אַרום קלאַנגען, אַז אַלע פֿאַבריקאַנטן וועלן פֿון דאַנען אַרויסגעשיקט ווערן. דאָס איז שוין אַ סך ערגער, ווײַל ווער ווייסט וווּ מע וועט שיקן. דאָס וויכטיקסטע אַרט אים פֿאַר זײַנע צוויי קינדערלעך און פֿאַר דער פֿרוי זײַנער. קורץ, ער גייט אַרום צעטראָגן און צעמישט. ער שלאָפֿט נישט גאַנצע נעכט.

איך האָב אים נאַטירלעך באַרויִקט און געטרייסט, אַז אפֿשר ווי אַ קליין פֿאַבריקאַנטל וועט מען אים נישט טשעפּען. ער האָט אויך דערציילט, אַז ער און זײַן פֿרוי האָבן געהאַט אַפֿידייוויטס צו קאָנען פֿאָרן צו אַ שוועסטער און ברידער קיין אַמעריקע, און אַז אָט־אָט האָבן זיי שוין געזאָלט פֿאָרן — איז פּלוצלינג אונטערגעקומען די מילחמה.

איך מיט מײַנע צוויי חברים פֿאַרנעמען דאָס צימער, וווּ ס׳זענען פֿריִער געשלאָפֿן זייערע צוויי קינדער. אַ חוץ דעם צימער האָבן זיי נאָך געהאַט זייער שלאָפֿצימער און אַן עסצימער. זיי זענען געווען פֿינף פּערזאָן און מיט אונדז איין שוין געווען אַכט מענטשן. זיי האָבן אונדז אויך געבעטן אַז מיר זאָלן אויף דער טיר פֿון אונדזער צימער אויפֿהענגען אַ צעטל אַז דאָ וווי־נען דרײַ אַקטיאָרן פֿון „פּאַלאַס״־טעאַטער. דאָס האָט באַדאַרפֿט זײַן אַ סגולה צו דעם אַז מע זאָל זיי אויפֿהערן צו באַלעסטיקן, ווײַל — זאָגן זיי — די לעצטע טעג גייען אום קאָנטראָלאָרן צו זען צי מע וווינט נישט אין קיין צו גרויסער וווינונג, צי מע פּאַסט זיך צו צו די פֿאָראָרדענונגען פֿון דער מאַכט.

קאַשעווסקי דערציילט אונדז אַז ס׳האָבן אים אויך אָנגעהויבן צו דער־גיין די יאָרן עטלעכע זײַנע אַרבעטער, פּאָלאַקן. זיי קומען צו אים כּסדר זוכן, צי ער האָט נישט קיין באַהאַלטענע סחורות. איר ווייסט וואָער די אַרבע־טער זענען? אַלץ געוועזענע ענדעקעס און אַנטיסעמיטן. איצט זענען זיי פּלוצלינג געוואָרן „פֿײַערדיקע רויטע” און אויך גוואַלטיקע חסידים פֿון מאָסקווע... און זיי, אָט די אַלטע אַנטיסעמיטן, פֿירן די העצע קעגן די ייִדישע פֿאַבריקאַנטן.

ווי ער זיצט אַזוי און דערציילט, קלאַפּט מען אָן אין דער טיר. באַלד באַווײַזן זיך עטלעכע פּוילישע אַרבעטער. זיי זענען געקומען מיט טענות צו אים, ער זאָל אַוועקגעבן די באַהאַלטענע סחורה, און אים דערביי גע־דראָעט מיט סיביר אויב ער וועט נישט אָפּגעבן מיט גוטן די סחורה לויטן געזעץ פֿון דער ראַטנמאַכט.

קאַשעווסקי מיט זײַן פֿרוי און דער אַלטער זיידע האָבן אָנגעהויבן וויינען מיט ביטערע טרערן. זיך געשווירן אַז זיי האָבן אַלצדינג אָפּגעגעבן. פֿאַר־שטייט זיך, אַז מיר האָבן זיך נישט געקאָנט מישן אין דעם דעליקאַטן ענין און אַזוי זענען מיר נאָר געווען עדות פֿונעם באַזוך פֿון די פּאָלאַקן און זייער חוצפּהדיקן אַרט רעדן און דראָען.

**
*

מיר זענען שוין אַרײַן אין פֿעברואַר, 1950. מיר שפּילן שוין מיט מזל טעאַטער. פֿון מינסק איז געקומען צו אונדז דער נײַער אַדמיניסטראַטיווער דירעקטאָר, ער הייסט שוסטער. ער האָט זיך אַרויסגעוויזן פֿאַר זייער אַ סימ־פּאַטישן מענטש. פֿאַר אונדז, פּליטים, האָט ער געהאַט אַ סך מיטגעפֿיל. גע־רעדט צו יעדן אַקטיאָר זייער איידל, מיט אַ סך טאַקט. ער איז געווען אַ פֿאַרטראַכטער מענטש, אַ שטילער און באַשיידענער. ער האָט קיין מאָל נישט אויפֿגעהויבן קיין הויכן טאָן קעגן אַן אַקטיאָר. ווען ער האָט זיך געטראָפֿן פּנים־אל־פּנים מיט אַן אַקטיאָר, אַ פּליט, האָט ער אויסגעדריקט גרויס מיט־געפֿיל צוליב די איבערלעבונגען און באַדויערט אונדזער איצטיקע לאַגע. גערעדט זייער ווייניק. זײַן פּנים און זײַנע אויגן האָבן אָבער שוין אויסגע־דריקט צו אונדז דאָס וואָס ער וואָלט געוואָלט צו אונדז אויסשרײַען.

פֿאַרשידענע פֿאַרזאַמלונגען זענען פֿאָרגעקומען אין טעאַטער, ווײַל פֿון

מינסק האָבן געהאַלטן אין איין קומען פאַרשידענע געסט. מ׳האָט געהאַלטן אין איין רעדן צו אונדז וועגן דעם אַז מיר דאַרפן זיך איבערדערציִען. דאָס הייסט, מיר זאָלן ווערן אַנדערש ווי מיר זענען געווען אין בורזשואַזן און פאַנסקן פוילן. אין די מערסטע פאַלן האָבן מיר אויסגעהערט און גע־שוויגן. זעלטן ווען ס׳האָט ווער גענומען אַ וואָרט אין אָט דער פראַגע. ביז ס׳איז אַמאָל געקומען אַ ספּעציעלער דעלעגאַט פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַר־איינען פון מינסק און אונדזערע אַקטיאָרן האָבן זיך באַדאַרפט פאַרשרייבן אין פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין פון טעאַטער-מענטשן. דער געקומענער פאַרשטייער פון מינסק האָט געהאַלטן אַ גאַנצן רעפעראַט וועגן די פּראָפעסיאָנעלע פאַר־איינען אין ראַטנפאַרבאַנד. ווען ער האָט געפרעגט צי מע וויל אים עפּעס שטעלן פראַגעס, האָב איך זיך געווענדט צו אים מיט אַ קשיה:

— איך וויל פרעגן עפּעס וואָס ס׳איז מיר נישט קלאָר.

איך האָב אים געזאָגט, אַז אין די אַלע לענדער, ווו מיר איז אויסגע־קומען צו זײַן, זענען אויך דאָ פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען. לאָמיר, למשל, אָננעמען דעם פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין פון די יידישע אַקטיאָרן אין פוילן. אַז ס׳איז פאָרגעקומען אַ פאַרזאַמלונג אין וואַרשע האָבן די אַקטיאָרן אָנגע־הויבן צו דיסקוטירן וועגן פאַרבעסערן זייערע געהאַלטן. ס׳איז באַשלאָסן גע־וואָרן צו מעלדן די דירעקטאָרן פון די טעאַטערס, אַז פון דעם טאָג אָן — בײַם באַנײַען דעם סעזאָן און בײַם מאַכן די קאָנטראַקטן — ווילן מיר אַ געהעכערטן לוין. וויל איך וויסן, צי איז דאָ, אין ראַטנפאַרבאַנד אויך דער־לויבט וועגן אַזאַ וויכטיקן ענין, ווי וועגן פאַרבעסערן די לאַגע, צו רופן די פאַרזאַמלונגען, דיסקוטירן און אָננעמען באַשלוסן וועגן בעסערע געהאַלטן?

דער מינסקער גאַסט האָט מיר געענטפערט בזה הלשון:

— אַפנים, חבר אַקטיאָר, אַז איר ווייסט נישט ווו איר געפינט זיך. דאָ קאָנט איר נישט מאַכן קיין פאַרזאַמלונגען און אָננעמען רעזאָלוציעס וועגן העכערן אייער לוין, ווײַל דאָ זענט איר מלוכה־אָנגעשטעלטע און גיט גלײַך צו דעם באַרימטן רוסישן „פּאַניאַטנאָ״? פאַרשטאַנען?

— יאָ, — זאָג איך, — אַ ביסל האָב איך פאַרשטאַנען, כ׳האָב נאָר געוואָלט וויסן, צי איך פאַרשטיי גוט, אָבער לויט אייער ענטפער האָב איך זיך איבערצײַגט, אַז כ׳האָב גאָרנישט פאַרשטאַנען...

נאָך אַנדערע אַקטיאָרן האָבן געשטעלט עטלעכע פראַגעס. ס׳איז גע־

בליבן, אַז וועגן דעם דאָזיקן וויכטיקן ענין וועט פאַרקומען נאָך אַ פאַרזאַמ־לונג. דער מינסקער גאַסט האָט דערביי צוגעגעבן, אַז ער זעט איין, אַז מע דאַרף גוט אויפקלערן דעם ענין, ווייל מיר זענען ווייניק אויפגעקלערט גע־וואָרן ביי אונדז אין פוילן.

אין די אויגן האָט זיך מיר געוואָרפן דאָס, וואָס אונדזער אַדמיניסטראַ־טיווער דירעקטאָר, שוסטער, איז נישט געווען. איך האָב זיך געהאַט פאַר־געשטעלט, אַז ער, שוסטער, ווי אונדזער פאַרשטייער, וועט זיין איינער פון די רעדנער. לאָזט זיך אויס, אַז ער האָט אפילו נישט געפונען פאַר נייטיק צו קומען צו דער פאַרזאַמלונג.

וואָס זאָל עס באַטייטן? איך האָב באַשלאָסן אים צו פרעגן וועגן דעם.

נאָך דער פאַרזאַמלונג האָט מען דעם ענין דיסקוטירט. איך פון מיין זייט האָב שוין לאַנג געהאַט באַשלאָסן זיך נישט צו פאַרשרייבן פריוויליק אין קיין שום זאַך וואָס קאָן מיר קיין גוטס נישט ברענגען. טאָמער וועט מען מיך צווינגען מיט כוח, איז עפּעס אַנדערש, וועל איך דאָך סיי ווי נישט האָבן קיין ברירה...

צומאָרגנס איז פאַרגעקומען די צווייטע פאַרזאַמלונג וועגן פאַרשרייבן זיך אין פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין. ווידער האָט גערעדט דער זעלבער רעדנער פון מינסק. אויך דער אַקטיאָר־מסור האָט שוין זיין באַרימטן ספּיטש אַז מע דאַרף אָן שום שאלות זיך פאַרשרייבן אין „פּראָפפאַראיין". אָבער היות ווי איך האָב סיי ווי געהאַט באַשלאָסן זיך נישט צו פאַרשרייבן בין איך אין מיטן דער פאַרזאַמלונג אַרויס אין פאָיע. איך באַמערק דאָרט דעם דירעק־טאָר שוסטער און פרעג אים:

— פאַר וואָס זענט איר נישט אין זאַל?

זיין ענטפער איז געווען:

— אין זאַל דאַרפן זיך געפינען מיטגלידער, אָדער אַזעלכע וואָס ווילן ווערן מיטגלידער.

זאָג איך אים:

— הייסט עס, אַז ס'איז נישט קיין מוז צו זיין אַ מיטגליד?

ענטפערט ער מיר:

— ניין, מע מוז נישט. אַ סימן, ער אַליין איז אויך נישט קיין מיטגליד. איך האָב אַ ביסל פרייער אָפּגעאָטעמט נאָך זיין דערקלערונג און האָב

טאַקע קיין דעקלאַראַציע נישט אונטערגעשריבן. אינטערעסאַנט איז, אַז משה בראָדערזאָן האָט דערקלערט אָט די ווערטער:

אויב ער וועט ווערן אַ מיטגליד איז עס דערפאַר, ווײַל ער וויל מיט „זיי" נישט אײַנרײַסן, און אַז איך האָב אים אויפגעוויזן דעם פאַקט, אַז אונדזער פאָרשטייער, שוסטער, איז נישט קיין מיטגליד, ווײַל דאָס איז נישט קיין מוז, האָט מיר משה בראָדערזאָן דערויף געענטפערט אַז זײַן האַרץ און זײַן נשמה געפינט זיך ערגעץ אַנדערש... און אַזוי ווי זײַן גוף געפינט זיך דאָ, מוז ער אַכטונג געבן אויפן גוף זײַנעם אויך.

צוזאַמען מיט אַ גרויסער גרופּע אַקטיאָרן איז ער אַרײַנגעטראָטן פאַר אַ מיטגליד פון פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין.

די גאַנצע צײַט, ווי לאַנג דער דירעקטאָר, שוסטער, איז געווען מיט אונדז אין ביאַליסטאָק, האָט נישט געטראָפן ער זאָל אויסטון זײַן מאַנטל. שטענדיק איז ער געגאַנגען אין אים אָנגעטון, אַרומגעוויקלט מיט אַ שאַל זײַן האַלדז. טאָמער האָט זיך זײַן שאַליק אָפּגערוקט פון האַלדז, האָט זיך אַרויסגעוויזן אַן אַלטער ברוינער סוועטער. קיין העמד מיט אַ קראַוואַט אָדער אָן אַ קראַוואַט, האָט מען נישט אַרויסגעזען. דער מענטש איז פאַר מיר געווען אַ ספינקס, נישט מ'האָט געוווסט ווו ער וווינט, ווו ער עסט, גאָרנישט. געקומען אין טעאַטער, דערלײדיקט זײַנע פליכטן לגבי די אַקטיאָרן אויפן בעסטן אופן און אַוועק. מ'האָט אים פאָרגעלייגט ער זאָל ערגעץ מיטגיין, האָט ער געענטפערט, אַז ער האָט אַרבעט און איז זייער פאַרנומען. איין מאָל אָבער, נאָך אַ פאָרשטעלונג, ווען ס'איז געווען אַ גרויסער שניי און אַ ווינט, בין איך צו אים צוגעשטאַנען ער זאָל אַרויפגיין צו מיר אין מײַן צימער. אויך קאַץ און שוואַרצשטיין האָבן אים געבעטן. איך האָב אים געזאָגט אַז מיר וווינען בײַ האַרציקע מענטשן, יידן, און איך וויל, אַז ער זאָל זיך דערוואַרעמען בײַ אַ גלעזל טיי. האָט ער געגעבן פלוצלינג אַ שאָקל מיטן קאָפּ אויף יאָ; ער גייט.

מיר האָבן פונקט געהאַט באַזאָרגט אין שטוב אַרײַן אַ ביסל עסן און אויך אַ ביסל בראָנפן. מיר זענען אַרײַן אין צימער, אַראָפּגענומען פון זיך די וואַרעמע מאַנטלען, וואָס מיר האָבן געבראַכט פון אונדזערע היימען אין וואַרשע. ער אָבער זעצט זיך צו מיט זײַן אויסגעריבענעם פאַלטן. ער טוט אים נישט אויס. איך בעט אים ער זאָל אויסטון דעם מאַנטל, ווײַל בײַם

אַרויסגיין קאָן ער זיך נאָך, חלילה, פאַרקילן, אָבער ער — לאָ, ער וויל נישט אויסטון. ער איז שוין אַזוי געוווינט — זאָגט ער — פון די לעצטע יאָרן, צו גיין אָנגעטון אין זײַן פּאַלטן כסדר...

מיר קאָכן אויף אַ גרויסן טשייניק טיי, נעמען עסן און בעטן אים צו, ער זאָל מאַכן אַ שנעפּסל. פון אָנהייב האָט ער נישט געוואָלט טרינקען, ער האָט דערקלערט אַז ס'איז שוין זייער לאַנג ווי ער האָט נישט געטרונקען. ער איז אָבער אַזוי דורכגעפרוירן אַז הײַנט וועט ער מאַכן אַן אויסנאַם און אויסטרינקען אַ גלעזל. און אַז ער האָט שוין אָנגעהויבן צו טרינקען, האָט ער שוין כמעט אויסגעטרונקען דעם גאַנצן בראָנפן און אַ ביסל שפּעטער זענען געקומען די קאָנסעקווענצן...

ער איז געוואָרן שיכורלעך און געגעבן אַ וואָרף אַראָפּ פון זיך דעם פּאַלטן און איך האָב דערזען פאַר וואָס ער האָט אים קיין מאָל נישט געוואָלט אויסטון. ער האָט נעבעך נישט געהאַט קיין רעקל אויף זיך. ער איז געווען אָנגעטון אין אַ פּאָר אַלטע אויסגעריבענע הויזן, געטראָגן אַן אַלטן סוועטער מיט אַ סך לעכער. אַפּנים, דער פּאַלטן זײַנער האָט געדאַרפט צודעקן אַלץ, קיינער זאָל נישט וויסן, אַז דער דירעקטאָר, וואָס איז צו אונדז געקומען, פאַרמאָגט נישט קיין העמד און קיין רעקל.

אַז ער האָט באַמערקט אונדזער שטוינונג האָט ער זיך שטאַרק צעוויינט און צוגעגעבן די ווערטער:

— ליבע, טײַערע חברים, פּליטים־אַקטיאָרן, קוקט און זעט, אַזוי פאַרזאָרגט מען אונדז, אַזוי זעען אויס אונדזערע ייִדישע קינסטלער. אָרעם ווי די נאַכט, — און צוגעגעבן, — כמעט אַלע קינסטלער זענען אַזוי אָרעם אַ דאַנק אונדזערע פאַרזאָרגער, וואָס באַרויבן אונדזער פרײַהייט און אונדזער גײַסט. מיר זענען אָרעם, אָרעם, אָרעם!

ער האָט זיך שטאַרק צעוויינט.

איך מיט מײַנע חברים האָבן מיטגעוויינט און מיטגעבלוטיקט מיט שוסטערן, מיטן עלנטן, פיינפילנדיקן, אָרעמען דירעקטאָר פון סאָוויעטישן ייִדישן טעאַטער.

ער האָט זיך נעבעך די גאַנצע צײַט געשעמט אויסצוטון זײַן פּאַלטן, איצט ווייסן מיר שוין די סיבה פאַרוואָס.

ווו ביסטו איצט, ליבער פרײַנד און חבר שוסטער? לעבסטו כאָטש? האָט מען דיך נאָך נישט ליקווידירט, ווי אַלע יידישע קינסטלער אין דײַן סאָוויעטישן הימלאַנד?

קאַפּיטל 20

סאָוויעטישע וואַלן אין ביאַליסטאָק

די צײַט לויפט. מיר שפּילן שוין טעאַטער. דער צווייטער אַנסאַמבל גרייט זיך שוין אין קורצן אָנצוהייבן פּראָבן פון שעקספּירס „שטורעם". איידער אָבער מיר האָבן אָנגעהויבן שפּילן אונדזער קינסטלערישע רעווי האָט מען נאָך געווען קאָנטראָלירט יעדעס וואָרט פון אונדזערע טעקסטן. האָרט פאַר דער פּרעמיערע האָט זיך באַוויזן אַ נײַע ספּעציעלע קאָמיסיע פון דרײַ פּערזאָן. די ערשטע פאָרשטעלונג האָבן מיר טאַקע געמוזט שפּילן פאַר אָט דער קאָמיסיע. די „דרײַ" האָבן געדאַרפט אַרויסזאָגן זייער מיינונג יאָ צי ניין. פאַרשטייט זיך, אַז ס'איז נאָך פאָרגעקומען אַ געגנוג לאַנגע דינגעניש צווישן משה בראָדערזאָן און די דרײַ פאַרשוינען וועגן געוויסע טעקסטן, ביז זיי האָבן מיט מזל געלייגט זייער קיילעכיקן שטעמפּל: „כשר".

די דינגעניש פון די דרײַ איז נישט געגאַנגען אין דעם צי מע זאָל געבן מער ליטעראַרישע און ווערטפולע נומערן, דאָס נישט. די רייד איז נאָר געווען וועגן דער פּאָליטישער כשרות פון די נומערן און מער גאָרנישט. שפּעטער האָבן מיר זיך דערוווסט, אַז דער גאַנצער מאַכער פון די דרײַ, וואָס האָבן זיך באַדאַרפט אַרויסזאָגן וועגן טעאַטער־קונסט, איז אַ גוטבאַקאַנטער מינסקער סטאָלער, איינער פון די ערגסטע טיפּן פון דער אָרטיקער יעווסעקציע.

מיט עטלעכע טעג שפּעטער בין איך צופעליק געקומען אין טעאַטער אַרײַן און באַמערקט אין זאַל געציילטע דרײַ מענטשן. אויף דער בינע שטייט עמעצער און זינגט. דער זינגער און זײַן שטימע קומען מיר פאַר זייער באַקאַנט. באַלד ווערט מיר קלאָר אַז אויף דער בינע שטייט דער גוט־באַקאַנטער זינגער יאָסעלע קאָלאָדני. איך בין שטיין געבליבן אין אַ ווינקל בײַ די לעצטע רייען. כ'באַמערק, אַז די וואָס הערן זיך צו צום זינגען פון

יאָסעלע קאָלאָדני זענען די דרײַ פון דער קאָמיסיע. ער זינגט עטלעכע נו־מערן, בלײַבט שטיין שטיל, וואַרט ביז זיי באַראַטן זיך אין דער שטיל... זיי הייבן אים אָן אויספרעגן, ווו ער האָט אַלץ געזונגען אין משך פון דער צײַט זינט ער איז געוואָרן אַן אַקטיאָר־זינגער?

פלוצלינג פרעגט אים איינער פון די דרײַ, דער סטאָליער, צי ער, יאָסעלע, האָט געמאַכט אַ לעבן נאָר פון זײַן זינגען, אָדער ער האָט נאָך עפּעס געטון צו מאַכן אַ לעבן?

יאָסעלע ענטפערט אַז ער פערזענלעך פלעגט אַרומפאָרן אויף קאָנ־צערטן און פון צײַט צו צײַט אַהיימקומען קײַן פינסק צו זײַן פאַמיליע.

די קאָמיסיע אָבער באַגנוגנט זיך נישט מיט זײַן ענטפער, זיי זאָגן אים, אַז לויט ווי זיי איז שוין באַוווסט, איז ער אויך אַ סוחר פון אײַזן. ווילן זיי טאַקע וויסן וואָס פאַר אַ סוחר ער איז און אפשר איז ער גאָר אַ גרויסער קאַפּיטאַליסט.

יאָסעלע ענטפערט, אַז ער איז אַ שטיקל שותף צו אַן אײַזן־געוועלבל אין פינסק און אַז דאָס געוועלבל איז נישט זײַנס אין גאַנצן, ס׳איז אַ מישפּחה־שותפות, אַ ירושה, אַ קליין אָרעם געוועלבעלע; אַז פון זײַנע קאָנצערטן צוזאַ־מען מיטן אײַזן־געוועלבל האָט ער קוים־קוים פּרנסה. ער גיט גלײַך צו, אַז אייגנטלעך האָט ער שוין מער נישט דאָס אײַזן־געוועלבל, ווײַל אויך אין פינסק זענען דאָך די סאָוויעטן, און אַז ער האָט גלײַך נאָך זייער אַרײַנקומען איבערגעגעבן דער סאָוויעטנמאַכט זײַן געוועלבל. ווי דער שטייגער איז, איז צו וואָס רעדן וועגן דעם אַז ער האָט עס שוין סיי ווי נישט.

דער הויפּט פון דער קאָמיסיע, דער מינסקער סטאָלער, לאָזט אָבער נישט אָפּ, ער האַלט אין איין איבערחזרן:

— אַזוי, אַזוי, זענט איר גאָר אַ געוועזענער סוחר, אַ סוחר פון אײַזן, יאָ, מיר האָבן געהערט פון אײַך. מ׳האָט אונדז אַלץ איבערגעגעבן פון אײַך.

אין גרויס פאַרלעגנהייט פרעגט יאָסעלע:

— נו, וועל איך קאָנען מאַכן קאָנצערטן אין עטלעכע שטעטלעך?

זיי ענטפערן, אַז זיי וועלן אים שוין שיקן אַ ספּעציעלע מעלדונג. פריִער אָבער דאַרף ער געבן אַן אונטערגעשריבענע ביטע, וואָס ער וויל, און אויך אָנשרײַבן זײַן גענויע ביאָגראַפיע. אָבער געדענקען זאָל ער: די ביאָגראַפיע דאַרף זײַן זייער אַ גענויע, און שוין, ער קאָן שוין גיין.

מער האָט מען שוין פון יאָסעלע קאַלאַדנין נישט געהערט. ס׳איז אויך נישט באַקאַנט אַז ער זאָל האָבן ערגעץ ווו געמאַכט עפּעס אַ קאָנצערט. ער און זײַן נאָמען זענען פאַרשוווּנדן ביזן הײַנטיקן טאָג אָן שפּור.

***

מײַן חבר זישע קאַץ האָט באַקומען פון זײַן זון דעם ערשטן בריוו. אָט דער ערשטער בריוו איז איין גרויסער יאָמער־געשריי. ער שרײַבט, אַז אַלע צוזאָגן, וואָס מ׳האָט אים געגעבן אין ביאַליסטאָק איידער ער איז געפאָרן אויף אַרבעט קיין ראַטנפאַרבאַנד, זענען איין גרויסער ליגן, אַ שרעקלעכע אָפּנאַרערײַ. ער מיט נאָך הונדערטער יידן פּליטים האָט מען אַוועקגעפירט אין אוראַלער געגנט, ווו ס׳הערשן שרעקלעכע קעלטן, פרעסט און שנייען, פרעסט וואָס דערגייען ביז 40 גראַד אונטערן נול און אַ סך מאָל אויך מער.

דעם ערשטן טאָג — שרײַבט ער — האָט מען זיי אַרײַנגעפירט אין גרויסע גערוימע זאַלן און געגעבן, מער־ווייניק, אַ לײַטישן מיטאָג. בײַנאַכט האָט מען זיי געפירט צו עטלעכע פערזאָן שלאָפן אויף פאַרשידענע ערטער. אין צוויי טעג אַרום אָבער האָט מען זיי אַרײַנגעפירט אין גרויסע ספּעציעל־צוגעגרייטע הילצערנע געביידעס אָן שום בעטן, נאָר שעניקעס מיט שטרוי זענען געלעגן אויף דער ערד און עס זענען געשטאַנען עטלעכע לאַנגע טישן מיט בענק. עסן האָט מען געגעבן זייער ווייניק און געטריבן אַרבעטן בײַם רייניקן דעם שניי פון די באַנליניעס אָדער אויסהאַקן דאָס אײַז. אַרבעטן דאַרף מען פון פאַרטאָג אָן ביז די נאַכט פאַלט צו, יעדן טאָג אין אַ צווייטער געגנט. מע קוקט נישט וואָס ער איז נאָך זייער אַ יונג יינגל, וואָס דאַרף זיך נאָך לערנען. מ׳הייסט אים אַרבעטן ווי אַ פערד אָן קיין שום אײַנזעען און רחמנות. וועגן צוזאָג, אַז ער וועט אַרבעטן אין אַ קאָנטאָר אָדער אין אַ פאַבריק לויט זײַנע יאָרן און וועט זיך נאָך קאָנען לערנען אויך — וועגן דעם קאָן קיין שום רייד נישט זײַן. ער באַוויינט זײַנע יונגע יאָרן און גיט צו וויסן זײַן פאָטער, אַז ער וועט עס נישט קאָנען אויסהאַלטן. ער בעט אַז דער פאָטער זאָל אים ראַטעווען וואָס גיכער...

פאַרשטייט זיך, אַז דער בריוו איז נישט געקומען דורך דער פּאָסט. דעם בריוו האָט אים געבראַכט אַ מענטש וואָס איז געקומען פון יענער געגנט

קיין ביאַליסטאָק. מיט דער צײַט האָבן זיך אויך אָנגעהויבן באַווײַזן אַנטלאָ־פענע פון די וואָס זענען געשיקט געוואָרן אויף אַרבעט קיין טיף־רוסלאַנד.

איינציקע, וואָס האָבן באַוויזן צו קומען קיין ביאַליסטאָק, האָבן באַלד דערציילט וועגן די שרעקלעכע באַדינגונגען אין וועלכע ס׳איז זיי אויסגע־קומען צו אַרבעטן, אָבער נאָר איינציקע פון די צענדליגער טויזנטער אָפּ־געגנאַרטע האָבן זיך געקאָנט אַפּראַטעווען און צוריקקומען אַהער.

זישע קאַץ איז אַרומגעגאַנגען ווי אַ משוגענער. ער האָט געמאַכט באַ־מיונגען צו קאָנען ברענגען לעגאַל זײַן זון קיין ביאַליסטאָק. ווי ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן אויף די גאַנצע הונדערט פּראָצענט, האָט מען באַוווסטזיניק אָפּ־געגנאַרט די צענדליגער טויזנטער פּליטים און זיי פאַרנאַרט אויף די שווער־סטע אַרבעטן אויף אוראַל אָדער סיביר.

פּלוצלינג איז געקומען אַ פרישע נײַעס פאַר די פּליטים. וואַלן. אין מאָסקווע איז באַשטימט געוואָרן צו מאַכן וואַלן אין די פּוילישע געביטן וואָס זיי האָבן באַזעצט דורכן סאָוויעטישן מיליטער. ס׳האָט געדאַרפט הייסן, אַז מע מאַכט וואַלן אין די נײַע ווײַסרוסישע געביטן. מיר, די ייִדישע פּליטים, באַקומען אַ גרויסע פּריווילעגיע: מיר האָבן וואַלרעכט און מיר דאַרפן גיין וויילן דעפּוטאַטן צום העכסטן סאָוויעט. די וואַלן קומען פאַר דעם 24סטן מערץ 1940, און מיר — דאַרפן גיין וויילן, נישט מיר דאַרפן, נאָר מיר מוזן גיין.

אין דער וווינונג, וווּ איך וווין, קומט אָן אַ געוויסן טאָג אַ מונדירטער מענטש, פרעגט זיך אויס ווער ס׳וווינט דאָ און וויפל מענטשן. פאַרשרײַבט זייערע נעמען און זאָגט, מע זאָל געדענקען, אַז דעם 24סטן מערץ דאַרפן מיר גיין וויילן דעפּוטאַטן צום העכסטן סאָוויעט. איך מאַך אים אַ באַמערקונג:

— וואָס הייסט מיר זאָלן גיין וויילן צום העכסטן סאָוויעט? ווי מעגן מיר עס טון? מיר זענען דאָך פּוילישע בירגער...

צעלאַכט זיך דער מונדירטער מענטש און זאָגט:

— איר זענט נאָך נישט, זע איך, קיין אויפגעקלערטע מענטשן. איר פאַרשטייט נישט די גרויסע מתנה וואָס מע גיט אײַך צו מעגן גיין וויילן דעפּוטאַטן צום גרויסן סאָוויעט.

ער איז, זאָגט ער ווײַטער, באַשטימט געוואָרן פאַר דעם ראַיאָן, וווּ מיר וווינען, אונדז אויפצוקלערן און מאַכן באַוווסטזיניק, און גיט צו:

— איר זאָלט זיך שוין איין מאָל פאַר אַלע מאָל אַרויסשלאָגן פון קאָפּ, אַז איר זענט פּוילישע בירגער. דאָ איז ראַטנפאַרבאַנד און איר דאַרפט זיך שוין פילן ווי סאָוויעטישע מענטשן.

ער זאָגט אונדז צו, אַז ער וועט צו אונדז קומען כסדר, כדי אונדז צו מאַכן פאַר אויפגעקלערטע בירגער. ער וועט אונדז לערנען ווי אַזוי מע דאַרף וויילן דעפּוטאַטן אין ראַטנפאַרבאַנד, ביי אונדז — זאָגט ער — אין ראַטנפאַרבאַנד זענען די וואַלן געהיימע, נישט אַזוי ווי אין בורזשואַזע קאַפּי־טאַליסטישע לענדער, ווו מע צווינגט די מענטשן צו שטימען פאַר די דעפּו־טאַטן וואָס געפעלן די קאַפּיטאַליסטן. אין ראַטנפאַרבאַנד זענען די בירגער פריי צו שטימען געהיים ווי זיי געפעלט, פּאָניאַטנאָ?

אַ נייע צרה: וואַלן צום העכסטן סאָוויעט.

איך, קאַץ, שוואַרצשטיין און שימחה ריבאַ האָבן באַשלאָסן, אַז מיר דאַרפן עפּעס זען צו טון, אַז דעם 24סטן מערץ זאָלן מיר נישט זיין אין ביאַ־ליסטאָק. ווי אַזוי אָבער מאַכט מען עס? די צייט אַליין האָט אונדז אין דעם אַ ביסל צוגעהאָלפן.

ווידער האָבן זיך אָנגעהויבן באַוויזן אין „ביאַליסטאָקער שטערן" נאָ־טיצן וועגן דעם אַז ס'זענען פאַראַן איבעריקע מענטשן. ס'האָבן אָנגעהויבן פאַרקומען אַבלאַוועס. מ'האָט אָנגעהויבן פילן אַז ס'גרייט זיך עפּעס... עטלע־כע טעג פאַר די וואַלן האָט מען אויפגעהערט שפּילן אין טעאַטער, ווייל ס'איז פאַרנומען געוואָרן אויף פאַרזאַמלונגען צו וועלכע מ'האָט גערופן דעם עולם אויפצוקלערן דעם זין פון די וואַלן.

מיר האָבן באַשלאָסן אויסצונוצן די טעג ווען מע שפּילט נישט און אַוועקפאָרן פון ביאַליסטאָק. אין דער זעלבער צייט האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג צווישן די פּליטים, אַז דער בוג איז געוואָרן אַזוי פאַרפרוירן, אַז מע פאָרט אַריבער דעם טייך מיט שליטנס. מע דאַרף זיך נאָר אַרייַנקריגן אין שטעטל סעמיאַטיטש וואָס ליגט כמעט אויפן בוג.

דעם אמת געזאָגט איז מיר קיין מאָל נישט איינגעפאַלן זיך אומצוקערן אויף יענער זייט. אָבער ריבאַ, שוואַרצשטיין און קאַץ זענען צו מיר צוגע־שטאַנען און אויפגעוויזן אַז ווי מע גייט איבער איז די זאַך זייער אַ לייכטע. מע נעמט און מע פאָרט זיך אַריבער מיט אַ שליטן. אויב מע קאָן דאָרט נישט

בלײַבן, פּאָרט מען צוריק און פּטור. דאָס וויכטיקסטע איז וואָס מיר װעלן פּטור ווערן פון די וואַלן.

פאַרביטערט פונעם שווערן לעבן דאָ האָב איך אײַנגעשטימט צו פּרוּוון פאָרן קײַן סעמיאַטיטש. איך האָב זיך געטראַכט אַז קודם־כּל ליגט דאָך סעמיאַטיטש אויף דער זײַט. אויב איך וועל אײַנזען אַז ס׳איז אַ געפערלעכע שפּיל האָב איך די ברירה נישט צו פאָרן און זיך אומקערן מיטן זעלבן וועג קיין ביאַליסטאָק. דורך דער צײַט אָבער איז יעדן טאָג געקומען דער מונ־דירטער מענטש און געמונטערט מע זאָל נישט פאַרגעסן צו גיין שטימען.

שוואַרצשטיין מיט ריבאַן האָבן אויסגעפונען ווי אַזוי מע פאָרט קיין סעמיאַטיטש. זיי האָבן געבראַכט די גוטע בשורה אַז זיי האָבן זיך שוין פאַר־בונדן מיט אַ מענטש וואָס וועט אונדז אַלע פירן אַהין.

איך האָב נאָך די זאַך גוט איבערגעקלערט און געמאָלדן אַז פאַרבלײַבן אויף יענער זײַט וועל איך נישט. אויב איך פאָר מיט איז עס נאָר דערפאַר וואָס איך וויל זיך זען מיט מײַן פאַמיליע און זיי אַריבערנעמען אַהער צו זײַן דאָ מיט זיי צוזאַמען.

אָט דער לעצטער אַרגומענט, צו וועלכן כ׳האָב זיך דערטראַכט, — האָט מיך צומיינסט איבערצײַגט. כ׳האָב אַפילו נישט געטראַכט צו פאַר־בלײַבן דאָרט אויף יענער זײַט בײַ די דײַטשן. כ׳האָב באַשלאָסן צו ריזיקירן כּדי אַרויסצוראַטעווען מײַן פאַמיליע און זײַן צוזאַמען מיט זיי. איבערהויפּט, אַז ס׳האָבן זיך אָפּגעפונען עדות, ייִדן פּליטים, וואָס האָבן מיר פאַרזיכערט, אַז זיי זענען שוין געפאָרן מיט די שליטנס הין און צוריק איבערן טײַך און געבראַכט טאָקע אויך זייערע פאַמיליעס.

מיר האָבן אָפּגעמאַכט, אַז דעם 23סטן מערץ, פאַרנאַכט, גלײַך ווי ס׳ווערט טונקל, לאָזן מיר זיך אין וועג אַרײַן. אין דער שטוב, וווּ מיר האָבן געוווינט, האָבן מיר דערקלערט, אַז מיר פאָרן ערגעץ שפּילן טעאַטער אין אַ שטעטל. און אַז מיר קומען צוריק אין עטלעכע טעג אַרום. היות ווי ס׳האָט שוין געטראָפן, אַז מיר זענען געפאָרן שפּילן קיין גראָדנע, האָט מען אונדז געגלייבט.

פאַרנאַכט האָבן מיר זיך געלאָזט אין וועג אַרײַן.

מיר זענען אַרויס פון שטאָט אָנגעטון דורכן באַלעגאָלע אונדזערן מיט פּעלצן. מ׳האָט אונדזערע פּנימער נישט אַרויסגעזען. עטלעכע קילאָמעטער

נאָך דער שטאָט זענען מיר אַרײַנגעפאָרן אין אַ זײַטיקער געגנט און אויס־געמיטן דעם הויפּט־שאָסיי. ס׳איז געפאַלן אַ געדיכטער שניי. ס׳האָט אויס־געזען ווי אַ ווײַסע מאַסע באַוועגט זיך, ווײַל מיר זענען אַלע געווען פאַרשיט מיט שניי, אַפילו דאָס פּערד איז אויך געווען אין גאַנצן ווײַס. דאָס האָט שוין, אַפּנים, דער באַלעגאָלע גענומען אויף דער רײַזע אַ ווײַס פּערד.

נאָכן אָפּפאָרן אַ צוויי שעה זענען מיר אַרײַן אין אַ געדיכטן וואַלד ווו ס׳איז שוין זיכער נישט געווען קיין ספק אַז מיר זאָלן ווערן באַמערקט דורך וועמען. אין מיטן דער נאַכט אָבער האָבן מיר געזען ווי פון צײַט־צו־צײַט בליצט עפּעס אויף. ס׳ווערן געוואָרפן רעפלעקטאָרן איבערן וואַלד. אַפילו אין אַזאַ שנייענדיקער נאַכט, ווו ס׳איז שווער צו באַמערקן עפּעס, ווערט דער וואַלד גוט קאָנטראָלירט דורך גרענעץ־זעלנער. אונדזער באַלעגאָלע האָט אונדז דערקלערט, אַז ער וועט זיך אָפּשטעלן אויף אַ פּופצן מינוט, כדי דאָס פּערד זאָל זיך אויסרוען אַ ביסל, ווײַל ס׳וועט אונדז אויסקומען גאָר גיך אַדורכצופאָרן אַן אָרט, ווו ער וועט מוזן לויפן זייער שנעל. ער בעט אַז מיר זאָלן זיך נישט שרעקן אַפילו ווען מיר וועלן דערהערן געשרייען, זיך אָפּ־צושטעלן, ווײַל מיר דאַרפן כסדר נאָר פאָרן און פאָרן. ער ווייסט גוט דעם וועג. אַפילו דאָס פּערד זײַנס ווייסט שוין ווו צו גיין. מיר האָבן אים געבעטן ער זאָל זיך אָפּשטעלן אויף אַ האַלבער שעה, בכדי דאָס פּערד זאָל זײַן בע־סער אויסגערוט און צוגעגרייט.

מיר האָבן גענומען ווײַטער פאָרן. די הערצער האָבן אָנגעהויבן קלאַפּן. איך האָב באמת אָנגעהויבן פילן עפּעס אַ מורא פאַר אַן אומגעריכטער גע־שעעניש. פּלוצלינג האָבן מיר געהערט געשרייען ווי פון אַ ווײַטן עכאָ: — סטאָי! שטיין בלײַבן! מיר האָבן זיך נישט געמאַכט הערן און געפאָרן ווײַטער. מיר פליִען מיט אונדזער שליטן אַלץ ווײַטער און ווײַטער. דער פּחד איז גרויס. מיר שושקען אונדזער פירער אין אויער אַרײַן, ער זאָל זיך פאַר־קערעווען אויף צוריק. ער ענטפערט אונדז אָבער גאָרנישט. ס׳דערטראָגן זיך נאָך קולות אין וואַלד, געשרייען: „סטאָי! סטאָי!" מיר פאָרן אָבער כסדר. אין איין שרעק פילן מיר אַז מיר זענען דורכגעפאָרן דעם שרעקלעכסטן קאָנ־טראָל־פונקט.

נאָך דעם ווי מיר זענען אַזוי אָפּגעפאָרן אַ לענגערע צײַט מיט אונדזער שליטן האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט. דער פירער אונדזערער האָט אונדז דער־

קלערט אַז ער האַלט אַז מיר זענען מזלדיקע מענטשן, ווײַל ס׳האָט געקאָנט טרעפן, מע זאָל אָנהייבן נאָכיאָגן פון אַלע זײַטן וואַלד. דעמאָלט וואָלטן מיר געוועזן געצוווּנגען צו פאַרבלײַבן אין וואַלד עטלעכע טעג ביז די נאָכיאָגער וואָלטן זיך באַרויִקט און געמיינט, אַז זיי האָט זיך נאָר אויסגעוויזן, אַז עמעצער פאָרט אין וואַלד מיט אַ שליטן. ער דערציילט אונדז, אַז ס׳האָט שוין געטראָפן מיט אים אַזאַ זאַך, אַז ער איז געבליבן אין וואַלד מיט דרײַ פּאַסאַזשירן גאַנצע דרײַ טעג און נעכט. מיט גרויסע צרות האָבן זיי זיך קוים דערשלעפּט צו סעמיאַטיטש. הײַנט אָבער — זאָגט ער — איז געשען ממש אַ נס מיט אונדז. די גרויסע שניי־זאַווערוכע האָט אַ סך צוגעהאָלפן. ער דערקלערט אונדז אַז די וואַך, וואָס האָט געשריגן, געפינט זיך נישט אין וואַלד, נאָר בײַם ראַנד. מיר אָבער געפינען זיך אין סאַמע מיטן געדיכטן וואַלד. ווען זיי דערהערן עפּעס אַ פאַרדעכטיקן שאָרך, שרײַען זיי, אָבער זיי זענען נישט זיכער צי עמעצער פאָרט טאַקע.

מיר זענען ווײַטער געפאָרן ביז ס׳האָט אָנגעהויבן צו טאָגן. איצט האָבן מיר זיך שוין געלאָזט אַרויספאָרן פון וואַלד. אָפּפאָרנדיק אַ שטיקל וועג האָט אונדז באַגעגנט אַ פּאַטרול פון דער מיליץ. זיי פרעגן: — וווּהין פאָרט איר? מיר ענטפערן זיי אַז קיין סעמיאַטיטש. זיי פרעגן: — נאָך וואָס? מיר דערקלערן זיי, אַז מיר זענען אַקטיאָרן, מיר שפּילן טעאַטער, און פאָרן אויף קאָנצערטן אין פאַרשידענע שטעטלעך. ווי נאָר זיי דערהערן, אַז מיר זענען אַקטיאָרן, ווינטשן זיי אונדז הצלחה. זיי הייסן אונדז באַלד פאָרן קיין סעמיאַטיטש דערפרייען דעם דאָרטיקן עולם וואָס האָט שוין לאַנג נישט געזען קיין טעאַטער.

מיר פאָרן וואָס אַמאָל נענטער צום שטעטל. דער פורמאַן זאָגט אונדז ווידער, אַז זינט ער פירט מענטשן קיין סעמיאַטיטש האָט ער נאָך נישט געזען אַזעלכע גליקלעכע פּאַסאַזשירן ווי מיר זענען, ווײַל שטענדיק טרעפט, אַז די מיליץ זוכט צי מע פירט נישט קיין פאַרבאָטענע זאַכן, זיי קאָנטראָלירן טאַקע אויך די דאָקומענטן. דאָ איז עס אַדורך זייער לײַכט. דאָס איז זיכער געווען דערפאַר — גיט ער צו — וואָס מיר האָבן זיי געזאָגט, אַז מיר זענען אַקטיאָרן, וואָס קומען פריילעך מאַכן אַ שטעטל. ער האָט אונדז צוגעפירט צו אַ שטוב אין אַ זײַטיק געסל, אין הויז פון אַ שנײַדער, ווו ער פירט צו זײַנע פּאַסאַזשירן. מיר זענען אַרײַן אינעווייניק און האָבן באַמערקט,

אַז אין דער שטוב פון שנײַדער איז אַ געדריקטע שטימונג. אויף אונדזער פראַגע: פאַר וואָס זיי זענען אַזוי שלעכט געשטימט? האָט אונדז דער שנײַדער געענטפערט: — פרעגט נישט, ליבע ייִדן, די נאַכט איז געשען אַ גרויס אומגליק...זינט דער בוג איז געוואָרן פאַרפרוירן פלעגן, ווי געוויינטלעך, יעדע נאַכט זיך געבן אַ לאָז עטלעכע שליטנס מיט מענטשן, וואָס זענען געפאָרן ברענגען זייערע מישפחות. ס'זענען אויך געפאָרן, פאַרשטייט זיך, שמוגלערס צו ברענגען פון יענער זײַט פאַרשידענע סחורות בײַ וואָס זיי פלעגן פאַרדינען זייער גוט. די שמוגלערס אָבער זענען בלויז פּאָלאַקן. זיי לאָזט מען טון וואָס זיי ווילן. אויב עס פאָרן ייִדן, איז עס נאָר כדי צו ברענגען זייערע פרויען און קינדער, ווײַל אַלע ייִדן זענען אײַנגעשטעלט מיטן לעבן בײַ די בלוטיקע דײַטשע מערדער.

די פאַריקע נאַכט האָבן זיך אָוועקגעלאָזט אין וועג פינף שליטנס. ס'האָבן זיך געפונען אויף זיי פערציק מענטשן, צו אַכט אין יעדן שליטן. צוויי שליטנס זענען אַדורך דעם בוג. די צווייטע צוויי זענען אַרײַנגעפאַלן אין וואַסער און אַלע מענטשן זענען דערטרונקען געוואָרן, דער לעצטער שליטן האָט זיך גלײַך אומגעקערט און זיך געראַטעוועט. די מענטשן האָבן דערציילט, אַז נאָך בײַטאָג האָט מען גערעדט, אַז אויף עטלעכע ערטער האָט מען באַמערקט שפּאַלטן אין אײַז, מ'האָט געקלערט, אַז מ'דאַרף נישט פאָרן ווײַל די ריזיקע איז זייער גרויס. האָבן זיך אָבער אַ סך פון די שליטן־פירערס אײַנגעשפּאַרט אַז מע מעג ריזיקירן. זיי האָבן זיך אויסגעלאַכט פון דער „בבא־מעשה", ווי זיי האָבן די מורא באַטיטלט. די ערשטע צוויי, וואָס זענען טאַקע בשלום אַדורך, האָבן זיך אָפּגערעדט אַז זיי זאָלן פאָרן אין איין ריי צוזאַמען. זיי זענען זייער שנעל אַדורך. די איבעריקע — האָבן זיי געזאָגט — זאָלן פאָרן אָפּגערוקט אויף אַ מרחק פון אַ האַלבער שעה. דער בוג איז נישט ברייט. אין אַ פינצטערער נאַכט קאָן מען זען, צי מ'איז אַריבערגעגאַנגען. דערצו זענען די וואַכן פון די ביידע זײַטן געווען גוט „געשמירט", ס'הייסט, גוט בלאַטירט. די איבעריקע צוויי שליטנס אָבער האָבן זיך אַ לאָז געטון אין גאַלאָפּ. ווען זיי זענען שוין געווען אין מיטן טײַך האָט זיך דערהערט אַ מוראדיקער קנאַל און געשרייען: — ראַטעוועט! ראַטעוועט! ליידער האָט מען גאָרנישט געקאָנט העלפן. אַלע פאַסאַזשירן מיט די פערד און שליטנס זענען דערטרונקען געוואָרן,

גערעטעוועט האָט זיך דער לעצטער שליטן. די מערהייט דערטרונקענע זע־נען געווען ייִדן וואָס האָבן געוואָלט ברענגען זייערע פרויען און קינדער.

די געשיכטע, וואָס דער שניַידער האָט דערציילט, האָט אויף אונדז גע־מאַכט אַ שרעקלעכן איַינדרוק. נאָך אַ לענגערן שוויַיגן האָב איך דערקלערט, אַז דער פורמאַן אונדזערער איז טאַקע געווען גערעכט. מיר זענען מזלדיקע מענטשן. מיר פאָרן טאַקע גליַיך קיין ביאַליסטאָק. אַזוי איז אונדזער גורל. קעגן גורל קאָן מען נישט גיין און מע טאָר זיך אים אויך נישט קעגנשטעלן.

נאָך דעם ווי מיר האָבן זיך אַ ביסל אָפּגערוט האָבן מיר בײַנאַכט גע־נומען דעם וועג אויף צוריק. שימחה ריבאַ האָט געבעטן: אפשר פאָרט אי־בערוואַרטן... אפשר וועט דער בוג צוריק פאַרפרוירן ווערן. איך האָב אָבער מײַנע מיטפאָרער דערקלערט אויפן וועג, צי האָב איך רעכט, ווי אַ ייִד, זיך אומקערן צו די דײַטשן, אַפילו אויף איין טאָג? אַפּנים, אַז דער גורל האָט אונדז געוואָלט וויַיזן אַז מיר טאָרן זיך דאָרט נישט אומקערן.

בײַנאַכט זענען מיר צוריקגעפאָרן דורך אַ סך אַ גרינגערן וועג און אָנגעקומען בשלום קיין ביאַליסטאָק דעם 25סטן מערץ — אַ טאָג נאָך די פאַרגעקומענע וואַלן צום העכסטן סאָוויעט...

מיר האָבן טאַקע געהאַט זייער שווערע איבערלעבונגען דורך די צוויי נעכט מיט אַ טאָג. אָבער איין סאַטיספאַקציע האָב איך דאָך געהאַט. כ׳האָב זיך נישט באַטייליקט אין דער טראַגי־קאָמעדיע וואָס האָט געהייסן: וואַלן צום העכסטן סאָוויעט אין ביאַליסטאָק.

קאַפּיטל 21

אַרויפגעצוווּנגענע סאָוויעטישע בירגערשאַפט

נאָך די וואַלן צום „וויערכאָווני סאָוויעט" האָבן זיך אָנגעהויבן באַוויַיזן אין „ביאַליסטאָקער שטערן" נאָטיצן און אַרטיקלען וועגן די פּליטים: מע דאַרף זען אַ סוף צו מאַכן מיטן אָנגעלויף; ס׳מוז געפירט ווערן אַ קאַמף קעגן שוואַרצן מאַרק; אַלע דאַרפן זיך איַינגלידערן אין לעבן און ווערן פּראָ־דוקטיוו. שפּעטער האָבן זיך שוין באַוויזן נאָטיצן, אַז קיין ביאַליסטאָק איז

געקומען אַ סך אָפּפֿאַל... מ׳האָט שוין דערפֿילט, אַז ס׳וועט אין גיכן געשען עפּעס נײַעס. צו דעם אַלעם זענען יעדן טאָג צוריקגעקומען אַ סך פֿון די וואָס מ׳האָט מיט חדשים צוריק געהאַט פֿאַרנאַרט צו פֿאָרן פֿרײַוויליק אויף אַרבעט. עס האָבן אָנגעהויבן צוריקקומען הונדערטער אַזעלכע אָפּגענאַרטע.

אויב בײַם פֿאָרן אַהין אין טיף רוסלאַנד האָט נאָך ווער עפּעס פֿאַרמאָגט אַ לײַטישן בגד, אַ פּאַלטן, אָדער לײַטישע קאָסטיומען, זענען זיי איצט צוריקגעקומען אָפּגעריסן־אָפּגעשליסן. אויף די פֿראַגעס: ווי קומט עס, וואָס זיי זעען אויס אַזוי שלעכט און וואָס זיי זענען געקומען אַזוי האַלב־נאַקעט? איז זייער ענטפֿער געווען, אַז אַ דאַנק דעם וואָס זיי האָבן פֿאַרמאָגט לײַטישע זאַכן האָבן זיי געהאַט דעם שאַנס צו קומען צוריק אַהער אויף די געביטן.

דאָס בעסטע „שמירעכץ״, מע זאָל זיי לאָזן אַוועק פֿון דער קאַטאָרגע, פֿון די קוילנגרובנס, איז געווען וואָס זיי האָבן „באַצאָלט״ פֿאַר זייער באַפֿרײַונג מיט אַן אָנצוג, פּאַלטן, עטלעכע לײַטישע העמדער, שיך, אָדער אַנדערע זאַכן. דער וואָס האָט נישט געהאַט מיט וואָס צו „שמירן״ איז פֿאַראורטיילט געווען דאָרט צו בלײַבן.

אַ סך פֿון די פּליטים, וואָס האָבן פֿאַרמאָגט צו עטלעכע לײַטישע זאַכן פֿון דער היים, האָבן מיט די זאַכן באַפֿרײַט נישט נאָר זיך, נאָר אויך אַנדערע פּליטים, זייערע חברים. נאָר אַזוי ווי די מערהייט האָט נישט פֿאַרמאָגט קיין בעסערע זאַכן זענען זיי געווען געצוווּנגען צו בלײַבן אויף דער קאַטאָרגע אויף דאָנבאַס, אוראַל, אין סיביר.

זייערע דערציילונגען האָבן געמאַכט אויף יעדן איינעם אַן אויפֿשוידערנדיקן אײַנדרוק. פֿאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז דערגאַנגען צו דער סאָוויעטישער מאַכט.

ס׳האָט זיך פּלוצלינג באַוויזן אין „ביאַליסטאָקער שטערן״ אַן אַרטיקל אונטערן נאָמען „מע דאַרף אויסקערן דאָס מיסט״... מיטן נאָמען מיסט האָט מען, הייסט עס, באַטיטלט די אומגליקלעכע פּליטים. נאָך די אַלע „שרײַבעכצער״ האָבן זיך גלײַך באַוויזן מעלדונגען, אַז מע וועט דאַרפֿן ווערן בירגער און נעמען פּעסער. צווישן די פּליטים איז געוואָרן אַן אמתע מהומה.

— וואָס הייסט, — האָט מען געשריגן צווישן זיך פֿון אַלע זײַטן, — וואָס עפּעס גייט מען אונדז צווינגען צו ווערן בירגער און נעמען פּעסער? מיר זענען דאָך פּוילישע בירגער! אַנטלאָפֿענע פֿונעם גרעסטן שונא, פֿונעם

דײַטש! ווי מעג מען אַנטלאָפֿענע פֿון אַ צווייט לאַנד צווינגען צו נעמען פּעסער און ווערן בירגער? די גאַנצע וועלט ווייסט דאָך, אַז פּליטים באַקומען אַזיל־רעכט צו בלײַבן אַזוי לאַנג ביז די מלחמה ענדיקט זיך; אַפֿילו די סאָוויעטישע קאָנסטיטוציע האָט אין זיך געוויסע פּאַראַגראַפֿן, וואָס גאַראַנטירן די רעכט פֿון פּליטים! ווי זשע קומט עס מע זאָל אויף אונדז אַרויפֿצווינגען די סאָוויעטישע בירגערשאַפֿט?

איך בין געווען איינער פֿון די ערשטע וואָס האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו ווערן אַ בירגער און נעמען דעם פּאַספּאָרט נישט געקוקט דערויף וואָס כ׳האָב געוווּסט אַז איך ריזיקיר מיט דעם זייער אַ סך.

ווען ס׳איז געקומען דער טאָג פֿון דער גרויסער רעגיסטראַציע, וואָס האָט געדאַרפֿט דעצידירן דעם גורל פֿון יעדן פּליט, בין איך געווען פֿון די ערשטע, וואָס איך האָב זיך געשטעלט אין די רייען פֿון די מאַסן פּליטים. די רעגיסטראַציע איז שוין דעמאָלט נישט פֿאָרגעקומען ווי פֿריִער אין אַ געוויסן קאָמיטעט. דאָס מאָל האָט מען רעגיסטרירט אין דער מיליץ.

איך בין אַרײַן אין צווייטן אָפּטייל פֿון דער מיליץ. דאָרט האָבן זיך שוין געפֿונען פֿיל פּליטים וואָס האָבן זיך רעגיסטרירט. געווען אַזעלכע וואָס האָבן אײַנגעשטימט צו ווערן בירגער און גענומען סאָוויעטישע פּעסער. איך האָב אָבער געהאַט שוין פֿעסט באַשלאָסן בײַ זיך נישט צו נעמען קײַן פּאַס.

אָט איז געקומען מײַן ריי. איך בין צו צום טיש. מ׳האָט מיך ווײַטער גענומען אויספֿרעגן מײַן נאָמען, פֿאַמיליע, עלטערן, צי כ׳בין אַ חתונה־געהאַטער, צי כ׳האָב קינדער, ווו מײַן פֿרוי און קינדער געפֿינען זיך? צום לעצט, די סאַמע וויכטיקסטע פֿראַגע, צי איך ווער אַ בירגער און נעם דעם פּאַס? מ׳האָט מיר דערבײַ דערקלערט וואָסער גליק ס׳וועט זײַן פֿאַר מיר.

מײַן ענטפֿער איז געווען, אַז איך בין אַ פּוילישער בירגער און כ׳וויל נישט אָננעמען קיין שום אַנדער בירגערשאַפֿט. מע דערקלערט מיר אָבער, אַז איך מאַך אַ טעות. איך געפֿין זיך איצט — זאָגן זיי — אויף דער ווײַס־רוסישער סאָוויעטישער טעריטאָריע. דערמיט בין איך שוין נישט קיין פּוילישער בירגער.

איך אָבער האַלט זיך בײַ מײַנס, אַז איך נעם נישט דעם סאָוויעטישן פּאַס, נאָר איך בעט מיך צו פֿאַררעגיסטרירן צו די וואָס ווילן באַלד נאָך דער מלחמה צוריק פֿאָרן קײַן פּוילן ווו איך האָב איבערגעלאָזט מײַן פֿאַ־

מיליע צו וועלכע כ׳בין געקומען נאָר וואָס פון אַמעריקע. איך האָב נאָך אַ מאָל אונטערגעשטראָכן, אַז כ׳וויל נאָר דאָ איבערוואַרטן ביז די מילחמה וועט זיך ענדיקן.

דער אויספרעגער האָט מיך שאַרף אָנגעקוקט און געפרעגט פון וואַנען בין איך זיכער, אַז מײַן פאַמיליע לעבט נאָך דאָרטן בײַ די היטלעריסטן? און צי בין איך זיכער אַז כ׳וועל זיך האָבן צו וועמען אומצוקערן נאָך דער מילחמה?

איך האָב געענטפערט אַז אין מילחמה־צײַט איז טאַקע נישטאָ קיין זי־כערקייט, נאָך דערצו טאַקע, ווען מײַן פאַמיליע געפינט זיך אין די הענט פון די היטלעריסטן, אָבער פונדעסטוועגן בלײַבט מיר צו האָפן אַז אפשר וועט מײַן פאַמיליע זיך ראַטעווען. דערפאַר וויל איך בלײַבן פרײַ זיך אומ־צוקערן.

ער האָט מיך געבעטן כ׳זאָל אים געבן מײַן אַדרעס פון וואַרשע, גע־מאַכט אַ פּראָטאָקאָל און אים מיר געגעבן אונטערצושרײַבן, און געהייסן צוגרייטן אַן אויספירלעכע ביאָגראַפיע. אויף מײַן באַמערקונג, אַז איך האָב שוין געגעבן בײַ די פריִערדיקע רעגיסטראַציעס מער ווי איין מאָל מײַן ביאָגראַפיע, האָט מיר דער באַאַמטער געענטפערט, אַז איצט מוז איך אָנ־שרײַבן ווײַטער אַ נײַע ביאָגראַפיע. אויף מײַן פראַגע, צי איך קאָן שוין גייַן? איז זײַן ענטפער געוועזן אַז דערווײַל בין איך פרײַ און כ׳קאָן גיין אַהיים. מע וועט מיך שוין רופן ווען מע וועט מיך באַדאַרפן.

איך בין אַוועק פון דער הײַנטיקער רעגיסטראַציע אין אַ שלעכטער שטימונג צוליב מײַן אָפּזאָגן זיך צו נעמען אַ „רויטן פּאַס". איין זאַך אָבער האָט מיך באַרויִקט אַז איך בין מיט מײַן געוויסן אין אָרדענונג און גע־טראַכט אַהיימגייענדיק אַז מע דאַרף זײַן גרייט אויף אַ סך סורפּריזן...

קאַפּיטל 22

אַרעסטירטער צי פאַרהאַלטענער?

דאָס לעבן איז זיך ווײַטער געגאַנגען אָנגעפּילט מיט צרות און גע־בראַכט ווידער מיט זיך עפּעס גאָר נײַעס. ס׳האָבן זיך פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז ס׳וועט זײַן אַן אויסטויש פון בירגער: פּוילישע בירגער, וואָס ווילן פאָרן צוריק קײַן פּוילן אויף די געביטן וואָס זענען אָקופּירט פון די דײַטשן, וועלן קאָנען אָפּגעבן בקשות צו אַ ספּעציעל־געשאַפענער געמישטער קאָמיסיע וואָס וועט באַשטיין פון קאָמוניסטן און היטלעריסטן אין אײַנקלאַנג מיטן אָפּמאַך, וואָס ס׳האָבן געשלאָסן צווישן זיך היטלער און סטאַלין.

פון וואַנען די קלאַנגען האָבן זיך גענומען האָט מען נישט געוווּסט. אָבער צו איין זאַך זענען די פּליטים געווען צוגעוווינט, אַז טאָמער האָט עפּעס באַדאַרפט קומען אין דער עפנטלעכקייט, זענען פריִער וועגן דעם פאַרשפּרייט געוואָרן קלאַנגען, און אַ ביסל שפּעטער, איז וועגן דעם געקומען אַן אָפיציעלע מעלדונג. יעדע זאַך, וואָס איז געווען געווענדט קעגן די פּלי־טים, איז גוט אויסגערעכנט געווען מצד די מאַכט־אָרגאַנען.

אין דער זעלבער צײַט, ווען ס׳איז אָנגעגאַנגען די רעגיסטראַציע אויף צו נעמען די סאָוויעטישע פּעסער, האָבן זיך פאַרשפּרייט די קלאַנגען וועגן אויסטויש פון בירגער. ס׳הייסט, אַז אַלע אוקראַיִנער און ווײַסרוסן, וואָס גע־פינען זיך אויפן געביט פון היטלערס אָקופּאַציע־זאָנע, וועלן אויסגעטוישט ווערן אויף פּאָלאַקן, וואָס געפינען זיך אויף די געביטן, ווו סטאַלין האָט זײַן אָקופּאַציע־זאָנע, וואָס איז נאָך די „וואַלן" שוין אָפיציעל צוגעטיילט געוואָרן צום ראַטנפאַרבאַנד.

ס׳האָט נישט געדויערט לאַנג ווי אין ביאַליסטאָק האָבן זיך באַוויזן מונדירטע דײַטשן מיט האַקנקרײַצן אויף זייערע אָרעמס. זיי האָבן שפּאַ־צירט פראַנק און פרײַ איבער די גאַסן. די היטלעריסטישע אָפיצירן האָבן גערעדט אַ גוטן רוסיש. די ביאַליסטאָקער יידן און מיר פּליטים זענען גע־שטאַנען און געקוקט פאַרחידושטע ווי אויף דער הויפּטגאַס פון ביאַליסטאָק

שפּאַצירן צוזאַמען מיט די סאָוויעטישע אָפיצירן מונדירטע דײַטשן. באַלד געפינען זיך ביאַליסטאָקער ייִדן וואָס דערקענען אייניקע דײַטשן וועלכע האָבן יאָרנלאַנג געוווינט אין ביאַליסטאָק.

מיט עטלעכע טעג שפּעטער איז באַוווּסט געוואָרן אַז דער אָנפירער פון דער דעלעגאַציע איז טאַקע אַ ביאַליסטאָקער דײַטש, וואָס האָט דאָ יאָרנלאַנג געוווינט; איז הײַנט אַ קאָראָנעל פון דער היטלעריסטישער אַרמיי.

אין גאַס האָבן זיך באַוויזן באַקאַנטמאַכונגען וועגן אויסטויש פון בירגער און אַז די הויפּטקאָמיסיע אַמטירט אין בריסק.

האָבן זיך טאַקע געפונען אַ סך נאַיִווע פּליטים וואָס האָבן געגלייבט, אַז זיי וועלן אַזוי אַרום קאָנען זען זייערע קרובים און מ׳האָט זיך געלאָזט קײַן בריסק. אויך מײַנע צוויי חברים שוואַרצשטיין און קאַץ צוזאַמען מיט שמחה ריבאַ זענען אַהין געפאָרן. קאַץ מיט שוואַרצשטיינען זענען צוריקגעקומען מיט גאָרנישט. זיי האָבן דערציילט אַז קודם־כל ווערן אָנערקענט פּאַר פּוילישע בירגער נאָר פּאָלאַקן. צווייטנס, אַז דער גאַנצער מאַכער פון דער קאָמיסיע איז דער ביאַליסטאָקער דײַטש, דער פאָלקאָווניק. מע רעגיסטרירט נאָר פּאָלאַקן. ייִדן ווערן גאָרנישט גענומען אין באַטראַכט צו קאָנען פאָרן. זיי האָבן דערציילט אַז ס׳האָבן זיך דאָרטן שוין אויך געפונען „מאַכערס" וואָס האָבן צוגעזאָגט עפּעס צו טון פאַר אַ געוויסער צאָל ייִדן. אָבער ס׳דאַרף שוין קאָסטן אַ גרעסערע סומע געלט. אין דער שטיל האָט דער מאַכער פאַרטרויט אויפן אויער, אַז דאָרט, ווו מע מוז „שמירן" מיט געלט אָדער עפּעס אַ ווערטזאַך, ווערן פאַראייניקט די דײַטשן מיט די סאָוויעטן... די מאַכערס האָבן אינפאָרמירט, אַז יעדע שעה קומען אַרויס פון זיצאָרט פון דער קאָמיסיע צוויי מאַן, אַ דײַטש און אַ רוס און מע מעלדעט ווער מע וועט אויסטוישן. זיי גיבן פאַרשידענע אויפקלערונגען, אַזוי אַז ס׳איז שווער צו פאַרשטיין צי יעדער איינער, וואָס וועט וועלן, וועט קאָנען פאָרן.

אונדזערע ייִדן, וואָס האָבן געוואָלט ריזיקירן און אַריבערפאָרן אויף יענער זײַט, האָבן גלײַך דערשנאַפּט, אַז די היטלעריסטן האָבן זיך שוין גוט פאַרשטענדיקט מיט די סאָוויעטישע פאַרשטייער אין דער געמישטער קאָמיסע בנוגע ייִדן. דאָך האָבן זיך געפונען איינצלנע ייִדן, וואָס האָבן זיך גע־

קאָנט פאַרגינען דעם לוקסוס פון גוט „שמירן" און זענען טאַקע רעגיסטרירט געוואָרן צו קאָנען ווערן אויסגעטוישט.

אין עטלעכע טעג אַרום איז אָנגעקומען אַ פרישע נײַעס. ס׳איז שוין אָנגעקומען דער ערשטער צוג פון דער דײַטשער זײַט קײַן בריסק. ער האָט געבראַכט רוסן, אוקראַיִנער און ווײַסרוסן. די סענסאַציע איז געוואָרן נאָך גרעסער דערמיט, וואָס מ׳האָט איבערגעגעבן, אַז אין ערשטן צוג מיט די אויסגעטוישטע געפינט זיך אַ ייִדישע פרוי מיט אַ קינד. ס׳האָט נישט לאַנג געדויערט ווי די ייִדישע פרוי מיטן קינד האָבן זיך באַוויזן אין ביאַליסטאָק, וווּ זיי זענען געקומען צו זייער מאַן און פאָטער. דאָס איז געווען די פרוי פון אַרטיסט ישראל שומאַכער. זי האָט דערציילט אַז אויך אין וואַרשע זיצט אַזאַ מין קאָמיסיע פון סאָוויעטן און דײַטשן. אַ סך פרויען האָבן זיך געווענדט צו דער קאָמיסיע מע זאָל זיי אַריבערשיקן צו זייערע מענער. מ׳האָט זיי אָבער געענטפערט אַז זיי דאַרפן נאָך וואַרטן אַ געוויסע צײַט ביז ס׳וועט קלאָר ווערן וויפל ס׳קאָנען פאָרן. היות אָבער זי איז געווען פון די ערשטע, האָט מען זי מיט נאָך צוויי אָדער דרײַ ייִדישע פרויען פאַרשריבן. אין עטלעכע טעג אַרום, ווען מ׳האָט אויסגערופן די נעמען ווער ס׳וועט פאָרן מיטן ערשטן טראַנספּאָרט, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זי איז די איינציקע ייִדישע פרוי מיט איר קינד. ווײַטער איז קיין שום ייִדישע פרוי מיט דעם צוג נישט געפאָרן. מעגלעך, אַז ישראל שומאַכער האָט פון דער סאָוויעטישער זײַט געהאַט עפּעס אַ פּראָטעקציע צו קאָנען ברענגען זײַן פרוי מיטן קינד. ס׳קאָן אָבער אויך זײַן, אַז פון דער סאָוויעטישער זײַט האָט מען גע־וואָלט ווײַזן, אַז מע ברענגט אַהער אַ פרוי מיט אַ קינד צו איר מאַן. מ׳האָט דעריבער אויסגעוויילט אַ פרוי פון אַ באַקאַנטן ייִדישן אַקטיאָר, מיט דער אויסרעכענונג אַז ס׳וועט מאַכן דעם געווונטשענעם אײַנדרוק.

דאָס קומען פון פרוי צעלינאַ שומאַכער מיט איר טאָכטער האָט טאַקע אַרויסגערופן דעם געהעריקן רושם. די גרוסן, וואָס זי האָט איבערגע־געבן, זענען געווען זייער טרויעריקע. פונדעסטוועגן האָבן זיך נאָך אַלץ גע־פונען בעלנים וואָס האָבן געוואָלט צוריקפאָרן קײַן וואַרשע צו זייערע פאַ־מיליעס. זיי האָבן געטענהט, אַז אויב זיי וועלן אײַנזען, אַז מע קאָן דאָרט פאַר קיין פאַל נישט בלײַבן, וועלן זיי שוין דאָס מאָל קומען צוריק מיט זייע־רע פאַמיליעס צוזאַמען. דעם אמת געזאָגט זענען די פליטים אַרומגעגאַנגען

טאָג ווי נאַכט מיטן געדאַנק וועגן זייערע פרויען און קינדער. זיי האָבן נישט איינמאָל געזאָגט: — זאָל שוין זײַן וואָס עס איז, אָבער אין איינעם מיט די פאַמיליעס. דערפאַר האָבן זיך אַ סך פּליטים געריסן צו פאָרן קײַן בריסק.

איך האָב באַלד פון אָנהייב, ווי נאָר ס'איז באַקאַנט געוואָרן די געשיכטע מיט דער קאָמיסיע אין בריסק, דערקלערט מײַנע חברים, קאַץ און שוואַרצשטיין, אַז איך טראַכט נישט צו פאָרן צו די דײַטשן און בין קיין בריסק נישט געפאָרן. נאָך דער געשיכטע מיט סעמיאַטיטש האָב איך געהאַט דאָס פאַרגעפיל אַז איך דאַרף מער נישט זײַן אויף יענער זײַט.

איך האָב געמאַכט פאַרשידענע אָנשטרענגונגען, אַז מײַן פאַמיליע זאָל אַריבערקומען צו מיר, קײַן ביאַליסטאָק. כ'האָב איבערגעשיקט פאַרשידענע בריוו דורך פּאָלאַקן. זיי אָנגעוויזן ווי אַזוי מײַנע נאָענטסטע קאָנען קומען צו מיר, אָבער ליידער האָט עס נישט געגעבן קיין שום רעזולטאַט.

קאַץ און שוואַרצשטיין האָבן געוואָלט ריזיקירן זיך צו פאַרשרײַבן אויף אַן אויסטויש, אָבער ס'איז זיי נישט געלונגען. שוואַרצשטיין מיט ריבאַן זענען שפּעטער געפאָרן נאָענט צו דער גרענעץ, פּרווון נאָך אַ מאָל דאָס מזל זיך אַריבערצושמוגלען, אָבער אומזיסט. זיי זענען ווידער געקומען צוריק און דערציילט, אַז איצט איז פאַרבונדן מיט לעבנס־געפאַר. זיי זענען אָפּגעלעגן אין אַ וואַלד עטלעכע טעג מיט אַ פּאָלאַק, אַ „באַרימטן פירער", וואָס גייט כסדר איבער דער גרענעץ מיט געשמוגלטע סחורה. אָבער זיי בייִדן אַריבערשמוגלען האָט זיך אים פאַר קיין פאַל נישט אײַנגעגעבן. אַ ביסל שפּעטער אָבער האָט זיך אײַנגעגעבן שימחה ריבאַן, דעם דירעקטאָר פון וואַרשעווער „סקאַלאַ"־טעאַטער זיך אַרײַנצובאַקומען אין וואַרשע ווו ס'איז אים באַשערט געווען צו טיילן דעם טראַגישן גורל פון אַלע פּוילישע ייִדן.

אין ביאַליסטאָק האָבן זיך נאָך אין יענער צײַט געפונען אַ סך טויזנטער דײַטשן, אַפילו דער דירעקטאָר פון דער ביאַליסטאָקער עלעקטראָוויניע איז געווען אַ דײַטש. ער איז געבליבן אויף זײַן פּאָסטן ביזן אויסברוך פון דער מילחמה צווישן פּוילן און דײַטשלאַנד. ווי מ'האָט שפּעטער פעסטגעשטעלט איז ער געווען איינער פון די ערשטע שפּיאָנען פאַר דײַטשלאַנד. בעתן אויסטויש פון די בירגער האָבן הונדערטער ביאַליסטאָקער דײַטשן געוואַרט אויפן וואָקזאַל בכדי צו ווערן אָפּגעשיקט קײַן בריסק און צוזאַמען

מיט נאָך דײַטשן צו פֿאָרן קײַן היטלער־דײַטשלאַנד, אָדער צו בלײַבן אין די טיילן וואָס היטלער האָט אָקופּירט.

איך האָב מיט זיי פֿאַרפֿירט אַ געשפּרעך און זיי געפֿרעגט פֿאַר וואָס זיי פֿאָרן אַוועק פֿון ביאַליסטאָק. זיי האָבן מיר געענטפֿערט, אַז איצט איז דאָ אַ באַפֿעל פֿון פֿירער אַוועקצופֿאָרן פֿון דאַנען און צוגעגעבן, אַז שפּעטער קאָן קומען אַ באַפֿעל פֿון היטלערן זיך אומצוקערן קײַן ביאַליסטאָק. וואָס וועט נאַטירלעך אויסגעפֿירט ווערן.

זיי האָבן זיך פֿאַרהאַלטן חוצפּהדיק, גערעדט הויך, געלאַכט. ס'האָט גאָרנישט אויסגעזען, אַז זיי זאָלן באַדויערן איבערצולאָזן זייערע היימען ווו פֿיל פֿון זיי זענען געבוירן געוואָרן...

כדאַי צו באַמערקן, אַז אַלע דײַטשן זענען געווען פּוילישע בירגער, געבוירענע אין פּוילן. זיי האָבן מיט זיך געהאַט פּעק מיט זאַכן, גרויסע וואַליזעס. זיי האָבן אָבער נישט אויסגעזען ווי אַזעלכע וואָס מע פֿירט איבער פֿון איין לאַנד אין צווייטן, נאָר גיכער ווי מענטשן וואָס פֿאָרן אויף אַן עקסקורסיע. אין איין זאַך בין איך שוין געווען זיכער, זעענדיק די דײַטשן, אַז דאָס איז די פֿינפֿטע קאָלומנע פֿון די דײַטשן אין ביאַליסטאָקער געגנט.

***

קײַן ביאַליסטאָק איז געקומען דער מינסקער ייִדישער מלוכה־טעאַטער. זײַן ערשטע פֿאָרשטעלונג איז געווען „שולמית“ פֿון גאָלדפֿאַדען באַאַרבעט פֿון באַוווּסטן ייִדישן שרײַבער שמואל האַלקין. מיר האָבן געהאַט פֿאַר זיך אַ פֿיינע קולטורעלע פֿאָרשטעלונג. דער טעקסט, פֿאַרשטייט זיך, איז געווען כמעט אין גאַנצן אַ נײַער, צוגעפּאַסט פֿאַר די סאָוויעטישע ייִדישע צושויער. אויך די מוזיק איז געווען אַ ביסל באַאַרבעט. בײַ אַ דרײַסיק פּראָצענט האָט מען זיך נאָך געהאַלטן בײַ גאָלדפֿאַדענען. ס'איז אויך געווען געמאָלדן, אַז זיי וועלן שטעלן „בר־כוכבא“. לויט גאָלדפֿאַדען. לײַדער האָב איך שוין „בר־כוכבא“ נישט געקאָנט זען. ס'איז מיט מיר געשען עפּעס אַזוינס וואָס האָט מיר אוממעגלעך געמאַכט צו טון דאָס וואָס איך האָב געוואָלט. ווי מיר וועלן עס זען אין די ווײַטערע קאַפּיטלען.

אין „פּאַלאַס“־טעאַטער, וווּ איך בין געווען צוזאַמען מיט נאָך שוישפּילער געקומענע פֿון פּוילן, איז געגרייט געוואָרן אַ פֿאָרשטעלונג פֿון אַ

גרויסן פּאַרנעם: שעקספּירס „דער שטורעם". ס'איז באַשטימט געוואָרן, אַז פון דער גרויסער פאָרשטעלונג זאָלן זײַן דרײַ גענעראַל־פּראָבן. איך בין געווען אויף דער ערשטער גענעראַל־פּראָבע וואָס האָט זיך פאַרצויגן ביז שפּעט בײַנאַכט. ווי נאָר איך בין געקומען אַהיים צו זיך אין שטוב האָט מיר זישע קאַץ איבערגעגעבן, אַז אַ מיליציאָנער איז געקומען זיך פרעגן אויף מיר. קאַץ האָט אים געזאָגט, אַז איך געפין זיך אויף דער גענעראַל־פּראָבע אין טעאַטער „פּאַלאַס" און אים געפרעגט, צי איך בין נייטיק שווין אויפן אָרט. דער מיליציאָנער האָט אים געענטפערט כלומרשט פרײַנדלעך, אַז דאָס איז נישט ברענענדיק, אַז ס'איז צײַט צו דערליידיקן די זאַך מאָרגן. ער האָט געזאָגט קאַצן, אַז ער זאָל מיר איבערגעבן, כ'זאָל מאָרגן פרי קומען אין דער צווייטער אָפּטיילונג פון דער ביאַליסטאָקער מיליץ.

אויף קאַצס פראַגע, צי וואָס מע דאַרף מיך? האָט דער מיליציאָנער גע־ענטפערט, אַז דאָס איז וועגן אַ קלייניקייט. בײַ דער לעצטער רעגיסטראַציע האָב איך פאַרגעסן אָנצוגעבן דעם ריכטיקן אַדרעס ווו מײַן פאַמיליע גע־פינט זיך. דאָס דאַרף יעדער איינער — האָט דער מיליציאָנער געזאָגט — טון פערזענלעך, ווײַל מע דאַרף זיך אונטער דעם אונטערשרײַבן, און דער־פאַר דאַרף איך קומען אין דער מיליץ.

קאַץ האָט אים באַרויקט, אַז ער מעג זײַן זיכער, אַז מאָרגן וועל איך קומען.

דער מיליציאָנער האָט געענטפערט, אַז ער גלייבט אַז איך וועל מאָרגן קומען און ער האָפט אַז קיין צווייט מאָל וועט ער זיך נישט דאַרפן מטריח זײַן.

און ער האָט קיין טעות נישט געמאַכט. ער האָט נאָך מיר אַ צווייט מאָל נישט געדאַרפט קומען. אויף מאָרגן בין איך, אין דער באַגלייטונג פון מײַנע חברים, קאַץ און שוואַרצשטיין, אַוועק אין דער מיליץ. זיי זענען געבליבן שטיין אויף דער גאַס, ווו עס זענען אַגב געשטאַנען זייער פיל מענטשן, וואָס האָבן זיך נאָך געדאַרפט רעגיסטרירן, ווײַל נישט אַלע מענטשן האָבן געקענט בײַ זיך באַשליסן: יאָ נעמען אָדער נישט נעמען דעם סאָוויעטישן פּאַס?

איך וויל אויך דערמאָנען, אַז אין דעם „רויטן" פּאַספּאָרט איז געווען אַ געוויסער פּאַראַגראַף אונטערן נומער 11, וואָס שטעלט אַוועק דעם פּאַס־

נעמער אין אַ שווערער לאַגע. לויטן פּאַראַגראַף 11 איז דער באַזיצער פון דעם פּאַס געווען באַגרענעצט אין זײַן ווײַנרעכט. נישט אומעטום האָט ער געמעגט ווײַנען. איבערהויפּט האָט ער נישט געטאָרט ווײַנען נענטער פון אַ גרענעץ. און נאָך פאַרשידענע אַנדערע צרות, אַ מין בירגער פון אַ צווייטער קאַטעגאָריע.

איך בין אַרײַן אין דער מיליץ. מ׳האָט מיך אַרויפגעשיקט אויפן ערשטן שטאָק. כ׳האָב געזאָגט מײַן נאָמען. דער ענטפער פון באַאַמטן איז געווען:

— דאַוויד פישעלעוויטש לעדערמאַן, זייער גוט וואָס איר זענט געקומען. מיר ווילן פון אײַך אַ געוויסע אויפקלערונג וועגן דעם אַדרעס פון אײַער פאַמיליע, וועמען איר האָט איבערגעלאָזן אין וואַרשע... און אַ רוס מיט קליינע פאַרזשמורעטע אייגעלעך זאָגט צו מיר:

— פון וואַנען זענט איר זיכער אַז זיי ווײַנען טאַקע אין וואַרשע אויף פּאַווע גאַס נומ׳ 12?

איך האָב געענטפערט: ווען איך בין אַוועק פון זיי מיט עטלעכע חדשים צוריק האָבן זיי געוווינט אויף דעם אַדרעס.

אין דעם מאָמענט איז מיר אַדורך אַ געדאַנק, אַז אפשר האָט זיך מײַן פרוי מיט מײַנע צוויי טעכטערלעך געווענדט צו דער געמישטער קאָמיסיע, דערפאַר וויל מען בײַ מיר איצט פעסטשטעלן אין דער מיליץ, אַז דאָס איז טאַקע דער אַדרעס פון מײַן פאַמיליע. איך האָב זיך דעריבער ווײַטער געהאַלטן בײַם זעלבן אַדרעס וואָס איך האָב פריִער אָנגעגעבן. אויף מיין פראַגע: צי דאָס איז אַלץ? האָט ער מיר געענטפערט אַז דערווײַל איז דאָס אַלץ, — און צוגעגעבן מיט אַ שמייכל, — אַז איך דאַרף נאָך אַראָפּגיין אונטן. דאָרט וועט מען מיר שוין דערקלערן דאָס איבעריקע... דעם וועג — האָט ער גלײַך צוגעגעבן — וועט אײַך שוין ווײַזן דער מיליציאָנער וואָס שטייט דאָ... און טאַקע גלײַך אַ זאָג געטון צום מיליציאָנער:

— ווײַז דעם דאָזיקן בירגער דעם וועג צום קאָמיסאַר קירגין.

— פּאַידיאָם! — האָט זיך דערהערט אַ גראָבע באַסאָווע שטימע. איך בין אַראָפּ אונטן און אַרײַן דער ערשטער אין אַ פּאָדער־צימער, ווו בײַ דער טיר האָב איך דערזען שטיין אַ באַוואָפנטן פאַרשוין מיט אַ ביקס. דער מיליציאָנער האָט מיך געהייסן זיך זעצן אויף אַ באַנק. און איז פאַרשווונדן ערגעץ אין אַ טיר. אָפּזיצנדיק אַ גוטע שעה איז מיר געוואָרן אַ ביסל אומ־

הימלעך. דורך דער צײַט זענען פאַרשידענע באַאַמטע — מונדירטע און אין ציוויל — אַרײַן אין פאַרשידענע טירן. איך האָב געוואָלט אַרויס אויפן הויף, גיט דער באַוואָפנטער פאַרשוין צו מיר אַ געשריי:

— קודאַ יידאָש? (וווהין גייסטו).

איך דערקלער אים, אַז איך וויל אַרויסגיין טון אַ מענטשלעכן געברויך, נאָר אויף אַ מינוט.

דאָ ווערט שוין זײַן פּנים רויט ווי פײַער. ער גיט צו מיר אַ געשריי:

— סאַדיס! זיץ, אין דײַן מאַמען אַרײַן!...

איך וויל אים דערקלערן, אַז מ׳האָט מיך דאָ אַראָפּגעשיקט אויף אַ ווײַל. צעלאַכט ער זיך ווילד מיט אַ פאַרריסענעם קאָפּ, גייט צו נעענטער צו מיר און שרײַט:

— סאַדיס! ניע לזיאַ וויכאַדיט. (מע טאָר נישט אַרויסגיין).

— פאַר וואָס? טשטאַ יאַ אַרעסטאָוואַני? פרעג איך (וואָס בין איך אַן אַרעסטירטער?).

— מאָלטשאַט! — ענטפערט ער מיר — בײַ אונדז זענען נישטאָ קיין אַרעסטירטע, נאָר פאַרהאַלטענע.

ס׳איז פאַר מיר קלאָר געוואָרן, אַז מ׳האָט פאַרגרייט פאַר מיר אַ פּאַסטקע אויף אַ טיפּישן היטלעריסטישן סיסטעם פון פירן יענעם אין באָד אַרײַן.

קאַפּיטל 23

דער ערשטער פּאַטש

איך האָב גלײַך אײַנגעזען אין וואָס פאַר אַ לאַגע איך געפין זיך. ס׳איז בײַ מיר שוין קיין שום ספק נישט געווען, אַז כ׳בין אַן אַרעסטירטער. דער באַוואָפנטער רופט עס טאַקע מילד, אַ פאַרהאַלטענער, אָבער פאַר מיר איז קלאָר, אַז דאָס זיצן דאָ שמעקט מיט אַרעסט.

איך בין געזעסן אין קאָרידאָר אַ שיינע פּאָר שעה. ענדלעך האָט זיך געעפנט אַ טיר און ס׳האָט זיך באַוויזן אַ מיליציאָנער. ער האָט מיך אַרײַנגעפירט אין אַ צימער וווּ איך בין געבליבן שטיין בײַ דער טיר.

אויף יענער זייט טיש איז געזעסן אַן אוניפאָרמירטער פּאָליציי־באַאַמטער מיט אָפּצייכנס פון אַ נאַטשאַלניק. ס׳פּנים איז גראָד נישט געווען קיין אָפּשטויסנדיקס. און אויך נישט קיין ספּעציפיש רוסישס. ער האָט מיך געהייסן זיך דערנענטערן, מיר אָנגעוויזן אויף אַ שטול, וואָס איז געשטאַנען אויף דער צווייטער זייט טיש אַנטקעגן אים און מיך געהייסן זיצן. ער האָט אַ וווּנק געטון צום מיליציאָנער, ער זאָל אַרויסגיין.

דאָס ערשטע פרעגט ער מיך: צי איך פאַרשטיי רוסיש, אויב נישט קאָן ער מיט מיר רעדן פּויליש. גלייך ביי די ערשטע ווערטער זיינע האָב איך דערקענט אַז ער איז אַ רוסיפיצירטער פּאָלאַק. איך האָב אים געענטפערט אַז איך פאַרשטיי מער־ווייניקער רוסיש, אָבער בעסער זאָל ער מיט מיר רעדן פּויליש. ער האָט מיר געענטפערט, אַז אויב איך פאַרשטיי נאָר מער־ווייניקער רוסיש וועט זיין גוט, ער וועט צו מיר אַלזאָ רעדן רוסיש.

ווידער האָט זיך אָנגעהויבן דאָס שוין גוט באַקאַנטע אויספרעגעניש: מיין נאָמען, פאַמיליע, יאָרן, פאַך, פרוי, קינדער, פאָטער, מוטער, זיידע, ווו כ׳בין געבוירן, ווען געקומען, צי כ׳האָב דורכגעמאַכט אַלע נייטיקע רעגיסטראַציעס. און צי איך האָב זיך פאַרשריבן צו נעמען אַ פּאַס, אָדער נישט?...

איך האָב אים אויף אַלעם געענטפערט גענוי ווי ס׳איז געווען, אַז כ׳האָב זיך געהאַלטן אין איין רעגיסטרירן, אַז כ׳בין אַן אַקטיאָר פון יידישן טעאַטער, כ׳שפּיל דאָ אין ביאַליסטאָקער „פּאַלאַס"־טעאַטער און אַז קיין פּאַס נעם איך נישט. ביי דער לעצטער רעגיסטראַציע צו נעמען פּעסער האָב איך דערקלערט, אַז איך וויל אויסנוצן דעם פּאַראַגראַף פון דער סאָוויעטישער קאָנסטיטוציע, וואָס גיט מיר אַזיל־רעכט דאָ צו בלייבן ביז די מילחמה וועט זיך ענדיקן, און שפּעטער זיך קאָנען אומקערן צו מיין פאַמיליע וואָס געפינט זיך אין וואַרשע.

ער פרעגט מיך אָבער נאָך אַ מאָל זייער רויִק, פאַרוואָס איך האָב פּאָרט נישט גענומען קיין פּאַס?

איך דערקלער אים, אַז פון דאָ בלייבן קאָן איך נישט טראַכטן, וויי ל איך וויל נאָך דער מילחמה זיין פאַראייניקט מיט מיין פאַמיליע וואָס געפינט זיך אויף יענער זייט גרענעץ.

פּלוצלינג עפנט זיך די טיר און ס׳קומט אַריין אַ הויכער שייגעץ פון אַ יאָר דרייסיק מיט אַ רויט פּנים פול מיט בלאָטערן, מיט קליינע שטעכיקע

אייגעלעך און שטייענדיקע בלאָנדע האָר, שטייף ווי די שטשעטשינעס, אָנגעטון אין הויכע שטיוול מיט אַ שוואַרץ העמדל צו קנעפּלען אויף דער זײַט פון האַלדז אויפן רוסישן שטייגער. דאָס העמדל איבער די הויזן אַראָפּגעלאָזט און אַרומגענומען מיט אַ ברייטן פּאַסיק. גלײַך ווי כ׳האָב אים נאָר דערזען אַרײַנקומענדיק האָט מיר געגעבן אַ זעץ אין האַרץ ווי מיט אַ האַמער.

דער הויכער שייגעץ באַטראַכט מיך פון אַלע זײַטן. ער קוקט אויף מיר לאַנג און ווענדט זיך צום זיצנדיקן בײַם טיש מיט דער פראַגע:

— האָסט פאַרשריבן זײַנע דערקלערונגען?

דער נאַטשאַלניק זאָגט אים, אַז ער האָט פאַרשריבן.

דער בלאָנדער שייגעץ פרעגט מיך גלײַך צי איך פאַרשטיי ווײַסרוסיש. איך ענטפער אַז ניין.

ער נעמט אַ שטול זעצט זיך צו זייער נאָענט צו מיר און פרעגט מיך:

— דו ווייסט, וווּ דו געפינסט זיך?

— איך ווייס. איך געפין זיך אין דער צווייטער אָפּטיילונג פון דער מיליץ אויף דער סלאָנימסקי־גאַס.

ער צעלאַכט זיך מיט אַן אָפּשטויסנדיק מיאוס געלעכטער און הייבט אָן צו רעדן צו מיר שוין מיט אַ העכערן טאָן.

— וואָס מיר מיליץ און ווער מיר מיליץ! איך וויל פון דיר הערן צי דו ווייסט אויף וועלכער ערד דו געפינסט זיך?

איך ענטפער נישט.

ער גיט אַ געשריי:

— ענטפער, אַז מע רעדט צו דיר!

ער נעמט רעדן צו מיר אין אַ שפּראַך וואָס כ׳קען נישט. איך כאַפּ בלויז איינצלנע ווערטער. עפּעס אַ געמיש פון רוסיש מיט פּויליש צוזאַמען. די שפּראַך הער איך צום ערשטן מאָל אין מײַן לעבן. ער רוקט זיך צו מיר צו נאָך נענטער און פרעגט מיך ווײַטער:

— אויף וועלכער ערד געפינסטו זיך, דו זשיד, זאָלסט מיר שוין זאָגן, דו הערסט! — זײַן עקלהאַפט פּנים ווערט רויט ווי פײַער און ער הייבט אָן ווידער צו שרײַען: — דו, זשיד! זאָלסט שוין זאָגן אויף וועלכער ערד דו געפינסט זיך?

איך ענטפער שוין אַ ביסל דרייסטער:

— וואָס הייסט אויף וועלכער ערד? אויף פוילישער ערד, דאָ איז דאָך פוילן.

ער ווערט אָנגעצונדן און שרײַט:

— דאָ איז פוילישע ערד? דו געמיינער זשיד! — און דערלאַנגט מיר מיט זײַן ריזיקער האַנט אַ פּאַטש מיט אַ שרעקלעכן כוח. איך בין אַ צעבלוטיקטער אַראָפּגעפאַלן פון דער שטול און געבליבן ליגן אויף דער ערד.

דער נאַטשאַלניק, וואָס איז געזעסן בײַם טיש, ברענגט אַ קריגל וואַסער, וואַשט מיר אַרום דאָס פּנים און ווישט מיך אָפּ מיט אַ האַנטוך. ער הייבט מיך אויף פון דער ערד און ער אַליין זעצט זיך צוריק בײַם טיש.

אין דער צײַט, ווען דער נאַטשאַלניק וואַשט מיך אַרום, מינטערט מיך אָפּ, לויפט דער שייגעץ, דער רוצח, אַרום איבערן צימער הין און צוריק, האַלט אין איין מאַכן רוסישע מי שברכס און זידלט שוין פאַר איין וועגס אַלע זשידעס.

אַ ביסל שפּעטער באַפעלט ער דעם אויספאָרשער צו לייענען דעם פּראָטאָקאָל וואָס ער האָט געמאַכט בעת מײַנע ערשטע דערקלערונגען. ער שטעלט זיך אָפּ אויף יעדן ענטפער מײַנעם און צום סוף הייבט ער אָן אויף ס'נײַ אַ פרישע אויספרעגעניש.

— איך וויל נאָר וויסן — זאָגט ער — פאַר וואָס איך בין געקומען דאָ אַהער און נישט געבליבן דאָרט בײַ די היטלעריסטן?

איך ענטפער אים נישט.

ער הייבט אָן ווײַטער שרײַען, צי איך וועל ענטפערן אויף זײַנע פראַגעס צי ניין.

איך זאָג אים אַז איך קאָן ענטפערן אויף אַלעם. אָבער אויב מע וועט מיך ווידער שלאָגן וועל איך גאָרנישט ענטפערן און מע קאָן מיט מיר טון וואָס מע וויל.

ער גיט זיך קעגן מיר אַ שטעל ווי ער וואָלט מיך ווײַטער געגאַנגען שלאָגן.

אין דעם מאָמענט שטעלט זיך אויף דער אויספאָרשער און גייט צו צום הויכן שייגעץ, רוימט אים אײַן עפּעס אין דער שטיל. שפּעטער הייבט ער אָן רעדן העכער שוין געווענדט צו מיר:

— הערי, דו אַקטיאָר, מע וועט דיך מער נישט שלאָגן. דאָס וואָס אונ־

דזער פּאַליטרוק האָט דיר געגעבן אַ פּעטשל מיט אַ שטורך און דו ביסט צו־פעליק אַראָפּגעפאַלן פון דער שטול איז געווען דערפאַר ווײַל דו האָסט געזאָגט, אַז דאָ איז פּוילישע ערד, און אינדעראמתן איז דאָ ווײַסרוסלאַנד, און פאַרשטייט זיך ווײַסרוסישע ערד, פאַרשטייסט? נו און איצט וועט מען ווײַטער אָנגיין מיטן פּראָטאָקאָל.

דער מערדערישער פּאָליטרוק הייבט אָן ווײַטער אויסצופרעגן:

— זאָג, ווי אַזוי ביסטו אַדורך די גרענעץ?

איך דערקלער אים אַז איך בין אַנטלאָפן פון די דײַטשן און לויפנדיק אין וואַלד, האָט מיך באַמערקט אַ סאָוויעטישער פּאַטרול, מיך אויסגעפרעגט און געהייסן גיין ווײַטער און מיר נאָך געוויזן דעם וועג קײַן ביאַליסטאָק.

ער גיט אַ געשריי:

— ווריאָש! דו זאָגסט ליגן! ער ווייסט שוין ווי מיר ייִדעלעך האָבן געשמוגלט די גרענעץ און זיך אַרײַנגעגנבעט דאָ אַהער אין זייער ווײַס־רוסלאַנד.

פּלוצלינג גייט ער איבער צו אַן אַנדערער פראַגע: ער וויל וויסן די ריכטיקע מאָטיוון פאַר וואָס איך נעם נישט קיין סאָוויעטישן פּאַס?

איך דערקלער אים אַז נאָך דער מילחמה וויל איך פאָרן צוריק צו מײַן פאַמיליע און דערפאַר וויל איך נישט נעמען קיין פּאַס.

— פון וואַנען ווייסטו אַז דײַן פאַמיליע לעבט נאָך?

— ס׳איז דאָך נישט לאַנג ווי איך בין פון מײַן פאַמיליע אַוועק. צווייטנס, נישט לאַנג האָב איך געהאַט פון זיי אַ גרוס.

ער צעלאַכט זיך און זאָגט, אַז ער ווייסט, אַז אַלע ייִדן פון וואַרשע לעבן שוין נישט, אַלע הײַזער זענען שוין חורבות, און כ׳האָב שוין נישט וואָס צו האָפן מער צו קאָנען זען מײַן פאַמיליע. איך זאָל אויפהערן צו מאַכן די „זשידאָווסקי" קונצן און נעמען דעם סאָוויעטישן פּאַס. אויב איך וועל נעמען דעם פּאַס — גיט ער צו — וועט נאָך אפשר מעגלעך זײַן צו מאַכן פון מיר אַ שטיקל לײַט.

— פון נעמען אַ פּאַס — ענטפער איך אים — קאָן קיין שום פראַגע נישט זײַן. אויב מײַן פאַמיליע זאָל האָבן אומגעקומען מיט אַלע ייִדן פון וואַרשע האָט מײַן לעבן שוין סײַ ווי קיין שום ווערט נישט. ווײַל ווי דען וועל איך קאָנען לעבן אָן מײַנע צוויי טײַערע מיידעלעך?

הייבט ער אָן פּלוצלינג צו שרײַען:

— העי, מאַלטשי, טי זשיד! דו ווילסט באַגיין זעלבסטמאָרד און נאָך דעם זאָל מען זאָגן אַז מיר האָבן דיך דערהרגעט. פֿאַרשרײַב, — זאָגט ער צום אויספֿאָרשער, — אַז ער וויל בעסער באַגיין זעלבסטמאָרד איידער נע־מען דעם סאָוויעטישן פּאַס...

ער האָט מיך גלײַך אָנגעהויבן ווײַטער שלאָגן און געשריגן מע זאָל פֿאַרשרײַבן צוויי שטראָף־פּאַראַגראַפֿן: איינעם פֿאַרן אַריבערגיין די גרענעץ און דעם צווייטן פֿאַרן ווען באַגיין זעלבסטמאָרד. ער גיט אַ רוף צום מיליציאָנער, גיט אים אַ באַפֿעל מיך ערגעץ אַוועקצופֿירן און פֿאַרלאָזט דאָס צימער.

ווען ער איז אַוועק האָט מיך דער אויספֿאָרשער געהייסן אַרויסלייגן אַלץ פֿון מײַנע קעשענעס, אַראָפּנעמען דעם זייגער פֿון האַנט, דאָס געלט אַרויפֿלייגן אויפֿן טיש, מײַן אַקטיאָרן־קאַרטע, אַלץ וואָס כ׳האָב געהאַט בײַ זיך. ער האָט פֿאַרשריבן אויף אַ פּאַפּיר און געהייסן מיך אונטערשרײַבן. איך האָב דערקלערט, אַז איך וויל מע זאָל מיר איבערלייענען דעם גאַנצן פּראָ־טאָקאָל און שפּעטער וועל איך זען צי איך קאָן עס אונטערשרײַבן, ווײַל דער פּאָליטרוק האָט מיר אײַנגערעדט זאַכן, וואָס איך האָב נישט געזאָגט און נישט געמיינט. דער נאַטשאַלניק זאָגט מיר אָבער כ׳זאָל גאָרנישט רעדן און נאָר אונטערשרײַבן, ווײַל טאָמער — זאָגט ער — וועל איך זיך נישט אונ־טערשרײַבן, וועט ער ווידער זײַן געצוווּנגען אַרײַנצורופֿן דעם פּאָליטרוק, און יענער וועט שוין געפֿינען מיטלען אַז כ׳זאָל זיך יאָ אונטערשרײַבן.

איך בעט אים נאָך אַ מאָל ער זאָל מיר איבערלייענען וואָס ס׳שטייט אין פּראָטאָקאָל. ער ענטפֿערט: נישט נייטיק, ווײַל דאָס וואָס ער האָט אָנ־געשריבן מוז יעדער איינער אונטערשרײַבן, און גיט צו, אַז איך בין אַ פֿאַרהאַלטענער און מוז זיך אונטערוואַרפֿן דעם רעגולאַמין און דיסציפּלין פֿון סאָוויעטישן געזעץ. איך דאַרף וויסן, אַז דאָס וואָס דער אויספֿאָרשער אָדער פּאָליטרוק האָט פֿאַרשריבן איז שטענדיק אמת, און קיינער קאָן שוין דאָס נישט אָפּלייקענען...

איך האַלט זיך בײַ מײַנס. איך שרײַב נישט אונטער ביז איך ווייס נישט וואָס דאָרט איז פֿאַרשריבן.

אין דער מינוט באַווײַזט זיך ווידער דער פּאָליטרוק און פֿרעגט וואָס

קומט דאָ פּאַר, פּאַר וואָס פירט מען נישט דעם פּאַרהאַלטענעם אַרויס פון דאַנען? דער אויספאָרשער דערקלערט אים, אַז איך וויל נישט אונטער־שרײַבן דעם פּראָטאָקאָל. דער פּאָליטרוק נעמט גאַנץ קאַלט אַרויס אַ רע־וואָלווער און שרייט אויס:

— זשיד, שרײַב אונטער, אַז נישט...

קוקנדיק אויפן רוצחישן פּנים פונעם פּאָליטרוק, איז מיר אַדורך אַ געדאַנק, וואָס אייגנטלעך שטעל איך זיך אַזוי קעגן דעם אונטערשרײַבן. מײַן לעבן האָט דאָך סײַ ווי נישט קיין גרויסן ווערט. אַ רעזיגנירטער האָב איך אונטערגעשריבן.

דאָס איז געווען אַפּנים נאָך די פּאָלגן פון באַקומען דעם ערשטן פּאַטש פון אַ סאָוויעטישן פּאָליטרוק.

קאַפּיטל 24

אין פינצטערן קאַמער מיט נאָך צוויי ייִדן

אַ מיליציאָנער האָט מיך געפירט ביזן סוף פון לאַנגן קאָרידאָר, וווּ ער האָט מיך געהייסן אַראָפּגיין עטלעכע טרעפּ און געזאָגט:

— וולעזאַי! קריך אַרײַן! איך שטיי און ריר זיך נישט. ער גיט מיך אַ שטופּ אַרײַן, פון שוואַכקייט בין איך געפאַלן אויף דער ערד. ער האָט פאַרקלאַפּט די טיר און זי צוגעשלאָסן.

איך פיל אַז איך ליג אויף דער הוילער ערד. איך הייב אָן צונויפנעמען מײַנע געדאַנקען. דאָס ערשטע וואָס ס׳ווערט מיר קלאָר איז אַז איך מוז זיך האַלטן מיט מײַנע לעצטע כוחות. אָבער ווו געפין איך זיך איצט? פאַר וואָס געפין איך זיך עפּעס אַן אַרעסטירטער? פאַר וועלכע זינד? פאַר נישט וועלן נעמען קיין סאָוויעטישן פּאַס און נישט וועלן ווערן זייערס אַ בירגער, דאַרף איך ווערן געשלאָגן פון עפּעס אַ כוליגאַן, אַ ווײַסרוסישן אַנטיסע־מיטישן קאָמוניסט? דאָס איז דאָך אַ בפירושער פאַרברעכן קעגן אַלע מענטש־לעכע געזעצן...

די מידקייט און די איבערלעבעניש האָט מיך אַפּנים פאַרוויגט אין אַ

שלאָף. אַ גערודער האָט מיך אָבער אויפגעוועקט פון מײַן פאַרחלשטן דרעמל. איך רײַס אויף די אויגן, קוק זיך אײַן אין דער פינצטערניש און כ'זע מער גאָרנישט. איך הער אָבער אַז עפּעס רירט זיך אַ לויפעניש פון באַשעפע־נישן. איך פּרוּוו זיך אויפשטעלן און דערפיל אַז מײַנע הענט באַרירן אַ וואַנט, דערטאַפּן נאַסע ציגל. איך באַנעם אַז איך געפין זיך אין אַ קעלער. איך דערהער ווײַטער אַ געלויפעניש פון די פירפיסיקע באַשעפענישן, שטשורעס; ס'הייבט מיך אָן שווידערן. אין מויל איז טרוקן, די צונג ברענט, שוין באַלד 24 שעה ווי איך האָב קיין ביסל וואַסער אין מויל נישט געהאַט און וואָס וועט ווײַטער זײַן? ווי לאַנג וועט מען מיך דאָ האַלטן?

דער קאָפּ הייבט אָן ווײַטער צו טראַכטן. ווו געפין איך זיך? אַהאַ, איך געפין זיך דאָך אין די הענט פון די אָרדענונג־היטער, פון די וואָס זוכן בײַ יענעם חטאים.

איך ווער מיד שטייענדיק אין פינצטערן קעלער. די פיס ברעכן זיך מיר אונטער. איך לאָז זיך אַראָפּ, לייג זיך אויף דער הוילער נאַסער ערד און ווער אַנטדרעמלט.

אַ קלאַפּ מיט אַ פוס האָט מיך אַרויסגעריסן פון מײַן דרעמל. איך מאַך אויף מײַנע אויגן און זע ווי עמעצער שטייט איבער מיר מיט אַן עלעקטריש לעמפּל און שרײַט:

— ווסטאַוואַי! שטיי אויף!

ער זאָגט מיר, אַז ער האָט אַ באַפעל מיך אַרויפצוברענגען אין דער הייך אויף אַן אויספאָרשונג. ער פירט מיך אַרויס פונעם פינצטערן קעלער, הייסט מיך זיך זעצן אויף אַ באַנק און וואַרטן.

איך אַפּעליר צו זײַנע מענטשלעכע געפילן און זאָג אים, אַז פון נעכטן פרי האָב איך אין מײַן מויל נישט געהאַט קיין ביסל וואַסער. ער ענטפערט מיר זייער שטיל, מיט אַ שעפּטש, אַז אויב איך האָב געהאַט עפּעס געלט בײַ מיר, וואָס ער פאַרשטייט אַז מ'האָט בײַ מיר צוגענומען, האָב איך רעכט פאַר מײַן געלט צו בעטן צו קויפן עפּעס עסן. ער זאָגט מיר אַז ער וועט מיר באַלד ברענגען אַן אָפּגעדרוקטן בלאַנק צום אונטערשרײַבן. איך גיב אים צו פאַרשטיין, אַז דאָס ברענגען מיר עסן וועט נישט זײַן אומזיסט, איך וועל אים באַלוינען.

ער ענטפערט מיר: — „לאַדנאָ". ער מוז אָבער איבערוואַרטן ביז אי־בער דער אויספאָרשונג. אַ ביסל וואַסער אָבער וועט ער מיר גלײַך ברענגען.

דאָס קאַלטע וואַסער באַרויִקט מיך אַ ביסל. כ'הייב זיך אָן גרייטן צו מײַן נײַער אויספאָרשונג. עס דויערט נישט לאַנג און מע פירט מיך אַרײַן צום אויספאָרשער. דאָרט זיצט שוין אָבער גאָר אַ נײַער מענטש. ער הייסט מיך צוגיין נענטער צום טיש. ער פרעגט מיך, צי בין איך עס דאָוויד לע־דערמאַן, דער אַקטיאָר. איך ענטפער אַז יאָ. ער רעדט ווײַטער אַז ווי אַן אַקטיאָר האָב איך געדאַרפט זײַן צופרידן צו נעמען אַ פּאַס און ווערן אַ סאָ־וויעטישער בירגער.

איך ענטפער גאָרנישט.

— אַהאַ, — זאָגט ער, — אויב דו שווײַגסט איז אַ סימן אַז דו האָסט איבערגעקלערט די זאַך, אַז דו האָסט געמאַכט אַ פעלער.

איך שווײַג...

ער רעדט ווײַטער אַז אויב מע זעט אײַן אַז מע מאַכט אַ פעלער מעג מען אים פאַרריכטן. אַהאַ, זאָגט ער ווײַטער אין אַ העכערן טאָן, דו ביסט זיך מודה אין דײַן פעלער, זאָג עפּעס, רעד, פאַר וואָס שווײַגסטו?

— ברענג מיך נישט אַרויס פון געדולד! — הייבט ער אָן שרײַען — ענטפער!

— זאָל דער אויספאָרשער נישט מאַכן קיין טעות, — זאָג איך, — אַז איך האָב חרטה און וויל נעמען אַ פּאַס. דאָס וואָס איך האָב געשוויגן איז פּשוט פון שוואַכקייט, ווײַל איך געפין זיך שוין דאָ דעם צווייטן טאָג און מ'האָט מיר קיין ביסל וואַסער נישט געגעבן, מיך געשלאָגן און אַרײַנגע־וואָרפן אין אַ פינצטערן קעלער.

ער קוקט מיך לענגער אָן און זאָגט:

— געשלאָגן, ווער? ער באַפעלט מיר איך זאָל אים אַלץ דערציילן ווי מ'האָט מיך געשלאָגן, ווי מ'האָט מיך גערופן זשיד. ער פאַרשרײַבט אַלץ, הייסט מיך אונטערשרײַבן, זאָגט דעם מיליציאָנער עפּעס אין דער שטיל און מע פירט מיך אַרויס. אָבער שוין נישט אַראָפּ אין קעלער, נאָר אין אַ צווייטער זײַט, וווּ מע לאָזט מיך אַרײַן אין אַ כמעט פינצטערן קאַמער מיט אַ קליין פענצטערל גאָר אויבן אין דער הייך.

אויף דער ערד, זע איך, ליגט אַ מענטש און שלאָפט. אַ צווייטער זיצט

אָנגעשפּאַרט אָן דער וואַנט. איך זעץ זיך אַוועק אין אַ ווינקל. דער זיצנדיקער קוקט אויף מיר, אָבער רעדט גאָרנישט.

עס נעמט זיכער אַ שעה צײַט, ווי איך און דער וואָס קוקט אויף מיר, ביידע שווײַגן מיר צוזאַמען. זײַן פּנים זאָגט מיר אָבער אַז דאָס איז אַ ייִד. איך פרעג אים ווי לאַנג ער געפינט זיך שוין דאָ? ער ענטפערט מיר אַז פון נעכטן פאַרנאַכט אָן. מ׳האָט אים אויסגעפאָרשט, קיין סך נישט געפרעגט, צוגענומען אַלץ וואָס ער האָט געהאַט בײַ זיך און אים אַרײַנגעפירט דאָ אינעם קאַמער.

אַ ביסל שפּעטער איז אַרײַנגעקומען אַ מיליציאָנער און אים געפרעגט צי ער וויל נישט קויפן עפּעס עסן, ווען ער עס אים שוין דערליידיקן.

איך פרעג אויפן צווייטן וואָס שלאָפט. זאָגט ער אַז ערשט נישט לאַנג האָט מען דעם יונגנמאַן, וואָס ליגט אויף דער ערד, אַרײַנגעבראַכט. ער האָט זיך שטאַרק דענערווירט, זיך פשוט געשלאָגן קאָפּ אָן וואַנט. ער איז אַוועקגעפאַלן אויף דער ערד פון אויפרעגונג. וויפל ער האָט אים נישט געוואָלט באַרויקן, האָט עס נישט געהאָלפן. ער ליגט שוין אַ לענגערע צײַט אויף דער ערד און ענטפערט נישט אויף קיין שום פראַגע.

מיר רעדן ייִדיש. ער פרעגט זיך אַלץ אויס וועגן מיר. איך האָב זיך פון אים דערוווּסט אַז דער דריטער אין דער צעלע איז אויך אַ ייִד. ער האָט מיר געגעבן אַן עצה, כ״זאָל אָנקלאַפּן אין דער טיר ווען דער מיליציאָנער צוקומען, זאָל איך אים זאָגן, אַז איך מוז אַרויסגיין דערליידיקן אַ מענטשלעך געברויך, ווען שפּעטער מיט עטלעכע מינוט קומען דער מיליציאָנער, וואָס פאַרנעמט זיך מיט אַרויספירן אויפן הויף, וועל איך אים פאַראייניוועגס קאָנען בעטן ער זאָל מיר באַזאָרגן אַ ביסל עסן. ער קלערט מיר אויך אויף, אַז דער מיליציאָנער וואָס פירט די אַרעסטאַנטן אויפן הויף, איז אַ שותּף צום צווייטן מיליציאָנער וואָס ברענגט דאָס עסן. איך קוק און שטוין ווי דער מענטש וואָס געפינט זיך דאָ אַ קנאַפּן מעת־לעת ווייסט שוין דעם גאַנצן סדר און אַלע קאָמבינאַציעס ווי מ׳האָט זיך דאָ צו פירן.

איך פרעג אים ווי ער הייסט. ער ענטפערט מיר: — לייביש ביאַלער, פון לאָדזש.

— הייסט עס אַז צוויי לאַנדסלײַט האָבן זיך באַגעגנט אין אַ גאָר נישט אָנגענעמער לאַגע אין אַ סאָוויעטישן אַרעסטהויז אין ביאַליסטאָק.

ער שלאָגט מיר איבער מײַנע געדאַנקען און גיט אַ זאָג:

— קלאַפּט אָן אין טיר און הייסט אײַך פירן דאָרט ווו מע דאַרף, און הייסט אײַך אויך ברענגען עסן, ווײַל טאָמער וועט איר שווײַגן וועט דער מיליציאָנער אָראָפּשלינגען אײַער עסן, אָדער אײַער געלט. לעדערמאַן, — זאָגט ער, — געדענקט און האַלט זיך, פֿאַרלירט זיך נישט. קיינער ווייסט נישט, וואָס דער מאָרגן קאָן ברענגען.

איך הייב זיך אויף, גיב אַ קלאַפּ אין דער טיר. עס עפנט זיך אַ שפּאַרע. אַ מיליציאָנער באַווײַזט זיך. ער פרעגט וואָס איך וויל. ער הייסט וואַרטן ביז ס'וועט קומען דער וואָס וועט מיך אַרויספירן.

איך פרעג ביאַלערן:

— פון וואַנען ווייסט איר די אַלע זאַכן?

— אַ סוחר קען זיך גוט אויף געשעפט. בײַ זיי, בײַ דער סאָוויעטישער מיליץ, דאַרף מען זײַן פּיפּיק. קאָן מען נאָך האָפן איבערצוקומען די צרות. טאָמער לאָזט מען זיך אָפּ, קאָן מען דערגיין צו משוגעת און מאַכן אַ גיכן שטאַרב.

דער מיליציאַנט האָט מיך אַרויסגעפּירט אויפן הויף. אַז כ'בין צוריק־געקומען אין קאַמער איז שוין דער צווייטער אַרעסטירטער יונגערמאַן נישט געשלאָפן. לייביש ביאַלער האָט מיר דערציילט, אַז דער יונגערמאַן איז אַ ראַדאָמער, אַן עלעקטריציסט, מ'האָט אים אַרעסטירט ווען ער איז געשטאַ־נען בײַ דער אַרבעט און געבראַכט אַהער אַזוי ווי ער שטייט און גייט — אָן אַ רעקל.

איך פרעג דעם יונגנמאַן זײַן נאָמען. ער הייסט ראָזענצווײַג. ער איז שלעכט געשטימט צוליב זײַן אַרעסט, ער קאָן עס נישט פאַרשטיין פאַר וואָס מ'האָט אים אַרעסטירט, אַז סך־הכל איז ער גאָר אַ לינקער, אַ קאָמוניסט.

איך פרעג אים, צי ער האָט זיך בײַ דער לעצטער רעגיסטראַציע פאַר־שריבן צו נעמען אַ פּאַס. ער ענטפערט מיר שאַרף און בייז, אַז ניין! קיין פּאַס וועט ער נישט נעמען! ער האָט זיך רעגיסטרירט נאָך דער מילחמה צו פאָרן אַהיים.

אויף מײַן פראַגע פאַר וואָס? — ער, אַ לינקער — האָט נישט געוואָלט נעמען דעם סאָוויעטישן פּאַס, איז זײַן ענטפער געווען, אַז אים געפעלט דאָ נישט. נישט אַזוי האָט ער זיך פאָרגעשטעלט דעם סאָוויעטישן שטאַט. ער

האָט געחלומט פון גאָר עפּעס אַנדערש. צווייטנס, איז ער אַליין פון זײַן גאַנצער פאַמיליע דאָ אַהער אַנטלאָפן, פאַרבלײַבן דאָ וויל ער נישט. ער האָט זיך עס גוט איבערגעקלערט אײדער ער האָט באַשלאָסן נישט צו נע־מען קיין פּאַס.

מיר האָבן דערהערט אַז מע שליסט אויף די טיר. אַ מיליציאָנער איז אַרײַנגעקומען און האָט אַרויסגעפירט פון קאַמער משה ראָזענצווײַגן. ווען ער איז צוריקגעקומען אין קאַמער איז שוין געווען אין גאַנצן פינצטער. מיר האָבן געהערט ווי מע שליסט אויף און עמעצער גיט אַ פאַל אַרײַן אין אונדזער קאַמער. ער איז געפאַלן גלײַך אויף דער ערד און זיך שטאַרק צעוויינט.

מיר פרעגן אים שטיל:

— דאָס ביסטו, משה?

ער ענטפערט מיט אַ וויינענדיק קול:

— יאָ, איך.

— ווו האָט מען דיך געפירט?

— צום אויספאָרשער.

מ׳האָט אים מער־וויניקער מענטשלעך אויסגעפאָרשט, אָבער ס׳איז גלײַך אָנגעקומען אַ הויכער שייגעץ, אַ געמיינער יונג, אַ ציניקער. ער האָט אים כסדר פּראָוואָצירט צו ענטפערן אויף אַזעלכע פראַגעס וואָס ס׳איז גע־ווען אוממעגלעך צו געבן אַן ענטפער. האָט ער אים אָנגעהויבן צו שלאָגן מיט די פויסטן, אים געגעבן אַ זעץ מיט דער פויסט אין בויך אַרײַן, גע־זידלט און געשריגן: זשיד! דאָס זידלען אים ווי אַ ייִד האָט אים נאָך מער וויי געטאָן ווי די קלעפּ. איצט זעט ער שוין אַליין דעם גרויסן טעות וואָס ער האָט געמאַכט אין פּוילן גלייבנדיק אין סטאַלינס תורה. זאָל זיך נאָר די מילחמה ענדיקן, זאָל ער נאָר דערלעבן פון דאַנען אַרויסצוקומען, וועט ער שוין וויסן אין וואָס יאָ צו גלויבן און אין וואָס נישט...

איך האָב דעם אַנטוישטן יונגנמאַן קוים מיט צרות באַרוּיִקט, און אים דערציילט דעם ברוך־הבא וואָס איך האָב דאָ געהאַט.

אַזוי האָב איך פאַרבראַכט די צווייטע נאַכט מיט נאָך צוויי ייִדן אין פינצטערן קאַמער פון דער ביאַליסטאָקער מיליץ.

קאַפּיטל 25

אין ביאַליסטאָקער ענקאַווּעדע

אין אַ געוויסן טאָג האָט מען אונדז אַרויסגעפירט אויפן הויף, צוגע־פירט צו נאָך נײַן אַרעסטירטע ייִדן און אונדז אויסגעשטעלט צו צוויי אין אַ ריי. אין דער לעצטער ריי בין איך געגאַנגען מיט ביאַלערן צוזאַמען. די צוועלף אַרעסטאַנטן זענען געפירט געוואָרן פון אַכט מיליציאָנערן. צוויי מיליציאָנערן זענען געגאַנגען לעבן די ערשטע צוויי אַרעסטאַנטן, פיר מי־ליציאָנערן אין דער מיט פוןביידע זײַטן און צוויי צום לעצט. אַלע מילי־ציאָנערן האָבן געהאַלטן די ביקסן אין די הענט גרייט צום שיסן.

אַזוי האָט מען אונדז געפירט איבער די ביאַליסטאָקער גאַסן ביז דער מיצקעוויטש־גאַס וווּ ס'האָט זיך געפונען די ענקאַווּעדע. אויפן גאַנצן וועג זענען געשטאַנען מענטשן וואָס האָבן אונדז נאָכגעשיקט באַדויערנדיקע בליקן. איידער מיר האָבן אָנגעהויבן אונדזער מאַרש צו דער ענקאַווּעדע האָט אונדז דער נאַטשאַלניק פון דער מיליץ אָנגעזאָגט אַז מיר טאָרן נישט רעדן איינער צום צווייטן, אויך נישט צו די מענטשן וואָס גייען אויף די טראָ־טואַרן. מיר זאָלן גוט געדענקען אַז מיר זענען פאַרהאַלטענע פון דער סאָ־וויעטישער מאַכט און זיך זען צופּאַסן צום געזעץ. מ'האָט אונדז אויך גע־מאָלדן אַז פאַר נישט צופּאַסן זיך צום באַפעל וועלן מיר שטרענג באַשטראָפט ווערן. דער באַפעלער האָט אָנגעזאָגט יעדן איינעם פון אונדז אַז איינער דאַרף אַכטונג געבן אויפן צווייטן ער זאָל נישט רעדן, ווײַל טאָמער וועט נאָר איינער רעדן וועלן אַלע באַשטראָפט ווערן.

מיר גייען אַלע צוועלף מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ ווי פאַרמישפּטע. איך כאַפּ אַלע ווײַל אַ קוק אויף די מענטשן וואָס גייען אויף די טראָטואַרן. זיי פאַרשטייען גוט אונדזער לאַגע און קוקן כמעט נישט אין אונדזער זײַט.

מע האָט אונדז צוגעפירט צו אַ געבײַדע און געהייסן בלײַבן שטיין. איין מיליציאָנער מיט פּאַפּירן איז פאַרשוווּנדן אין דער געבײַדע אַרײַן. אין צווישן זענען אָנגעקומען נאָך אַרעסטאַנטן. אין אַ צען מינוט אַרום האָט זיך באַוויזן אַן ענקאַווּעדיסט און געהייסן אונדז אַרײַנפירן אין דער געבײַדע,

וואָס האָט פאַרמאָגט אַ גרויס, ברייט טויער. אינעווייניק האָב איך דערזען אַ זאַל וואָס קאָן אַרייננעמען עטלעכע הונדערט מענטשן. פון דער לינקער זייט האָט זיך דורך די פענצטער געזען אַ שמאָלער הויף פון אַ דריי־פיר מעטער די ברייט, וואָס האָט אונדז אָפּגעטיילט פון אַ מויער, אַ הויך הויז פון עטלעכע שטאָק מיט הויך־אַרויסקוקנדיקע פענצטער פון ערשטן און צווייטן שטאָק אָן.

דאָ אין זאַל האָבן זיך שוין געפונען אַ סך אַרעסטאַנטן. די מערהייט פון זיי אין אַ טרויעריקער ערנסטער שטימונג. יעדער איינער זיצט אין אַ באַזונדער ווינקל. עס געפינען זיך אָבער אויך אַ סך וואָס לאַכן, מאַכן וויצן אויפן חשבון פון די וואָס האָבן אונדז אַרעסטירט. אָבער איין זאַך ווערט קלאָר: אַלע אַרעסטאַנטן זענען ייִדן.

איך הייב זיך אָן גוט אַרומצוקוקן און זוכן באַקאַנטע. ליידער אָבער זע איך נישט קיינעם וועמען איך זאָל קענען. דאַקעגן געפינען זיך גלייך זייער פיל וואָס דערקענען מיך ווער איך בין. גלייך ווערט באַקאַנט, אַז צווישן די אַרעסטאַנטן געפינט זיך דער אַקטיאָר דוד לעדערמאַן. אַ סך פרעגן מיך צי איך בין נישט הונגעריק ווייל זיי האָבן איינגעבייט געלט אין זייערע קליידער און פאַר געלט, פאַרשטענדלעך, קאָן מען באַזאָרגן עסן.

אויך דאָ געפינט זיך שוין, ווי אומעטום, אַ כלומרשט גוטער מיליציאָנער, וואָס מאַכט פאַר געלט דאָס מיסחר און ס׳געפינען זיך שוין אַרעסטאַנטן וואָס האָבן שוין געשלאָסן „בלאַט" מיט עטלעכע מיליציאָנערן וואָס באַזאָרגן שוין אַלצדינג. די מיליציאָנערן זענען אַפילו געגאַנגען מיט בריוועלעך צו באַקאַנטע און פון דאָרט געבראַכט עסן. די נאַטשאַלסטווע פון דער ענקאַווע־דע האָט זיך כלומרשט געמאַכט, אַז זי זעט עס נישט, ווייל אַזוי האָט זיך איר געלוינט. לויטן געזעץ האָט מען דאַך געמוזט געבן די אַרעסטאַנטן עסן, אָבער אַז מ׳האָט געלאָזט די אַרעסטאַנטן אַליין זיך באַזאָרגן מיט עסן, האָט מען פאַר זיך געמאַכט אַ גוט פאַרדינסטל. די נאַטשאַלניקעס האָבן זיך איינגעטיילט מיטן געלט וואָס האָט געדאַרפט אָפּקאָסטן דאָס עסן פאַר דער גרויסער כאָפּטע אַרעסטאַנטן...

פאַרנאַכט האָט יעדער איינער אָנגעהויבן זוכן אַן אָרט ווו זיך אַוועקצו־לייגן שלאָפן. ביי מיין אַריינקומען אין זאַל האָב איך געזען שטיין אַ בילאַרד־טיש אין אַ ווינקל. כ׳בין צוגעגאַנגען און זיך אַרויפגעזעצט, כדי זיך צו־

צוגרייטן איבערצוגעכטיקן אויף אים. ווי נאָר אָבער איך האָב זיך אַרויפ־געזעצט איז גלייך אויסגעוואַקסן פאַר מיר איינער, אַ מיטליאָריקער מענטש, אַ הויכער, אַ ברייטער, און אַ זאָג געטון:

— זיי אַזוי גוט און זוך זיך אויס אַ צווייט אָרט צו זיצן אָדער צו ליגן. דאָס אָרט אויפן בילאַרד־טיש איז שוין פאַרנומען פון מיר און מיינס אַ יינגערן ברודער. דאָ, אַז איינער קלייבט זיך אויס אַן אָרט צום שלאָפן קאָן עס קיין צווייטער נישט צונעמען. עטץ זאָלט אַזוי לעבן מיט מיר ווי אַזוי פירט מען זיך ביי אונדז אַרעסטאַנטן אין וואַרשע. יאָך זיך נישט היינט צום ערשטן מאָל, דאַרפט עץ וויסן, יאָך מיט מיין ברודער זענען פלייצע־טרעגערס, וואַרשעווער יאַטן, מיר זענען געשטאַנען פאַרן איינזערנעם טויער לאַנגע יאָרן, איז אָבער אונטערגעקומען אַ היטלער, אַ רוח אין זיין האַרץ אַריין, האָבן מיר געמוזט מאַכן פליטה און איצט ליגן מיר דאָ אין דער „פעטשקע".

איך שוויַיג. ער קוקט מיך אָן:

— נו, דו גייסט אַראָפּ פון טיש צי נישט? אַ סוף, געגאַנגען.

איך בין אַראָפּ פונעם בילאַרד־טיש. ס'איז מיר איינגעפאַלן אַ געדאַנק אַז ס'וואָלט גוט געווען צו בלייבן נאָענט צו די צוויי פלייצע־טרעגערס פון איינזערנעם טויער.

— זאָגט מיר, אונטערן בילאַרד־טיש מעג איך זיך אַוועקלייגן?

ער גלאָצט אויס אויף מיר אַ פּאָר אויגן און פרעגט מיך:

— דיר געפעלט צו ליגן אונטערן בילאַרד־טיש?

— יאָ, — זאָג איך, — מיר געפעלט צו ליגן אונטערן בילאַרד־טיש שוין דערפאַר, וואָס איר מיט אייער ברודער וועלן ליגן אויפן בילאַרד־טיש.

ער האָט זיך ברייט צעלאַכט פון דעם איינפאַל און אָנגעהויבן שרייען:

— יאַנקל, יאַנקל, ווו ביסטו? קום נאָר אַהער.

עס איז צוגעקומען זיין ברודער, אויך אַזאַ יונגאַטש ווי ער, אַ הויכער. ער דערציילט אים פון מיין איינפאַל צו וועלן שלאָפן אונטערן בילאַרד־טיש. יאַנקל צעלאַכט זיך הויך און פרעגט מיך:

— דו האָסט גאָרנישט קיין מורא, אַז אַזעלכע צוויי יאַטן וועלן איינ־ברעכן דעם בילאַרד־טיש און אויף דיר אַרויספאַלן?

די נאַכט איז צוגעפאַלן. די עלעקטרי איז געוואָרן אויסגעלאָשן. ס'איז

געבליבן ברענען אַ קליין לעמפּל. אַ מיליציאָנער איז אַריַין און געמאָלדן ס'זאָל זיַין שטיל, אַלע זאָלן זיך לייגן שלאָפן. טאָמער וויל ווער גיין דער־ליידיקן דעם מענטשלעכן געברויך דאַרף מען עס טון שוין איצט צו פינף פערזאָן קאָן מען אַרויספירן. אָבער שוין, אין משך פון פופצן ביז צוואַנציק מינוט, שפּעטער וועט מען קיינעם נישט אַרויסלאָזן.

אין מיטן דער נאַכט ווער איך אויפגעוועקט פון די שטימעס פון צוויי מיליציאָנערן, וואָס גייען און פרעגן זיך נאָך: — ווער איז דאָ דאַוויד פּישע־לעוויטש לעדערמאַן?

זיי הייסן מיך אַרויסגיין פונעם זאַל און פירן מיך אַרויף אין אַ צווייט הויז קעגנאיבער אויפן צווייטן שטאָק. מע פירט מיך צו צו אַ טיר, ווו ס'שטייט אַ וועכטער. איין מיליציאָנער גייט אַריַין. ער זוימט זיך דאָרט אַ ביסל און הייסט מיך אַריַינגיין, ער אָבער גייט גליַיך אַרויס.

אין אַ גענוג גרויס צימער זיצט אַן עלטערער מענטש אין מיליטערישע קליידער. ער הייסט מיך צוגיין נענטער צו זיַין טיש, כ'זאָל זיך זעצן. פרעגט מיך: — צי בין איך עס דאַוויד לעדערמאַן? ער לייענט מיר איבער פון אַ בויגן פּאַפּיר אַלע דאַטעס מיַינע, ווי אַלט, מיַין פּאַך, אַן אַקטיאָר. ביַים וואָרט אַקטיאָר בליַיבט ער שטיין און פרעגט מיך, פאַר וואָס איך האָב אַלע מיַינע פּאַפּירן געגעבן און נישט מיַין פּאַס. איך ענטפער: — דערפאַר וויַיל מיַין פּאַס האָט איך נישט געהאַט ביַי מיר, נאָר אין דער שטוב ווו איך האָב געוווינט. ער גיט אַ גשריי צו מיר: — ווריאָש! זאָגסט ליגן! מ'איז געוועזן ביַי מיר אין דער וווינונג, געמאַכט דאָרט אַ רעוויזיע און דער באַלעבאָס פון דער וווינונג האָט דערקלערט, אַז ער ווייס גאָרנישט פון מיַין פּאַס, אַז איך האָב אַלץ געהאַט ביַי זיך. וויל ער וויסן, פאַר וואָס איך האָב דעם פּאַס ערגעצוווּ באַהאַלטן. איך האַלט זיך ביַי ס'מיַיניקע, אַז איך האָב מיַין פּאַס געלאָזט אין דער שטוב.

ער הייבט אָן אויף מיר צו שריַיען:

— שוויַיג! מיר וויסן שוין: דאָס זענען אַקטיאָרישע שטיקלעך... דו גייסט פאַר אונדז מאַכן טעאַטער... מיר וויסן שוין גוט צו וואָס דו ביסט אַהערגעקומען! דו ביסט דאָך געוועזן אין אַמעריקע, אמת? דו האָסט זיכער געהערט אַז ס'האַלט ביַי אַ מלחמה, טאָ צו וואָס האָסטו געדאַרפט ריזיקירן און קומען? ס'וואָלט דאָך אַ סך בעסער געוועזן צו בליַיבן זיצן דאָרט רויק

אין אַמעריקע און אויב דו ביסט פּאַרט געקומען, מוז דאָך עפּעס זײַן אין דעם. נו, אפשר ווילסטו אַליין דערציילן נאָך וואָס דו ביסט געקומען צו אונדז?

איך שווייג.

ער קוקט מיך זייער שאַרף אָן. עטלעכע מינוט הערשט אַזאַ מין שטיל־קייט אין צימער אַז מע הערט אונדזער ביידנס אָטעמען.

— נו, — הייבט ער אָן ווײַטער צו פרעגן, — דו וועסט זאָגן דעם אמת צי נייִן? רעד בעסער מיט גוטן, וועט פאַר דיר זײַן אַ סך בעסער... בײַ אונדז זעענען זיך אַלע מודה, און דו, אַקטיאָר, וועסט זיך אויך מוזן מודה זײַן... וואָס שווײַגסטו, פאַר וואָס זאָגסטו נישט דעם אמת?

— איך האָב אײַך געזאָגט דעם אמת. איך האָב נישט געהאַט בײַ זיך קיין שום פּאַס.

— אַזוי זאָגסטו? דו האַלטסט זיך בײַ דאָס דײַניקע. דו ווילסט נישט ענטפערן? דו וועסט באַלד רעדן — ער גיט אַ רוף אין צווייטן צימער אַריין:

— דיבענקאָ!

גלײַך איז אַרײַנגעקומען אַ ברייטפּלייציקער בלאָנדער רוס מיט קליינע קאַלמיקישע אייגעלעך מיט אַ פּנים פון אַ וואַלד־גזלן.

— דיבענקאָ, — זאָגט ער, — איך וויל דו זאָלסט זײַן אַן עדות, אַז דער פּאַרהאַלטענער וויל נישט אויסזאָגן דעם אמת, ווער פון די אַמעריקאַ־נער אימפּעריאַליסטן האָט אים דאָ אַהער געשיקט צו אונדז, ער זאָל כאַפּן דאָ אַ קוק, און זיך שטעלן אין קאָנטאַקט מיט אַזעלכע וואָס געפינען זיך דאָ אויך, צו פירן קעגן אונדז פאַרבאָטענע אַרבעט.

דער אַרײַנגערופענער דיבענקאָ טוט אַ שמייכל און זאָגט:

— אויב דער נאַטשאַלניק וועט מיר דערלויבן וועט ער גלײַך בײַ מיר רעדן.

ער גייט גלײַך צו צו מיר, גיט מיך אַ כאַפּ בײַם האַלדז, ווי ער וואָלט מיך געוואָלט גלײַך דערשטיקן. ער זאָגט צו מיר:

— דו סוואָלאָטש! דו וועסט רעדן צי נישט?

נישט וואַרטנדיק אויף קיין ענטפער האָט ער מיך אָנגעהויבן שלאָגן מיט זײַנע אײַזערנע פויסטן איבערן פּנים, אויגן, איבערן גאַנצן קערפּער, באַגלייט מיט געמיינע זידל־ווערטער, ווי דער ערגסטער אונטערוועלטניק

און געשריגן: — אויב דו וועסט נישט ענטפערן ווער ס׳האָט דיך אַהער געשיקט פון אַמעריקע וועל איך דיך דערהרגענען אויפן אָרט.

איך האָב דערפילט ווי ס׳בלוט רינט מיר פון פנים, פון קאָפּ. איך האָב אָנגעהויבן צו שרייַען: געוואַלט!!! איך פאַרשטיי נישט ביזן הייַנטיקן טאָג ווי ס׳האָבן זיך גענומען צו מיר כוחות אַזוי שטאַרק צו שרייַען. איך האָב געשריגן, און ער האָט געהאַלטן אין איין שלאָגן. איך בין אַוועקגעפאַלן אויף דער ערד אַ באַגאָסענער מיט בלוט. ערשט דאַן האָט דער אויספאָרשער זיך אָנגערופן:

— דיבענקאָ, פאַר הייַנט וועט שוין זייַן גענוג.

ער האָט עמעצן אַרייַנגערופן פון אַ צווייטן צימער, געהייסן ברענגען וואַסער, מיך אַרומוואַשן, געהייסן מיך אַוועקזעצן אויף אַ שטול, אַ ווונק געגעבן, אַז דיבענקאָ זאָל אַרויסגיין. אַליין פאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס און געפרעגט, צי איך וויל אויך רויכערן? ער האָט מיר דערקלערט, אַז מייַן עקשנות וועט מיר גאָרנישט ברענגען צו קיין גוטס. אַז איך זאָל זיך גוט איבערקלערן און אין אַלץ זיך מודה זייַן. אַזוי האָט ער מיך געהאַלטן מער ווי אַ צוויי שעה, געשריבן אַ לאַנגן פּראָטאָקאָל. נאָך דעם מיך געפרעגט, צי איך פיל זיך שוין בעסער און מיר דערקלערט:

— מיר האָבן פאַרשידענע מיטלען צו באַקומען פון אַ פאַרהאַלטענעם אַלץ... ראָט איך דיר, דו זאָלסט זיך גוט איבערקלערן. אויף דעם גיב איך דיר צייַט עטלעכע טעג, זאָלסט זיך אַליין מעלדן צום דיזשורנעם און הייסן ער זאָל מעלדן דעם אויספאָרשער אַז דו ווילסט מאַכן אַ דערקלערונג. מיר מוזן וויסן צוליב וואָס דו ביסט אַהערגעקומען?...

ער האָט אַרייַנגערופן דעם מיליציאָנער און געהייסן מיך אַוועקפירן אינעם אַלגעמיינעם זאַל פון די פאַרהאַלטענע. פאַרן אַוועקגיין אָבער זאָגט ער מיר אַז ס׳איז שטרענג פאַרבאָטן צו דערציילן אַנדערע אַרעסטאַנטן, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען מיט מיר. פאַר דערציילן וועל איך שטרענג באַשטראָפט ווערן.

ווען איך בין אַרייַן אין אַלגעמיינעם אַרעסטאַנטן־זאַל האָבן מיך אַלע אַרומגערינגלט און מיך געפרעגט, פאַר וואָס מ׳האָט מיך דאָרט אַזוי לאַנג געהאַלטן און דער עיקר, וואָס מ׳האָט מיך געפרעגט?

מייַנע צוויי שכנים, די צוויי פלייצע־טרעגער, האָבן געהייסן דעם עולם

אַוועקגיין און באַפוילן מיך אויפצוהערן פרעגן. זיי האָבן מיך צוגעפירט צום בילאַרד־טיש און געזאָגט:

— איצט מעגסטו זיך לייגן אויפן בילאַרד־טיש. מיר וועלן שוין שלאָפן אונטן אויף דער ערד. — און צוגעגעבן צו די איבעריקע אַרעסטאַנטן:

— קוקטס אים אָן, ווער איר שוין פאַרשטיין, אַז קיין מוציא מיט האָניק האָט מען אים דאָרט נישט געגעבן צו עסן... לאָזטס אים בעסער זיך אויסרוען, כדי ער זאָל האָבן כוח איבערצוטראָגן אַלע צרות וואָס זענען אים באַשערט...

דאָס איז געווען מײַן ערשטער ברוך־הבא אין דער ביאַליסטאָקער ען־קאַוועדע.

קאַפּיטל 26

אין אַרעסטאַנטן־זאַל

צומאָרגנס אין דער פרי האָבן מיר געהאַט אַ סורפּריז. מיר האָבן פּלוצלינג דערהערט אַ קלאַפּ פון דער זײַט, ווו די פענצטער זענען אַרויס־געגאַנגען צום הייפל, און גלײַכצײַטיק עטלעכע שאָסן און געשרייען. מ׳האָט געזען דאָרט מיליציאָנערן מיט ביקסן אין די הענט גרייט ווײַטער צו שיסן. צו אונדז זענען אַרײַן באַוואָפנטע ענקאַוועדיסטן און אָנגעהויבן אַוועקטרײַבן פון די פענצטער. נישט געלאָזט קוקן אַהין וואָס דאָרט טוט זיך. עטלעכע דרייסטע יאַטן אָבער האָבן זיי גלײַך געענטפערט, אַז זיי האָבן שוין געזען וואָס ס׳קומט פאָר, אַז ס׳ליגט אַ מענטש אין אַ קאַלוזשע בלוט אָן שום סימנים פון לעבן.

דעמאָלט האָבן די ענקאַוועדע־לײַט אָנגעהויבן שרײַען הויך, אַז דער קאָנטררעוואָלוציאָנער איז אַראָפּגעשפּרונגען פון העכסטן שטאָק, געוואָלט אַנטלויפן פון דער גערעכטיקייט, און איז דערהרגעט געוואָרן צוליב זײַן אייגענער שולד, און גלײַך צוגעגעבן אַז אַזאַ סוף דערוואַרט אַלע וואָס וועלן פּרוּוון אַנטלויפן.

ווי אַזוי דער אַרעסטאַנט האָט געקאָנט שפּרינגען פון פענצטער פון

העכסטן שטאָק איז פאַר אונדז אין גאַנצן נישט געווען קלאָר. ס׳איז פאַר אונדז געבליבן אַ סוד. אָבער ס׳האָט געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק, ווײַל ס׳האָבן זיך געפונען צווישן אונדז אַזעלכע, וואָס האָבן געזאָגט, אַז ס׳האָט אויך געקאָנט טרעפן, אַז מ׳האָט דעם אַרעסטאַנט אַרויסגעוואָרפן דורכן פענצטער, כדי אָנצוּוואַרפן אַ שרעק אויף די עטלעכע הונדערט אַרעסטאַנטן וואָס געפינען זיך דאָ.

נאָך דער געשעעניש האָט געהערשט אַ גוואַלטיק דערדריקטע שטימונג. יעדער איינער האָט זיך אָפּגעם פאַרטראַכט וועגן זײַן אייגענעם גורל. אַפילו די פריילעכע יאַטן, די פּלייצע־טרעגערס, זענען געוואָרן ערנסט. דעם גאַנצן טאָג האָט כמעט קיינער פון אונדז נישט געגעסן.

**
*

אויף צומאָרגנס אַזייגער נײַן פרי האָט מען אַרײַנגעבראַכט עטלעכע פאַרהאַלטענע. איינעם פון זיי האָט מען אָפּגעטיילט פון אַלע אַרעסטירטע. מ׳האָט אים געהייסן זיך אָוועקזעצן נאָענט פון דער טיר, ווו ס׳שטייט דער דיזשורנע־מיליציאָנער מיט געווער אין האַנט, און צוגעשטעלט לעבן אים אַ באַריער, מע זאָל צו אים נישט קאָנען צוגיין. מ׳האָט פאַרבאָטן מיט אים צו רעדן. דער אַרעסטירטער האָט די גאַנצע צײַט געהאַלטן דעם קאָפּ אַראָפּ. ס׳איז געווען אַ מענטש פון אַ יאָר דרײַסיק, אַ בלאָנדער מיט אַ ווײַס גע־זיכט, גרויסע בלאָע אויגן. ער איז געזעסן די גאַנצע צײַט ווי אַ שטומער. נישט געפּרוּווט אויסצורעדן צו עמעצן קיין וואָרט.

אַ טאָג מיט אַ נאַכט האָט מען אים געהאַלטן אָפּגעזונדערט. צום סוף האָט מען אים צוגענומען. צי דאָס איז טאַקע געווען אַן אַרעסטירטער, צי אַ טריק אַזאַ, כדי אָפּצושרעקן דער גרויסער מאַסע אַרעסטאַנטן, האָבן מיר נישט געקאָנט וויסן.

אויפן אַכטן טאָג פון מײַן זײַן דאָ איינעם גרויסן אַרעסטאַנטן־זאַל האָט זיך פּלוצלינג באַוויזן אַן ענקאַוועדיסט מיט פּאַפּירן אין זײַן האַנט. די פּאַ־פּירן זענען געווען פון פאַרשידענע קאָלירן: ווײַסע, רויטע און ראָזע. ער האָט יעדע מינוט גענומען אַ פּאַפּיר אין האַנט און אויסגערופן אַ נאָמען צו־זאַמען מיט געוויסע שטראָף־פּאַראַגראַפן. אַזוי האָט ער איבערגעלייענט אַ דרײַסיק נעמען און געהייסן זיי זאָלן זײַן גרייט, ווײַל אין קורצן וועט ער

קומען נאָך עפּעס מעלדן. די, וואָס מ'האָט אויסגערופן, האָבן זיך געהאַלטן צוזאַמען, ווײַל ס'איז שוין געוואָרן קלאָר, אַז די אויסגערופענע וועלן פון דאַנען צוגענומען ווערן. ס'איז בלויז געוואָרן צווישן אונדז אַ גערייד וועגן באַטייט פון די קאָלירטע פּאַפּירן. מ'האָט אָנגעהויבן אַרויסזאָגן פאַרשידענע השערות: אייניקע האָבן געזאָגט אַז די, וואָס האָבן זייער שטראָף־פּאַראַגראַף אויף אַ ווײַסן פּאַפּיר, איז בעסער. אַ גרין פּאַפּיר איז שוין ערגער. אַ ראָזע פּאַפּיר איז נאָך ערגער און אַ רויט פּאַפּיר איז גאָר שלעכט. צי ס'איז טאַקע אַזוי האָט קיינער אויף זיכער נישט געקאָנט וויסן.

איך האָב געוואָלט דערגיין פון די אויסגערופענע, וואָס זענען גרייט אַוועקצוגיין, צי מ'האָט זיי אַ סך מאָל גערופן צו דער אויספאָרשונג. ס'האָט זיך טאַקע אַרויסגעוויזן אַ מאָדנע זאַך, אַז די אַלע, וואָס מ'האָט זייערע נע־מען אויסגערופן, האָט מען בכלל נישט גערופן צו קיין שום אויספאָרשונג אין דער ענקאַוועדע.

עס האָבן זיך געפונען צווישן זיי עטלעכע, וואָס בעת מ'האָט זיי פאַר־האַלטן, האָט מען זיי נישט געפירט אין דער מיליץ, נאָר גלײַך אַהער. עט־לעכע זענען דאָ אַרײַנגעקומען שפּעטער פון מיר און מע נעמט זיי שוין צו פון דאַנען. איך האָב אײַנגעזען אַז קיין שום אָרדענונג אין דער הינזיכט איז דאָ נישט פאַראַן. פאַרקערט, די וואָס האָבן זיך געפינען פון די ערשטע קאָנען דאָ אַרויסגעפירט ווערן די לעצטע: אַ פולשטענדיקער באַלאַגאַן.

פאַרנאַכט זענען אַרײַנגעקומען עטלעכע מיליציאָנערן און גענומען אַרויספירן די אויסגערופענע. מיט שטומע בליקן האָבן זיי זיך געזעגנט מיט אונדז אַלעמען.

אין דער זעלבער נאַכט בין איך ווײַטער גערופן געוואָרן צו אַן אויס־פאָרשונג. דאָס מאָל זענען געזעסן צוויי אויספאָרשערס. זיי איז געגאַנגען אין לעבן צו וויסן פאַר וואָס איך האָב פאַרלאָזט אַמעריקע געציילטע טעג פאַר דער מילחמה און געלאָפן אַהער צו זיי. איך האָב זיי דערקלערט, אַז מײַן פאַרלאָזן אַמעריקע איז נישט געווען צו קומען אַהער, נאָר בכדי צו קאָנען נעמען מײַן פאַמיליע און פאַרלאָזן פוילן. כ'האָב עס אָבער נישט גע־קאָנט באַווײַזן, ווײַל ס'איז שוין געווען שפּעט. די מילחמה איז גלײַך בײַ מײַן קומען אויסגעבראָכן, איך האָב נישט געהאַט קיין אַנדער ברירה ווי נאָר צו אַנטלויפן פון די היטלער־מערדער.

איינער פון די אויספאָרשערס שלאָגט איבער מײַנע רייד און זאָגט:

— ווילסטו טאַקע, אַז מיר זאָלן דיר אַלצדינג גלייבן אויף דײַן וואָרט? מיר קאָנען שוין די פייגעלעך, וואָס די אימפּעריאַליסטן שיקן דאָ אַהער. דו ביסט אונדז זייער פאַרדעכטיקט מיט דײַן קומען פון אַמעריקע. מיר ווילן זאָלסט זיך מודה זײַן אין אַלעם, זאָגן וואָס מ׳האָט דיר געהייסן טון דאָ בײַ אונדז, און מיר וועלן זיך באַגיין מיט דיר מיט גוטן. טאָמער וועסטו נישט זאָגן דעם אמת, האָבן מיר גענוג מיטלען דיך צו צווינגען זיך מודה צו זײַן אין אַלעם. נו, וואָס ענטפערסטו?

— דאָס זעלבע האָט מען מיך שוין געפרעגט דאָ, און נישט בלויז גע־פרעגט. מ׳האָט מיך צעשלאָגן, צעבלוטיקט און איך האָב בײַ דער פאָריקער אויספאָרשונג דערקלערט ווי ביז איצט, אַז כ׳בין פון קיינעם נישט געשיקט געוואָרן אַהער. איך בין געלאָפן פון וואַרשע, ווו מײַן פאַמיליע געפינט זיך, נאָר דערפאַר ווײַל איך האָב נישט געקאָנט בלײַבן דאָרט. איך בין אַן אַק־טיאָר. איך האָב אין אַמעריקע אָנטייל גענומען אין פאָרשטעלונגען וואָס האָבן געטראָגן אַן אַנטי־נאַציש כאַראַקטער. אויב איר ווילט קאָנט איר עס קאָנט־ראָלירן: אין דער צײַטונג „ניואָרק־טײַמס" האָבן זיך אין חודש מײַ 1939 געפונען אַנאָנסן און נאָטיצן פונעם טעאַטער אין ניו־יאָרק אויף דער 58סטער גאַס, דער טעאַטער טראָגט דעם נאָמען „אַל. דזשאָנסאָן"־טעאַטער. אין די אַנאָנסן און נאָטיצן איז דײַטלעך געשריבן געוואָרן, אַז מיר שפּילן אַנטי־נאַצישע פּיעסן, און דאָרט איז בפירוש אָנגעגעבן מײַן נאָמען דוד לעדער־מאַן. פרעג איך אײַך אַליין: האָב איך געמעגט בלײַבן בײַ די בלוטיקע היט־לעריסטן־מערדער? מײַן פאַמיליע אַליין האָט געפאָדערט איך זאָל אַוועק פון וואַרשע.

זיי האָבן אַלץ פאַרשריבן, וואָס איך האָב געזאָגט, צונויפגעשטעלט אַ פּראָטאָקאָל און מיך געהייסן אונטערשרײַבן. דאָס מאָל האָט מען מיך נישט געשלאָגן. אַ מיליציאָנער האָט מיך צוריק אַוועקגעפירט אין גרויסן זאָל מיט די אַרעסטאַנטן.

קאַפּיטל 27

אין ביאַליסטאָקער תפיסה

טעג און נעכט האָבן זיך געצויגן מאָנאָטאָן. דורך די לעצטע טעג האָט מען פונעם גרויסן אַרעסטזאַל אַרויסגענומען אַ סך אַרעסטאַנטן. יעדן טאָג אָבער האָט מען צוגעברענגט נײַע. ענדלעך איז אויך געקומען מײַן ריי.

איך האָב געמיינט, אַז די ענקאַוועדע האָט שוין אין מיר פאַרגעסן, ווײַל אַלע וואָס זענען געווען, ווען איך בין דאָ אַרײַנגעפירט געוואָרן, זענען שוין געהאַט אַוועק, נאָר איך נישט. אָבער דער טאָג איז אויך געקומען אויף מיר. צווישן אַ סך אויסגערופענע נעמען איז אויך געווען מײַן נאָמען.

ווען מ׳האָט אויסגערופן מײַן נאָמען איז דאָס ערשטע געווען בײַ מיר אין געדאַנק: וואָס פאַר אַ קאָליר פּאַפּיר האָב איך? איך בין צוגעלאָפן נאָענט צום ענקאַוועדיסט, וואָס האָט אויסגערופן מײַן נאָמען, נישט אַזוי צו הערן מײַנע שטראָף־פּאַראַגראַפן ווי צו זען די קאָליר פונעם פּאַפּירל. דער קאָליר איז געווען אַ גרינער. ער האָט דורכגעלייענט פאַר מיר גאַנצע צוויי שטראָף־פּאַראַגראַפן. פאַר וואָס עפּעס קומט מיר צוויי שטראָף־פּאַראַגראַפן?

צוזאַמען מיט אַלע אויסגערופענע אַרעסטאַנטן האָט מען ענדלעך אויך מיך אַרויסגעפירט אויף דער גאַס, וווּ ס׳זענען שוין געשטאַנען צוגעגרייט צוויי אָפענע קאַמיאָנען. ס׳האָט זיך דערהערט אַ געשריי אַז די ערשטע פינף אַרעסטאַנטן זאָלן אַרויפקריכן. אויבן אינעם קאַמיאָן זענען שוין געשטאַנען צוויי סאָלדאַטן מיט ביקסן. זיי האָבן געהייסן זיך אויסזעצן די ערשטע פינף אַרעסטאַנטן און צעשפּרייטן די פיס, אַזוי אַז ס׳זאָלן זיך קאָנען אַרײַנזעצן אַנדערע פינף אַרעסטאַנטן אין זייערע צעשפּרייטע פיס. מיר האָבן זיך אויסגעזעצט אַכט שורות, אַרײַנגעקוועטשט איינער אין צווייטן. ווען דער קאַמיאָן איז געוואָרן אין גאַנצן פול, האָבן זיך אויף אים אַרויפגעכאַפּט נאָך צוויי סאָלדאַטן. ס׳איז אויסגעקומען אַז פון אַלע פיר זײַטן פון קאַמיאָן איז געשטאַנען אַ סאָלדאַט מיט אַ ביקס אין האַנט. אין אַזאַ פּאָזע, ווי גלײַך צום שיסן, אויב מיר וועלן עפּעס דאָ מאַכן אַ קונץ פון וועלן אַנטלויפן. אויסער דעם האָבן זיך אַוועקגעזעצט בײַם שאָפער נאָך צוויי סאָלדאַטן מיט

ביקסן. ס׳איז אונדז אָנגעזאָגט געוואָרן נישט צו רעדן צווישן זיך, נישט מאַכן קיין שום צייכנס צו די פאַרבײַגייערס.

מיר זענען שטיין געבליבן פאַרן טויער פון דער ביאַליסטאָקער תפיסה. אַ סאָלדאַט, וואָס איז געזעסן לעבן שאַפער, מיט אונדזערע פּאַפּירן, איז אַראָפּ און אַנגעקלונגען בײַם טויער פון תפיסה. מיט פינף מינוט שפּעטער האָט זיך אויפגעמאַכט דאָס טויער. ס׳האָבן זיך באַוויזן אַ דרײַסיק וועכטער, וואָס האָבן אונדז אַרומגערינגלט און געהייסן אונדז איינציקווײַז אַראָפּגיין פון קאַמיאָן, זיך אויסשטעלן צו פינף אין אַ ריי, מיטן פּנים צו דער תפיסה־וואַנט. ווען אַלע זענען שוין געווען אויסגעשטעלט, האָט מען אויסגערופן יעדן איינעם בײַם נאָמען. ווען אַלץ האָט געשטימט, האָט אונדז די תפיסה־וואַך געהייסן אַרײַנמאַרשירן אין הויף. מ׳האָט אונדז צוגעפירט צו אַ געבײַדע וואָס איז געשטאַנען בײַ דער רעכטער זײַט. מ׳האָט צוגעבראַכט אַ קויש מיט שטיקער ברויט און יעדן איינעם געגעבן אַ פּײַקע. אַ וועכטער האָט אויפגעשלאָסן אַ טיר און געהייסן איינציקווײַז אַרײַנגיין. איך בין אויסגעקומען פון די ערשטע. דער אײַנדרוק, וואָס די גרויסע שטוב האָט אויף מיר געמאַכט איז געווען אַ שרעקלעכער. דאָרט זענען געווען אַ גרויסע צאָל מענטשן, מיט אַ שוידערלעכן אויסזען. איך האָב גלײַך דערהערט רעדן יידיש.

אויסער דער גרויסער שטוב איז אויך נאָך געווען אַ קלענערע שטוב. אין דער ערשטער, אין דער גרויסער, זענען געווען עטלעכע גרויסע פענצטער נאָר מיט געדיכטע אײַזערנע קראַטן. אָבער אינעם קלענערן שטיבל איז שוין קיין שום פענצטער נישט געווען. אין דער זײַט פון דער גרויסער שטוב איז געשטאַנען אַ ריזיקער נאַכט־טאָפּ, אַזאַ מין גרויסע באַליע פאַרן מענטשלעכן געברויך, צוגעדעקט מיט אַ הילצערנעם צודעק. דער געשטאַנק אין דער גרויסער שטוב איז געווען נישט אויסצוהאַלטן. אינעם קלענערן שטיבל איז אויך געווען דאָס זעלבע. איך האָב גלײַך באַמערקט די פאַרבי־טערטקייט פון די אַרעסטאַנטן. פון זיי האָב איך זיך דערוווּסט אַז די דאָזי־קע גרויסע שטוב ווערט גערופן „די סטאָלאַרניע״. פאַר וואָס עפּעס די סטאָ־לאַרניע? האָט מען מיר דערציילט, אַז דערפאַר ווײַל בײַ די אַמאָליקע באַלע־באַטים פון דער תפיסה, בײַ די פּאָלאַקן, און אַפילו אויך אין די צאַרישע צײַטן, האָבן דאָ די אַרעסטאַנטן געפירט סטאָלאַרסקע אַרבעט; די אַרעס־טאַנטן, וואָס זענען געווען סטאָלאַרעס אָדער געהילפן, האָבן דאָ געאַרבעט: זיי

האָבן געמאַכט בעטן, שענק, טישן, דעמאָלט, אין יענע צײַטן, איז אַפילו די טיר נישט געווען פאַרשלאָסן. ס'איז נאָר געשטאַנען אַ וועכטער. די אַרעסטאַנטן האָבן דעמאָלט באַקומען צוליב זייער אַרבעט אַ מער־ווייניק לײַטישע באַהאַנדלונג. איצט אָבער, דערציילט מיר אַ ייִד, וואָס איז שוין געזעסן מער ווי איין מאָל פאַר זײַן „לינקער" טעטיקייט בײַ די פּאָלאַקן, האָבן די נײַע באַלעבאַטים פון דער תפיסה פאַרוואַנדלט אָט די סטאָלאַרניע אין אַ גיהנום פאַר די אַלע וואָס מע ברענגט דאָ אַהער. אַלע מוזן אַדורכגיין אָט דעם גיהנום, — זאָגט ער מיר, — וואַרט ר' ייִד, איר וועט עס באַלד דערפילן דאָס אַלץ אויף אײַער אייגענער הויט.

אין דער גרויסער שטוב, וווּ ס'איז געווען פלאַץ נישט מער ווי הויך פאַר הונדערט פּערזאָן, זענען פאַקטיש געווען מערער ווי זעקס הונדערט. מ'האָט נישט געהאַט וווּ צו ליגן. קיין שום געלעגער איז דאָרטן בכלל נישט געווען. מ'האָט געקאָנט ליגן נאָר אויף די הוילע ברעטער פון דער פּאָדלאָגע.

אין דער קלענערער שטוב האָט מען פּשוט נישט געהאַט וווּ אַ פוס אַוועקצושטעלן. די היץ איז פון ענגשאַפט געווען אומגעהייער גרויס. דאָס איז שוין געווען אין יוני 1940, אַפילו אין גאַס איז שוין אויך געווען גוט הייס.

דאָס ברויט האָב איך נישט געקאָנט עסן. ס'איז מיר נישט דורכגעגאַנגען אין האַלדז... ס'האָבן זיך אָבער געפונען בעלנים וואָס האָבן באַמערקט אַז איך קאָן נישט עסן. אַ סך אַרעסטאַנטן האָבן עס בײַ מיר געבעטן. איך האָב זיי געהייסן נעמען. צענדלינגער הענט האָבן זיך גלײַך גענומען רײַסן איבערן שטיקל ברויט.

אַ ביסל שפּעטער איז געשען אַזוינס וואָס ווען איך זאָל דאָס אַליין נישט האָבן געזען מיט מײַנע אייגענע אויגן, וואָלט איך אפשר אין אַזאַ אַכזריותדיקער האַנדלונג נישט געווען געגלייבט.

ווי איך האָב שוין דערציילט, איז פון דער ענגשאַפט שוין געווען גוט צו פאַרשטיין אַז מענטשן, וואָס האָבן באַקומען עסן קוים צו דערהאַלטן זייער נשמה, האָבן כאָטש געוואָלט האָבן צו טרינקען וואַסער גענוג. אָבער אויך דאָס פאַרגעניגן פון אַ טרונק וואַסער אין אַזאַ שרעקלעכער היץ האָט מען נישט פאַרגונען די אומגליקלעכע אַרעסטאַנטן. יעדן פרימאָרגן פלעגט

מען אַרויסנעמען אַכט אַרעסטאַנטן זיי זאָלן אַרײַנברענגען עטלעכע עמערס וואַסער און אָנפילן דעם פאַס.

אָט דער סיסטעם איז אָנגעגאַנגען יעדן פרימאָרגן. אין אָנהייב פון די אַרעסטן, ווען עס איז געווען אַ קליינע צאָל אין דער סטאָלאַרניע, האָט אפשר געקלעקט דאָס פאַס וואַסער אויף אַ טאָג. אָבער אַז ס׳האָבן אָנגעהויבן אָנקומען נײַע הונדערטער אַרעסטאַנטן איז, פאַרשטענדלעך, אַז מ׳האָט באַדאַרפט זאָרגן, די אַרעסטאַנטן זאָלן כאָטש האָבן גענוג וואַסער צום טרינקען. דאָס האָט דאָך שוין געפֿאָדערט דער מענטשלעכער יושר, דאָס מענטשלעכע הומאַניסטישע געפיל. נאָר גיי רעד מיט דער ענקאַוועדע וועגן אַזעלכע זאַכן . . .

אַז מע פלעגט אַרײַנברענגען מיטאָגצײַט די אָרעמע „באַלאַנדע״ איז זי געווען געפערלעך געזאַלצן און יעדן איינעם האָט זיך געוואָלט טרינקען. אַז אַזוי פיל הונגעריקע און דאָרשטיקע גיבן זיך אַ כאַפּ־צו צום פעסל וואַסער, איז ער אין עטלעכע מינוט געוואָרן ליידיק ביזן דנאָ.

האָט מען צום ערשט אָנגעקלאַפּט אין דער טיר און געבעטן דעם וועכטער ער זאָל זען צו דערלויבן, מע זאָל לאָזן ברענגען נאָך אַ ביסל וואַסער. ער האָט צוגעזאָגט אַז ער וועט דאָס גלײַך מעלדן די נאַטשאַלניקעס. אַז ס׳איז אַוועק עטלעכע שעה און מ׳האָט נישט געענטפערט פון דער נאַטשאַלסטווע, האָט די גאַנצע גרויסע מאַסע אַרעסטאַנטן אָנגעהויבן שרײַען:

— וואַדי!... וואַדי!... וואַסער! וואַסער!

— אַ סך ענקאַוועדיסטן זענען זיך צוזאַמענגעלאָפן. זיי האָבן אויפגעמאַכט פון דרויסן די פענצטער און אַרײַנגעשריגן:

— אויב מע וועט נישט אויפהערן זיך צו בונטעווען און צו שרײַען וועט מען אַרײַנשיסן און אַלע אויסהרגענען! — און צוגעגעבן — בײַ אונדז אין ראַטנפאַרבאַנד בונטעוועט מען זיך נישט, פאָניאַטנאָ? זיי האָבן גלײַך אויסגעצויגן די ביקסן אַרײַנצושיסן דורך די אײַזערנע קראַטן.

דער עולם אָבער — ווילד פון דאָרשט, אויסגעמאַטערט פון דער היץ און פון דערשטיקנדיקער לופט — איז נישט אָפּגעטרעטן און געשריגן:

— שיסט, אַדרבא... שוין בעסער מיר זאָלן דערשאָסן ווערן, איידער זיך אַזוי צו מוטשען אין דעם פאַרשטונקענעם, פאַרחלשטן באַלאַגאַן וואָס

איר האַלט ספּעציעל פאַר אונדז! די געשרייען האָבן זיך מער פאַרשטאַרקט:
— וואַסער! גיט אונדז צו טרינקען! וואַסער!

מיט אַ מאָל איז אָנגעקומען אַן עלטסטער און געהייסן אַוועקנעמען די ביקסן פון די פענצטער. ער האָט צוגעזאָגט אַז ס'וועט גלייך באַזאָרגט ווערן וואַסער.

עס איז געוואָרן שטיל. מיר האָבן געוואַרט אַ גוטע שעה, ביז פאַר די פענצטער האָבן זיך באַוויזן עטלעכע וועכטער מיט עמערס וואַסער אין די הענט.

מיר האָבן זיך אָנגעהויבן אויסשטעלן אין רייען ביי יעדן פענצטער, מיינענדיק, אַז מע וועט אונדז אַזוי אַרום טיילן דורך די קראַטן צו טע־פּעלעך וואַסער יעדן איינעם, וויפל מיר וועלן נאָר וועלן. מיר האָבן דאָך שוין איינגעזען אַז מיר האָבן דאָ צו טון מיט סאַדיסטן, זאָל זיין אַזוי אַרום, כדי צו שטילן מיט אַ ביסל וואַסער אונדזער דאָרשט.

ווי נאָר אָבער זיי האָבן דערזען אַז מיר זענען שוין גרייט צו באַקומען וואַסער, ווייל זיי האָבן דאָך טאַקע געהאַלטן אָנגעגרייט עמערס וואַסער מיט קענדלעך אין זייערע הענט, האָבן זיי פּלוצלינג גענומען די עמערס און אָנגעהויבן צו גיסן דאָס וואַסער אויף אונדזערע קעפּ, שרייענדיק: — אָט האָט איר וואַסער?... פאַרשטייט זיך, אַז אונדזערע געשרייען האָבן זיך אָנ־געהויבן אויף ס'ניי.

זיי אָבער האָבן געהאַלטן אין איין גיסן וואַסער אויף אונדזערע קעפּ. זיי האָבן געלאַכט און געשריגן צו אונדז: — וואָס ליאַרעמט איר, ייִדעלעך?... איר ווילט דאָך וואַסער? אמת? גיבן מיר אייך וואַסער! וואָס נאָך ווילט איר פון אונדז?...

מיר האָבן געזען אַז דאָס גייט ביי זיי אַזאַ סאַדיסטישע שפּיל. האָבן מיר פאַרריסן די קעפּ אין דער הייך, אויפגעמאַכט די מיילער, מיר זאָל־ כאַטש אַזוי אַרום קאָנען כאַפּן יעדער איינער אַ שלונג וואַסער.

אָט דאָס טייוולאָנישע וואַסערשפּיל איז געוואָרן פאַר זיי אַזאַ מין פאַרווייַלונג אַז עס האָט געדויערט גוטע צוויי שעה.

אַ ים מיט וואַסער איז אויף אונדז אויסגעגאָסן געוואָרן, אָבער צו טרינקען האָבן זיי נישט געגעבן. אַז אייניקע פון אונדז האָבן צוגעקאַטשעט

דעם פּאַס נאָענט צום פענצטער, כדי דאָס געגאָסענע וואַסער זאָל אַרײַן אין פּאַס אַרײַן. האָבן די סאַדיסטן דאָס גלײַך באַמערקט און אויפגעהערט צו גיסן.

דעמאָלט האָבן מיר מיט אונדזערע לעצטע כוחות אָנגעהויבן שרײַען, אַז ס׳מוז קומען דער נאַטשאַלניק פון די תפיסה!

מיר האָבן אַזוי געלאַרעמט אַ לאַנגע צײַט, ביז ס׳האָט זיך באַוויזן איי־נער אַ ענקאַוועדיסט, וואָס האָט דערקלערט, אַז דער נאַטשאַלניק פון תפיסה איז נישטאָ, מיר זאָלן זיך באַרויִקן און זײַן שטיל, וועט מען ברענגען וואַסער. אָבער מע וועט אויספאָרשן ווער ס׳האָט אָנגעפירט מיטן בונט, און די וועט מען שטרענג באַשטראָפן.

נאָך אין דער זעלבער נאַכט האָט מען אַרויסגענומען פון דער סטאָ־לאַרניע מער ווי הונדערט אַרעסטאַנטן כדי זיי צו באַשטראָפן. נאָר מע האָט אַרײַנגעבראַכט וואַסער.

אַ גאַנצע נאַכט האָט קיינער פון אונדז קיין אויג נישט צוגעמאַכט.

אַזוי האָב איך זיך אָפּגעמוטשעט אינעם שטינקענדיקן מענטשנגרוב מער ווי צוויי וואָכן. ענדלעך האָט מען מיך מיט אַ גרעסערער צאָל אַרעס־טאַנטן אַרויסגעפירט אויפן הויף פון דער תפיסה, געהייסן מיר זאָלן זיך אַלע אויסטון נאַקעט און יעדער איינער זאָל מאַכן אַ פּעקל פון זײַנע זאַכן.

גלײַך האָבן די וועכטער צוגענומען יעדנס זאַכן און דערקלערט אַז אין אַ האַלבער שעה אַרום וועלן זיי די זאַכן צוריקברענגען ווײַל זיי דאַרפן מאַכן דעזינפעקציע.

מיר זענען אַלע געבליבן שטיין אויפן הויף נאַקעטע. ס׳זענען צו אונדז צוגעקומען אַנדערע וועכטער וואָס האָבן אונדז אָנגעהויבן צו באַטראַכטן. זיי האָבן אָנגעהויבן צו מאַכן אַ רעוויזיע איבער אונדזערע קערפּערס. צי האָבן מיר נישט ערגעץ אין אונדזערע קערפּערס באַהאַלטן פאַרבאָטענע זאַכן... ווי למשל: גאָלד, געלט, דאָלאַרן... זיי האָבן זיך געהייסן ווײַזן וווּ מיר האָבן באַהאַלטן די דאָלאַרן... געזוכט אין מויל, אונטער דער צונג, און נאָך אין אַנדערע ערטער, וווּ מיר וואָלטן געקאָנט עפּעס באַהאַלטן.

אַ ביסל שפּעטער האָט מען געבראַכט אונדזערע זאַכן. אַז מיר זענען געוווען אָנגעטון האָט מען אונדז צוגעפירט צו אַ פּלאַץ וווּ ס׳איז געזעסן דער נאַטשאַלניק פון דער תפיסה מיט זײַן סוויטע. ער האָט יעדן איינעם גע־פרעגט, וווּ מ׳האָט צוגענומען די ווערטזאַכן, אין דער מיליץ אָדער אין דער

ענקאַווידע. ער האָט אַרויסגעגעבן יעדן איינעם אַ פּאַפּיר, וואָס אַלץ מ׳האָט בײַ אים צוגענומען.

שפּעטער האָט ער געהייסן צונעמען בײַ יעדן פון די אַרעסטאַנטן דעם קראַוואַט, דעם פּאַסיק פון די הויזן און די שנוראַוואַדלעס פון די שיך.

איך האָב באַקומען פונעם נאַטשאַלניק צוויי פּאַפּירלעך: איין פּאַפּיר איז געווען אויפן געלט, וואָס מ׳האָט בײַ מיר צוגענומען אין דער מיליץ. דאָס צווייטע פּאַפּיר איז געווען אויף מײַן גאָלדענעם זייגער, דעם לאָנדזשין, וואָס איך האָב מיר געהאַט געקויפט אין דער הויפּטשטאָט פון ליטע, אין קאָוונע, אין חודש דעצעמבער, 1937.

אין פּאַפּיר איז אויך געווען פאַרשריבן, אַז מ׳האָט בײַ מיר צוגענומען אַ גאָלדן קייטל, אַ גאָלדן רינגל און אויך אַ גאָלדענע פעדער, אַ פּאַרקער.

מע האָט אונדז אויסגעשטעלט צו פינף אין אַ ריי, צוועלף רייען, זעכ־ציק אַרעסטאַנטן. אונדז אַרײַנגעפירט אין אַ הויז, אַראָפּגעפירט פון עטלעכע טרעפּ, האָט מען אונדז אַלעמען אַרײַנגעלאָזט אין אַ צימער, ווו מיר האָבן באַמערקט הוילע ווענט. מיר האָבן זיך אַלע אַוועקגעלייגט אויף דער פּאָד־לאָגע. אייניקע פון אונדז זענען גיך אײַנגעשלאָפן. איך האָב נישט געקאָנט שלאָפן.

אין דער שטילקייט פון דער נאַכט האָב איך זיך אײַנגעהערט אין די טריט פונעם וועכטער אויף יענער זײַט פון אונדזער פאַרשלאָסענער טיר...

קאַפּיטל 28

פ י נ ג ע ר ־ אָ פּ ד ר ו ק ן

באַלד אין דער פרי האָט מען אַרויסגענומען פיר אַרעסטאַנטן, וואָס האָבן געבראַכט פאַר יעדן איינעם אַ שטיק שוואַרץ ברויט און אַ ביסל קי־פּיאַטאָק, הייס וואַסער. דער וועכטער האָט געמאָלדן, אַז אין אַ האַלבער שעה אַרום וועט מען אַרויספירן צו דערליידיקן דעם מענטשלעכן געברויך. איך האָב געזאָגט דעם וועכטער, אַז פריִער דאַרף מען אונדז לאָזן זיך דערליידיקן, אַרומוואַשן און ערשט שפּעטער געבן דאָס ברויט און נישט פאַרקערט, ווײַל

אַזוי פירט זיך, מיין איך, אַפילו אין די טורמעס פון דער ציוויליזירטער וועלט, כאָטש איך בין נאָך אין מײַן לעבן נישט געווען קיין אַרעסטאַנט.

דער וועכטער האָט מיך גוט באַטראַכט און געפרעגט:

— צום ערשטן מאָל אַרעסטירט? טאַקע מיט אַן אמת? מאָדנע — זאָגט ער — און מיר האָבן געהערט, אַז בײַ אײַך אין פּוילן, און אין אַנדערע קאַפּי־טאַליסטישע לענדער, האַלט מען אין איין אַרעסטירן די גאַנצע באַפעלקערונג און מע זיצט בײַ אײַך אין טורמע מער ווי אין דער היים, „מי זנאַיעם וסיאָ", מיר ווייסן אַלץ — האָט ער זיך צעלאַכט און איז אַוועק.

פאַרנאַכט־צו האָבן מיר פּלוצלינג באַמערקט אַ רער וואָס ציט זיך פון קעלער. מיר האָבן געפּרוּווט צולייגן אַן אויער, אפשר וועלן מיר אויפכאַפּן אַ קלאַנג. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז מ'הערט פאַרשטיקטע שטימען ווי פון אַ גרוב אַרויס. מיר האָבן געבעטן אַז אַלע זאָלן זײַן פאַרזיכטיק ווײַל ס'קאָן זײַן אַ שפּיצל פון דער „ענקאַוועדע". זעט אויס, אונטער אונדז זענען פאַראַן מענטשן. זיכער אַזעלכע אומגליקלעכע ווי מיר.

מיר האָבן געפּרוּווט געבן עטלעכע קלעפּ. מ'האָט אונדז צוריק געענט־פערט מיט עטלעכע קלעפּ. מיר האָבן צוגעלייגט אַן אויער צו דער רער און געהערט אַז מע רעדט צו אונדז אַרויף אויף פּויליש עפּעס ווערטער וואָס מיר האָבן וואָס אַ מאָל בעסער אָנגעהויבן צו פאַרשטיין. די גרעסטע איבער־ראַשונג איז געווען וואָס די שטימען, וואָס זענען געקומען פון אונטן, זענען געווען פון פרויען. מיר האָבן זיי געפרעגט ווער זיי זענען. זיי האָבן געענט־פערט, אַז זיי זענען יידישע פרויען. ס'האָט אונדז שטאַרק פאַרקלעמט בײַם האַרץ. טרערן האָבן זיך געשטעלט אין אונדזערע אויגן.

מיר האָבן פאַרזיכטיק ווײַטער גענומען אַרײַנרעדן אין דער רער און געפרעגט פאַרוואָס מ'האָט זיי אַרעסטירט? זיי האָבן געענטפערט אַז זיי זענען געכאַפּט געוואָרן צוזאַמען מיט זייערע מענער און שפּעטער געוואָרן צעשיידט. זיי האָבן אונדז אויך געזאָגט אַז אין קעלער געפינען זיך 84 פרויען. מ'האַלט זיי שוין אַזוי מער ווי צוויי וואָכן. מע רעדט צו זיי גראָ־בע רייד. מע באַליידיקט זייערע פרויישע געפילן. מיר האָבן זיי געבעטן אַז הײַנט זאָלן זיי מער נישט רעדן צו אונדז ווײַל ס'קאָן פאַר אונדז אַלעמען זײַן שלעכט. מיר האָבן דאָך נישט קיין זיכערקייט צי מ'הערט נישט אונטער אונדזער געשפּרעך. זיי האָבן פאַרשטאַנען אַז מיר זענען גערעכט און אויפ־

געהערט קלאַפּן. מיר אָבער האָבן געהערט זייערע טרויעריקע געוויינען. פאַרשטייט זיך, אַז מיר זענען צו דעם נישט געווען גלײַכגילטיק. אויך מיר האָבן זיך צעוויינט אויף אונדזער טרויעריקער לאַגע.

ווי נאָר מיר האָבן געהאַט באַקומען אויפן צווייטן טאָג דאָס ביסל וואַסער און דאָס שטיקל קלעפּיקע שוואַרצע ברויט האָבן מיר שוין געהערט אַז מע קלאַפּט אין דער רער. מיר האָבן זיי געפרעגט פאַר וואָס זיי ריזיקירן אַזוי מיטן קלאַפּן. זיי האָבן געענטפערט אַז זיי איז שוין אַלץ איינס, זאָל זײַן וואָס ס׳איז באַשערט. זיי זענען סײַ ווי סײַ פאַרצווייפלט פון דעם ווי אַזוי מע באַהאַנדלט זיי. זיי האָבן אונדז געבעטן מיר זאָלן געוואָר ווערן צי צווישן אונדז געפינען זיך נישט אַ מאָל זייערע מענער און אָנגעגעבן פאַמיליע־נעמען. מיר האָבן זיי צוגעזאָגט אויסצופאָרשן, כאָטש מיר האָבן שוין גוט געוווּסט אַז צווישן אונדז געפינט זיך נישט קיינער פון די אויסגערעכנטע. מיר האָבן זיי כאָטש געוואָלט געבן אַ שטיקל האָפענונג.

אַזוי איז אַוועק נאָך אַ טאָג מיט אַ נאַכט. אויף דער דריטער נאַכט האָבן זיי ווידער געקלאַפּט צו אונדז. פּלוצעם האָבן מיר געהערט שרײַען און לויפן צו אונדזער טיר. עטלעכע וועכטער זענען אַרײַן מיט אַ גע־שריי אַז מיר מאַכן דאָ עפּעס פאַרבאָטענע זאַכן. זיי האָבן געשאָלטן, גע־נומען שרײַען אויף אונדז פאַר וואָס מיר קלאַפּן און רעדן זיך אַדורך דורך דער רער. מיר האָבן דערקלערט אַז מיר ווייסן פון גאָרנישט. אין דער מינוט איז אַרײַן צו אונדז דער נאַטשאַלניק פון טורמע מיט זידלערײַען. אין דער האַנט האָט ער געהאַלטן אַ נאַגאַן, אַ רעוואָלווער פון גרויסן קאַליבער און געסטראַשעט אַז ער וועט יעדן איינעם פון אונדז, יידעלעך, דערשיסן ווי די הינט, אויב מיר וועלן פּראָווען אַזעלכע שטיק. ער האָט געפאָכעט מיטן רע־וואָלווער איבער די קעפּ און געשריגן „סוואָלאָטשי!״ „פּאַלסקיִע פּאַני!״ זײַן גאַנצער אויסזען איז געווען ווי פון אַ ווילדן הונטשלעגער. שפּעטער אַ ביסל האָט ער אָנגעהויבן צו רעדן שטילער, געוואָרנט אַז מער זאָל דאָס נישט טרעפן, ווײַל טאָמער טרעפט עס נאָך איין מאָל שיסט ער אַלעמען אויס, און איז אַוועק.

בײַ אונדז איז געבליבן דער אײַנדרוק, אַז ער אַליין וויל נישט דעם ענין צעשמירן, ווײַל ער האָט געדאַרפט זײַן פאָרזיכטיקער און אונדז נישט אַרײַנלאָזן אַהער, ווו ס׳איז אַמאָל בײַ די פּאָלאַקן געווען אַן אויספאָרשונג־

צימער. דאָך זענען מיר די נאַכט שוין געווען אומרויק. מיר האָבן מורא געהאַט אַז ס׳קאָן זיך פאַר אונדז ענדיקן שלעכט, און די פרויען קאָנען אויך באַשטראָפט ווערן. אָבער מער האָט מען שוין צו אונדז פון אונטן נישט אַרויפגעקלאַפּט מיסתמא האָט מען די פרויען פון דאָרטן צוגענומען. ווי מיר האָבן זיך נאָך דעם דערוווּסט איז טאַקע אַזוי געשען.

מיט אַ טאָג שפּעטער איז אַריין אַ וועכטער און האָט אָנגעהויבן איינציקווייז אונדז אויסרופן און אַרויספירן. אָבער אין אַ האַלבער שעה איז דער אַרויסגערופענער געקומען צוריק. מיר האָבן זיך דערוווּסט אַז מע „פּאַלצעוועט״, מע מאַכט פינגער־אָפּדרוקן און מע פאָטאָגראַפירט. צום „פּאַלצעווען״ זענען דאָ צוויי שטיבלעך, איינס רעכטס און איינס לינקס. ס׳איז געקומען מיין ריי, מ׳האָט מיך אַריינגעפירט אין דער רעכטער זייט און מיר געהייסן אַריינגיין אין אַ קליין לאַנג, האַלב־טונקל שטיבעלע, אָן פענצטער. ס׳האָט געברענט אַ רויט עלעקטריש לעמפּל, דאָרט איז געזעסן אַ געשטופּלטער רוסישער פּאַניע מיט אַ רוי אָפּשטויסנדיק פּנים. ער האָט אָנגעהויבן רעדן מיט אַ ציניש שמייכעלע צו מיר:

— קטאָ טי? ווער ביסטו, אַ פּאָלאַק צי אַ זשיד?

כ׳האָב געענטפערט „יאַ יעוורעי״.

— טי זשיד — האָט ער געזאָגט און מיר געמאַכט אַ רוסישן „מי שברך״. געגעבן אַ שלעפּ צו זיך און געהייסן לייגן די פינגער אויף אַ ספּעציעלן פּאַפּיר. צום ערשט דעם גראָבן פינגער, שפּעטער נאָך אַ פינגער, נאָך דעם איין האַנט פינגער און צום לעצט יעדע הענט פינגער. ער האָט געמאַכט ליכטיק. אָנגעצונדן עטלעכע לאָמפּן, געהייסן זיך שטעלן לעבן וואַנט און געזאָגט, אַז איצט וועט ער מיר פאָטאָגראַפירן מיין „זשידאָווסקע מאָרדע״. מיר געמאַכט עטלעכע פאָטאָגראַפיעס, איינע אין פּראָפיל און אַנדערע גלייך, ווי כ׳וואָלט געווען דער גרעסטער פאַרברעכער. איך בין נאָך אָבער נישט פאַרטיק. ער זאָגט מיר אַז ער וויל נאָך אַ מאָל מאַכן די פינגער־אָפּדרוקן, ווייל ס׳ווייזט זיך אים אויס, אַז זיי זענען שלעכט אַרויס. ער האָט געגעבן אַ כאַפּ מיין האַנט מיט אַ ווילדן כעס און אָנגעהויבן קוועטשן אַזוי מיינע פינגער, אַז איך האָב אָנגעהויבן צו שרייען פאַר ווייטיק.

— שריי נישט, דו „זשידאָווסקע מאָרדע״, דו זעסט, דאָ האָב איך אַ רעוואָלווער און קאָן דיך גלייך דערשיסן. מיט דיין שרייען, זשיד, ווילסטו

מאַכן קעגן מיר אַ פּראָוואָקאַציע און פּראָוואָקאַטאָרן האָבן מיר אַ רעכט צו דערשיסן אויפן אָרט.

ער האָט מיך אַזוי געמוטשעט נאָך אַ גוטע האַלבע שעה און צום לעצט מיך אַרויסגעוואָרפן שרײַענדיק, אַז איך זאָל זיך בלומרשט נישט האָבן געוואָלט לאָזן מאַכן די פּאַטאָגראַפּיעס און נישט געוואָלט זיך לאָזן אַראָפּ־נעמען די פינגער־אָפּדרוקן, ווי דאָס סאָוויעטישע געזעץ פאָדערט. ער האָט אַזוי קונציק אויסגעשפּילט זײַן געמיינע ראָל, אַז דער וועכטער, וואָס האָט געוואָרט אויף מיר, האָט אים אַלצדינג געגלייבט און דערפאַר האָט מען מיך באַשטראָפט, וואָס מ׳האָט מיך נישט געלאָזן אָפּוואַשן די הענט פונעם טוש. איך בין אַזוי געבליבן מיט מײַנע אײַנגעשמירטע פינגער אַ סך טעג.

נאָך דעם האָט מען אונדז אָנגעהויבן צו צעטיילן, יעדע צוויי אָדער דרײַ אַרעסטאַנטן האָט מען געפירט אין אַ צווייטער צעלע ווו ס׳זענען שוין געזעסן אַנדערע. מיך מיט נאָך צוויי אַרעסטאַנטן האָט מען אַרויסגענומען פון דעם צימער, אָבער פירנדיק אונדז האָט פּלוצלינג אַ צווייטער וועכטער צו־גענומען די אַנדערע צוויי אַרעסטאַנטן. דער וועכטער האָט מיך, איינעם אַליין, גענומען פירן באַזונדער. ער האָט מיך אַרויפגעפירט אַ שטאָק העכער און אַרײַנגעלאָזט אין אַ קאַמער אַרײַן.

קאַפּיטל 29

אינעם קאַמער נומער 92

דער וועכטער איז מיט מיר געבליבן שטיין פאַר אַ טיר מיטן נומער 92. אייגנטלעך, האָב איך דאָרט באַמערקט נאָך אַ נומער אויף דער טיר, אַ שיין אויסגעמאָלטן נומער 28. איז אָבער דער 28 געווען פאַרשמירט. ס׳איז געווען אָנגעשריבן מיט אומגעלומפּערטע, קרומע, גרויסע ציפערן דער נומער 92. ס׳איז גלײַך געווען צו באַמערקן, אַז קיין פּראָפעסאָר פון מאַטעמאַטיק האָט די ציפערן נישט געשריבן. פאַר וואָס דער שיינער 28 איז געוואָרן פאַר־מעקט און פאַרטושט אויפן קרומען 92, האָט טאַקע אַזאַ איינער ווי איך נישט געקאָנט באַגרייפן. פאַר מיר האָט עס עפּעס טאַקע געהאַט אַזאַ מין

סימבאָלישן באַטײַט, פונקט ווי מע נעמט עפּעס אַ שיינע זאַך און מע מאַכט עס ספּעציעל מיאוס, פּונקט אַזוי האָט מען דאָ געמאַכט פון אודזער לעבן, פּונקט אַזוי זוכט מען צו פאַרקריפּלען אונדזערע שיינע געוווינהייטן צוזאַמען מיט אונדזערע נשמות.

אַ צווייטער באַוואָפנטער וועכטער, וואָס איז דאָ געשטאַנען לעבן דעם קאַמער, האָט אויפגעשלאָסן די טיר, מיך אַריינגעלאָזט און הינטער מיר צוריק פאַרשלאָסן די טיר. איך בין געבליבן שטיין האַרט אויף דער שוועל און נישט געגאַנגען ווײַטער קיין איין שריט.

מער ווי איבער זיבן צענדליגג פּאָר אויגן זענען געוואָרן אַנגעשטעלט אין מײַן ריכטונג. ס׳האָט געדויערט זיכער אַ 2 אָדער 3 מינוט דאָס שווײַגן פון אַלע. מיט אַ מאָל האָט זיך צו מיר דערנענטערט אַ מענטש אין די טיפע פופציקער און מיר דערקלערט אַז ער איז דער „סטאַראָסטע" פונעם קאַ־מער. צום ערשטן וויל ער וויסן מײַן נאָמען און פאַמיליע נאָמען? ווי לאַנג איך געפין זיך שוין אַרעסטירט? צי איך בין שוין דאָ געווען אין דער טורמע אין אַ צווייטן קאַמער? ער זאָגט מיר אויך אַז ביז איצט פלעגט מען שטענ־דיק אַהער אַרײַנלאָזן צו דרײַ אָדער פינף אַרעסטאַנטן מיט אַ מאָל. הײַנט איז צום ערשטן מאָל וואָס מ׳האָט מיך אַרײַנגעלאָזט אַליין און קיינעם פון דאַנען נישט צוגענומען. ווײַל ס׳פלעגט טרעפן אַז איידער מ׳האָט דאָ אַרײַנגעבראַכט עטלעכע נײַע אַרעסטאַנטן פלעגט מען פריער אַרויסנעמען עטלעכע וואָס זענען דאָ געזעסן. ער גיט מיר גלײַך צו פאַרשטיין אַז דאָס איז בײַ זיי, בײַ דער „נאַטשאַלסטווע" פון דער טורמע, אַזאַ מין איבערטאַשן די קאָרטן... פירן אַרעסטאַנטן פון איין קאַמער אין צווייטן. עס ווערט דאָ אין דער טורמע — זאָגט ער ווײַטער — זייער ענג. מע האַלט אין איין צוברענגען יעדן טאָג נײַע אַרעסטירטע. אין דער מערהייט זענען עס יידן, אָט טאַקע די אַנטלאָפענע יידן פונעם היטלער־געביט אין פוילן.

קיין איין אַרעסטאַנט האָט זיך נישט אַרײַנגעמישט מיט קיין וואָרט, ווען דער סטאַראָסטע האָט פאַר מיר געהאַלטן אָט דעם „רעפעראַט". ער האָט מיר אויך געזאָגט אַז יעדער איינער, וואָס קומט דאָ אַרײַן, ווי דער לעצטער, מוז קודם־כל שלאָפן לעבן דער „פאַראַשע" וואָס שטייט אין אַ ווינקל לעבן דער טיר. און מיך צוגעפירט נענטער צו דער „פאַראַשקע".

דאָס איז אַזאַ האַלב־גרויסער אַרומגעשניטענער פאַס, וואָס די אַרעס־

טאַנטן באַנוצן פאַר אַן אָפּטריט, פאַרן מענטשלעכן געברויך אַ גאַנצן טאָג, און בײַנאַכט אַוודאי און אַוודאי... די אַרעסטאַנטן ווערן נאָר אַרויסגעפירט אינעם אַלגעמיינעם אָפּטריט אין דער פרי. מע פירט זיי פאַרטיעסווײַז, צו צען מאַן מיט אַ מאָל, אָדער ס׳טרעפט אויך פופצן מאַן מיט אַ מאָל. זיי דאַרפן זיך דערליידיקן אַלע אינאיינעם. זיי קאָנען זיך אויך אין דער צײַט אַרומוואַשן מיט וואַסער. דערבײַ שטייען צוויי באַוואָפנטע וועכטער וואָס האַלטן אין איין יאָגן:

— נו, סקאָרעיע, רעביאַטאַ! גיכער, אײַלט זיך צו!

דאָס איז געריידט דעמאָלט, ווען די וועכטער געפינען זיך איין מינוט אין אַ מענטשלעכער שטימונג. צום מערסטן רעדן זיי צו די אַרעסטאַנטן מיט אַנדערע דראַסטישע אויסדרוקן, ווי למשל „גיכער, איר דאַרמאָיעדניקעס! גיכער, בחינמדיקע פרעסערס! אָדער זיי שרײַען:

— גיכער, איר שפּיאָנען, אימפּעריאַליסטן, פאַשיסטן! און דערלייגן נאָך צו די רוסישע „פאָמאַטיערעס“.

דער סטאַראָסטע דערקלערט מיר, אַז דאָ דאַרף איך מיר מאַכן מײַן „אָרט“ צו שלאָפן אָדער צו זיצן. אויב עס וועט אַרײַנקומען אַ נײַער אַרעס־טאַנט וועט מען אים געבן דאָס אָרט... און פאַר מיר וועט מען שוין באַ־שטימען אַ צווייט אָרט. דאָס איז די אָרדענונג פונעם קאַמער. דאָס איז אַזאַ מין אַרעסטאַנטישער רעגולאַמין.

ער, דער סטאַראָסטע, וואָס ווערט באַשטימט פון דער „נאַטשאַלסטווע“, האָט די גאַנצע מאַכט איבערן קאַמער. אַלע דאַרפן אים פאָלגן. זײַן מאַכט איז אָפּצוהיטן די אָרדענונג פון קאַמער. אָבער געוויינטלעך ווילט זיך אים וויסן מיט וועמען ער געפינט זיך דאָ צוזאַמען? פאַר וואָס מ׳איז געוואָרן אַרעסטירט? אָבער אַז מע וויל נישט דערציילן, האָט מען אויך אַ רעכט נישט צו דערציילן. ער גיט צו אַז ער איז נישט קיין אויספאָרשונג־ריכטער. ער אַליין איז אויך אַן אַרעסטאַנט אַזוי ווי אַלע.

דעם אמת זאָגנדיק, האָט פון דער ערשטער מינוט אָן דער סטאַ־ראָסטע געמאַכט אויף מיר אַ גוטן אײַנדרוק. לויט זײַן אַרט רעדן, באַנעמען זיך בײַם רעדן צו אַ צווייטן אַרעסטאַנט, איז באַלד געוואָרן קענטיק אַז עס רעדט צו דיר אַן אינטעליגענטער מענטש, מיט אַ סך וויסן, מיט גרויס פאַר־שטאַנד. נאָך זײַן לאַנגער לעקציע, און נאָך דעם ווי ער האָט דערהערט מײַן

נאָמען, האָט ער זיך מיר אויך פאָרגעשטעלט מיט זײַן נאָמען. יאַן ראַדיטש, האָט ער געהייסן. ער האָט מיר דערציילט, אַז ער שטאַמט פון אַ געמישט פאָרפאָלק; זײַן פאָטער איז פון אָפּשטאַם אַ בולגאַר און זײַן מוטער — אַ פּוילישע. זײַן פאָטער איז געקומען קײַן פּוילן לאַנג־לאַנג נאָך פאַר דער ערשטער וועלט־מילחמה. ער אַליין איז געבוירן געוואָרן אין פּוילן, אין לובלין. זײַן פאָטער איז געווען אַ פאַרמעגלעכער מענטש. ער האָט אים ווי אויך זײַנע יינגערע ברידער און שוועסטער געגעבן בילדונג, אַ גוטע דערציִונג. ער האָט זיך אויסגעקליבן ווי זײַן פאַך צו זײַן אַ לערער, אַ דערציִער, באַזיצט עטלעכע שפּראַכן און אין זײַנע איבערצייגונגען איז ער אַ סאָציאַליסט. נו, ווי אַ סאָציאַליסט האָט ער דאָך זיכער געהאַט מאָטיוון נישט צו וועלן בלײַבן דאָרטן, וווּ די היטלער־באַנדיטן געפינען זיך. איז ער גלײַך, ווי די מילחמה איז אויסגעבראָכן, אַנטלאָפן דאָ אַהער, קײַן ביאַליסטאָק. ער האָט געגלייבט, אַז אַזוי ווי ער קען גוט רוסיש, קיין מאָל נישט געקעמפט קעגן די רוסן, וועט ער קאָנען אויך בײַ זיי זײַן אַ גוטער לערער אין אַ שולע.

אָבער דער מענטש טראַכט און הינטער זײַנע פּלייצעס טוט אַ צווייטער עפּעס קעגן דעם אַז זײַנע טראַכטענישן זאָלן צעשטערט ווערן...

ער האָט זיך דאָ געטראָפן מיט עטלעכע לובלינער „לינקע״, וואָס האָבן אים גוט געקענט, אויך מיט שרײַבער, גוטע באַקאַנטע זײַנע. זיי האָבן אים צו־געזאָגט זיך צו באַמיִען, ער זאָל באַקומען וואָס גיכער עפּעס אַ שטעלע אין אַ שולע, אָדער עפּעס אַנדערש, כדי צו האָבן פון וואַנען צו לעבן און קאָנען איבערוואַרטן די מילחמה, און שפּעטער זיך אומקערן אַהיים צו זײַן פאַמיליע.

אָבער פּלוצלינג, אַנשטאָט אים צו געבן אַ שטעלע, האָט מען אים פאַר־בעטן דאָ אַהער, אין דער טורמע אַרײַן. פריִער האָט מען אים געהאַלטן אין דער מיליץ, שפּעטער אין ענקאַוועדע. איצטער זיצט ער שוין דאָ מער ווי 12 וואָכן אינעם קאַמער, און ווען ער איז אַרײַן זענען דאָ געווען נישט מער ווי 20 אַרעסטאַנטן, איצט אָבער זענען שוין דאָ 4 מאָל 20 און די מערהייט פון זיי זענען ייִדן.

נו — זאָגט ער — איצט לאָמיר עפּעס הערן פון דיר.

איך קלער אַ ביסל, גיב אַ טראַכט, ס׳מאַכט נישט אויס ווען איך זאָל אים אין קורצן דערציילן ווי איך קום דאָ אַהער. איך האָב אים דערציילט ווי דער צופאַל האָט געוואָלט, מיר זאָל אײַנפאַלן זיך צו לאָזן געציילטע טעג

פאַרן מילחמה־אויסברוך פון אַמעריקע קיין פוילן. דער סוף איז, מײַן אַהער־קומען דאָ אין דער ביאַליסטאָקער טורמע אַרײַן. און פאַר וואָס? בין איך טאַקע באַגאַנגען עפּעס אַ פאַרברעכן? איך, איך בין אַריבער די גרענעץ בײַ־נאַכט? ווען קיינער האָט נישט געזען, בין איך דאָך געווען געצוווּנגען צו אַנטלויפן פאַר די גרעסטע מערדער פון דער מענטשהייט, פאַר די היטלער־באַנדיטן... איך בין דאָך געלאָפן צו די וואָס שרײַען אַז זיי זענען די גרעסטע דעמאָקראַטן און וועלט־באַשיצער... זיי האָבן דאָך באַדאַרפט אַזעלכע אַנטלאָ־פענע אויפנעמען מיט אָפענע אָרעמס, זיי העלפן! צום סוף וואָס? בין איך אַרעסטירט געוואָרן צוגלײַך מיט נאָך אַ סך אומשולדיקע, אַנטלאָפענע, אַזעל־כע ווי איך.

די מערהייט פון די אַרעסטאַנטן זענען צוגעגאַנגען צו מיר און מיר געקלאָפּט אין דער פּלייצע פאַר מײַנע אַרויסגעזאָגטע ווערטער, אַ סימן פון זייער אײַנשטימיקייט מיט מיר. און אַז איך האָב נאָך צוגעגעבן, אַז איך בין אַן אַקטיאָר, איז שוין די שטימונג צו מיר געוואָרן גאָר אַ גוטע.

באַלד זענען צו מיר צו עטלעכע ייִדן און מיר געזאָגט אַז זיי האָבן מיך באַלד בײַם אַרײַנקום אַ ביסל דערקענט, אָבער זיי זענען נישט געווען זיכער, צי דאָס איז דער אַרטיסט דוד לעדערמאַן, ווײַל זיי געדענקען גוט, ווי ס'איז געווען געשריבן אין די בלעטער, אַז איך בין אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע, דערפאַר איז זיי גאָרנישט אײַנגעפאַלן איך זאָל פּלוצלינג האָבן געקומען צוריק, חוץ דעם האָב איך זיך שטאַרק פאַרענדערט. איך זע אויס שלעכט. זיי פאַרשטייען אַז דאָס איז צוליבן אַרומוואַלגערן זיך שוין אַ לענגערע צײַט אין די באַדינגונגען פון אַן אַרעסטאַנט. איך האָב באַמערקט ווי אַ גרופּע ייִדן זענען צו צום סטאַראָסטע און מיט אים עפּעס גערעדט אין דער שטיל...

אין דער זעלבער צײַט האָט זיך געגעבן אַן עפן אויף די טיר. מ'האָט גערופן דעם סטאַראָסטע, ער זאָל באַשטימען צוויי אַרעסטאַנטן וואָס זאָלן העלפן ברענגען די קעסלען מיטן מיטאָג פאַר אונדזער קאַמער. גלײַך זענען אַוועק צוויי אַרעסטאַנטן, און די איבעריקע, האָב איך באַמערקט, גרייטן זיך מיט זייערע כלים צו באַקומען דאָס מיטאָג...

ווידער האָט מען אויפגעמאַכט די טיר און אַוועקגעשטעלט אַ קעסל מיט עסן לעבן קאַמער. די אַרעסטאַנטן האָבן זיך אויסגעשטעלט אין אַ ריי מיט

די קענדלעך, אָדער קעסעלעך, אין די הענט. דער סטאַראָסטע האָט אַכטונג געגעבן ס׳זאָל זײַן אָרדענונג. יעדער איינער זאָל באַקומען זײַן פּאָרציע עסן, אָבער נישט אַלע זענען געווען אַזעלכע גליקלעכע צו פֿאַרמאָגן אייגענע כלים, ווי קעסטלעך, קענדלעך, אָדער בלעכענע טעלער. געהייסן האָבן אייגנטלעך די כלים צו אַזעלכע מיטאָגן „מענאַשקעס". עס זענען אָבער נישט געווען אַזוי פּיל מענאַשקעס, אַז יעדער אַרעסטאַנט זאָל דאָס פֿאַרמאָגן ווי זײַן אייגנטום. פֿלעגט זיך פֿירן אַזוי אַז די ערשטע „עסערס" פֿלעגן אַוועקבאָרגן זייערע מענאַשקעס אַנדערע אַרעסטאַנטן. אַ געוויסער טייל אַרעסטאַנטן האָט געמוזט איבערוואַרטן ביז די ערשטע באַזיצערס פֿון די מענאַשקעס פֿלעגן אָפּעסן, כדי זיי צו באַקומען געבאָרגט.

איך, ווי דער לעצטער אַרײַנגעקומענער אַרעסטאַנט, האָב דאָך זיכער נישט פֿאַרמאָגט אַזאַ מענאַשקע, האָב איך טאַקע געוואַרט ווי דער סאַמע לעצטער צום עסן...

אַזוי וואַרטנדיק האָט צו מיר זיך פּלוצלינג דערנענטערט איינער אַן אַרעסטאַנט און מיר געזאָגט אַז ער וויל מיר געבן זײַן מענאַשקע צום עסן. ער וועט עס טון אַלע טאָג. ער בעט מיך, כ׳זאָל שוין בײַ קיינעם נישט נעמען נאָר בײַ אים.

די וועכטערס האָבן געהאַלטן אין איין יאָגן, אַז מע זאָל עסן שנעלער, ווײַל זיי האָבן אַ סך אַרבעט. יעדן טאָג קומען צו אַרעסטירטע ייִדעלעך — האָבן זיי געלאַכט...

פֿון אויסוואַשן דאָס קעסעלע, וואָס יענער האָט געגעסן, איז נישט געוועזן קיין רייד. מ׳האָט נישט געוואַשן, נאָר גלײַך ווי יענער האָט פֿאַרענדיקט עסן האָט דער צווייטער שוין באַדאַרפֿט אײַלן צו נעמען פֿאַר זיך דאָס עסן. איך, ווי אַ נײַער אַרעסטאַנט, האָב געוואָלט גיין אויסוואַשן די מענאַשקע, נו, נו, איז געוואָרן אַ געשריי פֿון אַלע זײַטן: — וואַשן גאָר? מע דאַרף נישט און מע טאָר נישט, ווײַל מיר זענען דאָ אַ סך, ס׳וועט אויספּעלן וואַסער צו כאַפּן אַ טרונק! דאָ איז הייס און טרינקען ווילט זיך כסדר! חוץ דעם באַקומט מען נאָר אַ געוויסן סכום וואַסער יעדן טאָג צו טרינקען און נישט צום וואַשן קײַן כלים!

די וועכטער האָבן זיך געוואָנדן צו מיר מיט אַ געשריי:

— „וועזמי אי קושײַ סקאַרעע, ניע פּאָדאָכניעש יִיז עטאָווּאָ"! גיכער, נעם און עס, וועסט פון דעם נישט פּייגערן!

איך האָב גענומען דאָס שיסעלע זופּ און געבליבן שטיין. קודם איז מיר שווער געווען דאָס צו נעמען אין מויל. עס האָט מיך אַרומגעכאַפּט עפּעס אַן אומהיימלעכקייט. איך האָב נישט געקאָנט עסן, דערצו עסן אָן אַ לעפל. ווי קאָן מען עס עסן אָן אַ לעפל? — האָב איך געטראַכט.

פון עטלעכע זײַטן האָבן די אַרעסטאַנטן צו מיר געשריגן אַז די זופּ איז אַזוי וואַסערדיק, אַז מע קאָן זי טרינקען, מע דאַרף נישט האָבן קיין לעפל!

אמת, לויטן געזעץ דאַרף דאָס עסן זײַן געדיכט געקאָכט מיט אַ שטיקל פלייש פאַר יעדן אַרעסטאַנט. נאָר די נאַטשאַלסטווע צוזאַמען מיט די קוכערס גיבן שוין אַכטונג, אַז דאָס בעסטע זאָל אַרײַנפאַלן צו זיי, און די אַרעסטאַנטן זענען נישט קראַנק צו עסן אַ ביסעלע שיטערע זופּ, וואָס איז מער וואַסער ווי זופּ... אַ חוץ דעם לייגט מען נישט אַרײַן אין דעם קעסל בײַם קאָכן וואָס מע דאַרף, ווײַל פאַר דעם וואָס מע לייגט נישט אַרײַן, נעמט מען אָפּ אויפן שוואַרצן מאַרק אַלע געלטער... אַזוי גייט צו די גניבה אומעטום, אַפילו אין טורמע, — אָט דאָס האָבן גערעדט גאַנץ הויך די אַרעסטאַנטן אין דער צײַט פונעם ברענגען דאָס עסן, און אַפילו אין קעגנוואַרט פון די וועכטער, אָן שום מורא.

פאַרן שלאָפן ברענגט מען אויך עפּעס אַזאַ מין „יושקע", עפּעס אַ גריץ וואָס די גרינגע גאַל קערט זיך איבער פון דעם. לויטן רעגולאַמין דאַרף אין אַ געוויסער שעה ווערן שטיל און מע דאַרף זיך לייגן שלאָפן. פאַרן גיין שלאָפן איז צו מיר צו דער סטאַראָסטע און זאָגט מיר: — פאַרפאַלן, הײַנט וועסטו מוזן שלאָפן לויטן רעגולאַמין, לעבן דער „פּאַראַשקע", דאָס הייסט, לעבן דעם אַלגעמיינעם „נאַכט-טאָפּ". עטלעכע ייִדן, וואַרשעווער, טאַקע פון לאַנגע יאָרן מײַנע טעאַטער־חסידים, זענען צו מיר צו און מיך גענומען טרייסטן, אַז זיי האָבן שוין אָפּגעמאַכט מיט דעם סטאַראָסטע אַז איך וועל פון מאָרגן אָן האָבן מײַן געלעגער. איין נאַכט שלאָפן לעבן דער פּאַראַשקע וועט טאַקע זײַן פאַר מיר אַ שווערע אָפּקומעניש, אָבער פאַרפאַלן, דערפאַר וועט מען מיר שוין פאַרגיטיקן, וואָס מע וועט מיך לאָזן בײַטאָג ליגן אויף אַ גוטן פּלאַץ. כדי ס'זאָל מיר ווערן אַ ביסל בעסער אויף דער נשמה, האָבן זיי מיך גע־

נומען צווישן זיך אויף זייערע געלעגערס און מיך געהייסן דאָרט אַ ביסל ליגן און שפּעטער ערשט זיך לייגן אויף מײַן אָרט בײַ דער טיר, ס'הייסט, אַז דער סטאַראָסטע ווייסט שוין פון אַלצדינג און ער וועט זיך נישט מאַכן זען... איך בין געלעגן צווישן מײַנע ייִדישע ברידער גוטע צוויי שעה. שפּע־טער בין איך מיר פּאַמעלעך און פּאַרזיכטיק צוגעגאַנגען צו מײַן אָרט. מ'האָט פּשוט באַדאַרפט זײַן אַ זשאָנגלער צו גיין צווישן די ליגנדיקע און נישט טרעטן אויף זיי, ווײַל יעדעס שטיקל אָרט איז געווען באַזעצט פון עמעצן. יעדער איינער האָט דאָך געוואָלט זײַן וואָס ווײַטער פונעם גרויסן נאַכט־טאָפּ, פון דער „פּאַראַשע".

אַלצדינג אין לעבן ענדיקט זיך דאָך, און אויך די נאַכט האָט זיך געענ־דיקט. די ייִדן האָבן באַמערקט מײַן מידקייט, מײַנע רויטע, נישט אויסגעּ־שלאָפענע אויגן, מײַן נערוועזקייט. זיי האָבן מיך געטרייסט אַז ווי נאָר מ'וועט ברענגען דאָס ברויט מיטן קיפּיאַטאָק, מיטן הייסן וואַסער, וועלן זיי שוין זען אַז איך זאָל דיק אָנען אַ ביסל אויסשלאָפן. מע טאָר עס טאַקע נישט בײַטאָג, אָבער מע וועט עס שוין מאַכן...

איך האָב מיך אָנגעהויבן אַרומקוקן אינעם קאַמער. אַ געוויס גרויסע שטוב מיט צוויי גרעסערע פענצטער מיט קראַטן. אין ביידע זײַטן זענען גע־שטאַנען צו אַכט אײַזערנע בעטלעך אָנהייבנדיק פון לעבן די פענצטער. יעדע אַכט בעטלעך האָבן פאַרנומען אַ האַלבע שטוב אין יעדער זײַט. ס'זענען אויך געשטאַנען צוויי לאַנגע טישן, וואָס זענען געווען אַזוי לאַנג כמעט ווי די אַכט בעטלעך. בײַ די טישן זענען אויך געשטאַנען לאַנגע בענק, בײַ יעדן טיש צו צוויי בענק. איך האָב באַמערקט אין די ווענט איבער יעדן בעטל צו צוויי טיפע לעכער. אויף מײַן פראַגע וואָס די לעכער באַטײַטן, האָבן מיר עטלעכע פּאָלאַקן, וואָס זענען געווען אין קאַמער, דערקלערט אָט וואָס:

די פּאָלאַקן קענען גוט די ביאַליסטאָקער תפיסה. זיי זענען דאָ שוין געזעסן עטלעכע מאָל. דערציילן זיי אַז בײַ די פּאָלאַקן איז דאָ געווען אַ גרויסע אָרדענונג. קודם זענען מער קיין אַרעסטאַנטן נישט געווען אין קיין קאַמער וויפל עס זענען געווען בעטן. אין די ווענט זענען געווען האָקעס און יעדן אין דער פרי פלעגט מען דאָס בעטל קאָנען אויפהייבן און צוטשעפּען צו די וואַנט־האָקעס, אַזוי אַז די שטוב איז געווען גרעסער. מ'האָט זיך גע־

האָט זוו צו רירן. אָבער אַז די סאָוויעטן זענען אַרײַן האָבן זיי אַרויסגעריסן די האַקעס פון די ווענט און די בעטלעך מוזן צוליב דעם שטיין אַ גאַנצן טאָג אַזוי ווי בײַנאַכט. חוץ דעם שטופּן זיי דאָ אַרײַן אַרעסטאַנטן אין יעדן קאַמער אַזוי פיל אַז ס׳ווערט אַ שרעקלעכע ענגשאַפט... ס׳קומט אויס אַז אין די שמאָלינקע אײַזערנע בעטלעך מוזן ליגן צו צוויי מענטשן און האַלטן כסדר די פיס אײַנגעקאָרטשעט, ווײַל אויף יעדע צוויי בעטלעך קוועטשט זיך נאָך אַרײַן איין אַרעסטאַנט צופוסנס פון די ליגנדיקע. אין די בעטלעך ליגן, נאַטירלעך, די אַרעסטאַנטן, וואָס זענען אַרײַנגעקומען די ערשטע... די איבעריקע ליגן ווו ס׳לאָזט זיך, אויף די צוויי טישן ליגט מען... אויף די בענק... מע ליגט אויך אונטער די טישן. איר ווערט, זאָגן זיי, ווערן נאָר אַ ביסל היימישער, ווערט איר זיך שוין איבערצייגן אַז יעדעס וואָרט, וואָס מיר זאָגן אײַך, איז דער הייליקער אמת. ס׳איז טאַקע געווען אמת.

גלײַך אויף צומאָרגנס, פאַרן שלאָפן גיין, האָט דער סטאַראָסטע צוגע־רופן די עטלעכע מענטשן וואָס זענען געשלאָפן אונטערן טיש און זיי גע־מאָלדן, אַז יעדער איינער ווערט זיך מוזן אַ ביסל צוקווועלן, ווײַל פון הײַנט בײַנאַכט אָן ווערט אָט דער נײַער אַרעסטאַנט — האָט ער אָנגעוויזן אויף מיר — שלאָפן מיט אײַך צוזאַמען אונטער דעם טיש.

צוגעגאַנגען איז מײַן שלאָפן אונטערן טיש אַזוי: איין האַלבער קערפּער איז געלעגן אונטערן טיש און דער צווייטער האַלבער קערפּער האָט זיך אויסגעצויגן מיט די פיס אונטער די בעטלעך. די פּאָדלאָגע איז געווען אַ שטיינערנע. מ׳איז אַזוי געלעגן אויף די קאַלטע שטיינער מיטן כמעט־נאַקעטן קערפּער. יעדער פלעגט זיך מאַכן פון די הויזן אַ פּעקעלע אונטערצולייגן אונטערן קאָפּ און מיטן רעקל זיך צודעקן. אַנדערע האָבן זיך אַפילו נישט אויסגעטון און זיך אײַנגעוויקלט אין זייערע קליידער. פיל מאָל האָט אויך געטראָפן אַז די, וואָס זענען געשלאָפן אויף די שמאָלע בענק, זענען אין מיטן דער נאַכט אַראָפּגעפאַלן אויף די מענטשן, וואָס זענען געלעגן אויף דער פּאָדלאָגע. עס פלעגן זיך דערהערן געשרייען, קללות... באַלד האָט זיך געגעבן אַ מאַך אויף דאָס פענצטערל פון דער פאַרשלאָסענער טיר. ס׳פלעגט זיך באַווײַזן דער קאָפּ פונעם באַוואָפנטן וועכטער. מיט אַ געשריי און ברכה אין דער מאַמעס מאַמען אַרײַן, מע זאָל אויפהערן שרײַען, פאַרמאַכן די מאָרדעס,

אויב נישט וועט ער גלײַך ברענגען אַהער די הויפּטוואַך וועט מען די שול־דיקע אַרײַנוואַרפן אין קאַרצער אַרײַן — האָט ער אַלעמען אײַנגעשטילט.
אַזוי האָב איך פאַרבראַכט די ערשטע עטלעכע נעכט אין קאַמער נומער 92.

קאַפּיטל 30

„ווער אונדזער מענטש!...״

אין מיטן נאַכט האָבן מיר פּלוצלינג דערהערט אַ גערודער בײַ אונדזער טיר. אין קאַמער איז געוואָרן ליכטיק. ס׳האָבן זיך באַוויזן עטלעכע באַוואָפנטע ענקאַוועדיסטן. זיי האָבן מיט זיך געטראָגן בויגנס פּאַפּיר און געזאָגט אַז ביז מאָרגן אין דער פרי זאָלן די פרעגבויגנס זײַן אויסגעפילט צוזאַמען מיט יעדן אײנעמס נאָמען. כדי צו זײַן זיכער, אַז מיר וועלן עס טון, הייסן זיי אונדז זיך שוין נעמען צו דער אַרבעט. זיי האָבן דעם סטאַראָסטע געמאַכט פאַר דעם פאַראַנטוואָרטלעך און זענען גלײַך אַוועק.

דער סטאַראָסטע האָט אַ פרעג געטון ווער ס׳קען גוט שרײַבן רוסיש. ס׳האָבן זיך געמאָלדן צוויי אַרעסטאַנטן, איינער אַן אוקראַיִנער און דער צווייטער אַ רוסישער. דער אוקראַיִנער, אַנדריי גלאַווענקאָ, וואָס האָט פריִער געאַרבעט אין דער ביאַליסטאָקער פּאָסט, איז בכלל אָנגעגאַנגען פאַר אַן אינטעליגענט. דער סטאַראָסטע האָט אים געהייסן זײַן דער שרײַבער, און ער אַליין וועט קאָנטראָלירן ס׳זאָל אַלצדינג זײַן אין אָרדענונג לויטן באַפעל.

די וואַך האָט דערלויבט ס׳זאָל ברענען דאָס ליכט, מ׳זאָל קענען שרײַבן און מ׳האָט זיך גענומען צו דער אַרבעט. דער סטאַראָסטע האָט געהייסן זיך אויפהייבן פון די געלעגערס צו פינף פּערזאָן און זיך אויסשטעלן איינער נאָכן צווייטן. דער שרײַבער זאָל זיצן בײַם טיש. אָנגעהויבן האָט מען פון אײַן זײַט פריִער כדי עס זאָל נישט זײַן קיין טעות, און ביז ס׳האָט אָנגעהויבן צו טאָגן איז אַלץ געווען פאַרטיק.

גאַנץ פרי האָט דער וועכטער געגעבן אַן עפן אויף דאָס קליינע פענצטערל פון דער טיר און געפרעגט צי מיר האָבן אויסגעפירט דעם באַפעל פון

דער נאַטשאַלסטווע? דער סטאַראַסטע האָט גענטפערט, אַז די פּאַפּירן ליגן שוין גרייט אויסגעשריבענע מיט די נעמען און פאַמיליעס פון אַלע אַרע־סטאַנטן.

— לאַדנאַ, — האָט זיך געהערט די טיפע און רויע באַס־שטימע פונעם וועכטער.

מיט אַ האַלבער שעה שפּעטער זענען צוגענומען געוואָרן פון אונדז די פּאַפּירן. שפּעטער האָט מען זיך דערוווּסט, אַז עס האָט געטראָפן אַ צע־דרייעניש אין די פּאַפּירן פון די אַרעסטאַנטן, און די נאַטשאַלסטווע איז געוואָרן צעמישט פון דעם וואָס אַ סך פּאַפּירן, וואָס האָבן געדאַרפט געשיקט ווערן אויף אַנדערע אַרעסט־פּלעצער, זענען דאָ פּלוצלינג אָרײַנגעפאַלן אין דער טורמע־קאַנצעלאַריע, און פאַרקערט, פּאַפּירן פון אַרעסטאַנטן, וואָס האָבן זיך געפונען דאָ אין תּפיסה, זענען פאַרשלעפּט געוואָרן אויף די אַנדערע פּראָוויזאָרישע תּפיסה־ערטער.

די דאָזיקע פּראָצעדור איז פאָרגעקומען אין דער זעלבער נאַכט אין אַלע קאַמערן פון דער גרויסער דרײַ־הייפיקער ביאַליסטאָקער טורמע, וואָס האָט געציילט איבער 25 טויזנט אַרעסטירטע.

היות ווי ס׳זענען געמאַכט געוואָרן אין ביאַליסטאָק זייער פיל אַרעסטן און די תּפיסה האָט נישט געקאָנט אויפנעמען אַזוי פיל אַרעסטאַנטן, האָט די ענקאַוועדע פון ביאַליסטאָק געשאַפן נאָך טורמעס, פּראָוויזאָרישע. אַזוי האָט זי געשאַפן, למשל, טורמעס וואָס האָבן געטראָגן די נעמען „סאָסנוווקע", „דער קאָשטשאָל", „בעקערס פאַבריק". אין די דאָזיקע דריי ערטער האָט מען געהאַלטן צום מערסטן אונדזערע אַרעסטירטע ייִדן, די פּליטים. אין אָט די אַלע דרײַ פּראָוויזאָרישע טורמעס איז אין דער זעלבער נאַכט פאָרגעקומען די זעלבע געשיכטע וואָס אין דער ביאַליסטאָקער טורמע. אויך דאָרטן האָבן אַלע אַרעסטאַנטן באַדאַרפט אַליין אויפגעבן זייערע נעמען צו פאַרשרײַבן אויף אַ בויגן פּאַפּיר, ווײַל פון די גרויסע אַרעסטן האָט זיך געמאַכט אַ גרוי־סער באַלאַגאַן... און די שרײַבערס פון דער ענקאַוועדע האָבן, אַפּנים, פאַר־ביטן די יוצרות, פאַרביטן די פּאַפּירן פון די אַרעסטאַנטן. דערפאַר איז די נאַטשאַלסטווע געפאַלן אויף דער גרויסער חכמה פון הייסן די אַרעסטאַנטן אַליין אויפשרײַבן זייערע נעמען.

ווי מיר איז שפּעטער באַקאַנט געוואָרן פון די ייִדישע אַרעסטאַנטן, האָט

מען מײַן נאָמען געררופן עטלעכע מאָל אין די פּראָוויזאָרישע טורמעס, אין דער „סאָסנוווקע״, דער „קאַשטשאָל״, אין „בעקערס פאַבריק״. מ׳האָט געהאַלטן אין איין זוכן דעם אַרעסטאַנט דוד פּישעלעוויטש לעדערמאַן, אָבער קיינער האָט זיך נישט געוואָלט אָנערקענען פאַר מיר... מ׳האָט זיי אַלע אומעטום אַרײַנגעזאָגט מיט די רוסישע „יאָפּקעס״, אָבער זיי האָבן נעבעך געשריגן, אַז זיי ווייסן נישט פון אַזאַ איינעם וואָס זאָל זיך געפינען צווישן זיי. מ׳האָט אויך געזוכט, פאַרשטייט זיך, אַ סך אַנדערע וואָס זענען דאָרט נישט געווען.

בײַ אונדז אין קאַמער האָט מען דערווײַל נאָך נישט געהאַט געזוכט קיינעם, און דאָס וואָס איך וואַרשעווער ייִד, וואָס האָט זיך מיט מיר שפּעטער באַקענט פאַרנדיק אין איין וואַגאָן אין אַ לאַגער אַרײַן, האָט מיר דערציילט וועגן מיר, טאַקע פון יענער צײַט, ווען מ׳האָט מיך געזוכט אין דער פּראָוויזאָרישער „קאַשטשאָל״־טורמע, איז טאַקע ווערט איבערדערציילט צו ווערן.

מ׳האָט זיי געהאַלטן אין איין דולן דעם קאָפּ מיט מײַן נאָמען... און די ענקאַוועדע האָט זיי נאָך אויך געזאָגט אַ סימן ווער איך בין, עס הייסט, אַן אַקטיאָר. נו, האָבן אַ סך ייִדישע אַרעסטאַנטן זיך דערמאָנט אַז זיי קענען מיך זייער גוט, און ס׳איז זיי אײַנגעפאַלן אָפּצוטון אַ שפּיצל דער ענקאַוועדע. זיי האָבן זיך צונויפגערעדט אַז זיי וועלן אָנווײַזן אויף אַ געוויסן פּאָלאַק, וואָס איז דאָרט געווען אַרעסטירט און האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זײַן אַ געפּערלעכער אַנטיסעמיט און כוליגאַן... זיי האָבן צוגערופן איין מאָל דעם וועכטער און אים געזאָגט, אַז עס דאַכט זיך זיי, אַז אָט דער פּאָלאַק איז גאָר אַ ייִד, און מעגלעך, אַז ער פאַרשטעלט זיך דאָ פאַר אַ פּאָלאַק...

און אַזוי ווי מע זוכט דעם דוד לעדערמאַן וואָס איז דאָך אַן אַקטיאָר, איז מעגלעך אַז אָט דער פּאָלאַק זאָל עס טאַקע זײַן דער אַקטיאָר, וואָס שפּילט אַזוי גוט די ראָל פון אַ פּאָלאַק...

בײַנאַכט האָט מען גענומען אַ נעם דעם אַנטיסעמיט אויף אַן אויספאָרשונג. מ׳האָט אים דאָרט געהאַלטן אַ לאַנגע צײַט און אים געהייסן זיך מודה זײַן אַז ער איז אַ ייִד און טראָגט מײַן נאָמען. דער שייגעץ האָט זיך געהאַלטן אין איין צלמען און שווערן אַז ער ווייסט פון גאָרנישט; אַז ער קאָן עס גלײַך אויפווײַזן... און ער האָט זיי טאַקע געוויזן, אַז קערפּערלעך איז ער אַן אמתער גוי... ווען ער איז צוריקגעקומען פון דער אויספאָרשונג

האָט ער וועגן דעם אַליין דערציילט און געשאָטן מיט טויטע קללות אויף די „מאָסקאַלעס“, די באָלשעוויקעס, וואָס האָבן זיך צו אים געטשעפּעט אומ־זיסט אַז ער איז אַ ייִד, אָבער ער האָט זיי גלײַך באַוויזן אַז ער איז אַ כשרער פּאָלאַק.

דערציילנדיק דאָס איצט, האָב איך זיך דערמאָנט אין אַזאַ געשיכטע, וואָס איז אויך געהאַט פּאַרגעקומען מיטן אַרטיסט משה ליפּמאַן. אַז ער האָט געהאַט באַשלאָסן צו אַנטלויפן פון די היטלער־באַנדיטן פון וואַרשע, האָט ער זיך איבערגעטון פאַר אַ פּאָלאַק און זיך געלאָזט אין וועג אַרײַן. ווען ער איז שוין געווען האַרט לעבן דער גרענעץ איז פּלוצלינג אָנגעלאָפן אַ דײַטש. ליפּמאַן האָט זיך געמאַכט נישט זעענדיק און זיך ווײַטער געגאַנגען זײַן וועג. האָט אים דער דײַטש אָנגעפרעגט ווער ער איז און וווּ ער גייט. האָט ער געענטפערט אויף פּויליש, אַז ער וווינט דאָ האַרט לעבן דער גרענעץ, און ס׳איז מעגלעך — האָט ער געזאָגט — אַז ער האָט פאַרבלאָנדזשעט, ווײַל ער האָט געמאַכט אַ כוסה. דער דײַטש האָט געהאַלטן אין אײַן שרײַען צו אים. ביסטו אַ יודע? ער האָט זיך געמאַכט נישט פאַרשטיין און געענטפערט נאָר פּויליש. האָט אים דער דײַטש אָנגעכאַפּט און אַרײַנגעשלעפּט אין אַ דער־נעבנדיקן שײַער און געשריגן צו אים אַז ער מוז באַווײַזן צי ער איז נישט קיין „יודע“. אונטער דער דראָונג פון אַ רעוואָלווער איז ער געווען געצוווּנגען זיך אויסצוטון און זיך באַוויזן פאַרן היטלעראָוויעץ אַזוי ווי די מאַמע האָט אים געהאַט. דער דײַטש האָט דעמאָלט אויסגעשריגן:

— ווייס איך וואָס איך האָב געטון? איך בין אַ גוטער מבין ווער ס׳איז אַ „יודע“!

דאָס מזל האָט ליפּמאַנען צוגעשפּילט נאָר דערפאַר, ווײַל דער דײַטש איז גראָד געווען אַזעלכער וואָס האָט נאָר געזוכט צו מאַכן געלט פון די אַנטלאָפענע פּליטים, און ליפּמאַן האָט פּונקט געהאַט בײַ זיך מיט וואָס איבערצוקויפן דעם דײַטש — איז ער אַרויס פון געפאַר.

די אַנדערע נאַכט בין איך אויפגעוועקט געוואָרן דורך אַ וועכטער וואָס האָט געגעבן אַ געשריי:

— דאַוויד פּישעלעוויטש לעדערמאַן, סאָבירײַסיאַ, בעזוויעשטשעי! קומט מיט מיר, אָן די זאַכן.

דאָס איז אַ צייכן פאַר די אַרעסטאַנטן אַז מע פירט זיי נישט אַוועק „אין

ערגעץ״, נאָר מע דאַרף זיי האָבן וועגן „עפּעס״ דאָ אין דער טורמע. אָפּגיי־ענדיק אַ פּאָר טריט הייסט ער מיך בלײַבן שטיין. ער האַלט פֿאַר מיר אַ גאַנצע לעקציע... קודם־כּל זאָל איך פֿאַרלייגן מײַנע הענט אויף הינטן. ווײַ־טער, טאָמער וועט מען הערן גיין עמעצן, אונדז אַנטקעגן, זאָל איך מיך שטעלן מיטן פּנים צו דער וואַנט, ביז ער וועט מיר נישט זאָגן, אַז איך מעג זיך שוין אויסדרייען. זאָל איך אַזוי בלײַבן שטיין, איך זאָל נישט וואַגן צו מאַכן קיין שום באַוועגונגען צו וועלן זען ווער ס׳איז אונדז געקומען אַנט־קעגן, דאָ, בײַ זיי, טאָר מען גאָרנישט זען ווען מע פֿירט אַן אַרעסטאַנט. איך זאָל יאָס גוט געדענקען. פּאָניאַטנאָ?

—יאָ, — זאָג איך, — כ׳האָב אַלצדינג גוט פֿאַרשטאַנען.

ער גיט אַ שמייכל און הייסט מיך גיין ווײַטער ביזן סוף קאָרידאָר. דאָ גייען מיר אַראָפּ אַ פּאָר טרעפּ און קומען אַרײַן אין אַ צווייטן קאָרידאָר ביז מיר בלײַבן שטיין פֿאַר אַ טיר.

די טיר האָט זיך געעפֿנט. מ׳האָט מיך געהייסן אַרײַנגיין אין טונקעלן צימער. בײַ אַ טיש איז געזעסן אַ מאַן פֿון אַ יאָר פֿערציק מיט אַ בייז פּנים און שטרענגן בליק. ער הייסט מיך זיצן, פֿרעגט מיך צי איך בין טאַקע דער אמתער דאַוויד לעדערמאַן? איך ענטפֿער גאַנץ זיכער, אַז איך בין עס!

— איז דאָס טאַקע — זאָגט ער — דײַן אמתער נאָמען? מאָדנע, מ׳האָט דאָך דיך געזוכט און געזוכט אומעטום און נישט געקאָנט געפֿינען... קוים מיט צרות געפֿונען דײַנע פּאַפּירן... הייסט עס, אַז דו ביסט אַן אַקטיאָר? אמת?

— יאָ, — זאָג איך.

— זאָג מיר, פֿאַר וואָס ווילסטו נישט נעמען אונדזער פּאַספּאָרט? עס וואָלט דאָך דיר בײַ אונדז גוט געווען, פֿאָלג וואָס מ׳הייסט דיך... נעם דעם פּאַספּאָרט. מיר וועלן דיך באַפֿרײַען און וועסט קאָנען מאַכן בײַ אונדז אַ גוט לעבן. דו קענסט זיכער זייער פֿיל פֿון די פּליטים. זיי קענען דיך אויך זייער גוט, אמת?... נו, וואָס שווײַגסטו? רייד!

— איך האָב שוין עטלעכע מאָל דערקלערט אַז קיין סאָוויעטישן פּאַס וועל איך נישט נעמען.

— כאַ־כאַ־כאַ! — צולאַכט ער זיך, דער אויספֿאָרשער, מיט אַ גיפֿטיק שמייכעלע. — דו, אַקטיאָר, שפּילסט גאַנץ גוט דײַן ראָל. דו מיינסט אַז מיר ווייסן גאָרנישט פֿון דײַן פֿאַרגאַנגענהייט? מיר ווייסן אַלצדינג... זאָג מיר,

פאַר וואָס ביסטו פּלוצלינג געקומען פון אַמעריקע צו אונדז? וואָס ביסטו אַזוי גיך געלאָפן מיט געציילטע טעג פאַר דער מילחמה מיט אַ שנעלשיף? דאַכט זיך דער נאָמען איז געווען „קווין מערי”, וואָס גייט נאָר פינף טעג ביז שערבורג — האַ?... זעסט אַז אונדז איז אַלצדינג באַקאַנט! זײַ זשע נישט קיין נאַר און הער וואָס איך זאָג דיר! ווער „אונדזער מענטש”, און עס וועט דיר זײַן בײַ אונדז זייער גוט. דו ביסט זיכער געווען אין אַ סך לענדער און קענסט זיכער פיל מענטשן. מיר נייטיקן זיך טאַקע אין אַזאַ מענטש, וואָס איז געווען אין אַ סך לענדער... פאַרשטייסט? פּאַניאַטנאַ!

— ניין, — האָב איך געענטפערט, — איך פאַרשטיי גאָרנישט וואָס איר רעכנט מיר אויס מײַנע קוואַליפיקאַציעס מיטן זײַן אין די לענדער. און איך וויל אײַך באַמערקן, אַז נישט צוליב דעם בין איך אַהער אַנטלאָפן פאַר די דײַטשע מערדער, כדי צו ווערן אייערס אַ „מענטש”. איך האָב געמיינט, אַז דאָ וועל איך קאָנען זײַן אַ שטיקל צײַט אומגעשטערט אַ פרײַער מענטש, נישט קיין אַרעסטאַנט. איך האָב אויך געטראַכט דאָ איבערצוּוואַרטן די מילחמה וואָס ס'האָט אָנגעהויבן די היטלער־חיה קעגן אומשולדיקע מענטשן און לענדער.

— דו פאַרשטייסט טאַקע נישט? — פרעגט ער מיט אַ געלעכטער וואָס האָט מיך געשטאָכן ווי מיט שפּילקעס — הע, דו אַקטיאָר, דו מאַך מיר דאָ נישט קיין טעאַטער־שפּיל.

נאָך אַ שטיקל פויזע גיט ער זיך אַ שטעל אויף, גייט צו זייער נאָענט צו מיר, קוקט מיר גלײַך אין פּנים אַרײַן און הייבט אָן שרײַען:

— דו האָסט געהאַט געזאָגט, לויט די פּראָטאָקאָלן און אָנגעגעבן אַ מאָטיוו, אַז דו ביסט געקומען פון אַמעריקע צוליב דײַן פאַמיליע, אמת? איז הער־זשע פון מיר, וואָס איך זאָג דיר, אויב דו ווילסט באמת נאָך אַ מאָל זען דײַן פאַמיליע, זאָלסטו פאָלגן און טון וואָס איך הייס דיר. אַנדערש וועסטו שוין קיין מאָל זיי נישט זען! איך גיב דיר צײַט עטלעכע טעג, זאָלסטו זיך עס גוט איבערקלערן... איצט וועסטו אונטערשרײַבן דעם פּראָטאָקאָל וואָס מיר האָבן דאָ גערעדט.

אויף מײַן באַמערקונג, אַז קיינער האָט דאָ נישט געפירט קיין שום פּראָטאָקאָל וועגן וואָס מ'האָט דאָ גערעדט, האָט ער געגעבן אַ צייכן און ס'האָט זיך באַוויזן אין צימער אַ פרוי אָנגעטון אין אַ לעדערנער קורטקע

מיט אַ לעדערנעם פּאַס אַרומגענומען און אַ רעוואָלווער בײַ דער זײַט. ער האָט זיך געוואָנדן צו איר און געזאָגט:

— ברענג אַרײַן דעם פּראָטאָקאָל פונעם געשפּרעך וואָס איז דאָ פאָר־געקומען צווישן מיר און דעם פאַרשלאָסענעם...

גלײַך איז געוואָרן דער פּראָטאָקאָל וועלכן ער האָט מיר פאָרגעלייענט און ס'האָט געשטימט וואָרט אין וואָרט. איך האָב אונטערגעשריבן מײַן נאָמען. ער האָט ווײַטער געזאָגט:

— דו ביסט מיר אַ גרויסער שאָד, קאָנסט זײַן „אונדזער מענטש״. קלער זיך גוט איבער.

איך האָב גלײַך געענטפערט:

— איך האָב זיך שוין גוט איבערגעקלערט, און איך מעלדע אײַך, הער אויספאָרשער, אַז איך וועל קיין מאָל נישט זײַן אייער מענטש. איך האָב פײַנט צו בײַטן מײַנע מיינונגען.

— נו, דאָס וועלן מיר נאָך זען! — האָט ער געגעבן אַ געשריי און באַפוילן מיך צוריקצופירן אין מײַן קאַמער.

קאַפּיטל 31

די געשיכטע פון אַן אַלטן סאָציאַליסט

ווען איך בין אַרײַן אין קאַמער איז שוין באַלד געווען גרויסער טאָג. וועגן איין זאַך האָב איך געטראַכט און געזאָגט צו זיך אַליין: — דוד, געדענק, זאָלסט נישט אָפּטרעטן פון דײַן ערלעכן וועג — ווען דו זאָלסט אַפילו וויסן אומצוקומען!

אין דרויסן איז געגאַנגען אַ דראָבנע רעגנדל. איך בין צו צום פענצטער, וואָס איז געווען אָפן צוליב דער היץ וואָס האָט געהערשט פון דער גרויסער צאָל אַרעסטאַנטן אין דעם קאַמער. איך האָב זיך געשטופּט צום אָפענעם פאַרקראַטעוועטן פענצטער. עטלעכע ייִדן, וואָס זענען געלעגן נאָענט פון די פענצטער, האָבן מיך געפרעגט וואָס איך שטופּ זיך אַזוי צו די קראַטן און מיך געוואָרנט: — רוק זיך אָפּ פון פענצטער, — האָט איינער כמעט גע־

שריגן, — ס'איז אַ ווינט מיט אַ רעגן צוזאַמען... ווערסט זיך נאָך פאַרקילן. איך האָב קיינעם כמעט נישט געהערט. זיי האָבן זיך אויפגעכאַפּט פון זייערע געלעגערס און זענען צו צו מיר און מיך געוואַלט אָוועקנעמען פון פענצטער מיט געוואַלט. איך האָט זיי געבעטן, אַז זיי זאָלן מיך לאָזן בײַם פענצטער, ווײַל כ'וויל טאַקע זיך פאַרקילן, באַקומען היץ, מע זאָל מיך דאַרפן נעמען אין שפּיטאָל אַרײַן...

בײַ די ווערטער האָבן זיך געגעבן אַ לאָז צו מיר כמעט אַלע יידן פונעם קאַמער אין איין קול:

— וואָס רעדסטו? דו מיינסט טאַקע אַז די נאַטשאַלסטווע וועט זיך שטאַרק נעמען צום האַרצן אַז דו וועסט קראַנק ווערן? דו מיינסט אַז דו וועסט באַקומען היץ כאַפּן זיי דיך גלײַך אין שפּיטאָל אַרײַן? האָסט אַ גרויסן טעות. וועסט זיך דאַרפן דאָ לאַנג וואַלגערן אויף דער שטיינערנער פּאָדלאָגע קראַנקערהייט ביז זיי וועלן דיר מיט עפּעס זוכן צו העלפן. וועסט גיכער אויסהויכן דײַן נשמה, איידער זיי וועלן דיך אַרײַנגעבן אין שפּיטאָל. אַזעלכע זאַכן האָבן שוין דאָ געטראָפן. דאָ זיצן מענטשן וואָס ווייסן צו דערציילן נאָך ערגערע זאַכן...

מע ווײַזט מיר טאַקע אָן אויף דער קעגנאיבערדיקער זײַט, ווו אויפן ערשטן בעטל, וואָס שטייט דאָרטן לעבן דעם צווייטן פענצטער, ליגט אַ פּאָלאַק, אַ האַלב פּאַראַליזירטער, וואָס קאָן זיך כמעט נישט רירן, און וואָס וואָלט בכלל גאַרנישט געקאָנט טון קיין שום זאַך קעגן דער ראַטנמאַכט, פון דעסטוועגן האַלט מען אים שוין דאָ שיינע עטלעכע חדשים. זיי וועלן אים זיכער נישט אַרויסלאָזן פון טורמע.

זיי האָבן מיך צוגעפירט צום ליגנדיקן אַלטן פּאָלאַק וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ מאַן אין די טיפע זעכציקער יאָרן, צי ער איז טאַקע געווען אין דעם עלטער קאָן איך נישט זאָגן. די טורמע ווירקט שטענדיק אַז דער מענטש, וואָס געפינט זיך אין איר, זאָל אויסזען עלטער פון זײַנע יאָרן. די יידן האָבן מיך פאַר אים פאַרגעשטעלט ווי אַזעלכן וואָס איז עטלעכע טעג פאַר דער מילחמה געקומען פון אַמעריקע. די יידישע אַרעסטאַנטן האָבן עס אים געזאָגט דערפאַר, ווײַל אָט דער פּאָלאַק טאַקע איז אַליין אויך געהאַט געקומען פון אַמעריקע ווו ער איז שוין געווען אַ בירגער און געוווינט דאָרטן זייער לאַנג.

דער פּאָלאַק, וואַצלאַוו כאַמיצקי, הייבט אָן צו דערציילן, כאָטש עס קומט אים אָן זייער שווער. ער איז אַוועק קיין אַמעריקע נאָך בעת די צאַרישע צײַטן. האָרט פֿאַר דער ערשטער וועלט־מילחמה. געווען אין פֿאַרשידענע קליינע שטעטלעך, שווער געאַרבעט און ביסלעכווײַז אַ ביסעלע זיך אַרויפֿגעאַרבעט. געקומען צו אַ ביסל געלט האָט ער אַראָפּגעבראַכט צו זיך קיין אַמעריקע זײַן פֿרוי מיט זײַנע דרײַ זין. ער האָט זיך אַריבערגעצויגן קיין טשיקאַגאָ און זיך געמאַכט אַ נישקשהדיק לעבן. וואָלט אַלצדינג געווען גוט. האָט אָבער דער גורל אַנדערש געוואָלט. ער האָט זיך פּלוצעם געטראָפֿן מיט אַן אַלטן חבר פֿון דער היים, און טאַקע מיט אַזאַ חבר וואָס פֿאַרבינדט אים פֿון די צײַטן, ווען זיי בײדע האָבן געהערט צו דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, פּע.פּע.עס. דער סוף איז געווען, אַז דער חבר זײַנער האָט אים אַנגעהויבן צוצורעדן אַז ער זאָל פֿאָרן צוריק אַהיים. ווײַל פּוילן איז געוואָרן זעלבסטשטענדיק, און ער האָט זיך געלאָזן צורעדן און אָנגעהויבן איינטענהן מיט זײַן פֿאַמיליע, אַז אַלע צוזאַמען זאָלן פֿאָרן אַהיים. די קינדער האָבן פֿון דעם נישט געוואָלט הערן, און אַזוי איז ער מיט זײַן אַלטיטשקע געקומען קיין פּוילן אָן די קינדער.

זיי זענען געקומען צוריק און זיך באַזעצט אין דעם שטעטל וווּ זיי האָבן לאַנגע יאָרן געוווינט, אין אָסטראָוויעץ. ס׳איז זיי געגאַנגען נישט שלעכט. בײַ די שטאָטראַט־וואַלן האָבן די אַרבעטער אים אַרויסגעשטעלט אויף דער ליסטע פֿון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי און ער איז אויסגעוויילט געוואָרן. ווען היטלער איז געקומען צו דער מאַכט אין דײַטשלאַנד האָבן די קינדער צו אים געשריבן, אַז זיי זאָלן זיך אומקערן צוריק קיין אַמעריקע, ווײַל עס גרייט זיך אין איראָפּע אַ זאַוויערוכע, אַ שטורעם. ס׳איז אַ גרויסע ריזיקע צו בלײַבן אין פּוילן. האָט ער געענטפֿערט די קינדער, אַז איצט איז אַ חוב פֿון יעדן פּאָלאַק צו בלײַבן דאָ און קעמפֿן פֿאַרן לאַנד. טאַקע דערפֿאַר ווײַל היטלער וויל פֿאַרכאַפּן איראָפּע. ער האָט געשריבן אין בריוו צו די קינדער, זיי זאָלן נישט פֿאַרגעסן, אַז זייער פֿאָטער איז אַן אַלטער סאָציאַליסט.

די מילחמה איז געקומען מיט שטורעם און פֿאַרוויסטונג. די חברים און דער עיקר זײַן ווײַב האָבן אים שטאַרק צוגערעדט ער זאָל אַוועק פֿון שטאָט. ער איז אַן אַלטער סאָציאַליסטישער טוער און טאָר דאָ נישט ריזי־

קירן צו בלײַבן, איבערהויפּט, אַז ס׳געפינען זיך אין שכנות אַ סך פאָלקס־דײַטשן. ער האָט געגומען זײַן אַלטיטשקע און זיך געלאָזט אַ ביסל נענטער צו ביאַליסטאָק. אין שטעטל טשיזשעוו ווינט זײַנער אַ ווײַטער קרוב, דאָרט טאַקע האָט ער געטראָפן אַ ווינקעלע ווו זיך צו קאָנען דערווײַל אײַנאָרדענען. ווען די סאָוויעטן זענען אַרײַן האָט ער זיך שוין אין גאַנצן באַרויקט. ווי אַן אַלטער סאָציאַליסטישער טוער, האָט ער געטראַכט, דאַרף ער שוין גאָר קיין מורא נישט האָבן, ווײַל קעגן די סאָוויעטן האָט ער דאָך קיין מאָל נישט געקעמפט, קעגן צאַר יאָ.

אין אַ נאַכט איז צו אים אַרײַן די מיליץ און אים מיטגענומען מיט זיך. שפּעטער האָט אים צוגענומען די ענקאַוועדע. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ סעריע אויספאָרשונגען מיט עפּעס מאָדנע באַשולדיקונגען, מיט אַרויסגע־רופענע עדות קעגן אים... דאָס טרויעריקסטע דערבײַ איז דאָס, וואָס די ענקאַוועדע האָט זיך געשטיצט אויף אַן עדות קעגן אים, אַ באַוווּסטן „ענ־דעק", אַן אונטערוועלטניק. יענער „ענדעק" דרייט זיך איצט אַרום אין טשיזשעוו פראַנק און פריי, און ער, דער אַלטער סאָציאַליסט, פוילט דאָ אין טורמע. יענער ענדעק, דער כוליגאַן, שפּילט איצט די ראָל פון אַ רויטן, אַ קאָמוניסט און מסרט אויף לינקס און רעכטס, וועמען נאָר ער קען.

די קינדער זײַנע האָבן אים געשריבן, זאָגט ער, אַז ער זאָל נישט גע־טרויען אַפילו זײַנע אייגענע פּוילישע ברידער. אָבער איצט זעט ער אײַן אַז זײַנע קינדער זענען געווען גערעכט, און ער האָט זיך שטאַרק צעוויינט.

איך האָב אים אַפילו געוואָלט פרעגן פון ווען אָן ער האָט באַקומען דעם פּאַראַליז. אָבער איך האָב זיך צוריקגעהאַלטן. דאָס, האָב איך געטראַכט, וועלן שוין זיכער קענען דערציילן די אַרעסטאַנטן וואָס געפינען זיך דאָ. זיי האָבן מיר דערציילט אַז וואַצלאַוו כאָמיצקי האָט געכאַפּט זײַן פּאַראַליז נאָך עטלעכע שרעקלעכע אויספאָרשונגען וואָס ער האָט געהאַט אין דער טורמע; אויספאָרשונגען וואָס האָבן זיך געצויגן גאַנצע נעכט. זײַן נערוון־סיסטעם איז אַזוי צעטרייסלט געוואָרן אַז ער האָט באַקומען דעם פּאַראַליז. צוויי טעג און צוויי נעכט האָב איך זיך געפונען אונטערן אײַנדרוק פון דער געשיכטע פונעם אַלטן פּוילישן סאָציאַליסט.

איך האָב געהערט אַ רוף אין מיטן דער נאַכט. מ׳האָט אויסגערופן מײַן

נאָמען. איך האָב זיך אויפגעזעצט אויף דער שטיינערנער פּאָדלאָגע און באַמערקט לעבן מיר אַ וועכטער. ער האָט מיר געזאָגט:

— פאַרנעם זיך גיך אָן די זאַכן.

נו, האָב איך שוין פאַרשטאַנען אַז איך גיי צו אַן אויספאָרשונג. איך בין ווידער צוגעפירט געוואָרן צו אַ טיר וווּ מ׳האָט מיך שפּעטער אַרײַנגערופן. איך האָב געזען פאַר זיך אַ מענטש מיט אַן ערנסט פּנים, מיט אַן אויסדרוק וואָס זאָגט גאָרנישט קיין גוטס... ווידער האָט זיך אָנגעהויבן די זעלבע אויספרעגעניש וועגן נאָמען, פאַמיליע... דאָס מאָל אָבער איז מיט איין זאַך געווען אַ ביסל אַנדערש. דער אויספאָרשער נעמט אַרויס אַ פּעקל פּאַפּיראָסן, הייסט מיך זיצן און לייגט מיר פאָר איך זאָל נעמען צו פאַררויכערן. איך דערקלערט אים אַז איך רויכער נישט.

— אַזוי — זאָגט ער — אַן אַקטיאָר און רויכערט נישט? מאָדנע.

נאָך אַ שטיקל צײַט שווײַגן הייבט ער אָן צו מיר צו רעדן אין אַ העכערן טאָן. ער שרײַט כמעט. ער גיט מיר מער נישט ווי פינף מינוט צײַט, איך זאָל זיך מודה זײַן אין אַלצדינג אין וואָס איך ווער באַשולדיקט, און אויספאָלגן אַלץ וואָס מ׳הייסט מיך... אַזוי שרײַענדיק לייגט ער אַרויס אַ ברויניגג אויפן טיש.

איך דערקלער אים אַז איך האָב זיך נישט אין וואָס מודה צו זײַן און וויס אַפילו נישט פאַר וואָס מיר קומט צו זײַן אַן אַרעסטירטער.

— דו ווייסט נישט? — זאָגט ער — אויב אַזוי זיי זיך צו ערשט מודה צו וועלכער פאַרטיי דו האָסט געהערט אין פּוילן?

איך האָב געשוויגן. זײַן פּנים איז אָנגעגאָסן געוואָרן מיט אַ רויטקייט, די אויגן — ווי בײַ אַ וואָלד־גזלן.

— גיכער, — זאָגט ער, — זאָג גיכער, טי „בונדאָוויעץ״ אילי „ציוניסט?״ — און מיך געשאָלטן אין דער מאַמעס־מאַמען אַרײַן. ער האָט געגעבן אַ כאַפּ דעם ברויניגג אין האַנט, אים צוגעשטעלט צו מײַן קאָפּ, און געזאָגט אַז אויב איך וועל זיך נישט מודה זײַן דערהרגעט ער מיך אויפן אָרט.

איך האָב געשוויגן. דאָס האָט אים נאָך מער צערייצט. ער האָט מיך אָנגעהויבן זידלען מיט די ערגסטע ווערטער און אין דער זעלבער צײַט מיך געהאַלטן אין איין שלאָגן מיטן רעוואָלווער איבערן קאָפּ און פּנים. שטראָ־

מען בלוט האָבן זיך אָנגעהויבן גיסן איבער מײַן פּנים. זײַנע הענט זענען אויסגעשמירט געוואָרן אין מײַן בלוט. מיט מײַנע לעצטע כּוחות האָב איך אָנגעהויבן שרײַען פאַר ווייטיק, און צום סוף געפאַלן אויף דער פּאָדלאָגע.

ער האָט אויפגעהערט שלאָגן און אָנגעהויבן שפּרײַזן איבערן צימער הין און צוריק. פּלוצלינג איז ער געבליבן שטיין לעבן מיר און דערזעענדיק מײַן פאַרבלוטיקט פּנים האָט ער אין דער זעלבער צײַט געכאַפּט אַ קוק אויף זײַנע מיט בלוט אויסגעשמירטע הענט. ער איז צו אין אַ ווינקל פון צימער, געבראַכט אַ שיסל וואַסער און אַ האַנטוך, געהאָלפן מיר אויפשטיין, מיך געהייסן זיך גוט אָרומוואַשן, אַוועקגעזעצט מיך אויף דער שטול און געבראַכט אַ גלאָז וואַסער. איך האָב דאָס גלאָז וואַסער אויסגעטרונקען מיט איין שלונג. ער האָט עס באַמערקט און געפרעגט צי איך וויל נאָך וואַסער. כ׳האָב געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ. ער האָט מיר געבראַכט אַ קריגל וואַסער. איך האָב עס אויסגעטרונקען אין איין אָטעם. נאָך אַ פּאָר מינוט וואַרטן האָט ער זיך צו מיר געוואָנדן:

— נו, און איצט, וויל איך האָפן, אַז דו וועסט זיך גוט איבערקלערן און אײַנזען דײַן פעלער, וואָס דו האָסט געמאַכט. צי וואָס האָסטו באַדאַרפט דאָ צו זײַן? לויט די פּראָטאָקאָלן, וואָס איך האָב געלייענט וועגן דיר, איז דיר אײַנגעפאַלן זיך אָפּצוזאָגן צו נעמען דעם סאָוויעטישן פּאַס, אמת? און דערמיט האָסטו זיך אַליין דערפירט צו דעם צושטאַנד...

איך האָב געענטפערט אַז נישט איך האָב זיך דערפירט צו דעם צושטאַנד, אין וועלכן איך געפין זיך, נאָר מ׳האָט מיך דערפירט דערצו.

— ווער? — גיט ער אַ געשריי — האָט דיך דערפירט צו דעם, ווער, פרעג איך?

— איר ווייסט זייער גוט ווער. אָט די וואָס האָבן מיך אָן אַ פּאַרוואָס פאַרהאַלטן אין דער מיליץ. די וואָס האָבן מיר שפּעטער איבערגעגעבן אין דער ענקאַוועדע.

— מאָלטשאַט! שווײַגן! — האָט ער געגעבן אַ געשריי: — בײַ אונדז זענען זיך אַלע מודה אין זייערע טאָטן און אין זייערע געהיימע מאַכינאַציעס קעגן דער ראַטנמאַכט. אויך דו וועסט עס מוזן טון.

ער האָט מיר געהייסן אונטערשרײַבן דעם פּראָטאָקאָל. איך בין טאַקע געווען צעבראָכן, אָן כּוחות פון דער איבערלעבונג בײַ דער אויספאָרשונג;

פונעם שלאָגן מיך ביז בלוט. פון דעסטוועגן האָב איך מיר געהייסן איבער־לייענען דעם פּראָטאָקאָל וואָס ער אַליין האָט אָנגעשריבן. דאָרטן איז געווען געשריבן אַז איך האָב זיך צו גאָרנישט געוואָלט מודה זײַן. אָן אַ וואָרט האָב איך אונטערגעשריבן דעם פּראָטאָקאָל.

קאַפּיטל 32

אינקוויזיטאָרישע אויספאָרשער

איך בין אַרײַנגעקומען צוריק אין מײַן קאַמער. אַ סך פון די ייִדישע אַרעסטאַנטן זענען שוין נישט געשלאָפן. אייניקע פון זיי זענען אויך נאָר וואָס געהאַט געקומען פון די אויספאָרשונגען. דער אומעט און די שרעקלעכע איבערלעבונגען פון די אויספאָרשונגען האָבן זיך גוט אַרויסגעלייענט פון יעדנס אויגן...

בכלל האָט זיך געפירט אַז מ׳האָט וואָס ווייניקער דערציילט. יעדער געקומענער פון אַן אויספאָרשונג האָט זיך אָוועקגעלייגט אין זײַן ווינקל און איז אַזוי אָפּגעלעגן אַ לענגערע צײַט ביז ער איז געקומען צו זיך. אָט אין אַזאַ צושטאַנד האָב איך זיך איצט געפונען...

איך האָב גענומען גוט אַרײַנטראַכטן אין מײַנע איבערלעבונגען. גע־וואָלט זיי זאָלן זיך מיר גוט אַרײַנקריצן אין מײַן זיכרון, כדי אויב איך וועל האָבן דאָס מזל צו קאָנען אַרויס אַ לעבעדיקער פון דעם גיהנום, זאָל איך עס נישט פאַרגעסן מײַן גאַנץ לעבן לאַנג. איך זאָג לעבן? אייגנטלעך האָב איך זייער ווייניק געגלייבט צו קאָנען דאָס אַלץ אַריבערטראָגן. די מענטש־לעכע נאַטור אָבער איז שוין אַזאַ אַז דווקא בײַ די שווערסטע לײַדן שטרעבט דער מענטש אויסצוהאַלטן, איבערלעבן אָט דאָס שרעקלעכע וואָס אים איז באַשערט מיטצומאַכן... נישט אומזיסט איז בײַ אונדז דאָ אַ ווערטל, אַז אויף צרות איז דער מענטש שטאַרק, אָדער, אַז דער מענטש איז אַ מאָל שטאַרקער ווי אײַזן...

טאַקע אין דער צײַט פון מײַנע אויספאָרשונגען אין דער ביאַליסטאָקער

טורמע האָב איך באַדאַרפט זײַן שטאַרקער פון אײַזן עס אויסצוהאַלטן. און אויסגעהאַלטן האָב איך נאָר דערפאַר ווײַל איך האָב געהאַט באַשלאָסן צו גײַן אויפן ערלעכן וועג. ווען כ׳זאָל אַפילו וויסן אַז ס׳וועט גורם זײַן מײַן אומקום, דאַרף מײַן געוויסן זײַן ריין און מײַן וועג אַן ערלעכער. דאָס איז געווען כסדר מײַן פעסטער באַשלוס. די פאַרשלאָגן און די אָנדײַטונגען בײַ די אויספאָרשונגען, אַז איך קאָן באַקומען די פרײַהייט אויב איך וועל ווערן זייערס אַן „אייגענער״, האָט מיך מער געבערענט, ווי די באַליידיקונג, אַפילו מער ווי די פיזישע יסורים, ווײַל ווערן זייערס אַ מענטש האָט בײַ מיר געהייסן ווערן אין גאַנצן אויס מענטש. איך בין איצט געגומען געוואָרן יעדע נאַכט אויף אַן אויספאָרשונג און יעדעס מאָל האָב איך איבערגעלעבט געפערלעכע יסורים, פיזישע און נשמהדיקע. די אַלע אויספאָרשונגען זענען געווען אַ סך מאָל אַזוי אינקוויזיטאָריש, אַז איך האָב פון מײַן גאַנצן הארצן געבעטן גאָט באַפרײַט צו ווערן פון דעם בידנעם לעבן.

נאָך דעם ווי ס׳זענען אַדורך אומצאָליקע פאַרשונגען האָבן זיי פּלוצלינג אויפגעהערט רעדן צו מיר פון נעמען אַ פּאַספּאָרט, און גענומען רעדן גאָר פון עפּעס אַנדערש. איין מאָל, ווען מ׳האָט מיך גענומען אויף אַן אויס־פאָרשונג, — פאַרשטייט זיך אַז אין מיטן נאַכט ווי דער שטייגער איז געווען, — האָט מען מיך אַוועקגעפירט אין אַ גאַנץ אָפּגעזונדערטע געביידע. מ׳האָט מיך אַרײַנגעפירט אין אַ צימער ווו ס׳זענען געזעסן צוויי אויספאָרשערס. ווען איך בין געבליבן מיט זיי אַליין, און זיי גוט באַטראַכט איז מיר אַדורך אַ שוידער איבער אַלע מײַנע גלידער. אַזעלכע רויע, טעמפּע פּנימער פון מענטשן איז זעלטן צו טרעפן. פונעם בלויזן קוקן אויף זיי קאָן מען פאַרלירן דאָס לשון. זיי זענען געזעסן ביידע קעגן דער טיר. כ׳האָב כמעט ווי אינס־טינקטיוו נישט געקאָנט ווײַטער גיין בײַם ערשטן קוק אויף זיי... איינער פון זיי האָט מיר אָנגעוויזן מיט דער האַנט, איך זאָל זיך צו זיי דערנענטערן. איך האָב מיך אָנגעהויבן כמעט מעכאַניש צו באַוועגן... דער צווייטער האָט געגעבן אַ געשריי: — נו, ביסטרעי! גיכער! איך בין געבליבן שטיין פאַר זיי. איינער האָט זיך אויפגעהויבן, צוגעגאַנגען צו מיר, מיך גוט באַטראַכט און זיך שרעקלעך צעלאַכט. זײַן געלעכטער האָט מיך געשניטן ווי מיט מע־סערס. ער האָט זיך געוואָנדן צום צווייטן און געזאָגט:

— גיט נאָר אַ קוק אויף אים, זע נאָר ווער ס׳וויל זיך נישט מודה זײַן

אין דעם וואָס ער ווערט באַשולדיקט, — און זיך שטאַרקער צעלאַכט. ער האָט מיך געגעבן אַ נעם און מיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שטול.

דער זיצנדיקער אויספאָרשער האָט אָנגעהויבן מיט דעם אַז זיי איז שוין גוט באַוווּסט וועגן דער „מיסיע" וואָס איך האָב באַקומען פון „אַמעריקאַנער ספּעציעלע קרײַזן", וואָס האָבן אַן אינטערעס צו וויסן, וואָס ס'טוט זיך דאָ אין ראַטנפאַרבאַנד. זיי ווייסן אויף זיכער, אַז איך בין אַהער געשיקט געוואָרן ספּעציעל איבערצוגעבן צו מענטשן געוויסע זאַכן וואָס די אַמעריקאַנער דאַרפן וויסן... איז אַלזאָ אַזוי, היות ווי זיי ווייסן אויך אַז ס'געפינען זיך דאָ נאָך אַזעלכע ווי איך... זאָל איך אָן צײַטפאַרלוסט גלײַך זיי דאָ דערציילן ווער ס'האָט מיך דאָ אַהער געשיקט, און צי איך בין דאָ געשטאַנען אין קאָנטאַקט מיט עפּעס פאַרדעכטיקע מענטשן?

איך האָב געשוויגן.

דער שטייענדיקער דערלעבן האָט מיר געגעבן אַ שרעקלעכן זעץ מיט דער פויסט אין פּלייצע און געגעבן אַ געשריי:

— וואָס שווײַגסטו! גיכער! ענטפער! וואָס מאַכסטו זיך תמעוואַטע. רעד!

איך האָב זיי געענטפערט, אַז איך ווייס נישט וואָס צו דערציילן, קיינער האָט מיר נישט געגעבן קיין שום אויפגאַבע, איך בין נישט געקומען מיט קיין שום מיסיע, איך האָב דאָ נישט געמאַכט קיין שום באַקאַנטשאַפט; איך ווייס נישט וואָס מע וויל פון מיר.

דער שטייענדיקער איז אַוועק צו אַ שאַנק און אַרויסגענומען עפּעס און אַוועקגעלייגט אויפן טיש, דאָס איז געווען מײַן קאַרנעט פון וואַרשעווער אַקטיאָרן־פאַראיין, דער צווייטער אויספאָרשער האָט מיך געהייסן נעמען אין דער האַנט מײַן קאַרנעט און איך זאָל אַליין איבערלייענען, אַז איך בין אַ מיטגליד פון אַן אינטערנאַציאָנאַלן פאַראיין. נו, — זאָגט ער, — זעסט שוין אַליין ווער דו ביסט, דײַן קאַרנעט אַליין זאָגט דאָך עדות קעגן דיר.

איך ענטפער אַז דאָ שטייט געשריבן גאַנץ דײַטלעך, אַז איך בין אַ מיטגליד פון פאַראיין פון אינטערנאַציאָנאַלע בינע־אָנגעהעריקע, און איך גיב זיי צו פאַרשטיין אַז דאָס איז אַ וועלטפאַרבאַנד פון בינע־אָנגעהעריקע.

דער שטייענדיקער אויספאָרשער האָט מיר איבער מײַנע רייד מיט די ווערטער:

— וואָריאַש!... זאָגסט ליגן!... ווײַל — זאָג ער — ווי קאָן דאָס זײַן אמת

וואָס איך זאָג, אַז דאָס מיינט מען נאָר אַן אומשולדיקן וועלטפאַרבאַנד פון בינע־אַנגעהעריקע, ווען מע זעט גלײַך, אַז עס שטימט נישט...

— אָט צום בײַשפּיל, — זאָגט ער, — געפינען זיך דאָ אין דעם קאַרנעט עטלעכע שפּראַכן: יידיש, פּויליש, ענגליש, פראַנצויזיש און דײַטש, און פּאָר וואָס געפינט זיך עפּעס נישט קיין רוסיש — האַ? — גיט ער צו ווי ער וואָלט גאָט ווייס עפּעס אַנטדעקט, אַזעלכעס, וואָס שוין מיט דעם אַליין זעט מען דײַטלעך, וואָס פאַר אַ שרעקלעכער פאַרברעכער איך בין... — אויב — זאָגט ער, — אינטערנאַציאָנאַל, ווו איז רוסיש? הייסט עס אַז דער קאַרנעט איז קעגן אונדז. דו געהערסט טאַקע צו אַן אינטערנאַציאָנאַלער באַנדע, און דאָס איז דער צווייטער אינטערנאַציאָנאַל, וואָס איז שוין גוט באַוווּסט מיט זײַנע אַרויסטרעטונגען קעגן ראַטנפאַרבאַנד.

דער זיצנדיקער אויספאָרשער שטעלט זיך אויף און זאָגט מיט אַ קאַטעגאָרישער שטימע:

— אָדער דו ביסט זיך מודה אין אַלצדינג — וועט זײַן גוט, טאָמער נישט — וועלן זיי באַלד מאַכן אַז איך זאָל זיך שוין יאָ מודה זײַן.

ביידע האָבן מיך געגעבן אַ כאַפּ און געפירט צום רעכטן ווינקל, ווו ס'איז געשטאַנען אַ זייער שמאָלע שאַפע, געעפנט די טיר און מיך געהייסן דאָרט אַרײַנגיין. איך האָב באַמערקט אַז דאָס אָרט איז אַזוי שמאָל, אַז פאַר קיין שום אופן קאָן קיין מענטש דאָרט נישט אַרײַנגיין. איך בין נישט אַרײַנגעגאַנגען, נאָר געבליבן שטיין כמעט ווי אומבאַוועגלעך. זיי האָבן זיך שטאַרק צעלאַכט און געגעבן אַ געשריי אַז איך זאָל גלײַך אויספירן זייער פאַראָרדענונג און דאָרט אַרײַן. איך ווייס נישט פון וואַנען ס'האָט זיך צו מיר גענומען אַ כוח זיך צו ווענדן צו זיי:

— מײַנע הערן, וואָס ווילט איר מיט מיר טון? מיך אומברענגען? טוט עס דאָ אויפן אָרט... איך בין אין אײַערע הענט... אָבער צו וואָס דאַרפט איר מיך דאָ אַרײַנשטעלן? איך וועל נישט אַרײַנגיין! איך בין אָבער מיט גוואַלט אַרײַנגעשטופּט געוואָרן פון די צוויי אינקוויזיטאָרן אין דער שאַפע אַרײַן. ווי לאַנג איך בין דאָרט געשטאַנען קאָן איך זיך פאַר קיין פאַל נישט דערמאָנען. אָבער, אַפּנים, אַז זיי האָבן מיך פון דאָרט אַרויסגענומען ווען כ'בין שוין נישט געווען בײַ מײַן באַוווּסטזײַן, אַ האַלב־פאַרחלשטן. איך האָב אויף די פיס נישט געקאָנט שטיין בײַם אַרויסגיין. זיי האָבן מיר אַוועק־

געלייגט אויף דער ערד און מיך באַגאָסן מיט וואַסער. ביסלעכווײַז האָב איך אָנגעהויבן צוריק צו קומען צו זיך. זיי האָבן געפּאָדערט, כ׳זאָל זיך באַלד מודה זײַן, אויב נישט, וועלן זיי מיט מיר טון נאָך עפּעס ערגערס. איך בין מער נישט געווען אין שטאַנד אַפילו זיך צו באַוועגן. זיי האָבן מיך אַרײַנגעזעצט צוריק אין דער שטול און מיך געלאָזן אַזוי זיצן עטלעכע מינוט. שפּעטער האָט מיך איינער אַרײַנגענומען אין זײַנע אײַזערנע הענט און מיך אָנגעהויבן צו דריקן און קוועטשן אַז פונקען זענען געפלויגן פאַר מײַנע אויגן:

— דו וועסט דערציילן וואָס אַט דער געמיינער אינטערנאַציאָנאַל האָט דיך געהייסן טון בײַ אונדז דאָ, צי נישט? און בײדע האָבן מיך אָנגעהויבן וואַרפן איינער צום צווייטן. צום סוף בין איך געפאַלן אויף דער ערד און געבליבן ליגן שוין אָן שום געשריי. איך בין איבערהויפּט שוין נישט געווען בכוח מער צו שרײַען. שפּעטער האָבן זיי מיך אויפגעהויבן, מיך ווײַטער אַוועקגעזעצט אויף דער שטול און מיר געזאָגט:

— הייסט עס, אַז דו האָסט באַשלאָסן זיך נישט מודה צו זײַן? — ערגער פאַר דיר! בײַ אונדז, אַז איינער איז זיך מודה, איז זײַן שטראָף אַ קליינע, ווײַל מיר פאַרשטייען, אַז מע קאָן אַ מענטש צורעדן צום ערגסטן און דער מענטש טוט געמיינקייטן נישט ווילנדיק. אָבער פאַר נישט מודה זײַן זיך באַשטראָפן מיר זייער שטרענג. אַלזאָ, אַזוי ווי דו ווילסט זיך נישט מודה זײַן, וועט מיט דיר זײַן זייער שלעכט?

מיט מײַנע לעצטע כוחות האָב איך זיי געענטפערט, אַז איך האָב נישט אין וואָס זיך מודה צו זײַן.

זיי האָבן זיך אַ ביסל דערווײַטערט פון מיר, גערעדט צווישן זיך עפּעס אין דער שטיל. איינער האָט גענומען אַ פּאַפּיר און מיר דערקלערט, אַז דאָ שטעלן זיי צונויף אַ פּראָטאָקאָל פון דער הײַנטיקער אויספאָרשונג. זיי האָבן געשריבן זייער קורץ, מיר איבערגעלייענט און געהייסן אונטערשרײַבן. אין פּראָטאָקאָל איז געווען געשריבן, אַז דער פאַרשלאָסענער האָט זיך נישט מודה געווען אין קיין שום זאַך וואָס ער ווערט באַשולדיקט. פאַרשטייט זיך, אַז וועגן דעם אַז איך בין געשלאָגן געוואָרן אויף אַ גזלנישן אופן, האָבן זיי נישט דערמאָנט מיט קיין וואָרט. איך האָב אונטערגעשריבן. כ׳האָב דאָך

שוין געוווסט אַז דאָס נישט וועלן אונטערשרייַבן, קאָן נאָר ברענגען צו דעם, אַז כ׳זאָל ווייַטער ווערן געמוטשעט און סוף־כל־סוף מוזן אונטערשרייַבן.

זיי האָבן אַרייַנגערופן דעם וועכטער און געזאָגט, ער זאָל מיך דאָ לאָזן זיצן אַ גוטע שעה, און שפּעטער מיך צוריקפירן אין מייַן קאַמער אַרייַן.

ווען כ׳בין געקומען אין קאַמער איז שוין געווען גוטער טאָג. מייַנע מיט־אַרעסטאַנטן זענען צו מיר צו, מיך אַרומגערינגלט און אָנגעקוקט. זיי האָבן געוואָלט מיט זייערע אויגן דערקענען מייַנע איבערלעבונגען. איך האָב זיי געבעטן מיך נישט אויספרעגן גאָרנישט, און זיך שטאַרק צעוויינט. אַלע האָבן מיטגעוויינט.

דעם זעלבן טאָג נאָך האָב איך זיך דערוווּסט אַז מ׳האָט אונדז גע־מאָלדן, אַז מאָרגן פרי וועט מען אונדז פירן אין באָד אַרייַן זיך אַ ביסל אויספּאַרען. אָבער קיין שום זאַך ווערט אין ראַטנפאַרבאַנד מיט די אַרעס־טירטע נישט געטון גלאַט אין דער וועלט אַרייַן. אַז מע גייט שוין דעם אַרעסטאַנט לאָזן זיך אַרומוואַשן וועט שוין מער־ווייניקער עפּעס פאָרקומען מיטן אַרעסטאַנט. אַזוי האָבן צווישן זיך גערעדט די וואָס זענען שוין גוט באַהאַוונט אינעם קאָדעקס פון דער ביאַליסטאָקער טורמע. דאָ זענען געזעסן אויך אַזעלכע אַרעסטאַנטן, וואָס זענען שוין געווען געוויסע „פּאַכלייַט״ אויף דעם געביט. זיי זענען שוין געהאַט געזעסן בייַם צאַרישן רעזשים, בייַ די פּאָלאַקן, און אויך איצט זענען זיי שוין געזעסן, איידער מ׳האָט נאָך אָנגע־הויבן צו ברענגען אין דער טורמע אַרייַן די ייִדישע פּליטים.

קאַפּיטל 33

„שפּיצברודקאַ״ און „באַנטשע שווייג״

אין אַ טאָג האָט מען אונדז אַוועקגענומען אין באָד אַרייַן. דאָס איז געווען אַ גרויסע געשעעניש.

אַ חוץ די שרעקלעכע איבערלעבונגען בייַ די אויספאָרשונגען, איז די צווייט־גרויסע פּלאָג פונעם אַרעסטאַנט געווען דאָס לעבן אין שרעקלעכן שמוץ. ווען מ׳האָט דעם אומגליקלעכן פּליט אַרעסטירט, האָט ער דאָך בייַ

זיך נישט פאַרמאָגט מער ווי דאָס איינציקע העמד וואָס ער האָט געטראָגן אויף זיך... נו, קאָן מען זיך עס פאָרשטעלן אין דער פאַנטאַזיע די ליַידן פון אַזאַ מענטש, וואָס מ׳האָט געהאַלטן אונטער די קראַטן לאַנגע חדשים אין איינציקן שמוציקן העמד וואָס ער האָט געטראָגן אויף זיך?

ווען איינער האָט געפּרוווט געבן אַ נעץ־איַין דאָס העמד ביַים קראַן וואַסער און געוואָלט עס אַ ביסל אויסוואַשן פונעם שמוץ, האָט דער „סטרע־לאָק״־וועכטער, גליַיך אויפגעהויבן אַ געשריי, אַז מע דאַרף גיין צוריק אין קאַמער. אפשר געציילטע אַרעסטאַנטן האָבן געקאָנט האָבן די געלעגנהייט צו געבן אַ וואַש איבער זייער וועש.

קאָן מען זיך שוין אויסמאָלן די פרייד ווען מ׳האָט אונדז אָנגעזאָגט די גוטע בשורה, אַז מיר וועלן זיך קאָנען אַ ביסל אַרומוואַשן אין באָד.

פאַרן אַריַינגיין אין באָד האָט מען צוגענומען ביַי יעדן איינעם זיַין ביסל זאַכן אויסצופאַרען. מ׳האָט יעדן איינעם געהייסן מאַכן פון זיַינע קליי־דער אַ פעקל כדי שפּעטער צו קאָנען אָפּנעמען. אָבער ביַים אָפּגעבן די זאַכן איז פאַרגעקומען אַזאַ פּלאָנטער וואָס מע קאָן זיך גאָרנישט פאָרשטעלן. מ׳האָט יעדן איינעם צוגעוואָרפן גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַריַין אַ פעקל, נישט זיַינס. אַזוי ווי ס׳איז דערביַי געוואָרן אַ גרויסער באַלאַגאַן, איז גע־קומען אַ באַפעל, אַז יעדער זאָל אַרויסכאַפּן אויף זיך אַ פּאָר הויזן און אין קאַמער וועט זיך שוין אויסזוכן יעדער איינער זיַינע זאַכן. די וועכטער האָבן געהאַלטן אין איין שריַיען: — גיכער, גיכער! עס דאַרפן באַלד קומען אַנדערע אַרעסטאַנטן.

מיט עטלעכע טעג שפּעטער האָבן מיר זיך דערוווּסט אַז דאָס וואָס מ׳האָט אונדז פּלוצלינג געלאָזט אַרומוואַשן איז נישט חלילה געווען דער־פאַר וואָס מ׳האָט אַזוי שטאַרק געוואָלט אָפּהיטן אונדזער געזונט; מ׳האָט נישט געמיינט די טובה פון אַרעסטאַנט. נאָר אַזוי ווי ס׳איז פאַרגעקומען אַ פאַל אַז אַ וועכטער פון טורמע איז פּלוצלינג קראַנק געוואָרן, און דער דאָקטער זאָל האָבן פאַרדעכטיקט אַז דאָס זאָל זיַין טיפוס, איז צוליב דעם געוואָרן אַ שטיקל ליאַרעם אין טורמע. ס׳איז געקומען אַ ספּעציעלע קאָנט־ראָל־קאָמיסיע און געהייסן מאַכן אַ שטיקל רייניקונג.

לויטן תפיסה־רעגולאַמין דאַרף מען דעם אַרעסטאַנט פירן אין באָד אַריַין מינימום אַלע צען טעג. דאָ איז שוין זעקס וואָכן ווי קיין שום אַרעס־

טאַנט האָט נישט געוווּסט פון קיין באָד... דער רעגולאַמין זעט אויך פאָר, אַז מע דאַרף די אַרעסטאַנטן אַרויסלאָזן אויף אַ קורצן שפּאַציר אין טורמע־הויף מיר זענען אין די זעקס וואָכן אויף קיין שום שפּאַציר נישט געוואָרן אַרויסגעפירט.

יעדן טאָג האָט מען אַוועקגעפירט אַרעסטאַנטן אין פאַרשידענע לאַגערן אַרײַן. אָבער מיט יעדן טאָג זענען אויך צוגעקומען נײַע אַרעסטאַנטן. די לעצטע וואָכן איז די ביאַליסטאָקער טורמע געווען איבערגעפּאַקט.

די ביאַליסטאָקער טורמע איז באַשטאַנען פון דרײַ געבײַדעס און דרײַ הייף, און אַ ספּעציעלע פרויען־אָפּטיילונג.

איך האָב זיך גענומען אַרומקוקן מיט וועמען איך געפין זיך דאָ. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז איינער פון די אַרעסטאַנטן פון קאַמער 92 איז אַ גרויסער „יחסן“. אַן אַלטער זיצער אין טורמעס... נאָכן צוריקקומען פון באָד האָט זיך פּלוצלינג אויפגעשטעלט איינער אַ פּאַלאַק און זיך אָנגערופן צו די איבעריקע אַרעסטאַנטן מיט די ווערטער:

— חברים, איר ווייסט כאָטש ווער איך בין? איר דאַרפט מיך אַלע גוט קענען. מײַן נאָמען דאַרף אײַך זײַן גוט באַקאַנט. איך בין דער באַרימטער אין גאַנץ פּוילן קאַסע־ברעכער שפּיצבּרודקאָ!

פאַר די אַרעסטאַנטן איז עס געווען אַ גוואַלטיקע איבערראַשונג. עפּעס אַ קלייניקייט: „שפּיצבּרודקאָ!“ געווען צײַטן ווען זײַן נאָמען איז נישט אַראָפּ פון די צײַטונגען אין פּוילן. אַלע האָבן אויסגעשטעלט זייערע אויגן אויף שפּיצבּרודקאָ.

— יאָ, יאָ, — האָט ער ווײַטער גערעדט, — דאָס בין איך. איך נאַר אײַך נישט. כ׳געפין זיך אָבער איצט צוזאַמען מיט אײַך אין דער ביאַליסטאָקער טורמע נישט דערפאַר וואָס מע זאָל מיך האָבן געכאַפּט בײַם אויפברעכן אַ קאַסע, וואָס דאָס איז געווען מײַן ספּעציאַליטעט... איך בין געכאַפּט געוואָרן ווי אַ שמוגלער אויף דער גרענעץ. ווען איך בין דאָ אַרײַנגעלאָזן געוואָרן צו אײַך מיט עטלעכע טעג צוריק האָט איר זיכער געמיינט, אַז מ׳האָט צו אײַך אַרײַנגעלאָזן עפּעס אַ פּאָליטישן פאַרברעכער? אמת? אַזוי ווי איך האָב די גאַנצע צײַט געשוויגן, האָט איר טאַקע נישט געקענט וויסן ווער ס׳געפינט זיך צווישן אײַך... איך אָבער האָב מיר מײַן טאַקטיק, גוט אויסגערעכנט פון לאַנגע זיצענישן אין פאַרשידענע טורמעס... פריער באַטראַכט

איך דעם מענטשן מיט וועמען איך געפין זיך, און אַז מײַן נאָז שמעקט אָן, אַז מע מעג רעדן, הייב איך ערשט דעמאָלט אָן אויפצומאַכן מײַן מויל. איך זאָג אײַך דעם אמת, אַז איך האָב דאָ אָנגעשמעקט, אַז קיינער פון אײַך וועט מיך נישט אויסגעבן אַז איך בין שפּיצברודקאָ!

ער האָט אָנגעהויבן צו האַלטן לעקציעס פאַר אונדז אַרעסטאַנטן, ווי אַזוי אַ ביסעלע צו פאַרבעסערן אונדזער לעבן דאָ אין דער טורמע... ערשטנס האָט ער געוויזן ווי אַזוי מע קאָן פון די זעכצן שעניקעס וואָס ליגן אויף די בעטלעך אַראָפּנעמען שטיקער סחורה און מאַכן פון זיי 16 האַנטעכער כדי מע זאָל קאָנען יעדן פרימאָרגן נאָכן וואַשן זיך אַרומווישן דאָס פּנים. דאָס דאַרף יעדער איינער פון קאַמער האָבן אַ רעכט צו טון. יעדן טאָג וועלן אַנדערע באַקומען די האַנטעכער.

אַזוי ווי ער האָט געזאָגט האָט ער גלײַך געטון. ער האָט גענומען דעם ערשטן שעניק און מיט אַ פּיטשינק מעסערל, וואָס ער האָט געהאַט באַהאַלטן בײַ זיך אין דאַשעק פון היטל, האָט ער קונציק געגעבן אַ שנײַד אָפּ אַ שטיק לײַוונט און באַלד פאַרנייט מיט נאָדל־פאָדעם, אַזוי ווי דער גרעסטער קינסטלער־שנײַדער... שפּעטער האָט ער איןביידע עקן פון די שטיקער לײַוונט געמאַכט אַזעלכע טראָלדן אַז ס׳האָט אויסגעזען ווי אַן אמתער האַנטעך...

דעם ערשטן טאָג האָט ער געמאַכט נאָר אַזעלכע האַנטעכער. ווײַטער האָט ער אונדז געלערנט, אַז מע זאָל זען צו שאַפן אַ שטיקל גלאָז פון אַ שויב וועט ער אַלעמען אָפּראַזירן, אָבער דאָס אָפּראַזירן דאַרף פאַרקומען זייער פּאַרזיכטיק, נישט מער ווי צוויי אַרעסטאַנטן אַ טאָג דאַרף מען אָפּראַזירן. פריִער אָבער מוז מען שאַפן דאָס שטיקל גלאָז. האַנטעכער — זאָגט ער — מעג מען האַלטן בײַ זיך אַז מע זיצט אַזוי פיל מענטשן צוזאַמען. גלאָז אָבער איז שטרענג פאַרבאָטן, כאָטש מיט אַ האַנטעך קאָן מען זיך דאַך אויך אויפהענגען... אָבער ווען מע געפינט דאָס האַנטעך איז די שטראָף נישט קיין גרויסע.

ווײַטער האָט ער געלערנט אַז מע דאַרף נישט אַזוי פיל ליגן אָדער זיצן. מע דאַרף זיך באַוועגן. דאָ אין קאַמער געפינען זיך אַ סך אַרעסטאַנטן. זאָל מען זיך אַלע גוט צוזאַמענקוועטשן צו די ווענט, און אין מיטן צימער לאָזן פרײַ פּלאַץ, כדי אַ צען אַרעסטאַנטן זאָלן קאָנען אַרומגיין אַ פינף מינוט

אַרום און אַרום. יעדע פינף מינוט זאָלן אַזוי גיין אַנדערע אַרעסטאַנטן. טאָמער וועלן עס די וועכטער באַמערקן, זאָלן מיר נישט האָבן קיין מורא. מיר זאָלן פאָדערן אויסצופירן דאָס געזעץ וואָס עס קומט דעם אַרעסטאַנט.

מיר האָבן אים געפאָלגט, געמאַכט אונדזערע שפּאַצירן אין קאַמער... די סטרעלקעס־וועכטער האָבן עס באַמערקט און געשריגן מיר זאָלן אויפהערן דאָס שפּיל ווייל זיי וועלן עס דערציילן די נאַטשאַלסטווע.

דאָ האָט זיך געגעבן אַ שטעל אויף שפּיצברודקאַ און זיי דערלאַנגט אַ לשון אַז זיי זענען געוואָרן פאַרשטומט. ער האָט זיי אָנגעהויבן סטראַשען מיטן סאָוויעטישן געזעץ, אַז זיי זענען פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן לעבן פון די אַרעסטאַנטן... נאָך אין דער זעלבער נאַכט האָט מען שפּיצברודקען צוגענומען פון אונדזער קאַמער. מער האָבן מיר אים שוין נישט געזען.

אין עטלעכע טעג אַרום האָט מען אויך אַרויסגענומען דעם אַלטן פאַראַליזירטן סאָציאַליסט און אַנדערע אַרעסטאַנטן. ווי מיר האָבן זיך צוגעהערט, האָט מען זיי אַוועקגעפירט אין לאַגערן. גלייך זענען אָבער צוגעקומען נייע אַרעסטאַנטן אויף זייער אָרט. דער קאַמער האָט שוין איצט געציילט קנאַפּע ניינציק אַרעסטאַנטן. ס׳איז אויך געמאָלדן געוואָרן אַ נייעס, אַז פון מאָרגן אָן וועט מען קאַמערווייז אָנהייבן אַראָפּפירן אויף שפּאַציר פון צען מינוט. יעדער קאַמער וועט געפירט ווערן באַזונדער. דאָס האָט אַ ביסעלע אויפגעהויבן אונדזער שטימונג, מיט דער האָפענונג אַז אפשר וועלן מיר שוין פּטור ווערן פון די אינקוויזיטאָרישע אויספאָרשונגען.

אויף מאָרגן גאַנץ פרי האָט מען געהייסן זיך אויסשטעלן צוויי אין אַ ריי. מ׳האָט אויפגעמאַכט די טיר פון קאַמער, און אַ נאַטשאַלניק האָט געהאַלטן אַ רעדע צו אונדז אַז מע גייט אונדז פירן אויף שפּאַציר. אָבער מיר זאָלן געדענקען אָפּצוהיטן דעם רעגולאַמין און דאָס געזעץ... מיר וועלן דאַרפן גיין צו צוויי אין אַ ריי. די גאַנצע צייט וואָס מיר וועלן זיין אויפן שפּאַציר טאָרן מיר נישט רעדן איינער מיטן צווייטן, נישט מאַכן קיין שום צייכנס צום אַנדערן. מיר מעגן נאָר גיין אַרום און אַרום אַ געוויסן קרייז וואָס די וועכטער וועלן אונדז שוין אָנווייזן.

אין קאָרידאָר זענען געווען אויסגעשטעלט וועכטערס מיט ביקסן אין די הענט. זיי זענען געשטאַנען פון ביידע זייטן, און מיר — מער ווי פערציק פּאָרלעך פון צוויי אין אַ ריי — האָבן זיך אָנגעהויבן באַוועגן דורכן לאַנגן

קאָרידאָר צו די טרעפּ צו. פּאַר אונדז איז אויך געגאַנגען אַ וואַך מיט ביקסן אין די הענט... אַדורכגייענדיק דורך די רייען פון די וועכטער האָבן זיך געשאָטן אויף אונדז אַ האָגל פון באַליידיקונגען אויף אונדזער אַדרעס, ווי גנבים, פאַשיסטן, בליאַדעס, קאָנטררעוואָלוציאָנערן. מ׳האָט אונדז אַריינגעפירט אין אַ קליין הייפל מיט הויכע מויערן, און געהייסן גיין אַרום און אַרום אין אַ קיילעכדיקן ראָד, אָבער שטום זאָלן מיר זיין, אָן לשון. טאָמער וועט מען עפּעס באַמערקן פון אונדזער זייט, וואָס איז קעגן רעגולאַמין, וועלן מיר אַלע גלייך צוריקגעפירט ווערן אין קאַמער און נאָך גאָר שטרענג באַשטראָפט ווערן.

מיר האָבן זיך צוגעפּאַסט צו דער פּאָראָרדענונג און אַזוי שפּאַצירט שטומערהייט אַ 5־6 מינוט. אָבער פּלוצלינג האָט זיך דערהערט ווי איינער פון אונדזערע גיט אַ געשריי:

— קוקט נאָר, קוקט נאָר, אויבן אויפן קלאָץ זיצט עמעצער...

מיר האָבן אַלע, נישט־ווילנדיק, געגעבן אַ קוק אין דער הייך, און געזען אַז אויף אַ טעלעגראַף־סלופּ פּאָרעט זיך עמעצער ביים צוטשעפּען אַן עלעקטרישן לאָמפּ. גלייכצייטיק מיט אונדזער קוקן אַרויף איז געוואָרן אַ גרויסע סומאַטאָכע ביי די שומרים מיט די ביקסן אין די הענט. זיי האָבן אָנגעהויבן שרייען מיר זאָלן גלייך גיין צוריק אין קאַמער און אָנווייזן ווער ס׳האָט געמאַכט דעם אויסגעשריי אין יידיש, און וואָס דער אויסגעשריי האָט באַטייט?..

מיר זענען אַוועק צוריק אין קאַמער באַגלייט מיט זידלערייען פון די וועכטערס:

— מאַשעניקי! מערזאַווצי! באַנדיטן! אַפּנאַרערס!

גלייך איז געקומען צו לויפן אַ נאַטשאַלניק און געפרעגט:

— ווער האָט געמאַכט דעם אויסגעשריי?

אַלע האָבן געשוויגן. אָבער גאָר אומדערוואַרט האָט זיך געגעבן אַ רוק אַרויס הערשעלע און געזאָגט אַז דאָס האָט ער אויסגעשריגן דעם „קוקט נאָר“. הערשעלע איז גלייך צוגענומען געוואָרן פון קאַמער און מער האָבן מיר אים שוין נישט געזען.

ווער ס׳איז געווען אָט דער הערשעלע? די גאַנצע צייט פון מיין זיין אין קאַמער האָב איך נישט געהערט אַז אָט דער, וואָס אַלע האָבן אים גערופן הערשעלע, זאָל אַ מאָל אויסרעדן אַ וואָרט. ער פלעגט שטענדיק ליגן

נישט ווײַט פון דער טיר, ליגן און שווײַגן. ער האָט בכלל געמאַכט אַן אײַנ־דרוק פון אַ מרה־שחורהניק, אַ שווײַגער, אַ שטיקל „באַנטשע שווײַג". אפשר טאַקע זײַן גילגול? אַרײַן אין קאַמער איז ער פון די ערשטע, און ווען נישט זײַן אויסגעשריי אויפן שפּאַציר איז מעגלעך אַז ער וואָלט פון קאַמער אַרויס דער לעצטער... ער איז גערופן געוואָרן נאָר אויף איין אויספאָרשונג, מער נישט... ער האָט געקאָנט אַזוי אָפּליגן גאַנצע טעג און נישט אויסרעדן קיין וואָרט... אָבער אויב מ'האָט באַדאַרפט עפּעס טון אַן אַרבעט, למשל, אַרויס־טראָגן די פּאַראַשע מיטן שמוץ — איז הערשעלע געווען דער ערשטער. מ'האָט אים שוין גאָרנישט באַדאַרפט זאָגן וועגן דעם. ער האָט עס געטון מיט דער גרעסטער שימחה... זײַן פּנים פלעגט כסדר זײַן אַ פּאַרטראַכטס. נאָר אַז ער האָט געדאַרפט עפּעס טון פאַרן קאַמער האָט זײַן פּנים אויפגע־שײַנט מיט אַ מאָדנער צופרידנקייט. אַלע שווערסטע אַרבעטן האָט אויסגע־פירט הערשעלע. וועגן די אַלע זאַכן האָבן שוין אַפילו געוווּסט אַלע וועכ־טערס פון דער גאַנצער טורמע. מ'האָט כסדר געהערט רופן:

— הערשעלע, פּאַידיאָם ראַבאָטאַט, קום אַרבעטן.

און אַזוי, שטום, אָן לשון, איז ער געלאָפן צו דער אַרבעט ווי צו אַ טאַנץ... מ'האָט פון אים קוים אַרויסבאַקומען אַז ער שטאַמט פון אַ קליין שטעטעלע אין קעלצער געגנט אין פּוילן. דער נאָמען פון שטעטעלע האָט ער בשום־אופן נישט געוואָלט זאָגן... ווער קען וויסן ווער דער הערשעלע איז געווען? פאַר וואָס ער האָט אַזוי געשוויגן?... אַז מיר האָבן זיך גוט אַרומגעקוקט, נאָך אונדזער צוריקקומען אין קאַמער פונעם שפּאַציר, האָבן מיר באַמערקט אַז ס'איז דאָ פאָרגעקומען אַ רעוויזיע. די וועכטער פון דער ענקאַווע‎דע האָבן דאָ עפּעס געזוכט... הייסט עס, אַז מ'האָט אונדז גאָרנישט געוואָלט אַזוי שטאַרק פאַרזאָרגן מיט אַ ביסל לופט, מיר זאָלן זיך אַ ביסל באַוועגן, גיין אויפן שפּאַציר, נאָר זיי האָבן פשוט באַדאַרפט דורכפירן עפּעס אַן אונטערזוכונג אין אונדזער קאַמער: דאָס איז געווען די סיבה, וואָס מ'האָט אונדז פלוצעם אַרויסגעשיקט אין דרויסן אַרויס זיך דורכשפּאַצירן אַ ביסל. דאָס זעלבע איז פאָרגעקומען אין דער גאַנצער טורמע.

קאַפּיטל 34

די לעצטע טעג אין תפיסה

דער מענטש האָט שטענדיק זײַנע פאַרגעפילן. עפּעס האָב איך געפילט אַז איך וועל שוין לאַנג נישט זײַן אין דער ביאַליסטאָקער טורמע. איך בין גערופן געוואָרן צו נאָך עטלעכע אויספאַרשונגען. איך האָב אָבער שוין אײַנגעזען אַז דאָס קאַפּיטל ביאַליסטאָקער טורמע האַלט זיך בײַ ענדיקן פאַר מיר. קיינער האָט עס מיר נישט געזאָגט. אָבער מײַן פאַרגעפיל האָט עס מיר אונטערגעזאָגט אַז גאָר אין קורצן וועל איך פּטור ווערן פונעם מאַטערן מיך אויף די אויספאַרשונגען, וואָס איך וועל מײַן גאַנץ לעבן נישט פאַרגעסן.

אין די לעצטע טעג פון יולי 1940 בין איך גערופן געוואָרן איין מאָל אויף אַן אויספאַרשונג. מ׳האָט מיר מער נישט ווי איבערגעלייענט פון אַ פּאַפּיר אַרויס אַז איך האָב זיך נישט מודה געווען, און מיר געהייסן אונ־טערשרײַבן. נאָכן אונטערשרײַבן האָט מען מיר געוויזן מײַן קאַרנעט פון אַקטיאָרן־פאַראיין אין וואַרשע, און פעסטגעשטעלט מיט מײַן אונטערשריפט, אַז דאָס איז טאַקע מײַן קאַרנעט. נאָך דעם ווי איך האָב עס באַשטעטיקט האָט דער אויספאַרשער אײַנגעריסן מײַן קאַרנעט ביז אין דער העלפט. ס׳האָט אויף מיר געמאַכט אַזאַ אײַנדרוק ווי מע וואָלט אײַנגעשניטן מײַן אייגן פלייש... איך האָב אין דעם אײַנרײַסן מײַן קאַרנעט פאַרשטאַנען אַז די אויס־פאַרשונג, וואָס איז געפירט געוואָרן דאָ אין טורמע וועגן מיר, איז פאַרענדיקט. און אַזוי איז עס טאַקע געווען.

אין עטלעכע טעג אַרום האָט מען אויסגערופן מײַן נאָמען און גלײַך צוגעגעבן „סאָביערײַסיאַ זוויעשטשאָמי״, פאַרנעם זיך פון דאַנען מיט די זאַכן. דאָס זאָגן מיט די זאַכן האָט פאַרן אַרעסטאַנט געהייסן אַז מע פירט אים אַרויס פון קאַמער. דאָס מאָל טאַקע האָט מען מיך געפירט אויפן הויף. דאָרט זענען שוין געשטאַנען אַ סך אַרעסטאַנטן און געוואַרט. ס׳איז אָנגע־קומען אַ העכערער נאַטשאַלניק מיט זייער פיל ענקאַוועדעניקעס. זיי האָבן געהייסן אַלעמען זיך אויסטון נאַקעט... ס׳איז צוגעגאַנגען די זעלבע קער־פּערלעכע רעוויזיע פון די אַרעסטאַנטן ווי דאָס ערשטע מאָל ווען מ׳האָט זיי

געפירט אין די קאַמערן. צופעליק האָב איך פלוצלינג געגעבן אַ קוק אין דער הייך, צו די פענצטער. פון איינס פון די טורמע־הייזער, ווו ס׳זיצן די אַרעסטאַנטן, האָב איך באַמערקט צווישן די קראַטן קעפ פון פרויען־אַרעסטאַנטקעס... נישט נאָר איך אַליין האָב עס דערזען, אויך די אַנדערע נאַקעטע מענער־אַרעסטאַנטן האָבן עס באַמערקט. ס׳האָבן אָנגעהויבן קומען פון אויבן, פון די פרויען פאַרשידענע צווייזײַטיקע אויסרופן... פאַרשטייט זיך, אַז די מענער־אַרעסטאַנטן האָבן אויך נישט געשוויגן... די ענקאַוועדיסטן, וואָס האָבן געמאַכט די קערפּערלעכע רעוויזיע בײַ די מענער־אַרעסטאַנטן, האָבן זיך ערשט געלאָזן ווילגיין מיט יענע שיינע ווערטלעך אויפן חשבון פון די נאַקעטע. זיי אַליין, די וועכטער פון „גערעכטיקייט און מאָראַל“, האָבן זיך געקאַטשעט פאַר געלעכטער פונעם שיינעם ספּעקטאַקל וואָס זיי האָבן דאָ אײַנגעאָרדנט... הייסט עס, אַז די נאַטשאַלסטווע אַליין האָט באַשטימט צו מאַכן די רעוויזיע בײַ די נאַקעטע אַרעסטאַנטן אויף דעם הויף ווו ס׳געפינען זיך די פענצטער פון דער פרויען־טורמע... כדי צו מאַכן פון דער רעוויזיע אַזאַ מין פאַרווײַלנדיקן ספּעקטאַקל.

גוטע פיר שעה האָט מען אונדז אַזוי געהאַלטן אויף דעם הויף און שפּע־טער געהייסן זיך אויסשטעלן צו צוויי מענער אין אַ ריי, און אָנהייבן צו־צוגיין צום טויער. ווען דאָס טויער האָט זיך געעפנט האָב איך געזען שטיין אַ ריי קאַמיאָנען און אַרום זיי אַ סך באַוואָפנטע ענקאַוועדיסטן. די ביקסן האָבן זיי געהאַלטן אין די הענט אָנגעשטעלט — גרייט צום שיסן יעדע מינוט.

באַלד האָט זיך באַוויזן אַן ענקאַוועדע־„שישקע“ און געהאַלטן פאַר אונדז אַ רעדע ווי מיר דאַרפן זיך אויפפירן: מיר זאָלן אַרויפגיין צו צוויי אַרעסטאַנטן מיט אַ מאָל אויפן קאַמיאָן, זיך אויסזעצן צו אַכט אין אַ ריי אין דער ברייט פון קאַמיאָן און האַלטן די פיס צענומען, ס׳זאָל זיך קאָנען בײַ יעדן איינעם אַרײַנזעצן אין זײַנע פיס אַ צווייטער אַרעסטאַנט. קיינער זאָל נישט וואַגן צו רעדן איינער צום צווייטן. אַלע מוזן זיצן רויִק, אָן קיין שום אויסרופונג אויף די גאַסן דורך וועלכע מיר וועלן אַדורכפאָרן. פריִער זאָלן אַרויפגיין אויפן קאַמיאָן פיר באַוואָפנטע וועכטערס, וואָס זאָלן זיך אויס־שטעלן אין די פיר ווינקעלעך פון קאַמיאָן...

מיר זענען אַרויפגעפּאַקט געוואָרן אויפן קאַמיאָן און אײַנגעפּרעסט גע־

וואָרן איינער אין צווייטן ווי הערינג אין אַ פּעסל. אַז די קאַמיאָנעו זענען שוין געווען גרייט צום פאָרן האָט דער זעלבער צו אונדז נאָך געזאָגט, מיר זאָלן גוט געדענקען ווי מיר דאַרפן זיך האַלטן, פּאַר נישט צופּאַסן זיך צו דער דיסציפּלין און געזעץ וועט מען צוריקגעבראַכט ווערן אין טורמע אַריַין.

מיר האָבן טאַקע נישט געוווּסט וווּ מע פירט אונדז, אָבער וואָס ס׳זאָל מיט אונדז נישט זיַין האָבן מיר קודם געוואָלט פּטור ווערן פון דער טורמע.

דער קאַראַוואַן פון קאַמיאָנען האָט געריִרט אין וועג אַריַין. מיר זענען געפאָרן דורך די ביאַליסטאָקער גאַסן איןִ מיטן העלן טאָג. איך האָב באַמערקט אויף די טראָטואַרן אַ סך מענטשן וואָס האָבן אונדז נאָכגעקוקט. כ׳האָב אַפילו אויך באַמערקט באַקאַנטע. ס׳איז פאַר מיר געוואָרן פאַרשטענדלעך אַז מע פירט אונדז ספּעציעל אַזוי אָפן אין מיטן העלן טאָג, כדי ס׳זאָל מאַכן אַן איַינדרוק אויף די וואָס זענען נאָך נישט אַרעסטירט... זאָלן זיי, די „גליקלעכע״ בירגער פון סאָוויעטישן גן־עדן, זען ווי מע זעט ביַי זיי אויס אויב מע טוט נישט זייער ווילן... אָט אַזוי האָט די סאָוויעטישע מאַכט פּאַראַדירט מיט אונדז, אומגליקלעכע אַרעסטאַנטן, אין ביאַליסטאָק אין די ערשטע טעג פון אויגוסט 1940.

די קאַמיאָנען האָבן זיך אָנגעהויבן צו דערוויַיטערן פון צענטער שטאָט. וואָס אַ מאָל האָבן מיר געזען אַז מיר דערנענטערן זיך צו באַן־וואַגאָנען. מיר האָבן דערזען פון דער וויַיטנס אַ סך פראַכטוואַגאָנען. מיר האָבן שוין אַפילו געזען דעם אויבערשטן טייל פון זיי, די דעכער. ווען מיר זענען שוין צוגעקומען נאָענט, האָבן מיר באַמערקט אַז ס׳איז געמאַכט געוואָרן אַ ספּעציעלער פּלויט, כדי קיינער זאָל נישט זען וואָס ס׳טוט זיך אויף דער צווייטער זיַיט... קיין שום פּאַסאַזשיר־סטאַציע איז דאָ נישט געווען. קיין פראַכט־סטאַציע אויך נישט. דאָס אָרט איז שוין געווען זייער וויַיט פון שטאָט. דערפאַר איז דאָרט געמאַכט געוואָרן אַ ספּעציעל אָרט מיט עטלעכע רייען רעלסן וווּ ס׳זענען געשטאַנען די וואַגאָנען. מ׳האָט געהייסן אַראָפּגיין פון די קאַמיאָנען איינציקוויַיז. פריִער אָבער האָבן זיך אויסגעשטעלט זייער פיל סאָלדאַטן מיט געווער אין די הענט. מיר זענען אַריַינגעלאָזן געוואָרן דורך אַ שמאָלינק טירעלע אויף דער זיַיט וווּ די וואַגאָנען זענען געשטאַנען. יעדער איינער פון אונדז האָט באַדאַרפט אַדורכקריכן אונטערן וואַגאָן און אַרויסקומען אויף דער צווייטער זיַיט, וויַיל דאָרטן האָבן זיך געפונען די אָפענע טירן צו קאָנען

אַרײַנקומען אין די וואַגאָנען. בײַ יעדער טיר איז געשטאַנען גרייט אַ לייטער צו קאָנען אַרײַנגיין...

ווען כ׳בין אַדורכגעקראָכן פון אונטערן וואַגאָן האָב איך ערשט דערזען אַ פרישע זעלנערישע וואַך מיט ביקסן אין די הענט. אַז ס׳איז שוין געהאַט אַדורכגעקראָכן די וואַגאָנען אַ גרעסערער טייל אַרעסטאַנטן, האָט מען אויסגערופן די נעמען און יעדן איינעם געוויזן זײַן וואַגאָן, ווו ער האָט באַדאַרפט גלײַך אַרײַנגיין אינעווייניק. איך האָב דערוואַרט, ביז מ׳האָט מײַן נאָמען אויסגערופן, באַמערקט אַז דער עשאַלאָן איז אַן אויסערגעוויינטלעך לאַנגער, אויף וויפל דאָס אויג מײַנס האָט געקאָנט כאַפּן, האָב איך קיין סוף פון די וואַגאָנען נישט געזען. און געשטאַנען בין איך צווישן וואַגאָנען פון ביידע זײַטן, דאָס הייסט, אַז אויך די צווייטע ליניע איז געווען צוגעגרייט מיט אַזאַ לאַנגע ריי וואַגאָנען ווי די ערשטע ליניע... ס׳איז קענטיק געווען, אַז מע גרייט זיך דאָ אַרויסצופירן פון ביאַליסטאָק אַ סך טויזנטער אַרעסטירטע. איך האָב ענדלעך געהערט אויסרופן מײַן נאָמען און איך בין אַרײַן אין וואַגאָן.

קאַפּיטל 35

אין פאַרמאַכטע „טיעפּלושקעס״

אין וואַגאָן פונעם משא־צוג האָב איך שוין געטראָפן אַרעסטאַנטן נאָר אַלע פרעמדע. איך האָב קיינעם פון זיי נישט געקענט. פון מײַן קאַמער איז נישט געווען דאָ קיינער. פון ביידע זײַטן וואַגאָן האָבן זיך געפונען פּריטשעס, אַזעלכע „קויקעס״. איך האָב געוואָלט פאַרנעמען אַן אָרט אויבן, ווו ס׳האָט זיך געפונען אַ פאַרקראַטעוועט פענצטערל, אָבער לײדער בין איך געווען אַזוי אָפּגעשוואַכט פון מײַנע איבערלעבונגען אין טורמע, אַז ס׳איז פאַר מיר שווער געווען אַרויפצוקריכן אויף דער אויבערשטער קויקע און כ׳בין שוין געבליבן אונטן.

אויף דער פּאָדלאָגע פון וואַגאָן איז געווען אויסגעשניטן אַ קײַלעכיק לאָך פאַרן מענטשלעכן געברויך. לעבן אויסשניט איז געשטאַנען אַ גרויס

פּאַס. וואַסער איז נאָך נישטאָ. דער וואַגאָן האָט אָנגעהויבן ווערן מיט יעדער מינוט פולער. ס'איז שוין באַלד נישט געווען קיין אָרט ווו זיך אַוועקצולייגן. די אַרעסטאַנטן האָבן אָנגעהויבן פּילן דאָרשט און הונגער. ס'איז געווען אומדערטרעגלעך.

די אַרעסטאַנטן האָבן אָנגעהויבן קלאַפּן אין די וואַגאָנען און שרײַען: „וואַסער"! „ברויט"! אין וואַגאָן האָט גלײַך אָנגעשטעקט דעם אַנדערן און פון אַלע וואַגאָנען פון אונדזער עשאַלאָן, האָבן די אַרעסטאַנטן געשריגן: — וואַסער! ברויט! ברויט. וואַסער! אַ כאָר פון עטלעכע טויזנט אַרעסטאַנטן האָט געשריגן: גיט אונדז ברויט און וואַסער! ברויט און וואַסער!

די טיר פון וואַגאָן האָט זיך געגעבן אַ פּראַל אויף. ס'האָט זיך באַוויזן דער קאָפּ פון סאָלדאַט מיט דער ביקס אין דער האַנט אָנגעשטעלט גלײַך אויף אונדז:

— מאָלטשאַט! פּאַרמאַכט די מאָרדעס' ייִדעלעך; אַנישט, שיס איך!

ס'איז געוואָרן שטילער אַ ביסל. עמעצער האָט געפרעגט: — ווען וועט מען געבן אַ ביסל וואַסער? אַ שטיקל ברויט? און ווידער איז געוואָרן אַ גע־רודער פון די אַרעסטאַנטן. דער סאָלדאַט האָט ווײַטער געגעבן אַ ציִ־אויס זײַן ביקס ווי צום שיסן: — האַלטס די מאָרדעס! ער האָט אָבער גלײַך צו־געגעבן, אַז ס'וועט שוין לאַנג נישט דויערן און ס'וועט זײַן ברויט און וואַסער. די אַרעסטאַנטן האָבן זיך דערוווּיל געמוזט באַרויִקן, מיטן בלויזן צחאָג.

ס'זענען אַריבער נאָך עטלעכע שעה. דער הונגער און דאָרשט האָבן גענומען נאָך מער דערקוטשען. מיר האָבן זיך אָנגעהויבן אַדורכצוקלאַפּן מיט די אַנדערע וואַגאָנען. אויך זיי האָט מען נאָך גאָרנישט געבראַכט. און אַז מיר האָבן דערהערט, אַז ניין, האָט אונדזער וואַגאָן אַרעסטאַנטן ווידער אָנגעהויבן שרײַען און געוואָרן אונטערגעהאַלטן פון שכנישע וואַגאָנען.

די געשרייען וועגן ברויט און וואַסער האָבן זיך זיכער געהערט ביז צו דער שטאָט.

ווידער איז געקומען דער באַקאַנטער סטראַשונעק פון די סאָלדאַטן אַז זיי וועלן אונדז אויסשיסן ווי די הינט! מיר האָבן געענטפערט: — שיסט! און ווײַטער געשריגן מ'זאָל אונדז געבן ברויט און וואַסער.

ס'איז צוגעפאַלן די נאַכט. מידע, דורשטיקע און הונגעריקע זענען אַ סך אַרעסטאַנטן פּשוט אַוועקגעפאַלן אויף זייערע ערטער און אָפּגעלעגן ביז פאַרטאָג. אין דער פרי האָט מען ווײַטער אָנגעהויבן צו שרײַען: ברויט און וואַסער.

אַ ביסל שפּעטער האָט זיך אויפגעמאַכט די טיר פון וואַגאָן. ס'זענען צו אונדז אַרײַן עטלעכע ענקאַוועדיסטן מיט די רעוואָלווערן אין די הענט און געפרעגט: — היי, זשידי, ווער פון אײַך האָט געשריגן דער ערשטער?

קיינער האָט נישט געענטפערט.

— זאָגט גלײַך — ווער זענען די בונטאָווטשיקעס און מיר וועלן זיי גלײַך דערשיסן דאָ אויפן אָרט אין וואַגאָן. קיינער האָט נישט געענטפערט. זיי האָבן געגעבן אַ באַפעל, מיר זאָלן אויסקלײַבן פיר אַרעסטאַנטן. אין אַ האַלבער שעה אַרום וועט מען קומען נאָך זיי. מיר זענען געבליבן אַ ביסל צעטומלט... וואָס הייסט, מיר זאָלן אויסקלײַבן פיר אַרעסטאַנטן. צו וואָס דאַרפן זיי די פיר?

מיר האָבן באַשלאָסן קיינעם נישט אויסצוקלײַבן פרײַוויליק.

דער ריגל פון דער טיר האָט זיך אויפגערוקט. מיר דערהערן אַ געשריי: — נו, גיכער, ווו זענען די פיר? זאָלן די פיר אַרויס פון וואַגאָן! זיי וועלן דאַרפן טראָגן וואַסער פאַר אײַך אין פאַס אַרײַן.

איינער פון אונדזערע אַרעסטאַנטן איז געגעבן אַ גיי צו צו דער טיר און געזאָגט צו אונדז:

— קומט נאָך דרײַ פערזאָן. איך זע, אַז דאָ לעבן וואַגאָן שטייען טאַקע צוגעגרייט אַכט עמערס צו ברענגען וואַסער. איך בין געווען דער צווייטער וואָס איז צו צו דער טיר, נאָך צוויי זענען צו און מיר זענען אַרויס פון וואַגאָן. פיר באַוואָפנטע סאָלדאַטן האָבן אונדז געהייסן נעמען יעדן איינעם צו צוויי עמערס און אונדז אָנגעהויבן פירן לענגויס דער באַן־ליניע ביז צום סוף פון לעצטן וואַגאָן. דאָ ערשט האָב איך געזען די ריזיקע צאָל וואַגאָנען, אָנגעפּאַקטע מיט אונדזערע ייִדישע אַרעסטאַנטן. איך בין גאָרנישט געווען אַזוי זיכער, צי די שומרים אונדזערע פירן אונדז טאַקע נאָך וואַסער. אָבער ס'האָט זיך געוואָלט ריזיקירן און טאַקע כאַפּן אַ קוק ווו מיר געפינען זיך...

מיר זענען געקומען צום סוף פון די וואַגאָנען. איך האָב געזען ווי עס ציִען זיך עטלעכע באַנגליניעס. אַרום און אַרום איז כמעט אַ פוסטע געגנט. פון דער ווײַטנס זעען זיך נאָר איינצלנע הײַזקעס, קליינע פויערישע כאַטקעס, ס׳הייסט, אַז מיר געפינען זיך ווײַט הינטער דער שטאָט, אויף אַ ספּעציעל־צוגעגרייטע ליניע. דערפאַר קאָנען מיר אַזוי שטיין מיט אונדזערע וואַגאָנען און נישט באַמערקן קיין שום באַן אַדורכפאָרן און אויך נישט קיין שום מענטשן.

דער מאַרש מיטן וואַסער האָט זיך אָנגעהויבן אויף צוריק. די הענט אונדזערע זענען געוואָרן מיד פון טראָגן די צוויי עמערס וואַסער אַזאַ ווײַטן וועג. מיר האָבן זיך אָבער געגעבן די מי צו גיין ווײַטער מיט די לעצטע כוחות, ווײַל מיר האָבן געטראַכט, אַז מיר ברענגען דאָך וואַסער פאַר אונדזערע דאָרשטיקע און אויסגעהונגערטע אַרעסטאַנטן־חברים. דאָס האָט אונדז געגעבן אפשר דעם כוח צו קאָנען דערגיין ביזן וואַגאָן.

אויפן וועג האָבן מיר שוין אויך באַגעגנט נאָך אַזעלכע וואַסערטרעגער פון די אַנדערע וואַגאָנען. די שימחה, וואָס ס׳איז געוואָרן אין וואַגאָן, ווען זיי האָבן אונדז דערזען צוריק לעבעדיקע און נאָך דערצו מיט וואַסער, איז נישט צו באַשרײַבן. דעם אמת זאָגנדיק זענען זיי דאָך נישט געווען זיכער צי מע נעמט אונדז טאָקע צו ברענגען וואַסער, אָדער צו באַשטראָפן פאָרן שרײַען אין כאָר מע זאָל אונדז געבן ברויט און וואַסער.

שוין 24 שעה ווי מיר זענען אין די וואַגאָנען. מיר האָבן מער נישט באַקומען ווי דאָס ביסעלע אויסגעקעמפטע וואַסער. די נאַטשאַלסטווע האָט שוין געכאַפּט אַ גוט גנביש געשעפטל. זיי האָבן אונדז געלאָזט הונגערן און די סומע געלט, וואָס דאַרף קאָסטן דאָס באַשפּײַזן אַזאַ גרויסע צאָל אַרעס־טאַנטן, האָבן זיי אַראָפּגעלאָזט צו זיך אין קעשענע. שפּעטער, האָב איך זיך איבערצײַגט ווי ריכטיק איך האָב דעמאָלט אָפּגעשאַצט די לאַגע אין וואַגאָן...

די שעהען פון צווייטן טאָג האָבן זיך גערוקט. דער הונגער איז דער־גאַנגען די יאָרן. מיר האָבן באַשלאָסן נישט צו שווײַגן. ווידער האָט זיך אָנגעהויבן די ריכטיקע מעשה... באַלד האָבן מיר דערהערט ווי מע רוקט אויף דעם ריגל פון אונדזער טיר. ס׳האָט זיך באַוויזן אַן ענקאַוועדיסט מיט אַ פּאַפּיר אין האַנט. ער פרעגט אויס יעדן איינעם זײַן נאָמען.

— איר וועט גלײַך — זאָגט ער — קריגן ברויט און נאָך עפּעס צום ברויט אויך.

נאָר ביז מע וועט ברענגען ס׳ברויט לייגט ער פאָר מיר זאָלן דערווײַל צווישן זיך אויסקלײַבן איינעם פאַר אַ סטאַראָסטע. ער בעט מיר זאָלן מער נישט שרײַען, ווײַל אָט־אָט וועלן מיר באַקומען עסן...

עפּעס האָט ער צו „וויידן" גערעדט צו אונדז. צופיל געבעטן — האָב איך מיר געטראַכט — אַפּנים אַז דאָס „געשעפטל" פון לאָזן הונגערן אַזאַ גרויסע מאַסע אַרעסטאַנטן איז זייער אַ גוטס און ס׳לוינט בעסער צו רעדן מיט גוטן, אַפילו צו בעטן די אַרעסטאַנטן, זיי זאָלן הונגערן אין דער שטיל... ווײַל דאָס שרײַען קאָן אַ מאָל דערפירן צו אַ קאָנטראָל, און אַ קאָנטראָל מיינט נישט חלילה אַז זיי, די גנבים פון אונדזער ברויט, וועלן באַשטראָפט ווערן, דאָס נישט... נאָר אַז ס׳וועט קומען אַ קאָנטראָל וועלן צוקומען נאָך שותפים צו דער גניבה. שותפים צום גוטן געשעפט... דעריבער, אַפּנים, זענען אונדזערע נאַטשאַלניקעס פון דעם עשאַלאָן געוואָרן צו אונדז אַ ביסל ווייכער...

מיר האָבן אָנגעהויבן טראַכטן וועמען צו קלײַבן פאַר אַ סטאַראָסטע. זייער אַ סך אַרעסטאַנטן האָבן פאָרגעלייגט מײַן קאַנדידאַטור. איך האָב זיי אָבער געגעבן אַ מאָטיוו מיך נישט אויסצוקלײַבן: איך בין זייער אָפּגעשוואַכט פון מײַנע איבערלעבענישן אין טורמע. דאַקעגן האָב איך צוגעזאָגט אַז ווע־מען מע וועט נישט אויסקלײַבן וועל איך שטענדיק זײַן גרייט מיט עפּעס צו העלפן. איך האָב אָנגעוויזן אויף איינעם, גאָדל, אַ געזונטער אײַזערנער יונג, אַ קצב. איך האָב זיי דערקלערט, אַז אָט דער גאָדל וועט זיך גוט אויס־טויגן פאַר דעם אַמט. גאָדל אָבער האָט געזאָגט, אַז ער קאָן מיר בעסער העלפן ווי איך אים. אַזוי ווי אַלע זענען צו מיר צוגעשטאַנען, האָב איך געמוזט אײַנשטימען צו ווערן דער סטאַראָסטע. איך האָב זיך אויסגערעדט אַז ס׳זאָל הערשן אַ חברישע באַציִונג פון איינעם צום צווייטן. נאָך איין זאַך האָב איך זיך מיט מײַנע חברים־אַרעסטאַנטן אויסגערעדט, אַז פאַר דער נאַטשאַלסטווע זאָל טאַקע הייסן, אַז איך בין דער סטאַראָסטע. נאָר איך שטעל אַ באַדינג, מע זאָל צוקלײַבן נאָך אַ פּאָר חברים צו מיר, וועלן מיר זײַן אין דער אמתן גאַנצע פינף סטאַראָסטעס. דאָס וועט הייסן אַזאַ מין פינף־פער־

זאַניקע פאַרוואַלטונג פאַרן וואַגאָן אַרעסטאַנטן. פאַרשטייט זיך, איך האָב פאַרגעלייגט אַז צווישן די פיר זאָל אַריינגיין אויך גאָדל. ער האָט איינגעשטימט. און ביי אונדז אין וואַגאָן איז געשאַפן געוואָרן אַ קאָמיטעט פון פינף.

די טיר פון וואַגאָן האָט זיך אויפגערוקט. ס'האָט זיך דערהערט אַ קול:

— דו, סטאַראָסטע, ווי איז דיין נאָמען?

איך האָב געענטפערט.

דער וועכטער האָט ווייטער גערעדט:

— פון איצט אָן זאָלסטו וויסן, אַז דו וועסט זיין פאַר אַלצדינג פאַראַנטוואָרטלעך וואָס אין וואַגאָן וועט געשען! געדענק, זאָלסט האַלטן אָרדענונג, דיסציפּלין.

— זאָגט מיר — האָב איך געפרעגט — ווען וועט מען שוין ענדלעך געבן דאָס ברויט?

— שוין — האָט ער געענטפערט — אָט ברענגט מען דאָס ברויט. גיב אַהער מענטשן וואָס זאָלן צוטראָגן דאָס ברויט, זאָלן זיי מיטנעמען עטלעכע מענאַשקעס און קענדלעך, און דו אַליין קום אויך מיט. איך מיט מיינע פיר צוהעלפערס האָבן גענומען קעסלעך. דער שומר האָט אַרויסגענומען פון זיין קעשענע אַ פאַרשריבענעם בויגן פּאַפּיר און פעסטגעשטעלט, אַז אין אונדזער וואַגאָן געפינען זיך 64 אַרעסטאַנטן. מיר זענען צוזאַמען מיטן שומר אַוועק ברענגען דאָס ברויט.

מיר זענען צוגעקומען צום ערשטן וואַגאָן נאָכן לאָקאָמאָטיוו. דאָרט האָבן מיר געזען זיצן די גאַנצע נאַטשאַלסטווע וואָס פירט אונדז. איינער פון זיי האָט געמאָלדן, אַז יעדע פיר אַרעסטאַנטן וועלן באַקומען אַ ברויט צו צעטיילן אויף פיר גלייכע חלקים. פאַר דעם וועט זיין פאַראַנטוואָרטלעך דער סטאַראָסטע פון יעדן וואַגאָן.

עס האָבן זיך באַוויזן שומרים מיט גרויסע קוישן ברויט און אַנדערע מיט קעסלען. דער קאָמענדאַנט, וואָס איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער באַשפּייזונג, האָט געהייסן זיך אויסשטעלן די סטאַראָסטעס מיט זייערע מענטשן אין רייען און מ'האָט אָנגעהויבן טיילן די פּאַרציעס. איך האָב באַקומען 16 ברויט פאַר מיינע 64 אַרעסטאַנטן. מיינע צוויי געהילפן האָבן גענומען דאָס ברויט און די אַנדערע צוויי — די קענדלעך און מענאַשקעס מיט קליינע הערינגלעך, וואָס זיי האָבן נישט געזשאַלעוועט. זיי האָבן געהייסן נעמען

וויפל מע וויל. מיר האָבן זיך שטאַרק געוואונדערט וואָס מע גיט אונדז אַזוי פיל הערינגלעך... יעדער סטאַראָסטע האָט באַדאַרפט אונטערשרײַבן, אַז ער האָט באַקומען פאַר זײַן וואַגאָן גענוג ברויט און הערינג. מיר זענען גיך געגאַנגען צו אונדזער וואַגאָן, כדי וואָס גיכער צו קאָנען שטילן דעם הונגער פון אונדזערע אויסגעפּײַניקטע חברים. די ברויטן זענען געווען אײַנגעשניטן אין פיר טיילן. ס'איז דעריבער נישט שווער געווען זיי צו טיילן אין פיר גלײַכע חלקים. די אויסגעהונגערטע אַרעסטאַנטן האָבן זיך צוגעכאַפּט צום עסן מיט גרויס אַפּעטיט. די הערינגלעך זענען געווען געזאַלצן און האָבן געהאַט אַ שלעכטן טעם... נאָר ווער האָט געקוקט אויף דעם. מ'האָט געגעסן אויף ביידע באַקן. קיינער האָט נישט געטראַכט פון שפּעטער. מ'האָט אויפגעגעסן דאָס גאַנצע ברויט און וואָס מער הערינגלעך.

נאָכן עסן האָט יעדער איינער זיך געגעבן אַ כאַפּ צו צום טרינקען. איך האָב געהייסן גאָדל זאָל זיך אָוועקשטעלן לעבן פּאַס מיט אַ טעפּעלע, אויסרופן יעדנס נאָמען און טיילן פּאָרציעס וואַסער, ווײַל כ'האָב מורא געהאַט אַז אַ סך וועלן בלײַבן אָן אַ טרונק. די געזאַלצענע הערינגלעך האָבן גענומען שטאַרק ווירקן... און דאָס וואַסער האָט זיך געענדיקט.

חברה האָט אָנגעהויבן צו פאָדערן כ'זאָל עפּעס טון, ס'זאָל זײַן וואַסער. איך האָב זיי דערמאָנט אַז כ'האָב עטלעכע מאָל בײַם טראָגן דאָס ברויט דערמאָנט דעם וועכטער וועגן באַזאָרגן אונדז מיט וואַסער און ער האָט צוגעזאָגט. די צײַט איז אָבער געגאַנגען, ס'איז געוואָרן נאַכט, קיין וואַסער האָט מען נישט באַקומען און בײַנאַכט האָבן זיך דערהערט שרעקלעכע געשרייען פון אַלע וואַגאָנען:

— וואַסער! גיט אונדז וואַסער!

דער ענטפער פון די שומרים איז געווען:

— שווײַגן! מיר וועלן שיסן!

אין די וואַגאָנען האָבן זיך די אַרעסטאַנטן געקאַרטשעט פון ווייטיק אין זייערע בײַכער פון די געזאַלצענע הערינגלעך. די געשרייען זענען געגאַנגען ביז צום הימל. ס'האָט אָבער גאָרנישט געהאָלפן. מיר האָבן נאָר געהערט:

— מאָלטשאַט! שווײַגן! אויב נישט וועט מען שיסן.

איך בין געווען זיכער, אַז אַ ליאַדע מינוט נעמט מען מיך אַרויס פון וואַגאָן ווי דער וואָס איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער אָרדענונג און כ'וועל

שוין מײַן פּאַרציע באַקומען... אָבער קיינער האָט זיך נישט געיאָגט. כמעט אַ גאַנצע נאַכט האָבן נישט אויפגעהערט די געשרייען: — וואַסער! ראַטע־וועט אונדז! גיט אונדז וואַסער! מ׳האָט געבעטן, געוויינט, אַז מען קומט אום פון דאָרשט.

פאַרטאָג איז געפאַלן אַ רעגנדל. כ׳האָב געפּרוווט נעמען אַ קליין טעפּל און אַרויסשטעקן מײַן האַנט דורכן אייבערשטן קראַטן־פענצטערל, אפשר אַזוי אַרום קאָנען איינציקווײַז אַרײַננעמען אין וואַגאָן צו טעפּעלעך רעגן־וואַסער און שטילן דעם דורשט. דאָס ערשטע טעפּעלע וואַסער איז מיר געלונגען. עטלעכע פאַרחלשטע האָבן באַקומען אַ ביסעלע וואַסער. בײַם צווייטן טע־פּעלע האָב איך באַקומען פונעם סאָלדאַט אַ זעץ מיט דער ביקס אין דער האַנט מיט אַ געשריי:

— נעם צו דײַן לאַפּע, דו זשיד!

ביז הײַנטיקן טאָג האָב איך נאָך אַ צייכן פון יענעם קלאַפּ.

נאָך אַנדערע האָבן געפּרוווט אַזוי צו נעמען אַ ביסל וואַסער. נאָר ס׳איז נישט געלונגען. אַז מיר האָבן דערלעבט דעם טאָג האָבן מיר זיך דערוווּסט אַז אונדזער וואַגאָן האָט נאָך גוט אָפּגעשניטן... מיר האָבן, אַפנים, גענומען אַ קליינע פּאַרציע הערינגלעך. די אַנדערע וואַגאָנען האָבן מער גענומען. ווײַל דאָרט זענען די פּאָלגן געווען שרעקלעכע. די נאַטשאַלסטווע אַליין איז געווען געצוווּנגען אַרויסצונעמען עטלעכע אַרעסטאַנטן אין אַ שווערן צושטאַנד און זיי אַוועקפירן אין שפּיטאָל אַרײַן.

ענדלעך האָבן מיר דערהערט אַ לאַנגן פײַף פון אַ לאָקאָמאָטיוו, און פאַרשטאַנען אַז מיר וועלן באַלד זיך לאָזן אין וועג אַרײַן.

נאָך קנאַפּע דרײַ טעג זײַן אין די וואַגאָנען, אויסגעמוטשעטע פון הונ־גער און דאָרשט, האָט אונדזער עשאַלאָן אָנגעהויבן צו פאָרן ערגעץ־ווו אויף אַן אומבאַקאַנטן וועג, אין אַן אומבאַקאַנטער ריכטונג.

וווהין פירט אונדז דער דאָזיקער אומבאַקאַנטער וועג?

קאַפּיטל 36

וואָס זענען מיר — הענדלער צי גנבים?

איך האָב זיך אַוועקגעלייגט אויף מײַן אָרט. זיך אײַנגעהערט ווי די רעדער קלאַפּן. הייסט עס, אַז מיר פאָרן טאַקע, אָבער וווּהין?

מיר זענען אָפּגעפאָרן אַ גאַנצע נאַכט און אין דער פרי זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ סטאַציע, נאָר ווײַט פון וואָקזאַל. דורך די קראַטן־פענצטערלעך האָב איך באַמערקט ווי אויף אַנדערע ליניעס זענען געשטאַנען אַ סך עשאַלאָנען. אַפּנים, אַז דאָרטן האָבן זיך געפונען אַזעלכע אומגליקלעכע ווי מיר. אייניקע פון אונדז האָבן אָנגעהויבן ספּעציעל רעדן הויך אויף אַ קול, כדי עמעצער פונעם צווייטן עשאַלאָן זאָל דערהערן. דאָס האָט זיך אונדז אײַנגעגעבן. די אַרעסטירטע פונעם צווייטן עשאַלאָן האָבן אָנגעהויבן אַריבערצושרײַען צו אונדז. מיר האָבן זיך איבערגעצײַגט אַז אויך אין צווייטן עשאַלאָן פאָרן ייִדן.

די סאָלדאַטן, וואָס האָבן זיך געדרייט אַהין און אַהער לעבן די פאַר־שלאָסענע וואַגאָנען, האָבן אונדז געהאַלטן אין איין סטראַשען מיר זאָלן שווײַגן און אויפהערן שרײַען, אַנישט שיסן זיי גלײַך אין די וואַגאָנען. מיר אָבער האָבן זיי צוריקגעענטפערט אַז אָנשטאָט צו שיסן זאָלן זיי בעסער טראַכטן צו געבן עפּעס עסן און טרינקען, נישט לאָזן אונדז אויסגיין פון הונגער. זיי האָבן אונדז נישט פאַרשוויגן פאַר אונדזער „חוצפּה" צו פאָדערן ברויט מיט וואַסער און טאַקע אויסגעשאָסן גלײַך אויפן אָרט. נאָר נישט אין די וואַ־גאָנען אַרײַן — אין דער לופט. אַן אײַנדרוק האָבן אָבער די פּאָר שאָסן אויף אונדז פאָרט געמאַכט, ווײַל אין דער ערשטער מינוט האָבן מיר געמיינט אַז זיי שיסן טאַקע אַרײַן צו אונדז אין די וואַגאָנען.

אויף די פּאָר שאָסן, וואָס די סאָלדאַטן האָבן געגעבן אין דער לופט, זענען גלײַך אָנגעלאָפן עטלעכע נאַטשאַלניקעס פון דער הויפּטוואַך און גע־פרעגט פאַר וואָס זיי שיסן? זיי האָבן געענטפערט, אַז זיי האָבן געמוזט, ווײַל די אַרעסטאַנטן, רעדן זיך איבער מיט די אַרעסטאַנטן פון אַנדערן עשאַלאָן, זיי בונטעווען זיך מע זאָל זיי וואָס גיכער געבן עסן, און בונטעווען זיך איז דאָך קעגן געזעץ, דערפאַר האָבן זיי געגעבן עטלעכע שאָסן אין דער לופט.

כדי די פאַרשלאָסענע זאָלן וויסן אַז אויב מע וועט דאַרפן וועט מען אויך שיסן צו זיי אין די וואַגאָנען.

דאָס געשפּרעך צווישן די נאַטשאַלניקעס מיט די שיסערס איז צוגע־גאַנגען אַזוי הויך אַז מיר האָבן געהערט יעדעס וואָרט. גלײַך האָבן די נאַטשאַלניקעס אָנגעהויבן צו עפֿענען איין וואַגאָן נאָכן צווייטן און געמאָלדן, אַז פּאַר בונטעוועס קאָן טאַקע קומען דערשאָסן צו ווערן אויך. מיר זאָלן זיך האַלטן רויִק, שוין נישט לאַנג וועט עס דויערן און מיר וועלן באַקומען עסן.

זיי האָבן געהייסן אַז פֿון יעדן וואַגאָן זאָל דער סטאַראָסטע באַשטימען צו צוויי מענטשן וואָס וועלן דאַרפֿן ברענגען וואַסער. שיינע עטלעכע שעה האָט געדויערט ביז די וואַגאָנען זענען באַזאָרגט געוואָרן מיט וואַסער. זיי האָבן אונדז אויך געמאָלדן אַז מיר וועלן נאָך דאָ שטיין אַ שטיקל צײַט, ווײַל מע דאַרף דאָ באַקומען ברויט און דאָס מוז נאָך געדויערן.

ווען ס׳איז שוין געוואָרן כמעט פֿינצטער האָבן מיר דערהערט עפּעס אַ גערודער פֿון אונדזערע וואַכסאָלדאַטן. גלײַך האָבן מיר דערהערט ווי מע שליסט אויף אונדזער טיר. צו אונדזער וואַגאָן איז צוגעפֿאָרן אַ קעסל מיט עסן. דער וואַכסאָלדאַט האָט געהייסן נעמען פֿון יעדן זײַן מענאַשקע. יעדער וועט באַקומען אַ פּאָרציע זופּ. אָבער יעדער זאָל זיצן אָדער שטיין אויף זײַן אָרט, כדי נישט אָפּצונאַרן און נעמען צוויי מאָל. יעדער האָט ענדלעך באַ־קומען אַ ביסל הייס וואַסער וואָס אונדזערע פֿאַרזאָרגער האָבן עס אָנגע־רופֿן זופּ. קיין ברויט האָט מען נישט געבראַכט.

אין מיטן נאַכט האָבן מיר דערפֿילט ווי אונדזער עשאַלאָן פֿאָרט ווײַטער. יעדער פֿון אונדז האָט שוין געהאַט אויפֿגעגעסן זײַן לעצט שטיקל ברויט צו־זאַמען מיט דער וואַסערדיקער זופּ. מיר זענען ווײַטער געפֿאָרן אַ גאַנצע נאַכט ביזן העלן טאָג אַרײַן. מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט זייער ווײַט פֿון אַ נײַער סטאַציע. ווידער האָבן מיר דאָרט באַמערקט שטיין וואַגאָנען מיט פֿאַרקראַטנטע פֿענצטערלעך. זיכער אַן עשאַלאָן מיט אַרעסטאַנטן. די נאַ־טשאַלניקעס האָבן שוין די זאַך אַזוי אָרגאַניזירט, אַז איין עשאַלאָן פֿון צווייטן זאָל זיך געפֿינען וואָס ווײַטער, כדי מע זאָל זיי חלילה נישט געבן קיין „גוט אויג" פֿאַר אַזוי פֿיל אַרעסטירטע פּליטים.

נאָכן וואַרטן נישט מער ווי אַ האַלבע שעה האָבן מיר דערהערט ווי די

טיר פון אונדזער וואַגאָן רוקט זיך אויף. פאַר אונדז שטייט איינער פון אונ־דזערע הויפּט־שומרים. ער גיט אַ געשריי:

— סטאַראָסטע, גיכער! נעם מיט זיך פיר קרעפטיקע יונגען, אָבער גאָר פעסטע, זיי וועלן דאַרפן טראָגן זעק מיט ברויט פאַר דעם וואַגאָן אויף עטלעכע טעג; אָבער קום! שנעלער!

איך מיט מײַנע פיר געהילפן זענען אַראָפּגעקראָכן פון וואַגאָן. פון די אַלע אַנדערע קנאַפּע 50 וואַגאָנען זענען אויך אַראָפּ די סטאַראָסטעס און צו פיר אַרעסטאַנטן. מיר זענען אַרומגערינגלט געוואָרן פון אַ גרויסער וואַך ענקאַוועדע־שומרים מיט די ביקסן אין די הענט, באַגלייט פון הינט. אַכט גרויסע הינט — געפירט צו פיר אין בײדע זײַטן — האָבן אונדז באַגלייט אויפן וועג אַהין און צוריק.

דער מאַרש האָט זיך אָנגעהויבן. דער וועג האָט געדויערט מער ווי אַ שעה אין איין זײַט. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז מיר געפינען זיך שוין אויף דער סאָוויעטישער טעריטאָריע. מיר זענען שוין געהאַט אַריבער די פאַר־מילחמהדיקע גרענעץ, מיר האָבן עס גלײַך דערקענט, זעענדיק די מענטשן, וואָס מיר האָבן באַגעגנט, אין זייער נעבעכדיקער קליידונג... קיין גרויסן אַכט האָבן די מענטש אויף אונדז נישט געלייגט, צי ס'איז געווען פאַר מורא פאַר די וואָס האָבן אונדז געפירט, אָדער דערפאַר, וואָס אַזעלכע „פירעכ־צער" איז שוין פאַר זיי נישט קיין נײַעס, האָבן מיר נאַטירלעך נישט גע־קאָנט און נישט געטאָרט פרעגן בײַ זיי.

אונדזערע אונטערפירערס האָבן אונדז בײַם אָנהייב מאַרש געוואָרנט, נישט צו רעדן מיט קיינעם אויפן וועג. טאָמער האַלטן מיר זיך נישט בײַם געזעץ גייען מיר גלײַך צוריק אָן ברויט און מיר ווערן נאָך באַשטראָפט. זענען מיר טאַקע געגאַנגען שטיל ווי אויף אַ לוויה.

מיר זענען צוגעקומען צו אַ ברייט־געעפנטן טויער. אַרײַן אין הויף און שוין געזען ליגן אויף דער ערד אויסגעשפּרייטע זעק פון מעל און אויף זיי — ברויט. מיר האָבן זיך אויך דערוווסט אַז דאָס איז איינע פון די גרעסטע ברויט־פאַבריקן אין דער געגנט. מ'האָט אָנגעהויבן אויסרופן די נעמען פון די סטאַראָסטעס. יעדער איינער פון זיי האָט באַקומען פיר זעק ברויט פאַר זײַן וואַגאָן. ווען אַלע האָבן שוין געהאַט באַקומען זייער ברויט האָט דער עלטסטער פון אונדזערע שומרים געגעבן אַ קאָמאַנדע:

דוד לעדערמאַן

— די זעק אויף די פּלייצעס! צו פינף פּערזאָן אין אַ ריי!

אַרומגערינגלט פון די שומרים און די הינט האָט זיך אָנגעהויבן דער מאַרש אויף צוריק. אָפּגייענדיק אַ פופצן מינוט איז געקומען אַ באַפעל צו בלייבן שטיין. אַזוי זענען מיר געשטאַנען מער ווי אַ שעה און געוואַרט, נישט וויסנדיק אויף וואָס. אויפפאַלנדיק איז אונדז געוואָרן דאָס וואָס מיר זענען נישט אין דער געגנט, ווו מיר שטייען, קיין איין דורכגייער.

פלוצלינג האָבן מיר דערהערט פון דער צווייטער גאַס טריט פון זייער אַ סך מענטשן. ס'האָט נישט לאַנג געדויערט ווי מיר האָבן געזען אָנקומען אַ גרויסע גרופּע פון אַ 100 מאַן, געפירט אויך פון באַוואָפנטע זעלנער און פון הינט. מ'האָט גלייך די נייע אַרעסטאַנטן געהייסן אַריינגיין אין דער מיט פון אונדזערע ברויט־טרעגער, און אונדז געוואָרנט מיר זאָלן מיט די נייע אַרעסטאַנטן נישט פירן קיין שום געשפּרעך. שטום אָן אַ וואָרט צו הערן פון עמעצן האָט זיך אָנגעהויבן דער מאַרש פון איבער דריי הונדערט אַרעס־טאַנטן־פּליטים, באַוואַכט פון זייער פיל ענקאַוועדע און אַ גרויסע מחנה הינט. לײדער האָט געפעלט דער פילם־אַפּאַראַט וואָס זאָל פאַראייביקן אָט די פּראָצעסיע פון די אַרעסטאַנטן מיט די זעק אויף די פּלייצעס.

ווען מיר זענען צוגעקומען צו די וואַגאָנען האָבן מיר באַמערקט אַז פאַר די נייע איז שוין געווען צוגעגרייט צוויי ספּעציעלע וואַגאָנען וואָס מ'האָט צוגעטשעפּעט צו אונדזער עשאַלאָן. ווי מיר האָבן זיך שפּעטער דער־וווסט זענען די נייע אַרעסטאַנטן צונויפגעזאַמלט געוואָרן פון פאַרשידענע טורמעס אין די קליינע שטעטלעך. זיי האָבן געוואַרט אויף אונדזער עשאַ־לאָן עטלעכע טעג, נישט ווייט פונעם ברויט־קאָמבינאַט.

יעדער פון אונדזערע אַרעסטאַנטן אין וואַגאָן האָט באַקומען אַ גאַנץ ברויט מיטן אָנזאָג אַז דאָס איז אויף עטלעכע טעג. ביינאַכט האָט זיך אָנגע־הויבן אונדזער ווייטערדיקע רייזע אויף דעם אומבאַקאַנטן וועג.

מיר זענען געפאָרן אין אַ לאַנגזאַמען טעמפּ. מער געשלעפּט זיך ווי געפאָרן. זיך אָפּגעשטעלט עטלעכע מאָל אויף קליינע סטאַציעלעך. צוויי מאָל אָבער האָט מען פאָרט דורך די לעצטע טעג געמוזט מאַכן אַ ביסל אַ לענגערן אָפּשטעל. ס'האָבן זיך שוין אָנגעהויבן הערן די אַלטע געשרייען פון די וואַגאָנען:

— וואַסער! וואַסער!...

די אויסגעהונגערטע און דאַרשטיקע אַרעסטאַנטן זענען ווײַטער געווען גרייט צו שרײַען ווי לאַנג די כוחות וועלן נאָך דינען. דאָס אַפּנים האָבן די נאַטשאַלניקעס דערשמעקט. זיי האָבן אויך געוווּסט אַז מיר הערן גוט זייערע הולאַנקעס אין די צוויי וואַגאָנען וואָס זיי פּאַרנעמען. מיר האָבן גוט געהערט זייערע געלעכטערס, זייער שפּילן אויף די האַרמאָשקעס און זייער זינגען. זיי האָבן דאָרט געפּרעסן און געזויפּט, געשיכורט אויף אונדזער חשבון.

טעג זענען אַוועק און טעג זענען געקומען. דאָס ברויט האָט זיך גע־ענדיקט, מיר האָבן געהונגערט, געשריגן, ווײַטער באַקומען ברויט אויף אַ טאָג, און אַזוי זענען אַוועק פּופצן טעג און נעכט. ביז אין אַ געוויסן טאָג, גאַנץ פרי, האָט זיך אונדזער עשאַלאָן אָפּגעשטעלט. אַ קליין שטיקל צײַט איז געווען שטיל. ס׳האָט אָבער נישט לאַנג געדויערט ווי מיר האָבן געהערט, אַז מע רוקט אויף אונדזער טיר. מיר האָבן פאַר זיך געזען אַ גרויסן פרײַען שטח, אַ פעלד, קיין שום סטאַציע, קיין שום וואָקזאַל. באַלד האָט זיך גע־הערט אַ באַפעל אַז פון יעדן וואַגאָן זאָלן אַראָפּגיין די סטאַראָסטעס. איך בין אַראָפּ פון וואַגאָן. דער אָנפירער פון עשאַלאָן האָט דערקלערט אַז מע פאָרט נישט ווײַטער. דאָ אויף דעם אָרט גייען מיר אַלע אַרויס פון די וואַגאָנען, נאָר דאָס אַרויסגיין מוז צוגיין מיט אַ סדר. ער האָט געגעבן אַ קאָמאַנדע, אַז יעדער סטאַראָסטע זאָל הייסן אַרויסגיין זײַנע מענטשן פון די וואַגאָנען, אַלע זאָלן זיך אויסשטעלן צו פינף אין אַ ריי לעבן זייערע וואַגאָנען און אַזוי בלײַבן שטיין ביז מע וועט זיי הייסן גיין אויפן באַשטימטן אָרט.

ווען אַלע זענען שוין געשטאַנען לעבן די וואַגאָנען, האָט מען געהייסן גיין אַ לאַנגע שטרעקע אויפן פרײַען פעלד און יעדע גרופּע זאָל זיך אויס־זעצן איינער אינעם צווייטנס פיס אַרײַן. אין די ערשטע רייען פון ערשטן פינפטל זאָל זיצן דער סטאַראָסטע.

אַזוי האָבן זיך אויסגעזעצט די ערשטע אַרעסטאַנטן פון צען וואַגאָנען אין דער ברייט פונעם ריזיקן פעלד. מיט פופציק מעטער אָפּגערוקט ווײַטער האָבן זיך אויסגעזעצט אינעם זעלבן סדר אַנדערע צען וואַגאָנען און אַזוי דער גאַנצער עשאַלאָן.

דער זעלבער נאַטשאַלניק האָט געהאַלטן אַ רערע, אַז מיר זאָלן זיך האַלטן שטיל, ווײַל באַלד קומט אָן דער הויפּט־גענעראַל פון ענקאַוועדע, וואָס האָט צו זאָגן איבער די לאַגערן פון דער געגנט. ס׳האָט נישט גענומען קיין

פופצן מינוט ווי מיר האָבן דערהערט זיך דערנענטערן צו אונדז רײַטער. באַלד האָבן מיר דערזען ווי אַ פופציק מיליטער־לײַט זענען געקומען צו רײַטן אויף פערד. נאָך זיי עטלעכע אויטאָס פון וועלכע ס׳זענען אַרויס ענקאַוועדע פון פאַרשידענע ראַנגען. אַלע האָבן זיך אויסגעשטעלט מיליטעריש. ערשט דעמאָלט איז אָנגעקומען אַ טונקל־צעגלאַנצטע פּרעכטיקע לימוניזע. צוויי ענקאַוועדיסטן זענען צוגעלאָפן און אויפגעמאַכט די טיר. ס׳איז אויסגע־שטיגן אַ מגושמדיקער פאַרשוין, כמעט צוויי מעטער די הייך, אַ רויט פּנים, מיט אַ ריזיקן דיקן קאַרק, גראָב ווי אַ חזיר, גראָלעך, צווישן 55 און 60 יאָר, אין גאַנצן אַ ראַזירטער, מיט אַ פּאָר שרעקלעכע אויגן.

אַז מיר האָבן דערזען דעם דאָזיקן פאַרשוין האָט זיך די גאַנצע זיצנ־דיקע מאַסע ווי ספּאָנטאַן געגעבן אַ באַוועג... דאָס איז געקומען נישט ווילנדיק, ווײַל דער גענעראַל האָט געמאַכט אַן איינדרוק, ווי ס׳וואָלט זיך פאַר אונדז באַוויזן אַ היטלער־גענעראַל, אַ גערינג, און נישט קיין פאַרשטייער פון דער פּראָלעטאַרישער מלוכה.

ער האָט אָנגעהויבן שפּאַנען צווישן די אַרעסטאַנטן און גענומען גוט באַטראַכטן יעדן איינעם פון אונדז. פּלוצלינג האָט ער אויסגעבראָכן אין אַ שרעקלעכן געלעכטער, אָבער אַזוי געלאַכט, אַז זײַן גאַנצער קערפּער האָט ווי באַקומען קאָנוולסיעס. ווען ער האָט זיך שוין אַ ביסל באַרויִקט, האָט ער אָנגעהויבן צו שרײַען און צו ליאַרמען:

— וועמען האָט איר מיר דאָ געבראַכט? אָט דאָס וועלן זײַן מײַנע אַר־בעטער? קוקט זיי נאָר אָן!

ער האָט אויסגעבראָכן מיט אַ פרישן געלעכטער און אָנגעהויבן צו שיטן מיט „יאָפּקעס״ און דערמאָנט עטלעכע נעמען וואָס זענען אָפּנים פאַראַנט־וואָרטלעך געווען פאַר אונדזער אָהערקומען דאָ. די גאַנצע צײַט פון זײַן שרײַען האָט קיינער פון דער נאַטשאַלסטווע, וואָס האָט אונדז געבראַכט, נישט געוואָגט אויסצורעדן קיין וואָרט... זיי זענען געשטאַנען מיט דער גרעסטער מורא, און אים געקוקט אין די אויגן אַרײַן מיט אַזאַ מין דרך־ארץ, און מיט אַזעלכע טרויעריקע פּנימער געקוקט אין אונדזער זײַט, אַז מיר זאָלן, חלילה־וחס, זיך נישט אָנרופן מיט קיין וואָרט, און אַזוי אַרום צו קאָנען פון אונדז וואָס גיכער פּטור ווערן. עס האָט אויף זיי אָפּנים געברענט די הויט.

פלוצלינג האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און זיך געוואָנדן צו אונדז מיט דער פראַגע:

— ווי טשטאָ? טאַרגאָווּשטשיקי? אילי וואָרי? וואָס זענט איר, הענדלער, צי גנבים? נו, ענטפערט! גיכער! — האָט ער געשריגן — ענטפערט!

אַזוי ווי איך בין געזעסן אין דער ערשטער ריי, האָב איך געענטפערט, מיר זענען נישט קיין גנבים נאָר אַרבעט־מענטשן, פון פאַרשידענע פראָפעסיעס. מעגלעך, אַז צווישן אונדז זענען אויך פאַראַן הענדלערס, סוחרים, אָבער מיר זענען דאָך דאָ, גלייבן מיר, נישט געקומען אַהער האַנדלען. דער גורל האָט אונדז דערפירט דערצו, אַז מיר זענען געווען געצוווּנגען צו אַנטלויפן פון אונדזערע היימען, צוליב דעם, וואָס אַ שרעקלעכער מערדער, אַ שונא פון אַלע אָרנטלעכע דעמאָקראַטישע מענטשן, איז אונדז באַפאַלן, כדי אונדז אומצוברענגען, זענען מיר געווען געצוווּנגען צו ווערן פליטים, מענטשן אָן אַ היים, דערפאַר געפינען מיר זיך דאָ איצט אין דער שרעקלעכער לאַגע, הונגעריקע און דאַרשטיקע.

— שווײַגן! — איז געקומען אַן אויסגעשריי פון גענעראַל — אָט דאָ האָב איך אַ ראַפּאָרט, אַז מ׳האָט אײַך געגעבן גענוג צו עסן די גאַנצע צײַט פון פאָרן אַהער! נישט וואַגן צו זאָגן קיין ליגן! — און געגעבן גלײַך אַ באַפעל:

— אָפּפירן די פּוילישע ייִדעלעך אויף זייערע אַרבעט־פּלעצער און זען צו זיי זענען אַרבעטער, אָדער הענדלער און גנבים.

אַלע אַרעסטאַנטן האָבן מיר זיך געלאָזן אין וועג אויפן ווײַטערדיקן גורל.

קאַפּיטל 37

אין קאַראַנטין־לאַגער

אַ ריזיקע צאָל אַרעסטאַנטן — נישט צום ציילן. מיר האָבן מאַרשירט איבער פעלדער צו פינף אין אַ ריי. אַן אומענדלעכע גראָע פּראָצעסיע. שפּעטער זענען מיר אַרויף אויף אַ שאָסיי. נאָכן אָפּגיין אַזוי אַ לענגערע צײַט

האָבן מיר אָנגעהויבן באַמערקן פון דער ווייטנס קליינע נידעריקע הייזער. מיר זענען אָבער נאָך געווען ווײַט פון זיי.

מיר האָבן זיך דערנענטערט צו די געבײַדעס און צוגעקומען צו אַן אָפענעם טויער וווּ מ׳האָט שוין געוואַרט אונדז אויפצונעמען... מיר האָבן אָנגעהויבן אַרײַנשטראָמען אינעם אויסערגעוויינטלעכן גרויסן לאַגער וואָס זײַן סוף איז גאָרנישט געווען צו כאַפּן מיטן אויג. ס׳האָט אויסגעזען ווי אַ גאַנצע שטאָט מיט זייער נידעריקע געבײַדעס, אָפּגערוקט איינע פון דער צווייטער מיט אַ גרעסערן שטח. פון דער ווייטנס האָב איך באַמערקט אַז ס׳געפינען זיך שוין דאָ אַ סך אַרעסטאַנטן. ס׳האָט זיך דערהערט אַ קאָמאַנדע, אַז יעדער סטאַראָסטע זאָל זיך אַוועקשטעלן מיט זײַנע מענטשן און בילדן אַ באַזונדערע גרופּע. שפּעטער האָט מען יעדער גרופּע געטיילט ברויט און געהייסן צוגיין צו אַ קיך, זיך אויסשטעלן אין אַ ריי מיט די מענאַשקעס אין די הענט. אַז איין גרופּע וועט שוין האָבן באַקומען עסן און וועט אַוועק פונעם קיך־פּענצטערל, דאַרף צוגיין אַ צווייטע גרופּע. מיר האָבן באַקומען יעדער איינער אַ פּאָרציע זופּ, וווּ ס׳זענען שוין אַרומגעשווומען אַ ביסל גרויפּן מיט עטלעכע שטיקלעך קאַרטאָפל. נאָכן גרויסן הונגער אויף אונדזער וועג, האָט דאָס ביסל הייסע זופּ מיטן ברויט אונדז פּשוט מחיה געווען.

ווען ס׳האָט אָנגעהויבן צופאַלן די נאַכט האָט מען אונדז געפירט אַ ביסל טיפער אינעם גרויסן לאַגער וווּ מיר האָבן דערזען הילצערנע באַראַקן. מ׳האָט אונדז געהייסן אַרײַנגיין אין די פאַרשידענע באַראַקן און דערבײַ דערקלערט, אַז די ערטער אונדזערע הײַנט זענען נאָר אויף דערווײַל.

דער באַראַק אין וועלכן איך בין אַרײַן איז געווען זייער גרויס. דאָרט זענען געווען קויקעס. זיי זענען געשטאַנען אין גלײַכע רייען. אָבער געמאַכט אַזוי, אַז צוויי מענטשן איז אויסגעקומען צו שלאָפן אין שכנהשאַפט. יעדער האָט טאַקע געהאַט זײַן אָרט, אָבער בײַ זײַן זײַט האָט זיך געפונען אַ שכן. אַזוי אויבן און אַזוי אונטן. ס׳זענען געשטאַנען טאָפּלטע קויקעס, וווּ מ׳האָט געקאָנט גיין פון ביידע זײַטן. איך האָב פאַרנומען אַן אָרט אין דער אונטערשטער קויקע און געהאַט אַ שכן פון דער צווייטער זײַט קויקע, דאָך זענען מיר געלעגן זייער נאָענט זײַט בײַ זײַט.

אינעם באַראַק איז געווען פינצטער, נאָר אין אַ ווינקל בײַם אַרײַנקום איז עפּעס יאָ געווען אַ לעמפּל, נאָר ס׳האָט נישט געברענט.

די קויקע צום שלאָפן איז געווען פון הוילע ברעטער. אַלע זענען מיר געווען שרעקלעך אויסגעמאַטערט און אַוועקגעפאַלן אויף די הילצערנע קויקעס, ווי האַלב-טויטע. די גרויסע מידקייט האָט געווירקט. כ׳בין פאַרזונקען געוואָרן אין אַ שטאַרקן שלאָף.

אַ קלינגען פון אַ גלאָק האָט פאַרהילכט דעם באַראַק צוזאַמען מיט געשרייען: — „ווסטאַט״! אויפשטיין! באַלד בין איך געשטאַנען אויף די פיס. כ׳האָב געפרווט אַרויסגיין אויפן הויף. קיינער האָט מיר נישט געשטערט. כ׳האָב געזען פון ווייטנס ווי אַרעסטאַנטן וואַשן זיך ביי אַ קראַן, כ׳בין צוריק אַריין אין באַראַק, געבעטן מיין שכן ער זאָל האַלטן אַן אויג אויף מיין רעקל ווייל כ׳וויל זיך דערפרישן און אַרומוואַשן אַ ביסל. כ׳האָב אים צוגעזאָגט, אַז ווען איך וועל קומען צוריק וועט ער קאָנען טון דאָס זעלבע.

מיין שכן, נאָכן אויסזען כמעט אַ יינגל, האָט איינגעשטימט און מיר נאָך אויך געגעבן עפּעס אַ שטיקל ליינוונט זיך אַרומצווווישן. כ׳בין צו צום וואַסער און דאָרט האָב איך געטראָפן אַרעסטאַנטן וואָס זענען אַהערגעקומען מיט עטלעכע וואָכן פאַר אונדז. כ׳האָב זיך פון זיי דערוווסט, אַז דאָ, ווו מיר געפינען זיך איצט, איז אַ קאַראַנטין-לאַגער. דאָס איז נאָך נישט דער ריכטיקער אַרבעט-לאַגער. דאָ איז דאָס אָרט וואָס אַלע אַרעסטאַנטן מוזן דורכגיין. דאָ בלייבט מען נישט מער ווי עטלעכע וואָכן. גלייך ווי מיין שכן איז צוריקגעקומען נאָכן וואַשן זיך האָט מען ווייטער געקלונגען. כ׳בין אַרויס פון באַראַק. אויפן הויף האָט מען געהייסן, יעדער באַראַק זאָל זיך אויסשטעלן ביי דער קיך מיט זיין קעסעלע וועט ער באַקומען „קיפּיאַטאָק״, הייס וואַסער צו טרינקען, און אויך אַ פּאָרציע ברויט אויפן גאַנצן טאָג.

שפּעטער האָט מען אויך געמאָלדן אַז היינטיקן טאָג וועט מען יעדן איינעם אָפּאָרמולירן, ס׳הייסט, פאַרשרייבן. וואָס פאַרשרייבן? ווען פאַרשרייבן? קיינער האָט, פאַרשטייט זיך, נישט געוווסט. מ׳האָט אָנגעהויבן רופן איינציקווייז. אַז מ׳האָט אויסגערופן מיין נאָמען האָב איך ערשט דערזען, אַז איך שטיי פאַרן סאַמע נאַטשאַלניק פונעם קאַראַנטין-לאַגער. איך בין אַריין אין אַ גענוג גרויס צימער, ווו ס׳זענען געזעסן באַאַמטע, אַקטןשרייבערס. מיט יעדן איינעם פון אונדז איז דאָך מיטגעקומען זיין „דיעלאָ״. אָבער דאָ אינעם קאַראַנטין-לאַגער האָט מען נאָך אַ מאָל קאָנטראָלירט די מענטשן און זייערע פּאַפּירן. ביים פרעגן וועגן מיין פּראָפעסיע האָב איך

נאַטירלעך געענטפערט: אַן אַקטיאָר. איך האָב אָבער גלײַך באַמערקט ווי דאָס וואָרט אַקטיאָר האָט אויפֿן נאַטשאַלניק געמאַכט אַ געוויסן אײַנדרוק, ווײַל ער האָט מיך עטלעכע מאָל איבערגעפרעגט צי איך בין טאַקע געווען ביז מײַן אַרעסט אַ פּראָפעסיאָנעלער אַקטיאָר? ער האָט מיך געהייסן אויף מאָרגן אַרײַנקומען צו אים און גלײַך עס געמאָלדן זײַן געהילף, אַז מע זאָל מיך מאָרגן אין דער פֿרי צולאָזן צו אים. דעם אמת זאָגנדיק בין איך פֿון דעם געווען אומצופֿרידן. כ'האָב נישט געוואָלט זײַן קיין שום נאָענטער מענטש מיט דער נאַטשאַלסטווע, ווײַל כ'האָב דאָך שוין גוט געוווּסט מיט וועמען איך האָב דאָ צו טון. איך האָב אָבער קיין שום ברירה נישט געהאַט. איך האָב געמוזט גיין צו אים.

צומאָרגנס בין איך אַרײַן צום נאַטשאַלניק, געבליבן שטיין נישט ווײַט פֿון דער טיר. ער איז געזעסן אין אַ פֿאָטעל. ער האָט מיך צוגערופֿן צו זיך און מיך ווידער איבערגעפֿרעגט צי איך בין טאַקע געווען אַ פּראָפעסיאָנעלער אַקטיאָר, און ווו איך האָב געשפּילט? אין וואַרשע? ער האָט מיר באַלד גע־זאָגט, אַז ער קען זייער גוט וואַרשע, לאָדזש, קראָקע, לעמבערג און נאָך אַ סך שטעט פֿון פּוילן. און נאָך עפּעס זאָגט ער מיר, אַז ער פֿאַרשטייט פּויליש. זײַן נאָמען איז סימקיעוויטש. איך הייב אָן צו רעדן צו אים פּויליש. אָבער ער ענטפֿערט מיר נאָר אין רוסיש. לויט זײַנע ענטפֿערס זע איך טאַקע, אַז ער פֿאַרשטייט זייער גוט פּויליש, אָבער רעדן דאָס פּוילישע לשון האָט ער נישט געוואָלט, און אפֿשר טאַקע נישט געטאָרט... פֿאָרט אַ נאַטשאַלניק פֿון ענקאַווּעדע. ער האָט מיך שטאַרק באַדויערט, וואָס איך געפֿין זיך צווישן די אַרעסטירטע... אָבער גלײַך צוגעגעבן אַז צו דעם קאָן ער מיר גאָרנישט העלפֿן... ער האָט זיך אויך אַרויסגעכאַפּט מיט ווערטער, אַז ער האָט אַמאָל געהאַט אַ שייכות צום טעאַטער, און צוגעגעבן, אַז ווער ס'האָט נאָר אַמאָל פֿאַרזוכט דעם טעאַטער־סם, קאָן עס שוין אין זײַן גאַנץ לעבן נישט פֿאַרגעסן.

ער האָט אַרײַנגערופֿן זײַן געהילף און געהייסן מיר געבן אַ ספּעציעלן טאַלאָן צום מיטאָג וואָס מע וועט באַקומען. איך האָב טאַקע אויף דעם טאַלאָן באַקומען אַ ספּעציעלע גרויסע פּאָרציע קאַשע וואָס נאָר די נאַטשאַלסטווע באַקומט. אָבער מיט דער פּאָרציע קאַשע האָט זיך עס פֿאַרענדיקט... מער האָט מיך דער נאַטשאַלניק סימקיעוויטש נישט גערופֿן און קיין שום טאַ־

לאָזען מיר מער נישט געגעבן. כ׳האָב אים אויך מער פּאַר מײַנע אויגן נישט געזען...

ווי כ׳האָב זיך מיט חדשים שפּעטער דערוווּסט, האָט אים דער טאַלאַן אויף דער פּאַרציע קאַשע, וואָס ער האָט מיר געהאַט געגעבן, ווי אַ מיט־געפיל פון אַ טעאַטער־מענטש צו אַן אַקטיאָר, אים זייער טײַער געקאָסט. מ׳האָט אים אַראָפּגענומען פון זײַן פּאָסטן און פּאַרשיקט אין אַ צווייטער געגנט...

אויפן דריטן טאָג האָט מען אַלעמען געהייסן אַרבעטן אינעם לאַגער־הויף בײַ פּאַרשידענע אַרבעטן ווי למשל טראָגן זאַמד, האַקן שטיינער, שלעפּן ברעטער. דער „פּאַר־לאַגער" האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ גאַנץ שטעטל. מ׳האָט דאָרטן געהאַלטן אין איין בויען באַראַקן און אויך געמויערטע הײַ־זער. אַרבעט איז געווען גענוג פאַר אַלעמען. יעדן אין דער פרי האָט מען פּאַרשידענע גרופּעס באַשטימט צו געוויסע אַרבעטן. מיר איז אויסגעקומען צו טראָגן זאַמד און האַקן שטיינער. דער קאַראַנטין־לאַגער איז ביסלעכווײַז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שווערער קאַטאָרגע.

אין אַ געוויסן אויפדערנאַכט, ווען כ׳האָב זיך נענטער באַקענט מיט מײַן שכן אין באַראַק, ווען מיר זענען אַזוי געלעגן אויף אונדזערע געלעגערס, פרעג איך אים זײַן פאַמיליע־נאָמען. ער ענטפערט מיר, צו מײַן דערשטוינונג, אַז זײַן פאַמיליע־נאָמען איז לעדערמאַן. וואָס? — פרעג איך — דו הייסט לעדערמאַן? אויף אַן אמת? איך זאָג אים, איך הייס לעדערמאַן. און דו יונגערמאַן, הייסט טאַקע אויך לעדערמאַן? קומט דאָך אויס אַז מיר זענען — ווי גאָלדפאַדנס צוויי קוני־לעמל? ער מאַכט אויף זײַנע צוויי קינדערשע אייגעלעך און שרײַט כמעט אויס:

— אויך איר הייסט לעדערמאַן? אפשר זענען מיר פאַמיליע?

— פון וועלכער שטאָט זענט איר? — פרעג איך אים.

— פון כעלעם.

— נו, אין אונדזער פאַמיליע, ווי ווײַט מיר איז באַקאַנט, איז קיין איין לעדערמאַן נישט קיין כעלעמער.

איך פרעג אים אויס ווי אַזוי ער קומט דאָ אַהער? ער דערציילט מיר די גרויסע טראַגעדיע פון די כעלעמער ייִדן. צום ערשט איז צו זיי אַרײַן דאָס סאָוויעטישע מיליטער, וואָס איז געווען בײַ זיי בלויז אַ קורצע צײַט.

דורך דער צײַט האָבן די סאָוויעטן אַרעסטירט אייניקע פּוילישע פּאָליציאַנטן. שפּעטער אַ ביסל האָבן זיך אָנגעהויבן די אונטערהאַנדלונגען צווישן די סאָוויעטן מיט די דײַטשן, וועגן דעם, אַז די סאָוויעטן זאָלן זיך צוריקציִען צו דער דעמאַרקאַציע־ליניע פֿון יענער זײַט פֿון טײַך בוג. די ייִדישע באַפעלקערונג האָט, פֿאַרשטייט זיך, פֿון די אונטערהאַנדלונגען וועגן דעם צוריקצי נישט געוווּסט. און אין אַ געוויסן אינדערפֿרי האָט מען דערזען אַז „פּאַניע" איז אַוועק. מיט די רוסן זענען אויך אַוועק עטלעכע געציילטע ייִדישע און פּוילישע קאָמוניסטן.

גלײַך האָבן זיך באַוויזן אויף דער גאַס די געוועזענע אַרעסטירטע פּוילישע פּאָליציאַנטן און אָנגעהויבן אַ פּאָגראָם־העצע קעגן די ייִדן. ס'האָט לאַנג נישט געדויערט ווי ס'זענען אַרײַן די פֿאַרבינדעטע פֿון די סאָוויעטן — די היטלעריסטן. מיט עטלעכע שעה שפּעטער זענען אַרויסגעהאָנגען געוואָרן באַקאַנטמאַכונגען אַז אַלע ייִדן דאַרפֿן זיך פֿאַרזאַמלען אויפֿן מאַרק. צווישן די ייִדן איז אויסגעבראָכן אַ גרויסע בהלה. די טויזנטער פֿאַרזאַמלטע האָט מען אָנגעהויבן טרײַבן ווי מע טרײַבט פֿי, און עס האָבן זיך אויך באַלד דערהערט שאָסן, די מענטשן האָבן אָנגעהויבן לויפֿן, נישט וויסנדיק אַפֿילו ווו זיי לויפֿן. די היטלעריסטן האָבן געמאַכט אַ גרויסע שחיטה אויף די אומגליקלעכע בעלעמער ייִדן. די מערהייט ייִדן זענען אומגעקומען; אין יענעם שחיטה־טאָג. אויך זײַן גאַנצע פֿאַמיליע איז אומגעקומען. אים איז על־פּי־נס געלונגען צו אַנטלויפֿן. ער איז אַריבער די נײַע גרענעץ פֿון די סאָוויעטן און וואָס ווײַטער איז געשען איז דאָך איבעריק צו דערציילן. ער געפֿינט זיך דאָך איצט אין דער זעלבער לאַגע וואָס איך. דאָס ייִנגל איז אַלט געוועזן נישט מער ווי אַ יאָר אַכצן.

נאָכן אָפּאַרבעטן אינעם קאַראַנטין־לאַגער איבער צוויי וואָכן, האָב איך אײַנגעזען, אַז ווען מע זאָל דאַרפֿן אַזוי אַרבעטן אַ לענגערע צײַט, דערצו נאָך שלאָפֿן אויף די הוילע ברעטער, איז אַ פֿראַגע, צי ס'וועט מעגלעך זײַן אויסצוהאַלטן. אין גיכן טאַקע זענען געוועזן עטלעכע טויטפֿאַלן. גלײַך אין די ערשטע טעג זענען עטלעכע אומגליקלעכע אַרעסטאַנטן אַוועקגעפֿאַלן. מיט עטלעכע טעג שפּעטער האָב איך זיך איין מאָל צערעדט מיט אַ קוכער, טאַקע דעם וואָס האָט מיר געגעבן דאָס איינציקע מאָל די קאַשע אויפֿן טאַלאָן. ער איז אַליין אויך געוועזן אַן אַרעסטאַנט, נאָר ווי אַ ספּעציאַליסט פֿון קאָכן,

האָט מען אים אַהערגעבראַכט צו גרייטן מאכלים פאַר נאַטשאַלסטווע. ער האָט מיר פאַרטרויט, אַז דער נאַטשאַלניק סימקיעוויטש איז טאַקע אין זיינע יונגע יאָרן געווען אַ פּוילישער אַקטיאָר אין אַ טעאַטער אין קיִעוו. דער סימקעוויטש איז אַ געבוירענער פּאָלאַק, און לויטן קוכערס מיינונג האָט דער נאַטשאַלניק זייער שלעכט געטון, וואָס ער האָט מיר געהייסן געבן אַ ביסל מער עסן דורך זײַן געהילף... ווײַל יענער, דער געהילף זײַנער, איז אַ געפערלעכער טיפּ. ער האָט שוין לאַנג געוואָלט אַרויסבײַסן פון דאַנען אָט דעם סימקיעוויטשן, און איצט — האָט ער פאַרענדיקט — וועט שוין דער נאַטשאַלניק סימקיעוויטש זײַן אויף גרויסע צרות...

ס׳איז געקומען אַ מעלדונג אַז אין צוויי טעג אַרום גייען מיר איבער אינעם אמתן אַרבעט־לאַגער. ער געפינט זיך נישט ווײַט פון דאַנען און טראָגט דעם נאָמען „סטראַיטעלסטוואָ דוויעסטיע״, דער צוויי הונדערטסטער בוילאַגער.

גורל מײַנער! מע דאַרף זיך שטאַרקן, כדי צו קאָנען אַנטקעגנגיין דאָס נײַע אומבאַקאַנטע וואָס שטעלט מיט זיך פאַר דער אמתער „אַרבעט־לאַגער״.

קאַפּיטל 38

אין אמתן אַרבעט־לאַגער

מיט אַ טאָג פריִער איז שוין געוואָרן באַוווּסט אַז מאָרגן אין דער פרי הייבט מען אָן צו שיקן אין אמתן אַרבעט־לאַגער.

די נאַטשאַלסטווע פון קאַראַנטין־לאַגער האָט אַזוי קאָמבינירט און צונויפגעשטעלט די ליסטעס פון די לאַגעריסטן אַז בײַם ערשטן צוזאַמענ־טרעף זאָלן די אַרעסטאַנטן נישט זײַן באַקאַנט צווישן זיך. אויסצופירן עס אָבער אויף גאַנצע הונדערט פּראָצענט, האָט זיך עס זיי נישט אײַנגעגעבן. פּשוט דערפאַר ווײַל אויב ס׳האָבן זיך נאָר געפונען צווישן די לאַגעריסטן אַ באַקאַנטער נאָמען פון אַ שרײַבער, לערער, אָדער אַקטיאָר, איז עס שנעל באַוווּסט געוואָרן צווישן דער גרויסער מאַסע אַרעסטאַנטן. אַזוי איז טאַקע בײַ מײַן אָנקומען אין קאַראַנטין־לאַגער באַקאַנט געוואָרן, אַז ס׳געפינט זיך

דאָרט דער אַקטיאָר דוד לעדערמאַן. ווען איך בין צוגעשטעלט געוואָרן צו אַ גרעסערער גרופּע פון עטלעכע הונדערט אַזעלכע אַרעסטאַנטן און מ׳האָט אונדז אַלע צוזאַמען איבערגעפירט אין אמתן אַרבעט־לאַגער זענען מיר אַלע גאָר גיך נאָענט געוואָרן צווישן זיך, לויטן אייביקן ייִדישן אויסדרוק פון „אחים לצרה״.

מע האָט אונדז אַרײַנגעפירט אין אַ גרויסער געבײַדע, אין אַן אַלטן הילצערנעם באַראַק. זײַנע פיר ווענט זענען געווען עדות פונעם שווערן לאַגער־לעבן. די ענקאַוועדע האָט אונדז געמאָלדן, אַז באַלד קומט צו אונדז אַרײַן דער נאַטשאַלניק, אונטער וועמענס אויפזיכט מיר וועלן זיך געפינען, און דער „נאַריאַדטשיק״ וואָס וועט אונדז פאַרטיילן צו דער אַרבעט. די מעלדונג וועגן נאַטשאַלניק איז פאַר יעדן פון אונדז געווען פאַרשטענדלעך. דעם אמת פון „נאַריאַדטשיק״ אָבער איז פאַר אונדז געווען פרעמד. מיט דער צײַט האָבן אַלע געוווּסט, אַז דער נאַריאַדטשיק איז דער, וואָס פאַרטיילט די אַרבעט, באַשטימט וויפל ברויט איינער זאָל באַקומען, און ברויט האָט אַן אַרעסטאַנט באַקומען אַזוי פיל וויפל אַרבעט־פעיִקייט ער האָט אַרויסגעוויזן... דער נאַריאַדטשיק האָט, פאַרשטייט זיך, אַלצדינג געטון מיט דער צושטימונג פונעם נאַטשאַלניק. אָבער דער נאַריאַדטשיק איז שטענדיק געווען דער מער ברוטאַלער צום אַרעסטאַנט ווי דער נאַטשאַלניק. ביידע זענען זיי אויך געווען אַרעסטאַנטן, און דווקא מיט לאַנגע טערמינען... זייערע „סראָקן״ זענען באַשטאַנען צווישן 15 און 25 יאָר. דערפאַר ווײַל זיי האָבן שוין געהאַט אַ גוטע אַרעסטאַנטן־פּראַקטיק, האָבן זיי זיך דערדינט צו אַזאַ מין „הויכן אַמט״ ווי צו ווערן אַ נאַטשאַלניק אָדער אַ נאַריאַדטשיק...

גלײַך ווי דער נאַטשאַלניק איז אַרײַן צו אונדז האָט ער זיך פאָרגעשטעלט מיט זײַן נאָמען שישאָוו, אַ רוס, און דווקא מיט אַ פרײַנדלעך פּנים און וואַרעמען שמייכל. דאַקעגן דער נאַריאַדטשיק איז נישט געווען אַזאַ פרײַנדלעכער, מ׳האָט עס גלײַך באַמערקט אין זײַן ערשטן קוק... דער נאַטשאַלניק האָט אונדז קודם צוויסן געגעבן, אַז מיר זענען דאָ אַן אָפּטייל אין דעם לאַגער, וואָס געפינט זיך אויף גאָר אַ גרויסן שטח, און אַז אונדזער אָפּטייל וועט טראָגן דעם נאָמען „די זיבעטע״, — דער זיבעטער אָטריאַד. דער נאַטשאַלניק האָט געמאָלדן, אַז מאָרגן וועלן מיר שוין וויסן אין וויפל בריגאַדעס מיר זענען אײַנגעטיילט און ווער פון אונדז ס׳וועלן זײַן די ברי־

גאַדירן. ווײַטער האָט ער אויסגערופן אַלע נעמען און אָנגעוויזן יעדן איינעם זײַן אָרט און זײַן געלעגער.

אויך דאָ אין דעם באַראַק זענען געווען קויקעס מיט אַן אונטערשטן און אויבערשטן שטאָק. ער האָט אויך באַקאַנט געמאַכט, אַז ס׳דאַרף געקליבן ווערן איינער אַ לאַגעריסט פאַר אַן אַזוי־גערופענעם „דניעוואַלנע״, ס׳הייסט, אַז ווען אַלע גייען אַוועק צו דער אַרבעט, דאַרף דער דניעוואַלנע דאָ בלײַבן, ווי דער, וואָס זאָל קודם אַכטונג געבן, אַז קיין שום מענטש זאָל נישט אַרײַנקומען אין באַראַק, און נישט צוגנבענען עפּעס. ווײַטער — האָט נאַטשאַלניק שישאָוו דערקלערט — דאַרף דער דניעוואַלנע וואַשן דעם פּאָל, אַרײַנטראָגן וואַסער, כדי די אַרעסטאַנטן, וואָס קומען פון דער אַרבעט, זאָלן האָבן גענוג צו טרינקען. ער דאַרף אויסבעטן די געלעגערס, הייצן דעם אויוון ווען מע וועט דאַרפן, האַקן האָלץ. דאָס וויכטיקסטע אָבער איז אָפּצוהיטן דעם באַראַק פון גנבה... דעריבער דאַרפן די אַרעסטאַנטן זען אויסקלײַבן אַזאַ מענטש צו וועלכן זיי זאָלן האָבן דעם הונדערטפּראָצענטיקן צוטרוי. דערפאַר טאַקע גיט מען די אַרעסטאַנטן אין אָנהייב די פּריווילעגיע זיי זאָלן אַליין אויסקלײַבן דעם דניעוואַלנע. ער בעט מע זאָל אָנרופן נעמען פון עטלעכע אַרעסטאַנטן. דער וואָס וועט באַקומען די גרעסטע צאָל שטימען, וועט זײַן דער דניעוואַלנע. ער גיט צײַט עטלעכע מינוט די לאַגערניקעס זאָלן זיך וועגן דעם אַדורכרעדן. צוויי קאַנדידאַטן זענען געוואָרן געמאָלדן: דער אַדוואָקאַט אַדאַם גאָטליב און דער אַקטיאָר דוד לעדערמאַן. גלײַך האָבן זיך געפונען רעדנערס וואָס האָבן פאַרטיידיקט זייערע קאַנדידאַטן. נאָכן איבערציילן די שטימען האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער אַקטיאָר האָט באַקומען גאָר אַ גרויסע צאָל שטימען, און איז געוואָרן דער דניעוואַלנע פונעם באַראַק.

דער אַדוואָקאַט גאָטליב — דער צווייטער קאַנדידאַט אויף דניעוואַלנע — איז שפּעטער געוואָרן איינער פון די ערשטע בריגאַדירן. די בריגאַדירן אָבער זענען שוין באַשטימט געוואָרן פון דער נאַטשאַלסטווע. יעדער בריגאַדיר האָט געהאַט זײַן בריגאַדע, וואָס איז באַשטאַנען פון אַ 40 ביז 50 מענטשן. ער איז געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זייער אַרבעט. באַדאַרפט אָפּגעבן יעדן טאָג אַ באַריכט דער נאַטשאַלסטווע ווי אַזוי די אַרעסטאַנטן אַרבעטן, ווער פון זיי ס׳איז דער בעסטער אַרבעטער, „דער סטאַכאַנאָוויעץ״, דאָס הייסט אויפן אַקטיאָרישן לשון, „דער סטאַר״. אַזאַ מין סטאַכאַנאָוויעץ

האָט שוין באַקומען אַ גאַנצן קילאָ ברויט אַ טאָג. די איבעריקע אַרבעטער האָבן באַקומען נאָר אַ האַלבן קילאָ אַ טאָג. די שוואַכע, וואָס האָבן קוים געהאַט כוח צו גיין צו דער אַרבעט, האָבן נאָר באַקומען 300 גראַם ברויט, כמעט ווי גאָרנישט... שטיצנדיק זיך אויפן באַרימטן פסוק פון דער סאָוויעטישער קאָנסטיטוציע אַז ווער ס׳אַרבעט נישט, דער עסט נישט.

אויף מאָרגן אין דער פרי, ווען ס׳האָט נאָך אַפילו נישט אָנגעהויבן צו טאָגן, האָט זיך דערהערט אַ קלינגערײַ פון אַ ריזיקן גלאָק. דער נאַריאַדטשיק איז אַרײַן מיט אַ געשריי: — „וסטאַט״! אויפשטיין! גלײַך האָט ער גענומען שרײַען:

— דניעוואַלני העי, דו אַקטיאָר, ווו ביסטו?

ער האַלט מיר באַלד די ערשטע לעקציע:

— הער, דו, אַזוי ווי דו וועסט נאָר דערהערן דעם גלאָק פאַרטאָג, זאָלסטו גלײַך אויפשטיין און זיך אַרומקוקן צי אַלע לאַגעריסטן זענען אויפגעשטאַנען, דו הערסט! טאָמער וועט נאָך ווער שלאָפן, דאַרפסטו אים אויפוועקן, געדענק, דו וועסט זײַן פאַראַנטוואָרטלעך פאַר יעדן איינעם וואָס וועט פאַרשלאָפן.

איך האָב אים געוואָלט ענטפערן נאָר ער האָט מיר גלײַך איבערגעשלאָגן:

— נישט ענטפערן, נאָר טון וואָס מ׳הייסט דיך! — און צוגעגעבן מיט אַ ממזריש שמייכעלע — דאָ איז נישט קיין טעאַטער, און דו ביסט נישט דאָ קיין אַקטיאָר, און זיי, די פאַרשלאָסענע, זענען נישט פאַר דיר קיין פּובליקום... פּאָניאַטנאָ? דו, דניעוואַלנע, און זיי, איר אַלע, זענט לאַגער־אַרבעטער. דאָ איז אַ סאָוויעטישער אַרבעט־לאַגער מיט אַ דיסציפּלין, גאַדאַ ראַבאָטאַט! קטאָ ניע ראַבאָטאַיעט טאָט ניע קושאַיעט, דאָ מוז מען אַרבעטן, ווער ס׳אַרבעט נישט דער עסט נישט, פּאָניאַטנאָ?

איך האָב דערפילט, אַז איך בין דאָ גוט אַרײַנגעפאַלן. איך זאָל גאָר טראָגן די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר אַנדערע וואָס וועלן פאַרשלאָפן און נישט דערהערן דעם גלאָק וואָס רופט אויפצושטיין?... איך האָב גלײַך באַשלאָסן, אַז אויב איך וועל דאַרפן זײַן פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אַלע לאַגערניקעס פון מײַן באַראַק, וועל איך בעטן מע זאָל מיך באַפרײַען און אויסקלײַבן אַ צווייטן דניעוואַלנע. איך וויל נישט ווערן קיין מסור און דערציילן

ווער ס׳שטייט נישט אויף צו דער מינוט. נישט אַזוי גיך אָבער מאַכט זיך עס ווי ס׳טראַכט זיך...

באַלד דעם ערשטן טאָג האָב איך איינגעזען אַז מ׳האָט אויף מיר אַרויפגעלייגט גאָר אַ שווערע אַרבעט. בלויז דאָס וואַשן דעם פּאָל און טראָגן אַזוי פיל עמערס וואַסער יעדן טאָג האָט מיך גלייך אָוועקגעלייגט... כ׳האָב אַפילו נישט געהאַט קיין צייט צו עסן מיין אָרעם שטיקל ברויט. יעדע 15 מינוט איז אַריין צו מיר דער נאַריאַדטשיק זען ווי אַזוי ס׳גייט צו מיין אַר־בעט. ווען איך בין אַוועק ברענגען וואַסער האָב איך זיך שטאַרק געשראָקן, אַז עמעצער פון די „פאָניע גנבֿים״ זאָל נישט אַריין אין מיין באַראַק און עפּעס צולקחנען... איך בין באַלד פון דער ערשטער מינוט געווען אויף גוטע געהאַקטע צרות.

פאַרנאַכט זענען די אַרעסטאַנטן געקומען פון דער אַרבעט. אַז כ׳האָב זיי דערזען, האָב איך שוין אַליין נישט געוווּסט וואָס צו טראַכטן, וועמען ס׳איז דאָ בעסער: מיר צי זיי? זיי האָבן דערציילט אַז זיי דאַרפן גיין צו דער אַרבעט זייער אַ ווייטן וועג. מער ווי אַ שעה געדויערט בלויז דאָס גיין, און דאָס זעלבע צוריק. די אַרבעט איז שווער און ביטער. מע מוז מאַכן נאָרמעס, מע יאָגט ביי דער אַרבעט, מע סטראַשעט מיט קאַרצער, מיט קריגן דריי הונדערט גראַם ברויט אַ טאָג. ס׳איז ביטער און שווער. מיר זענען אמתע קאַטאָרזשניקעס. ווער ווייס צי ס׳וועט בכלל זיין מעגלעך איבערצולעבן, אויסצוהאַלטן.

איך האָב זיי דערציילט וועגן זיך און זיי האָבן זיך איבערגעצייגט אַז אויך מיין אַרבעט איז אַ קאַטאָרגע. כ׳האָב באַדאַרפט יעדן טאָג שלעפּן נישט ווייניקער ווי דרייסיק עמערס וואַסער. אויף צו מאָרגנס האָב איך זיך גענומען קלאָגן, אַז ס׳וועט מיר זיין אוממעגלעך צו קאָנען טון אַזוי פיל אַרבעט, נאָך דערצו אָפּהיטן דעם באַראַק פון אַ גנבֿה. ווייל דאָס טראָגן וואַסער דויערט דאָך לאַנגע שעהען, ווען איך בין געצוווּנגען איבערצולאָזן דעם באַראַק אויף הפקר. אַ דעלעגאַציע האָט זיך געוואָנדן צום נאַטשאַלניק וועגן דעם. ער האָט זיי דערקלערט אַז ער וועט שוין עפּעס טון דערצו.

אין אַ צווייטן באַראַק אין לאַגער האָט זיך געפונען אַן עלטערער ייִד פון אַ יאָר 75, וואָס האָט סיי ווי נישט געקאָנט גיין צו דער אַרבעט. אין יענעם באַראַק איז פאַר אים כמעט קיין אָרט נישט געווען. אַזוי ווי ביי

אונדז איז נאָך געווען עטלעכע פרײַע ערטער, האָט מען אין עטלעכע טעג אַרום אַרײַנגעבראַכט צו מיר דעם אַלטיטשקן ייִד. איך האָב אים אויפגענומען ווי אַן אבן־טוב, אים געגעבן אַן אָרט און אים געבעטן נאָר איין זאַך, אַז ווען איך וועל אַוועקגיין ברענגען וואַסער זאָל ער זיצן בײַ דער טיר און זען אַז קיין שום פרעמדער זאָל נישט אַרײַן. דאָס האָט טאַקע נישט פאַרמינערט מײַן שווערע אַרבעט. ס׳האָט מיך אָבער אַ ביסל באַרויִקט אַז ס׳געפינט זיך עמעצער וואָס כאַפּט אַ קוק מע זאָל נישט גנבענען.

דער עלטערער ייִד — זײַן נאָמען איז געווען ר׳ איטשע — האָט געשטאַמט פון אַ קליין שטעטל לעבן וואַרשע. ער האָט פאַרמאָגט אַ קרעמל פון לעדער. פון צײַט צו צײַט פלעגט ער פאָרן ברענגען זײַן סחורה פון שטעטל קרינקי, וואָס ליגט צווישן ביאַליסטאָק און גראָדנע. ווען די מילחמה איז אויסגעבראָכן האָט ער זיך פונקט געפונען אין קרינקי. ער האָט גלײַך דערהאַלטן אַ טעלעגראַמע פון זײַנע קינדער אַז ער זאָל זיך נישט אײַלן צו קומען אַהיים, נאָר פאַרקערט, זיי וועלן קומען צו אים. ער האָט פאַרשטאַנען אַז אפשר איז דאָ בעסער צו זײַן, ווײַל אין זײַן קליינעם שטעטל האָט געהערשט אַ געפערלעכער אַנטיסעמיטיזם. באַלד איז די סאָוויעטישע אַרמיי אַרײַן אין דער געגנט און מער האָט ער שוין פון זײַנע קינדער נישט געהערט. ער האָט זיך אָפּגעזאָגט צו נעמען דעם סאָוויעטישן פּאַס, האָט מען אים אַרעסטירט און געשיקט אין טורמע. איך שטעל אים די פראַגע:

— אײַך? אין דעם עלטער אין טורמע?

— יאָ, יאָ, — שרײַט ער כמעט אויס, — אין טורמע, בײַ מײַנע 75 יאָר האָט מען מיך געטאַסקעט ווי אַ קאָנטררעוואָלוציאָנער.

ער האָט זיך ביטער צעוויינט און מיר דערציילט אַז מ׳האָט אים אויך געפירט אויף אויספאָרשונגען און געשלאָגן, געפאָדערט פון אים ער זאָל זיך מודה זײַן פאַר וואָס ער איז אַוועק פון דער היים און געפינט זיך פּלוצלינג אין דער געגנט ווו ס׳איז דאָ די סאָוויעטישע אַרמיי? ער דערציילט מיר, אַז מ׳האָט מיט אים געטון נאָך עפּעס ערגערס ווי געשלאָגן. איידער מ׳האָט אים אַהער געשיקט, מיט נאָך טויזנטער ייִדן אין דעם לאַגער אַרײַן, האָבן אים אַנטיסעמיטישע סאָוויעטישע רשעים אויסגעריסן אַ העלפט פון זײַן שיינער, לאַנגער ווײַסער באָרד. אָט ווי אַזוי ס׳איז געשען. ווען מ׳האָט אים געפירט אין מיטן נאַכט פון אַן אויספאָרשונג האָט מען אים אַרײַנגעלאָזן

אין אַ פּוסטן קאַמער, איינעם אַליין. מיט אַ האַלבער שעה שפּעטער האָט מען דאָרטן אַרײַנגעלאָזן נאָך דרײַ פּאַרשוין, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן צו אים טשעפּען מיט די ווערטער: — דו זשיד, שרײַ: זאָל לעבן די ווײַסרוסישע סאָוויעטישע רעפּובליק! האָט ער געשריגן. ווײַטער: — שרײַ „זאָל לעבן דער גרויסער פּירער סטאַלין"! האָט ער געשריגן. דערנאָך הייסן זיי אים שרײַען: אַ טויט די זשידעס! האָט ער שוין נישט געוואָלט שרײַען. זיי האָבן אים אָנגעהויבן שלאָגן און רײַסן פון זײַן באָרד שטיקער. מער ווי אַ האַלבע באָרד האָט מען בײַ אים אַרויסגעריסן צוזאַמען מיט שטיקער פלייש. אויף זײַנע געשרייען איז אָנגעקומען דער וועכטער. ער האָט אַרויסגעפירט פון קאַמער די דרײַ כוליגאַנעס, געזאָגט, אַז מע וועט זיי באַשטראָפן, און אים איבערגעפירט צוריק אין זײַן קאַמער. ער גלייבט און איז זיכער אַז מ'האָט עס ספּעציעל צוגעגרייט צו טון, ווײַל צו וואָס דען האָט מען אים איבער־געפירט אַליין אין אַ פינצטערן קאַמער און שפּעטער אויך אַרײַנגעלאָזן די כוליגאַנעס? איצטער שעמט ער זיך פּשוט צו ווײַזן פאַר די ייִדן וואָס האָבן אים אין טורמע געזען מיט זײַן שיינער, ווײַסער באָרד.

טרערן האָבן זיך מיר געשטעלט אין די אויגן בײַ דער דערציילונג פון דעם אַלטיטשקן ייִד. פון זײַנע איבערלעבונגען בײַ זײַנע 75 יאָר צווישן די סאָוויעטישע „הומאַניסטן" אין דער טורמע. איך האָב אים געטרייסט אַז זײַן באָרד וועט נאָך צוריק אָנוואַקסן. ער אָבער האָט מיר אָנגעוויזן אַז דאָרטן, ווו מ'האָט אים אַרויסגעריסן די באָרד צוזאַמען מיטן פלייש, וועט שוין מער קיין האָר נישט וואַקסן.

דאָס עסן אין לאַגער איז געקומען פון דרײַ קעסלען. איין קעסל איז געקאָכט געוואָרן ספּעציעל פאַר דער נאַטשאַלסטווע, אַ צווייטער קעסל פאַר די בעסערע אַרבעטער, פאַר די סטאַכאַנאָווצעס און דער דריטער פאַר דער גרויסער מאַסע שקלאַפן־אַרבעטער, וואָס האָבן נאָך נישט געקאָנט מאַכן די גרויסע נאָרמע פון אַרבעט וואָס מ'האָט אויף זיי אַרויפגעלייגט. איז טאַקע 90 פּראָצענט פון די לאַגעריסטן געווען פאַראורטיילט צום הונגערן. יעדן טאָג זענען געבליבן אין באַראַק עטלעכע קראַנקע וואָס האָבן זיך בײַם בעסטן ווילן נישט געקאָנט אויפהייבן אין דער פרי און גיין צו דער אַרבעט. דער נאַריאַדטשיק איז גלײַך געקומען צו לויפן מיט גוואַלדן: פאַר וואָס דער אַרעסטאַנט גייט נישט אַרויס צו דער אַרבעט. ווען יענער האָט אים געענט־

פערט, אַז ער פילט זיך קראַנק, האָט ער געשריגן, אַז ער וועט באַלד זען צי ס׳איז אמת, אָדער דאָס זענען כיטרע יידישע שטיקלעך צו סימולירן אַ קרענק. ער האָט געבראַכט דעם דאָקטאָר פון „מעדפונקט״, וועלכער האָט פעסטגעשטעלט, אַז דער לאַגערניק איז זייער אָפּגעשוואַכט און מוז אָפּרוען אַ צוויי־דרײַ טעג. לויטן געזעץ האָט דער דאָקטאָר געמוזט צונויפשטעלן וועגן דעם אַ פּראָטאָקאָל און אים אונטערשרײַבן. אַנדערש האָט דער נאַריאַדטשיק נישט געוואָלט. ער האָט געסטראַשעט דעם דאָקטאָר, אַז ער זאָל זיך גוט באַטראַכטן, איידער ער שרײַבט אונטער דעם פּראָטאָקאָל, אַז דער לאַגערניק קאָן פּאַקטיש נישט גיין צו דער אַרבעט עטלעכע טעג. דער דאָקטאָר איז אויך געווען אַן אַרעסטאַנט. ער האָט געמוזט זײַן פאָרזיכטיק מיטן באַשטעטיקן אַז אַ לאַגערניק קאָן באמת נישט גיין צו דער אַרבעט. לויט ווי אַלטע לאַגערניקעס — רוסן וואָס געפינען זיך שוין יאָרנלאַנג אין דעם לאַגער — האָבן דערציילט, האָט שוין געטראָפן, אַז מ׳האָט געמסרט אַ דאָקטאָר, אַז ער האָט באַפרײַט לאַגעריסטן אויף עטלעכע טעג מיטן כלומרשטן מאָטיוו, אַז זיי זענען קראַנקע. מ׳האָט יענעם דאָקטאָר באַשטראָפט און פאַרשיקט אין אַ ספּעציעלן שטראָפלאַגער. אין קורצן האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז דער רוסישער לאַגערניק איז טאַקע געווען קראַנק, אַ סך געפערלעכער נאָך ווי יענער דאָקטאָר האָט געשריבן אין פּראָטאָקאָל, אַ סימן איז געווען, אַז דער רוסישער לאַגער־קרבן איז אין עטלעכע טעג אַרום געשטאָרבן.

קאָן מען דאָך מיינען, אַז יענער דאָקטאָר איז גלײַך באַפרײַט געוואָרן פונעם שטראָפלאַגער? ניין, דאָס נישט. דערפאַר טאַקע זענען די דאָקטוירים־אַרעסטאַנטן פאָרזיכטיק מיטן באַפרײַען פון דער אַרבעט די לאַגעריסטן, ווײַל זיי האָבן פשוט מורא פאַר זיך אַליין. אויב זיי שרײַבן שוין אונטער דעם פּראָטאָקאָל, אַז יענער איז באמת קראַנק, איז עס אַ הונדערט־פּראָצענטיקער אמת. אויב איינער אַן אַרעסטאַנט האָט שוין זוכה געווען צו האָבן די פּריווילעגיע צו זײַן קראַנק, קאָן מען מיינען, אַז ער האָט באַקומען בעסער עסן, דאָס נישט, פאַרקערט, קראַנקערהייט פלעגט ער נעבעך הונגערן. פלעגט טאַקע טרעפן, אַז אַ קראַנקער, וואָס איז געבליבן אין באַראַק, פלעגט זוכן בײַ זײַן שכן צי ס׳ליגט נישט אונטערן שעניק אַ שטיקל ברויט, און אויב ער האָט עס געפונען, פלעגט ער עס אויף גיך אויפעסן. אַז יענער אַרבעטער איז פאַרנאַכט געקומען אַ מידער, אַן אויסגעהונגערטער און געוואָלט זיך דערכאַפּן דאָס

האַרץ מיטן שטיקל איבערגעלאָזענעם ברויט צו דער שיטערער זופּ, וואָס ער באַקומט, האָט ער לײדער פעסטגעשטעלט, אַז מ׳האָט אים דאָס שטיקל ברויט צוגעגנבעט. ער האָט גלײַך געמאַכט אַ געשרײַ און די צרות זײַנע אויסגע־לאָזט צום דניעוואַלנע. דער ערלעכער דניעוואַלנע האָט אָבער נישט געשוויגן, נאָר אַפּעלירט צום קראַנקן, אָדער צום אַלטן ר׳ איטשע, זיי זאָלן זיך מודה זײַן, ווײַל ביז זייער בלײַבן אין באַראַק בײַטאָג האָט קיין מאָל גאָרנישט גע־פעלט. דער אַלטער ר׳ איטשע האָט זיך געשווירן און מ׳האָט אים געמוזט גלייבן, אַז ער איז ריין פון דער ברויט־גנבה. נו האָט שוין דער קראַנקער זיך מודה געווען, אָנגעבנדיק אַז ער האָט זיך נישט געקאָנט באַהערשן צוליב זײַן גרויסן הונגער און צוגענומען דאָס שטיקל ברויט פון זײַן שכן...

איך האָב באַשלאָסן, אַז איך וועל בײַ דער ערשטער געלעגנהייט מאַכן באַמיִונגען מע זאָל מיך בעסער באַשטימען אין אַ בריגאַדע צו גיין אויף אַרבעט אויסערן לאַגער, ווי בלײַבן דאָ און אַרבעטן שווער, ווי אַ פערד, שלאָפן ווייניקער ווי אַלע, ווײַל בײַם ערשטן קלונג מוז איך דאָך גלײַך שטיין אויף די פיס, רייניקן דעם ריזיקן באַראַק, טראָגן וואַסער, האַקן האָלץ, אַזוי, אַז קיין פרײַע מינוט איז נישט געווען פאַר מיר. און איך האָב געוואָלט פּטור ווערן צו טראָגן דעם טיטל דניעוואַלנע...

אַז איך האָב איבערגערעדט, אַז איך וויל מער נישט זײַן קיין דניעוואַל־נע, איז געוואָרן אַ טומל פון אַלע, אַז זיי ווילן נישט קײַן צווייטן. מ׳האָט מיר אײַנגערעדט ווײַטער צו בלײַבן בײַ דעם „אַמט“...

איין מאָל אין חודש — יעדן דריטן זונטיק — פלעגט זײַן דער רו־טאָג, אָבער אַז אָך און ווי איז געווען צו דעם רו־טאָג! מ׳האָט שוין פאַר די אומ־גליקלעכע לאַגערניקעס אויסגעזוכט אַרבעט פון אונטער דער ערד, גאַנץ פרי האָט מען אויפגעוועקט פון שלאָף, און ווי נאָר מ׳האָט באַקומען די פּייקע ברויט, האָט מען באַדאַרפט אַרויסטראָגן די שעניקעס און זיי אויסקלאַפּן. שפּעטער האָט זיך אָנגעהויבן אַ מאַרש אין וואַלד אַרײַן, אויסצוהאַקן ביימער, כדי ס׳זאָל זײַן גענוג האָלץ פאַר דער קיך.

ביימער אויסהאַקן איז איינס פון די שווערסטע אַרבעטן, אַ קאַטאָרגע־אַרבעט, און דאָס איז געטון געוואָרן אינעם אָפּרו־טאָג.

קאַפּיטל 39

דאָס גראָע לעבן אין לאַגער

די ימים־נוראים האָבן זיך גערוקט. די טעג פון ערב ראש־השנה. ווי נישט פרום דער גרעסטער טייל פון די לאַגעריסטן איז געווען אין זייערע היימען, איז אָבער געוואָרן פון זיי דאָ עפּעס אַנדערש. יעדער איינער האָט געהאַלטן אין איין פרעגן:

— וועט מען טאָקע ראש־השנה און יום־כיפּור אויך גיין צו דער אַר־בעט? זײַן פאַרשקלאַפט?

מ׳האָט זיך אַ ביסל פאַרגעסן און אָנגעהויבן שטעלן די נאַיווע קשיות, ווײַל דער שכל האָט דאָך באַדאַרפט יעדן איינעם אונטערזאָגן, אַז זיכער וועט מען אין די טעג פון ראש־השנה און יום־כיפּור גיין אַרבעטן. איז מען שוין געוואָרן אַ ביסל אָפּגעטעמפּט דאָ אין דער פאַרשקלאַפטקייט און גע־מיינט, אַז אפשר, אפשר... אין אונדזער 7טן אָפּטייל זענען דאָך כמעט אַלע הונדערט פּראָצענט יידן. וועט מען אין די הייליקע טעג פאַר יידן האָבן אײַנזען און מאַכן אָפּרוטעג. נאָך דערצו, האָט מען באַמערקט, אַז צווישן די ענקאַוועדע־נאַטשאַלניקעס זענען פאַראַן עטלעכע יידן...

צווישן די עטלעכע הונדערט לאַגערניקעס פון אונדזער אָפּטייל האָבן זיך אויך געפונען דרײַ נישט־יידן. אויך פּוילישע בירגער ווי מיר, נאָר צוויי זענען געווען אמתע פּאָלאַקן, קאַטאָליקן. איינער איז געווען אַ געוויסער יאַנקאָווסקי, אַ לאָדזשער קאָמוניסטישער טוער, וואָס איז געזעסן לאַנגע יאָרן אין די פּוילישע תפיסות, אַ צווייטער קאַטאָליק, רודאַק, אַן ענדעק, אַ גרויסער אַנטיסעמיט, און דער דריטער אַ זון פון אַ באַרימטן יידישן לאָדזשער אַסימילאַטאָר, אַדוואָקאַט פּיאָטער קאָן. אָט דער זון זײַנער איז שוין געווען אַ משומד. ער האָט געהייסן יוליאַן. זײַן פאַמיליע־נאָמען איז נאָך געווען קאָן. ער איז געווען זייער קאַטויליש פרום. פרומער ווי יענע צוויי אמתע קריסטן. טאָג און נאַכט האָט ער זיך געהאַלטן אין איין צלמען און זאָגן קאַטוילישע תפילות... ער איז געווען שרעקלעך אָפּגעלאָזן, שמוציק. ער האָט זיך זעלטן געוואַשן...

בײַם אַריבערטרעטן דעם אמתן אַרבעט־לאַגער האָט מען בײַ יעדן אײנעם צוגענומען זײַנע קליידער, און אים געגעבן אַלטע וועש מיט אַ שײן ביסל לאַטעס, וואָס פאַרשידענע אַרעסטאַנטן האָבן שוין יאָרנלאַנג געהאַט געטראָגן. מ׳האָט אויך באַקומען הויזן און אַ רעקל פון טונקעלן קאָליר, נישט קיין געשטרײַפטע ווי אין די היטלערישע לאַגערן, נאָר אַזאַ מין ענלעכער סאָרט לאַגער־אָנצוג... אַ סך אַלטע רוסישע אַרעסטאַנטן האָבן געטראָגן פאַרשידענע צעריסענע פופײַקעס, שפּאַנצערס אויסגעבעטע מיט וואַטע, פון אויבן פול מיט לאַטעס, און הויזן פון זעלבן סאָרט...

יעדער אײנער פון די אַרעסטאַנטן האָט אויך באַדאַרפט באַקומען שטיוול, ווײַל ס׳איז דאָ אויסגעקומען צו אַרבעטן אין געגנטן וווּ מ׳איז געשטאַנען אין וואַסער. לויטן געזעץ האָט מען באַדאַרפט באַקומען גומענע שטיוול. אַלע האָבן אָבער געטראָגן זייערע שיך אין וועלכע זיי זענען געקומען. פאַרשטייט זיך, אַז די שיך זענען גאָר גיך צעריסן געוואָרן. און מיט די צעריסענע שיך זענען מיר געווען געצוווּנגען צו שטיין בײַ דער אַרבעט אין בלאָטעס אָדער אין וואַסער.

מיר האָבן זיך געפונען אין אַ געגנט וואָס איז געלעגן אויפן ברעג פון פיבישן ים־אויסגוס. אַז אַן אַרעסטאַנט האָט זיך געקלאָגט בײַם נאַטשאַלניק, אַז ער גייט שוין אין גאַנצן באָרוועס, האָט מען אים געגעבן אַ פּאָר אַלטע שיך, נישט פון לעדער, נאָר פון לײַוונט, אָבער ער האָט אונטערגעשריבן, אַז ער האָט באַקומען אַ פּאָר שיך ספּעציעל צו דער אַרבעט... די אַרעסטאַנטן האָבן זייער גוט פאַרשטאַנען, אַז די נאַטשאַלסטווע מאַכט אַ גאַנץ גוט געשעפטל בײַם געבן דעם סאָרט „שיך“, ווײַל ס׳האָט דאָך געהייסן, אַז מע גיט דעם אַרבעטער גוטע לעדערנע שיך. אַזוי ווי אין דעם לאַגער האָבן זיך געפונען טויזנטער אַרעסטאַנטן, איז דאָס געבן די לײַוונטענע שיך, אָנשטאָט לעדערנע שטיוול, געווען אַ גאָלדן־געשעפט פאַר דער באַנדע גנבים וואָס האָבן געפּאַראַזיטעוועט אויפן חשבון פונעם לעבן און געזונט פון די לאַגערניקעס.

אין דעם לאַגער האָבן זיך געפונען טויזנטער שקלאַפן־אַרבעטער. אין זעלבן ראַיאָן האָבן זיך געפונען אַ סך אַזעלכע לאַגערן. אײנער, זייער אַן אָרנטלעכער נאַטשאַלניק, וועמענס נאָמען איך טאָר דאָך נישט דערמאָנען, האָט אַ מאָל אין אַ אָפנהאַרציקן געשפּרעך פאַרזיכערט, אַז אין דער געגנט

געפינען זיך לאַגערן צעשפּרייט אויף גאַנצע זעכציק קוואַדראַט קילאָמעטער, און אַז ס׳געפינען זיך אין זיי הונדערטער טויזנטער שקלאַפן־אַרבעטער. דאָס האָט געזאָגט נישט קיין נאַטשאַלניק אָן אַרעסטאַנט, נאָר אַ „וואָלנע־נאַיאָמני״, אַ פריַיער נאַטשאַלניק פון דער ענקאַוועדע, דווקא זייער אַ ערנסטער מענטש, אַזוי אַז מ׳האָט געקאָנט זיכער זיַין אַז ער זאָגט דעם אמת.

אין לאַגער אַריַין האָט מען געבראַכט פרישע אַרעסטאַנטן. דריַי פון זיי האָט מען אַריַינגעגעבן אינעם באַראַק וווּ איך בין געווען דניעוואַלנע, איינער פון זיי האָט געהייסן יאָסעלעוויטש. אַן אינטעליגענטער מענטש, אַ געבוי־רענער אין ריגע, אָבער געוווינט האָט ער אין פוילן און זיך גערעכנט ווי אַ פוילישער ייִד. דער צווייטער האָט געהייסן ערליך, אַ געוועזענער שותף צום „באַר מעטראָפּאָל״ אין וואַרשע, וואָס האָט זיך געפונען אויף טלאָמאַצקע 13, אונטערן באַלקאָן פון יידישן ליטעראַטן־פאַראיין. דער דריטער וואָס איז אַריַין אין מיַין באַראַק איז שוין גאָר אַ גוט באַקאַנטער נאָמען — לייבקע רייזען — אַ זון פונעם אומגעקומענעם קדוש זלמן רייזען ז״ל, וועמען די באָלשעוויקעס האָבן אַכזריותדיק אומגעבראַכט אין ווילנע.

ערליך האָט מיך זייער גוט געקענט אַלס אַקטיאָר, און פאַר לייבקע רייזען בין איך אויך נישט געווען פרעמד. אַלע דריַי אַריַינגעקומענע נײַע אַרעסטאַנטן זענען איַינגעטיילט געוואָרן צו דער אַרבעט. יאָסעלעוויטש און ערליך זענען צוגעטיילט געוואָרן צו אַ בריגאַדע ווי אַרבעטער. לייבקע רייזען אָבער איז געוואָרן אַ בריגאַדיר. ער, לייבקע, האָט גערעדט אַ פּרעכטיקן רוסיש און איז בכלל געווען אַן אינטעליגענטער מענטש. נישט אַלע ברי־גאַדירן זענען געווען ייִדן אין אונדזער באַראַק. עס זענען אויך געווען איי־ניקע רוסן, אַלטע אַרעסטאַנטן, אָבער זיי האָבן נישט געוווינט אין אונדזער באַראַק. פאַרטאָגס האָבן זיי שוין געוואַרט אויפן גרויסן הויף, פאַרמירט זייערע בריגאַדעס, און אַוועק מיט זיי צו דער אַרבעט.

די אַלטע אַרעסטאַנטן־רוסן זענען געווען די וואָס האָבן געגעבן די לעקציעס די נײַע ייִדישע בריגאַדירן ווי אַזוי מע דאַרף אַרבעטן. זיי זענען געווען די, וואָס האָבן געפירט די קאָנטראָל פון דער אַרבעט. און אָפּגעגעבן דעם נאַריאַדטשיק דעם באַריכט ווער פון די בריגאַדירן טויג זיך אויס און ווער נישט... ווער ס׳יאָגט די אַרבעטער וואָס מערער צו אַרבעטן און ווער ס׳טוט עס נישט... דערפאַר האָט מען טאַקע זייער פיל מאָל געטוישט די

בריגאַדירן, און דער נאַריאַדטשיק האָט געהאַלטן אין איין סטראַשען, אַז ער וועט באַשטימען בלויז רוסישע בריגאַדירן.

ערליך איז לאַנג נישט געגאַנגען צו דער אַרבעט. גאָר אין קורצן איז ער אַרײַן אַרבעטן אין דער קיך. ווי נאָר ער איז אַרײַן אַהין האָט ער אויך אַרײַנגענומען צו זיך אין קיך נאָך איינעם אַ ייִד מיטן נאָמען „דער גע־שטיפּלטער מלך“. מלך איז גלײַך פון אָנהייב אָן געוואָרן אַ בריגאַדיר, דווקא זייער אַ שטרענגען געווען. ער האָט געפאָדערט פון זײַנע לאַגעריסטן, אַז זיי זאָלן פון זיך אַרויסגעבן די לעצטע כוחות, אַרבעטן וואָס מער, און ס׳איז טאַקע געווען אַ וווּנדער, פאַר וואָס דער נאַריאַדטשיק האָט אים באַפרײַט פון צו זײַן אַ בריגאַדיר, און אים פּלוצעם אַרײַנגענומען גאָר אין קיך... דאָס האָט שוין געשמעקט מיט עפּעס אַ קאָמבינאַציע, מיט עפּעס אַ פאַרדינסטל פאַרן נאַריאַדטשיק, ווײַל אָט דער מלך האָט זיך זייער גוט אויסגעטויגט צו די זאַכן...

די לאַגערניקעס האָבן געמיינט אַז אויב אין דער קיך געפינען זיך שוין צוויי ייִדן — ערליך און מלך — וועט שוין דאָס ביסל עסן, וואָס יעדער באַקומט, ווערן אַ ביסל בעסער. אַלע האָבן אָבער געמאַכט אַ גרויסן טעות... אַ ביסל בעסער עסן האָבן נאָר באַקומען די, וואָס האָבן פאַרמאָגט עפּעס צו געבן פאַר דעם אַ גוטע זאַך. אָט, למשל, האָט דער יאָסעלעוויטש בײַם אַרײַנקומען געטראָגן אויף זיך אַ לײַטישן קאָסטיום, און ער האָט נאָך אויף דער האַנט געהאַלטן אַ לײַטישן מאַנטל. שפּעטער האָט ער מיר אַליין דער־ציילט, אַז מלך האָט זיך צו אים געוואָנדן, אַז אויב ער וויל נישט אַזוי הונגערן ווי אַלע, איז דאָ צו דעם אַ גוטע עצה, ער קען זײַן גוטן אָנצוג פאַרקויפן, אָבער נישט פאַר קיין געלט, נאָר פאַר באַקומען אַ ביסל בעסער עסן פון קיך, און מער ברויט יעדן טאָג. און צוגעגעבן, אַז ער, מלך, ווייסט עס זייער גוט פון סאַמע נאַטשאַלניק שישאָוו, דאָס הייסט, אַז שישאָוו באַקומט דעם אָנצוג, און ער גיט שוין אַ פאַראָרדענונג צו געבן יעדן טאָג אַ ספּעציעלע פּאָרציע ברויט און נאָך אויך אַ פּאָרציע זופּ. און וואָס אייגנט־לעך טוט שישאָוו מיטן אָנצוג? דאָס ווייסט אויך מלך. אַזוי ווי שישאָוו איז דאָך דער נאַטשאַלניק פון דער זיבעטער אָפּטיילונג האָט ער געוויסע „רעכטן“. ער פאַרמאָגט אין קעשענע „אַ פּראָפּוסק“, אַ דערלויבעניש אַרויסצוגיין פון לאַגער יעדן טאָג אין זײַנע דינסט־אָנגעלעגנהייטן... אָבער ווײַט אַוועקגיין

טאָר ער נישט. אויף אַלעם איז דאָ אין ראַטנפאַרבאַנד פעסטע געזעצן. ער מעג זיך דערווײַטערן פון לאַגער נישט מער ווי 400 מעטער. פאַרשטייט זיך, אַז דער נאַטשאַלניק גייט נאָר דעמאָלט אַרויס פון לאַגער ווען ער דאַרף גיין צו דער העכערער נאַטשאַלסטווע פון ענקאַוועדע וועגן אָפּגעבן אַ באַריכט פון דער אַרבעט פון די אַרעסטאַנטן, צי וועגן אַן ענין פון באַ־שפּײַזונג אָדער באַשיכן די אַרעסטאַנטן. דאָס איז לויטן געשריבענעם געזעץ. דער נאַטשאַלניק אָבער האַלט אין איין אַרויסגיין כמעט יעדן טאָג פון לאַגער... צי וואָס ער גייט אַזוי פיל מאָל אַרויס? צי איז עס טאַקע צוליב דער טובה פון די אומגליקלעכע אַרעסטאַנטן, זיי צו פאַרזאָרגן? אָדער ז י ך צו פאַרזאָרגן צוזאַמען מיט אַ גאַנצער באַנדע מיט וועמען ער מאַכט געשעפטן? פאַרשטייט זיך, אַז ער איז נישט געווען דער איינציקער, וואָס האָט נאָך פאַרמאָגט אַ לײַטישן מלבוש, און דורך דעם נאַטשאַלניק האָבן די לײַטישע מלבושים אָנגעהויבן איבערצוואַנדערן פון לאַגער אַרויס גלײַך אין די הענט אַרײַן פון געוויסע ענקאַוועדעניקעס. שפּעטער, ווי מ׳האָט זיך דער־ווּסט טאַקע פון שישאָוון אַליין, ווען ער איז געווען אונטערן גלעזל, האָבן די קליידער געוואַנדערט קײַן לענינגראַד ווו מ׳האָט פאַר זיי זייער גוט באַ־צאָלט, און קונים־בעלנים האָבן זיך דאָרט געפונען זייער אַ סך אויף די קליידער פון די פוילישע ייִדן, די שקלאַפן־אַרבעטער. און אַזוי איינציקווײַז האָט מען אַרויסגעשמוגלט פונעם לאַגער דאָס גאַנצע ביסל בעסערע זאַכן.

ווי אַזוי האָט מען עס אַרויסגעפירט? אַ לאַגערניק האָט זיך אויסגעטון נאַקעט, ווי די מאַמע האָט אים געהאַט, אָנגעטון דעם אָנצוג אויף זיך און פון אויבן, האָט ער אָנגעטון זײַנע אַרעסטאַנטן־מלבושים. אָט אַזוי האָט ענקאַוועדע־נאַטשאַלסטווע, וואָס האָט געוווינט אויסערן לאַגער, געשאַרט פּײַער מיט פרעמדע הענט. דאָס געשעפט איז געגאַנגען אויף שותפות און מיט גרויס דערפאָלג...

אַלע האָבן געמיינט אַז ערליך וועט פאָרט האָבן אײַנזען מיט די אויס־געמוטשעטע אַרעסטאַנטן און זיי געבן אַ ביסעלע בעסער עסן. אָבער אויך אין דעם איז געווען אַ טעות. ער האָט נאָר געזוכט פּראָפיטן. אויך דער נאַ־ריאַדטשיק האָט געהאַט רעכט אַרויסצוגיין אויסערן לאַגער, ער איז דאָך געווען איינער פון די וואָס פירן אָן די קאָמאַנדע פון לאַגער. נישט אַלע אַרעסטאַנטן קאָנען דאָך האָבן דאָס מזל צו ווערן אַ נאַריאַדטשיק. דאָס מוז

מען זיך ספּעציעל פאַרדינען. פאַר אַזעלכע זאַכן מוז מען צאָלן... און מיט וואָס קאָן מען אין אַ לאַגער צאָלן? נאָר מיט דעם וואָס די אָרעמע אַרעסטאַנטן פאַרמאָגן נאָך. אַז אַלע זאַכן האָבן זיך שוין געהאַט אויסגעשעפּט, איז פאַראַן נאָך אַ מיטל ווי מע קאָן מאַכן געלט...

יעדער אַרעסטאַנט באַקומט דאָך אין דער פרי זײַן פּײַקע ברויט. ווער איז דער וואָס באַשטימט די פּאָרציע ברויט פאַרן אַרעסטאַנט? דער נאַטשאַלניק[?] ריאַדטשיק. די מערהייט אַרעסטאַנטן האָבן באַדאַרפט באַקומען צווישן 500 און 600 גראַם ברויט אַ טאָג. זיי האָבן אָבער קיין מאָל נישט באַקומען די ריכטיקע וואָג...

אין די לאַגערן איז אײַנגעפירט, אַז אין יעדן אָפּטייל געפינט זיך אַ ספּעציעלער מענטש, וואָס טראָגט דעם טיטל „כלעבאָרעז", דער ברויט־שנײַדער. ער, דער ברויטשנײַדער, פאַרמאָגט אַ ליסטע פון אַלע אַרעס־טאַנטן וויפל ער דאַרף יעדן געבן ברויט, און יעדער בריגאַדיר באַקומט דאָס ברויט פאַר זײַן בריגאַדע. זאָל דאָ אויסגעזאָגט ווערן דער שוין זיכער באַוווּסטער סוד, אַז קיין איין פּײַקע ברויט וועגט נישט אַזוי פיל וויפל דאָס געזעץ פאָדערט. דערפאַר האָט צו יעדער פּײַקע שטענדיק געפעלט צווישן 50 און 100 גראַם. דער כלעבאָרעזניק האָט שוין גוט געקענט די מלאכה פון אַרומשנײַדן די פּײַקעס ברויט, אַזוי אַז דער נאַריאַדטשיק מיט אים צו־זאַמען זאָלן פון דעם מאַכן גוטע געשעפטן... דערפאַר איז דער ברויט־שנײַדער לאַנג געזעסן אויף זײַן פּאָסטן... כאָטש בעלנים אויף דעם אַמט זענען געווען זייער פיל.

דער האַנדל מיט די אַראָפּגעגנבעטע פּופּציקער און הונדערטער גראַמען ברויט איז זיך צעוואָקסן גאַנץ ווײַט, אַפילו אַריבערן לאַגער... בײַם טויער איז טאַקע געשטאַנען אַ וואַך וואָס האָט שטאַרק געהיט די אַרעסטאַנטן, זיי געציילט בײַם אַרויסגיין און בײַם קומען צוריק. אָבער אַז מ'האָט באַדאַרפט פאַרקויפן עפּעס האָט מען שוין גוט פאַרקויפט... און פאַרקויפט האָט מען דעם נאַטשאַלניק און נאַריאַדטשיק וואָס האָבן כסדר אַרויסגעטראָגן... אַזוי איז אַלצדינג אָפּגעטון געוואָרן אויפן חשבון פונעם אויסגעהונגערטן און אויס־געמוטשעטן אַרעסטאַנט.

אין מײַן באַראַק האָט זיך געפונען אַ באַשיידענער ייִדישער יונגערמאַן מיטן נאָמען חיים קאַזאַק. ער האָט געשטאַמט פון פאַלעניץ, לעבן וואַרשע.

ער איז געווען אַ קרוב פֿונעם באַוווּסטן אַרויסגעבער פֿון דער פּינף־גראָשן־ביבליאָטעק אין וואַרשע, וואָס האָט געטראָגן דעם פּאָפּולערן נאָמען „קאָזאַקס פּינף־גראָשן־ביבליאָטעק”. פֿון אָנהייב אָן האָט דער יונגערמאַן געהאַלטן אין איין טענהן, אַז ער וועט די קאַטאָרגע נישט איבערהאַלטן, אַז ער איז נישט אין שטאַנד איבערצוטראָגן דאָס געמוטשעטע לעבן, און אַז ער וועט פֿאַר קיין פֿאַל נישט זײַן קיין שקלאַף. ער מוז מאַכן אַן ענדע צו דעם צושטאַנד. וויפֿל מיר האָבן אים נישט אויפֿגעוויזן, אַז ער איז דאָך נישט דער איינציקער וואָס געפֿינט זיך אין דעם צושטאַנד, האָט עס גאָרנישט געהאָלפֿן. מ׳האָט אים נישט געקאָנט איבערצײַגן. קיינער אָבער האָט זיך נישט געקאָנט פֿאָרשטעלן, אַז ער זאָל האָבן אין זיך אַזוי פֿיל כּוח אָפּצוטון אַזאַ זאַך. און געטראָפֿן האָט עס פּלוצעם.

ערבֿ ראש־השנה זענען די אַרבעטער געקומען אין באַראַק און געבראַכט אַ טרויעריקע בשׂורה. זיי האָבן דערציילט אַז גייענדיק מיט זײַן בריגאַדע צו דער אַרבעט האָט חיים קאָזאַק פּלוצעם דערזען אַז ס׳קומט אים אַנטקעגן אַ קאַמיאָן. ער איז געגאַנגען אין דער ערשטער ריי. האָט ער אָן אַ וואָרט אויסצורעדן זיך געוואָרפֿן אונטער די רעדער פֿון קאַמיאָן און אומגעקומען אויפֿן אָרט. צווישן די אַרעסטאַנטן איז געוואָרן אַ גרויסער טומל, אָבער די וואַכסאָלדאַטן האָבן אויסגעשטעלט די ביקסן קעגן זיי און געצוווּנגען ווײַטער צו גיין צו דער אַרבעט. דער אומגעקומענער חיים האָט געפֿונען זײַן קבֿר אויפֿן פֿעלד לעבן דעם לאַגער, וואָס געפֿינט זיך אויפֿן וועג פֿון פֿינישן ים־אויסגוס. מיר, די ייִדישע שקלאַפֿן־אַרבעטער, האָבן דערמאָלט אין אונדזערע הערצער קדיש געזאָגט נאָכן אומגעקומענעם ברודער אונדזערן. זאָל מײַן פֿאַרצייכענונג זײַן ווי אַ מצבֿה פֿאַרן טראַגיש־אומגעקומענעם חבֿר־אַרעסטאַנט.

קאַפּיטל 40

צוויי ייִדישע נאַטשאַלניקעס

די ערשטע צוויי ייִדישע נאַטשאַלניקעס אין לאַגער, וואָס איך האָב באַקענט, זענען נישט געווען קיין אַרעסטאַנטן, נאָר נאַטשאַלניקעס אין מונ־

דירן פון דער ענקאַווועדע, און דווקא אַזעלכע ייִדן, וואָס האָבן פאַרשטאַנען און גערעדט ייִדיש. אײנער פון זיי האָט פאַרנומען אַ הויכן אַמט. ער איז געווען נאַטשאַלניק פון קאַ־ווע־טשע — „קולטורנאַיע וואָספּיטאַניע טשעלאָ־וויעקאַ", די קולטורעלע דערציִונג פון מענטשן, אָדער ריכטיקער געזאָגט, פון איבערדערציִען די מענטשן. ער האָט זיכער אין האַרצן באַנומען אונדזער גרויסע טראַגעדיע. איך האָב אים שטענדיק געזען אַן ערנסטן, ער איז געווען נאָך אַ יונגער מענטש, עטלעכע דרײַסיק יאָר אַלט. געווען פון יונגערן דור קאָמוניסטן. אַ לענינגראַדער, אַן אינטעליגענטער מענטש, מיט אַ געוויסער באַציִונג צו מענטשן, אַפילו ווען זיי זענען אַרעסטאַנטן. אַזאַ אײַנדרוק האָב איך געהאַט וועגן אים די גאַנצע צײַט וואָס ער איז געווען נאַטשאַלניק פון קאַ־ווע־טשע.

אין אַלע לאַגערן איז פאַראַן אַ „רויט ווינקעלע" וואָס געפינט זיך אונטער דער אויפזיכט פונעם נאַטשאַלניק פון קאַ־ווע־טשע. דאָרט פאַרזאַמלט מען פון צײַט צו צײַט די אַרעסטאַנטן און מע פירט מיט זיי געשפּרעכן... מע מאַכט באַמיִונגען איבערצוציִגן די אַרעסטאַנטן, אַז זיי האָבן ביז איצט נישט ריכטיק אויפגעפאַסט דאָס לעבן... אַז ערשט איצט דאָ אין ראַטנפאַרבאַנד האָבן זיי שאַנסן צו ווערן די ריכטיקע מענטשן לויטן גײַסט וואָס עס הערשט דאָ...

ד"ר פײַקין האָט קיין נחת פון די דאָזיקע שמועסן נישט געהאַט. ער האָט זיך באַגעגנט מיט אַ סך געלעכטער. מ'האָט אים געהאַלטן אין איין פרעגן, ער זאָל אונדז זאָגן, וואָס פאַר אַ פאַרברעכן מיר זענען באַגאַנגען מיט דעם וואָס מיר זענען אַנטלאָפן פון היטלערן און געוואָלט איבערוואַרטן די מילחמה דאָ אין ראַטנפאַרבאַנד?... צי פאַר דעם קומט אונדז צו לעבן אַ שקלאַפן־לעבן אין לאַנד פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע? דאָס הייסט גאַנץ פשוט, העלפן היטלערן אין זײַן אויסראָט־פּאָליטיק קעגן ייִדן, און ווער טוט עס, דער ראַטנפאַרבאַנד? קומט איר איצט צו אונדז, ד"ר פײַקין, און איר ווילט אונדז, אומגליקלעכע אַרעסטאַנטן אײַנרעדן, אַז מיר זאָלן זיך לאָזן פון אײַך איבערדערציִען לויט דער טעאָריע פון סטאַלין? אין דער צײַט וואָס מיר זעען אײַן אַז די האַנדלונגען קעגן אונדז זענען כמעט די זעלבע ווי פון היטלערן.

אַז ז״ר פּײַקין האָט דערהערט אַזאַ לשון האָט ער גלײַך דערקלערט אַז שוין, די פֿאַרזאַמלונג איז געענדיקט.

יעדער דריטער זונטיק האָט באַדאַרפֿט זײַן דער רוטאַג. מיר האָבן זיך באַדאַרפֿט פּונקט אין דעם זעלבן טאָג אַרויסציִען פֿון באַראַק ווו מיר זענען געווען און איבערגיין אין אַ צווייטן, גרעסערן, אָבער אויף אַן ערשטן שטאָק. מיר האָבן אָנגעהויבן די אַרבעט פֿאַרטאָג און זענען קוים פֿאַרטיק געוואָרן שפּעט בײַנאַכט, און געהייסן האָט עס אַז מיר האָבן דעם זונטיק געהאַט רוטאָג...

די גרעסטע צרה איז געווען פֿאַר מיר, דעם דניעוואַלנע. איך האָב איצט באַדאַרפֿט שלעפּן יעדן טאָג דאָס וואַסער אויפֿן ערשטן שטאָק, מער ווי 30 עמער וואַסער; וואַשן די פּאָדלאָגע וואָס איז געווען אַ סך גרעסער פֿונעם ערשטן באַראַק. אַן אַרבעט נישט צום אויסהאַלטן. וויפֿל מאָל איך זאָל נישט האָבן געמאַכט ווענדונגען מע זאָל מיך באַפֿרײַען פֿון צו זײַן דניעוואַלנע האָבן זיי, די חברים מײַנע פֿון באַראַק, נישט געוואָלט. זיי האָבן מיר דער־קלערט אַז בײַ דער קאַטאָרגע־אַרבעט, ווו זיי גייען אַלע טאָג אַוועק, וועט מיר נישט זײַן בעסער; איך מוז שליסן שלום מיט מײַן גורל פּונקט ווי זיי מוזן דאָס טון. איצט איז מיר צוגעקומען נאָך אַרבעט. מ׳האָט באַדאַרפֿט צוגרייטן האָלץ אויפֿן ווינטער. איך האָב אָנגעהויבן צו אַרבעטן פֿון פֿיר אַזייגער פֿאַר־טאָג ביז שפּעט אין דער נאַכט.

אין לאַגער האָט זיך באַוויזן פֿון צײַט־צו־צײַט נאָך אַ יִדישער נאַ־טשאַלניק אין אַ מונדיר פֿון ענקאַוועדע, מיטן נאָמען שולמאַן. וואָס זײַן אויפֿגאַבע איז געווען בײַ אונדז האָט קיינער נישט געוווּסט. ער פֿלעגט קומען, זיך אויספֿרעגן ווי ס׳גייט אונדז בײַ דער אַרבעט? צי מיר האָבן זיך שוין צוגעוווינט צו דעם לעבן? איך פֿלעג אים זען מער ווי אַנדערע, ווײַל צום מערסטן פֿלעגט ער צוקומען צו מיר ווען איך האָב געהאַלטן אין מיטן האַקן האָלץ. ער פֿלעגט מיך הייסן זיך אָפּרוען. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ קלאָץ, וואָס איך האָב באַדאַרפֿט צו צעהאַקן און מיך האָט ער געהייסן זיך אַוועקזעצן אויף אַ צווייט קלעצל. ער האָט אויסגעפֿרעגט וועגן דעם לעבן פֿון די ייִדן אין פּוילן; וועגן די פּאַרטייען אויף דער ייִדישער גאַס. ער האָט אויך געוואָלט וויסן וועגן דעם אַנטיסעמיטיזם אין פּוילן. איך האָב אים

וועגן אַלעם דערציילט דעם אמת. ער האָט אויך געוואָלט וויסן דעם ריכטיקן מאָטיוו, פאַר וואָס מ׳האָט אונדז אַרעסטירט. ביי מיין דערציילן אים מיינע פּערזענלעכע איבערלעבונגען און אויך פון אַנדערע ייִדן, האָב איך אויף זיין פּנים באַמערקט, אַז ער איז דאָ כמעט דער איינציקער ייִד אין אַ מונדיר וואָס לעבט מיט מיט אונדזער גרויסער ייִדישער טראַגעדיע. ביים אַוועקגיין האָט ער מיר געזאָגט די ווערטער:

— נישט נאָר אין פּוילן איז דער אַנטיסעמיטיזם אַזוי שטאַרק. ער איז דאָ אין נאָך ערטער, אפשר אין אַ פיל שטאַרקערער פאָרעם ווי אין פּוילן...

אַ צווייטן מאָל האָט ער שטאַרק געוואָלט וויסן די געשיכטע פון מיין לעבן. טאַקע ווייל איך בין אַ ייִדישער אַקטיאָר, און ווייל איך רעד מיט אים אַזאַ ייִדיש, וואָס איז פאַר אים אַ מחיה צו הערן. וויל ער וויסן פון מיר עפּעס מער. איך האָב אים דערציילט, אַז איך בין געבוירן אין שטעטל אָפּט. זיך דערצויגן אין לאָדזש. אָבער גלייך ווי איך האָב אים נאָר דערמאָנט אָפּט, האָט ער מיך אָפּגעשטעלט און געזאָגט:

— וואַרט נאָר איין מינוט, אָפּט? אָפּט? דאָס איז דאָך דאָס שטעטל ווו ס׳האָט געלעבט דער גרויסער אָפּטער רב.

— אמת, — האָב איך געזאָגט, — אָבער פון וואַנען קומט צו אייך, נאַ־טשאַלניק שולמאַן, איר זאָלט וויסן ווו ס׳האָט געלעבט דער אָפּטער רב?

— ייִד פון פּוילן, איך, וואָס טראָג דעם מונדיר פון דער ענקאַוועדע, ווייס נישט ווייניקער וועגן ייִדישער געשיכטע, בכלל וועגן ייִדישקייט, וועגן דער ייִדישער טראַגעדיע ווי איר אַלע דאָ אַרעסטירטע קענט זיך פאָרשטעלן.

— גלייבט מיר, פאַר מיר פּערזענלעך — האָט ער ווייטער געזאָגט — איז עס אַ שווערע איבערלעבונג וואָס איך מוז צוקוקן ווי מע מאַטערט אייך. לויט מיין איבערצייגונג פיל איך, אַז איר זענט אומשולדיקע. פאַרקערט, איך האַלט, אַז מ׳האָט אייך באַדאַרפט מקרב זיין, העלפן. דאָ באַגייט מען קעגן אייך אַ גרויסן פעלער, פאַר וועלכן מע וועט אַ מאָל שווער באַצאָלן. — און גלייך צוגעגעבן — איך גלייב, אַז איך רעד מיט אַ פאַראַנטוואָרטלעכן מענטש, וואָס וועט דעם געשפּרעך נישט דערמאָנען. סיידן אין גאַנץ „אַנ־דערע״ אומשטענדן...

איך האָב ביז היינט געהאַלטן וואָרט, און וועגן דעם קיינעם נישט

דערציילט. צום ערשטן מאָל נאָך אַזוי פיל יאָרן גיב איך עס היינט דאָ איבער. איך האָב דעם נאַטשאַלניק שולמאַן באַטראַכט ווי דעם למד־וואָווניק, דעם צדיק, צווישן אַזוי פיל רשעים.

***

דעם ערשטן טאָג ראש־השנה האָט מען אונדז געהייסן גיין צו דער קאַטאָרגע־אַרבעט. אָבער ס׳איז געשען אַ מאָדנע דעמאָנסטראַציע פון אַלע־מען, פון די פרומע און נישט־פרומע, אַפילו נישט אָפּגערעדטערהייט. אַלע גייענדיקע צו דער אַרבעט האָבן אויסגעבראָכן אין אַ גרויס געוויין, און אַזוי וויינענדיק געגאַנגען אַרבעטן אויף זייערע פּלעצער. אַפילו די רוסישע ברי־גאַדירן, וואָס האָבן אונדז געפירט צו דער אַרבעט זענען געווען גערירט פון דעם פּראָטעסט, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט נאָר אין וויינען. אויך ביי די רוסישע קאַטאָרזשניקעס זענען געשטאַנען טרערן אין די אויגן. דאָס איז געווען אַ מאָדנע סאָלידאַריטעט פון טרערן. אַהיימקומענדיק פון דער אַרבעט האָט, אין פּראָטעסט, קיינער נישט גענומען דאָס עסן פון קיך. נאָר יעדער האָט זיך אַוועקגעלייגט אויף די קויקעס און ווייטער געוויינט. דאָס איז גע־קומען אין גאַנצן נישט אָרגאַניזירט. ספּאָנטאַן, פון אַלעמען אָן אויסנאַם.

צוויי אויסנאַמען זענען געווען אין באַראַק. דאָס איז געווען דער משומד יוליאַן קאָן און דער גרויסער אַנטיסעמיט, דער פּאָלאַק רודאַק, דאַקעגן דער דריטער פּאָלאַק, יאַנקאָווסקי, האָט מיטגעוויינט.

אַז דער נאַטשאַלניק שישאָוו האָט זיך דערוווּסט וועגן דער מאָדנער „דעמאָנסטראַציע" האָט ער זיך נאַטירלעך שטאַרק געשראָקן, געקומען צו־לויפן זיך דערוויסן, פאַר וואָס מע וויל נישט עסן און וואָס איז דאָס וויינען פון אַלעמען. אויך דער נאַריאַדטשיק איז געקומען אַ שטאַרק דערשראָקענער. ווייל זיי ביידע האָבן דאָך מורא געהאַט מע זאָל נישט די גאַנצע וויין־דע־מאָנסטראַציע אַרויפוואַרפן אויף זייערע קעפּ. זיי האָבן געפרעגט וואָס ס׳איז געשען, אָבער קיינער האָט נישט געענטפערט. זיי האָבן אַליין נישט געוווּסט וואָס צו טון, ווייל טאָמער פאַלט אויף זיי די שולד, קאָנען זיי נאָך אַראָפּ־גענומען ווערן פון זייערע פּאָסטנס. האָבן זיי אָנגעהויבן בעטן מע זאָל נעמען דאָס עסן און אויפהערן וויינען. אָבער קיינער האָט זיך צו זיי נישט צוגעהערט. פּלוצלינג האָט שישאָוו זיך געגעבן אַ קלאַפּ מיט דער האַנט אין

שטערן און אויסגעשריגן: ער האָט אַ גוטן אײַנפֿאַל. ער וועט רופֿן דעם נאַטשאַלניק פֿון קאָוועטשע, פּײַקין, אָדער דעם צווייטן ייִדישן נאַטשאַלניק שולמאַן, וואָס קען דאָס ייִדישע לשון. זיי וועלן שוין פּועלן מע זאָל אויפֿהערן ווייַנען. באַלד איז אָנגעקומען נאָר איין נאַטשאַלניק, שולמאַן.

ווי נאָר ער איז אַרײַן האָט ער געזאָגט אויף ייִדיש:

— הערט, ייִדן!

אַלע האָבן זיך אויפֿגעהויבן פֿון זייערע ערטער און אויסגעגלאָצט די אויגן אויף אים.

— ייִדן, ייִדן, שוין גענוג, איר האָט גענוג געוויינט, באַרויִקט אײַך, רוט אײַך אויס, שאַנעוועט אײַער שוואַך געזונט, ווײַל מאָרגן איז אויך אַ טאָג, מאָרגן וועט איר מוזן אַרבעטן, איר הערט, ייִדן, איר וועט מאָרגן מוזן גיין צו דער אַרבעט...

ווענדנדיק זיך צום נאַטשאַלניק שישאָוו און צום נאַריאַדטשיק האָט ער זיי געזאָגט, אַז זיי דאַרפֿן פֿון דעם נישט מאַכן קיין שום ליאַרעם און געבערויך, ווײַל ער, ווי אַ ייִד, ווייסט דאָס זייער גוט, אַז ראש־השנה וויינען ייִדן, כּדי זיי זאָלן זיך אויסבעטן אַ גוט יאָר. און כּדי גאָט זאָל נישט זײַן אײַנגעשפּאַרט און נאָכגעבן די ייִדן וואָס זיי בעטן בײַ אים — אַ גוט יאָר — האָבן זיי אָנגעוואָנדן צו גאָט אַזאַ מין טאַקטיק ווי נישט וועלן עסן... דאָס הייסט אַ פּראָטעסט צו גאָט, ער זאָל אַנטקעגנקומען זייער געבעט און זאָל זיך גאָט טון וואָס ער וויל. מיט דער נאַטשאַלסטווע האָט עס נישט קיין שײַכות. מאָרגן וועלן זיי שוין זיכער עסן און גיין צו דער אַרבעט.

און גלײַך האָט ער געזאָגט אויף ייִדיש, אַז דאָס וואָס מיר ייִדן בעטן צו גאָט זאָל גאָר אין גיכן מקוים ווערן... מיטנעמענדיק שישאָוון און דעם נאַריאַדטשיק איז ער גלײַך מיט זיי אַוועק.

די שטימונג איז פּלוצלינג געוואָרן אַן אַנדערע. קיינער האָט ביז איצט דעם נאַטשאַלניק שולמאַן נישט געזען און אַפֿילו נישט געוווּסט, אַז עס געפֿינט זיך אין לאַגער אַזאַ מין נאַטשאַלניק וואָס רעדט אַזאַ שיינעם ליטווישן ייִדיש.

דער אַלטער 75־יאָריקער ר׳ איטשע האָט זיך געגעבן אַ שטעל אויף און געזאָגט:

— ייִדן, עס וועט נאָך זײַן גוט, אויב ס'געפינט זיך נאָך דאָ אין לאַגער, אַזאַ מין נאַטשאַלניק אַ ייִד, וואָס רעדט אַזאַ לשון מיט אַזעלכע קלוגע רמזים, איז אַ סימן, אַז פון דער פינצטערניש, וואָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אונדז ייִדן, וועט נאָך אַרויסקומען פאַרן ייִדישן געפּלאָגטן פאָלק אַ גרויס ליכט, וואָס וועט אונדז פאַרגיטיקן פאַר אַלע אונדזערע לײַדן.

קאַפּיטל 41

יידישע אַרעסטאַנטן זאָגן כל־נדרי אויף פאַרשיקונג

נאָך דער געשיכטע מיטן ראש־השנה האָט געדויערט אַ פּאָר טעג ביז די אַרעסטאַנטן האָבן זיך באַרויִקט.

אין דער געגנט פון אונדזער לאַגער, בײַם פינישן ים־אויסגוס, איז שוין געוואָרן גוט קאַלט. מײַן אַרבעט איז געוואָרן שווערער. איך האָב אויך געמוזט צוזעגן קלעצער און שפּעטער זיי צעהאַקן אַזוי אַז זיי זאָלן זײַן גוט צום הייצן.

וואָס נענטער צום אָנקום פון דער כל־נדרי־נאַכט, אַלץ נערוועזער איז געוואָרן דער עולם אַרעסטאַנטן. אַפילו די נישט־פרומע זענען באַהערשט געוואָרן מיטן זעלבן געפיל וואָס די רעליגיעזע.

דער אַלטער ר' איטשע איז פון מיר נישט אָפּגעטראָטן אויף קיין איין מינוט. ער האָט כסדר געהאַלטן אין איין זאָגן צו מיר, אַז אַזוי ווי ער האָט באַמערקט, אַז מיט מיר האָט גערעדט דער נאַטשאַלניק, וואָס קען גוט ייִדיש, וויל ער אַז איך זאָל מאַכן באַמיִונגען בײַם דאָזיקן נאַטשאַלניק, מע זאָל אונדז געבן אַ ספּעציעלע דערלויבעניש נאָר צו כל־נדרי. איך האָב, פאַרשטייט זיך, צוגעזאָגט ר' איטשען, אַז איך וועל זיך זען מיט שולמאַנען און אים בעטן ער זאָל אויספּועלן בײַם הויפּט־נאַטשאַלניק אַ דערלויבעניש זיך צו מעגן פאַרזאַמלען אין דער הייליקער נאַכט זאָגן כל־נדרי. איך האָב מײַן וואָרט געהאַלטן.

עטלעכע טעג פאַר דער כל־נדרי־נאַכט האָב איך געבעטן בײַ שולמאַנען וועגן דעם. שולמאַן האָט מיך אויסגעהערט זייער ערנסט. ווען איך

האָב געענדיקט האָט ער מיר דערקלערט, אַז ערשטנס, איז לויטן געזעץ פאַרבאָטן אַז אַרעסטאַנטן זאָלן זיך פאַרזאַמלען, צווייטנס קאָן נישט זײַן קיין שום רייד, מע זאָל אָפיציעל דערלויבן צו זאָגן כל־נדרי. נאָך אַ ווײַלע האָט ער מיך געבעטן אַז קיינער זאָל מער פון דעם נישט רעדן, אויב מע וויל אויף זיך קיין צרות נישט ברענגען. איך האָב אים געגעבן צו פאַרשטיין, אַז דער אַלטער ר׳ איטשע און נאָך אַנדערע פרומע און אַפילו נישט־פרומע וועלן זיך אַזוי לײַכט נישט אונטערגעבן נישט צו זאָגן כל־נדרי, אַפילו מע זאָל וויסן באַשטראָפט צו ווערן. ער האָט מיר ווײַטער געענטפערט דאָס זעלבע אַז מע וועט עס פאַר קיין פאַל נישט דערלויבן. ווען איך בין צו אים גאָר שטאַרק צוגעשטאַנען און אים געמאַכט אויפמערקזאַם אַז אים איז דאָך זיכער אויך גוט באַוווּסט אַז ייִדן זענען שוין געוווינט צו גיין אויף קידוש־השם, האָט ער מיר געענטפערט, מע זאָל זײַן זייער פאָרזיכטיק... און אונטערגעשטראָכן, אַז ער טאָר וועגן דעם קיין שום אָפיציעלע באַמיִונגען נישט מאַכן. ער האָט מיר געבעטן איבערגעבן דעם פרומען אַלטן ייִדן, ר׳ איטשען, און די איבעריקע פרומע ייִדן אַז — מחשבה כמעשה... אַזוי האָט ער אויסדריקלעך געזאָגט.

איך האָב ר׳ איטשען אַלצדינג איבערגעגעבן. דער אַלטער איז נעבעך געוואָרן זייער טרויעריק, אָבער זיך נישט אונטערגעגעבן דעם גזר. ער האָט מיט מיר צוזאַמען אָנגעהויבן פאַרקלערן אַ פּלאַן ווי אַזוי מיר זאָלן יאָ קאָנען אײַנאָרדענען אַ גרעסערע צאָל אַרעסטאַנטן מע זאָל זאָגן כל־נדרי.

איך האָב אויסגעזוכט ווײַט פון אונדזער באַראַק אַן אָרט ווו ס׳איז אַמאָל געווען אַן אַרבעטפּלאַץ און איצט איז עס צופעליק געווען ליידיק. זיך צונויפגערעדט מיט ר׳ איטשען און מיר האָבן אָנגעהויבן ווערבירן „דאַווע־נער״. מיר האָבן אָפּגערעדט מיט זיי אַז קיינער טאָר דערווײַל פון דעם נישט וויסן. נאָר דעם לעצטן טאָג וועלן מיר דעם סוד פאַרטרויען די אַלע וואָס ווילן באמת ריזיקירן און זאָגן כל־נדרי נישט טראַכטנדיק וועגן די קאָנסעקווענצן...

דעם אַלטן ר׳ איטשען האָב איך געוויזן דאָס אָרט ווו מיר וועלן זיך דאַרפן פאַרזאַמלען. איך האָב אָפּגעמאַכט, אַז מיט די ערשטע צוויי אַרעס־טאַנטן וועל איך אַרויפגיין דאָרט אויפן ערשטן שטאָק, און ער זאָל פאָרזיכ־טיק גיין מיט אַנדערע צוויי. אַזוי וועלן מיר אייניציקווײַז אַהינפירן אַ גרע־

סערע צאָל אומבאַמערקטערהייט ווײַל אַז מע קומט פון דער אַרבעט זענען כמעט אַלע פאַרנומען מיטן אָפּנעמען זייער ביסל עסן פון קיך. שפּעטער זענען זיי פאַרנומען מיטן עסן אַזוי אַז אויפן הויף איז אין דער צײַט שטענדיק אַ גרויסע באַוועגונג פון הונדערטער אַרעסטאַנטן און מיר וועלן נישט באַמערקט ווערן.

מיר האָבן פאַרזאַמלט אַ היפּשן עולם. ר׳ איטשע האָט אָנגעהויבן צו זאָגן זייער שטיל, אַזוי שטיל, אַפּנים, ווי אונדזערע עלטערזיידעס פלעגן זאָגן כל־נדרי אין די באַהאַלטענע קעלערן מורא האָבנדיק פאַר דער אינקוויזיציע. אויך מיר, זייערע אייניקלעך, האָבן געמוזט זײַן פאָרזיכטיק מיט אונדזער זאָגן כל־נדרי אין יאָר 1940. ווײַל אויך מיר האָבן זיך געמוזט היטן פאַר די מאָדערנע אינקוויזיטאָרן.

ר׳ איטשע האָט אָנגעהויבן זאָגן „על דעת המקום, ועל דעת הקהל, בישיבה של מעלה, בישיבה של מטה, אנו מתירין להתפלל עם העברינים. און זיך גלײַך פאַרגאַנגען אין דעם אוי־אוי־אוי־אוי־אוי — כל־נדרי, ואסרי, ושבועי, וחרמי, וקונמי, וקנסי. און אַז ער איז צו צו יום כיפורים זה עד יום כיפורים הבא עלינו לטובה, האָט ער שוין אויפגעהויבן די טענער העכער און העכער און אַלע האָבן זיך פאַרגעסן און אָנגעהויבן זאָגן אויפן קול. די ערשטע צוויי מאָל זאָגן כל־נדרי זענען אַדורך בשלום, אָבער ווען דער עולם, מיטן חזן ר׳ איטשען, האָבן אָנגעהויבן זאָגן דאָס דריטע מאָל כל־נדרי, האָבן מיר דערהערט ווי מע לויפט אויף די טרעפּ. גלײַך האָט זיך דערהערט אַ געשריי:

— טשטאָ זדיעס זאַ סאָבראַניאַ? טשטאָ ווי זדיעס דיעלאַיעט־ע? וואָס איז עס פאַר אַ פאַרזאַמלונג? וואָס טוט איר דאָ? נו, גיכער, גיכער, פאַרנעמט זיך פון דאַנען!

מ׳האָט אונדז אָנגעהויבן טרײַבן און שטופּן מיט די פּריקלאַדן פון די ביקסן און געסטראַשעט מיט שיסן אויב אַלע וועלן זיך גלײַך נישט פונאַנדערגיין.

עס איז געוואָרן אַ געלויפעריי אַראָפּ פון די טרעפּ. די וועכטער האָבן געשאָלטן אין טאַטנס טאַטן און דער מאַמעס מאַמען אַרײַן. געמאַכט צענדלינגער מאָל דעם גוט־באַקאַנטן רוסישן „מי שברך״...

דער אַלטער ר׳ איטשע האָט אַפילו לויפנדיק געזאָגט כל־נדרי, אַזוי לאַנג ביז ער האָט עס פאַרענדיקט.

ווען אַלע זענען שוין געווען אין באַראַק זענען געקומען צולויפן שישאָוו מיטן נאַריאַדטשיק און געוואָלט וויסן וואָס פאַר אַ פאַרזאַמלונג מיר האָבן דאָרטן אָפּגעהאַלטן און דאָס וויכטיקסטע האָבן זיי געוואָלט וויסן, מיר זאָלן זיי דערקלערן, וואָס פאַר אַ לידער מ׳האָט דאָרט געזונגען, ווײַל נאָר אַ דאַנק דעם וואָס זיי האָבן דערהערט זינגען אַלע מיט אַ מאָל „כאָראָם" האָבן זיי זיך דערוווּסט, אַז אויבן אין דעם געוועזענעם אַרבעט־וואַרשטאַט געפינען זיך אַרעסטאַנטן.

דער נאַריאַדטשיק האָט געשריגן צו מיר:

— דניעוואַלניע, דניעוואַלנע, זאָג אונדז, גיכער, וואָס האָט מען דאָרט געזונגען?! די וועכטער גיבן איבער אַז זיי האָבן דיך אויך דאָרטן געזען.

איך האָב דערקלערט, אַז דאָרט האָט מען נישט געזונגען קיין שום לידער, נאָר געבעטן צו גאָט, און אַז קיינער פון אונדז ווייסט נישט אַז ס׳איז פאַרבאָטן גאָט צו בעטן.

דער נאַריאַדטשיק האָט זיך צעשריגן אויף מיר: — וואָס פאַר אַ ליגן באַקסטו דאָ מיר אָפּ! זאָג, וואָס האָט איר אַזוי געבעטן צו אײַער גאָט?

איך האָב אים געענטפערט: — מ׳האָט געבעטן צו גאָט, מיר זאָלן זײַן געזונט כדי צו קאָנען אַ סך אַרבעטן און מאַכן די שווערע נאָרמעס...

אַן איראָנישער שמייכל האָט זיך באַוויזן אויפן פּנים פונעם בייזן נאַ־ריאַדטשיק.. אויך שישאָוו האָט אויסגעהערט אַלצדינג און געזאָגט אַז מע וועט אַלעמען פאַר דעם באַשטראָפן...

אויף צו מאָרגנס נאָך יום־כּיפּור, ווען ס׳האָט זיך דערהערט דער גלאָק צום אויפשטיין, האָבן מיר צווישן זיך אָפּגעמאַכט אַז אַזוי ווי ס׳איז הײַנט יום־כּיפּור און זייער פיל פון אונדז ווילן דאָך זיכער פאַסטן איז אַ פּלאַן מע זאָל דערקלערן שישאָוון אַז דאָס הײַנטיקע ברויט, וואָס יעדן קומט, גיבן מיר אַוועק ווי אַ שטראָף פאַרן נעכטיקן דאַוונען. איך האָב צוגעזאָגט וועגן דעם צו מאַכן אַ פּרוּוו בײַ שישאָוון...

נישט אַלע זענען הײַנט יום־כּיפּור געווען גרייט צו דער אַרבעט. אַ סך אַרעסטאַנטן האָבן דערקלערט אַז זיי פילן זיך שוואַך. מעג דער נאַריאַדטשיק ברענגען צו זיי צען דאָקטוירים, וועלן זיי דערקלערן, אַז זיי פילן זיך קראַנק,

און מוזן איבערליגן דעם הײַנטיקן טאָג אויף דער קויקע! אַזוי זענען געבליבן אין באַראַק מער ווי פערציק קראַנקע. דער נאַריאַדטשיק האָט געבראַכט דעם דאָקטער. באַטראַכטנדיק די איבער 40 אַרעסטאַנטן, האָט ער דערקלערט, אַז זיי זענען ווירקלעך זייער אויסגעמוטשעט און אָפּגעשוואַכט. זיי מוזן רוען מינימום אַ טאָג אָדער צוויי. עטלעכע וואָס זענען פונעם דאָקטער נישט אָנערקענט געוואָרן פאַר שטאַרק אָפּגעשוואַכט זענען גלײַך אַוועקגעשלעפּט געוואָרן פון די וועכטער אין קאַרצער אַרײַן. אַזוי פאָדערט דאָס געזעץ אַז דער וואָס גייט נישט צו דער אַרבעט און איז נישט קראַנק מוז גיין דעם טאָג אין קאַרצער.

שפּעטער איז געקומען צו אַן אויסגלײַך מיטן נאַריאַדטשיק וועגן דעם כל־נדרי־געשעעניש. ער האָט באַקומען 75 פּײַקעס ברויט פון די אַרעסטאַנטן וואָס האָבן זיך געפונען אין דעם באַראַק. די שעפּעלעך זענען געבליבן גאַנץ און דער וואָלף זאַט...

פאַר אַזוי פיל ברויט האָט ער באַקומען גוט באַצאָלט... ער האָט דאָך עפּעס געקאָנט אַרויסגיין פון לאַגער, זיך פרײַ באַוועגן אין דרויסן... און ברויט איז אויסערן לאַגער געווען פונקט אַזוי וויכטיק ווי אין לאַגער. ווײַל אויך אין דרויסן איז די גרויסע מאַסע בירגער געווען אויסגעהונגערט.

קאַפּיטל 42

נאַכטקאָנטראָל

מיט יעדן טאָג ווערט אַלץ קעלטער און קעלטער. די אַרעסטאַנטן גייען אַרום כמעט נאַקעט. ווען מ׳האָט אונדז אַרעסטירט איז געווען זומער און מ׳איז געגאַנגען אָנגעטון זומערדיק. אין דעם באַראַק האָט מען שוין באַדאַרפט אָנהייבן הייצן. דאָס האָלץ, וואָס איך האָב שוין געהאַט צוגעגרייט, איז אָבער געווען נאַס. ס׳האָט נישט געוואָלט ברענען. איך פלעג האַלטן אין איין בלאָזן אין אויוון אַרײַן כדי דאָס נאַסע האָלץ זאָל פאָרט ברענען און אַ ביסל דערוואַרעמען דעם באַראַק. די סטרעלקעס, די וועכטער, וואָס פלעגן פירן צו דער אַרבעט, האָבן געסטראַשעט, אַז מע זאָל נישט מיינען אַז דאָס,

וואָס די אַרעסטאַנטן האָבן זיך יום־כּיפּור געמאַכט אַ פאַרזאַמלונג, וועט זיי אַזוי אָפּגיין גלאַטיק. זיי האָבן אָפּן דערקלערט אַז זיי וועלן דאָס מעלדן דאָרט וווּ מע דאַרף. מיר וועלן באַקומען דערפאַר אַ גרויסע שטראָף... אָט די סטראַשונקעס פון די וועכטער איז אויך געווען מיטן ציל צו קאָנען עפּעס אַרויס־באַקומען פון די שקלאַפן־אַרבעטער. אַ סך מאָל האָט מען געהערט פון די וועכטער, אַז די זשידעס לאָזן זיך צופיל ווילגיין בײַ אונדז אין לאַגער. דער אַנטיסעמיטיזם האָט זיך אַרויסגעפּילט פון יעדן וואָרט.

עטלעכע טעג נאָך דעם כּל־נדרי־זאָגן איז עפּעס געשען וואָס האָט ווידער צעטרייסלט דעם גאַנצן לאַגער אָבער צום מערסטן אונדזער זי־בעטן אָפּטייל.

פּלוצלינג האָבן מיר דערהערט אַ גוואַלד פון דער הייך, פונעם בוידעם. איבער אונדזער זיבעטן אָפּטייל איז נאָך געווען אַ שטאָק טרעפּ, וואָס האָט געפירט צו אַ בוידעם. געווען איז עס, שוין נאָך דעם ווי אַלע בריגאַדעס זענען געקומען פון דער אַרבעט. מ׳האָט זיך גלײַך געלאָזן לויפן אַרויף צום בוידעם. אָבער נאָך איידער מיר זענען אַרויף איז שוין אַראָפּגעלאָפן פון דאָרט דער „לאַנגער געצל“ און געשריגן:

— גוואַלד! אַ געהאָנגענער! עפּעס איינער הענגט אויפן בוידעם! ער איז שוין טויט!

איך מיט נאָך עטלעכע אַרעסטאַנטן זענען אַרויף קוקן צי ס׳איז טאַקע אמת, ווײַל פאַרלאָזן זיך אויפן „לאַנגן געצל“ האָט מען זיך נישט געקאָנט. ער איז געווען אַ שטיקל צעדרייטער פאַרשוין.

מיר זענען אַרויף אויפן בוידעם און געבליבן ווי פאַרשטיינערט. ס׳האָט זיך טאַקע געהאָנגען איינער פון אונדזער באַראַק, אַ געוויסער משה ראָזענ־פעלד, פון די שטילסטע יונגעלײַט, אַן איידעלער יונגערמאַן. הײַנט אין דער פרי איז ער געגאַנגען צו דער אַרבעט און נישט אַרויסגעוויזן קיין שום צייכן, אַז ער קלערט צו באַגיין זעלבסטמאָרד, אָבער ווען ער איז שוין געגאַנגען צוריק פון דער אַרבעט — דערציילן זײַנע חברים — האָט ער פּלוצלינג דערציילט, אַז ער האָט די פאָריקע נאַכט געהאַט אַ חלום און געזען דעם אומגעקומענעם חיים, וואָס האָט זיך געהאַט געוואָרפן אונטערן קאַמיאָן. ווען זײַנע חברים האָבן אים געפרעגט וואָס עפּעס פּלוצלינג דערציילט ער עס איצט, גייענדיק פון דער אַרבעט. האָט ער שוין מער גאָרנישט געענטפערט.

ווען ער איז געקומען אין באַראַק אַרײַן האָט ער זיך אַוועקגעלייגט אויף זײַן קויקע, קיינער האָט אָבער פון דעם נישט געמאַכט קיין וועזן, ווײַל אַ סך אַרעסטאַנטן פלעגן זיך אַוועקלייגן אַ ביסל אָפּצורוען נאָך דער שווערער קאַטאָרגע. אַ ביסל שפּעטער פלעגן זיי זיך שטעלן אין דער ריי צו נעמען זייער ביסל זופּ. דערפאַר האָט קיינער כמעט נישט באַמערקט, אַז משה ראָזענפעלד גייט נישט צו דער קיך נעמען דאָס עסן. אַנשטאָט אין קיך איז ער גאָר אַרויף אויפן בוידעם כדי צו ענדיקן מיט זײַן לעבן.

גלײַך נאָך אונדז איז געקומען צולויפן שישאָוו מיטן נאַריאַדטשיק. זיי האָבן קיינעם נישט געהייסן צוגיין צום געהאָנגענעם, געהייסן רופן דעם נאַטשאַלניק פּײַקין אָדער שולמאַן און אויך דעם דאָקטער. באַלד זענען געקומען שולמאַן און דער דאָקטער. קודם האָט דער דאָקטער פעסטגע־שטעלט אַז משה ראָזענפעלד איז טויט. ס׳איז וועגן דעם אָנגעשריבן גע־וואָרן אַן „אַקט״. שפּעטער האָט מען דעם טויטן אַראָפּגעטראָגן אינעם סאַניט־פּונקט. נאַטשאַלניק שולמאַן האָט געהייסן שישאָוון אַרויסנעמען פון די קע־שענעס פון טויטן אַלצדינג. מ׳האָט געפונען בײַ אים אַ קליין בריוועלע, וווּ ס׳איז געווען אָנגעשריבן מיט אַ בלײַשטיפט:

„זײַט מוחל, חברים־אַרעסטאַנטן, פאַר דער טאַט וואָס איך בין באַ־גאַנגען. איך האָב זייער לאַנג געטראַכט וועגן דעם און בין געקומען צום באַשלוס אַז איך קאָן מער נישט. אַז ס׳האָט נישט מער קיין זין אַזאַ מין שקלאַפן־לעבן. איך גלייב אויך נישט, אַז ס׳וועט נאָך אַ מאָל קומען אַ צײַט צו קאָנען לעבן ווי פרײַע מענטשן, און דערפאַר בעסער אַ פרײַער טויט אײדער אַ פאַרשקלאַפּט לעבן״. אונטערגעשריבן — משה.

ווען מ׳האָט דאָס בריוועלע געפונען האָט שולמאַן דערקלערט, אַז ס׳איז געשריבן אין ידיש, האָט ער גלײַך געגעבן אַ באַפעל אַז איך, דער דניעוואַל־נע, זאָל עס איבערלייענען אויפן קול, כדי אַלע זאָלן הערן. פאַר וואָס שולמאַן, וואָס האָט גוט געקענט ידיש, האָט אַליין נישט געלייענט, נאָר געהייסן דעם דניעוואַלנע איבערלייענען איז פאַר מיר נישט געווען שווער צו פאַרשטיין. איך האָב געוווּסט, אַז זײַן גאַנצע סימפּאַטיע איז אויף דער זײַט פון די אומגליקלעכע אַרעסטאַנטן, דערפאַר האָט ער געהייסן אַז איך זאָל לייע־נען, ווײַל ווען ער נעמט לייענען וואָלט ער שוין געווען געצווונגען דאָס בריוועלע צו לייענען פאַר זיך אין דער שטיל, אָבער איך האָב עס געמעגט

לייענען אויך, אַלע זאָלן הערן. דאָס אַפּנים האָט ער געוואָלט. אַז שישאָוו האָט אים געפרעגט צי מע דאַרף דאָס בריוועלע צולייגן צום פּראָטאָקאָל, האָט ער געענטפערט, אַז ער וועט עס שוין דערליידיקן. דערווײַל האָט ער זיך געמאַכט נישט זעען ווי איך האָב פון דעם געמאַכט אַ קאָפּיע.

אַ ביסל שפּעטער האָט מען דעם געהאַנגענעם אַרויסגעפירט פון לאַ־גער, כדי אים צו מאַכן זײַן קבר אין פרײַען פעלד, נישט ווײַט פון לאַגער. די שטימונג איז בײַ אונדז געוואָרן אַ געדריקטע. ר׳ איטשע האָט געבעטן מע זאָל דאַווענען מינחה און מעריב און ער האָט געזאָגט קדיש נאָכן טויטן.

טעג זענען געקומען און אַוועק. אונדזער טראַגיש אומגליקלעך לעבן איז זיך ווײַטער געגאַנגען. מיט עטלעכע טעג שפּעטער האָב איך צוגערופן דעם לאַנגן געצל און אים געבעטן ער זאָל מיר דערציילן ווי אַזוי ער קומט עס פלוצלינג אַרויף אויפן בוידעם. ער האָט מיר געזאָגט אַז ער גייט כסדר אַרום זוכן עסן, ווײַל ער איז דאָך שטענדיק הונגעריק. איז אים פלוצלינג אײַנגעפאַלן צו גיין זוכן אויפן בוידעם עסן, אפשר באַהאַלט עמעצער דאָרט זײַן שטיקל ברויט. און דאָ האָט ער דערזען דעם געהאַנגענעם.

געצל איז געווען שוין נאָענט צו די פופציקער. אַ הויכער אויסגעדאַר־טער פּאַרשוין האָט ער אויסגעזען ווי אַ לולב. ער האָט געהאַט אײַנגעפאַ־לענע באַקן, געווען הויט און ביין. זײַן לעבן האָט ער אין דער היים, אין פּוילן, געמאַכט פון גיין איבער די ייִדישע הייף און שפּילן ייִדישע לידער אויף זײַן פידעלע, און געבעטן בײַ ייִדן בני רחמים: — וואַרפט אַראָפּ עפּעס! און ייִדן האָבן געוואָרפן, ווער עטלעכע גראָשן, און ווער עפּעס עסן. דאָס איז אָבער געווען אַמאָל, ווען וועלט איז נאָך געווען וועלט און פּוילן איז נאָך געווען פּוילן, ווען ייִדן אין פּוילן האָבן נאָך געפירט זייער ייִדיש לעבן, מיט זייער יאָגעניש, לויפעניש, האָוועניש, כדי צו פאַרדינען ערלעך זייער שטיקל ברויט. ס׳איז געקומען די מילחמה האָט געצל מיט זײַן פידעלע גע־מוזט לויפן זוכן זײַן שטיקל ברויט ווײַט פונעם שטעטל וווּ ער האָט געגעבן זײַנע הויפקאָנצערטן. האָט ער אַזוי לאַנג געוואַנדערט ביז ער איז אָנגעקו־מען קיין ביאַליסטאָק, וווּ ער פלעגט אַרומגיין צווישן די פּליטים און שפּילן פאַרשידענע ייִדישע ניגונים און באַקומען דערפאַר אַ שטיקל ברויט.

שפּעטער, ווען די הויכע סאָוויעטישע פענצטער האָבן באַשלאָסן צו מאַכן פון די אַלע פּליטים — שקלאַפן־אַרבעטער, אַרעסטאַנטן, איז אויך

געצל אַרײַנגעפּאַלן צוזאַמען מיט די אַנדערע ייִדן אין דעם לאַגער. אָבער זײַן פֿידעלע פֿאַרמאָגט ער נישט מער, ווײַל גלײַך ווי מ׳האָט אים געכאַפּט און אַוועקגעפֿירט אין דער מיליץ, האָט מען בײַ אים צוגענומען זײַן ברויט־אינסטרומענט, זײַן פֿידעלע. וויפֿל ער האָט נישט געוויינט און געבעטן מע זאָל עס אים אָפּגעבן, האָט ער באַקומען אַן ענטפֿער „מאַלטשי, זשיד״! מיט אַ צולאָג פֿון אַ פּאָר גוטע קלעפּ...

די ערשטע טעג אין לאַגער פֿלעגט ער גיין אויף אַרבעט, אָבער נאָר געציילטע טעג. שפּעטער האָט ער באַשלאָסן אַז ביז מע וועט אים נישט אָפּגעבן זײַן פֿידעלע גייט ער נישט אויף קיין שום אַרבעט! ער איז דער־פֿאַר געזעסן יעדן טאָג אין קאַרצער, באַקומען אַ קליין שטיקעלע ברויט מיט וואַסער, ער האָט אָבער אויסגעהאַלטן. אַזוי האָט געדויערט אַ לענגערע צײַט ביז ער האָט אויסגעפֿירט. מ׳האָט אים מער נישט געשיקט אין קיין שום בריגאַדע אויף אַרבעט, אים צוגעזאָגט אויסצוזוכן זײַן פֿידעלע, אָבער נאָר בלויז צוגעזאָגט. ביז הײַנט האָט מען אים זײַן פֿידעלע נישט אָפּגעגעבן. איצט גייט ער אַרום גאַנצע טעג איבערן לאַגער און האַלט אין איין רעדן צו זיך אַליין:

— אוי, איז דאָס אַ באַנדע גנבים און ליגנערס, זיי האָבן מיר צוגע־גנבעט מײַן טײַער פֿידעלע!

ער גייט אַרום און וויינט און טרויערט נאָך זײַן ליבן אינסטרומענטל. ער איז געוואָרן אַ ביסל אַ צעמישטער. פֿון צײַט־צו־צײַט נעמט מען אים אַרײַן אין דער קיך ווו ער העלפֿט שיילן קאַרטאָפֿל און באַקומט דערפֿאַר אַ ביסל עסן. אָבער שוין נישט לאַנג — זאָגט ער — וועט עס אַזוי געדויערן. ער וועט אויך טון דאָס זעלבע וואָס משה ראָזענפֿעלד...

דער לאַנגער געצל האָט געהאַלטן וואָרט. אויך ער האָט זיך אויפֿגע־האָנגען, אָבער נישט אויפֿן בוידעם. ער האָט עס געמאַכט אין באָד.

ווען מיר זענען איין מאָל געגאַנגען אין באָד אַרײַן, איז געצל דאָרט פֿאַרבליבן דער לעצטער און אומבאַמערקטערהייט האָט ער זיך דאָרטן אויפֿ־געהאָנגען. ווען מ׳האָט עס באַמערקט איז שוין געווען צו שפּעט. אויך ער האָט געפֿונען זײַן קבר אין פֿרײַען פֿעלד, נישט ווײַט פֿונעם לאַגער.

מיט עטלעכע וואָכן שפּעטער, נאָכן טויט פֿון געצלען, זענען עטלעכע ייִדישע אַרעסטאַנטן פֿון אַ צווייטן לאַגער באַגאַנגען זעלבסטמאָרד. זיי האָבן

מער נישט געקאָנט איבערהאַלטן דאָס שווערע לעבן. און אויך נישט גע־גלייבט אַז ס'וועט נאָך אַ מאָל קומען דער טאָג פון באַפרייַונג.

איך האָב גענומען בעטן ערליכן פון קיך, ער זאָל זען מיט עפּעס צו שטילן מייַן הונגער. ער האָט מיר געגעבן אַן עצה, איך זאָל בייַנאַכט אויפ־שטיין אַ זייגער דרייַ, וועט ער שוין זען, אַז איך זאָל זייַן איינער פון די פּאָדלאָגע־וואַשער אין קיך, כדי צו קאָנען באַקומען אַ ביסעלע עסן פון קעסל. אָבער נישט אַלע נאַכט האָט מען מיך געקאָנט אַרייַנלאָזן אין קיך וואַשן די פּאָדלאָגע ווייַל עס זענען אויף דעם „פּאָסטן" שוין געווען אַנדערע פאַר מיר. די וואָס האָבן שוין געהאַט די קאָנצעסיע צו וואַשן די פּאָדלאָגע אין קיך, האָבן עס נישט באַקומען פאַר זייערע שיינע פּנימער, נאָר גיכער נאָך פאַר זייערס אַ לעצטן לייַטישן קאָסטיום. פון דעסטוועגן האָב איך געפּרוווט בייַנאַכט אַרויסגיין פון באַראַק, אפשר וועל איך פּאָרט קאָנען העלפן וואַשן, כדי אַזוי אַרום קאָנען שטילן דעם הונגער. איך האָב אויך באַמערקט אַז אַ סך מאָל וואַרפט מען אַרויס פון קיך שטיקלעך קרויט. איך האָב מער ווי איין מאָל גענומען דאָס אַרויסגעוואָרפענע קרויט און געפּרוווט עס עסן, אפשר וועט דאָס רויע קרויט קאָנען שטילן מייַן הונגער און אויך דעם הונגער פון מייַנע חברים פון באַראַק וואָס האָבן זיך צו דעם צוגע־כאַפּט ווי צו אַ הייס געבראָטנס...

איין מאָל אין מיטן דער נאַכט, ווען איך בין געשטאַנען נישט ווייַט פון דער קיך און געוואַרט, אַז אפשר וועט מען אויך הייַנט אַרויסוואַרפן אַ ביסל קרויט, האָב איך גאָרנישט באַמערקט ווי עס דערנענטערן זיך צו מיר עטלעכע מונדירטע מענטשן. איך הער גלייַך אַ פראַגע:

— ווער ביסטו פאַר אַ פּאַרשוין וואָס דו שלעפּסט זיך אַרום אין לאַ־גער בייַנאַכט?

אויפן ערשטן מאָמענט בין איך טאַקע גוט צעטומלט געוואָרן פון דער פראַגע. איך האָב זיך אָבער גלייַך באַהערשט און געענטפערט, אַז איך בין דער דניעוואַלנע פון דער זיבעטער אָפּטיילונג. איך גיב עס איצט אַכטונג מע זאָל גוט אויסוואַשן די פּאָדלאָגע אין קיך, ס'זאָל זייַן ריין. זיי האָבן עס אַפּנים אָנגענומען פאַר אַן אמת און מיך געהייסן גלייַך גיין שלאָפן. איך האָב נאָך דערהערט ווי זיי האָבן געזאָגט צו איינעם פון די וואַכסאַלדאַטן, מע זאָל זיי פירן צום נאַטשאַלניק שישאָוו, אָבער שטיל, אָן שום גערודער.

אויף צומאָרגנס האָב איך זיך דערוווּסט אַז דאָס איז געקומען אַ קאָנטראָל־קאָמיסיע אין לאַגער אַרײַן.

קאַפּיטל 43

ווידוי פון אַ יידישן נאַטשאַלניק

נישט מער ווי דרײַ טעג האָט געדויערט און דער גאַנצער לאַגער האָט זיך דערוווּסט אַז דער נײַער נאַטשאַלניק הייסט לאַזאַר ביכלאָוויטש. נאָך דעם ווי ער האָט זיך באַקענט מיטן לאַגער האָט ער אָנגעהויבן גיין איבער אַלע אָפּטיילונגען, זיך אויסגעפרעגט וועגן יעדן אַרעסטאַנט און ווען ער האָט זיך איבערצייגט אַז ער האָט דאָ צו טון מיט פּוילישע ייִדן, קרבנות פון היטלערן, און איצט אַרבעט־שקלאַפן פון סטאַלינען, איז ער אַרײַנגעפאַלן אין אַ געדריקטער שטימונג. מ׳האָט עס דערקענט אויף זײַן פּנים. מ׳פלעגט אים זען גיין אַהין און צוריק לעבן זײַן קאַנצעלאַריע אין אַ נערוועזן צושטאַנד מיט אַ פאַרזאָרגט פּנים. ער האָט וועגן דעם נישט גערעדט, אָבער זײַן פּנים האָט שוין פיל געזאָגט, זײַנע באַנעמונגען און זײַן אַרט רעדן האָבן אַ סך דערציילט.

קודם־כל האָט ער פעסטגעשטעלט אַז אין יעדן באַראַק געפינען זיך אַ סך קראַנקע וואָס זענען נישט אימשטאַנד צו גיין צו דער קאַטאָרגע־אַרבעט. ווי איך האָב זיך שפּעטער פון אים אַליין דערוווּסט, האָט ער גלײַך אַוועקגעשיקט ראַפּאָרטן צו דער העכערער נאַטשאַלסטווע פון דער ענקאַ־ווע־דע, פאָרלייגנדיק מע זאָל עפענען אין לאַגער וואַרשטאַטן פון שנײַדערײַ און שוסטערײַ. דער נאַטשאַלניק — אַליין אַן אַרעסטאַנט — האָט אָנגעהויבן מאַכן צוגרייטונגען צו עפענען די דאָזיקע וואַרשטאַטן. די שנײַדערײַ האָט קיין נײַע בגדים נישט באַדאַרפט נייען. מ׳האָט נאָר פאַרריכט די אַלטע שמאַטעוואַטע בגדים, געלייגט איין לאַטע אויף דער צווייטער און געגעבן דאָס אָנצוטון די אַרעסטאַנטן. צו דעם האָט מען דאָך נישט באַדאַרפט קיין גרויסע שנײַדער־ספּעציאַליסטן. דערפאַר אָבער איז דאָס לעבן פון אַ געוויסער צאָל שוואַכע אַרעסטאַנטן געוואָרן אַ ביסעלע לײַכטער. אַזוי איז אויך אײַנגעאָרדנט געוואָרן אַ שוסטערײַ, וווּ מע פלעגט לייגן לאַטעס אויף די צעריסענע

שיך. אַזוי אַרום האָט מען געראַטעוועט דאָס געזונט פון אַ קלייגער צאָל שוואַכע אַרעסטאַנטן. דאָס איז אָבער געווען ווי אַ טראָפן אין ים, ווײַל שוואַכע און קראַנקע זענען דאָך געווען טויזנטער, וואָס זענען געווען געצווונגען יעדן טאָג צו גיין דעם ווײַטן וועג צו זייער אַרבעט, קומען אַ היים מיט די לעצטע כוחות און אויף מאָרגן פרי נישט קאָנען אויפשטיין צו דער אַרבעט.

יעדן טאָג האָבן זיך געהאַלטן אין איין פאַרמערן די קראַנקע און מיט דער צײַט אויך די טויטפאַלן. אויף די פעלדער אַרום די לאַגערן האָבן אָנגעהויבן וואַקסן בית־עולמס פון די ייִדישע לאַגעריסטן. מיט דער גרינדונג פון די וואַרשטאַטן האָט דער נײַער נאַטשאַלניק אָפּגעראַטעוועט אַ געוויסע צאָל ייִדישע אַרעסטאַנטן פון אַ זיכערן טויט. דערפאַר דערמאָן איך אים טאַקע צום גוטן, ער וואָלט אפשר נאָך מער געקאָנט טון פאַר זײַנע אומגליקלעכע ייִדישע ברידער. עס דאַרף אָבער גענומען ווערן אין אַכט אַז ער אַליין איז אויך געווען אַן אַרעסטאַנט צוליב אַ מסירה פון זײַנע אייגענע פאַרטיי־חברים. ער האָט דעריבער מער נישט געקאָנט טון ווי דאָס וואָס ער האָט געטון. אויך דאָ אין לאַגער זענען געווען מוסרים און נאָכקוקער וואָס דער נאַטשאַלניק טוט... אַ סך אַרעסטאַנטן־נאַטשאַלניקעס האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער שלעכטס. זיי זענען זיך באַגאַנגען אַכזריותדיק קעגן די אַרעסטאַנטן. געווען נאַטשאַלניקעס פון די אָפּטיילונגען פון די לאַגערן וואָס האָבן שטענדיק געוואָלט זײַן פויפסטלעכער ווי דער פויפסט כדי נושא־חן צו זײַן בײַ דער ענקאַוועדע־נאַטשאַלסטווע. דערפאַר זאָל פאַרצייכנט ווערן דער נאָמען פון לאַזאַר ביכלאָוויטש, ווי אַ גוטער און האַרציקער נאַטשאַלניק צו די אומגליקלעכע ייִדישע קאַטאָרזשניקעס.

אַ ביסל שפּעטער, ווען ער האָט זיך באַקענט מיט מיר און זיך דערוווּסט מײַן טראַגישן וועג פון ניו־יאָרק ביזן לאַגער דאָ אַהער, איז ער געוואָרן מער צוגעלאָזן צו מיר. ער האָט מיט מיר געשמועסט און אַפילו מיר דערציילט זײַן לעבנס־געשיכטע, ווי אַזוי ער איז אַרײַן אין לאַגער און פאַר וואָס.

ווען ער איז אָנגעקומען איז שוין געווען ווינטער, די אַרבעט מײַנע אַלס דניעוואַלנע איז געוואָרן שרעקלעך שווער. זעגן און האַקן האָלץ, וואַשן פּאָדלאָגעס, טראָגן וואַסער, איז פאַר מיר געווען נישט קיין קלענערע קאַטאָרגע ווי צו גיין מיט אַ בריגאַדע צו דער אַרבעט. מיט יעדן טאָג בין איך געוואָרן שוואַכער און שוואַכער. ביז אין אַ געוויסן טאָג, טראָגנדיק שוין

צום צענטן מאָל די צוויי עמערס וואַסער אויפֿן ערשטן שטאָק אין באַראַק אַרײַן, אָנצופֿילן די צוויי גרויסע פֿעסער מיט וואַסער פֿאַר די אַהיימקומענדיקע אַרבעטער, האָב איך זיך פֿון שוואַכקייט געגעבן אַ וואַקל און אַראָפּגעפֿאַלן פֿון אַ האַלבן שטאָק טרעפּ. עטלעכע קראַנקע אַרעסטאַנטן, וואָס זענען געווען אין מײַן באַראַק, האָבן דערהערט מײַנע הילפֿרופֿן. זיי האָבן אויפֿגעהויבן אַן אַליאַרעם אַז איך האָב מיך דערהרגעט. ווען ס׳זענען אָנגעקומען אַרעסטאַנטן, וואָס האָבן זיך געפֿונען אויף דער אַרבעט אין לאַגער, האָט מען מיך אַוועקגעטראָגן צום סאַניטאַר־פּונקט, ווו דער דאָקטער האָט מיר געגעבן די ערשטע הילף. ער האָט מיך געהאַלטן בײַ זיך עטלעכע שעה, פֿאַרבאַנדאַזשירט מײַנע ווונדן, גערופֿן דעם נאַטשאַלניק און אים געמאָלדן אַז כ׳מוז ליגן עטלעכע טעג. סאַניטאַרן האָבן מיך אַוועקגעטראָגן אין מײַן באַראַק אַרײַן, ווו כ׳בין אָפּגעלעגן מער ווי אַכט טעג אין אַן ערנסטן צושטאַנד. יעדן טאָג איז צו מיר געקומען דער דאָקטער. ווען ס׳איז מיר געוואָרן אַ ביסל בעסער, האָט דער נאַטשאַלניק ביכלאָוויטש באַשטימט, אַז ער שיקט מיך איבער אין קאַ־ווו־עו אויף צען טעג אָפּרו. דער דאָקטער האָט אונטערגעשריבן דעם אַקט, אַז איך מוז האָבן רו די צען טעג, כּדי איך זאָל קומען צו די כּוחות.

דאָ אין לאַגער האָט זיך געפֿונען אַ קאַ־ווו־עו־קאָמאַנדע, דאָס הייסט, אַ קאָמאַנדע פֿון צײַטווײַליק נישט אַרבעטנדיקע, אַזאַ מין אָפּרו־הויז פֿאַר אָפּגעשוואַכטע. ס׳האָט אָבער זעלטן געטראָפֿן, אַז מע זאָל עמעצן דאָרט אַהינשיקן, סײַדן דער אַרעסטאַנט איז שוין געווען אַ האַלב־טויטער. דער נאַטשאַלניק צוזאַמען מיטן דאָקטער האָבן אָבער געהאַט דאָס רעכט, לויט די לאַגער־פֿאָרשריפֿטן, עמעצן אַהינצושיקן אויף געציילטע טעג. פֿאַרשטייט זיך, אַז עס האָט געמוזט זײַן אויף דעם אַ מאָטיוו. האָט טאַקע ביכלאָוויטש אויסגענוצט זײַן רעכט און מיך געשיקט אַהין אויף די צען טעג. וואָס איז דען געווען די קאַ־ווו־עו? עפּעס אַ דערהאָלונג־סאַלאָן? מיט גוט עסן? חלילה. ס׳איז געווען אַ קלייַנער באַראַק מיט בלויז אונטערשטע קויקעס מיט שעניקעס פֿארפֿוילטע שטרוי, וואָס ס׳איז געגאַנגען פֿון דעם אַ שלעכטער ריח. דאָס עסן איז געווען גלײַך ווי פֿאַר אַלע אַרעסטאַנטן, נאָר איין מאָל אין וואָך האָט מען באַדאַרפֿט געבן אַ קליין שטיקעלע פֿלייש, כּדי צו קרעפֿטיקן די קראַנקע. אָבער אין דער אמתן האָט מען דאָס שטיקעלע פֿלייש נישט געגעבן

און קיינער פון די קראַנקע און שוואַכע האָט זיך נישט געוואָלט קלאָגן אויף דעם. מ׳האָט מורא געהאַט אַז פאַרן קלאָגן זיך וועט מען פון דאָרט גלייך אַרויסגעוואָרפן ווערן. אַזעלכע פאַלן האָבן שוין נישט איין מאָל געטראָפן.

אַז איך האָב זיך שוין געפילט אַ ביסעלע בעסער, שוין געווען אימשטאַנד אַרומצוגיין, האָט געטראָפן אַ טאָג ווי איך בין אַוועק צום נאַטשאַלניק ביכלאָוויטש. ער האָט זיך דערוווּסט פון מיר אַ סך וועגן דעם לעבן אין פּוילן, פראַנקרייך, בעלגיע, אַמעריקע און קאַנאַדע. איך האָב זיך, ווי געזאָגט, אויך דערוווּסט דעמאָלט זיין לעבנס־געשיכטע, ווי אַזוי ער איז געקומען צו דעם צושטאַנד פון אַ לאַגעריסט.

ביכלאָוויטש איז געבוירן געוואָרן אין באַראַנאָוויטש, וואָס האָט געהערט ביז צו דער צווייטער וועלט־מילחמה צו פּוילן. ער קומט אַרויס פון באַלעבאַטישע עלטערן. ער האָט באַקומען מיטל־בילדונג און שפּעטער ווי אַן אויטאָדידאַקט אַליין דערגאַנגען צו העכערער בילדונג. פון זיינע יונגע יאָרן אָן איז ער געווען אַן אַקטיווער קאָמוניסט. ער האָט פאַרנומען הויכע אַמטן. חתונה געהאַט מיט זיינער אַ יוגנט־ליבע, מיט אַ מיידל פון בריסק. די שטאָט האָט אויך געהערט ביז דער מילחמה צו פּוילן. דאָס מיידל איז געקומען אַמאָל קיין באַראַנאָוויטש ווען ער איז נאָך געווען אַ יונגער בחור, ס׳האָט זיך ביי זיי צעפלאַקערט אַ ליבע. דאָס מיידל האָט אָבער געמוזט פאָרן צוריק אַ היים קיין בריסק, זיי האָבן זייערע ליבע־געפילן אויסגעדריקט אין בריוו.

ער איז אַוועק נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע אין 1917 קיין רוסלאַנד צוזאַמען מיט זיין מאַמע. זיין טאַטע האָט שוין דעמאָלט נישט געלעבט. מיט דער צייט איז זיין געליבט מיידל פון בריסק געקומען צו אים. זיי האָבן חתונה געהאַט און דווקא לויטן יידישן דין, באַקומען חופּה־וקידושין, ווייל אַזוי האָט געוואָלט זיין אַלטע מאַמע. ס׳האָבן זיך געפונען אין דער פאַרטיי פאַרשידענע אינטריגאַנטן, וואָס האָבן געגראָבן קעגן אים און אויפגעוויזן אַז זיין חתונה איז פאַרגעקומען אויף אַ רעליגיעזן אופן. ווי אַן ערלעכער פאַרטיי־חבר האָט ער זיך רויק געטון זיין אַרבעט. ער האָט געגלייבט פון גאַנצן האַרצן, אַז מיט דער רעוואָלוציע פון 1917, מיט דער באָלשעוויסטישער איי־בערקערעניש גייט מען דאָ העלפן די גאַנצע וועלט. פאַרזאָרגן מיט אמתער פרייהייט און גלייכהייט אַלע מענטשן און אַלע פעלקער. ווי האָט ער זיך געקענט פאָרשטעלן, אַז אין דער פאַרטיי געפינען זיך אַזוי פיל אַנטיסעמיטן

און כוליגאַנעס, פּאַשיסטן און שוואַרץ־מאַהניקעס פּונקט ווי אין די צײַטן פון צאַר ניקאָלײַ? און אַז די בעסטע מענטשן פון לאַנד און פון דער פּאַרטיי ווערן ליקווידירט אויף פאַרשידענע אופנים...

געווען איז דאָס אין 1936, ווען ער האָט פאַרנומען זייער אַ הויכן אַמט. פּלוצלינג ווערט ער גערופן אין דער ענקאַווועדע, ווו מע שטעלט אים עפּעס מאָדנע פראַגעס, וועגן זײַן געבוירנשטאָט באַראַנאָוויטש, וועגן זײַן פאָטער, און אויך אַפילו וועגן דעם, וואָס זיי ווייסן שוין גוט, אַז זײַן אַלטע מוטער איז אַ פרומע און אַז זי בענטשט יעדן פרײַטיק פאַרנאַכט ליכט לכבוד שבת. מ׳האָט אים באַוואָרפן מיט אַזוי פיל מאָדנע און ווילדע פראַגעס אַז אין אַנ־הייב איז ער באמת געוואָרן צעטומלט. ער האָט נאַטירלעך געענטפערט, אַז וואָס שײַך זײַן פאַרמעגלעכקייט פון זײַן פאָטער איז עס דאָך זיכער נישט זײַן שולד. ס׳איז דאָך גוט באַקאַנט אין דער פּאַרטיי אַז ער האָט פון דעם פאַרמעגן גאָר נישט געניצן פאַר זיך. פאַרקערט, אַ סך געלט וואָס ער פלעגט פאַרנוצן לטובת דער פּאַרטיי איז געווען פון זײַן פאָטערס פאַרדינסטן און פאַרמעגן. וואָס שייך דער פרומקייט פון זײַן מוטער קאָן ער צו דעם גאָר נישט העלפן. ער האָט זײַן מוטער זייער ליב און ער וועט איר קיין שום דעה נישט זאָגן, ער האָט דרך־ארץ פאַר זײַן אַלטער מוטער. ער ווייסט אַז זי פאַרדינט דעם דרך־ארץ. לויט זײַן מיינונג האָט דאָס קיין שום שייכות נישט צו זײַן פּאַרטיי־אָנגעהעריקייט.

פּלוצלינג האָט זיך געגעבן אַ שטעל אויף דער אויספאָרשער מיט אַ געשריי:

— גענוג, זשיד, דו האַלט נישט פאַר מיר קיין לעקציע ווי אַזוי אַ פּאַר־טיי־מיטגליד דאַרף זיך אויפפירן און וואָס מע מעג יאָ אָדער נישט.

ער האָט זיך שוין מער נישט געקאָנט באַהערשן און צוריק געענטפערט, אַז ער וועט זיך קלאָגן צו דער העכסטער פּאַרטיי־לייטונג וועגן דעם וואָס ער האָט דאָ הײַנט געהערט, און וועגן באַליידיקנדיקן אויסדרוק אַז ער איז אַ זשיד.

ער איז אַוועק פון דער אויספאָרשונג אין זייער אַ שלעכטער, געדריק־טער שטימונג, מיט אַ שלעכט פאָרגעפיל. אין דער היים האָט ער נישט גע־וואָלט דערציילן פון דעם וואָס ער האָט איבערגעלעבט אין דער ענקאַווועדע,

כדי זײַן מוטער און זײַן ליבע פרוי מיטן צוועלפיאָריקן זון זאָלן נישט האָבן קיין פּאַרדראָס.

אין עטלעכע טעג אַרום האָט ער זיך געוואָנדן צו דער פּאַרטיי־לייטונג מיט אַ מעמאָראַנדום און אַלצדינג דערציילט, וואָס ער האָט איבערגעלעבט בײַ דער אויספאָרשונג, אַרויסזאָגנדיק אַ קריטישע מיינונג וועגן דעם אויספאָרשער בכלל און וועגן די מעטאָדן, ווי אַזוי מע פאָרשט אויס און וועגן דעם שרײַען צו אים „זשידו!״ וואָס איז, לויט זײַן מיינונג, שטראָפבאַר לויטן סאָוויעטישן געזעץ.

בײַנאַכט האָבן זיך צו אים אין דער וווינונג אַרײַנגעריסן אַ באַנדע ענקאַוועדיסטן און געמאָלדן אַז זיי האָבן אַ באַפעל צו מאַכן בײַ אים אַ רעוויזיע. כדי ער זאָל גאָר נישט קאָנען באַהאַלטן דאַרף ער זיך נישט רירן פון אָרט. ער איז אַרומגערינגלט געוואָרן פון עטלעכע ענקאַוועדיסטן, די איבעריקע האָבן אָנגעהויבן „זוכן״ און, פאַרשטייט זיך, „גלײַך עפּעס געפונען״. אין דעם צימער, וווּ ס׳האָט זיך געפונען זײַן שאַפע — האָבן געשריגן די זוכער — האָבן זיי געפונען 5.000 רובל, אַ טוץ זײַדענע זאָקן און עפּעס אַ בריוו פון איינעם אַ דירעקטאָר פון פינאַנץ־מיניסטעריום, וואָס מ׳האָט אים מיט אַ האַלב יאָר צוריק אַרעסטירט פאַר באַגיין אַ גנבה.

אין דער שטוב האָט זיך געטון חושך. זײַן מוטער און די פרוי האָבן געחלשט, זיי האָבן זיך געשווירן, אַז זיי ווייסן נישט פון קיין שום זײַדענע זאָקן, אַז דאָס פּעקל זאָקן מיטן בריוו זענען נישט זייערס, זיי ווייסן נישט פון וואַנען עס קומט צו זיי אין שאַפע... נישט אַנדערש, נאָר אַז מ׳האָט עס נאָר וואָס אונטערגעוואָרפן... ער אַליין האָט גלײַך פאַרשטאַנען וועמענס אַרבעט דאָס איז... ווײַל ער האָט שוין לאַנג געהערט פון די מעטאָדן מיט וועלכע עס אַרבעט די ענקאַוועדע.

ס׳האָט נישט געהאָלפן קיין שום געוויין פון די שטובמענטשן. מ׳האָט אים גלײַך אַוועקגעפירט אין טורמע. דאָ האָבן זיך אָנגעהויבן די באַרימטע אויספאָרשונגען. קודם האָט מען אים געהאַלטן אין אַן איינצל־קאַמער ווי דעם גרעסטן פאַרברעכער. מ׳האָט אים געמאָלדן, אַז מע באַשולדיקט אים צו זײַן אַ שותף צום דירעקטאָר פון פינאַנץ־מיניסטעריום אין דער גרויסער גניבה פון 40.0000 רובל. דאָס הייסט פּשוט, אַז מע באַשולדיקט אים אין באַגנבענען די מלוכה. דאָס איז שוין נישט בלויז קיין פּאָליטישע באַשול-

דיקונג ווי בײַ דער ערשטער אויספאָרשונג, ווו מ׳האָט גערעדט פון זײַן טאַטנס רײַכטום און פון זײַן מאַמעס פרומקייט, וואָס ס׳האָט באַדאַרפט הייסן, אַז ער איז נישט פּאָליטיש כשר, אָדער פּאַרטיי־כשר. איצט הייסט עס שוין אַז ער איז אויך קרימינעל באַשולדיקט, אַז ער איז אויך אַ מיט־גנבֿ, און פאַר אַלץ צוזאַמען וועט דאָך זיכער קומען די העכסטע שטראָף — טויט.

די אויספאָרשונגען זענען געווען שוידערלעכע. מ׳האָט אים אָפּגעגאָלט די האָר פון קאָפּ, אים אַרײַנגעזעצט אין אַ ספּעציעלן קאַמער פון איין מעטער די ברייט און איין מעטער די לענג, ווו ער האָט געמוזט שטיין, אָדער זיצן אין אַזאַ פּאָזע מיט אײַנגעקוועטשטע פיס, וואָס ס׳איז ממש אוממעגלעך געווען אויסצוהאַלטן. סײַ בײַטאָג סײַ בײַנאַכט האָט אים געקאַפּעט קאַלט וואַסער אויף זײַן אויסגעגאָלטן קאָפּ. ער האָט אַליין שוין געבעטן אויף זיך דעם טויט. אָפּט מאָל האָט ער אַפילו געטראַכט אַ סוף צו מאַכן צו זײַן לעבן. ער האָט דאָך שוין געזען וואָס מע וויל פון אים. אויף וואָס פאַר אַ וועגן דער „פירער" פון דער גרויסער רוסישער רעוואָלוציע גייט. מ׳האָט אים אָבער שטאַרק געהיט אַז ער אַליין זאָל נישט קאָנען מאַכן קיין סוף צו זײַן געמאַטערטן לעבן.

45 טעג און נעכט האָט מען אים געהאַלטן אַזוי אין קאַמער. דאָס וואַסער האָט אים אַזוי געטריפט אויף זײַן קאָפּ. יעדע 24 שעה פלעגט מען אים אַרויסנעמען פון צימער צום אויספאָרשער און אים געבן עפּעס אָפּצועסן. טאָמער האָט ער זיך אָפּגעזאָגט צו עסן, פלעגט מען אים אָנהייבן מוטשען און סטראַשען, אַז מע וואָט דאָס זעלבע טון זײַן פאַמיליע. אויב ער האָט רחמנות אויף זײַן מוטער, פרוי און זון, זאָל ער עסן און זיך מודה זײַן אין די פאַרברעכנס וואָס מע שרײַבט אים צו. אויב ער וועט זיך מודה זײַן וועט מען אים מער נישט מוטשען, נאָר מע וועט מאַכן פון דעם אַ פּראָצעס, און ער וועט באַקומען נישט קיין גרויסע שטראָף. מען וויל נאָר ער זאָל זיך מודה זײַן פון זײַן אַ שותּף צו דער גרויסער גניבֿה.

ער האָט לאַנג געקעמפט מיט זיך און צום סוף באַשלאָסן אַז ער קאָן מער די אויספאָרשונגען, די אינקוויזיטאָרישע מעטאָדן און יסורים נישט אויסהאַלטן, און אונטערגעשריבן אַ פּאַפּיר, אַז ער האָט זיך געבאָרגט אַ געוויסע סומע בײַ דעם וואָס האָט געגנבֿעט די 40.000 רובל.

אויפן פּראָצעס איז ער געווען אַזוי דערשלאָגן פונעם מאַטערן אים,

אַז ער האָט באַשטעטיקט זײַן אונטערשריפט. ער האָט בכלל נישט געוווּסט וואָס מיט אים טוט זיך. ער איז געווען ווי צעמישט. מיט עטלעכע טעג פאַרן פּראָצעס האָט מען אים געמאַכט אײַנשפּריצונגען, זאָגנדיק, אַז מע וויל אים קרעפטיקן ווײַל ער זעט שוין אויס ווי אַ מת. דער פּראָקוראָר האָט געפאָ־דערט פאַר אים טויטשטראָף. דאָס געריכט אָבער האָט אים פאַרמישפּט נאָר אויף 25 יאָר אַרבעט־לאַגער. נעמענדיק אין אַכט זײַן פאַרגאַנגענהייט אין דער פּאַרטיי, און אַז ער האָט זיכער געבאָרגט דאָס געלט בײַם גנב, כדי צו קאָנען קויפן שיינע זײַדענע זאָקן און אַנדערע שיינע זאַכן פאַר זײַן געליבטער פרוי.

שוין איבער פיר יאָר ווי ער געפינט זיך אין לאַגערן. צום ערשט האָט מען אים פאַרשיקט אין שווערן שטראָפלאַגער. דאָרטן האָט זיך בײַ אים פּלוצלינג דערוועקט אַ גוואַלטיקער ווילן צום לעבן, איבערהאַלטן די שרעק־לעכע 25 יאָר, און אפשר נאָך דערלעבן צו קאָנען אויפווײַזן, די נידערטרעכ־טיקע געמיינקייט, וואָס מ׳איז קעגן אים באַגאַנגען. ווײַל אין דער אמתן איז ער אין גאַנצן אומשולדיק.

ביזן הײַנטיקן טאָג האַלט ער אַז דאָס איז געווען אַ פּאַסטקע קעגן אים פון אַ באַנדע אַנטיסעמיטן, וואָס האָבן זיך אויף אים פאַרלייגט און אים געוואָלט אָפּרוימען פונעם אַמט וואָס ער האָט פאַרנומען. ער גלייבט אַז ער איז נישט דער איינציקער ייִד אין דער פּאַרטיי, וואָס מע וועט שטעלן אין אַזאַ לאַגע, אַז דער ראַטנפאַרבאַנד אין אַוועק אויף געפערלעכע וועגן. ער איז שוין געווען אין פיר לאַגערן און אומעטום געמאַכט גרויסע אָנשטרענגונגען מע זאָל צו אים האָבן צוטרוי. ער האָט געאַרבעט פלייסיק, כדי אפשר וועט ער נאָך קאָנען אַ מאָל אויפווײַזן די גרויפע עוולה קעגן אים.

דרײַ יאָר האָט ער נישט געטראַכט שרײַבן צו זײַן פאַמיליע. ער האָט אויך פון זיי גאָרנישט באַקומען. אויפן פערטן יאָר האָט מען אים געמאָלדן אַז ער מעג שוין שרײַבן, פאַרשטייט זיך, אונטער אַ צענזור. איצט, אַז ער האָט דערלעבט צו זײַן אַ לאַגער־נאַטשאַלניק, האָפט ער צו קאָנען טון בלויז גוטס פאַר די אַרעסטאַנטן. חוץ דעם זעט ער דאָ כמעט בלויז ייִדן אין דעם לאַגער. נו, איז וואָר נאָך ווי ער ווייסט און פילט אַז אַלע ייִדן זענען נעבעך אומשול־דיקע פאַרשלעפּט געוואָרן אַהער. ווי לאַנג ער וועט דאָ זײַן נאַטשאַלניק

וועט ער אַוודאי זען אַ ביסל גרינגער צו מאַכן דאָס געמאַטערטע לעבן פון די יידישע לאַגערניקעס.

איך ווייס נישט צי לאַזאַר ביכלאָוויטש לעבט נאָך היינט. צי ער האָט איבערגעהאַלטן ביז היינט. אָבער איך האַלט פאַר מיין פליכט איבערצוגעבן די ווידוי פון אַ יידיש־סאָוויעטישן הויכן מלוכה־פונקציאָנאַר, זיינע איבער־לעבונגען אין ראַטנפאַרבאַנד, וואָס האָט אים אַזוי אומדאַנקבאַר באַצאָלט פאַר זיינע געטריישע פאַרטיי־לייסטונגען, און פאַר זיין ערלעכן דערפילן די פליכטן אויפן הויכן אַמט פון דער סאָוויעטישער רעגירונג.

קאַפּיטל 44

דער סאָוויעטישער המן

איין מאָל שטיי איך אַזוי און האַק האָלץ. די פינגער זענען מיר געווען פאַרשטאַרט פון קעלט. איך קאָן קוים האַלטן די האַק אין דער האַנט. פּלוצ־לינג דערזע איך ווי ס'דערנענטערט זיך צו מיר עפּעס איינער אין אַן אוני־פאָרעם פון דער ענקאַוועדע, לויטן אָנטון און שיינקייט פון זיין מונדיר, איז געווען צו דערקענען, אַז דאָס איז אַ שישקע. ער בלייבט שטיין לעבן מיר, קוקט זיך צו ווי איך האַק דאָס האָלץ און גיט מיך אַ פרעג:

— מיט וואָס אייגנטלעך פאַרנעמסטו זיך דאָ אין לאַגער? נאָר מיט האַקן דאָס האָלץ?

— איך בין דער דניעוואַלנע פון דער זיבעטער אָפּטיילונג... אַזוי ווי כ'האָב שוין געטון אַלע אַנדערע אַרבעטן אין מיין באַראַק, האַק איך איצט האָלץ איינצוהייצן דעם אויוון.

ער זאָגט מיר אַז ער וויל טאַקע זען מיין באַראַק. ווי ער קומט נאָר אַריין און דערזעט ליגן די קראַנקע אויף די קויקעס, צעשרייט ער זיך:

— וואָס טוען זיי דאָ אויף די קויקעס?

— די אַלע וואָס ליגן זענען קראַנק — ענטפער איך — און דער דאָקטער האָט זיי דערלויבט צו ליגן אַ צוויי טעג כדי זיי זאָלן קאָנען קומען צו די כוחות.

— אויף וואָס זענען זיי קראַנק?

— אויף קראַנקייטן קען זיך בעסער דער דאָקטער ווי איך. איך ווייס נאָר אַז זיי קענען זיך אַפּילו נישט אויפהייבן אַזוי אָפּגעשוואַכט זענען זיי.

ער גייט צו צו יעדן איינעם, באַטראַכט אים, און צעשרייט זיך:

— סימולאַנט! סוואָלאָטש! איר מאַכט זיך קראַנק! איר ווילט נישט אַר־בעטן! איר מאַכט אײַערע זשידאָווסקע שטוקעס! שוין זאָלט איר אַראָפּגיין פון אײַערע קויקעס און זיך נעמען צו עפּעס אַן אַרבעט! בײַ אונדז אין ראַטנפאַרבאַנד אַז מ׳אַרבעט נישט עסט מען נישט! אַזוי איז בײַ אונדז דער געזעץ! פאַרשטאַנען? איר ליגט זיך ווי די פּריצים און איר פרעסט אומזיסט סאָוויעטיש ברויט!

קיינער ענטפערט אים נישט.

ער שרײַט ווײַטער צו מיר:

— דניעוואַלנע, ברענגט מיר גלײַך דעם דאָקטער.

איך ענטפער אים אַז דער דאָקטער האָט דאָך זיי טאַקע דערלויבט צו ליגן.

גײט ער צו מיר אַ געשריי: — פּאַשאָל וואָן טי זשידאָק!

איך זע שוין אַז מיט ווײַן איך האָב דאָ צו טון. איך לויף און ברענג דעם דאָקטער וואָס איז אַליין אויך אַן אַרעסטאַנט. ער זעט, אַפּנים, דעם דאָזיקן פּאַרשוין, גלײַך ווי מיר אַלע, צום ערשטן מאָל. ער בלײַבט שטיין צו הערן וואָס מע וויל פון אים. ער דאַרף אויף דעם לאַנג נישט וואַרטן, ווײַל דער פּאַרשוין שרײַט צו אים גלײַך:

— דו ביסט דער דאָקטער פון דער אָפּטיילונג? פאַר וואָס לאָזסטו אַזוי פיל מענטשן ליגן אין באַראַק כלומרשט קראַנק? וואָס פאַרע שטיקלעך פּראַ־ווערסטו מיר דאָ אין מײַן לאַגער־אָפּטיילונג?

דער דאָקטער האָט זיך, זעט אויס, דערשראָקן פאַר די ווערטער „אין מײַן לאַגער־אָפּטיילונג", און זיך גלײַך גענומען פאַרענטפערן, אַז דאָס זענען זייער אָפּגעשוואַכטע אַרבעטער. אַ סך פון זיי לײַדן פון פּאַנאָס, שילשול. מע קאָן זיי פון מעדיצינישן שטאַנדפּונקט נישט שיקן אויף קיין אַרבעט, זיי קאָנען אויסגיין אין מיטן דער אַרבעט. צווייטנס לאָזט ער איבער די קראַנקע מיטן וויסן פון נאַטשאַלניק, און ווי אַ דאָקטער האַנדלט ער לויטן געזעץ.

— שווײַג! — הערט זיך אַ געשריי — וואָס האַלסטו מיר דאָ פּאַר אַ דרשה! איך וועל אײַך שוין אַלע ווײַזן! אײַערע האַנדלונגען זענען קעגן סאָוויעטישן געזעץ! סאַבאָטאַזשניקי! מאַשעניקי! זשידי!

גלײַך ווי דער דאָקטער האָט דערהערט דאָס וואָרט „זשידי" האָט ער איבערגעשלאָגן דעם הויכן אַנטיסעמיטישן גאַסט, אַז ער, דער דאָקטער, איז נישט קיין ייִד, נאָר אַ רוס, און אַז ער איז נישט קיין מאַשעניק נאָר אַן אַרעס־טירטער, מיט אַ געוויסן פּאַראַגראַף, וואָס זאָגט קלאָר, אַז ער איז אַ פּאָלי־טישער אַרעסטאַנט, און ער בעט אים נישט צו זידלען דערפֿאַר, וואָס ער דערפֿילט אַלס דאָקטער זײַן מענטשלעכע און געזעלשאַפֿטלעכע פֿליכט.

דער גאַסט אָבער האַלט אין איין שרײַען:

— פֿאַרמאַך דײַן פּיסק, איך וועל אײַך שוין אַלע ווײַזן מיט וועמען איר האָט דאָ צו טון! איר אַלע זענט איין באַנדע! איר האָט זיך פֿאַרנומען קעגן ראַטנפֿאַרבאַנד! אָבער איך וועל שוין דאָ מאַכן אַן אָרדענונג! מע וועט שוין דאָ מער נישט ליגן ווי די פּריצים צעלייגט אויף די קויקעס! אַלץ וואָס איך זאָג איז אַ געזעץ! אַלץ וועט דאָ מוזן אויסגעבעסערט ווערן! איר ווייסט ווער עס רעדט צו אײַך? איך בין דער נאַטשאַלניק זאָנאַ!...

און ער איז אַוועק.

אַ ווײַלע האָט געהערשט אַ שטילקייט אין באַראַק. אָבער דער אַלטער ר' איטשע האָט גלײַך געגעבן אַ זאָג:

— נאַ דיר גאָר אַ נײַער המן, אַ קאָמוניסטישער המן. אַ נאַטשאַלניק זאָנאַ גאָר ...

דער דאָקטער, וואָס איז אַ ווײַלע געשטאַנען פֿאַרטראַכט, האָט געזאָגט אַז מע דאַרף די זאַך נישט נעמען אַזוי לײַכט, ווײַל ער האָט שוין פֿון לאַנג געהערט, אַז ס'איז פֿאַראַן אַ נאַטשאַלניק זאָנאַ, וואָס האָט אַ שלעכטע באַ־ציִונג צו די אַרעסטאַנטן. אָבער אַז ער זאָל זײַן אַזאַ געמיינער אַנטיסעמיט און אַזוי עפּנטלעך זיך אַרויסכאַפּן מיט אַזעלכע ווערטער וועגן ייִדן האָט ער זיך נישט פֿאָרגעשטעלט. ער אַליין איז דאָך אַ רוס — זאָגט ער — פֿון דעסטוועגן האָבן אים די אַנטיסעמיטישע ווערטער פֿונעם קאָמוניסטישן גדול אַ שטאַרקן ברי געטון. הײַנט שטעלט ער זיך שוין פֿאָר, ווי מיר, ייִדן, דאַרפֿן זיך פֿילן באַליידיקט פֿון דעם קאָמוניסטישן כאַם. ער אַליין, דער דאָקטער, האָט אייגנטלעך קיין שום מורא נישט, ווײַל ער האַנדלט בפּירוש לויטן געזעץ.

שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט אַז ער איז געווען מיט אַ וויזיט אין אַנדערע אָפּטיילונגען און אויך בײַם נאַטשאַלניק. גערופן דעם נאַריאַדטשיק און געהאַט גאָר גרויסע טענות פֿאַר וואָס מע לאָזט איבער אין די באַראַקן אַזוי פֿיל אַרעסטאַנטן וואָס זאָגן אַז זיי זענען קראַנק... און אַז דער נאַטשאַל־ניק האָט אים געמאַכט אַ באַמערקונג, אַז לויטן געזעץ קאָן מען נישט שיקן אויף אַרבעט קיין לאַגעריסטן וואָס דער דאָקטער באַשטעטיקט אַז זיי זענען קראַנק, האָט ער אָנגעהויבן שרײַען: — צום טײַוול מיט אַזאַ דאָקטער! ער, דער נאַטשאַלניק זאָגאַ, וועט שוין זען, מע זאָל דעם דאָקטער צונעמען פֿון דאַנען און שיקן אַ צווייטן, וואָס וועט זיך נישט צוהערן צו די סימולאַנטן וואָס ווילן נישט אַרבעטן און קאָנען נאָר אָפּנאַרן אַזאַ מין גולמדיקן דאָקטער... ער וועט איבערהויפּט אָנהייבן מער קומען אַהער און זען ווי אַזוי מע פֿאַר־טיילט די אַרבעט... צי די ייִדעלעך אַרבעטן טאַקע...

דאָס מאָל האָט ער נישט געשריגן זשידי, ווײַל ער האָט דאָך געוווּסט, אַז דער נאַטשאַלניק פֿון דער זיבעטער אָפּטיילונג איז אַ ייִד. טאַקע אַ סאָ־וויעטישער מענטש, אָבער פֿאָרט אַ ייִד.

אויף צו מאָרגנס האָט שוין דער גאַנצער לאַגער געקאָכט מיט דער נײַעס, אַז דער נאַטשאַלניק זאָגאַ איז דאָ אַהערגעקומען אויף אַ קאָנטראָל אין גאַנצן אומגעריכטערהייט. גלײַך האָבן זיך אָפּגערופֿן עטלעכע אַלטע אַרעס־טאַנטן, רוסן, וואָס האָבן דערציילט, אַז דער נאַטשאַלניק זאָגאַ קומט שטענ־דיק אומבאַמערקט, און שטענדיק נאָך זײַן וויזיט קומט פֿאָר אַ רייניקונג אין די אַמטן... זיי האָבן נאָך צוגעגעבן, אַז ער האָט נישט קיין רחמנות אויף קיינעם, אַז ער איז אַ געבוירענער סאַדיסט. מע דאַרף זײַן מיט אים פֿאָר־זיכטיק ווײַל ער געניסט פֿון אַ גוואַלטיקן צוטרוי פֿון מאָסקווע.

ס׳האָט לאַנג נישט געדויערט ווי דער דאָקטער איז פֿאַרשוווּנדן פֿון אונדזער אָפּטיילונג. אויך דער נאַטשאַלניק ד״ר פּײַקין פֿון קאַ־ווע־טשע איז פֿאַרשוווּנדן. אויף זייערע ערטער זענען געקומען אַנדערע.

איידער ד״ר פּײַקין איז אַוועק, האָט ער געמאָלדן, אַז אַ טייל אַרעס־טאַנטן מעגן שוין שרײַבן בריוו צו קרובים אָדער באַקאַנטע, וואָס וווינען אין ראַטנפֿאַרבאַנד, אין די נײַע געביטן פֿון מערב־אוקראַיִנע, און אין דעם טייל פֿון דעם אָקופּירטן ווײַסרוסלאַנד. דאָס הייסט, גאַליציע מיט לעמבערג ווי דער הויפּטצענטער, און ביאַליסטאָק מיט דער אומגעגנט. מ׳האָט פֿאָר־

געלייענט אַ ליסטע מיט נעמען וועד ס׳מעג שרייבן. מײַן נאָמען איז אויך דאָרט געווען.

איך האָב גלײַך אַוועקגעשיקט בריוו צו די שוישפּילער משה ליפּמאַן, אידאַ קאַמינסקאַ און יצחק קרעלמאַן. די בריוו האָב איך אַוועקגעטראָגן אויף דער לאַגער־פּאָסט. קיינער פון אונדז אין לאַגער איז נישט געווען זיכער צי די בריוו וועלן טאַקע אָנקומען, אָבער געשריבן האָט מען.

אַוועקגעבנדיק די בריוו האָב איך זיך צופעליק באַקענט מיטן נאַטשאַלניק פון דער לאַגער־פּאָסט, נאָך אַ יונגער מענטש, כמעט פון אַ יאָר 40. איך האָב זיך מיט אים צערעדט. ער האָט מיר דערציילט פון זיך עפּעס אַ מאָדנע מעשה. ער איז אַ געבוירענער אין שוועדן. גלייבנדיק אין דער קאָמוניסטישער תורה איז ער יונג געקומען אין ראַטנפאַרבאַנד. מיט דער צײַט איז ער אַרײַן אין דער אַרמיי ווי אַ פּראָפעסיאָנעלער אָפיציר. ער איז געווען אַן עלטערער לייטענאַנט. ער וואָלט זיכער געשטיגן אין מיליטער און וואָלט פאַרנומען אַ גרויס אָרט. האָט מען אים אָבער דאָס נישט פאַרגינען. זײַנע אייגענע חברים האָבן אויף אים אויסגעטראַכט עפּעס אַ בילביל, ער זאָל זיך האָבן שלעכט אויסגעדריקט וועגן דער אָרדענונג. אין 1936 האָט מען אים אַרעסטירט און פאַרמישפּט אויף פופצן יאָר לאַגער־אַרבעט. אין אָנהייב האָט ער געמיינט אַז ער וועט עס נישט איבערהאַלטן. ער איז געווען אין עטלעכע לאַגערן. געאַרבעט אין קוילנגרובן. דאָ איז ער נישט לאַנג, ערשט נײַן חדשים. ער האָט באַקומען דעם אַמט פון פּאָסט־נאַטשאַלניק, מעגלעך דערפאַר וואָס ער קען עטלעכע שפּראַכן. ער קען פּערפעקט שוועדיש, רוסיש, דײַטש, ענגליש און פראַנצויזיש. אויף מײַן פראַגע צי די בריוו גייען זיכער אַוועק, האָט ער מיר געענטפערט, אַז אַלע בריוו ווערן פריִער צענזורירט. נאָך דעם ווי ער באַקומט זיי צוריק פון דער צענזור, שיקט ער זיי אָפּ אויף די אָנגעגעבענע אַדרעסן.

ווען איך בין אַוועקגעגאַנגען פון דער פּאָסט האָב איך זיך געטראָפן מיט לייבקע רייזין. ער האָט מיך באַקענט מיט אַן אַרעסטאַנט, אַ סאָוויעטישער בירגער פון מינסק, וואָס האָט זיך פאַרגעשטעלט ווי אַ רעדאַקטאָר פון דער ערשטער סאָוויעטישער ענציקלאָפּעדיע. אויף מײַן פראַגע ווי לאַנג ער זיצט שוין דאָ אין דעם לאַגער, האָט ער געענטפערט, אַז דער איז שוין זײַן פינפטער לאַגער. ער איז אַרעסטירט געוואָרן נאָך אין 1934. די סיבה:

מ׳האָט אים געמסרט אַז ער איז אַמאָל אין די יונגע יאָרן געווען אַ מענ־שעוויק. דאָס איז געווען גענוג מע זאָל אים אַרעסטירן און פאַרשיקן אין די צוואַנגלאַגערן. אויך זײַן גאַנצע פאַמיליע איז געוואָרן אַרעסטירט. יע־דער איינער פון זיי איז געשיקט געוואָרן אין אַ צווייטן לאַגער. ווען ער האָט שוין באַקומען די דערלויבעניש צו מעגן שרײַבן בריוו אַהיים, איז כסדר געקומען ענטפערס אַז מע קאָן נישט געפינען דעם אַדרעסאַט...

איך האָב אים דערציילט וועגן דעם פאַל מיטן נאַטשאַלניק זאָנאַ, וועגן זײַן זידלען ייִדן. ער האָט אונדז געזאָגט, אַז ווען ער איז נאָך געווען אויף דער פרײַ איז אים אויסגעקומען צו פאָרן אין דער באַן מינסק־מאָסקווע, זע־נען דאָרטן אין די וואַגאָנען געפאָרן אַ סך „קאָמסאָמאָלצעס״, יוגנטלעכע קאָ־מוניסטן. גראָד איז אין דעם וואַגאָן געזעסן אַ ייִד און געלייענט אַ ייִדיש בוך. פּלוצלינג האָבן די קאָמסאָמאָלצעס זיך צוגערוקט צום ייִד און אַרײַנגע־שטעקט די נאָז אין בוך און געפרעגט דעם ייִד, אין וואָסער שפּראַך דאָס בוך איז געשריבן. ער האָט זיי געענטפערט: — אין דער ייִדישער שפּראַך. נו־נו, האָט זיך אָנגעהויבן אַ חוזק מאַכן און באָקרימען דאָס ייִדישע לשון. די קאָמסאָמאָלצעס האָבן זיך אָנגעהויבן שטופּן אויף דעם אָרט, וווּ דער ייִד איז געזעסן, אים אַראָפּגעשטופּט פון דער באַנק, און אים מער שוין נישט געלאָזט זיך זעצן.

דער רעדאַקטאָר־אַרעסטאַנט האָט צוגעגעבן אַז ער ווייסט שוין פון לאַנג וועגן אַנטיסעמיטיזם אַפילו צווישן די פּאַרטיי־גדולים, און פאַרענ־דיקט, אַז ווער ווייסט צו וואָס עס קאָן דערפירן אויב די, וואָס זיצן אין מאָסקווע און האָבן די הויפּט־דעה, וועלן דעם אַנטיסעמיטיזם נישט אָפּ־שטעלן. וואָס שײַך די פּאָר ייִדן, וואָס פאַרנעמען הויכע אַמטן אין מאָסקווע, זענען זיי דערמיט פאַרשיכורט פון זייער גרויסקייט און זעען נישט ווײַטער פון זייער נאָז.

אַז איך האָב זיך געטראָפן מיטן נאַטשאַלניק ביכלאָוויטש און אים דערמאָנט וועגן דעם אַנטיסעמיטישן אַרויסטריט פון נאַטשאַלניק זאָנאַ, האָב איך זיך פון אים דערוווּסט, אַז ער טראָגט אַ דרײַפאַכיקן נאָמען, ער הייסט ריטשוק־אַגינסקי־אַכמעדאָוו, אַ באַוווּסטער שונא־ישראל... קיין גוטס פון זײַן וויזיט אין דעם לאַגער זאָל מען נישט דערוואַרטן. אויף מײַן פראַגע, וואָס איז ער לויט זײַן נאַציאָנאַלער אָנגעהעריקייט — אַ רוס, אַ פּאָלאַק, אָדער

אַן אוקראַיִנער? האָט ער מיר געענטפערט, אַז וועגן דעם ווייסט קיינער נישט, אָבער וועגן איין זאַך ווייסט מען גוט, אַז ער איז אַ גרויסער קאָמוניסטי־שער המן.

קאַפּיטל 45

אַ געוועזענער טשעקיסט

דער לאַגער האָט באַקומען אַ נײַעם נאַטשאַלניק פון קאַ־ווע־טשע. ער האָט אָנגעהויבן דערפון וואָס ער האָט גערופן צו זיך אין רויטן ווינקל אַלע בריגאַדירן און פאַר זיי געהאַלטן אַ לעקציע וועגן איבערדערציִען די מענטשן וואָס קומען פון די קאַפּיטאַליסטישע לענדער. ער האָט זיי אָנגעזאָגט זיי זאָלן זען אַז יעדן דריטן זונטיק, ווען ס'איז רוטאָג זאָלן זיך זייערע אַר־בעטער אַרײַנכאַפּן אין רויטן ווינקל, ווו ער וועט פאַר זיי האַלטן אַ דרשה וועגן מאַרקסיזם, וועגן דער גרויסער רוסישער רעוואָלוציע. די בריגאַדירן האָבן אים אויפמערקזאַם געמאַכט אַז יעדן דריטן זונטיק, ווען מע דאַרף רוען, באַזאָרגט מען אַלע לאַגערניקעס מיט שווערער אַרבעט. זיי האָבן אַפילו נישט קיין צײַט צו רוען קיין פינף מינוט. זײַן ענטפער איז געווען אַז מע טאָר נישט פאַרגעסן אַז מ'איז אַרעסטאַנטן, און מע דאַרף אָפּקומען פאַר די באַגאַנגענע זינד. האָט מען אים געפרעגט: צי דאָס אַנטלויפן פונעם מערדער היטלער הייסט באַגאַנגען אַ זינד? זײַן ענטפער איז געווען אַז ער האָט זיי נישט גערופן אַרויסצוזאָגן קיין קריטישע ווערטער אויף דער סאָוויעטי־שער אָרדענונג און אירע געזעצן. זיי דאַרפן הערן וואָס מע זאָגט זיי און זען אויסצופירן זײַנע באַפעלן.

מיט עטלעכע טעג שפּעטער קומט ער אַרײַן צו מיר אין באַראַק פּונקט ווען איך שטיי און וואַש די גרויסע פּאָדלאָגע. ער שטייט, קוקט זיך צו צו מײַן אַרבעט און שווײַגט. ווען איך בין פאַרטיק געוואָרן מיט מײַן אַרבעט, גיט ער זיך אַ זאָג:

— אָט אַזוי דאַרף מען אַרבעטן! אַז מ'אַרבעט נישט — עסט מען נישט.

איך ענטפער אים אָבער גלײַך — אַז לויט ווי איך זע איז פּונקט

פאַרקערט: די אַלע וואָס אַרבעטן נישט אַזוי שווער, עסן בעסער ווי די וואָס אַרבעטן ווי די פערד.

— דו, דניעוואַלנע, דו ווייסט מיט וועמען דו רעדסט?

איך ענטפער: ניין!

זאָגט ער מיר, אַז ווען איך וועל פּאַרטיק ווערן מיט מיַין אַרבעט זאָל איך אַריַינקומען צום ניַיעם נאַטשאַלניק פון קאָ־ווע־טשע, שנײַדערמאַן.

— שנײַדערמאַן? — פרעג איך. — לויטן נאָמען דאַרף דער נאַטשאַל־ניק זיַין אַ ייִד.

— זיכער — ענטפערט ער — איז דער נאַטשאַלניק אַ ייִד, וואָס רעדט און פאַרשטייט זייער גוט ייִדיש.

איך זאָג אים, אַז אויך דאָקטער פּיַיקין האָט פאַרשטאַנען ייִדיש אָבער גערעדט האָט ער נאָר רוסיש. ענטפערט ער מיר גלײַך אויפן אָרט אויף ייִדיש און זאָגט אַז ער איז עס דער נאַטשאַלניק, איַי, ער טראָגט נישט דעם מונדיר, דאָס איז דערפאַר וואָס ער איז דאָ נישט אַהערגעקומען פּאַראַדירן מיט אַ מונדיר, נאָר טון אַרבעט וואָס מ׳האָט אויף אים אַרויפגעלייגט.

ערשט איצט האָב איך אים אַ ביסל בעסער באַטראַכט. פאַר מיר איז געשטאַנען אַ קליינגעוויקסיק מענטשל, אַן אויסגעדאַרטס, פון אַ יאָר 40, אָבער זיַין אַרט רעדן צו מיר און דער קוק פון זיַינע אייגעלעך האָבן נישט אָנגעזאָגט קיין גוטס.

ביַים אַוועקגיין האָט ער מיר דערמאָנט כ׳זאָל קומען צו אים מאָרגן. כאַפּנדיק אַ קוק אויף עטלעכע קויקעס האָט ער צוגעגעבן: — נישקשה, קאָנסט אַוועקגיין פון באַראַק, זיי, די ליגנדיקע ליידיקגייערס וועלן שוין אַכטונג געבן מע זאָל דאָ גאָרנישט אַרויסגנבענען.

אויף צומאָרגנס בין איך אַוועק צו שנײַדערמאַנען. ער האָט שוין גע־וואַרט אויף מיר. מיך געהייסן זיך זעצן אויף אַ שטול וואָס איז געשטאַנען אַנטקעגן אים אויף דער צווייטער זיַיט שרײַבטיש ווו ער איז געזעסן. ער איז גלײַך צוגעטרעטן צום ענין נאָך וואָס ער האָט מיך גערופן. ער האָט אָנ־געהויבן:

— הער, דו, דניעוואַלנע, איך האָב אַדורכגעקוקט כמעט אַלע פּאַפּירן פון די אַרעסטאַנטן, און אין דיַינע פּאַפּירן האָב איך באַמערקט אַז דו ביסט אַ פּראָפעסיאָנעלער אַקטיאָר, וויל איך דיר געבן אַ ביסל אַרבעט אויף דיַין

געביט, דאָס הייסט, דו זאָלסט מיר דאָ אָרגאַניזירן אַ פאַרשטעלונג. דו מוזסט עס מאַכן וואָס גיכער, צום טאָג פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע.

איך האָב אים געענטפערט: — קוקט מיך גוט אָן, ווי איך זע אויס, איך בין קראַנק, איך האָרעווע פון פאַרטאָג ביז שפעט בײַנאַכט, בײַ אַ שווע־רער פיזישער אַרבעט. איך בין אָפּגעשוואַכט. ווי זשע קאָנט איר מיר גאָר פאָרלייגן, איך זאָל אין אַזאַ צושטאַנד זיך פאַרנעמען מיט טעאַטער־אַרבעט. דאָס איז מיר אוממעגלעך כל־זמן איך געפין זיך אין אַזאַ לאַגע.

זײַן פּנים איז מיט אַ מאָל געוואָרן ערנסט, זײַנע אויגן האָבן זיך אָנגע־צונדן מיט אַ בייז פײַערל. ער האָט זיך געגעבן אַ שטעל אויף און אָנגע־הויבן רעדן צו מיר אין אַ בייזן טאָן:

— דניעוואַלנע, וואָס פאַר אַ לשון רעדסטו צו מיר, דו ווייסט ווער איך בין? איך בין דײַן נאַטשאַלניק,דײַן באַפעלער, און דו ביסט דאָ מײַן אַרעס־טאַנט... דו מוזסט זיך צופּאַסן צו מײַנע באַפעלן, דו הערסט! שוין זאָלסטו זיך נעמען צו דער אַרבעט און אָרגאַניזירן אַ פאַרשטעלונג לכבוד דער גרויסער רוסישער רעוואָלוציע, אָדער דו ווילסט, איך זאָל קעגן דיר אָנ־נעמען ספּעציעלע רעפּרעסיעס. איך, נאַטשאַלניק שנײַדערמאַן, בין שוין גוט באַקאַנט מיט מײַנע מיטלען, וואָס איך קאָן אָנבנעמען קעגן ווידערשפּעניקע אַרעסטאַנטן. איך זע שוין אײַן מיט וועמען איך האָב דאָ צו טון. הער, דו, אַקטיאָר, דו הייב זיך בעסער נישט אָן מיט מיר, דו הער בעסער וואָס איך הייס דיך. אויב דו ווילסט אויף זיך נישט נעמען קיין גרעסערע צרות, זאָלסטו שוין אײַנשטימען, אַז פון מאָרגן אָן נעמסטו זיך צו דער אַרבעט וואָס איך פאַרלאַנג פון דיר. צוויי טנס, וואַרט אַ מינוט, אָט וועל איך רופן דעם נאַטשאַלניק ביכלאָוויטש, וואָס איז אַ ייִד פונקט ווי איך, און דו וועסט זען אַז אויך ער וועט דיך הייסן טון דאָס זעלבע. אפשר וועסטו צו אים האָבן מער צוטרוי, ווי צו מיר, ווײַל ער איז דאָך אויך נישט מער ווי אַן אַרעס־טאַנט פונקט ווי דו, אַקטיאָר. ער האָט זיך שוין דערדינט צו זײַן אַ נאַ־טשאַלניק, טאָ זע און נעם אָן מײַן פאַרשלאָג מיט גוטן, וועסטו נאָך קאָנען אַ מאָל אויך האָבן מזל, און זיך דערדינען צו ווערן אַ נאַטשאַלניק פון אַן אָפּטייל אין אַ לאַגער, פונקט ווי ביכלאָוויטש.

איך האָב אים געענטפערט:

— איך דאַנק אײַך זייער פאַרן צוזאָג צו קאָנען ווערן אַ נאַטשאַלניק,

איך האָב נישט די אַמביציע צו דעם טיטל. איך וויל בלויז קאָנען לעבן אויף דער פרײַ, נישט דאַרפן זײַן קיין אַרעסטאַנט, און אַוודאי אויך נישט קיין נאַטשאַלניק איבער אַרעסטאַנטן. וועגן אײַער פאָרשלאַג וועל איך זיך נאָך באַטראַכטן און אײַך געבן אַן ענטפער.

— דאָ גייט נישט אין קיין שום באַטראַכטן, — זאָגט ער מיר, — איך דאַרף אויספירן גלײַך זײַן באַפעל, אָבער ער גיט מיר נאָך אַז מאָרגן מוז ער וויסן ווען איך נעם זיך צו דער טעאַטער־אַרבעט.

אויף מאָרגן, איידער איך האָב אים געגעבן דעם ענטפער, האָב איך זיך פריִער געזען מיט ביכלאָוויטשן. איך האָב אים באַטראַכט ווי מײַנס אַן אמתן פרײַנד. ער האָט מיר געראָטן נישט אַנטקעגנשטעלן זיך שנײַדער־מאַנען, און לויט זײַן מיינונג זען צו מאַכן אַ פאָרשטעלונג, וואָס וועט אפשר מיט עפּעס מיר פאַרגרינגערן מײַן שווערע לאַגע דאָ. ער האָט מיר אויך פאַרטרויט, אַז שנײַדערמאַן איז אַ געוועזענער טשעקיסט. איך זאָל זיך אים נישט קעגנשטעלן, ווײַל ער קאָן זייער אַ סך שלעכטס טון.

אויף מאָרגן, ווען איך בין געקומען צו שנײַדערמאַנען, האָב איך דאָרטן אויך געטראָפן ביכלאָוויטשן.

— נו, — גיט ער מיך אַ פרעג גלײַך בײַ מײַן אַרײַנקום, — וואָס האָסטו באַשלאָסן? פאָלגן אָדער זיך קעגנשטעלן? עפּעס טון פאַר דער רע־וואָלוציע, אָדער עפּעס טון קעגן דער רעוואָלוציע?

איך האָב אים געגעבן אַ פּאָזיטיוון ענטפער, אַז איך נעם אָן דעם פאָרשלאַג און וועל אָנהייבן אָרגאַניזירן די פאָרשטעלונג. אָבער איין זאַך בעט איך אַז ער זאָל מיר אויך עפּעס נאָכגעבן. איך וועל שטעלן די פאָר־שטעלונג, נאָר איך אַליין וויל נישט שפּילן. כ׳וועל אַלצדינג טון אַז די פאָרשטעלונג זאָל זײַן אַ געלונגענע. כ׳וועל מאַכן באַמיִונגען צוצופּאַסן די ריכטיקע כוחות פאַר דער דאָזיקער פאָרשטעלונג. אָבער אַליין שפּילן זאָל איך נישט מוזן. כדי אים צו מאַכן אַ ביסל „ווייכער" האָב איך אים צו־געזאָגט כסדר מיט אים זיך צו באַראַטן וועגן דער פאָרשטעלונג. צי דאָס וועט זײַן אַ פּיעסע, אָדער אַ קאָנצערט, אָדער אַן איינאַקטער צוזאַמען מיט אַ קאָנצערט, וועלן מיר שוין צוזאַמען באַשטימען...

דאָס האָט אויף אים געווירקט. ער איז שוין געוואָרן אַ ביסל נאָכגיבי־קער און באַשטאַנען דערויף אַז איך זאָל נישט שפּילן. אויך ביכלאָוויטש

האָט צוגעהאָלפן אַז ער זאָל מיך נישט צווינגען צו שפּילן. ס׳וועט זײַן געגנוג אַז איך וועל די פֿאָרשטעלונג רעזשיסירן, און זען ס׳זאָל זײַן גוט אָרגאַניזירט — האָב איך דאַן געזאָגט צום טשעקיסט. דער טשעקיסט האָט אויסגעשטעלט, אַזוי אַז פֿאַר אים, שנײַדערמאַנען, ווי דעם נאַטשאַלניק פֿון קאָ־ווע־טשע, וועט עס זײַן אַ גרויסע סאַטיספֿאַקציע, וואָס גלײַך בײַ זײַן אָנקומען האָט ער שוין באַוויזן אויפֿצוטון אַ גרויסע זאַך, אַז צום יאָרטאָג פֿון דער רעוואָלוציע שפּילט מען אַ פֿאָרשטעלונג אַפֿילו אין אַ לאַגער, און ווער שפּילט? — די אַרעסטאַנטן אַליין.

ס׳איז געבליבן אַז שוין פֿון מאָרגן אָן נעם איך זיך צו מײַן אַרבעט — אויסגעפֿינען מענטשן פֿאַר דער פֿאָרשטעלונג.

קאַפּיטל 46

מײַן יידישע טעאַטער־פֿאָרשטעלונג אין לאַגער

צומאָרגנס האָב איך זיך געזען מיט שנײַדערמאַנען. כ׳האָב געבעטן ער זאָל זוכן אין די אַקטן פֿון די אַרעסטאַנטן, צי ס׳געפֿינען זיך נישט נאָך אַרעסטאַנטן אין די אָפּטיילונגען אַקטיאָרן וואָס קאָנען שפּילן טעאַטער. אויב ס׳וועלן זיך נישט געפֿינען, וועל איך אָנהייבן ווערבירן אַמאַטאָרן. ער האָט מיר צוגעזאָגט אַז נאָך הײַנט וועל איך האָבן אַן ענטפֿער. דער טשעקיסט האָט זיך צוגעאײַלט מיט זײַן ענטפֿער אַז אויסער מיר געפֿינט זיך דאָ נישט קיין שום יידישער אַקטיאָר. איז געוואָרן באַשטימט, אַז כ׳זאָל קומען צו אים אין אָוונט, דאָרטן וועלן מיר שוין צוזאַמען אויסאַרבעטן, קודם־כל, דעם פּראָגראַם.

אין דעם לאַגער זענען קיין פֿרויען נישט אַרײַנגעקומען. די פֿאָרשטע־לונג האָט דערפֿאַר באַדאַרפֿט געגעבן ווערן בלויז דורך מענער. אין דער געגנט זענען אויך געווען פֿרויען־לאַגערן. אָבער אַז פֿרויען זאָלן אַרײַנקומען אין אַ מענער־לאַגער — דאָס איז אויסגעשלאָסן. איך האָב זיך באַדאַרפֿט שטיצן בלויז אויף מענער.

אַז כ׳בין געקומען צום טשעקיסטל אין אָוונט האָט ער מיר גלײַך בײַם אַרײַנקום געגעבן אַ זאָג:

— אַלץ וואָס ס׳וועט דאָ גערעדט ווערן וועגן דער פאָרשטעלונג דאַרף בלייבן אַ סוד. איר זאָלט גוט געדענקען, אַז איך בין אייער נאַטשאַלניק און איר זענט מיין פאַרשלאָסענער אַרעסטאַנט אין לאַגער. איר מוזט זיך צופּאַסן צו מיינע באַפעלן און אָנווייזונגען.

— דאָ האַנדלט זיך דאָך — האָב איך אים געזאָגט — אין אַ טעאַטער־פאָרשטעלונג, וואָס איך דאַרף שטעלן און זען ס׳זאָל אַרויסקומען לייטיש. מער נישט.

— וואָס שייך שפּילן פון די אַמאַטאָרן, וועל איך אייך נישט שטערן אָבער דער רעפּערטואַר ליגט אונטער מיין פּסק. איר דאַרפט פאַרשטיין אַז כ׳קאָן צו אייך נישט האָבן קיין צוטרוי, ווייל צו אַרעסטאַנטן טאָר מען בכלל נישט האָבן קיין צוטרוי.

נאָך דער דרשה האָב איך אים דערקלערט, אַז אַזוי ווי קיין פּרויען־כוחות וועלן דאָך נישט זיין דאַרף מען, לויט מיין מיינונג, שטעלן אַן איינ־אַקטער פאַרן ערשטן טייל פון פּראָגראַם, און אין צווייטן וועל איך שוין זען ס׳זאָל זיין אַ קאָנצערט פון פאַרשידענע געזאַנגען, פאָלקסלידער, מאָנאָלאָגן און רעציטאַציעס, אויב כ׳וועל נאָר קאָנען געפינען די געהעריקע כוחות. ער האָט אַקצעפּטירט מיין פּלאַן. כ׳האָב אים געזאָגט, אַז ווען ס׳וואָלט געוועזן צייט וואָלט מען געקאָנט עפּעס אינסצעניזירן פון דוד בערגעלסאָן, פון י. ל. פּרץ, שלום־עליכם, אפשר שפּילן אַן אַקט פון בערגעלסאָנס אַ פּיעסע, אויב אַזאַ געפינט זיך דאָ. אָדער גאָר עפּעס אינסצעניזירן פון משה קולבאַק.

כ׳האָב דערמאָנט דעם נאָמען פון משה קולבאַק, כדי צו זען, צי דער טשעקיסט שניידערמאַן, ווייסט ווער ער איז געוועזן און וואָס זיי האָבן מיט אים געמאַכט... ער האָט טאַקע גאָר נישט געוווסט ווייל זיין ענטפער איז געווען:

— איך גלייב נישט אַז ס׳זאָל זיך דאָ געפינען עפּעס מאַטעריאַל פון דוד בערגעלסאָן, אָדער פונעם צווייטן שרייבער וואָס דו, אַקטיאָר, האָסט מיר אָנגערופן, ווי איז זיין נאָמען? קעלבאַס?

— ניין, — זאָג איך, — חלילה, וואָס רעדט איר, נאַטשאַלניק פון קאַ־ווע־טשע, נישט קעלבאַס, נאָר משה קולבאַק, אַ באַרימטער שרייבער וואָס איז צו אייך אַריבערגעקומען פון פּוילן, פון ווילנע.

צומאָרגנס האָט ער מיר געבראַכט אַן איינאַקטער פון סאָוויעטיש־ייִדישן

שרײַבער יחזקאל דאָברושין: „אין ייִדישן קאָלכאָז". דאָרט אין דעם איינאַקטער איז אַפילו דאָ אַ ראָל פון אַן עלטערער פרוי, מ'וועט שוין מוזן זען, אַז די דאָזיקע פרוי זאָל געשפילט ווערן פון אַ מאַנספּאַרשוין, וואָס זאָל קאָנען אימיטירן אַ פרויען־שטימע, ווי אין גאָלדפאַדנס צײַטן. ער האָט מיר צוגע־זאָגט צו באַזאָרגן קליידער פאַר דער פרוי און פאַר די איבעריקע שפּילער. אויך דעקאָראַציעס וועט מען זען צו קריגן, ווײַל דאָ נישט ווײַט, אין צווייטן לאַגער, זענען פאַראַן פאַרשידענע דעקאָראַציעס וואָס רוסישע אַקטיאָרן האָבן אַמאָל באַנוצט... ס'איז געבליבן, אַז גלײַך נאָך דער אַרבעט וועל איך פאַרזאַמלען די בריגאַדירן מיט זייערע בריגאַדעס און זוכן צווישן זיי די כוחות וואָס מע דאַרף האָבן צום פּראָגראַם. כ'האָב אויך געזוכט ראַליסטן צווישן די שנײַדער־ און שוסטער־וואַרשטאַטן, ווײַל כ'האָב געוווּסט, אַז שנײַדערס און שוסטערס זינגען שטענדיק פאַרשידענע טעאַטער־לידער, פאָלקסלידער וואָס זיי האָבן געהערט. ס'האָט זיך מיר טאַקע אײַנגעגעבן אויסצוגעפינען עטלעכע באמת פעיִקע אַמאַטאָרן צום איינאַקטער און צום קאָנצערט־טייל.

איך האָב על־פּי־צופאַל געפונען איינעם אַ פּראָפעסיאָנעלן זינגער, אַ כאָריסט פון דער וואַרשעווער אָפּערע, זײַן נאָמען איז געווען מערקער. וועגן אים איז באמת דאָ אַ סך צו דערציילן, וועגן זײַן אויפפירן זיך אין לאַגער. ער האָט קיינעם נישט דערציילט אַז ער איז אַ פּראָפעסיאָנעלער זינגער. ער האָט געקענט גוט רוסיש און זיך גיך דערוווּסט פון די רוסישע אַרעסטאַנטן דאָס געזעץ פון לאַגער, אַז יעדער איינער וואָס וויל נישט גיין צו דער אַרבעט, מוז גיין אין קאַרצער אַרײַן, דאָס הייסט: אָדער צו דער אַרבעט, אָדער אין קאַרצער. ער איז געווען פון דער ערשטער מינוט אָן אין אַ בריגאַדע וואָס איז געגאַנגען צו אַ שווערער אַרבעט. כאָטש פיזיש אַ שטאַרקער האָט ער אָבער אײַנגעזען אַז ער ווערט פון טאָג־צו־טאָג שוואַכער. ער האָט באַשלאָסן אַז אַזוי ווי ס'געפינט זיך שוין אין לאַגער אַ שוסטערײַ, וועט ער דערקלערן דער נאַטשאַלסטווע אַז ער וועט מער אויף דער קאַטאָרזשנער אַרבעט נישט גיין, ווײַל ער פילט אַז ער וועט נישט אויסהאַלטן. ער קאָן אַרבעטן, אָבער נאָר בײַ שוסטערײַ, אָדער ער וועט יעדן אין דער פרי גיין — אַנשטאָט צו דער אַרבעט — אין קאַרצער אַרײַן ווי ס'געזעץ זעט פאַר... אויב דעם נאַטשאַלניק געפעלט נישט דאָס וואָס ער וויל — קאָנען זיי מיט אים טון

וואָס זיי ווילן, אַפּילו דערשיסן אים דאָ אויפן אָרט. ער האָט געהאַלטן וואָרט: יעדן אין דער פרי איז ער אַוועק אין קאַרצער אַרײַן. ס׳האָט אים ווייניק וואָס געשראָקן דאָס וואָס אין קאַרצער באַקומט מען נישט מער ווי אַ שטיקל ברויט מיט וואַסער פאַרן גאַנצן טאָג. דערפאַר אָבער — האָט ער געזאָגט — וועט ער זיך קאָנען ליגן אויף דער ערד ווי אַ פריץ. דער קאַרצער איז אָבער געווען אַזאַ פינצטערע נאָרע אַז מ׳האָט קוים געקאָנט שטיין. פון ליגן איז אָפּגערעדט. ער איז אָבער געגאַנגען עטלעכע טעג אין דער פרי אין זײַן קאַרצער אַרײַן לויטן געזעץ.

— געזעץ — האָט ער געשריגן — איז געזעץ.

אין קאַרצער האָט ער אָנגעהויבן זינגען אין יידיש, רוסיש, פויליש און איטאַליעניש — אַריעס פון פאַרשידענע אָפּערעס. די וועכטער, וואָס האָבן געהיט דעם קאַרצער, זענען געוואָרן ווי פאַרכישופט פון זײַן זינגען, פלעגן זיי אים אַרײַנגעבן עסן.

אַז איך האָב זיך דערוווּסט פון דער מעשה האָב איך דעם בחור גלײַך פאַרבעטן צו זיך, אים איבערגעצײַגט, אַז נאָך דער פאָרשטעלונג וועט ער שוין זיכער ווערן אַ שוסטער, ווי ער וויל.

דער טשעקיסט שנײַדערמאַן האָט אָבער געטענהט אַז פריער מוז דער מערקער גיין צו זײַן אַרבעט און אין אָוונט מאַכן פראָבע, כדי זיך צוצוגרייטן צום קאָנצערט, און ערשט שפּעטער, נאָך דער פאָרשטעלונג, וועט מען זען צי ער דאַרף זײַן אַ שוסטער...

ס׳האָט גאָרנישט געהאָלפן. מערקער האָט דערקלערט אַז ער מוז זײַן אַ שוסטער. מ׳האָט אים געשיקט אויפן „בור״, דאָס איז געווען אַ שווערער קאַרצער ווו קודם־כל שפּאַרט מען אײַן אין אַ פינצטערן קעלער אויף אַ געוויסער צײַט און שפּעטער שלעפּן אים דרעסירטע הינט צו דער אַרבעט, צו גראָבן גריבער. וואָס האָט אָבער געטון מערקער? גלײַך ווי מ׳האָט אים געבראַכט אין דעם „בור״־קאַרצער האָט ער אָנגעהויבן צו זינגען אַזעלכע האַרציקע לידער, אַז די, וואָס דאַרפן אים באַהאַנדלען שטרענג, אָן שום רחמנות, זענען געוואָרן זײַנע גרעסטע חסידים. מ׳האָט אים געבראַכט עסן פון אַלע זײַטן, און אַלע האָבן אים געגעבן רעכט אַז ער דאַרף זײַן וואָס ער וויל — אַ שוסטער. צוליב דעם וואָס איך האָב באַוויזן איבערצוצײַגן דעם טשעקיסט אַז מערקער וועט מיט זײַנע רוסישע לידער געפעלן ווערן, און

אַז ער קען זינגען וווּנדערבאַרע ייִדישע פֿאָלקסלידער, איז דאָס טשעקיסטל ענדלעך אײַנגעגאַנגען צוצוזאָגן מערקערן אַז ער וועט זײַן אַ שוסטער. אַזוי ווי איך אַליין האָב געהאַט אַ סך אַרבעט בײַם צוגרייטן די פֿאָרשטעלונג, איז געבליבן אַז כּדי ס'זאָל הייסן אַז מערקער אַרבעט וועט ער מיר צוהעלפֿן בײַ מײַן דניעוואַלנע־אַרבעט.

שנײַדערמאַן האָט נישט מסכּים געווען אַז איך, ווי דער רעזשיסאָר פֿון דער פֿאָרשטעלונג, זאָל באַקומען אויף מײַן אָרט אַ פֿאַרטרעטער. דאָס נישט. ער האָט נאָר מסכּים געווען איך זאָל צונעמען מערקערן ווי אַ געהילף.

אַלע אָן אויסנאַם, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין דער פֿאָרשטעלונג, האָבן געמוזט טון זייערע אַרבעטן אַ גאַנצן טאָג, און אין אָוונט מאַכן פּראָבעס צו דער פֿאָרשטעלונג. מערקער איז געווען אַ טײַערער ייִדישער יונגערמאַן. ער האָט מיר דערקלערט אַז אין אָנהייב האָט ער זיך נישט געוואָלט אויסגעבן ווי אַ זינגער, ווײַל ער האָט פֿאַרשטאַנען, אַז אים וועט אויסקומען צו זינגען, און צו דעם איז ער בשום־אופֿן נישט געווען גרייט, ווײַל ער איז געווען אויפֿגעבראַכט צוליב דער באַהאַנדלונג פֿון די פּליטים.

נאָך אַ יונגערמאַן איז געווען — אַ זון פֿון אַ פּרוכטהענדלער פֿון די וואַרשעווער האַלעס — וואָס האָט געהאַט אַ פֿײַנע טענאָר־שטימע, און איז אויך געווען אַן אַמאַטאָר נאָך פֿון דער היים, זײַן נאָמען איז געווען גאָלדמאַן. כּדי צו פֿאַרענדיקן דעם קאָנצערט מיט אַ גאַר שטאַרקער זאַך פֿון ליטעראַרישן ווי פֿון מוזיקאַלישן שטאַנדפּונקט, האָב איך גענומען אײַנשטודירן מיט מײַנע אַמאַטאָרן איציק מאַנגערס „די גאָלדענע פּאַווע“. דאָס איז אַ וווּנדערבאַרער רעוועלערסן־נומער פֿאַר די בעסטע פֿײַנשמעקערס.

איך פֿערזענלעך — איז געווען אָפּגעמאַכט מיטן טשעקיסט — וועל אויף דער פֿאָרשטעלונג זײַן קאָנפֿעראַנסיער און מער נישט. אַלע טעקסטן זענען געוואָרן אַ סך מאָל קאָנטראָלירט און איבערגעקאָנטראָלירט פֿון טשעקיסטל, און שפּעטער פֿון אַ „ספּעציעלער קאָמיסיע“ וואָס איך האָב פֿאַר מײַנע אויגן אַפֿילו נישט געזען.

האַרט פֿאַר דער פֿאָרשטעלונג מעלדט מיר שנײַדערמאַן אַז ער אַליין וועט זײַן דער קאָנפֿעראַנסיער און נישט איך.

— פֿאַר וואָס, — פֿרעג איך, — איר קאָנט מיר נישט געטרויען?

— דו קאָנסט אַ מאָל — זאָגט ער — אַזוי קאָנפערירן אַז איך זאָל צו־מאָרגנס דאַרפן ווערן אַן אַרעסטאַנט גלײַך מיט אײַך. נאָך עפּעס וויל איך פון דיר. דו מוזסט זיך באַטייליקן אין איציק מאַנגערס נומער „די גאָלדענע פּאַווע״. איך האָב געזען ווי אַזוי דו שטעלסט, ווי אַזוי דו ווײַזסט צו מאַכן דעם אַלטן שנײַדער, האָב איך זיך איבערגעצײַגט אַז קיינער וועט עס נישט מאַכן ווי דו. ווען מע זאָל אַפילו מאַכן פּראָבן אַ גאַנץ יאָר.

ער האָט אָנגעהויבן צו מיר צו רעדן אין אַ העכערן טאָן, איך זאָל זיך נישט אָפּזאָגן, און מיך געסטראַשעט, אַז דאָס נישט אויספאָלגן זײַנע איצ־טיקע אינסטרוקציעס, קאָן מיך טײַער קאָסטן. ס׳האָט זיך אַרײַנגעמישט נאַטשאַלניק ביכלאָוויטש. אַפילו דער זינגער מערקער האָט מיך שטאַרק צוגערעדט, כ׳זאָל מאַכן אין דער „גאָלדענע פּאַווע״ דעם אַלטן שנײַדער וועט עס זײַן אַ גרויסער דערפאָלג.

איך דערמאָן זיך טאַקע אַז איך האָב דעם אַלטן שנײַדער געמאַכט אין מײַן ערשטן אויפטריט אין אַמעריקע, בײַם באַרימטן מאָריס שוואַרץ, וואָס האָט מיך אַנגאַזשירט אין זײַן „אָל. דזשאָלסאָן־טעאַטער״ אויף דער 58סטער גאַס אין ניו־יאָרק, און געהאַט טאַקע דעמאָלט אַ גרויסן דערפאָלג. האָב איך מיר געטראַכט, אויב דער גורל מײַנער האָט מיך דערפירט דאָ אַהער איז סאָוויעטישן לאַגער איז עס זיכער אַ באַשערטע זאַך, און כ׳האָב נאָכגעגעבן דעם טשעקיסטל אונטער זײַנע סטראַשונקעס...

די פאָרשטעלונג איז געווען באַשטימט זי זאָל זיך אָנהייבן פּרי, כדי די שקלאַפן זאָלן קאָנען מאָרגן פאַרטאָג ווײַטער גיין צו זייער קאַטאָרגע. געשפּילט האָט מען אין שנײַדער־וואַרשטאַט וווּ ס׳איז געווען אַ גרויסער באַראַק פאַר עטלעכע הונדערט מענטשן. ס׳איז געמאַכט געוואָרן אַ ספּעציעלע בינע מיט אַ פאַרהאַנג. מ׳האָט געבראַכט בענק. אין די ערשטע רייען האָט מען אָוועקגעשטעלט שטולן, אויף וועלכע ס׳זענען געזעסן די „גרויסע העכט״ פון דער ענקאַווּעדע פון אַ סך לאַגערן. ווײַטער אַ ביסל די אַרעסטאַנטן־נאַטשאַלניקעס, די אַדמיניסטראַציע פון לאַגער, קוכערס, בוכהאַלטערס און אַנדערע שלעק. ווײַטער אַ ביסל די בריגאַדירן און די בעסטע אַרבעטער, און גאָר ווײַט זענען געשטאַנען די פּשוטע שקלאַפן, די קאַטאָרזשניקעס. אָבער אַזוי ווי נישט אַלע האָבן געקאָנט אַרײַנגיין אין באַראַק, האָבן געהאַט פאַרצוג די לאַגעריסטן פון מײַן זיבעטער אָפּטיילונג.

נאָכן איינאַקטער, וואָס כ׳האָב געשטעלט ווי אַ קאָמעדיע, זענען די בראַוואָ־פּאַטשערייען געווען גאָר שטאַרקע, און צום סוף, נאָכן גאַנצן קאָנצערט, נאָכן לעצטן נומער, מאַנגערס „גאָלדענע פּאַווע״, איז דער דערפאָלג געווען אויסערגעוויינטלעך.

נאָך דער פאָרשטעלונג האָבן פאַרשידענע נאַטשאַלניקעס מיר געקלאַפּט אין פּלייצע און געשריגן „מאָלאָדיעץ!״ און צוגעגעבן, מיט באַדויערונג, אַז כ׳האָב נישט באַדאַרפט ווערן קיין לאַגערניק. נאָר גיי פיר מיט אַט די חברה דיסקוסיעס ווער ס׳האָט מיך דערפירט אַהער אין דעם לאַגער, און איבערהויפּט ווער ס׳איז שולדיק אין דעם.

ווען אַלע זענען זיך שוין צעגאַנגען איז דאָס טשעקיסטל שניידערמאַן צו צו מיר און מיר געמאָלדן אַז אַלס באַלוינונג פאַר דער פאָרשטעלונג וועל איך באַקומען אַ גאַנצן קילאָ ווייס ברויט, און די אַלע אַמאַטאָרן, וואָס האָבן אָנטיילגענומען אין דער פאָרשטעלונג, צו האַלבן קילאָ ווייס ברויט. מיין ענטפער איז געווען אַז איך בעט אים נישט צו מאַכן קיין שום אונטערשיד צווישן מיר און די איבעריקע אָנטיילנעמערס, און געבן אַלעמען צו קילאָ ווייס ברויט. נאָר טאָמער וועט ער עס נישט קאָנען טון, בעט איך אים, ער זאָל מיר אויך מער נישט געבן ווי אַ האַלבן קילאָ ברויט. און צוגעגעבן אַז איצטער זענען מיר דאָך נישט קיין אַקטיאָרן, נאָר גלייכע אַרעסטאַנטן, קומט אַלעמען גלייך.

טראַכטנדיק אַ ווייַלע האָט ער מיר געענטפערט אַז ער גיט מיר נאָך דאָס צווייטע, דאָס הייסט, אַז איך וועל אויך באַקומען נאָר אַ האַבן קילאָ ווייס ברויט.

נאָך דער פאָרשטעלונג איז צו מיר צוגעקומען לייבקע, זלמן רייזינס זון, מיך אַרומגענומען, זיך צעקושט מיט מיר און מיר געזאָגט:

— דוד לעדערמאַן, נאָך אַלע צרות און שרעקלעכע איבערלעבונגען, האָב איך היינט ביי דער טעאַטער־פאָרשטעלונג אויף יידיש איבערהויפּט ביי איציק מאַנגערס „גאָלדענע פּאַווע״, לויט ווי דו האָסט עס געשטעלט און געמאַכט דעם אַלטן שניידער, געהאַט אַ גוואַלטיקע גייסטיקע צופרידנקייט, און אין אונדזער פינצטערן לעבן האָט אויפגעלויכטן אויף אַ שטיקל צייט אַ ליכטיקייט אין אונדזער פינצטערער נאַכט.

דער זאָג פון זלמן רייזינס זון האָט מיך אין יענער שרעקלעכער צײַט אַ ביסעלע געטרייסט אין מײַן שווערן לעבן אין סאָוויעטישן לאַגער — נאָך מײַן טעאַטער־פאָרשטעלונג אויף ייִדיש.

קאַפּיטל 47

מ י י ן פ אַ ר אַ ג ר אַ ף . . .

נאָך דער פאָרשטעלונג האָב איך זיך ווײַטער גענומען צו מײַנע צוויי פּאַדלאָגעס; וואַשן און שלעפּן די 30 עמערס וואַסער פּונקט ווי ס׳וואָלט גאָר־נישט פאָרגעקומען. כ׳האָב דאָך די פאָרשטעלונג, אייגנטלעך, נישט געוואָלט. כ׳בין אָבער געוווען צו דעם געצוווּנגען.

מאָדנע געדאַנקען האָבן מיך אָנגעהויבן צו באַהערשן, טאָקע אין שײַכות מיט מײַן לעבנס־חלום וועגן טעאַטער שפּילן. כ׳האָב געמיינט אַז נאָך די שווערע און פּײַנלעכע איבערלעבענישן, פיזישע און מאָראַלישע לײַדן, וועל איך שוין נישט זײַן בכוח צו שפּילן טעאַטער. און דאָ פּלוצלינג איז אונ־טערגעקומען דער צופאַל מיט דער לאַגער־פאָרשטעלונג, אַפּנים, אַז טעאַטער־בלוט שווײַגט נישט, אַז טעאַטער־חכמה לאָזט זיך נישט אָפּנאַרן — נאָך אַלע לײַדן, און פּײַנען. בײַ דער ערשטער טעאַטער־אַרבעט, בײַם בלויזן איבער־לייענען די טעקסטן, בײַם אָנהייב פון די צוגרייטונגען, האָט שוין מײַן טעאַ־טער־בלוט אָנגעהויבן קאָכן אין אַ גיכן טעמפּ; ווי נידערגעשלאָגן דער אַק־טיאָר זאָל נישט זײַן, — קוים דערפילט ער נאָר טעאַטער, פּרובן, שטודירן ראָלן, — ווערט ער אין גאַנצן צוריק באַלעבט. אָט דאָס זעלבע איז מיט מיר געשען אין שײַכות מיט דער פאָרשטעלונג אין לאַגער.

איך דערמאָן זיך אין אַן אַלטן אַקטיאָר, יוליוס אָסקאַר, וואָס האָט זיך פּלוצלינג באַוויזן אין אַקטיאָרן־פאַראיין אין וואַרשע צווישן די יאָרן 1920—1928. אָט דער אַלטער יוליוס אָסקאַר האָט אונטער זיך געהאַט בײַ די 70 יאָר טעאַטער־שפּיל: 20 יאָר פּויליש טעאַטער און 50 יאָר דײַטש טעאַטער. נאָך דעם אַלעם האָט ער זיך נעבעך באַוויזן אין אַ טרויעריקן צושטאַנד, זייער אָרעם. דער אַקטיאָרן־פאַראיין אין וואַרשע האָט געפֿונען פאַר זײַן

פליכט אויסצוהאַלטן דעם אַלטן אַקטיאָר. כאָטש ס׳האָבן זיך פאַרשפּרייט קלאַנגען ער זאָל האָבן געוועזן זײַן אַ משומד האָט זיך עס שפּעטער אַרויס־געוויזן פאַר ליגן. ער איז געוועזן זײַן גאַנץ לעבן אַ ייִד און געשטאָרבן אַ ייִד. זײַן קבר געפינט זיך אויפן וואַרשעווער בית־עולם, און זײַן אמתער נאָמען איז געוועזן אַברהם אײַזענשטיין, אַ הויכגעבילדעטער מאַן, מיט צוויי דאָק־טאָראַטן.

ווען די „הבימה״ איז געווען צום ערשטן מאָל אין וואַרשע און געשפּילט מיט גאָר גרויסן דערפאָלג זייערע פאָרשטעלונגען האָט דער אַקטיאָרן־פאַר־איין אײַנגעאָרדנט פאַרן הבימה־אַנסאַמבל אַ באַנקעט אין לאָקאַל פון אַק־טיאָרן־פאַראיין. אויפן באַנקעט האָט זיך אויך געפונען דער אַלטער יוליוס אָסקאַר. ווען מ׳האָט זיך משמח געווען מיט די „הבימה״־אַקטיאָרן, ווער מיט אַ דערציילונג, ווער מיט אַ לידל, האָט פּלוצלינג דער אַלטער אָסקאַר געבעטן מע זאָל אים דערלויבן עפּעס פאָרצוטראָגן לכבוד די געסט. מ׳האָט אים אויפגענומען מיטן גרעסטן כבוד און אים דערלויבט. ער האָט פאַרגעשטעלט אַ סצענע ווי אַ שוישפּילער דערוווּסט זיך אין מיטן שפּילן אַ פּיעסע, אַז זײַן איינציק געליבט קינד איז געשטאָרבן, און וואָס דער אַקטיאָר לעבט דעמאָלט איבער. אַז אָסקאַר האָט אָנגעהויבן שפּילן די סצע־נע פאַר אַן עולם פון 200 אַקטיאָרן, און אַ סך אײַנגעלאַדענע געסט, האָבן מיר פּלוצלינג פאַר זיך דערזען נישט קיין 90יאָריקן אַקטיאָר, נאָר אַ פיל ייִנגערן, מיט אויסערגעוויינטלעכן פײַער און וווּנדערבאַרע טענער. אַלע זענען געוואָרן באַגײַסטערט פונעם אַלטנס טאַלאַנט, און נאָך מער פון זײַן יוגנטלעכן פײַער וואָס ער האָט אַרויסגעוויזן בײַם שפּילן.

**
*

דער ווינטער האָט געמאַכט גאָר גרויסע שפּרײַזן. די קעלטן זענען געוואָרן וואָס אַ מאָל שאַרפער. פרעסט און שנייען. דער לאַגער האָט זיך געפונען נישט קיין גאַנצע 200 קילאָמעטער פון לענינגראַד. אין קינגלימסקי ראַיאָן. מ׳האָט באַדאַרפט כאָטש אַ ביסל דערוואָרעמען דעם באַראַק. איך האָב געמוזט בעטן דעם אַלטן ר׳ איטשע, ער זאָל כאַפּן אַ קוק אין באַראַק, מע זאָל נישט צוגנבענען עפּעס. כ׳האָב מיט מיר מיטגענומען עטלעכע לײַכט־קראַנקע וואָס זענען געבליבן אויף אַ טאָג אין לאַגער. מיר זענען אַוועק אין

וואַלד אויסהאַקן אַ בוים, כדי צו קאָנען באַהייצן דעם ריזיקן באַראַק. ווער פֿון אונדז אָבער איז עס געווען בכוח פּאַרטיק צו ווערן דערמיט מיט איין מאָל? מיר זענען געווען געצווונגען צו גיין אין וואַלד האַקן עטלעכע מאָל ביז ס׳האָט זיך אונדז אײַנגעגעבן אַהיימצושלעפּן אַזאַ מין בוים. איצט האָט מען אים באַדאַרפֿט צעזעגן. און נאָס האָלץ זעגט זיך שווער. וואָס טוט מען אַז דאָס נאַסע האָלץ וויל פֿאַר קיין פֿאַל נישט ברענען? איך האָב געמוזט אַזוי ליגן גאַנצע שעהען אויף דער ערד לעבן דעם גרויסן אויוון און האַלטן אין איין בלאָזן אין אויוון אַרײַן אַז דאָס האָלץ זאָל דערברענען. ווי לאַנג אָבער קאָן אַ מענטש אַזוי בלאָזן? איך האָב שוין באַלד געהאַט מײַן נשמה אַרויסגעבלאָזן פֿון זיך...

די אַרבעטער זענען געקומען צוגיין פֿונעם ווײַטן וועג נאָך דער אַרבעט און געווען געצווונגען צו שלאָפֿן אין קאַלטן באַראַק. ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן געשרייען און פּראָטעסטן און אַלע צרות האָבן זיך אויסגעלאָזן צום דניעוואַלנע. אײַ, וואָס זאָל דער אָרעמער דניעוואַלנע טון? ווו זאָל ער נעמען האָלץ אַז מע ברענגט נישט און מע גיט נישט? אַ סך לאַגערניקעס האָבן זיך פֿאַרקילט, קראַנק געוואָרן און געבליבן אין באַראַק. די לאַגע איז געוואָרן ערנסט, ס׳האָט אָנגעהויבן שמעקן מיט אַ סקאַנדאַל.

די אַלטע רוסישע לאַגעריסטן האָבן געהאַלטן אין איין אונטערבונטעווען אונדזערע ייִדישע אַרעסטאַנטן זיי זאָלן פֿאָדערן שטיוול. ס׳איז דערגאַנגען אַזוי ווײַט אַז ס׳האָט זיך באַוויזן דער נאַטשאַלניק זאָנאַ, דער שוין גוט־באַוווסטער קאָמוניסטישער המן, און אָנגעהויבן קאָנטראָלירן אין באַראַק וויפֿל קראַנקע ס׳זענען אין דעם טאָג פֿאַרבליבן. ער האָט געשיקט נאָכן דאָקטער, געגוואַלדעוועט און פֿאָרגעוואָרפֿן אַז אויך ער מוז זײַן עפּעס אַ געהיימער זשיד ווײַל ער באַפֿרײַט צופֿיל די ייִדעלעך פֿון דער אַרבעט...

דער דאָקטער האָט געענטפֿערט אַז קיין קראַנקע מענטשן קאָן ער צו קיין אַרבעט נישט שיקן ווײַל ער וויל נישט דערפֿירן צו קיין טויטפֿאַלן. דער המן אָבער האָט, פֿאַרשטייט זיך, נישט פֿאַרשוויגן דעם דאָקטער, און אים געענטפֿערט, אַז פֿון קיין קאָנטררעוואָלוציאָנער האָט ער קיין בעסערן ענטפֿער נישט געקאָנט דערוואַרטן. גערופֿן דעם נאַטשאַלניק מיטן נאַריאַדטשיק און אָנגעהויבן וואַרפֿן אויף זיי שטראָפֿרייד, אַז זיי היטן נישט גענוג די אָרדענונג אין דעם אָפּטייל; צופֿיל קראַנקע ליגן זיך אויף די קויקעס

ווי די פּריצים; ווײַטער קאָן עס אַזוי נישט גיין. פלוצלינג האָט ער אָנגע־הויבן שרײַען:

— ווו איז דער דניעוואַלנע?

איך בין גלײַך צו צו דעם המן.

— פאַר וואָס איז דאָ אַזוי קאַלט? — גיט ער מיך אַ פרעג.

איך ענטפער אַז דער באַראַק איז גרויס, מע דאַרף האָבן אַ סך האָלץ און קיין האָלץ איז נישט פאַראַן. מע מוז עס ברענגען פון וואַלד, און קיין נאָס האָלץ ברענט נישט אַזוי גיך. אַזוי אַז איך, ווי דער דניעוואַלנע, דער־פיל מײַן פליכט לגבי די אַרבעטער, ליידער האָב איך נישט קיין געהעריקע מיטלען צו דערוואַרעמען דעם גרויסן באַראַק.

— שווײַגן! — האָט ער געשריגן — האַלט מיר נישט קיין אַקטיאָרישע רעדעס! איך דאַרף נישט קיין ספּעקטאַקלען מיטן זשידאָווסקע לשון.

אַהאַ, — טראַכט איך מיר, — ער איז אומצופרידן פון דעם וואָס מ׳האָט צום ערשטן מאָל אין לאַגער געגעבן אַ טעאַטער־פאָרשטעלונג אויף ייִדיש... ער מעלדט מיר אַז אויב איך וועל נישט זען, אַז אין באַראַק זאָל ווערן וואַרעמער, וועל איך ווערן אויס דניעוואַלנע און געשיקט ווערן אין אַ בריגאַדע צו דער אַרבעט. ער האָט נאָך געוואָרפן אַ סך זידלווערטער אויפן חשבון פון די ייִדן, וואָס מאַכן זיך קראַנק און ווילן נישט אַרבעטן, און איז אַוועק, זאָגנדיק צום נאַטשאַלניק ביכלאָוויטש ער זאָל זיך די טעג מעלדן צו אים.

נאָך זײַן אַוועקגיין האָט דער אַלטער ר׳ איטשע געמאַכט די ברכה פון ברוך שפטרנו, און אים, דעם המן, געווונטשן דעם סוף פון יענעם אַלטן המן.

דער נאַטשאַלניק ביכלאָוויטש איז געבליבן שטיין אין אַ פאַרלעגנהייט. ער האָט מיך געהייסן אַרײַנקומען צו אים. שפּעטער, ווען כ׳בין בײַ אים געווען, האָט ער מיר געזאָגט, אַז דאָס וואָס איך וועל ווערן אויס דניעוואַלנע איז גאָרנישט, אים באַאומרויִקט נאָר איין זאַך, וואָס דער נאַטשאַלניק זאָגאַ האָט געגעבן אַ וואָרף אַרײַן די ווערטער, אַז ער איז מוחל די ספּעקטאַקלען מיטן ייִדישן לשון, דאָס איז אים גוט אַרײַן אין דער נאָז; כ׳האָב מורא — מאַכט ער צו מיר — אַז אַט דער אַנטיסעמיט וועט אײַך אָנהייבן רודפן, ווײַל איר אייגנטלעך זענט דאָך דער שולדיקער וואָס דאָ איז פאָרגעקומען אַ

טעאַטער־פאָרשטעלונג מיט 90 פּראָצענט ייִדיש. וואָלט איר נישט געווען קיין ייִדישער אַקטיאָר וואָלט דאָך צו דעם נישט געקומען...

ער האָט מיך געבעטן איך זאָל זיך שטאַרק היטן פאַר דעם המן. כ׳האָב אים אויפגעוויזן אַז ער האָט אויך דעם דאָקטער געזידלט.

— יאָ, — האָט ער מיר געענטפערט, — דער דאָקטער איז דאָך פאָרט אַ רוס... דו פאַרשטייסט?

איך האָב שוין גוט פאַרשטאַנען דעם מיין פון די ווערטער.

— הייסט עס, אַז די גרויסע רוסישע רעוואָלוציע איז גאָר ווייניק אַוועק פון דער צאַרישער אָרדענונג מיטן ווילדן אַנטיסעמיטיזם און פּאָגראָ־מען אויף ייִדן. אויב אַזאַ נאַטשאַלניק זאָגאַ, וואָס האָט אונטער זיך אַזוי פיל לאַגערן, מיט צענדליגער טויזנטער שקלאַפן, קאָן אַזוי אָפן זיך שפּילן מיטן וואָרט „זשיד" איז זייער טרויעריק און ס׳קאָן קומען צו ביז גאָר טרויעריקע זאַכן.

ביכלאָוויטש האָט אויסגעהערט מײַנע ווערטער און געשוויגן... דאָס הייסט, אַז אויך ער טראַכט נישט אַנדערש. ער איז דאָך אַליין אויך אַ ייִד, און ער אַליין האָט דאָך אויך גוט געפילט, וואָס די גרויסע רוסישע רעוואָלו־ציע האָט פאַר אים געטון... פאַר זײַן איבערגעגעבנקייט, פאַר זײַן דינען דער פּאַרטיי געטרײַ פון זײַנע יונגע יאָרן אָן... האָט מען דאָך אים אַליין גרויזאַם אָפּגעצאָלט מיט אַ שרעקלעכן בילבול... אַז איך בין אַנטשוויגן געוואָרן האָט ער מיר געזאָגט אַז איך זאָל זײַן פאָרזיכטיק און נישט דערציילן שנײַדער־מאַנען קיין שום זאַך, ווײַל דער טשעקיסט איז נישט בעסער פון דעם המן, כאָטש ער איז אַ ייִד...

אויף צומאָרגנס האָב איך זיך דערוווּסט אַז כמעט אַלע שקלאַפן־אַר־בעטער שרײַבן אונטער אַ פּאַפּיר צום נאַטשאַלניק מיט אַ ביטע, אַז ער זאָל עס אַוועקשיקן ווו מע באַדאַרף, אַז דער גאַנצער לאַגער בעט ס׳זאָל קומען אַן אויספאָרש־קאָמיסיע. ווער ס׳האָט געגעבן די עצה האָב איך זיך נישט געקאָנט דערוויסן. אין דער ביטע איז געווען אונטערגעשטראָכן אַז אַלע אַרבעטן מיט נאַקעטע פיס כמעט, ווײַל מע גיט קיינעם נישט לויטן געזעץ קיין שטיוול. מײַן פאַרדאַכט איז געווען אַז דער דאָקטער האָט געהייסן שיקן אַזאַ מין ביטע. ס׳האָט אויך באַדאַרפט געזאָרגט ווערן אַז דער נאַ־

טשאַלניק זאָגנאָ זאָל פון דעם נישט וויסן, ווײַל ער האָט געהאַט אַ רעכט, אַז פריִער זאָל די ביטע קומען צו אים, און ער זאָל זי איבערשיקן ווײַטער צו דער העכערער מאַכט, אָבער אַזוי ווי מ׳האָט געהאַלטן אַז ער איז דער פֿאַר־אַנטוואָרטלעכער דערפֿאַר, וואָס מע גיט נישט קיין שטיוול, האָט מען גע־זוכט אים אויסצומײַדן און שיקן די ביטע איבער זײַן קאָפּ. די שרײַבערס פון דער ביטע האָבן אָבער פֿאַרגעסן צו טראַכטן אַז ער וועט זיך עס גיך דערוויסן...

מיט עטלעכע טעג שפּעטער איז באַוווּסט געוואָרן אַז ס׳איז געקומען ספּעציעל פון מאָסקווע אַן ענקאַוועדע־דעלעגאַט און האָט מיט זיך מיטגע־בראַכט אַלע אורטיילן פֿאַר די פּליטים־לאַגעריסטן. דער נאַטשאַלניק האָט געמאָלדן אַז מע וועט רופן יעדן איינעם באַזונדער כדי אים באַקאַנט צו מאַכן זײַן „סראָק״, זײַן אורטייל. ס׳האָט לאַנג נישט געדויערט ווי מ׳האָט מיך גערופן אין דער קאַנצעלאַריע פונעם ספּעציעל־געקומענעם דעלעגאַט מיטן פּעקל אורטיילן...

אַז איך בין אַרײַן האָט ער נישט מער ווי מיך געפרעגט צי מײַן נאָמען איז דוד פישעלעוויטש לעדערמאַן? איך האָב אים געענטפערט אַז יאָ. ער האָט מיר גאַנץ טרוקן אַרויסגעלייענט פון אַ פּאַפּיר אַז איך האָב באַקומען אַ סראָק פון פינף יאָר צוואַנגלאַגער. איך האָב אים געפרעגט ווען איז עס געווען דער פּראָצעס? פֿאַר וואָס האָט מען מיך נישט גערופן זיך צו קאָנען פֿאַרטיידיקן? ער האָט מיר געענטפערט אַז אַזעלכע פֿאַרברעכער, ווי איך, ווערן באַטיטלט לויטן פֿאַראַגראַף „סאָע״, דאָס הייסט, סאָציאַלנאָ־אָפּאַסני עלעמענט״. אַזעלכע ווי איך רופט מען נישט, נאָר מע פֿאַראורטיילט זיי אין זייער אָפּוועזנהייט, און אַז מאָסקווע פֿאַראורטיילט, ווייסט זי זיכער גוט וואָס זי טוט. מער דאַרף איך נישט וויסן. פֿאַראורטיילט און געגאַנגען.

בין איך, הייסט עס, אַזאַ געפערלעכער סאָציאַלער עלעמענט. פֿאַר וואָס? מיט וואָס? דערפֿאַר ווײַל איך בין אַנטלאָפן פון די נאַצי־מערדער און אַרײַנ־געפאַלן דאָ אַהער, צו די רויטע צדיקים?

קאַפּיטל 48

איך ווער אויס „דניעוואַלנע“

לויטן אורטייל ציילט זיך די צײַט פון ערשטן טאָג אָן זינט מ׳איז געוואָרן אַרעסטירט. צום ערשטן יאָר פעלט מיר דעריבער שוין נישט קיין סך. איצט דאַרף מען נאָך זען צו קאָנען איבערהאַלטן די איבעריקע פיר יאָרעלעך אין די לאַגערן. אין לאַגער איז געקומען אַ קאָמיסיע. אַלע האָבן געמיינט אַז דאָס איז די אויספאָרש־קאָמיסיע וואָס די לאַגעריסטן האָבן געבעטן וועגן די שטיוול. אַז די קאָמיסיע איז אַרײַן אין באַראַק האָבן זיי דאָס ערשטע געהייסן, אַלע זאָלן זיך אויסטון און בלײַבן זיצן אין די העמדער. וואָס זאָגן זיי? זיצן אין די העמדער? מיר האָבן דאָך געשריבן וועגן שטיוול אויף די פיס, און זיי מיינען גאָר אַז מיר קלאָגן זיך אויף די צעריסענע העמדער? אויף די צוואָנציק לאַטעס וואָס ליגן אויף יעדן העמד? אונדזערע לאַגעריסטן האָבן נעבעך געמאַכט אַ גרויסן טעות. די קאָמיסיע איז נישט געקומען וועגן שטיוול, נאָר וועגן דעם אַלט־באַקאַנטן רוסישן פּראָבלעם...

בײַם צאַרישן פּאָניע און בײַם הײַנטיקן סטאַלינישן פּאָניע איז אַלץ דער זעלבער פּראָבלעם פון די קריכנדיקע בײַסערלעך. אין לאַגער, צי אויף דער מכלומרשטער פרײַ — אומעטום זעסטו עס אָן גאַנץ דײַטלעך, אַ סימן, אַז מע קראַצט זיך. מע קאָן עס נישט באַהאַלטן. אין לאַגער האָט זיך עס גאָר צעפלאַקערט. דאָס האָט זיך גענומען נאָך פון די טורמעס, ווען מ׳איז געווען צונויפגעפּרעסט אין איין קאַמער אַ גאָר גרויסע צאָל אַרעסטאַנטן. דאָס זעלבע איז אויך דאָ אין באַראַק, כאָטש מ׳האָט געהאַלטן אין איין וואַשן די פּאָדלאָגעס און קלאַפּן די שעניקעס מיטן פאַרפוילטן שטרוי. איך בין זיכער אַז אין די חשבונות פונעם לאַגער, וואָס מ׳האָט געשיקט קיין מאָסקווע, האָט זיכער פיגורירט אַז מע בײַט אָפט דאָס שטרוי אין די שעניקעס. די לאַגעריסטן האָבן אָבער געוווּסט אַז דאָס איז אַ גרויסער ליגן.

אַלע זענען געזעסן אין די העמדער און געוואַרט. איך, ווי דער דניעוואַלנע, בין געשטאַנען בײַ דער טיר אויפצונעמען די קאָמיסיע. זיי זענען אַרײַן אויף זייער „לויזן־קאָנטראָל“ און האָבן גענומען זוכן. אונדזערע

חכמים האָבן שוין פון לאַנג געוווּסט דערפון: אַז מע זוכט — געפינט מען — און די קאָמיסיע־לײַט האָבן טאַקע געפונען.

דער הויפּט פון דער קאָמיסיע האָט זיך צעשריגן:

— שוין זאָלט איר לויפן אין באָד אַרײַן! נישט גיין, נאָר לויפן!

ער האָט גלײַך געהאַלטן אַ גאַנצע לעקציע פאַר אונדזער דאָקטער וועגן דעם אַז אומפּלייט ברענגען טיפוס און אָנגעהויבן שרײַען צו אים:

— ווילט איר, הייסט עס, ברענגען אַהער דעם טיפוס?! אָט די גע־פערלעכע קראַנקייט וואָס קאָן זיך דאָ פאַרשפּרייטן אין אַלע לאַגערן! אײין לאַגער מיטן צווייטן האָט דאָך קאָנטאַקט! די בריגאַדעס טרעפן זיך דאָך בײַ דער אַרבעט! שוין אין באָד אַרײַן! — איז געפאַלן אַ קאָמאַנדע — זיך אויסצושטעלן צו פינף אין אַ ריי! אַלע, אָן שום אונטערשיד! דו, דניעוואַלנע, אויך, און מאַרש אין באָד אַרײַן!

דער גאַנג איז געווען אין אַ שנעלן טעמפּ, גיך, פּונקט ווי מע גייט אויפן פראָנט אין אַטאַקע אויפן שונא. דאָ גייט מען דאָך טאַקע מילחמה־האַלטן מיט אַ שונא...

דער נאַטשאַלניק פון באָד, אַן אַלטער אַרעסטאַנט, וואָס זיצט שוין מער ווי פופצן יאָר, און האָט נאָך צו זיצן נאָך אַ מאָל אַזוי פיל, האָט זיך פשוט דערשראָקן פאַרן אָנקום פון אַזאַ גרויסע צאָל לאַגעריסטן, און וואָס מאַרשירן נאָך דערצו עפּעס אַזוי גיך, פּונקט ווי זיי וואָלטן באַדאַרפט מאַכן אַן אומ־געריכטן אָנפאַל אויף דער באָד.

— פון וועלכער אָפּטיילונג? — האָט ער געפרעגט. אַז ער האָט דער־הערט פון דער זיבעטער, האָט ער זיך צעשריגן:

— גייט אײַך צוריק! איר זענט משוגע געוואָרן? איר זענט דאָך דאָ געווען ערשט מיט צען וואָכן צוריק! שוין ווידער זיך אויסבאָדן? וואָס באָדט איר זיך אַזוי פיל, אין אייער טאַטנס טאַטן אַרײַן!... עס געפעלט אײַך, זעט אויס, זיך צו פליעסקען אין וואַסער, האַ?! אָבער איר וועט זיך הײַנט נישט באָדן בײַ מיר! לאָ, נישט אײַער אָטשערעד איז הײַנט, הײַדאַ! געגאַנגען צוריק!

דאָ איז שוין אַרויסגעטראָטן דער נאַריאַדטשיק אונדזערער, וואָס איז פון אָפּשטאַם געווען אַ טאַטאַר, און געמאַכט דעם אַלטן „באַנשטשיק", דעם בעדער, הייסט עס, דעם אמתן טאָטעריש־סאָוויעטיש־רוסישן מי שברך. ער

האָט אים געמאַכט אַזעלכע פּאַמאַטיערעס, אַז די הונדערטער לאַגערניקעס האָבן אַזש געקווּטשעט פון געלעכטער. דער נאַריאַדטשיק האָט געשריגן צו אים, צי ער וויל אַז צוליב אים זאָל אויסברעכן דער טיפוס ?! ער האָט אים דער־ ציילט וועגן דער „אַנטלויזונג־קאָמיסיע" און אַז די לאַגע פון דער גאַנצער לאַגער־נאַטשאַלסטווע איז אַ באַדראָעטע, ווייל טאָמער קומט דער טיפוס וועט זיין פאַר אַלעמען שלעכט:

— אויך פאַר דיר, — האָט ער צוגעגעבן, — נאַטשאַלניק פון באָד, אויך דו וועסט פליען פון דיין פּאָסטן. וועסט דאַרפן ווייטער גיין האַקן שטיינער זומער אונטער דער ברענענדיקער זון און ווינטער אין דער גרוי־ סער קעלט.

דער אַלטער בעדער האָט געגעבן אַ געשריי:

— גיכער, רעביאַטאַ, יאַטן, אין באָד אַריין! איך וועל הייסן פאַר אייך צוגרייטן נייע העמדער...

— מיט אַלטע לאַטעס — האָב איך אים אַרויסגעהאָלפן.

פון דער גאַנצער חברה אַרעסטאַנטן האָט זיך דערהערט אַ הילכיק געלעכטער...

עס איז אַוועק אַ שטיקל צייט און ס׳איז קלאָר געוואָרן, אַז די קאָ־ מיסיע, וואָס איז פּלוצלינג געקומען אַ קוק געבן אויף דער סאַניטאַרער אָרדענונג, איז געוואָרן צוגעגרייט פונעם קאָמוניסטישן המן, דעם נאַטשאַל־ ניק זאָנאַ. דאָס האָט שוין געהייסן אַ צוגרייט קעגן דער נאַטשאַלסטווע פון דער זיבעטער אָפּטיילונג פון אונדזער לאַגער דערפאַר ווייל ס׳איז געוואָרן אַוועקגעשיקט די ביטע וועגן די שטיוול.

גלייך נאָך דער געשיכטע האָט ער זיך באַלד באַוויזן — המן אַליין, און אָנגעהויבן זוכן פאַרשידענע חטאים. ער האָט שוין אָנגעהויבן אַ ביסעלע צופּיל זיך באַווייזן ביי אונדז... אַז ער האָט מיך געטראָפן ביי מיין אַרבעט האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און געגעבן אַ פרעג:

— היי, דו, דניעוואַלנע, ביסט נאָך דאָ? מ׳האָט דיך נאָך נישט פאַרביטן אויף אַ צווייטן?

איך האָב אים גאָרנישט געענטפערט ווייל איך האָב דאָך שוין גוט געוווּסט מיט וועמען איך האָב דאָ צו טון.

נאָך דעם ווי ס׳איז שוין געוואָרן באַוווּסט, אַז מ׳האָט דעם נאַטשאַלניק ביכלאָוויטש אויסגעצייכנט, און אים געשענקט פון זײַן סראָק גאַנצע אַכצן חדשים, איז דער אַנטיסעמיטיזם פונעם המן געוואָרן נאָך שאַרפער. פאַר־ביסענער. ער האָט געהאַלטן אין איין זידלען די יידישע שקלאַפן־אַרבע־טער, ביז ער האָט איין מאָל צו מיר געגעבן אַ זאָג:

— דו ביסט נאָך אַלץ דניעוואַלנע דערפאַר וואָס דער זשידאָווסקי נאַ־טשאַלניק ביכלאָוויטש האַלט פאַר דיר און זעט שוין מע זאָל דיך מיט קיין צווייטן נישט פאַרבײַטן. אָבער פריי זיך נישט, דײַן ביכלאָוויטש וועט שוין דאָ לאַנג נישט זײַן.

איך האָב עס גלײַך דערציילט ביכלאָוויטשן. ער האָט מיר געזאָגט אַז דער קאָמוניסטישער המן האָט לײדער אַ גרויסן כוח. ס׳קאָן מעגלעך זײַן, אַז ער, ביכלאָוויטש, זאָל פון דאַנען איבערגעטראָגן ווערן אין אַ צווייטן לאַגער מיט כמעט בלויז רוסישע שקלאַפן־אַרבעטער. ער, דער נײַער המן, וועט שוין אויפווײַזן דאָרט ווו מע דאַרף, אַז ביכלאָוויטש טויג נישט דאָ אין דעם לאַגער, ווײַל דאָ זענען פאַראַן אַזוי פיל יידן, און ס׳איז אומגעזונט אַז דאָ זאָל זײַן אַ יידישער נאַטשאַלניק... סוף־כל־סוף איז דאָך דער נאַ־טשאַלניק זאַנאַ, דער המן, אַן ענקאַוועדיסט, און ביכלאָוויטש איז נישט מער ווי אַן אַרעסטאַנט־נאַטשאַלניק וואָס מע קאָן מיט אים טון וואָס מע וויל. ער ווייסט שוין גוט ווי אַזוי איינער גראָבט קעגן דעם צווייטן. ער איז דאָך אַליין אַ קרבן פון אַזאַ מין גראָבן קעגן אים.

עס איז געקומען דער טאָג ווען מאָסקווע האָט זיך צוגעהערט צו דער בקשה וועגן די שטיוול... קיין קאָמיסיע איז נישט געקומען, נאָר איין פּערזאָן, דער געהילף־פּראָקוראָר פון לענינגראַדער געגנט־ קאָמיטעט. ער האָט זיך אײַנגעאָרדנט אין דער קאַנצעלאַריע פון שנײַדערמאַגנען און גערופן צו זיך איינציקווײַז די וואָס האָבן אונטערגעשריבן די אַנקעטע.

ער האָט אויך מיך גערופן, ווי דעם דניעוואַלנע, איך זאָל עדות זאָגן צי די אַרבעטער גייען טאָקע צו דער אַרבעט אין אַזאַ צושטאַנד. איך האָב פאַר זיך געזען אַ נידעריק געפּאַקט מענטשל מיט שטעכיקע אייגעלעך און גרויסע שפּיציקע לאַנגע ברעמען; אַז ער האָט עפּעס געפרעגט, האָט ער שאַרף אָנגעקוקט דעם וואָס האָט אים באַדאַרפט געבן אַן ענטפער. ווי זײַן סעקרעטאַר איז לעבן אים געזעסן עפּעס אַ פאַרשוין, ווען איך האָב דאָ

צום ערשטן מאָל געזען. געהייסן האָט עס אַז דער סעקרעטאַר, וואָס זיצט מיט אים און פאַרשרײַבט אַלע דערקלערונגען פון די גערופענע, איז איינער וואָס אַרבעט דאָ אין לאַגער. דאָס איז אָבער נישט געווען ריכטיק...

איך האָב דערקלערט דעם גאַנצן אמת, אַז די אַרעסטאַנטן זענען שלעכט אָנגעטון, פאַרקילן זיך, ליגן קראַנק... ס׳זענען גערופן געוואָרן אַ סך פון די אונטערגעשריבענע, און דער פּראָקוראָר איז אַוועק. מיט אַכט טעג שפּעטער איז געקומען דער נאַטשאַלניק זאָנאַ מיט נאָך עטלעכע מונדירטע ענקאַווּעדיסטן. ס׳האָט געהייסן אַז עס וועט נאָך אַ מאָל איבערגעלייענט ווערן דער פּראָטאָקאָל פון די דערקלערונגען וואָס מ׳האָט געמאַכט פאַרן געהילף־פּראָקוראָר...

באַלד האָט זיך גענומען שיטן אַ האָגל מיט זידלערײַען און סטראַשונקעס אויף די ייִדישע שקלאַפן־אַרבעטער פאַר זייער מעלדן דער העכסטער מאַכט וועגן דעם אַז מע שיקט כמעט באָרוועסע צו דער אַרבעט. עטלעכע האָבן אויך אַרײַנגעכאַפּט גוטע פּעטש און קלעפּ, פון דער כלומרשטער קאָמיסיע, מיט וועלכער ער אַליין, דער המן, איז געקומען. נאָך דעם אַלעמען איז באַוווּסט געוואָרן אַז דער נאַטשאַלניק ביכלאָוויטש וועט שוין לאַנג נישט זײַן בײַ אונדז. ער האָט עס אַליין געזאָגט אַז ער ווייסט שוין פון דעם. ער האָט נאָך צוגעגעבן, אַז לויט ווי ער האָט זיך שוין דערוווּסט, זאָל מען אים שיקן אין אַזאַ לאַגער וואָס איז אים שטאַרק נישט צום האַרצן. ער האָט שוין אַמאָל געהערט פון דעם לאַגער. ער געפינט זיך צווישן מאָסקווע און לענינגראַד. אים שיקט מען אַהין ווי אַ נאַריאַדטשיק, ווו ער וועט דאַרפן אויסטיילן די אַרבעט — אַ פּאָסטן וועלכן ער וואָלט זייער נישט געוואָלט, אָבער ער מוז זיך דאָך אונטערוואַרפן. ער האָט מיר געמאָלדן נאָך אַ זאַך, אַז אין דרײַ טעג אַרום ווער איך אויס דניעוואַלנע. די נײַעס האָט מיך גאַנץ וויניק געאַרט, ווײַל כ׳האָב ווי דער דניעוואַלנע געאַרבעט ווי אַ פערד, און נישט געגלייבט אַז איך זאָל דאַרפן נאָך שווערער אַרבעטן אין אַ בריגאַדע.

קאַפּיטל 49

אויף אַרבעט אין אַ בריגאַדע

איך בין צוגעטיילט געוואָרן צו דער 65סטער בריגאַדע. פּאַרטאָג האָבן מיר זיך אויסגעשטעלט אין די רייען אַרויסצוגיין פון לאַגער. דער וועג אַליין צו דער אַרבעט האָט מיד געמאַכט דעם געזונטסטן און שטאַרקסטן מענטש. אַרויסגייענדיק אין דרויסן האָט מען אָנגעהויבן צו טאָפּטשען אין טיפע שנייען. מיר זענען געגאַנגען אַן אויפהער מער ווי אַ שעה ביז מ׳איז צוגעקומען צום אָרט פון דער קאַטאָרגע. מ׳האָט געדאַרפט דורכגיין אַ וועלדל וווּ דער שניי איז געווען טיף ביז צו דער קני. מיר זענען צעשוויצטע געגאַנגען ווײַטער און צוגעקומען נאָענט צום אַרבעטפּלאַץ.

פאָרנט פאַר דער בודע איז געשטאַנען אַ געזונטער גוי און געטיילט יעדן איינעם אַ לאָפּאַטע און אַן אײַזערנעם לאָם מיט אַ שאַרפן שפּיץ. נאָך דעם ווי יעדער איינער האָט שוין געהאַט זײַן אַרבעט־אינסטרומענט האָבן מיר ווײַטער מאַרשירט.

בראָש פון אונדזער בריגאַדע האָט זיך געפונען אַ רוס מיטן נאָמען באָגדאַנאָוו. ער איז געווען אַן אַלטער לאַגערניק, פאַראורטיילט דורך דער קאָמוניסטישער יוסטיץ פאַר נישט וועלן זיך צופּאַסן צו ווערן אַ מסור קעגן זײַנע חברים עסערן. ער האָט לאַנגע יאָרן אָנגעהערט צו דער פּאַרטיי פון סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן. אַ סך געליטן קעמפנדיק קעגן צאַריזם. ער איז לאַנגע יאָרן געווען פאַרשיקט אויף קאַטאָרגע פאַר זײַן אָנטיילנעמען אין די קאַמפן קעגן דער צאַרישער מאַכט. ער איז געווען זיכער, אַז איצט, נאָך דעם ווי די רעוואָלוציע האָט טריומפירט, וועט ער זיכער ווי אַן אַלטער רעוואָלוציאָנער באַלוינט ווערן ווי ס׳קומט אים, איבערהויפּט, אַז זײַן פּאַרטיי, די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן זענען אָנהייב געווען אין אַ קאָאַליציע מיט די באָלשעוויקעס, אָבער גאָר אין קורצן האָט זיין פּאַרטיי זיך אַרומגעזען מיט וועמען זי האָט זיך פאַרבונדן און זיך צוריקגעצויגן. איז טאַקע געוואָרן אַז אָך און וויי צו די אַלע אַלטע אמתע סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן. ווי אַ באַלוינונג פאַר זײַנע קעמפערישע יאָרן און צאַרישער קאַטאָרגע איז

ער דורך דער ראַטנמאַכט פאַרשיקט געוואָרן צו אַרבעטן זײַן גאַנץ לעבן אין אַ סאָוויעטישן צוואַנגלאַגער.

מײַן בריגאַדיר באַגדאַנאָוו איז געווען אַ צוגעלאָזענער און פרײַנד־לעכער אַזוי ווי ס׳רוב אַלטע רעוואָלוציאָנערן.

מיר זענען צוגעקומען צו דעם אַרבעטפּלאַץ, וואָס האָט זיך געפונען אין אַ בערגיקער געגנט. אונדזער אַרבעט האָט געדאַרפט באַשטיין אין באַ־זײַטיקן די בערג, וואָס זענען פריִער אויפגעריסן געוואָרן מיט דינאַמיט. אַרום די בערג האָבן געאַרבעט אַ סך בריגאַדעס. זייער צאָל איז באַשטאַנען פון עטלעכע הונדערט מענטשן. צום ערשט האָט מען מיט די שפּיציקע לאָמען געמאַכט לעכער אין די בערג, שפּעטער אַרײַנגעלייגט דינאַמיט. ס׳איז געפאַלן אַ קאָמאַנדע, מע זאָל זיך דערווײַטערן פונעם אַרבעטפּלאַץ אויף אַ האַלבן קילאָמעטער. מ׳האָט געדאַרפט גיך אַנטלויפן פון אָרט. אַז מיר זענען שוין געווען ווײַט פון די בערג האָבן מיר דערהערט אַן אויפרײַס. איצט האָט זיך באַדאַרפט אָנהייבן די אמתע אַרבעט צו באַזײַטיקן די קופּעס זאַמד און ערד ווו דאָס בערגל איז געווען. די אַרבעט פון אויפרײַסן די בערג איז אָנגעפירט געוואָרן פון אינזשעניערן, נישט קיין אַרעסטאַנטן.

נאָכן אויפרײַס זענען מיר צוריקגעקומען צום אַרבעטפּלאַץ. מיר האָבן דערזען אַז די אינזשעניערן זענען שוין נישט דאָ. זיי זענען אַוועק. אונדזערע בריגאַדירן האָבן אָנגעפירט מיט דער אַרבעט אונטער דער אויפזיכט פון באַוואָפנטע וועכטער, וואָס האָבן אונדז געפירט צו דער אַרבעט און צוריק־געפירט אין לאַגער אַרײַן. באַלד נאָכן אויפ־רײַס, קאַמיאָנען, און מיר, די שקלאַפן, האָבן באַדאַרפט אויפגרוזעווען דאָס זאַמד און די ערד אויף די קאַמיאָנען. די אַרבעט איז געווען אַזוי אײַנגע־טיילט אַז אַ געוויסע צאָל שקלאַפן־אַרבעטער האָבן באַדאַרפט דורך אַ געוויסער צײַט אַרויפשיטן דאָס זאַמד און די ערד אויף די קאַמיאָנען. די אַרבעט איז געווען אַן אומגעהייער־שווערע.

איך בין געווען אויף גרויסע צרות. בײַם אַרויפשיטן דאָס זאַמד אויפן לאַסטאויטאָ האָט מען זיך באַדאַרפט האַלטן אין איין אַראָפּבייגן. איך בין גלײַך אָפּגעשטאַנען פון דער אַרבעט. צווישן די וועכטער האָט זיך געפונען איינער וואָס האָט קאָנטראָלירט און געשריגן צו מיר:

— היי, סאַבאָטאַזשניק, וואָס שטייסטו אָפּ פון דער אַרבעט?! בריגאַ־

דיר! פאַרשרײַב זײַן נאָמען! גיב אים אַ מכה נישט קיין קילאָ ברויט! קיין 500 גראַם האָט ער אויך נישט די ווערט פאַר אַזאַ אַרבעט.

באַגדאַנאָוו, אַליין אַ געליטענער, האָט מיך פאַרענטפערט אַז איך בין ערשט נאָך אַ קראַנקייט, דערפאַר בין איך נישט אומשטאַנד צו מאַכן די נאָרמע.

— ווען אַרט עס זײַן שוואַכקייט — האָט דער אויפזעער געשריגן — ער מוז מאַכן די נאָרמע!

דאָ האָט שוין באַגדאַנאָוו געגעבן אַ כאַפּ מײַן לאָפּאַטע און געענטפערט אַז ער וועט מאַכן פאַר מיר די נאָרמע! אַזוי איז געווען טאָג־אײַן טאָג־אויס.

דער באָדן האָט געמוזט אויסגעגלײַכט ווערן, ווײַל מ׳האָט דאָ באַדאַרפט לייגן אַ באַן־ליניע. בײַם אָפּרייניקן די בערג האָבן מיט יעדן טאָג אָנגעהויבן צו אַרבעטן וואָס מער לאַגערניקעס. ס׳איז דערגאַנגען צו אַ סך טויזנטער. אַזייגער צוועלף איז די אַרבעט איבערגעריסן געוואָרן אויף אַ האַלבער שעה.

איך בין געקומען פון דער אַרבעט אַ טויט־מידער און נישט געווען אומשטאַנד צו גיין צו דער קיך נעמען מײַן ביסל שיטערער זופּ...

בײַ דער אַרבעט האָב איך זיך מיט דער צײַט באַקאַנט מיט אַן אַרעסטאַנט פון אַ צווייטן לאַגער, אַ רוס, אַן אינטעליגענטער מענטש מיט אַ סך וויסן. אַן אַלטער סאָציאַל־דעמאָקראַט, אַ מענשעוויק. שומסקי האָט ער געהייסן. ער האָט מיר דערציילט, אַז באַגדאַנאָוו, מיט וועלכן ער איז שוין געווען אין אַ סך לאַגערן, האָט אים איבערגעגעבן וועגן מיר און מײַנע מאַטערנישן בײַ דער שווערער אַרבעט. און צוגעגעבן אַז אַזאַ איינעם ווי איך האָט מען נישט געטאָרט שיקן צו אַזאַ שווערער אַרבעט. ער האָט מיך אָבער באַרויקט, אַז ער וועט מיר שוין מיט עפּעס העלפן בײַ דער אַרבעט, איך זאָל נישט האָבן קיין מורא. ער מיט באַגדאַנאָוון וועלן מיך נישט לאָזן פאַלן. ער איז מיט מיר געוואָרן שטאַרק באַפרײַנדט. יעדן טאָג אין דער האַלבער שעה פון אָפּרו פלעגט ער מיר אַ סך דערציילן פון זײַן לעבן. ער געפינט זיך שוין אין די לאַגערן מער ווי אַכצן יאָר. ס׳פעלט אים שוין נישט קיין סך צו ענדיקן זײַן טערמין. נישט מער ווי זיבן יאָר. ער האָט באַקומען פינפאונצוואַנציק יאָר. פאַר וואָס? וואָס הייסט פאַר וואָס? פאַר זײַן לאַנגיאָריקער רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט. וואָס קוק איך אַזוי אויף אים? אַהאַ,

ער ווייסט שוין. מײַן קאָפּ קאָן, אַפּנים, נישט פאַרשטיין ווי ס'קאָן אַ רעגי־רונג, אַ יוסטיץ, וואָס רעקלאַמירט זיך פאַר דער וועלט ווי אַ סאָציאַליסטי־שער שטאַט; אַ קאָמוניסטישע און הומאַניסטישע אָרדענונג, נעמען אַן אַלטן אמתן רעוואָלוציאָנער און אים פאַרשיקן אויף קאַטאָרגע... דו זעסט דאָך אָבער אַז אַזוי איז עס. זיי, די באָלשעוויקעס, האָבן געוואָלט אַז ווען זיי האָבן פאַרכאַפּט די מאַכט, זאָלן אַלע אמתע רעוואָלוציאָנערן ווערן שטום, זיך צופּאַסן צו דעם וואָס זיי ווילן, נישט וואַגן אַרויסצורעדן קיין קריטיש וואָרט. ווער ס'האָט זיך נישט געוואָלט צופּאַסן צו זײַן אַ „דיערזשי מאָרדע“, האַלטן פאַרמאַכט דאָס מויל און מסכים זײַן אויף אַלץ, דעם האָבן זיי שוין גע־מאַכט שטום, אַרײַנגעוואָרפן אים אין טורמע און שפּעטער אין די לאַגערן. אַזוי האָבן זיי געהאַנדלט קעגן הונדערטער טויזנטער אמתע רעוואָלוציאָ־נערן. אַ חוץ דעם אומגעבראַכט מיליאָנען.

ער האָט מיר טאַקע אויך דערציילט וועגן די צוגרייטונגען צו גלאָרי־פיצירן דעם גרעסטן פּאָגראָמטשיק פון אַלע צײַטן — באָגדאַן כמעלניצקי. ער, שומסקי, ווייסט דאָס אויף זיכער. ער לייענט די „פּראַוודאַ“ און די „איזוועסטיאַ“ יעדן זונטיק אין רויטן ווינקל פון זײַן לאַגער. מע גיט אים אויך איבער אַ סך נײַעסן וואָס ס'פאַרלויפן זיך אויסערן לאַגער... אָט למשל ווייסט ער אַז בײַ אונדז אין לאַגער געפינט זיך אַ גוטבאַקאַנטער טראָצקיסט. דער פריזירער פון לאַגער. ער איז אַ מאָסקווער. ער האָט באַקומען 25 יאָר. נאָך גוט אָפּגעשניטן. די גרעסטע צאָל טראָצקיסטן זענען געוואָרן דערשאָסן. דאָס איז פאָרגעקומען אויפן ספּעציעלן פאַרלאַנג פון סטאַלינען. מער פון אַלעמען האַסט סטאַלין די טראָצקיסטן. אײַ, פאַר וואָס האָט ער טראָצקין נישט ליקווידירט נאָר אַרויסגעשיקט פון לאַנד? ווײַל דעמאָלט האָט נאָך סטאַלין אַ ביסל מורא געהאַט פאַרן פאָלק, און אפשר אויך פאַר די איבעריקע מיטגלידער פון פּאָליט־ביוראָ. שפּעטער אָבער, אַז ער האָט זיך איבערגעצײַגט אַז די שקלאַפן שווײַגן ווען מע טרעט זיי מיט די פיס, האָט ער זיך צעלאָזן און זיי אומגעבראַכט מאַסנווײַז.

ביזן הײַנטיקן טאָג — דערציילט מיר שומסקי — האַלט מען אים אין פאַרלייגן, ער זאָל צושטיין צו די באָלשעוויקעס. מע וועט אים גלײַך באַ־פרײַען. ער וועט נאָך פאַרנעמען אַ גרויסן אַמט אויך. אָבער ער וועט דאָס שוין קיין מאָל נישט טון. ער וועט פון זײַן ערלעכן וועג נישט אַראָפּגיין. ער

איז געווען אַן ערלעכער סאָציאַליסט, ער איז עס אויך היינט, און וועט שוין אַזוי שטאַרבן. וואָס שייך אַנטיסעמיטיזם איז ער, לויט זיין פעסטער מיינונג, נישט שוואַכער איצט ווי ער איז געווען פריער אין דער צייט פון ניקאָלאַי דעם צווייטן. ער איז אַ רוס, און פאַר אים היט מען זיך נישט. מע רעדט אַזעלכע רייד פונקט ווי אין די צייטן פון די צאַרישע פאָגראָמען.

— הער זשע — זאָגט ער צו מיר — וואָס איך, שומסקי, וועל דיר זאָגן, עס קומען אויך איצט פאַר פאָגראָמען, אָבער אין דער שטיל, אָן שום ליאַרעם. זיי, די ענקאַווועדיסטן, מאַכן עס אין דער שטיל, זיי זענען נאָך בעסערע ספּעציאַליסטן ווי די אַלטע פאָגראָמטשיקעס, זיי גרייטן זיך צו אַ גרויסן וועלטפּאָגראָם. אויף דעם דאַרף שוין די גרויסע וועלט האַלטן אַן אויג... איר, פּוילישע יידן, האָט נאָך אפשר דעם שאַנס זיך צו קאָנען אַ מאָל באַפרייען פון דאַנען. מיר אָבער, די סאָוויעטישע בירגער, זענען פאַר זיך אַ גרויסע פינצטערניש. מיר ווייסן נישט ווען די אויסלייזונג וועט קומען.

עטלעכע חדשים בין איך אַזוי געגאַנגען צו דער שקלאַפן־אַרבעט. דורך דער צייט אָבער בין איך אַ פּאָר מאָל געבליבן אין מיין באַראַק ליגן אויף דער קויקע. כ׳האָב מער נישט געקאָנט אויפשטיין. דער דאָקטער האָט מיך געמוזט לאָזן ליגן עטלעכע טעג. כ׳האָב געהאַט הויכן פיבער. דורך דער צייט איז דער נאַטשאַלניק ביכלאָוויטש אַוועק און ס׳איז געקומען אַ נייער. אויך אַ נייער דאָקטער איז געקומען, אַ ייד, מיטן נאָמען שטיין. כ׳האָב מיר געטראַכט אַז מיר האָבן כאָטש אַ ביסל מזל. איז אַוועק דער גוטער יידישער נאַטשאַלניק, איז געקומען אַ יידישער דאָקטער, וואָס וועט האָבן, גלייב איך, אַ ביסל איינזען מיט די אומגליקלעכע אַרעסטאַנטן.

אייניקע לאַגערניקעס האָבן באַקומען פּעקלעך אין וועלכע ס׳איז געווען אַ ביסל עסנוואַרג. דאָס איז דאָס וויכטיקסטע. עסנוואַרג איז געוואָרן דער־לויבט צו באַקומען אין לאַגער. דאָס איז פאַר דער לאַגער־נאַטשאַלסטווע געווען וויכטיק ווייל זיי אַליין האָבן צו אַזאַ פּעקל גאָרנישט דערלייגט...

איך, וואָס האָב געהאַט אַזוי פיל חברים אַקטיאָרן אין דרויסן, אויף דער פריי, האָב לײדער נישט באַקומען קיין איין פּעקל עסן. איך מוז מודה זיין אַז ס׳איז מיר פיינלעך שווער וועגן דעם צו שרייבן. איך שעם זיך פּשוט. אָבער דעם אמת מוז איך דערציילן, נישט קוקנדיק וואָס בעת מיין אַרעסט איז געבליבן מיינע אַ וואַליזע מיט זאַכן, געלט, אַ גוטער מאַנטל.

דאָס אַלץ האָט מען דאָך געקאָנט פאַרקויפן און צושיקן מיר כאָטש אַ פּעקל מיט געטריקנט ברויט כדי מיך צו דערהאַלטן ביים לעבן. איך האָב עס געבעטן. לײדער איז צו מיר גאָרנישט אָנגעקומען... אַפילו די לאַגער־נאַטשאַלסטווע האָט זיך שטאַרק געוווּנדערט דערויף.

אַז איך האָב זיך אומגעקערט צו דער אַרבעט האָט מיר דער אײדעלער סאָציאַליסט שומסקי דערציילט אַז ער ווייסט שוין וואָס דאָ גייט אָן אַזאַ מין פיבערדיקע אַרבעט. אין דער געגנט ווערט געבויט אַן אונטערערדישע שטאָט. וועגן דעם זענען שוין לאַנג אַרומגעגאַנגען קלאַנגען אין לאַגער. איצט אָבער, אַז שומסקי זאָגט עס, בין איך שוין זיכער אַז דאָס איז אמת. ער האָט מיר אויך דערציילט אַז עס זענען שוין דאָ אין ראַטנפאַרבאַנד אַ סך אַזעלכע אונטערערדישע שטעט, און אַלע זענען זיי געבויט געוואָרן דורך די סאַמע ביליקסטע אַרבעטהענט — דורך די שקלאַפן־אַרבעטער פון די לאַגערן.

קאַפּיטל 50

אין לאַגער - שפּיטאָל

גייענדיק צו דער אַרבעט די לעצטע צייט, מײַ 1941, שוין מיט אַ צווייטער בריגאַדע, וואָס האָט געהאַט די אויפגאַבע צו שלעפּן שטיינער און האַנטוועגעלעך און שפּעטער זיי צעהאַקן אויף קליינע שטיינדעלעך, האָב איך זיך ווײַטער געטראָפן מיט די צוויי רוסן, באַגדאַנאָוו און שומסקי. זיי האָבן געוואָלט וויסן וועגן דעם לעבן אין פּוילן ביז צו דער מילחמה און בכלל פון אונדזערע לענדער. ווען זיי האָבן זיך פון מיר דערוווּסט, אַז ביז געציילטע טעג פאַרן קריג האָב איך זיך געפונען אין די פאַראייניקטע שטאַטן, איז זייער נייגעריקייט גוואַלדיק געשטיגן. זיי האָבן געטענהט: מיר דאַ אין ראַטנפאַרבאַנד ווערן דאָך געשפּײַזט גייסטיק נאָר פון דער „פּראַוודאַ" און „איזוועסטיאַ" און זייער גלײַכן... און זיי שרײַבן דאָך אַלדאָס בייז וועגן אַמעריקע און די אַנדערע מערב־לענדער...

איך האָב זיי דערציילט וועגן דעם לעבן פון די אַרבעטער אין די פאַראייניקטע שטאַטן, ווי זיי לעבן זיך אויס אינעם גרויסן דעמאָקראַטישן לאַנד,

אין אמתער פרײַהייט; יעדער פאַרמאָגט זײַן אייגענע הייזקע; פּאָרט צו דער אַרבעט אין אַן אייגענעם אויטאָ. זיי האָבן אויפגעשטעלט מויל און אויערן. זיי זענען געווען ביז גאָר פאַרחידושט.

באָגדאַנאָוו און שומסקי האָבן אַליין שוין אויך עפּעס געוווּסט אַז מע דערציילט דאָ אין ראַטנלאַנד אַ סך ליגן וועגן אַמעריקע און די אַנדערע דעמאָקראַטישע לענדער. זיי האָבן אָבער נישט געוווּסט אַז דורך דער צײַט פון זייער לאַנגן פאַרשקלאַפטן לעבן אין די סאָוויעטישע צוואַנגלאַגערן איז דאָס לעבן פון די אַרבעטער אין די מערב־לענדער דערגאַנגען וואָס אַמאָל צו אַ העכערן ניוואָ.

איך האָב זיך פון זיי אויך אַ סך דערוווּסט. זיי האָבן מיר געזאָגט אַז די לעצטע חדשים באַנוצט מען אַ סך לאַגער־אַרבעטער צו פאַרגרוזעווען אין וואַגאָנען לעבנס־מיטל, חזירים, בהמות, וואָס ווערן אַוועקגעשיקט אין היטלער־דײַטשלאַנד; מע העלפט דעם שותף היטלער אין זײַן קאַמף קעגן דער דעמאָקראַטיע.

די שווערע אַרבעט האָט וואָס אַמאָל אָנגעהויבן מער ווירקן אויף מײַן געזונט. יעדע וואָך האָב איך געמוזט אויף אַ טאָג־צוויי בלײַבן ליגן אויף מײַן קויקע אין באַראַק. איך האָב נישט געקאָנט אויפשטיין, דער דאָקטער האָט מיר געהייסן ליגן.

אין איינעם אַזאַ טאָג האָב איך פלוצלינג באַקומען אַ גאַסט אין באַראַק אַרײַן. דער נאַטשאַלניק פון דער פּאָסט. ער האָט זיך שוין געקליבן לאַנג צו מיר צו קומען — האָט ער מיר געזאָגט — ער איז געווען אויף דער פאָרשטעלונג אין לאַגער, ער פאַרשטייט אויך דײַטש, האָט ער כמעט אַלצדינג גוט פאַרשטאַנען, און ס׳איז אים שטאַרק געפעלן געוואָרן. ער האָט זיך צופעליק דערוווּסט טאַקע פון דאָקטאָר אַלײַן, אַז איך ליג קראַנק אין באַראַק, איז ער ספּעציעל מיך הײַנט געקומען זען. ער וואָלט מיר זייער גוט געוואָלט מיט עפּעס העלפן.

איך האָב געשוויגן. פלוצלינג זאָגט ער צו מיר, אַז ער ווייסט, אַז איך באַקום נישט צוגעשיקט קיין שום פּעקלעך עסן, וואָס ס׳וואָלט מיר געקאָנט אַ ביסל פאַרלײַכטערן מײַן שווערע לאַגע. ער האָט אָבער אַ פּלאַן. אפשר קומען מײַנע בריוו נישט אָן, ווײַל, ווי באַוווּסט, איז דאָך אויף די בריוו פאַראַן אַ שטרענגע צענזור, וויל ער איך זאָל אָנשרײַבן צו עמעצן פון מײַנע פרײַנד

אַ בריוו, מעג זײַן אין ייִדיש, און דעם צוריק־אַדרעס זאָל איך אָנגעבן זײַן נאָמען, ווי ער הייסט, אַנדרעי אַנדרעיעוויטש, אָדער נאָך בעסער, ער אַליין, מיט זײַן האַנט וועט אָנשרײַבן דעם אַדרעס אויף אַהין און צוריק, און ער קאָן מיר פאַרזיכערן, אַז אָט דער בריוו וועט נישט אַדורכגיין קיין שום צענזור, איך קאָן שרײַבן וואָס נאָר איך וויל...

איך האָב אײַנגעשטימט, אָבער געטראַכט בײַ זיך, מע דאַרף זײַן פאַר־זיכטיק, ווײַל ערשטנס איז מײַן פאַרשטעלונג געווען מיט אַ לאַנגער צײַט צוריק, און ער איז פּלוצלינג איצט געקומען מיך גראַטולירן, צווייטנס, ווען איך האָב זיך געהאַט מיט אים צום ערשטן מאָל באַקענט, האָט ער מיר, דאַכט זיך, נישט געזאָגט, אַז זײַן נאָמען איז אַנדרעי אַנדרעיעוויטש, ער האָט מיר דעמאָלט געזאָגט גאָר אַז ער איז אַ שוועד, און די שוועדן האָבן נישט אַזעלכע רוסישע נעמען. עפּעס קלעפּט זיך נישט די גאַנצע מעשה. אפשר גייט ער דאָ מאַכן עפּעס אַ פּראָוואָקאַציע? אָבער אַ בריוו מעג איך שרײַבן. איך שרײַב דאָך נישט מער ווי עטלעכע ווערטער, וועגן מײַן געזונט און בעט מיר צו שרײַבן וואָס ס׳מאַכן מײַנע חברים אַקטיאָרן. אויב מעגלעך זאָל מען מיר צושיקן עפּעס עסנוואַרג, סוכאַרעס פון ברויט. דאָס ווערט נישט קאַליע און מע קאָן עס עסן מיט קיפּיאַטאָק.

אַזאַ בריוו האָב איך גלײַך צוגעגרייט און באַשלאָסן צו שיקן צום שוי־שפּילער יצחק קרעלמאַן. איך האָב אים געשריבן, אַז ער זאָל מיר שיקן אַ בריוו אויפן אַדרעס פון אַנדרעי אַנדרעיעוויטש.

איך האָב נישט געמאַכט קיין טעות. קרעלמאַן האָט, אַפּנים, אַלצדינג גוט פאַרשטאַנען און מיר גלײַך געענטפערט. דער בריוו איז דאָס מאָל געקו־מען זייער גיך. קיין גאַנצע פיר וואָכן האָט נישט געדויערט אַהין און צוריק.

דעם בריוו האָב איך דערהאַלטן בײַנאַכט, ווען אַלע זענען שוין געשלאָפן מידע פון דער שווערער אַרבעט. ער איז אַרײַן צו מיר, דער פּאָסט־נאַטשאַל־ניק און מיר אַרײַנגערוקט אין דער האַנט דעם בריוו, מיר געווונטשן אַ גוטע נאַכט און אַוועק. אינעם בריוו איז געווען געשריבן מיט אַ פאַרשטעלטער שריפט אַז איך האָב גלײַך פון דעם געזען אַז ס׳איז אמת דאָס וואָס באַגדאַ־נאָוו און שומסקי האָבן דערציילט...

ער האָט מיר געשריבן אַז ער האָט אַ נײַע פּיעסע מיט אַן אינטערע־סאַנטן שפּאַנענדיקן אינהאַלט. אַ מעשה וועגן צוויי שותפים. איין שותף גרייט

זיך צו פאַרכאַפּן דעם צווייטנס פאַרמעגן, זײַן היים, ווײַב און קינד, און וויפל מע זאָל נישט וואָרענען דעם צווייטן שותּף, אַז ס׳גרייט זיך אויף אים אַזאַ אומגליק וויל ער נישט גלייבן קיין שלעכטס אויף זײַן שותּף... ווײַטער, שרײַבט ער מיר, אַז זיי, די גאַנצע טרופּע אַקטיאָרן קלערן וואָס גיכער אַוועק־צופאָרן פון לעמבערג, אויף גאַסטשפּילן קײַן ראַוונע און פון דאָרטן — וואָס ווײַטער טיף אין רוסלאַנד... איבערהויפּט צוליב דער נײַער פּיעסע... זיי גלייבן אַז דאָס וועט זײַן דער שלאַגער פון דער לעצטער צײַט...

איבערלייענענדיק די ווערטער וועגן דער פּיעסע פון די צוויי שותּפים איז מיר שוין אַלץ געוואָרן קלאָר...

גלײַך אויף צומאָרגנס איז געקומען נאָך אַ נײַעס. שנײַדערמאַן האָט מיר געבראַכט אַ צײַטונג „די לעגינגראַדסקאַיאַ פּראַוודאַ״. דאָרט איז געווען אַן אַנאָנס, אַז ס׳שפּילן דאָרט אין אַ טעאַטער דזשיגאַן און שומאַכער. דער טשע־קיסט אַליין גיט מיר אַן עצה צו שרײַבן זיי אַ בריוו. זיי האָבן, זאָגט ער, אויך געשפּילט אין מאָסקווע מיט גרויס דערפאָלג. איך זאָל וואָס גיכער צו זיי שרײַבן. איך האָב אָבער מורא געהאַט אַז ביז איך וועל באַקומען אַן ענט־פער וועלן זיי שוין נישט זײַן אין לענינגראַד. שנײַדערמאַן ווייסט דאָך גוט אַז די צענזור האַלט אויף די בריוו... דאָס מאָל, זאָגט ער מיר, וועט דער בריוו גיך אַוועקגיין, ווײַל אויב די שטערונג איז די צענזור וועט דאָס מאָל זײַן אַן אויסנאַם. ער, שנײַדערמאַן, איז דאָס דער הויפּט־צענזאָר פאַר אונדזער אָפּטייל. איבערהויפּט, ווען דער בריוו איז געשריבן אין ייִדיש, מוז מען אָנ־קומען נאָר צו אים.

איך האָב גלײַך געשריבן צו דזשיגאַן און שומאַכער אַ בריוו. זונטיק רופט מיך שנײַדערמאַן צו זיך און דריקט אויס זײַן פאַרוווּנדערונג פאַר וואָס ס׳איז נאָך פון זיי נישטאָ קיין ענטפער. ער פאַרזיכערט מיר אַז גלײַך אויף צומאָרגנס איז מײַן בריוו שוין געווען בײַ זיי אין די הענט. ער האָט אים ספּעציעל געשיקט מיט עמעצן וואָס איז צופעליק געפאָרן אַהין. ער ראָט מיר, איך זאָל שרײַבן צו זיי נאָך אַ בריוו. איך האָב געשריבן עטלעכע בריוו אָבער נישט באַקומען קיין שום ענטפער... איך האָב זיי אָבער אַליין פאַרטיידיקט. זיי האָבן זיכער מורא צו שרײַבן צו אַן אַרעסטאַנט וואָס געפינט זיך אין אַ לאַגער.

אויפן געדאַנק קומט מיר אַ מאָדנע זאַך: מיט יאָרן שפּעטער, ווען איך

בין שוין געהאַט געווען אַרויס פון מײַן לעצטן לאַגער, און זיי, דזשיגאַן און שומאַכער, זענען געוואָרן אַרעסטאַנטן אין אַ לאַגער, האָב איך פון דעסטוועגן קיין שום מורא נישט געהאַט און האָב זיי יאָ אָנגעשריבן אַ בריוו אין זייער אַקטיוביִנסקער לאַגער אַרײַן. דעמאָלט האָט מיר שומאַכער שוין געשריבן אַן ענטפער מיט אַ צושריפט פון דזשיגאַנען. איך האָב זיך דאָך געפונען נאָך דעמאָלט אין ראַטנפאַרבאַנד מיט אַ קאַרטע אין קעשענע פון אַ געוועזענעם אַרעסטאַנט. פון דעסטוועגן האָב איך צו זיי געשריבן...

שנײַדערמאַן האָט מיר אָנגעהויבן דערציילן וועגן מאָסקווער מלוכה־טעאַטער, וועגן מיכאָעלסן און זוסקינען, וועגן די גרויסע אויפֿפירונגען אויפֿן חשבון פון דער מלוכה. איך האָב אים געענטפערט אַז וואָס שייך טעאַטער איז עס מיר זייער גוט באַקאַנט. זאָל ער מיר אָבער דערקלערן וואָס ס'הערט זיך עפּעס מיט יידישע שולן, מיט יידישע צײַטונגען. פאַראַן, זאָגט ער, זייער גוטע יידישע שולן אין ביראָבידזשאַן. כ'האָב אים גלײַך איבערגעשלאָגן:

— וואָס רעדט איר עפּעס וועגן ביראָבידזשאַן? וויפל יידן זענען דאָרט פאַראַן? 15 טויזנט און אפשר נאָך ווייניקער. איר זאָגט מיר בעסער, ווו האָט איר די יידישע שולן פאַר די מיליאָנען יידן וואָס וווינען אין ראַטנפאַר־באַנד? צײַטונגען אין יידיש זענען דאָך אין גאַנצן נישט פאַראַן.

— וואָס? — שרײַט ער — פאַראַן! מיר האָבן דאָ די גרעסטע יידישע צײַטונג „דער עמעס".

— אויב אַזוי — ענטפער איך אים — זאָלט איר מיר מוחל זײַן, איז אײַך דער ענין גאָר ווייניק באַקאַנט. איך זאָג אים נאָך אַ מאָל ער זאָל עס גוט פאַרשטיין: — דער אמת איז בײַ אײַך שוין לאַנג טויט. דער אמת עקזיסטירט נישט בײַ אײַך. איר, ווי איך זע, ווייסט גאָר נישט פון דעם. ס'איז אייך, זע איך, די גאַנצע זאַך פרעמד, פונקט ווי פאַר אײַער יוגנט איז שוין דאָס יידיש־קייט אָפּגעפרעמדט.

ער שרײַט צו מיר אָבער אַז כ'בין פון פוילן און ווייס נישט וואָס איך רעד... אַז איך וועל בלײַבן בײַ זיי דאָ, אין דעם סאָוויעטישן לאַנד וועל איך זיך ערשט איבערצייגן ווי גוט ס'איז דאָ פאַר יידן...

איך האָב אים געזאָגט, אַז נישט דאָ אין לאַגער איז דאָס פּלאַץ צו פירן אַ דיסקוסיע וועגן יידישן פּראָבלעם. יידישע שולן, יידישע טעאַטערס, יידישע

קולטור איז פאַר אונדז יידישע יידן אַזאַ פּראָבלעם ווי זײַן אָדער נישט זײַן. איך בין פון אים אַוועק.

גייענדיק צו זיך אין באַראַק אַרײַן האָב איך זיך געטראַכט אַז אַט דער שנײַדערמאַן איז זיכער נישט דער מענטש וואָס דאַרף אַפילו בײַ זיי, בײַ די סאָוויעטן פאַרנעמען אַזאַ מין אַמט... ווײַל ער האָט דאָך אַפילו נישט קיין שום אַנונג אַז די צײַטונג „דער עמעס" לעבט שוין לאַנג נישט...

איצט, ווען איך האָב שוין איבערגעלעבט די שרעקלעכע צײַט און פאַר־צייכן דאָ מײַנע איבערלעבונגען, דערמאָן איך זיך אינעם ווערטל וואָס גייט אַרום אין ראַטנפאַרבאַנד אַז: די בירגער דאָרט טיילן זיך אין דרײַ קאַטע־גאָריעס: די וואָס זענען געזעסן, די וואָס זיצן, און די וואָס וועלן זיצן. אָט דער שנײַדערמאַן, וואָס פּילט זיך איצט אַזוי אין די פעדערן, האָט קיין שום זיכערקייט נישט אַז גאָר אין קורצן קאָן ער אַליין ווערן דער לאַגער־אַרעס־טאַנט... ס'דאַרף זיך נאָר געפינען ווער וואָס זאָל אים מסרן און אים אײַנרעדן אַז ער האָט געזאָגט עפּעס אַ קרום וואָרט וועגן רעזשים...

מיט עטלעכע טעג שפּעטער האָב איך ווײַטער נישט געקאָנט גיין צו דער אַרבעט. דער דאָקטאָר האָט מיר ווײַטער געהייסן ליגן נאָך צוויי טעג. גלײַך דעם ערשטן טאָג איז פּלוצלינג אָנגעקומען דער גרויסער אַנטיסעמיט, דער נאַטשאַלניק זאָנאַ. ער האָט מיך דערזען ליגן און געמאַכט אַ גוואַלד:

— ער ליגט שוין ווידער?! וואָס איז דאָ? אַן אָפּרוהויז? ער האָט געהייסן ס'זאָלן גלײַך קומען דער דאָקטאָר, דער נאַריאַדטשיק און דער נאַטשאַלניק. דאָ האָט ער זיך רעכט צעשריגן אויף זיי, אַז איך בין אַן אַקטיאָר, איך שפּיל טעאַטער און מאַך זיך עקסטרע קראַנק; אַז קיינער פון זיי זענען נישט קיין מבינים אויף מיר ווי ער. אויב זיי אַלע ווילן נישט פלי:ען פון זייערע אַמטן, זאָלן זיי זען, אַז מאָרגן פרי זאָל איך גיין מיט מײַן בריגאַדע צו דער אַרבעט.

דער נאַריאַדטשיק מיטן נאַטשאַלניק זענען געבליבן שטיין ווי פאַרלוי־רענע. זיי האָבן גוט געוווּסט דעם אמת, אַז איך בין קראַנק און קאָן קוים שטיין אויף די פיס. אָבער נאָר דער דאָקטאָר האָט גלײַך געענטפערט אַז ער קאָן נישט שיקן קיין קראַנקן מענטשן צו דער אַרבעט. אויב דער נאַ־טשאַלניק זאָנאַ וויל דווקא מע זאָל מיך שיקן צו דער אַרבעט מוז ער נעמען אויף זיך די גאַנצע פאַראַנטוואָרטלעכקייט וואָס ס'קאָן געשען.

דער קאָמוניסטישער המן האָט געמאַכט עטלעכע פּאַמאַטיערעס, געשריגן אַז אַלע זענען איין באַנדע קאָנטררעוואָלוציאָנערן און איז אַוועק.

דער נאַריאַדטשיק האָט מיר געזאָגט מיט אַ טרויעריקער מינע:

דו זעסט דאָך אַז מאָרגן מוזסטו גיין צו דער אַרבעט. געדענקזשע, אַפילו מיט די לעצטע כוחות, זאָלסטו זען צו גיין... מיר זאָלן נישט דאַרפן ליידן צוליב דיר.

אויף מאָרגן בין איך טאַקע מיט די לעצטע כוחות געגאַנגען צום אָרט וווּ מ׳האָט באַדאַרפט אַרבעטן. אָבער איך בין געפאַלן בײַ דער אַרבעט. אַז כ׳האָב אויפגעמאַכט די אויגן האָב איך דערזען אַז כ׳געפין זיך אין אַ בעט. כ׳האָב נישט פאַרשטאַנען וואָס ס׳קומט מיט מיר פאָר, ווי קום איך עפּעס אין אַ בעט? פון ווען אָן ליגט אַ לאַגערניק אין אַ בעט?

מיט אַ טאָג שפּעטער, ווען איך בין שוין געווען בײַם פולן באַוווסטזיין, האָב איך זיך דערוווּסט אַז כ׳געפין זיך אין אַ שפּיטאָל, אין לאַגער־שפּיטאָל. ווען כ׳בין געפאַלן בײַ דער אַרבעט האָט זיך אויפגעהויבן דאָרט אַ גאַנצער ליאַרעם. דער בריגאַדיר האָט געשריגן אַז מ׳האָט אַ קראַנקן געשיקט צו דער אַרבעט, דאָס איז קעגן געזעץ. מ׳האָט מיר דערציילט אַז ווען איך בין געפאַלן, האָט מען מיך געכאַפּט אין אַ קאַמיאָן אַרײַן, וואָס איז דאָרט צופעליק געשטאַנען און געבראַכט אין הויפּט־שפּיטאָל פון גרויסן לאַגער.

דאָס איז אַ געביידע פון צוויי שטאָק. כ׳בין אין אַ באַקוועם צימער מיט נאָך אַ קראַנקן. מײַן בעט איז געשטאַנען אַנטקעגן פענצטער וואָס איז אַרויסגעגאַנגען צום פינישן ים־אויסגוס אויפן סאַמע ברעג ים. שפּעטער מיט עטלעכע טעג האָב איך זיך דערוווּסט פון דער קראַנקנשוועסטער, וואָס האָט מיך באַדינט, אַז איך בין די ערשטע טעג געווען געפערלעך קראַנק. דער דאָקטאָר פון מײַן אָפּטייל איז געקומען צו לויפן צו לויפן ווי נאָר מ׳האָט מיך אַהערגעבראַכט. ער האָט זיך געגעבן די גרעסטע מי מיר צו העלפן. אויך אַלע דאָקטוירים פון שפּיטאָל האָבן געטון דעם מאַקסימום צו קאָנען מיך ברענגען צום צושטאַנד וואָס כ׳געפין זיך איצט. אין אָנהייב, ווען מ׳האָט מיך אַהערגעבראַכט פון אַרבעטפּלאַץ, בין איך געווען באַוווסטלאָז. מ׳האָט מורא געהאַט פאַר מײַן לעבן. אַלע ווייסן אַז איך בין אַן אַקטיאָר, אַז איך בין עס דער, וואָס האָט אויפן אָקטאָבער־יום־טוב געשטעלט די פאָרשטעלונג.

פאַראַן דאָ גוטע דאָקטוירים, אויך ייִדישע. אַלע זענען לאַגער־אַרעס־

טאַנטן, און זי, אויך אַן אַרעסטאַנטקע, פון אַ לאַגער אין דער געגנט. אַזוי ווי זי איז פון פאַך אַ קראַנקנשוועסטער, אַרבעט זי שוין דאָ אין דעם שפּי־טאָל מער ווי דרײַ יאָר. זי האָט אין גאַנצן באַקומען נישט קיין גרויסן סראָק — אַכט יאָר, נישט מער. זי נעמט אַרויס דעם טערמאָמעטער פון אונטער מײַן אָרעם. ער ווײַזט נאָך אַלץ 40 גראַד פיבער. די דאָקטוירים אָבער גיבן אַ האָפענונג אַז כ׳וועל איבערהאַלטן. זי גיט מיר אַ ווונק, אַז דער צווייטער פּאַציענט, וואָס ליגט אַנטקעגן מיר, האַלט זייער שלעכט. אויף מאָרגן איז טאַקע דער פּאַציענט געשטאָרבן. דאָס איז געווען אַ רוס, אַן אַלטער לאַגער־ניק. ער האָט אָפּגעפּינצטערט אין דער געגנט זעכצן יאָר און אַוועק פון דער וועלט. ווער וועט אים איצט באַווײנען? האָט ער דען ערגעץ אַ פאַמיליע?...

איך בין געלעגן אין שפּיטאָל אַ לענגערע צײַט. צום לעצטן מאָל, ווען ס׳איז געקומען דער דאָקטאָר פון מײַן אָפּטייל, האָט ער מיר געזאָגט, אַז ער גלייבט, אַז כ׳וועל אין קורצן קאָנען אַרויס פון שפּיטאָל. די היץ אָבער האַלט נאָך אַן שטאַרק. ער האָפט אַז ביסלעכווײַז וועט זי אַראָפּפאַלן. ער האָט מיר אויך איבערגעגעבן אַז אונדזער זיבעטער אָפּטייל איז געוואָרן איבערגעטראָגן אויף אַן אַנדער אָרט אין אַ צווייטן באַראַק. אַז איך האָב געפרעגט פאַרוואָס, האָט ער מיר געענטפערט, „ווער קען בײַ זיי עפּעס וויסן“...

אין קורצן האָבן מיר זיך דערוווּסט פאַר וואָס אַ סך זאַכן זענען אין לאַגער געוואָרן אַ ביסל אַנדערש: ס׳האָט זיך אַנגעדוקט די דאַטע פון 22סטן יוני 1941, ווען די היטלער־באַנדעס זענען באַפאַלן דעם ראַטנפאַרבאַנד, און ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די מילחמה.

קאַפּיטל 51

דער לאַגער אַנטלויפט פאַר די היטלעריסטן

איך בין געלעגן אין שפּיטאָל נאָך עטלעכע טעג. כ׳האָב גוט באַמערקט אַלעמענס צעשראָקענע פּנימער. מ׳האָט פון גאָר נישט מער גערעדט ווי נאָר פונעם היטלער־אָנפאַל. מ׳האָט שוין געפילט אַז מע גרייט זיך וואָס גיכער צו עוואַקויִרן דעם שפּיטאָל. באַלד צומאָרגנס נאָכן היטלער־אָנפאַל אויפן

ראַטנפאַרבאַנד, דעם 23סטן יוני איז מיר באַשערט געווען מיט מײַנע אייגענע אויגן צו זען אַ קאַמף אין דער לופטן איבערן ים, ווו מײַן פענצטער איז אַרויסגעגאַנגען, פון צוויי סאָוויעטישע יאַגד־אַוויאָנען וואָס האָבן זיך גע־יאָגט נאָך אַ דײַטשן אויסשפּיר־אַוויאָן. די צוויי סאָוויעטישע זענען געפלויגן אין בײדע זײַטן און אים געהאַלטן אין דער מיט, געהאַלטן אין איין שיסן צו אים, אָבער אַזוי ווי זיי זענען געפלויגן מיט אַ בליץ־שנעלקייט האָב איך זיי לאַנג נישט געקאָנט באַטראַכטן. פּלוצלינג האָב איך דערהערט אַן אויפ־רײַס. כ׳האָב פאַרשטאַנען אַז זיי האָבן אים פאַרטיק געמאַכט. קיין הונדערט פּראָצענט זיכערקייט האָב איך אין דעם נישט געהאַט. מײַן ייִדיש האַרץ אָבער און מײַן ייִדישע נשמה האָט געהאַט אַזאַ ווילן. כ׳האָב געווונטשן דעם היט־לעריסטישן אַוויאָן אַ שוואַרצן סוף.

אין אָוונט האָב איך געהאַט אַ גאַסט אין שפּיטאָל, דעם פּאָסט־נאַטשאַל־ניק. וואָס עפּעס פּלוצלינג? קודם דערקלערט ער מיר, אַז אַזוי ווי מע קען אים דאָ זייער גוט, ער האָט געטון אַ סך טובות אַלע דאָקטוירים־אַרעסטאַנטן פון שפּיטאָל, קאָן ער זיך דאָ אַרײַנקומען ווען ער וויל. ער וויל אַז איך זאָל וויסן אַז ער האַלט אין איין טראַכטן ווי אַזוי מיר צו העלפן. ער האָט אַ גע־וויסן פּלאַן, ווי אַזוי ער און איך און נאָך אַזעלכע ווי מיר, זאָלן איצט געהאָלפן ווערן, אָבער וועגן דעם טאָר קיינער נישט רעדן. ער האָט מיר געזאָגט אַז דער הויפּט־דאָקטאָר פון שפּיטאָל האָט אים פאַרטרויט, אַז זיי האָבן מיך אַרויסגעריסן פון די נעגל פון מלאך־המות. איך האָב געהאַט אַ לונגען־אָנציג־דונג. כ׳בין געווען געפּערלעך. איצט איז מיר שוין בעסער אָבער צו קיין אַרבעט טאָר מען מיך נישט שיקן, איך דאַרף נאָך רוען מינדסטנס אַ חודש.

איך האָב אים אויפמערקזאַם אויסגעהערט, נישט איבערגעשלאָגן מיט קיין וואָרט. איך האָב מיר אָבער כסדר געטראַכט, אַז עפּעס האָב איך צו אים נישט קיין צוטרוי. ער האָט מיך שאַרף אָנגעקוקט, געשוויגן אַ לענגערע צײַט. צי דאָס איז געווען אַ שפּיל פון זײַן זײַט, אָדער ס׳איז געווען ערנסט, האָב איך נישט געהאַט קיין שום זיכערקייט.

— הער מיך צו — זאָגט ער — איצט, אַז די סאָוויעטן זענען פאַר־וויקלט אין אַ מילחמה מיט היטלערן, איז די בעסטע צײַט זיך צו באַפרײַען, אויפהערן זײַן אַן אַרעסטאַנט. איצט אָדער קיין מאָל נישט.

ער האָט מיר אָנגעהויבן דערציילן, אַז ער מיט נאָך פינף מענטשן פון

דאַנען האָבן שוין אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן. גאָר אין אַ קורצער צײַט קאָן מען זײַן אויף יענער זײַט גרענעץ און טאַקע אין שוועדן. ער האָט מיך געפרעגט:
— וואָלסט געוואָלט זײַן אין שוועדן און פון דאָרטן פאָרן ווו דײַן האַרץ וועט דיר גלוסטן?...

כ׳האָב אים געענטפערט אַז כ׳בין נישט גרייט אויף קיין שום לויפן פון לאַגער. כ׳קאָן נישט מיטמאַכן קיין שום זאַך פון דעם וואָס ער לייגט מיר פאָר. כ׳האָב אים פאַרזיכערט, אַז ער קאָן זײַן רויִק וועגן דעם סוד וואָס ער האָט מיר פאַרטרויט. כ׳בין נישט קיין מסור. כ׳וועל וועגן דעם קיינעם נישט דערציילן. איך מיין אַז אויך ער דאַרף זיך נישט אַרײַנלאָזן אין קיין אַוואַנטורעס. און צוגעגעבן, אַז מ׳איז שוין דאָ, מוז מען זיך איבערגעבן דעם גורל: וואָס ס׳וועט זײַן מיט אונדז וועט זײַן. אָט למשל, האָב איך אים געזאָגט, בין איך געווען שטאַרק קראַנק און אָט בין איך אַרויס פון געפאַר. איך גלייב עס וועט נאָך קומען אַ צײַט ווען כ׳וועל באַפרײַט ווערן פון לאַגער.

ער האָט אויסגעדריקט גוואַלדיקע שטוינונג פאַר וואָס איך וויל זיך נישט ראַטעווען פון דאַנען. אָבער ער האָט איצט מורא פאַר דעם וואָס ער האָט מיר פאַרטרויט. כ׳האָב אים באַרויִקט אַז איך וועל שווײַגן, און ער איז אַוועק. מער האָט ער זיך צו מיר נישט באַוויזן.

איך האָב געהאַט אויף אים אַ שטאַרקן חשד, אַז ער האָט עפּעס געוואָלט דאָ פאַרקאָכן אַ מיאוסע קאַשע און מיך אין דעם אַרײַנצײַען... אפשר האָט אים עמעצער געהייסן דאָס טון, כדי אויסצופּרווון צי די לאַגער־אַרעסטאַנטן גרייטן נישט עפּעס פאַרבאָרגענע פּלענער אין דער איצטיקער סיטואַציע. כ׳האָב טאַקע דורך אים דערהאַלטן דעם בריוו וואָס מײַן חבר, יצחק קרעלמאַן, האָט מיר געשריבן, אָבער דאָס האָט מיר נישט פאַרענטפערט מײַן פאַר־דאַכט, צי ער, דער פּאָסט־נאַטשאַלניק, איז נישט געווען אונטערגעשטעלט פון דער ענקאַווועדע, גיכער יאָ ווי ניין.

דעם 26סטן יוני 1941, אַזייגער ניין פרי האָט מען מיר געמאָלדן, אַז אין אַ האַלבער שעה אַרום וועט מען מיך אָפּפירן צוריק אין אַרבעט־לאַגער אַרײַן. ווען איך בין צוגעפירט געוואָרן צום באַראַק האָב איך נישט געוווסט ווו איך געפין זיך. דאָס אָרט איז פאַר מיר געווען אין גאַנצן נײַ. דער דניע־וואַלנע האָט מיך אויפגענומען מיט אַ ברייטן ברוך־הבא, מיט אַ דאַנקען גאָט וואָס מע זעט מיך צוריק פון שפּיטאָל אַ לעבעדיקן. ער האָט מיר אָנגעוויזן

אַן אָרט ווו איך וועל שלאָפן, און דערציילט, אַז ס׳טוט זיך דאָ חושך זינט דעם אָנפאַל פון היטלערן. דערוויַיל גייט מען נאָך צו דער אַרבעט, נאָר שוין נישט אַזוי וויַיט פון לאַגער. מע קומט צוריק אַ ביסל פריִער. אויף דער אַרבעט האָבן די רוסן און אויך אַ ביסל יידן באַקומען אָפענע מיַילער. מ׳האַלט אין איין רעדן הויך אויפן קול.

— אַהאַ, וואָס האָבן מיר, אַרעסטאַנטן, געזאָגט וועגן דעם פּאַקט מיט היטלערן?

— אַריַינגעגנאַרט די רוסן אין זאַק אַריַין...

— געקאָרמעט זיי מיט די בעסטע חזירים...

— אַוועקגעשיקט צו זיי אונדזער ברויט און ווער ווייסט וואָס נאָך?

— איצט זענען זיי אונדז באַפאַלן מערדעריש.

— ווען דאָס וואָלט געווען געטון דער צאַר ניקאָלאַי, ווען ער מאַכט דעם שותפות מיט היטלערן, וואָלטן זיכער די קאָמוניסטן געווען גערופן צו אַן אויפשטאַנד, צו אַ רעוואָלוציע פאַר מאַכן אַזאַ פּאַקט...

— ווער וועט איצט קעגן די קאָמוניסטישע מאַכערס רופן צו אַ רעוואָלוציע? ווער וועט דאָס טון? אַז זיי, די מלוכה־פירערס, האָבן זיך קעגן אַזאַ מעגלעכקייט גוט באַוואָרנט, אַריַינזעצנדיק אין די טורמעס און שקלאַפן־לאַגערן איבער 30.000.000 בירגער, די בעסטע זין און טעכטער פון פאָלק...

צומאָרגנס האָבן מיר זיך דערוווּסט אַ ניַיעס. ס׳ווערן געמאַכט אין אַלע לאַגערן פונעם גאַנצן ראַיאָן ריזיקע פאַרזאַמלונגען. ס׳טרעטן אַרויס רעדנער פון דער ענקאַוועדע און ציווילע פּאַרטייליַיט. מע גיט איבער וועגן דעם מערדערישן אָנפאַל פון די היטלעריסטן אויפן ראַטנפאַרבאַנד. זיי זאָגן מע זאָל נישט פאַרלירן דעם מוט, מיר וועלן זיי וויַיזן ווער מיר זענען! אַלע וועלן זיך שלאָגן קעגן דער היטלעריסטישער בעסטיע! אויף עטלעכע פאַרזאַמלונגען האָט זיך דערהערט אַן אויסגעשריי פון צווישן דער ריזיקער מאַסע פאַרזאַמלטע:

— די היטלעריסטישע בעסטיעס זענען דאָך ערשט נישט לאַנג געווען אייערע שותפים!

דער רעדנער האָט גליַיך געפרעגט ווער עס שריַיט די דאָזיקע ווערטער. קיינער אָבער האָט שוין נישט געענטפערט... גיי טרעף ווער ס׳האָט געשריגן? גיי זוך אַ שפּילקע אין אַ וואָגאָן היי?

אין לאַגער איז באַקאַנט געוואָרן אַז אין מעקסיקע האָבן מערדערישע הענט דערהרגעט דעם אמתן שאַפער פון דער רויטער אַרמיי, לעוו טראָצקי. מ׳האָט זיך עס דערוווּסט פונעם פריזירער פון לאַגער, פונעם מאָסקווער טראָצקיסט. ער פלעגט שטענדיק דערציילן אַ סך נייעס. ס׳האָט זיך שטענדיק אַרויסגעוויזן פאַר אמת.

דעם זעלבן טאָג איז מיר אָנגעקומען אַ טעלעגראַמע פון לענינגראַד, אונטערגעשריבן פון דער גוטבאַקאַנטער סאָוויעטיש-יידישער קינסטלערין אַנאַ גוזיק, זי האָט געפרעגט אין דער טעלעגראַמע וואָס זי קאָן טון פאַר מיר.

שניידערמאַן איז געקומען צו מיר און געזאָגט, אַז ער האָט מיר געהייסן גלייך אָהערטראָגן די טעלעגראַמע, איך זאָל זען, אַז אַנאַ גוזיק אינטערעסירט זיך מיט מיר. איך האָב מיך טאַקע גלייך דערמאָנט אַז ער האָט אַ שייכות מיט דער צענזור. ער האָט זיכער די טעלעגראַמע איבערגעלייענט פאַר מיר. אויף מיין פראַגע, צי ס׳איז דאָ אַ מעגלעכקייט זי זאָל קומען אַהער, האָט ער מיר דערקלערט:

— דאָס איז אויסגעשלאָסן, אַז אַ ציווילע פערזאָן זאָל מעגן אַריינקומען דאָ אינעם לאַגער, נאָר — זאָגט ער — ווען ס׳קומט נישט דער אָנפאַל פון די היטלעריסטן אויפן ראַטנפאַרבאַנד, וואָלט מען אפשר געקאָנט עפּעס צוקלערן וועגן אַ ספּעציעלער דערלויבעניש פאַר דער באַרימטער שוישפּילערין אַנאַ גוזיק. מע וואָלט געקאָנט איינאָרדענען אַ גרויסן ספּעציעלן קאָנצערט פאַר דער גאַנצער ענקאַווועדע פון אַלע לאַגערן דאָ. אַזוי אַרום וואָלט זי אפשר געקאָנט פאַר דיר עפּעס אויפטון, — זאָגט ער ווייטער, — זי איז דאָך איינע פון די גרעסטע שוישפּילערינס, זי שפּילט נישט נאָר אויף יידיש נאָר אויך אויף רוסיש...

איי, וואָלט זיך דאָ געטון אין לאַגער, ווען זי וואָלט געקאָנט געבן אַ קאָנצערט! איבערהויפּט פאַר אים, פאַר דעם טשעקיסטל, וואָלט עס געווען אַ גרויסער אויפטו. דער פאַרשאָלטענער היטלער האָט אָבער אַלץ קאַליע געמאַכט...

איך האָב אים אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז מיר, יידישע פליטים, זענען דאָך געווען די ערשטע היטלער-קרבנות, און טאַקע דערפאַר זענען מיר דאָך אַנטלאָפן פאַרן מערדער, איצט קומט אויס אַז דערפאַר באַשטראָפט אונדז דער ראַטנפאַרבאַנד מיט לאַגערן...

ער האָט מיר געהייסן כ׳זאָל שוין שווײַגן און נישט דערוועגן צו רעדן מער דערפון. איך קאָן שטאַרק באַשטראָפט ווערן...

פאַר זײַן אַוועקגיין האָט ער מיר געזאָגט אַז מיר וועלן דאָ לאַנג נישט זײַן. כ׳האָב אים געפרעגט:

— וועט גייען מיר אַוועק פון דאַנען?

— דאָס איז שוין נישט מער אָפּהענגיק פון דער לאַגער־נאַטשאַלסטווע, נאָר פון דער מיליטערישער מאַכט.

— בײַם פאַרלאָזן דעם לאַגער וועלן כאָטש די אַרעסטאַנטן באַקומען צוריק זייערע ווערטזאַכן, זייער געלט?

ער האָט זיך שטאַרק צעלאַכט און מיר געזאָגט, אַז כ׳זאָל נישט מיינען, אַז פון דאַנען וועלן די אַרעסטאַנטן אַוועק הוליען אין די רעסטאָראַנען... פון דאַנען וועט מען אײַך איבערפירן דאָרטן ווו מע דאַרף. וועגן דעם זאָרגט שוין מאָסקווע... איך האָב אים אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז אין דער טורמע אין ביאַליסטאָק האָט מען בײַ מיר צוגענומען אַ גאָלדענעם לאָנדזשין־זייגער מיט אַ גאָלדן קייטל און נאָך אַנדערע ווערטזאַכן און געלט. ער האָט מיר פאַרזיכערט, אַז ער ווייסט פון דעם, און דאָרטן ווו מע וועט מיך שיקן אַהין וועט מען מיטשיקן מײַנע זאַכן:

— דו האָסט אַ קוויטאַנציע? אַ קבלה אויף דעם אַלעם?

יאָ, — האָב איך געזאָגט. ער האָט צוגעגעבן: — האַלט גוט די קבלה, זי וועט דיר צוניצקומען...

מיט צוויי טעג שפּעטער האָט מען דערקלערט, אַז מע וועט דאַרפן גיין גראָבן אָקאָפּעס קעגן דעם פאַרהאַסטן שונא. בײַם גראָבן האָט מען אונדז געמאָלדן אַז מיר וועלן דערהערן אַז ס׳פליען דעם שונאס עראָפּלאַנען זאָלן מיר זיך אַרײַנוואַרפן אין די אָקאָפּעס...

מ׳האָט אויפגעהערט צו גיין צו דער אַרבעט. פריער האָט מען אַרויסגעפירט די רוסן פון די לאַגערן פונעם באַדראָעטן ראַיאָן... אַפּנים, אויף זיי, אויף די רוסן, קאָן מען זיך ווייניק פאַרלאָזן בײַם אָנקומען פון די היטלעריסטן. אין די דאָזיקע לאַגערן האָבן זיך געפונען טויזנטער אוקרײַנער און טאַטאַרן. אָבער מיט די ייִדן קאָן מען וואַרטן, זיי זאָלן זײַן די לעצטע. די ייִדן וועלן דאָך נישט ווערן קיין פרײַנד און מיטאַרבעטער פון די היטלעריסטן...

דער פראָנט האָט זיך דערנענטערט צו אונדז מיט אַ גרויסער שנעל־

קייט. מיר זענען טאַקע געווען פון די סאַמע לעצטע פון דער עוואַקואַציע. מ׳האָט אונדז געהייסן זײַן גרייט. דעם 7טן יולי 1941 פאַרנאַכט, ווען ס׳איז שוין געווען גוט טונקל און ס׳האָט געפּליוצעט אַ מבול־רעגן, באַגלייט מיט דונערן און בליצן, האָט מען געהייסן זיך אויסשטעלן צו פינף אין אַ ריי, יעדע צען רייען אָפּגערוקט אויף דרײַסיק מעטער. דער מאַרש האָט זיך אָנגעהויבן. מ׳האָט געהייסן גיין גיך, גאָר גיך, באַגלייט פון אַ סך ענקאַווע־דיסטן מיט געווער. מיר זענען אַזוי געגאַנגען מער ווי פיר שעה. מיר האָבן פאַר זיך דערזען באַנוואַגאָנען מיט אַנטילופּט־האַרמאַטן קעגן די באָמבאַרדיר־אייראָפּלאַנען פון שונא. אַלצדינג אָבער איז געווען מאַסקירט מיט צווײַגן און בלעטער פוןביימער.

צווישן די ענקאַוועדיסטן האָב איך באַמערקט אויך שנײַדערמאַנען. הייסט עס, אַז ער פאָרט מיט אונדז צוזאַמען.

קאַפּיטל 52

וווּהין פירט מען אונדז?

אין די וואַגאָנען האָט מען אַרײַנגעשטופּט וואָס מער אַרעסטאַנטן. אין מײַן וואַגאָן האָב איך איבערגעציילט 68 לאַגערניקעס. אַז מ׳האָט אונדז אָנ־געהויבן צו פאַרשליסן האָבן מיר פּראָטעסטירט און געשריגן:

— פאַר וואָס פאַרשליסט איר אונדז אין די וואַגאָנען? מיר באַטראַכטן זיך דאָך אַליין פאַר די ערשטע קעגנער פון די היטלער־מערדער, טאָ לאָזט כאָטש אָפן די וואַגאָנען... טאָמער קומט אויס צו קעמפן, שווערן מיר אײַך, אַז מיר וועלן גיין אין די ערשטע רייען אין קאַמף.

דער ענטפער איז געווען:

— מאָלטשאַט! פאַרמאַכט אײַערע מײַלער! דאָס געזעץ פאָדערט אַז איר אַרעסטאַנטן דאַרפט זײַן פאַרשלאָסן!

דער עשאַלאָן האָט זיך געלאָזט אין וועג אַרײַן מיט אַ גוואַלטיקער גיכ־קייט. יעדער איינער האָט געהאַט מיט זיך שטיקלעך ברויט. אָבער קיין וואַ־סער איז נישט געווען. מיר האָבן געשוויגן. מ׳האָט אונדז אויך אָנגעזאָגט

צו זײַן שטיל, נישט צו ציִען קיין שום אויפמערקזאַמקייט אויף אונדזער עשאַלאָן. מיר האָבן גוט פאַרשטאַנען אין וואָסער לאַגע מיר געפינען זיך. פינף אַזייגער פאַרטאָג זענען מיר געבליבן שטיין. אַרויסקוקנדיק דורך די פענצטערלעך האָבן מיר באַמערקט שטיין אויף פאַרשידענע ליניעס אַ סך וואַגאָנען. מיר האָבן שוין פאַרשטאַנען אַז מיר געפינען זיך אויף אַ גרויסער סטאַציע. די גאַנצע צײַט פון אונדזער פאָרן אין באַן האָט געגאָסן אַ שלאַקס־רעגן באַגלייט פון דונערן און בליצן. קיינער פון אונדז איז נישט געשלאָפן. מיר זענען געווען וואַך. מיר זענען דאָך געלאָפן פון אַ באַדראָעטער זאָנע. גלײַך אין די ערשטע טעג מילחמה האָבן מיר געהערט די בשורות אַז די היטלעריסטן מאַרשירן כסדר פאָרויס אין ראַטנפאַרבאַנד אַרײַן פון אַלע זײַטן.

אָפּשטייענדיק אַזוי כמעט אַ שעה האָבן מיר שוין אָנגעהויבן צו קלאַפּן אין די טירן און געבעטן וואַסער. גלײַך האָט זיך דערהערט אַ שטימע אַז פאַר זײַן אַזייגער וועלן מיר גאַרנישט באַקומען. פּלוצלינג האָבן מיר דערהערט אַ צווייטע שטימע, אַז מע וועט רעדן דורך ראַדיאָ מיט אַן אַפּעל צו דער גאַנצער וועלט־דעמאָקראַטיע וואָס איז באַדראָעט פון היטלערן, און רעדן וועט מאַקסים ליטווינאָוו. איצט האָט מען אים אַרויסגענומען, דעם ייִד, פון אַלטן רעקוויזיט. באַלד האָבן מיר דערהערט זײַן שטים און זײַן אַפּעל צו דער וועלט וועגן דעם גוואַלט־טאַט, דעם גרויסן פאַרברעכן וואָס היטלער באַגייט איצט קעגן ראַטנפאַרבאַנד. מיר האָבן זיך גוט צוגעהערט צו יעדן וואָרט פון ליטווינאָוו, און זיך נאָך אַ מאָל איבערגעצייגט אינעם ייִדישן פאָלקסווערטל: „יאַק בידאַ טאָ דאָ זשידאַ". אַז מ׳האָט געמאַכט דעם היטלער־סטאַלין־פּאַקט האָט מען דעם ייִדישן דיפּלאָמאַט געגעבן דעם וועג...

אַכט אַזייגער האָבן מיר דערהערט ווי מע שליסט אויף אונדזערע וואַגאָנען. מ׳הייסט אַרויסגיין אַכט פּערזאָן. איך בין אויך געווען צווישן זיי. אַ וואָך האָט אונדז געפירט אפשר אַ האַלבן קילאָמעטער. גלײַך מיט דער באַנליניע איז געשטאַנען אַ וואַגאָן מיט ברויט. מיר האָבן באַקומען 68 ברויט און עס אַוועקגעטראָגן אין וואַגאָן אַרײַן. מ׳האָט אונדז געגעבן עמערס און מיר האָבן אויך געברענגט וואַסער. מ׳האָט אונדז געמאָלדן אַז מיר וועלן באַקומען מיטאָגצײַט אַ הייסע זופּ. אויפן וועג, גייענדיק צוריק צום וואַגאָן, האָבן מיר זיך דערוווסט וואָס אונדז אינטערעסירט: מיר געפינען זיך אין לענינגראַד, נישט בײַם הויפּטוואָקזאַל, נאָר אויף אַ זײַטיקער ליניע. פּאַניע

האָט דאָס מאָל געהאַלטן וואָרט. מיר האָבן באַקומען אַ מיטאָג — זופּ פון געזאַלצענע הערינגלעך. אָבער ווען מען ליגט איצט אין זינען עסן. עס קומען דאָך איצט פּאָר גרויסע וועלט־געשעענישן וואָס וועלן מיט זיך זיכער ברענגען גרויסע נײַעסן.

בײַנאַכט האָבן מיר דערפילט אַז מיר לאָזן זיך אין ווײַטערדיקן אומבאַקאַנטן וועג אַרײַן. מיד פון שווערן וועג וואָס מיר האָבן אַדורכגעמאַכט אין רעגן פון לאַגער צו די וואַגאָנען און פון נישט שלאָפן אַ גאַנצע נאַכט, — זענען מיר אַלע אַוועקגעפאַלן אויף די ערטער און גלײַך אײַנגעשלאָפן. אויפגעכאַפּט האָבן מיר זיך ערשט ווען מ׳האָט זיך אָפּגעשטעלט ערגעץ, כדי דער לאָקאָמאָטיוו זאָל נעמען קוילן אויף דער ווײַטערדיקער רײַזע.

מיר זענען געפאָרן דרײַ טעג און נעכט און זיך דערנערט מיטן ברויט און ביסל וואַסער. אויף אַ גרויסער סטאַציע זענען מיר טייל מאָל געשטאַנען עטלעכע טעג און נעכט, ווײַל מיר האָבן באַדאַרפט אַדורכלאָזן וויכטיקע באַנען... ס׳האָט געטראָפן, אַז אַ טיר פון וואַגאָן איז אויך אַ מאָל געווען אָפן עטלעכע שעה. אַרויסקוקנדיק האָב איך איין מאָל באַמערקט שנײַדערמאַנען זיך אָפּשטעלן לעבן אונדזער וואַגאָן. איך האָב אים געבעטן אפשר קאָן ער אונדז זאָגן ווו מיר פאָרן. אַלע האָבן אים וועגן דעם געבעטן. ער האָט אונדז געזאָגט אַז אים דאַכט זיך אַז מיר פאָרן קיין קאָטלאַס, קאָמי־רעפּובליק, ווו די הויפּטאַרבעט באַשטייט דאָרט אין אויסהאַקן ביימער אין די געדיכטע וועלדער. און צוגעגעבן:

— דאָרט וועט אײַך זײַן הײמלעך, ווײַל דאָרטן געפינען זיך אַ סך אײַערע פּוילישע ייִדן. איר וועט דאָרט קאָנען גרינדן — האָט ער זיך געוויצלט — אַ ייִדישע רעפּובליק. אַז מ׳האָט אים געגעבן אַ פּרעג וועגן אונדזערע ווערטזאַכן. האָט ער געענטפערט, אַז בײַם ענדיקן דעם סראָק וועט יעדער איינער באַקומען זײַנע זאַכן.

אָפּפאָרנדיק אַזוי אַ צען טעג האָבן מיר זיך איין מאָל אָפּגעשטעלט אויף אַ גרעסערער סטאַציע ווו מיר האָבן דערזען שטיין אַ סך עשאַלאָנען. מיר האָבן באַקומען ברויט אויף עטלעכע טעג, אַ מיטאָג — זופּ און אַ ביסל קאַשע. דאָס איז שוין געווען גאָר אַ נײַעס פאַר אונדז. מיר האָבן זיך דאָס כּשר פאַרדינט. שוין מער ווי פיר טעג ווי מיר האָבן גאַנץ פײַן צוגעהונגערט.

דאָ אויף דער סטאַציע איז צו אונדז צוגעקומען שנײַדערמאַן און געזאָגט:

— קוקט, איר זעט יענעם עשאַלאָן, דאָרט זענען דײַטשן.

— געפאַנגענע דײַטשן? — האָבן מיר געפרעגט.

— ניין, — זאָגט ער, — נישט קיין געפאַנגענע דײַטשן, נאָר סאָוויעטישע דײַטשן, דאָס זענען די וואָלגע־דײַטשן, וואָס האָבן געוווינט לעבן דער וואָלגע. ווער קאָן זיי דען גערטרויען? מיר זענען זיכער, אַז זיי זענען די פינפטע קאָלומנע פון היטלערן. נו, האָבן מיר זיי פאַרבעטן אין די וואַגאָנען אַרײַן, און הײַדאַ קיין סיביר! זייערע וואַגאָנען זענען גוט־פאַרמאַכט. ווער וועט זיי געטרויען, אָט די באַנדיטן? שפּיאָנען!

אויפן וועג האָבן מיר זיך פלוצלינג דערוווּסט אַז מיר פאָרן נישט קיין קאָטלאַס, נאָר קיין קאַראַגאַנדאַ, וואָס געפינט זיך אין קאַזאַכסטאַן. מע קאָן אונדז דאָרטן שיקן אין די וואַקסגרובן, וואָס די ענגלענדער האָבן אַמאָל אין די צאַרישע צײַטן געהאַט אויף זיי אַ קאָנצעסיע. אַ געפערלעכע זאַך צו אַרבעטן דאָרט. בײַ דער אַרבעט קאָן מען בכלל לאַנג נישט אויסהאַלטן.

ווער ס׳האָט אייגנטלעך פאַרשפּרייט דעם קלאַנג וועגן די וואַקסגרובן האָט קיינער נישט געוווּסט. מיר פאָרן נישט קיין קאָטלאַס ווײַל דאָרטן איז שוין איבערפולט פון געקומענע אַרעסטאַנטן. נישט נאָר מיר לויפן פון די באַדראָעטע ערטער, נאָר מע לויפט פון אַלע לאַגערן און תפיסות פון אייראָפּעיִשן רוסלאַנד אין אַזיאַטישן. קאַראַגאַנדאַ וועט פאַר אונדז בלית־ברירה אויך מוזן גוט זײַן. דאָרט געפינען זיך נישט נאָר וואַקסגרובן נאָר אויך אַ סך קוילנגרובן... נישט־קשה, קיין אַרבעט וועט אונדז דאָרט נישט פעלן.

אונדזער עשאַלאָן האָט זיך געלאָזן אויפן ווײַטן וועג קיין קאַראַגאַנדאַ — ווײַט, זייער ווײַט פון אייראָפּעיִשן רוסלאַנד. מיט שווערע הערצער זענען מיר געפאָרן אין נײַעם לאַגער אַרײַן. אָבער איין זאַך האָבן מיר גוט געדענקט: דעם רוף וואָס מיר האָבן געהערט פון ליטווינאָוון צו דער וועלט, און וואָס האָט בײַ אייניקע פון אונדז געוועקט אַ באַהאַלטענע האָפענונג, אַז אפשר וועט די גאַנצע וועלט זיך געבן אַ נעם צום בלוטיקן מערדער היטלער וואָס פאַרמעסט זיך קעגן דער וועלט, און אפשר וועלן מיר נאָך דערלעבן צו זען זײַן פינצטערן סוף.

קאַפּיטל 53

מיין לעצטער לאַגער אין קאַראַגאַנדע

מיר זענען געפֿאָרן ביז צום קאַראַג, ווי ס׳ווערט גערופֿן דער קאַראַ־גאַנדער לאַגער, פֿולע 29 טעג און נעכט. אין די ערשטע טעג אויגוסט זענען מיר אָנגעקומען אויפֿן אָרט און אויסגעשטיגן פֿון די וואַגאָנען. מיר האָבן מאַרשירט אין פֿעלד ביז מיר זענען צוגעקומען נישט ווײַט פֿונעם לאַגער; מע האָט אונדז געהייסן זיך זעצן אויפֿן פֿעלד גרופּעסווײַז, לויט די וואַגאָנען. דאָס פֿעלד איז געוואָרן באַזעצט נישט מיטן אויג צו דערזען די ווײַטקייט וווּ עס ענדיקט זיך. מיר זענען אַרומגערינגלט געוואָרן פֿון דער קאַראַגאַנדער עסקאָרטע און אויך מיט הינט. אַ טאָג מיט אַ נאַכט האָבן מיר געוואַרט. מ׳האָט, אַפּנים, באַדאַרפֿט מאַכן אַן אָרט אין די באַראַקן פֿאַר אַזאַ גרויסער צאָל אַרעסטאַנטן וואָס זענען געקומען אומגעריכט...

איך בין אַרײַן מיט נאָך פֿיל אַרעסטאַנטן אין אַ באַראַק. מ׳האָט אָנגע־הויבן פֿאַרכאַפּן פּלעצער.

אין אָט דעם באַראַק זענען ערשט נישט־לאַנג געווען די „בעזפּריזאָר־ניקעס", די הפקר־יאַטן ביז פֿערצן יאָר, אָן טאַטע־מאַמע, אָן אויפֿזיכט, גע־בוירענע צומערסטן אין די לאַגערן, לאַגער־קינדער... כאָטש אין קיין שום מענער־לאַגער קומען נישט אַרײַן קיין פֿרויען, ווײַל ס׳איז שטרענג פֿאַר־באָטן לויטן געזעץ, פֿון דעסטוועגן זענען דאָ אין די סאָוויעטישע לאַגערן, צענדלינגער טויזנטער אַזעלכע „לאַגער־ממזרים"... אָט די חברה־לײַט זענען זייער געפֿערלעך. דאָס זענען הונדערט־פּראָצענטיקע באַנדיטלעך, און אויך פֿײַערדיקע גנבימלעך, אַ מעסער צו געבן אַ רוק אַרײַן יענעם גלײַך אין בויך איז בײַ זיי אַ קינדערשפּיל.

איך האָב זיי טאַקע באַלד צומאַרגנס געזען שפּילן אין קאָרטן אויפֿן גרויסן פּלאַץ פֿון לאַגער. זיי האָבן געשפּילט איינער מיטן צווייטן אויפֿן שטיקל ברויט וואָס זיי האָבן נאָך פֿאַרמאָגט, אָדער וואָס זיי האָבן בײַ עמעצן צוגעגנבעט, און אויך אויף די צעריסענע הייזלעך וואָס זיי האָבן נאָך גע־טראָגן אויף זיך. טאָמער האָט איינער פֿאַרשפּילט די הויזן האָט ער זיי

גלײַך אויסגעטון און יענעם געגעבן און אַרומגעגאַנגען אָדם־נאַקעט. אַז די נאַטשאַלסטווע פלעגט זיי זאָגן אַז שפּילן אין קאָרטן איז פאַרבאָטן, האָבן זיי „אָפּגעיאָפּקעוועט" דעם נאַטשאַלניק אויך. נאָר פאַר איין מענטש האָבן זיי אַ ביסל מורא געהאַט, פאַרן נאַריאַדטשיק איוואַנאָוו, וואָס פלעגט זיי מאַכן פאַר קאַליקעס. ער פלעגט רײַסן פון זיי שטיקער.

בכלל האָט געהערשט אין לאַגער אַ כאַאָס צוליבן אָנקום פון אַזוי פיל אַרעסטאַנטן, די קאָנסעקווענץ פונעם אײַנגעבראָכענעם מילחמה־פראָנט און פאָרויסמאַרש פון די דײַטשישע מערדער.

אויפן דריטן טאָג אין לאַגער האָט מען דערווײַל נאָך נישט געשיקט אויף קיין אַרבעט. אָבער יעדן אינדערפרי האָט מען זיך געמוזט אויסשטעלן אין ענדלאָזע רייען אויפן אומגעהייער־גרויסן פלאַץ אין לאַגער, כדי גע־ציילט צו ווערן פון נאַריאַדטשיק, צו קאָנען באַקומען די פּײַקע ברויט אויפן גאַנצן טאָג. דער גאַנצער באַלעבאָס איז דאָ געווען דער נאַריאַדטשיק איוואַנאָוו, איינער פון די ערשטע קרימינעלע פאַרברעכערס וואָס איך האָב באַגעגנט צווישן דער נאַטשאַלסטווע. הויך איז ער געווען צוויי מעטער, מיט אַ וועלפיש פנים, מיט עטלעכע גאַנץ דײַטלעכע מעסערשניטן אויפן פנים. מע זעט גלײַך אויפן ערשטן קוק וואָס פאַר אַן „איידעלער יונגערמאַנטשיק" דאָס איז... זײַנע זינד פאַר וועלכע ער זיצט באַשטייען אין דעם, וואָס, לויט זײַנע אייגענע רייד, האָט ער פאַרטיק געמאַכט נישט מער ווי דרײַ מענטשן. צווישן אָט די דרײַ, האָט זיך געפונען זײַן אייגענע מוטער, דאָס הייסט, אַז ער איז נישט נאָר אַ מענטשן־מערדער נאָר אויך אַ מוטער־מערדער. זײַן אָרט רעדן צו אַ לאַגערניק איז אַזאַ מין גראָבער און געמיינער, אַז אַפילו די אַלטע לאַגערניקעס, — די רוסן, אוקראַינער, לאַטישן, ליטווינער, קאַל־מיקן, אוזבעקן, טאַדזשיקן, טורקמענער, ווײַסרוסן, פּאָלאַקן, טאַטאַרן, קאַזאַכן, אַרמיענער, גרוזינער און נאָך אַנדערע צענדליגער נאַציאָנאַליטעטן וואָס געפינען זיך דאָ אין לאַגער, — זיי אַלע טרעטן אים אָפּ ווען ער מאַכט אויף זײַן שרעקלעכע מאָרדע... נאָך שרעקלעכער איז דער דאָזיקער פאַרשוין צו יידן. ווען ער דערשמעקט אַ ייד ווערט ער אין גאַנצן צעקאָכט און ווײַזט אַרויס זײַן ווילדן אַנטיסעמיטיזם. מיט יידן רעדט ער נישט מיטן פּיסק, נאָר באַלד מיט די הענט. ער האָט שוין נישט איין יידישן לאַגערניק מערדעריש געשלאָגן ביזן אויסהויכן די נשמה אונטער די קלעפּ. איצט איז ער געוואָרן

דער מאַכער איבער אַזוי פיל טויזנטער יידן־לאַגערניקעס. פון זײַן מויל גייען נישט אַראָפּ די ווערטער „סאַבאַטשי זשידי", הינטישע יידן, און נאָך אַ סך מיאוסערע רייד. און אָט דער מערדערישער פאַרשוין דאַרף עס זײַן מײַן אַרבעט־געבער, מײַן ברויטגעבער.

אויפן פינפטן טאָג איז פון אונדזער באַראַק צונויפגעשטעלט געוואָרן עטלעכע בריגאַדעס אויסגעמישט צוזאַמען מיט רוסן. מ׳האָט אונדז גע־שיקט אָפּגרוזעווען וואַגאָנען ציגל, ברעטער און שווערע קלעצער, וואָס מ׳האָט באַדאַרפט טראָגן זייער אַ ווײַטן וועג ווו מ׳האָט געגרייט אויפצו־שטעלן נײַע באַראַקן...

אין ראַיאָן פון קאַראַגאַנדע זענען פֿאַראַן אַ סך לאַגערן, נישט איבער־צוציילן... זיי פאַרנעמען שפּאָרע צענדליגער קילאָמעטער. פאַרנדיק מיט דער באַן אין קאַזאַכסטאַן, האָב איך באַמערקט, אַז פון איין זײַט באַנליניע שטייען אויפגעשטעלט הויכע, קנאַפּע דרײַ־מעטערדיקע פּאַרקאַנעס. די אַלטע לאַ־גערניקעס האָבן מיר דערקלערט דעם זין פון דעם: אין קאַזאַכסטאַן, ווו די לאַגערן געפינען זיך און ווו מע שיקט אויף אַרבעט, זענען ווינטער פאַראַנען שרעקלעכע „בוריאַנען" שניישטורעמס, וואָס קאָנען אויפהייבן אַ מענטש און אים פאַרטראָגן ווי ווײַט. די בוריאַנען פאַרשיטן די באַנליניע מיט שניי, און די באַן קאָן ווײַטער נישט גיין. אַזוי ווי ס׳איז פעסטגעשטעלט געוואָרן אַז דער ווינט, דער בוריאַן, קומט פון אַ געוויסער זײַט האָט מען טאַקע אָוועקגעשטעלט די אײַזערנע פּאַרקאַנעס, כדי נישט דערלאָזן פאַרשיטן די באַנליניע. אויף קיין גאַנצע הונדערט פּראָצענט העלפט עס נישט. אָבער אין אַ געוויסן זין העלפט עס. דאָך ווערט גענוג פאַרשיט די באַנליניע מיט שניי. צו דעם גיט מען זיך שוין אַן עצה. עס פֿעלן דען אין דער געגנט לאַגער־אַרעסטאַנטן? אומזיסטע שקלאַפן? רייניקן טאַקע די שקלאַפן דעם שניי ווען ס׳קומט אָן דער שרעקלעכער בוריאַן. חוץ דעם איז פאַראַן נאָך גענוג ווו צו רייניקן שניי. אָט די אַרבעט קאָסט אַ סך קרבנות. ס׳האָט שוין געטראָפן אַז מ׳האָט אַרויסגעשיקט בריגאַדעס צו רייניקן אין דער צאָל פון עטלעכע טויזנט מאַן, און צוריק געקומען איז אַפילו קיין העלפט נישט, ווײַל דער בוריאַן איז געווען אַזאַ שרעקלעכער, אַז ער האָט הונדערטער שקלאַפן פאַר־שלעפּט און פאַרשאָטן מיטן שניי. ערשט אין לאַנגע וואָכן אַרום האָט מען זיי געפונען פאַרגראָבן אונטערן שניי, פאַרטראָגן אויף עטלעכע קילאָמעטער

וויַיט. אַזוי ווי אַזעלכע פאַלן זענען געווען יאָר־איַין, יאָר־אויס האָט געטראָפן, אַז די שקלאַפן־אַרבעטער האָבן זיך אַ מאָל שטאַרק צעבונטעוועט און פאַר קיין פאַל נישט געוואָלט גיין צו דער אַרבעט. הונדערטער האָט מען דערפאַר דערשאָסן אָן שום געריכט. די ענקאַוועדעניקעס מאַכן עס איינס און צוויי. ס'האָט אָבער גאָרנישט געהאָלפן. די צעבונטעוועטע שקלאַפן האָבן געטענהט, אַז זיי איז שוין אַלץ איינס. גיין אין בוריאַן רייניקן דעם שניי איז טויט. איז שוין בעסער דאָ דער טויט אין לאַגער...

מ'האָט צוגעזאָגט אַז פון איצט אָן וועט מען שוין באַשיצן די וואָס גייען אַנטקעגן דעם בוריאַן. פון פאַר צוויי יאָר אָן גייט מען צו דער אַרבעט אויף אַזאַ אופן: אין איין שורה גייען צען אַרעסטאַנטן אַרומגעוויקלט מיט אַ גראָבן שטריק אָדער קייט. יעדער האַלט אין דער האַנט אַ שווערן איַיזערנעם לאָם מיט אַ שפּיץ. טאָמער קומט אָן דער בוריאַן, גיבן אַלע צען אַ שטאָך אַריַין אין דער ערד דעם איַיזערנעם שפּיציקן לאָם. אַזוי אַרום קאָנען זיי כאָטש זיַין מיט עפּעס געשיצט. דאָך זענען נאָך יעדן מאָל פאַרט פאַראַן קרבנות. אָבער גיין צו דער אַרבעט מוז מען שוין איצט וויַיל אַנדערש קאָנען זיי אַלעמען אויסשיסן ווי די הינט. ס'פעלן זיי דען שקלאַפן?

איך האָב אָפּגעאַרבעט עטלעכע וואָכן ביַים טראָגן ציגל און קלעצער ביז איך בין אַוועקגעפאַלן קראַנק און געמוזט בליַיבן אין באַראַק עטלעכע טעג. פּלוצלינג האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז אַלע פון אונדזער באַראַק ווערן געפירט באַטראַכט צו ווערן פון אַ דאָקטער, און נאָכן באַטראַכטן וועלן מיר דאַרפן נאָך אַ מאָל מאַכן נייַע פינגער־אָפּדרוקן. לויט ווי ס'האָבן אונדז דערקלערט די אַלטע לאַגערניקעס גרייט מען אונדז צו כדי צו שיקן אונדז אין די קוילנגרובן. נישט קוקנדיק דערויף וואָס כ'האָב מיך נאָך געפילט שוואַך, האָט מען מיך פון דעסטוועגן געפירט צו מאַכן די פינגער־אָפּדרוקן. דאָרט איז מיר געוואָרן זייער שלעכט. מ'האָט מיך גליַיך אַוועקגעפירט צום סאַניטאַרן־פּונקט.

אויפגענומען האָבן מיך דאָרט צוויי פּרויען־דאָקטוירים, מיך באַטראַכט מוטערלעך, און אָנגעשריבן אַ פּראָטאָקאָל, אַז דערוויַיל קאָן מען מיך נישט שיקן אויף קיין שום אַרבעט. זיי האָבן מיך אויסגעפרעגט ווער און וואָס איך בין. ווי אַזוי כ'בין געוואָרן אַרעסטירט. מיך אויסגעהערט ערנסט. אין

זייער אויסשפּראַך האָב איך דערקענט אַז זיי זענען נישט קיין רוסישע, אין זייערע אויגן האָט מען געקאָנט לײַכט דערקענען עפּעס ייִדישס...

פלוצלינג האָט איינע אָנגעהויבן רעדן צו מיר פּויליש. כ׳האָב זי גע־פרעגט פון וואַנען זי קען אַזוי גוט די פּוילישע שפּראַך. איז געקומען אַן ענטפער: — אַ געבוירענע אין וואַרשע זאָל נישט קענען קיין פּויליש?... די צווייטע האָט צוגעגעבן, אַז זיי קענען אויך נאָך אַ שפּראַך. וואָס וועט מיר זיכער זײַן אײַנגענעם צו הערן פון זייער מויל, איבערהויפּט, אַז איך בין אַ ייִדישער אַקטיאָר... אָבער נישט איצט, אַ צווייט מאָל...

זיי האָבן מיך געהייסן ברענגען נאָך אַ מאָל אין דרײַ טעג אַרום. דורך דער צײַט האָב איך זיך באַקענט מיט אַ לאַגערניק וואָס איז אויך נאָר וואָס געקומען אַהער פון אַ טורמע. אַ ייִד, אַן אינזשעניער, און דווקא אַ געוועזע־נער קאָמוניסט, שוין נישט קיין יונגערמאַן, אַ מענטש פון 55 יאָר, מיט אַ פּאַרטיי־סטאַזש פון קנאַפּע 40 יאָר. זײַן זינד איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס גלײַך נאָכן סטאַלין־היטלער־פּאַקט, האָט ער זיך אויסגעדריקט, אַז לויט זײַן מיינונג מאַכט מען דאָ אַ גרויסן פּעלער, וואָס די געשיכטע וועט עס קיין מאָל דעם ראַטנפאַרבאַנד נישט קאָנען מוחל זײַן. געזאָגט האָט ער עס צו זײַנע אַלטע פּאַרטיי־חברים, לאַנגיאָריקע פרײַנד. אין דער זעלבער נאַכט האָט מען אים אַרויסגענומען פון בעט און אַרײַנגעוואָרפן אין טורמע.

עס זענען געקומען שרעקלעכע איבערלעבונגען בײַם אויספאָרשן אים. ער אָבער האָט זיך געהאַלטן אײַנגעפּעסט אַז ער איז גערעכט מיט זײַן מיי־נונג. געזעסן איז ער אין דער סמאָלענסקער טורמע. אַזוי ווי די קאַמפן צווישן די היטלעריסטן און די סאָוויעטן זענען פאָרגעקומען אין שטאָט, וואָס איז אַ פּאָר מאָל איבערגעגאַנגען פון האַנט צו האַנט, האָט מען אויף גיך אַרויסגעכאַפּט די אַרעסטאַנטן און זיי געפירט דאָ אַהער. איצט וועלן אַלע געבראַכטע פון דער סמאָלענסקער טורמע האָבן אויף זיך אַ פרישן פּראָצעס דערפאַר ווײַל אין דער צײַט פון די קאַמפן, האָבן זיי געפּרוווט אויפרײַסן די טירן כדי צו קאָנען אַנטלויפן.

אויף מײַן פראַגע: — און איצט אַז די היטלעריסטן זענען טאַקע באַפאַלן רוסלאַנד — האָב איך אים געפרעגט — און מע זעט שוין אײַן אַז ער, דער אינזשעניער, איז געווען גערעכט, באַדאַרף מען דאָך אים באַפרײַען!

ער האָט זיך ביטער צעלאַכט: — ערשטנס איז דאָ אײַנגעפירט אַז אויב

איינער איז נאָר געוואָרן אַרעסטירט דאַרף ער שוין מער די פרײַהייט נישט זען, ווײַל איז ער שולדיק — דאַרף ער זיצן; איז ער אומשולדיק איז ער דאָך געוואָרן אַ שונא דערפאַר וואָס מ׳האָט אים אומשולדיק אַרעסטירט — דאַרף ער דאָך אַוודאי זיצן. זיצן טאַקע מער ווי דרײַסיק מיליאָן — דער גרעסטער טייל פון זיי — אומשולדיקע! וואָס נוגע אים, דעם ייִדישן אינזשי־ניער, שפּילט אויך אַ גרויסע ראָלע זײַן ייִדישקייט: כ׳האָב פאַרנומען אַ גוטע שטעלע, נו, וויל מען דאָך בעסער אַז אַ רוס זאָל די שטעלע האָבן... דער אַנטיסעמיטיזם איז גרויס, אַפילו בײַ די פאַרטיי־חברים, מסרט מען... זיי האָבן מיך, דעם ייִד, שוין לאַנג געוואָלט באַגראָבן, האָבן זיי פּונקט אויסגענוצט מײַן דעמאָלטיקן זאָג.

בײַם אַוועקגיין פון מיר זאָגט ער אַז דער אַנטיסעמיטיזם ברענט איצט אין ראַטנפאַרבאַנד ווי אַ שריפה.

איך בין צום צווייטן מאָל געפירט געוואָרן צו די צוויי פרויען־דאָק־טוירים זיי זאָלן מיך באַטראַכטן. כ׳האָב זיך פון זיי דערוווּסט אָט וואָס: זיי אַליין זענען אויך אַרעסטאַנטן. נאָר אַזוי ווי די מענער־דאָקטוירים — זענען כמעט אַלע גערופן געוואָרן אויפן פראָנט זענען זיי דאָ איצט די גרויסע מיוחסים... זיי זענען דאָ די הויפּט־דאָקטוירים. מ׳האָט פּלוצלינג באַקומען פאַר זיי גרויס דרך־ארץ. דאָס וואָס זיי באַשטימען ווערט גלײַך אויסגעפירט. זיי באַרויִקן מיך אַז אין קיין קוילנגרובן וועט מען מיך נישט שיקן. זיי וועלן מיך איבערשיקן אין דעם קאַראַבאַסער לאַגער־שפּיטאָל. איך דערוויס זיך פון זיי אַז זייערע מענער זענען צוגענומען געוואָרן פון זייערע היימען שוין מיט עטלעכע יאָר צוריק. שפּעטער האָט מען אויך זיי מיט די קינדער אַרעסטירט און פאַרשיקט. זיי ווייסן נישט פון קיינעם פון זייערע פאַמיליעס. גערעדט האָבן זיי מיט מיר דאָס מאָל אַ מחיהדיקן ייִדיש. פּלוצלינג האָט מיך איינע געגעבן אַ פרעג:

— צי דאָס הויז אין וואַרשע אויף נאַלעווקעס 39 שטייט נאָך גאַנץ? זיי געדענקען אַז דורך דעם הויז האָט מען געקאָנט אַדורכגיין אויף דער קור־פיעצקע־גאַס. כ׳האָב באַמערקט פינקלענדיקע טרערן אין זייערע אויגן. גע־וואָלט זיי טרייסטן און געזאָגט אַ בפירוש ליגן אַז דאָס הויז איז צופעליק געבליבן שטיין גאַנץ... זיי האָבן לײַכט אָפּגעאָטעמט און שטיל געטון אַ שעפּטשע:

— גאָט צו דאַנקען.

מיט לאַנגע יאָרן צוריק האָבן זיי דאָרט איבערגעלאָזן אַלטע טאַטע־מאַמע. און זיי זענען געלאָפן איבער דער גרענעץ מיט גרויסע האָפענונגען צו דערגרייכן די פרייַהייט, דעם גרויסן יושר, די אידעאַלע גערעכטיקייט. פון זייער יוגנט אָן האָבן זיי געשטרעבט צו דעם, און וואָס איז געוואָרן פון זייער גרויסן חלום? זייער לעבן איז צעבראָכן. אָפּגעגאַרטע רעדן זיי פונעם אַנטיסעמיטיזם וואָס הערשט אין דער פּאַרטיי. געבנדיק מיר אַ פּאַפּיר מע זאָל מיך איבערשיקן אין שפּיטאָל אַרייַן, האָבן זיי מיך שטאַרק געבעטן אַז אויב מיר, פּליטים, וועלן אפשר אַ מאָל זען די פרייַע וועלט, זאָלן מיר נישט פאַרגעסן צו דערציילן דעם גאַנצן אמתדיקן אמת, וואָס מיר האָבן געזען און געהערט דאָ אין די צוואַנגלאַגערן און אויך אויף דער „פרייַ" אין ראַטנ־פאַרבאַנד.

בײדע פרויען־דאָקטוירים, וואָס זענען אַזוי אַנטוישט געוואָרן אין דער סטאַלין־מלוכה, זענען נאָך נישט געווען קיין 50 יאָר אַלט, אָבער זייערע האָר זענען שוין געווען גראָ־ווייַס ווי בייַ 75־יאָריקע זקנות. אויף זייערע פּנימער איז געלעגן אויסגעגאָסן אַ ים פון שרעקלעכע איבערלעבונגען. זיי האָבן זיך מיט מיר געזעגנט און טרערן זענען גערונען פון זייערע אויגן.

קאַפּיטל 54

אַמנעסטיע פאַר פוילישע בירגער

איך האָב זיך געפונען אין שפּיטאָל אין קאַראַבאַס. אַ טייל פונעם קאַראַגאַנדאַ־לאַגער. אַן אַלטער פּרימיטיווער באַראַק מיט אַ צוואַנציק קראַנקע, וואָס זענען געלעגן אויף שעניקעס מיט שטרוי, פונקט אַזוי ווי די אַרעסטאַנטן אין זייערע באַראַקן, געקריגן דאָס זעלביקע עסן, דאָס שוואַרצע שטיקל, נישט־גוט־אויסגעבאַקענע ברויט, און דאָס ביסל וואַסערדיקע זופּ. נאָר איין פּריווילעגיע האָט מען געהאַט, וואָס מ'האָט נישט געשיקט אויף קיין אַרבעט. אין דאָזיקן שפּיטאָל בין איך לאַנג נישט געלעגן. קנאַפּע צען טעג. דורך דער צייַט איז בייַ מיר געווען צוויי מאָל איינע פון די צוויי יידישע אַרעס־

טאַנטן־דאָקטערשעס. זי האָט מיך געטרייסט און געזאָגט, אַז זי ווייסט עפּעס נײַעס. אַזוי ווי אויף די פראָנטן גייט שלעכט האָט די ראַטנמאַכט זיך גע־פונען געצווונגען זיך צו דערנענטערן צו די מערב־דעמאָקראַטיעס. אין קורצן, האָט זי געהערט, דאַרף זײַן עפּעס גאָר וויכטיקע נײַעס וואָס האָט אַ שײַכות צו אונדז, פּוילישע פּליטים־אַרעסטאַנטן; אַז אין מאָסקווע געפינט זיך דער פּרעמיער־מיניסטער פון דער פּוילישער גלות־רעגירונג גענעראַל שיקאָר־סקי. ער האָט געהאַלטן אַ רעדע דורכן מאָסקווער ראַדיאָ צום סאָוויעטישן פאָלק און צו אַלע פּוילישע בירגער וואָס געפינען זיך אין ראַטנפאַרבאַנד. זי האָט מיר דערמאָנט אַז זי האָט מיר פאָרויסגעזאָגט, אַז ס׳קאָן זײַן, אַז מיר, פּוילישע, זאָלן נאָך אַ מאָל דערלעבן די פרײַהייט... זיכער האָבן די טרייסט־ווערטער פון דער פילגעפרוווטער לײַדנדיקער ייִדישער טאָכטער געווירקט אויף מיר...

פון מײַנע בײדע זײַטן האָב איך געהאַט צוויי שכנים — איינעם אַ פּאָלאַק, דער צווייטער אַ ייִד, אַן אַלטן מאַן פון 78 יאָר. ווי קומט ער דאָ אַהער? דאָס וועל איך איבערלאָזן אויף שפּעטער. פריִער אָבער וועל איך דערציילן פון דעם פּאָלאַק.

אים האָב איך גאָרנישט באַדאַרפט פרעגן. ווי נאָר ער האָט דערהערט אַז כ׳בין אַ פּוילישער בירגער האָט זיך שוין זײַן מויל נישט צוגעמאַכט... קודם האָט ער מיר דערציילט, אַז ער איז אַ פּולקאָווניק פון דער פּוילישער אַרמיי. ער מיט זײַן פּולק זענען אין דער מילחמה אָפּגעטרעטן — נאָך אַ ריי שלאַכטן אויף די קרעסן — אין דער פּינסקער געגנט. דאָרטן האָבן זיי נישט געהאַט קיין אַנדערע ברירה ווי זיך איבערצוגעבן דער רוסישער אַרמיי וועלכע האָט פאַרנומען יענע געגנט... אין אָנהייב האָט זיך אים אויס־געוויזן אַז אַלצדינג וועט צוגיין לויט דער אָנגענומענער אינטערנאַציאָנאַ־לער מיליטערישער קאָנווענץ. מע וועט בײַ זיי צונעמען דאָס געווער און זיי אַלע אינטערנירן אין ספּעציעלע לאַגערן. דאָרט וועלן זיי זײַן ביזן סוף פון דער מילחמה און שפּעטער וועט מען זיי אַהיימשיקן. ווי נאָר אָבער זיי האָבן איבערגעגעבן דאָס געווער האָט מען אָנגעהויבן יעדן איינעם אויספאָרשן, פּונקט אַזוי ווי מע וואָלט אַרײַנגעפאַלן אין געפאַנגענשאַפט צו אַ שונא. צום סוף זיי צעטיילט און פאַרשיקט אין די שקלאַפן־לאַגערן. ער מיט נאָך אַכצן אָפיצירן זענען אַרײַנגעפאַלן אין די קאַראַגאַנדער קוילנגרובן. זײַנע קאָ־

לעגן לעבן נישט מער. זיי האָבן נישט אויסגעהאַלטן. ער, וואָס איז געווען פיזיש שטאַרקער פון זיי, וואָלט שוין אויך אין קורצן געווען געפוילט אין דער קאַראַגאַנדער ערד, איז אָבער פּלוצלינג פאַרגעקומען עפּעס אַזוינס, וואָס איז אים נאָך נישט אין גאַנצן קלאָר. מיט עטלעכע טעג צוריק האָט מען אים פּלוצלינג אַוועקגענומען פון דער שווערער פערצן־שעהדיקער קוילנ־גרובן־אַרבעט, און אים אַרײַנגעפירט צום נאַטשאַלניק, וואָס האָט אים דער־קלערט אַז עס קומט פאַר אים, דעם פּוילישן מיליטער־מאַן, אַ בעסערע צײַט. ער וועט שוין מער נישט אַרבעטן אינעם קוילנגרובן. גאָר אין קורצן וועט ער אפשר קאָנען אויסאיבן זײַן מיליטערישע קאַריערע קעגן דעם געמיינ־זאַמען שונא, דעם באַנדיט היטלער.

פון דער מינוט אָן האָט מען אים אָנגעהויבן בעסער צו באַהאַנדלען, מ׳האָט אים געוואָלט גלײַך אָפּראַזירן זײַן באַוואָקסענע באָרד. ער האָט אָבער אויסגעדריקט זײַן קעגנערשאַפט, געוואָלט בלײַבן מיט דער באָרד, זאָגנדיק אַז ער האָט שטענדיק אַלס פּולקאָווניק געטראָגן אַ בערדל. מ׳האָט אים נאָר אַרומגעשוירן זײַן פאַרוואָקסענע באָרד. דאָ וועט ער ליגן נאָך עטלעכע טעג. אין קורצן נעמט מען אים צו פון דאַנען. צי דאָס, וואָס מ׳האָט אים געזאָגט, וועט טאַקע זײַן אמת אָדער דאָס איז נאָר אַזאַ מין „טריק" — ווייסט ער נישט. קיין גרויסן צוטרוי האָט ער נישט צו זיי.

כ׳האָב אים געפרעגט זײַן נאָמען. ער האָט מיר געזאָגט אַז דאָ אין לאַגער דאַרף ער מיר נישט געבן זײַן נאָמען, ווײַל ער איז סײַ ווי נישט דער אמתער. איידער ער האָט זיך איבערגעגעבן אין געפאַנגענשאַפט צו די סאָוויעטן, האָט ער זײַנע אַלע דאָקומענטן פאַרברענט...

אין צוויי טעג אַרום האָט מען אים צוגענומען פונעם אַזוי־גערופענעם שפּיטאָל אין קאַראַבאַס וואָס מאַכט גיכער דעם אײַנדרוק פון אַ הקדש.

נאָכן אָפּזײַן אינעם הקדש־שפּיטאָל זעקס טעג און נאָך דעם ווי דער אַלטער ייִדישער לאַגערניק, וואָס איז געלעגן אין מײַן שכנהשאַפט, האָט זיך איבערגעצײַגט, אַז אַלצדינג, וואָס איך האָב אים דערציילט פון זיך, שמעקט מיט אמת און ייִדישער ברידערלעכקייט, האָט ער מיר אָנגעהויבן דערציילן זײַן „געשיכטע", ווי אַזוי ער געפינט זיך דאָ.

ער האָט מיר מודה געווען אַז ער איז שוין אַלט 78 יאָר. יאָ, יאָ, גאַנצע 78 יאָר. איך דאַרף מיך נישט וווּנדערן, ווײַל אָט ליגט דאָרטן אין ווינקל

אַן אַלטער אוזבעק פון איבער 90 יאָר, וואָס איז כמעט טויב און בלינד, און פון דעסטוועגן האַלטן זיי אים דאָ אין לאַגער. מיט עטלעכע יאָר צוריק — אין 1936 — זאָל אָט דער אַלטער אוזבעק האָבן געשריגן אין טאַשקענט אויפן מאַרק אין דער צייט ווען מ'האָט איינגעפירט די צוואַנג־קאָלכאָזן:

— ווער איז אָט דער טייוול סטאַלין? אַ נייער צאַר, וואָס מיר מוזן אַלצדינג טון וואָס אים געפעלט? מער האָט מען נישט באַדאַרפט. ער איז אַזוי אָפּגעלעגן אין דער טאַשקענטער טורמע אַ לאַנגע צייט. איצט ליגט ער דאָ אַזוי...

און איצט פאַר וואָס ער אַליין, אַברהם אַבּרבּנאל, איז דאָ אין דעם הקדש־שפּיטאָל־לאַגער? ער זאָגט מיר גלייך אַז זיין נאָמען איז ריכטיק אַברהם אַבּרבּנאל, כדי שפּעטער מיר קענען געבן צו פאַרשטיין ווי אַזוי מ'האָט אים זיין יחוסדיקן נאָמען פאַרדרייט. איצט הייסט ער גאָר אַבּראַם באַרבאַן.

ער איז געבוירן אין אַ קלענערער קאַווקאַזער שטאָט. זיין זיידע האָט נאָך דאָרטן געוווינט, זיין גאַנצע מישפּחה זענען געווען פרומע ייִדן, ספרדים לויטן אָפּשטאַם. זיין זיידע האָט קיין ייִדיש נישט געקענט. דערפאַר האָט ער גוט געקענט שפּאַניאָליש, לאַדינאָ. ער האָט עס אין זיך איינגעזאַפּט נאָך פון זיין קינדהייט ביי זיינע עלטערן, ביי די עלטער־עלטער־זיידעס. אַלע דורות זייערע האָבן געקענט גוט העברעיִש. פאַרשטייט זיך, עטלעכע פון זייער מישפּחה האָבן שטענדיק פאַרנומען אין פאַרשידענע קאַווקאַזער שטעט און שטעטלעך דעם אַמט פון אַ רב, אויך ער אַליין איז געווען דער מורה־דרך אין זיין שטעטל, דער רב. זיי ציִען זייער יחוס נאָך פון די אַנטלאָפענע ייִדן פון שפּאַניע, אַ סימן זיין פאַמיליע־נאָמען אַבּרבּנאל. אָבער זינט ס'איז אויפגעקומען די סאָוויעטנמאַכט, האָט מען באַדאַרפט זיין זייער פאָרזיכטיק צו ווען פאַרשפּרייטן ייִדישקייט און תורה צווישן ייִדן... געדאַוונט אָבער האָט מען ווייטער אין זייער שטעטל פּונקט ווי אַמאָליקע יאָרן. פאַרשטייט זי, אַז די „מאַכט" האָט געקוקט קרום אויף דעם, אָבער איז שול האָט מען שבת און יום־טוב נאָך געזען אַ סך עלטערע ייִדן און אויך אַ ביסל יוגנט. יעדן יום־טוב פלעגט ער האַלטן אַ דרשה אין דער שול צו דערקלערן דעם באַטייט פון יום־טוב ביי די ייִדן. דעם פּסח האָט ער געהאַלטן אַ דרשה און געזאָגט, אַז פּסח איז אַ יום־טוב פון פרייהייט ביי די ייִדן. ער דערמאָנט יציאת־מיצרים, אַז די ייִדן זענען דעמאָלט געווען קנעכט און פאַרשקלאַפט,

און גאָט האָט זיך דערמאָנט אין זײַן פֿאָלק און זײ אַרויסגעפֿירט פֿון קנעכט־שאַפֿט; מע דאַרף האָפֿן אַז גאָט וועט נישט פֿאַרגעסן ווײַטער אין זײַן פֿאָלק, אין זײַנע ייִדן, און זײ אויך באַפֿרײַען פֿון אַלערלײ פּרעהס און לאָמיר האָפֿן אַז מיר וועלן מער נישט זײַן פֿאַרשקלאַפֿט צו קײן שום פּרעה.

מיט עטלעכע טעג שפּעטער איז מען געקומען צו אים בײַנאַכט, אים צוגענומען פֿון שטוב, געפֿאָרשט ווען ער האָט געמײנט מיטן וואָרט פּרעה און פֿון וועלכן פּרעה וויל ער דאָס באַפֿרײַען זײַנע ייִדן. מ׳האָט אויך נישט געזשאַלעוועט קײן קלעפּ. ער פֿאַרשאַרצט דאָס העמד זײַנס און ווײַזט מיר אַז נאָך הײַנט זענען קענטיק די צײכנס אויף זײַן לײַב. די ענקאַוועדע־אויספֿאָרשערס האָבן נאָר געוואָלט וויסן ווער ס׳האָט אים געלערנט אָט די דרשה, און ווער ס׳האָט אים געהײסן זאָגן די ווערטער וועגן הײַנטיקער קנעכטשאַפֿט פֿון די ייִדן און זײער באַפֿרײַונג פֿון דער דאָזיקער קנעכטשאַפֿט. ער האָט דערקלערט אַז ער האָט נאָר געגעבן אַ היסטאָרישן איבערבליק פֿון דער ייִדישער געשיכטע, און אויך ציטירט פֿון די נביאים, אַז די ייִדן וועלן באַפֿרײַט ווערן פֿון זײער קנעכטשאַפֿט, ווו זײ זאָלן זיך נישט געפֿינען, און ווער עס זאָל נישט זײַן זײער פֿאַרקנעכטער. ער זעט נישט אײַן ער זאָל האָבן באַגאַנגען אַ זינד מיט דעם קעגן דער ראַטנמאַכט.

זײ האָבן געהאַלטן אין אײן טענהן אַז זײ ווײסן שוין גוט ווען ער האָט געמײנט מיטן וואָרט פּרעה... און פֿון ווען מע דאַרף זיך באַפֿרײַען פֿון דער הײַנטיקער קנעכטשאַפֿט. בכלל האָט מען שוין לאַנג אויף אים אַן אויג, אַז ער, דער רב, פּרעדיקט קלעריקאַליזם...

מע האָט אים אַזוי געמוטשעט אין דער טורמע אין באַקו שײנע חדשים. שפּעטער האָט מען אים געשיקט אַהער און אַזוי ווי קײן שום נוצן קאָנען זײ פֿון אים סײַ ווי נישט האָבן, ווײַל ער גײט קוים אויף זײַנע פֿיס, ליגט ער דאָ אין דעם הקדש שוין מער ווי צוועלף וואָכן.

מיט זײַן פֿאַמיליע־נאָמען איז געווען אַזוי. אײדער מ׳האָט אים דאָ אַהער געשיקט האָט מען אויסגערופֿן דעם נאָמען אין טורמע־קאַמער ווו ער האָט זיך געפֿונען. מ׳האָט גערופֿן אַבראַם באָרבאַן. ער האָט טאַקע דערהערט אָבער זיך נישט אָפּגערופֿן, דער אויסרופֿער האָט צו אים געגעבן אַ געשרײ, און אים געמאַכט דעם באַוווסטן רוסישן „מי שברך" — געשריגן צו אים אַז דאָס מײנט מען אים. ער האָט געענטפֿערט אַז זײַן נאָמען איז נישט באָרבאַן.

זיי מאַכן אַ טעות. נו, נו, האָבן זיי אים שוין געוויזן וואָס דאָס הייסט זאָגן אַז זיי, די ענקאַוועדע, מאַכט אַ טעות.

צווײ וועכטער האָבן אים געגעבן אַ כאַפּ און מיטן גאַנצן כוח געשלעפּט צום נאַטשאַלניק פאַר דער חוצפּה צו זאָגן אַז זיי מאַכן אַ טעות...

דער נאַטשאַלניק האָט אים דערקלערט אַז זײַן נאָמען איז באַרבאַן. ער זאָל נישט אויסקלערן קיין בילבול אויף דער נאַטשאַלסטווע אַז זיי האָבן איבערגעמאַכט זײַן נאָמען, פאַרקערט, ער דאַרף זײַן שטאָלץ מיט זײַן פאַמיליע־נאָמען באַרבאַן, ווײַל דאָס נעמט זיך דאָך פון — „באַרבאַ״, ס׳הייסט, קאַמף, אויף רוסיש, און ער קעמפט דאָך פאַר זײַנע „זשידעס״, און צוגעגעבן: — מער זאָל מען פון דיר נישט הערן אַז מ׳האָט דאָ בײַ אונדז איבערגעמאַכט דײַן נאָמען! און מ׳האָט אים געהייסן אונטערשרײַבן דעם פּראָטאָקאָל.

און אַזוי רופט מען אים איצט, אַנשטאָט אַברהם אַברבנאל — אַבראַם באַרבאַן. אָט דאָס פאַרשוועכן זײַן גרויסן יחוסדיקן נאָמען קאָסט אים מער געזונט ווי אַלע זײַנע לײַדן.

מיט עטלעכע טעג נאָך דעם ווי איך בין אַרויס פונעם הקדש־שפּיטאָל האָט מען פלוצלינג געמאָלדן אין אַלע באַראַקן ווו ס׳האָבן זיך נאָר געפונען אונדזערע ייִדישע פּליטים־לאַגעריסטן, פּוילישע בירגער, אַז זעקס אַזייגער פאַרנאַכט זאָלן אַלע אַרויסקומען אויפן גרויסן פּלאַץ ווו מיר פלעגן זיך אויסשטעלן צו באַקומען דאָס ברויט. צו דער באַשטימטער צײַט זענען אַלע שוין געווען אויפן פּלאַץ. מיר וואַרטן מיט גרויס שפּאַנונג. וואָס וועט דאָ זײַן? אין אַ צען מינוט שפּעטער זעען מיר ווי ס׳קומט אָן די נאַטשאַלסטווע. איינער פון זיי שטעלט זיך אַרויף אויפן טיש און האַלט אַ רעדע ספּעציעל צו אונדז פּוילישע, ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט... ער דערציילט וועגן אָנפאַל פון די געמיינע בלוטיקע היטלער־מערדערס, פרײַער אויף פּוילן און הײַנט אויפן ראַטנפאַרבאַנד, און צום סוף, אַז די סאָוויעטן־מאַכט האָט געשלאָסן אַן אָפּמאַך מיט דער פּוילישער רעגירונג, פון גענעראַל שיקאָרסקי, וואָס זיצט אין לאָנדאָן, וועגן גרינדן דאָ אין ראַטנפאַרבאַנד אַ פּוילישע אַרמיי וואָס וועט קעמפן קעגן די היטלעריסטן. די סאָוויעטן־מאַכט האָט באַשטימט צו מאַכן אַן אַמנעסטיע פאַר אַלע פּוילישע בירגער, וואָס זענען אַרעסטירט, וועמענס סראָק איז נישט מער ווי ביז פינף יאָר. שוין די טעג וועט מען אָנהייבן באַפרײַען.

מע קאָן גוט פאַרשטיין אַז מיר, די שקלאַפן־אַרבעטער, זענען באַהערשט געוואָרן פון אַ גרויסער פרייד. ס׳האָבן זיך געהערט אויסרופן: — נידער מיט די היטלעריסטישע מערדער! מיר וועלן גיין אין קאַמף קעגן זיי!

מיט עטלעכע טעג שפּעטער האָט מען אָנגעהויבן רופן איינציקווייז, יעדן איינעם באַזונדער און אים אָפּגעגעבן זײַנע זאַכן, אָבער נאָר די קליידער, אַן אָנצוג, אָדער מאַנטל. די ריכטיקע ווערטזאַכן — לאָ. מ׳האָט מיר געגעבן מײַן צעקנייטשטן, אויסגעריבענעם אָנצוג, אין וועלכן כ׳בין געוואָרן אַרעסטירט, אַן אויסגעוואַלגערטן אין דער מיליץ, ענקאַווע״דע און אין טורמע, אַזוי אַז ער האָט אויסגעזען אַ שמאַטע, נישט קיין אָנצוג. אָבער מײַן גאָלדענעם זייגער, דעם לאָנדזשין מיטן גאָלדענעם קייטל, דאָס גאָלדן פינגערל, די גאָלדענע פעדער און ס׳געלט — דאָס נישט. מ׳האָט מיר געענטפערט אַז דאָס וועל איך אויך באַקומען צוריק, אָבער שפּעטער, ווען איך וועל זיך שוין געפינען אויף דער פרײַ. אויף מײַן פראַגע: — ווער וועט מיר עס אָפּגעבן? איז געווען דער ענטפער: — דער „גולאַג״.

וואָס איז דאָס אַזוינס „גולאַג״? — האָב איך געפרעגט. האָבן זיי מיר געזאָגט, אַז גולאַג געפינט זיך אין מאָסקווע, און דאָס מיינט „גלאַוונאָיע אופּראַווליעניע לאַגעריעי״. די הויפּט־אָנפירונג פון אַלע לאַגערן.

ס׳איז געקומען אַ מעלדונג אַז אין לעצטן טאָג פון סעפּטעמבער זאָלן זיך אַלע אויסשטעלן לעבן טויער פון לאַגער און מע וועט אויסרופן די נעמען.

דרײַ טעג האָט געדויערט דאָס אויסרופן די נעמען, און אַלע דרײַ טעג האָב איך נאָך נישט געהערט אויסרופן מײַן נאָמען, נישט נאָר מײַן נאָמען, נאָר נאָך אַ סך הונדערטער האָבן נישט געהערט אויסרופן זייערע נעמען. ס׳זענען דאָך געווען אויסצורופן טויזנטער נעמען! איך האָב ווײַטער אָנגעהויבן איבערצולעבן גרויס פאַרצווייפלונג. איך ווייס? ווער קאָן וויסן בײַ זיי? אפשר באַפרײַען זיי נישט אַלעמען? ס׳האָט טאַקע געטראָפן אַז אַ סך אויסגערופענע, וואָס זענען שוין געווען גרייט אַרויסצוגיין פון ערשטן טויער, פון קנעכטשאַפט צו „פרײַהייט״, האָט מען גאָר צו זיי געגעבן אַ געשריי: — „אַבראַטנאָ״! צוריק, דו נישט! דו ווערסט נישט באַפרײַט!

אָט האָט נאָר וואָס געטראָפן אַז זלמן רייזינס זון, לייבקען, האָט מען געהייסן גיין צוריק אין באַראַק אַרײַן. אויך מיט אַנדערע האָט עס געטראָפן. אַזוי האָט מען צוריקגעשיקט דורך די ערשטע טעג מער ווי דרײַ הונדערט

מאַן. איז פון וואַנען בין איך שוין געווען זיכער צי מע וועט נאָך דעם אויס־רופן מײַן נאָמען, צי מ׳וועט מיך נישט שיקן צוריק אין באַראַק אַרײַן? מע קאָן זיך שוין פאָרשטעלן מײַן פאַרצווייפלונג.

ענדלעך האָב איך דערהערט אויסרופן: — דוד פישעלעוויטש לעדער־מאַן! איך בין צו צום טויער. מ׳האָט מיך נישט געהייסן גיין צוריק... נאָר אַרויסגעלאָזט אויף דער פרײַ...

דעמאָלט, אין דער ערשטער מינוט, האָב איך נישט געטראַכט וועגן וואָס ווײַטער? ווו גייט מען? וואָס טוט מען איצט צו קאָנען אַרויס אין דער אמתער פרײַער וועלט? דעמאָלט האָב איך נאָר געטראַכט צו זען דעם לאַגער פון דער צווייטער זײַט און וואָס ווײַטער... אינעם קאַרטל, וואָס איך האָב באַקומען, האָט זיך בפירוש געזאָגט: באַפרײַט אויפן סמך פון דער אַמנעסטיע ווי אַ פוילישער בירגער.

מײַן שטימונג איז אַ געהויבענע. ס׳גליסט זיך מיר וויינען און לאַכן: — אַמנעסטיע! באַפרײַונג! ווי שיין דאָס קלינגט! ווי אַ צויבער־מעשהלע אַזוי שיין! ווי אַ שיינער חלום! אומגלייבלעך! דאָך איז עס אַן אמת, אַ ווירקלעכ־קייט. — איך בין פרײַ, איך געפין זיך אויף דער פרײַ.

קאַפּיטל 55

געוועזענער אַרעסטאַנט

איך בין אַרויס פון ערשטן טויער, אָבער נישט אַזוי גיך אַרויס פון לאַגער. איידער מ׳האָט אַרויסגעלאָזן אין גאַנצן האָט מען יעדן איינעם גערופן צו דער נאַטשאַלסטווע. און גערופן בײַנאַכט, אַזוי ווי די ענקאַוועדע איז זיך שטענדיק נוהג. יעדער פון אונדז האָט שוין געוואַרט מע זאָל אים רופן, ווײַל מ׳האָט עס געמוזט „אַדורכמאַכן".

אַזייגער דרײַ בײַנאַכט בין איך גערופן געוואָרן אויפן לאַנג־דערוואַרטן שמועס... איך בין געפירט געוואָרן פון אַ וועכטער וואָס האָט מיר אויפן וועג דערקלערט אַז ער ווייסט אַז דאָס איז שוין די לעצטע אויספרעגונג, און אַז מע וועט אונדז אַלע „פּאָלאַקן" אַרויסלאָזן פון די לאַגערן. איצט זענען מיר

שוין נישט געווען קיין „זשידעס" פאַר זיי, נאָר „פּאָלאַקן". ער זאָגט מיר, מע דאַרף נישט זײַן קיין עקשן, מע דאַרף האָבן צוטרוי צו דער סאָוויעטן־מאַכט. „דו וועסט זען אַז מיר וועלן אַנרײַבן אַ מאָרדע דעם סוקינסין, דעם גיטלער" (אין רוסיש, איז נישטאָ קיין „הא", אַ גע לייענט זיך אויך פאַר אַ „הא", דערפאַר איז בײַ זיי פון היטלער געוואָרן „גיטלער"...).

מ'האָט מיך אַרײַנגעלאָזן אינעם ספּעציעלן צימער. דאָרטן האָב איך פאַר זיך געזען זיצן דרײַ פּערזאָן. זיי זענען צוגעטרעטן גלײַך צום פּסוק:

— גראַזשדאַנין, בירגער, מיר וואָלטן זייער געוואָלט וויסן וואָס פאַר אַ מיינונג דו וועסט געבן וועגן אונדזערע אויסבעסערונג־לאַגערן און מיר בעטן גלײַך ענטפערן.

איך מאַך אַ באַמערקונג, אַז כ'בין אַ פּוילישער בירגער און נישט קיין סאָוויעטישער. כ'האָב זיך גלײַך געוואָלט אַסעקורירן... זיי האָבן מיר באַמערקט אַז די אַמנעסטיע איז טאַקע נאָר פאַר פּוילישע בירגער...

זיי פרעגן ווײַטער:

— וואָס פאַר אַן ענטפער וועסטו געבן אויף דער פראַגע נאָך דײַן באַפרײַונג, ווי מ'האָט דיך באַהאַנדלט?

איך האָב געענטפערט, אַז איך וועל זיכער נישט אויסטראַכטן קיין שום ליגן וועגן די לאַגערן...

זיי זאָגן מיר:

— זיכער דאַרף מען נישט אויסטראַכטן קיין שום ליגן וועגן אונדזערע אַרבעט־לאַגערן, ווײַל מיר דערציִען דאָך די פאַרשלאָסענע... מיר מאַכן זיי דאָך פאַר באַוווסטזיניקע מענטשן, נישט אַזוי ווי אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, וווּ מע שלאָגט און מע מאַכט פאַר קאַליקעס די דאָרטיקע אַרעסטאַנטן... מיר ווייסן אַז דו ביסט אַן אַקטיאָר. וועסט זען, אַז ווען מיר וועלן פאַרענדיקן די מילחמה מיט דעם מערזאַוויעץ גיטלער, וועסטו גאָר נישט וועלן פון אונדז אַוועקפאָרן קײַן פּוילן. דו וועסט וועלן בעסער דאָ בלײַבן, און אפשר ווילסטו — קאָנסטו בלײַבן דאָ בײַ אונדז אין קאַראַגאַנדאַ. מיר וועלן דיר געבן אַ גוטע שטעלע דאָ בײַ אונדז... נאָר טאָמער וועסטו פאַרשפּרייטן גלאַנגען, אַז מ'האָט דיך שלעכט באַהאַנדלט, אָדער אַז מ'האָט דיך געשלאָגן, וועט זײַן זייער נישט גוט, דו הערסט, גראַזשדאַנין, ס'וועט

זײַן זייער נישט גוט מיט דיר, און אַז מיר זאָגן נישט גוט, האַלטן מיר וואָרט, פאַרשטאַנען?

— יאָ, יאָ, — האָב איך געענטפערט, — איך האָב זייער גוט פאַר־שטאַנען?

— נו, וואָס זאָגסטו, וועסט בלײַבן בײַ אונדז?

— ניין, — האָב איך געענטפערט, — איך וויל דאָ נישט בלײַבן. איך וויל פאָרן דאָרט ווו מע קאָן שפּילן יידיש טעאַטער, ווײַל אָן טעאַטער וועט מיר זײַן זייער שווער צו לעבן...

זיי האָבן זיך דורכגעשמועסט צווישן זיך אין דער שטיל און מיר גע־מאָלדן אַז איך קאָן זיך אויסקלײַבן צו פאָרן אין צוויי ערטער: סיביר אָדער מיטל־אַזיע. דאָס זענען די ערטער ווו מע קאָן מיך שיקן.

איך האָב געענטפערט, אַז אַזוי ווי איך וויל נישט זײַן אין קיין קאַלטער געגנט, מיין איך, אַז פאַר מיר וועט זײַן בעסער ערגעץ אין מיטל־אַזיע... איידער מ'האָט מיך געהייסן אַרויספירן אינעם ספּעציעלן באַראַק פאַר די אַמנעסטירטע האָט מען מיר ווײַטער געזאָגט:

— געדענק, זאָלסט נישט זאָגן קיינעם אַז מ'האָט דיך שלעכט באַ־האַנדלט... געדענק עס גוט.

מיט דער קאַרטע „אַמנעסטירט געוואָרן ווי אַ פּוילישער בירגער" האָט מען מיך געשיקט אין אָרדזשעניקידזע, אַ פאַרשטאָט פון טאַשקענט. איך האָב נישט געטאָרט וווינען אין קיין שום הויפּטשטאָט פון דער סאָוויע־טישער רעפּובליק. אַזוי איז געווען געשריבן אין מײַן קאַרטע. מע זאָל גוט אָנזען, אַז כ'בין אַ געוועזענער אַרעסטאַנט, און איצט שיקט מען מיך דאָרט ווו זיי געפעלט. דאָס האָט אייגנטלעך געהייסן אַ ווײַטערדיקער אַרעס־טאַנט, אַ פאַרשיקטער, נאָר נישט אין קײַן טורמע אַרײַן, ווײַל מע ווײַזט מיר אָן מײַן וווינאָרט... אײַ, פון וואַנען וועל איך דאָרטן אין דעם דערפל, אָדער שטעטל, מאַכן אַ לעבן? איז ווער זאָגט, אַז איך דאַרף דאָרט מאַכן אַ לעבן? האָבן זיי דען בכלל געוואָלט איך זאָל לעבן?...

איך בין זיך מודה, אַז כ'האָב קיין איין מאָל נישט געזען דאָס אָרט ווו מ'האָט מיך איצט פאַרשיקט... די אומשטענדן אַליין האָבן שוין אַזוי דערפירט צו דעם כ'זאָל מוזן ריזיקירן, אַנדערש בין איך דאָך גלײַך געווען פאַר־מישפּט צום אומקום... האָב איך טאָקע געמוזט ריזיקירן און קעמפן, אַפילו

נישט־ווילנדיק, כדי אפשר צו קאָנען איבערהאַלטן מיט דער האָפענונג זיך צו דערוואַרטן די אמתע באַפרײַונג...

יעדער באַפרײַטער האָט באַקומען פיר קילאָ ברויט, אַ ביסל פּראָדוקטן, ווי למשל, פּאָמידאָרן, אוגערקעס, געזאַלצענע הערינגלעך, 50 רובל געלט און אַ בילעט ביזן אָרט וווּ מ׳האָט דעם „באַפרײַטן״ פאַרשיקט... גלײַך פאָרן איז געווען אוממעגלעך, ווײַל זיך אַרײַנבאַקומען אין דער באַן איז געווען אַ חלום, נישט מער. ס׳זענען דאָך באַפרײַט געוואָרן פון די לאַגערן הונדערטער טויזנטער אַרעסטאַנטן! אַלע באַנען זענען געווען אַזוי געפּאַקט אַז מ׳איז אַפילו געפאָרן אויף די דעכער...

וויפל מאָל מיר זענען, אַ גרעסערע גרופּע, געגאַנגען צו דער באַן, זענען מיר געצוווּנגען געווען צו גיין צוריק צום לאַגער־נאַטשאַלניק און אים מעלדן, אַז ס׳איז אוממעגלעך צו פאָרן ווײַל די באַנען זענען איבערפולט. ער האָט אונדז געגעבן אַ באַראַק אויסערן לאַגער, אָבער אין שכנהשאַפט מיטן הויפּט־לאַגער, און אונדז געזאָגט, אַז מיר וועלן דאָרט קאָנען איבערוואַרטן אַ שטיקל צײַט, און נאָך אַ וויכטיקע זאַך: מ׳האָט צו אונדז, די באַפרײַטע אַרעסטאַנטן, פּלוצלינג אָנגעהויבן רעדן מיטן וואָרט „טאָוואַרישטשי״, חברים. אין אונדזערע אויערן וואָלט עס געקלונגען קאָמיש דאָס וואָרט, ווען ס׳וואָלט פאַר אונדז אויך נישט געווען אַזוי טראַגיש... מיר מוזן כאַפּן אַ טראַכט אַז ערשט נאָר וואָס זענען מיר דאָך געווען זייערע שקלאַפן, און איצט פּלוצלינג חברים...

דער באַראַק האָט געהאַט אַ פענצטער אין לאַגער אַרײַן, מיר האָבן דערזען די חברים אונדזערע, וואָס מ׳האָט נישט באַפרײַט. אַ גרויס רחמנות האָט אונדז אַרומגענומען, זיי האָבן אונדז באַמערקט און אָנגעהויבן שרײַען צו אונדז, מיר זאָלן זיי נישט פאַרגעסן, און מיר דאָ און זיי דאָרטן זענען אויסגעבראָכן אין אַ געוויין, מיר פון דער זײַט לאַגער און זיי פון יענער זײַט לאַגער. וואָס האָבן מיר פאַר זיי געקאָנט טון? מיר האָבן קודם דורכן פענצטער געוואָרפן אַ טייל פון אונדזער ברויט, פון די טאָמאַטעס, אוגערקעס. מיט עפּעס אַנדערש האָבן מיר זיי נישט געקאָנט העלפן...

לייבקע רייזין האָט צו מיר געשריגן אויפן הויכן קול, אַז ווײַזט אויס, ער וועט שוין פון דאַנען קיין מאָל נישט אַרויס. אין זײַן קול האָט זיך געהערט אַ שרעקלעכע פאַרצווייפלונג. נאַטשאַלסטווע איז גלײַך געקומען

צולויפן און אונדז געוואָרנט, מיר זאָלן צו די אַרעסטאַנטן נישט אַריבער־שרײַען ווײַל ס׳איז שטרענג פאַרבאָטן. זיי האָבן אונטערגעשטראָכן, אַז מיר זענען פרײַע בירגער, טאָוואַרישטשי, און זיי זענען דאָך פאַרשלאָסענע, אָפּ־געטיילטע פון אונדז.

מיר זענען נאָך אַ סך מאָל געגאַנגען צו דער באַן און צוריקגעקומען. אַ סך פון אונדז האָבן די צוריקבאַקומענע קאָסטיומען אַוועקגעגעבן פאַר ברויט. ענדלעך איז מיר געלונגען אין די לעצטע טעג פון אָקטאָבער זיך אַרײַנצוכאַפּן אין אַ וואַגאָן און זיך דערשלעפּן, נאָך אַ לענגערער צײַט פאָרן, ביז טאַשקענט.

וואָס אין די באַנען האָט זיך אָפּגעטון בין איך נישט אומשטאַנד צו באַשרײַבן. מ׳האָט נישט געזען קיין שום פּאַסאַזשירן, נאָר געוועזענע לאַגע־ריסטן, און נײַנציק פּראָצענט פון זיי זענען געווען ייִדן. איך בין אָנגעקו־מען אויפן טאַשקענטער וואָקזאַל. פּלוצלינג האָב איך דערהערט ווי מע רופט אויס מײַן נאָמען. מע פרעגט זיך הויך, אויפן קול, צי געפינט זיך נישט צווישן די געקומענע לאַגעריסטן דער אַרטיסט דוד לעדערמאַן? איך האָב דורכן פענצטער פון וואַגאָן דערזען צוויי באַקאַנטע פּנימער: בערל שוואַרצ־שטיין און אַרטור נײַפעלד. איך האָב זיי געזאָגט אַז איך בין עס... זיי זענען געבליבן שטיין אָן לשון. זיי האָבן, אַפּנים, נישט געגלייבט... מיך נישט דער־קענט. ס׳איז מיך טאַקע נישט מעגלעך געווען צו דערקענען. אויף מיר איז געלעגן דער שטעמפּל פון די שקלאַפן־לאַגערן...

די צוויי חברים האָבן מיך פּשוט אויף די הענט אַראָפּגעטראָגן פון וואַגאָן און געבראַכט אין אַ האָטעל. אָבער מ׳האָט מיך דאָרט נישט אַרײַנ־געלאָזן. מײַן לאַגער־קאַרטע האָט דאָך בפירוש געזאָגט אַז נאָר אין אָרדזשע־ניקידזע דאַרף איך זײַן... כ׳בין געבליבן זיצן אויף אַ באַנק פאַרן האָטעל. צופעליק האָט זיך צו מיר צוגערוקט אַ מאַן, וואָס האָט זיך פאַר מיר פאַר־געשטעלט מיטן נאָמען חלף, אַן אַקטיאָר, אַ ייִדישער אַקטיאָר. ער האָט מיך גענומען אויספרעגן פון וואַנען איך קום. האָב איך זיך שטאַרק צע־לאַכט... אָבער אַזוי שטאַרק, אַז דער דאָזיקער אַקטיאָר האָט זיך אָנגעהויבן אָפּצורוקן פון מיר און איז אַנטלאָפן... ער האָט מיך אָנגענומען פאַר אַ משוגענעם. איך האָב טאַקע אויסגעזען צו זײַן ענלעך צו דעם וואָס ער האָט געטראַכט... נישט איך האָב געלאַכט נאָר, ווי מ׳האָט מיר שפּעטער אי־

בערגעגעבן, האָב איך צו אַט דעם אַקטיאָר אויסגעלאָזט מײַן גאַנץ ביטער
האַרץ, מײַן ווייטיק און צאָרן פון מײַנע שרעקלעכע לײַדן, וואָס איך האָב
דורכגעמאַכט אין די סאָוויעטישע טורמעס און קאָנצענטראַציע־לאַגערס.

בערל שוואַרצשטיין מיט נײַפעלדן זענען גלײַך אַנגעלאָפן און מיך
אַוועקגעפירט אויף אַן אָרט אונטער דער שטאָט. דאָרט ווו ס׳האָבן געוווינט
די אַקטיאָרן וואָס האָבן געשפּילט מיט דזשיגאַן און שומאַכער. ווי נאָר
ס׳האָבן מיך דערזען די פרויען פון דער טרופּע: לאָלאַ פאָלמאַן, צעלינאַ
שומאַכער, העלאַ לוקסענבורג, מינאַ בערן און אַנדערע, זענען געוואָרן אַזעל־
כע געשרייען און געוויינען, אַז אייניקע פון זיי זענען געפאַלן אין חלשות.
אַזאַ שיינעם אײַנדרוק, אַפּנים, האָב איך געמאַכט.

דאָרט האָבן זיך אויך געפונען די אַקטיאָרן יואל בערגמאַן ע״ה, מיעטעק
ראַטשיין, מאַרק מאָראַווסקי, דער שרײַבער יצחק פּערלאָוו און דער אַדמי־
ניסטראַטאָר גורוויטש. צוזאַמען מיט זיי זענען אויך געווען מוזיקער. אַלע
מוזיקער זענען געווען ייִדן, אויסער איינער, אַ פּאָלאַק, מרוז, אַ ביאַליסטאָקער.
דער הויפּט־דירעקטאָר פון דער טרופּע איז געווען אַ סאָוויעטישער מענטש,
אומאַנסקי, אַלס שנײַדער פון דער טרופּע איז געווען דער ייִנגערער ברודער
פון דזשיגאַנען, אַ טײַערער און ווילער יונגערמאַן.

נאָך דעם ווי אַלע זענען שוין געהאַט געקומען צו זיך פון מײַן פּלוצ־
לינגדיקן אָנקום, נאָך די טרערן און פרייד, מער טרערן ווי פרייד, האָט
מען מיך אַרײַנגעלייגט אין אַ בעט, און מיר געמאָלדן, אַז דערווײַל זאָל איך
נישט זאָרגן. כ׳וועל דאָ קאָנען זײַן אַ שטיקל צײַט מיט זיי, אָבער נאָר אַ
ביסל. ווײַל מײַן קאָרטע פון לאַגער וואַרפט אָן אויף זיי אַ שטיקל מורא...

— ווו איז — פרעג איך — דזשיגאַן און שומאַכער? זיי קוקן זיך איבער
און זאָגן מיר אַז דזשיגאַן און שומאַכער זענען אין אַשכאַבאַד.

— אין אַשכאַבאַד? ווו איז עס ערגעץ?

— אין טורקמעניע — זאָגן זיי — אויך אַ סאָוויעטישע רעפּובליק. ס׳קאָן
זײַן די טרופּע זאָל דאָרטן אַהינפאָרן.

עטלעכע טעג בין איך אַזוי געלעגן אין בעט. כ׳האָב אָנגעהויבן אַ ביסל
קומען צו די כוחות. כ׳האָב באַמערקט, אַז די אַקטיאָרן, וואָס האָבן זיך
געפונען אויף „דער פרײַ״, געשפּילט אין מאָסקווע און לענינגראַד און אין
נאָך אַנדערע גרעסערע שטעט, אַז זיי אַליין זענען אויך אויף גרויסע גע־

האַקטע צרות... זיי געפינען זיך דאָ אין דעם אָרט, ווײַל זיי קאָנען זיך נישט פאַרגינען צו וווינען אין אַ האָטעל... אויך זיי הייסן „ביעזשענצעס", דאָס הייסט, אַנטלאָפענע, פליטים. און אָט דאָרט בין איך פלוצלינג אונטערגעקומען... לויטן געזעץ טאָר איך גאָרנישט זײַן מיט זיי צוזאַמען.

דער אַדמיניסטראַטאָר גורוויטש האָט מיך געוואָלט הייסן גיין, אָבער די אַקטיאָרן האָבן נישט געהאַט דאָס האַרץ דאָס צו דערלאָזן...

אין אַ געוויסן טאָג האָב איך זיך דערוווּסט אַז ס'קומען צופאָרן דזשיגאַן—שומאַכער. זיי האָבן זיך מיט מיר באַגעגנט. ווידער אַ ים מיט טרערן... צוזאַמען מיט דער טרופּע האָבן זיך אויך געפונען די צוויי שרײַבער־הומאָריסטן די צוויי אמת־טאַלענטירטע צושטעלער פון די שלאַגער־מאָנאָלאָגן און דיאַלאָגן פאַר דזשיגאַן—שומאַכער: משה נודלמאַן און יוסף גאָלדשטיין (דער לוסטיקער פּעסימיסט); זיי האָבן געהאַט זייער שטענדיקע הומאָריסטישע אָפּטיילונג אין די וואַרשעווער יידישע צײַטונגען. אויך זיי האָבן זיך מיט מיר געטראָפן אײַנעם אָפּרוהויז הינטער טאַשקענט. ווען איך האָב זיי דערזען און זיי מיך איז פאַרגעקומען דאָס זעלבע: טרערן, טרערן, טרערן.

איך האָב געזוכט אַ רעטונג. ס'איז מיר אײַנגעפאַלן כ'זאָל שיקן אַ טעלעגראַמע קיין אַמעריקע צו ראובן גוסקין, אין דער אַקטיאָרן־יוניאָן אַרײַן... איך דיקטיר אַ טעלעגראַמע (אין ענגליש), און דער לוסטיקער פּעסימיסט, יוסף גאָלדשטיין, שרײַבט, אַז איך, דוד לעדערמאַן, בין אַרויס פונעם לאַגער און בעט מע זאָל מיך גלײַך אַריבערנעמען קײַן אַמעריקע, צוזאַמען מיט דזשיגאַן—שומאַכער, און אויך מיט די שרײַבער נודלמאַן און גאָלדשטיין, וואָס געפינען זיך דאָ צוזאַמען מיט מיר. איך שרײַב אונטער מײַן נאָמען.

זיי קוקן מיך אָן און פרעגן צי איך וויל טאַקע ריזיקירן און אַוועקשיקן די טעלעגראַמע?

מיר גייען אויף דער פּאָסט, בײַם פענצטערל זיצט אַ פרוי, לויטן אויסזען אַ יידישע. זי נעמט צו די טעלעגראַמע, הייסט זיך באַצאָלן 87 רובל. נודלמאַן מיט גאָלדשטיינען באַצאָלן. די יידישע באַאַמטין שרײַבט אָן אַ קבלה אויף אַ שטיקל צײַטונג־פּאַפּיר. מיר האָבן אַלע געמיינט אַז די יידישע פרוי וועט די טעלעגראַמע נישט שיקן...

אָבער מיט יאָרן שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט, טאַקע פון ראובן

גוסקין, אַז זי האָט די טעלעגראַמע געשיקט און ער האָט די טעלעגראַמע דערהאַלטן. לײדער אָבער האָבן זײ דאָרטן אין אַמעריקע פאַר מיר גאָרנישט געקאָנט טון. װײַל כ'האָב אױפגעגעבן מע זאָל אַריבערנעמען פינף מענטשן. װען כ'װאָלט דעמאָלט טעלעגראַפירט, מע זאָל מיך אַלײן אַריבערנעמען װאָלט געװען אַ מעגלעכקײט עס דורכצופירן, אָבער פינף פּערזאָן איז נישט געװען קײן שום מעגלעכקײט.

די קװיטאַנציע, װאָס איך האָב באַקומען, געשריבן אױף אַ שטיקל צײַטונג־פּאַפּיר, איז געװען דערפאַר, װײַל די פּאָסט האָט פּשוט נישט פאַרמאָגט קײן װײַס פּאַפּיר. דער רײַכער סאָװיעטנפאַרבאַנד, װאָס האָט זיך געהאַלטן אין אײן באַרימען „אונאַס װסיאָ יעסט״, בײַ אונדז איז אַלצדינג דאָ, האָט נישט פאַרמאָגט אױף זײַן פּאָסט קײן װײַס שטיקל פּאַפּיר אױף אַ קבלה...

די טרופּע פאָרט קײן אַשכאַבאַד. איך פאָר מיט. כ'מוז זיך אָבער אױסבאַהאַלטן אין װאַגאָן. כ'האָב דאָך נישט קײן קאָמאַנדיראָװקע. אַלע מוזיקאַנטן זענען געפאָרן. אױך נודלמאַן, גאָלדשטײן, פּערלאָװ. ס'איז אױך מיטגעפאָרן דער דיכטער חיים גראַדע פון װילנע.

שפּעטער איז מיר קלאָר געװאָרן פאַר װאָס מ'איז געפאָרן קײַן אַשכאַבאַ. איך בין טאַקע געװעזן פרײַ, אָבער פאָרן אין אַ באַן, װי אַ פרײַער בירגער, האָב איך נישט געטאָרט, און אױב איך פאָר מוז איך ליגן באַהאַלטן אונטער דער באַנק.

קאַפּיטל 56

אַשכאַבאַד

מיר זענען געפאָרן מיט דער באַן קײַן אַשכאַבאַד, די הױפּטשטאָט פון טורקמעניע. איך האָב גוט געדענקט אַז כ'בין טריף. כ'טאָר נישט פאָרן אױף קײן באַן אָן אַ קאָמאַנדעראָװקע, אַזאַ מין פּאַפּיר, װאָס דערלױבט צו פאָרן פון אײן שטאָט אין דער אַנדערער. איך טאָר דאָך בכלל אין קײן הױפּטשטאָט נישט װױנען. אין מײַן בוזעם־קעשענע ליגט מײַן באַפרײַונג־קאַרטע

וואָס האַלט מיך ווי מיט צוואַנגען. כ׳מוז ווינען דווקא נאָר דאָרטן ווו מע הייסט מיך... און דאָ גאָר אַשכאַבאַד, וואָס ליגט נאָענט צו דער איראַנער גרענעץ...

איך האָב גלײַך דערפילט אַז דאָס פאַרן קײַן אַשכאַבאַד איז נישט בלויז צו קאָנען פאַרדינען מיט די פאַרשטעלונגען אויפן אָרעמען שטיקל ברויט... נאָר דאָ ליגט אַ געוויסע האָפענונג פון אַלע וואָס פאָרן דאָ אַהער.

נאָך וואָס פאָר איך? אַז שפּילן טאָר איך נישט. איך טאָר דאָך בכלל זיך נישט באַווײַזן דאָ. איך פאָר אָבער מיטן זעלביקן געדאַנק מיט וועלכן אַלע פאָרן אַהער, כאָטש קיינער האָט זיך מיט מיר נישט צונויפגערעדט האָב איך עפּעס פאַרשטאַנען אפשר וועט זיך פּאָרט אײַנגעבן פון דאַנען צו קאָנען אַריבער... דער אַריבער מיינט קײַן איראַן, קײַן פּערסיע. פון דאָרט איז שוין דער וועג צו דער פרײַער וועלט אָן אָפענער. אמת, כ׳האָב פאַרשטאַנען אַז די זאַך איז נישט אַזוי לײַכט, אָבער אפשר?...

אין וואַגאָן האָב איך זיך נענטער באַפרײַנדט מיטן יונג-ווילניאַנער דיכטער חיים גראַדע. אָנקומענדיק קיין אַשכאַבאַד האָבן אַלע געקאָנט אָן שום מורא אַרײַנגיין אין וואָקזאַל פון איין זײַט און אַרויסגיין פון דער צווייטער — אין שטאָט אַרײַן. איך אָבער האָב געמוזט זײַן זייער פאָרזיכטיק. ס׳האָט געקאָסט גענוג געזונט ביז איך בין אַדורך... ס׳איז געמאַכט געוואָרן אַ טומל ספּעציעל פון די אַקטיאָרן, מוזיקערס, שרייבערס און אַזוי אַרום בין איך אַדורכגעשמוגלט געוואָרן אינעם טומל. עטלעכע שוישפּילערס האָבן געפירט אַ געשפּרעך מיטן הויפּט-קאָנטראָלאָר און ס׳איז מיר געלונגען פאַרשווינדן צו ווערן פון זײַנע אויגן... אין מײַן אָנצוג, וואָס איך האָב גע־טראָגן, וואָלט איך עס נישט געקאָנט באַווײַזן, ווײַל מע וואָלט גלײַך באַ־מערקט ווער ס׳וויל דורכגיין... צווישן די מוזיקערס האָט זיך געפונען, ווי שוין דערמאָנט, דער פּאָלאַק מרוז. ער האָט פאַרמאָגט צוויי רעגן-מאַנטלען, האָט ער מיר איין מאַנטל געבאָרגט און דער מאַנטל האָט שוין אַלצדינג פאַר־שטעלט... ס׳איז געווען ווינטער 1942. אין אַשכאַבאַד איז נישטאָ קיין ווינ־טער לויטן באַגריף פון קעלט. ס׳איז דאָך מיטל-אַזיע, אָבער אין די ווינטער־חדשים איז קיל און ס׳גייען רעגנדלעך.

מיר זענען אָנגעקומען אַרום נײַן אַזייגער בײַנאַכט. כ׳בין אַדורך די

ערשטע צוויי פֿײַערן. דאָס ערשטע פֿײַער אין וואַגאָן און דאָס צווייטע — פֿון וואָקזאַל אין שטאָט.

אַשכאַבאַד איז דעמאָלט געווען פֿול מיט רוסישע מענטשן וואָס זענען געלאָפֿן פֿון אַלע געביטן וואָס די היטלעריסטן האָבן באַדראָעט צו פֿאַרנעמען. די היטלעריסטישע מילחמה־מאַשין האָט זיך גיך גערוקט און פֿאַרנומען גרויסע רוסישע געביטן. אַשכאַבאַד איז געווען געפּאַקט. מ׳האָט איבערהויפּט שוין כמעט קיינעם נישט געוואָלט אַרײַנלאָזן. קיין פּלאַץ אין די האָטעלן איז אויך נישט געווען. אָבער אַזוי ווי דזשיגאַן—שומאַכער זענען געפֿאָרן פֿרײַער מיט אַ זעקס וואָכן, און מיט זיי, אויך דער דירעקטאָר פֿונעם אַנ־סאַמבל אומאַנסקי, זענען געוואָרן צוגעגרייט פּריוואַטע דירות פֿאַר דער טרו־פּע, פֿאַר מיר אָבער און פֿאַר חיים גראַדע איז גאָרנישט געוואָרן צוגעגרייט. פֿאַר מיר האָט מען דאָך נישט געטאָרט צוגרייטן... אין אָנהייב האָט אַפֿילו אָט דער אומאַנסקי גאָרנישט געוווסט אַז כ׳קום דאָ אַהער צוזאַמען מיטן אַנסאַמבל... ווײַל קיין ייִדיש טעאַטער איז דער אַנסאַמבל דאָ אַהער נישט געקומען שפּילן... דאָ איז געוואָרן אָפּגעמאַכט מיט אַ קינאָ אַז נאָכן לעצטן סעאַנס וועט אין פֿאָיע פֿון קינאָ דער אָרקעסטער פֿון דער טרופּע שפּילן פֿאַרשידענע נומערן מוזיק, און די אַקטיאָרן, וואָס קענען רוסיש, וועלן זינגען לידער, דועטן, רעוועלערסן, געבן מאָנאָלאָגן און אויך שפּילן סקעטשן. שפּעטער נאָך דער פֿאָרשטעלונג וועט דער עולם קאָנען כאַפּן אַ טענצל אונ־טער דיר קלאַנגען פֿון אָרקעסטער. דערפֿאַר איז דער פּרײַז פֿון די בילעטן געוואָרן געהעכערט, כדי די אַקטיאָרן און מוזיקערס זאָלן קאָנען פֿאַרדינען אויפֿן שטיקל ברויט.

איך און חיים גראַדע האָבן נישט געהאַט ווו צו שלאָפֿן. עמעצן איז אײַנגעפֿאַלן צו פֿרעגן, צי ס׳איז דאָ פֿאַראַן אין שטאָט עפּעס אַ טעאַטער, וואָס שפּילט הײַנט אין אָוונט? ס׳איז געקומען אַן ענטפֿער אַז יאָ. פֿאַראַן אַ צירק. זענען מיר ביידע, מיט נאָך עטלעכע אַקטיאָרן אַוועק אין צירק. ווי נאָר מיר האָבן דערקלערט אַז מיר זענען אַקטיאָרן, האָט מען אונדז אויפֿ־גענומען גאָר פֿײַן און געגעבן פֿײַנע ערטער. נאָך דעם, ווי דער ערשטער טייל איז געווען פֿאַרענדיקט, האָבן מיר זיך באַקאַנט מיט די צירק־אַקטיאָרן און זיי דערקלערט אַז מיר וועלן דאָ אויך געבן פֿאָרשטעלונגען...

נאָכן סוף פֿון דער פֿאָרשטעלונג אין צירק האָבן מיר אָפּגעזוכט דעם

אַדמיניסטראַטאָר און זיך מיט אים פאַרשטענדיקט, אַז אַזוי ווי פאַר צוויי שוישפּילער קאָן מען פאַר קיין פאַל נישט באַקומען ווו צו שלאָפן, זאָל ער אונדז טון אַ טובה און לאָזן איבערנעכטיקן דאָ ערגעץ אין צירק, ביז מע וועט פאַר די צוויי פּערזאָן באַקומען ווו צו שלאָפן...

דער אַדמיניסטראַטאָר האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר גאָר אַ טייערן בחור, ער האָט אונדז געהייסן בלײַבן אָבער אומבאַמערקט פאַר קיינעם. די ערשטע נאַכט זענען מיר געשלאָפן אויף דער אַרענע, אויפן קיילעכדיקן ראַנד וואָס איז איבערגעדעקט מיט פּליוש, פאַרשטייט זיך, אַז מיר האָבן אָפּגעוואַרט ביז קיינער איז שוין אין צירק נישט געווען. שפּעטער זענען מיר אַרײַן דאָרט איבערנעכטיקן. נאָך דער ערשטער נאַכט האָבן מיר באַשלאָסן זיך בעסער צו לייגן שלאָפן אין דער אויבערשטער לאָזשע, ערשטנס, וועט אונדז זײַן וואַרעמער, צווייטנס, איז דאָס זיכערער... שפּעטער האָט חיים גראַדע באַקומען ערגעץ ווו צו שלאָפן און איך האָב געמוזט בלײַבן אַליין אין צירק...

היות אָבער ווי ס׳האָבן זיך פּלוצלינג אָנגעהויבן אין שטאָט אַבלאַוועס, ענקאַווערדע האָט געהאַלטן אין איין זוכן... איז געוואָרן אַ מורא איך זאָל שלאָפן אַזוי אָפן אין צירק. ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן צו בעטן מע זאָל מיך לאָזן שלאָפן אין אַ גאַרדעראָב־קאַמערין, וואָס זאָל ווערן פאַרשלאָסן יעדע נאַכט. אין דער פרי, אַ זייגער נײַן, זאָל מען מיך אויפשליסן מ׳האָט זיך פאַרשטענדיקט וועגן דעם מיטן אַדמיניסטראַטאָר און מיט נאָך עמעצן, וואָס האָט אויף זיך גענומען דעם חוב מיך צו פאַרשליסן און אויפצושליסן. כדי מע זאָל מיר טון די טובה, האָט מען געמוזט דערציילן דעם אַדמיניסט־ראַטאָר דעם גאַנצן אמת. לאָזט זיך אויס, אַז דער אַדמיניסטראַטאָר אַליין איז אויך אַ געזעסענער... און ער האָט פאַר מיר צוגעגרייט אַלצדינג פון גאַנצן האַרצן. אַזוי בין איך יעדע נאַכט פאַרשלאָסן געוואָרן אין דער גאַר־דעראָב. גאַנצע אַכט וואָכן האָט עס געדויערט, ביז ס׳איז שוין געוואָרן אוממעגלעך... כ׳האָב מיר באַדאַרפט זוכן אַ נײַ אָרט.

חיים גראַדע האָט מיך אַרײַנגענומען צו זיך אויף עטלעכע נעכט, אָבער לאַנג האָב איך דאָרט נישט געקאָנט זײַן און אויך נישט געטאָרט... אין אַ קליין צימערל וואָס וואָלט געווען גוט פאַר צוויי מענטשן זענען געשלאָפן מער ווי 10 פּערזאָן, ער אַליין, חיים גראַדע, איז געשלאָפן אויף אַ שמאָלער צע־ראַטענער קאַנאַפּע גוט צעבויגן וואָס האָט געמאַכט לעכער אין קערפּער...

אויף דער שמאָלינקער קאַנאַפּע, ווו ער אַליין האָט קוים געקאָנט שלאָפן, האָט ער נאָך מיך גענומען צו זיך... כ׳האָב אים דערקלערט, אַז איך קאָן נישט בײַ זיך פּועלן אים צו שטערן זײַן שלאָף אויף דער קאַנאַפּע... ער האָט מיר געגעבן צו פאַרשטיין, אַז אויב אַ מענטש וויל עמעצן טון אַ טובה פון גאַנצן האַרצן דאַרף ער עס אַליין גוט פילן...

איך האָב באַמערקט אין קינאָ, ווו די טרופּע פון דזשיגאַן־שומאַכער האָט געשפּילט, אַז דאָרטן איז פאַראַן אַ גאַרדעראָב, ווו די אַקטיאָרן טוען זיך אָן. כ׳האָב אויסגעוואַרט יעדע נאַכט, ווען אַלע זענען אַוועק, און אין דער לעצטער מינוט זיך דאָרטן אַרײַנגעכאַפּט. אין דעם שטיבעלע איז אויך געווען טרעפּ אַרויפצוגיין ביז צום בוידעם, כ׳האָב זיך באַהאַלטן אין דער הייך. ווען אַלע זענען אַוועק בין איך מיר צוריק אַראָפּ און געבליבן נעכטיקן אין דער גאַרדעראָב... צוגעשלאָסן די גאַרדעראָב האָט דער וואָס פלעגט אַלע נאַכט פּוצן די פּאָדלאָגע נאָכן טאַנצן פון עולם. יעדן אין דער פרי פלעגט דער זעלבער פּאָדלאָגע־פּוצער אויפשליסן די גאַרדעראָב, ווײַל אַ ביסל שפּעטער פלעגן זיך שוין צוזאַמענקומען די מוזיקאַנטן און אַקטיאָרן. כ׳האָב זיך שוין פרײַ געקאָנט דעמאָלט באַוועגן. אָבער אַז איך נעכטיק דאָרט האָט קיינער נישט געוווּסט.

ביז אין אַ געוויסן אָוונט איז עס געוואָרן אַנטדעקט. אין יענער נאַכט, ווען איך האָב געוואָלט אַראָפּגיין פון בוידעם און מיר מאַכן מײַן געלעגער אויף דער פּאָדלאָגע, האָב איך פּלוצלינג דערהערט שטימען, ווי מע זאָגט, אַז איך געפין זיך אין קאַמאַרין. כ׳בין גיך אַרויף אויפן בוידעם און דער־הערט ווי אונטן שרײַט אומאַנסקי צו דזשיגאַנס יינגערן ברודער, ער זאָל גלײַך אַרויפגיין אויבן, זען צי איך בין דאָ. דזשיגאַנס ברודער האָט געאַרבעט אינעם אַנסאַמבל ווי דער שנײַדער. ער איז געווען געצווונגען אויסצופאָלגן אומאַנסקין. ער איז אַרויף און מיך דאָרט דערזען. ער איז נעבעך געבליבן שטיין אין אַן אומאָנגענעם-שלעכטער לאַגע, ער האָט מיר גאָרנישט געזאָגט, נאָר ער איז גלײַך אַראָפּ און געמאָלדן אין דער הויך, איך זאָל דערהערן, אַז ער האָט מיך אויבן נישט באַמערקט... אומאַנסקי האָט נישט נאָכגעגעבן און געליאַרעמט אַז ער ווייסט אויף זיכער, אַז איך בין דאָרט פאַראַן, און אַליין אָנגעהויבן אַרויפצוגיין. וואָס איך האָב דעמאָלט איבערגעלעבט בין איך נישט אומשטאַנד איבערצוגעבן. כ׳האָב שוין קיין שום ברירה נישט געהאַט

און בין אים געגאַנגען אַנטקעגן, ער האָט מיך דערזען שוין זייענדיק לעבן בוידעם. מיט טרערן אין די אויגן האָב איך אים געבעטן מיר נאָך הײַנט איבערלאָזן דאָ, און כ׳שווער אים אַז מער וועל איך דאָ נישט נעכטיקן. ער האָט זיך צעשריגן אויף מיר ווי אַ ווילדער גזלן און מיך געשלעפּט מיטן גאַנצן כוח אַראָפּ כדי אין אַלעמענס קעגנוואָרט מיך אַרויסצוואַרפן פון קינאָ. אַלע אַקטיאָרן און אַקטריסעס, אַלע מוזיקאַנטן זענען געשטאַנען ווי פאַרשטיינערט און צוגעזען ווי מ׳האָט מיך אַרויסגעוואָרפן אַרום דרײַ אַזייגער בײַנאַכט אויפן גאַס... אַפּנים, אַז זיי אַלע האָבן מורא געהאַט פאַר אָט דעם אומאַנסקי, פּאַרט אַ סאָוויעטישער מענטש...

איך בין געבליבן שטיין אין מיטן נאַכט אויפן גאַס. אַ רעגנדל האָט געטריפּט פון הימל. דער הימל האָט מיט מיר מיטגעוויינט. כ׳האָב באַמערקט ווי דאָס טויער פונעם הויף, וווּ דער קינאָ געפינט זיך, איז אַ ביסל אָפן. כ׳האָב זיך אַרײַנגעשאַרט אין טויער און זיך גוט אַרומגעקוקט. אין דער פינצטערניש האָב איך באַמערקט אַז עפּעס אַ העלע זאַך שטייט אין דער רעכטער זײַט. באַשלאָסן צוצוגיין און זען וואָס דאָס איז. דערזען האָב איך אַז ס׳שטייט דאָרטן אַ קאַסטן. אַרײַנגעטון מײַנע הענט און אָנגעטאַפּט דאָרטן מיסט, פּאַפּירן. נישט לאַנג געקלערט און אַרײַן אין קאַסטן. שפּעטער אַ ביסל האָב איך געהערט ווי עמעצער גייט צו נאָענט צום קאַסטן און שיט אויף מיר אַרויף פאַרשידענע פּאַפּירן און נאָך אַנדערע זאַכן וואָס מ׳האָט אויסגעקערט פון קינאָ...

ווי נאָר ס׳האָט אָנגעהויבן צו טאָגן האָב איך באַמערקט ווי דער זעל־בער, וואָס האָט מיך באַשיט, אָט דער וואָס פּוצט די פּאָדלאָגע און רייניקט דעם קינאָ, הייבט אָן צו רוימען דעם הויף. האָב איך בײַ מיר באַשלאָסן צו ריזיקירן און פּרוּוון אַ שמועס טון מיט אים... אַ ביסל האָט ער מיך שוין אויך געקענט. ער פלעגט דאָך מיך כסדר זען פאַרן סוף פון דער פאַרשטע־לונג. אַזוי ווי כ׳בין געווען ענלעך צום מוזיקער מרוז, האָט ער גאַנץ פּשוט מיך אָנגענומען פאַר יענעם...

איך בין אַרויס פונעם קאַסטן און זיך צו אים דערנענטערט. אַז ער האָט מיך דערזען איז ער אין אָנהייב געוואָרן אַ ביסל צעטומלט און נישט פאַרשטאַנען פון וואַנען כ׳האָב זיך דאָ דערנומען...

איך ווייס נישט ביזן הײַנטיקן טאָג פון וואַנען ס׳האָט זיך בײַ מיר פּלוצ־

ליגנ גענומען אַזאַ צוטרוי צו דעם אָרעמען פּאָדלאָגע־פּוצער און קינאָ־אויפרוימער. כ׳האָב אים געזאָגט, אַז כ׳וויל אים עפּעס דערציילן, זייער אַ וויכטיקע זאַך, דערפאַר געפין איך זיך דאָ... ער האָט מיך באַטראַכט, צו־געשאָקלט מיטן קאָפּ און געזאָגט, קום. כ׳בין אים נאָכגעגאַנגען. מיר זענען אַרײַן אין קינאָ. כ׳האָב אים דערציילט גאַנצע דרײַ שעה וואָס מיט מיר האָט געטראָפן די לעצטע יאָרן. ער האָט מיך פּלוצלינג אַרומגענומען און מיט מיר צוזאַמען זיך צעוויינט, און מיר געזאָגט, אַז ער האָט מיר אויך צו דערציילן אַ טרויעריקע געשיכטע פון זײַן לעבן:

זײַן פאָטער האָט געוווינט הינטער דער שטאָט אופאַ, פאַרמאָגט אַ ביסל ערד און איז געווען אַן אָרעמער אָבער ערלעכער מענטש, שטענדיק געלעבט פון זײַן אַרבעט. די פאַמיליע איז באַשטאַנען פון מאַן און ווײַב און פיר זין. ער איז געווען דער יִנגסטער. ווען מ׳האָט גענומען אײַנפירן די קאָלכאָזן, האָט זײַן פאָטער זיך אַרויסגעכאַפּט מיט ווערטער, אַז ס׳געפעלט אים נישט, מע זאָל בײַ אַזאַ קליינעם אָרעמען ערדבאַזיצער ווי ער איז און וואָס ער אַליין מיט זײַנע זין באַאַרבעטן זייער שטיקל ערד און האָבן קוים פון דעם חיונה, — אַז מע זאָל בײַ זיי דאָס צונעמען... מער האָט מען נישט באַדאַרפט. די גאַנצע פאַמיליע איז געוואָרן פאַרשיקט אין פאַרשידענע לאַ־גערן, און ער, דער יִנגסטער, וואָס האָט נישט מער געהאַט דעמאָלט ווי צען יאָר, אים האָט מען אַרײַנגעגעבן אין אַזאַ מין דערציִונג־הויז, ווו מ׳האָט מיט אים געלערנט די נײַע תורה... מיט דער צײַט האָט ער אָנגעהויבן גיין אויף פאַרשידענע אַרבעטן, ביז ער איז אין אַ געוויסן טאָג געקומען דאָ אַהער קײַן אַשכאַבאַד, ווו קיינער האָט אים נישט געקענט, און אזוי האָט ער דאָ אָנגעהויבן אַרבעטן אין קינאָ. ער איז שוין דאָ בײַ דער אַרבעט מער ווי אַכט יאָר. מ׳איז פון אים זייער צופרידן. אָבער קיינער ווייסט נישט זײַן גרויסע טראַגעדיע. איך בין עס דער ערשטער וועמען ער פאַרטרויעט זיך, דאָס נאָר דערפאַר, פאַרשטייט זיך, ווײַל איך האָב אים אַ פרעמדן מענטשן — דערציילט מײַנע שווערע איבערלעבונגען.

ער האָט מיט מיר אָפּגעמאַכט, אַז יעדע נאַכט, ווי נאָר מע ווערט ענדיקן די פאָרשטעלונגען מיטן טאַנצן, ווען דער עולם גייט אַרויס פון פאַרשידענע זײַטן זאָל איך זיך אַרײַנכאַפּן אין אָפענעם טויער און גיין ווײַט אַרויף אין הויף, ווו ס׳איז פאַראַן אַ קליין הײַזעלע מיט אַ קליין שטיבעלע. זאָל איך

דאָרטן אַרײַנגיין אין פּאַדערהויז, ווו איך וועל באַמערקן טרעפּ. כ׳זאָל זיך אַנידערזעצן אויף די טרעפּ און וואַרטן. ער וועט שוין צוקומען צו מיר. ער קאָן אָבער פריִער נישט קומען ביז אַלע וועלן שוין האָבן אַוועקגעגאַנגען פון טעאַטער... שוין מאָרגן זאָל איך עס טון, און איצט זאָל איך וואַרטן אַ ווײַלע, ער וועט נאָר געבן אַ קוק צי איך קאָן אַרויסגיין אומבאַמערקט.

די אַקטיאָרן מיעטעק ראַטשײַן און זײַן פרוי העלאַ לוקסענבורג, צו וועלכע איך פלעג פון צײַט צו צײַט אַרײַנקומען, בין איך אויך דאָס מאָל אַוועק צו זיי. בײַ זיי אין שטיבל, ווו זיי האָבן געוווינט אויף אַ הויף, האָט מען געקאָנט בײַטאָג אַרײַנקומען. אָבער בײַנאַכט נישט... דאָרטן האָט אויך געוווינט מיט זיי דזשיגאַנס יינגערער ברודער, דער טעאַטער־שנײַדער. בײַ זיי האָב איך פאַרבראַכט עטלעכע שעה נאָך דער שרעקלעכער נאַכט און זיי האָבן מיך אַ ביסל געטרייסט...

קאַפּיטל 57

כ׳ווער אַרויסגעשיקט פון אַשכאַבאַד

צומאָרגנס שפּעט בײַנאַכט. איך זיץ אויף די טרעפּ. ס׳באַווײַזט זיך דער פּאָדלאָגע־פּוצער. ער שליסט אויף אַ שמאָל טירל און פירט מיך אַרײַן אין זײַן „וווינונג״. אַ קליין צימערל מיט אַ פענצטערל. אָן מעבל. אויף צוויי שמאָלע קעסטלעך איז געלעגן אַ שעניק מיט אַ ביסל שטרוי און אַן אַלטער פּאַלטן צום צודעקן זיך. אין דער צווייטער זײַט איז געשטאַנען אַ שמאָלע באַנק. ער האָט מיר געזאָגט אַז מײַן געלעגער וועט זײַן דאָ אויף דער שמאָ־לער באַנק. ער האָט געהאַט אַ מילד פּנים. די גוטסקייט אַלייןּ.

— דאָ — זאָגט ער — וועסטו קאָנען זײַן מיט מיר אומגעשטערט. נאָר מיט דעם קאָן איך דיר העלפן, מער נישט, ווײַל פון מײַן מאָגערן גע־האַלט, וואָס איך באַקום, האָב איך קוים אויף מײַן אויסקומעניש...

איך האָב אים באַדאַנקט און צוגעזאָגט אַז אויב כ׳וועל נאָר האָבן די מעגלעכקייט וועל איך אים פאַר זײַן גאַסטפרײַנדלעכקייט אין מענטשלעכע באַציִונג צו מיר מיט עפּעס אָפּצאָלן...

אין דער טרופּע האָבן אייניקע אַקטיאָרן געוווּסט מײַנע איבערלעבענישן מיט די דירות אין אַשכאַבאַד. זיי האָבן געוווּסט פון מײַן שלאָפן אין צירק, שפּעטער די פּאָר טעג בײַ חיים גראַדע. אָבער פון מײַן נײַעם ווינאָרט האָט קיינער נישט געוווּסט. דאָס איז געבליבן אַפילו פאַר מײַנע פרײַנד אַ גרוי־סער סוד... דערפאַר ווײַל איך האָב נישט געטאָרט ריזיקירן מיט דער גוט־האַרציקייט פונעם טײַערן פּאַדלאָגע־פּוצער, ער וואָלט פאַר אַזאַ מין מעשה געקאָנט אָפּפינצטערן זײַנע יאָרן אין אַ לאַגער... וויפל מ׳האָט מיך נישט געזאָלט פרעגן ווו איך וואַלגער זיך בײַנאַכט, האָט מען בײַ מיר נישט גע־קאָנט אַרויסקריגן וועגן מײַן „נײַעם האָטעל"...

בײַטאָג בין איך מיר געגאַנגען אין די גאַסן, אינעם קינאָ־טעאַטער אַרײַן און שטענדיק מיט עמעצן פונעם אַנסאַמבל. ווי דערמאָנט, בין איך ענלעך געווען צום פּוילישן מוזיקער פונעם אָרקעסטער. אַ סך האָבן מיך גערופן „דער טרובאַטש פון אָרקעסטער".

— אָט דאָס איז דאָך דער וואָס שפּילט אויפן טראָמפּייט...

דאָס איז געווען דערפאַר וואָס מ׳האָט מיך כסדר געזען אַרײַנגיין אין קינאָ־טעאַטער. אַפילו די מיליץ, וואָס פלעגט קומען, האָט מיך אָנגענומען פאַר איינעם וואָס שפּילט אין אָרקעסטער און איז אויך גלײַכצײַטיק אַן אַקטיאָר.

נאָך איידער מ׳איז געפאָרן קײַן אַשכאַבאַד, האָבן דזשיגאַן—שומאַכער געשריבן צו די איבעריקע אַקטיאָרן אַ בריוו, דאָ איז פאַראַן אַ פילם־סטודיע, ווו מע וועט קאָנען פון צײַט צו צײַט פאַרדינען געלט, ווײַל ס׳וועט אויס־קומען זיך צו באַטייליקן אין אַ פילם. אַזוי איז טאַקע געווען.

אין אַשכאַבאַד האָט זיך געפונען די גוט־באַקאַנטע פּוילישע אַקטריסע אַנדזשעיעווסקאַ, וואָס האָט דאָ געשפּילט אין אַ פילם. די האַנדלונג איז געווען וועגן אַ געשעעניש אין לעמבערג. דער פילם איז געשפּילט געוואָרן אין דער רוסישער שפּראַך. ס׳האָט זיך אויך באַטייליקט אין דעם פילם נאָך אַ פּוילישער אַקטיאָר, לאַווינסקי. אין דער אמתן האָט ער געהייסן לאַטײַנער, געשטאַמט פון דער באַקאַנטער לאַטײַנער־מישפּחה. זײַן פאָטער איז עס געוועזן דער הויפּט־פאַבריצירער פון די טעאַטער־אָפּערעטן, ווי „כינקע־פּינקע" און נאָך אַזעלכע „פּערל" אין יענער צײַט אין יידישן רעפּערטואַר. לאַטײַנער—לאַווינסקי האָט געשטאַמט פון גאַליציע. די צוויי אַקטיאָרן האָבן

פאַרנומען דעם אויבן־אָן אין דעם פילם. די מערהייט פון די ייִדישע אַק־טיאָרן, וואָס האָבן זיך דאָ געפונען מיט דזשיגאַן־שומאַכער, האָבן זיך באַ־טייליקט אין פאַרשידענע עפּיזאָדן און אין מאַסן־סצענעס. איך האָב זיך פאַרטרויט פאַר דער אַנדזשעיעווסקאַ און איר ייִדישן מאַן, וואָס האָט געהייסן טשערטאָק, אַ פּוילישער ייִד, אַ וווּנדערבאַרער גוטער מענטש. ער איז שפּע־טער אַרעסטירט געוואָרן, און מ׳האָט נישט געוווּסט ווו זײַן געביין איז אַהינגעקומען... כ׳האָב זיי דערציילט מײַן לאַגע. זיי האָבן פאַר מיר געמאַכט ספּעציעלע אָנשטרענגונגען, שטאַרק זיך באַמיט איך זאָל זיך אויך קאָנען באַטייליקן אין דעם פילם, און כ׳האָב טאַקע באַקומען צו שפּילן אַן עפּיזאָדן־ראָל. כאָטש ס׳איז געווען פאַרבונדן מיט גרויסע שוועריקייטן. אַלע, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אינעם פילם, זענען געווען אין אַשכאַבאַד לעגאַל, מיט סאָוויעטישע פּעסער, ווײַל כדי זיך צו קאָנען באַטייליקן אין דעם פילם, האָט יעדער אָנטיילנעמער געמוזט יעדן טאָג בײַם קומען פילמירן איבער־לאָזן זײַן סאָוויעטישן פּאַספּאָרט בײַ אַ ספּעציעלער סעקרעטאַרין. וואָס האָב איך געקאָנט איבערלאָזן? מײַן פּאַס וואָס כ׳האָב נישט געהאַט? מײַן דער־לויבעניש צו זײַן אין אַשכאַבאַד? צי גאָר מײַן קאַרטע פון די לאַגערן, ווו ס׳זאָגט זיך אַז איך טאָר נישט זײַן אין קיין שום הויפּטשטאָט, אַוודאי און אַוודאי נישט אין דער הויפּטשטאָט פון טורקמעניע, אַשכאַבאַד, וואָס ליגט נאָענט פון דער איראַנער גרענעץ. איך בין געווען טויזנט מאָל טריף אין אַשכאַבאַד. דאָך האָב איך זיך באַטייליקט אין דעם פילם, ווײַל נויט ברעכט אײַזן . . .

די באַאַמטין, וואָס האָט געהאַט די אויפגאַבע צו פאַרשרײַבן דעם נאָמען פונעם אָנטיילנעמער און וואָס האָט באַדאַרפט צונעמען זײַן פּאַספּאָרט, אָט די דאָזיקע באַאַמטין איז געווען אַ געבוירענע בײַ פּוילישע טאַטע־מאַמע, נאָר סאָוויעטישע בירגער. זיי האָבן געוווינט אין קיִעוו. געווען פאַרמעגלעכע מענטשן. נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע האָט מען זיי גענומען צו שמעקן פּולווער. מ׳האָט זיי אַרעסטירט. גענוג געווען דאָס וואָס זיי זענען געווען פאַרמעגלעכע מענטשן מע זאָל זיי שטעלן אויפן צעטל פון פאַרברעכער און זיי פאַרשיקן אין די סיבירער שקלאַפן־לאַגערן. די טאָכטער איז דעמאָלט נאָך געווען אַ קינד. אַ ווײַטער מישפּחה־מיטגליד האָט זי גענומען צו זיך. שפּעטער האָט זי זיך שוין דערוווּסט פון דער גרויסער פאַמיליע־טראַגעדיע.

מער האָט זי שוין אויף איר לעבן אירע עלטערן נישט געזען. זיי זענען ווי אין וואַסער אַרײַן. זי האָט בײַ זיך באַשלאָסן אַז איר גאַנץ לעבן וועט זי זיך באַמיִען צו העלפֿן די אַלע וואָס זענען געווען קרבנות פֿון דער ווילדער דיקטאַטאָרישער הערשאַפֿט איבער די מיליאָנען שקלאַפֿן־בירגער...

דאָס אַלץ האָט מיר דערציילט דער מאַן פֿון דער אַנדזשעיעווסקאַ. זי איז אײַנגעגאַנגען מיך צוצולאָזן זיך באַטייליקן אינעם פֿילם, אָן שום פֿאַר־שרײַבן מײַן נאָמען און אָן שום ווײַזן מײַן דאָקומענט.

איך האָב זיך אויך דערוווסט פֿון זיי, אַז אין אַשכאַבאַד געפֿינט זיך אַ דעלעגאַט פֿון דער לאָנדאָנער פּוילישער גלות־רעגירונג, וועלכע האָט גע־שלאָסן אַן אָפּמאַך מיט דער ראַטנמאַכט וועגן שאַפֿן אַ פּוילישע אַרמיי קעגן היטלערן. דער דעלעגאַט איז דאָ געזעסן אין נאָמען פֿון פּוילישן אַמבאַסאַ־דאָר פּראָפּ׳ קאָט, וואָס האָט זיך געפֿונען אין קויבישעוו, ווו ס׳האָט זיך דעמאָלט עוואַקויִרט די סאָוויעטן־רעגירונג צוליבן דערנענטערן זיך פֿון היטלערן צו מאָסקווע. דער דעלעגאַט האָט געהאַט גאַראַנטיעס פֿון אומבאַ־רירלעכקייט, פּונקט ווי זײַן אַמבאַסאַדאָר אין קויבישעוו. ער האָט געהאַט די אויפֿגאַבע צו זאַמלען די פּוילישע קינדער־יתומים, וואָס זענען געבליבן צוליב דער מילחמה אָן טאַטע־מאַמע. די קינדער וועט מען שפּעטער איבער־שיקן איבער איראַן קיין ענגלאַנד, אָדער זיי וועלן דערווײַל בלײַבן אין איראַן. צי מע וועט גאָר שיקן פֿון איראַן קײַן ארץ־ישׂראל, ווו ס׳האָט זיך דעמאָלט געפֿונען אַ ביסל פּויליש מיליטער וואָס איז געשטאַנען אונטער דער ענגלישער קאָמאַנדע.

איך האָב זיך אויך דערוווסט פֿון זעלבן טשערטאָקן אַז אין דער פּוי־לישער דעלעגאַטור אין אַשכאַבאַד געפֿינט זיך די באַרימטע פּוילישע אַקט־ריסע האַנקאַ אָרדאָנוונאַ צוזאַמען מיט איר מאַן, דעם ווילנער גראַף טיש־קיעוויטש, וואָס איז נאָר־וואָס באַפֿרײַט געוואָרן פֿון אַ מאָסקווער טורמע און גלײַך געקומען אַהער.

די אויפֿגאַבע פֿון דער דעלעגאַטור איז אויך געווען איבערצונעמען די הילף וואָס איז געקומען דורכן ים קײַן טורקמעניע, דורכן קראַסנאָוואָצקער פּאָרט. פֿון קראַסנאָוואָצק האָט מען באַדאַרפֿט ברענגען די קאַסטנס מיט שיך און קליידער פֿאַר די פּוילישע בירגער, די נאָר־וואָס באַפֿרײַטע פֿון די לאַגערן.

אין אַ געוויסן טאָג, ווען מ׳האָט געהאַלטן אין מיטן פֿילמירן אַ סצענע

אויפן לעמבערגער מאַרק; כ׳געדענק נאָך זייער גוט, אַז כ׳האָב אויפן מאַרק געשפּילט אַן עפּיזאָד פון אַ ייִדישן הענדלער וואָס האַנדלט מיט אַלע הויזן, רעקלעך, איז פּלוצלינג געמאָלדן געוואָרן, מע זאָל איבעררײַסן דאָס פילמירן ווײַל גרויסע אָפּטיילונגען פון דער ענקאַווּעדע איז געקומען רעווידירן אַלע אַנטיילנעמער אין פילם, צו זיי האָבן אַ דערלויבעניש צו זײַן אין דער גרעניצשטאָט אַשכאַבאַד.

די רעוויזיע איז געווען דערפאַר ווײַל אין שטאָט האָבן זיך טאַקע געפונען טויזנטער מענטשן וואָס האָבן זיך געפּרוּווט אַריבערכאַפּן קיין איראַן. אַ סך פון זיי זענען אומגעקומען בײַם וועלן זיך אַריבערכאַפּן. דאָס שוואַרצן די גרענעץ איז דאָ געווען פאַרבונדן מיט גרויסע שוועריקייטן צוליב די הויכע בערג. אויב איינער איז נישט געכאַפּט געוואָרן פון דער ענקאַווּעדע, איז ער אומגעקומען פון די ספּעציעלע באַנדיטן-באַנדעס, וואָס האָבן געלויערט אויף די גרענעץ-שוואַרצער. וועגן דעם האָבן מיר זיך דערוווּסט גלײַך ווי מיר זענען געקומען קיין אַשכאַבאַד. צוליבן שוואַרצן די גרענעץ זענען געווען טויזנטער קרבנות. צווישן זיי אַ גרויסע צאָל ייִדן. נישט געקוקט אויף דער גרויסער ריזיקע האָבן זיך נאָך אַלץ געפונען בעלנים צו וועלן אַריבער. די גרויסע מערהייט, וואָס האָבן געוואָלט אונטער אַלע אומשטענדן אַוועק פונעם סאָוועטישן גן־עדן, האָבן הויך דערקלערט, אַז איידער דאָ זײַן און האָבן אַזאַ געמוטשעט לעבן, ווילן זיי בעסער ריזיקירן, ווײַל דאָס לעבן דאָ איז ערגער ווי דער טויט.

אַז עס איז געוואָרן אַן אַליאַרעם אַן אַלאַרעם וועגן דער רעוויזיע איז דאָס ערשטע וואָס מ׳האָט באַדאַרפט טון געווען, איך זאָל באַהאַלטן ווערן, און אָט טאַקע די סעקרעטאַרין, וואָס האָט געוווּסט „מײַן סוד”, האָט גלײַך געגעבן אַן עצה ווו מע זאָל מיך באַהאַלטן. איך בין אַוועקגעפירט געוואָרן אין אַ טיפן קעלער, וואָס איז אויף גיך פאַרשטעלט געוואָרן מיט פאַרשידענע פילם-מכשירים. אַז ס׳האָט גאָרנישט געקאָנט אײַנפאַלן אַז דאָרטן זאָלן זיך געפינען מענטשן. די רעוויזיע האָט געדויערט פון זעקס אַזייגער פאַרנאַכט ביז פיר פאַרטאָג. ווײַל ס׳זענען דעמאָלט געווען בײַם פילמירן מער ווי 120 אָנטיילנעמער. נאָך דעם, ווי די געסט זענען אַוועק, האָט מען נאָך צוגעוואַרט אַ צוויי שעה. ווען קיינער איז דאָרט שוין נישט געווען, האָט מען מיך אַרויסגעפירט פון קע-

לער. ס׳איז באַשטימט געוואָרן אַז כ׳זאָל זיך אַדורכגיין צום דעלעגאַט פון דער לאָנדאָנער רעגירונג.

נײַן אַזייגער אין דער פרי בין איך שוין געווען בײַם דעלעגאַט. כ׳האָב אים דערציילט דעם גאַנצן אמת פון מײַן זײַן דאָ. ער האָט געהייסן מיר אײַנפּאַקן אַ פּעקל עסן און געזאָגט כ׳זאָל זײַן רויק. ער וועט מיך אין קורצן נעמען אונטער זײַן שוץ. דאָ וווּ איך שטיי איצט איז פּונקט אַזוי גוט ווי פּוילישע טעריטאָריע. ער האָט מיך געהייסן גיין צו מײַנע פרײַנד אַקטיאָרן, זען בײַ עמעצן צו קאָנען זײַן עטלעכע טעג, שלאָפן דאָרטן ביז איך וועל קאָנען קומען צו אים. אין די עטלעכע טעג וועט ער שוין זען מיך צו לעגאַליזירן, ווײַל איך בין דאָך אַ געזוכטער, אַ לאַגעריסט, וואָס האָט פאַר קיין פאַל נישט געוואָלט נעמען קיין סאָוויעטישן פּאַס. דאָס ווייסט ער שוין. ער וועט עס זיכער קאָנען דערליידיקן. ער האָט שוין אַזאַ מין זאַך געמאַכט. ס׳האָט זיך דאָ פלוצלינג געיאָוועט נאָך אַ געוועזענער לאַגערניק, אַ פּאָלאַק, וואַשילעווסקי. פּונקט ווי איך, האָט ער אויך נישט געטאָרט דאָ ווײַנען. פון דעסטוועגן האָט ער געפּועלט בײַם נאַטשאַלניק פון דער ענקאַווּעדע, און מ׳האָט דעם וואַשילעווסקין געלאָזן. אָבער אַט דער וואַשילעווסקי האָט געמוזט אָוועקגעבן זײַן לאַגער־קאַרטע. דער דעלעגאַט האָט אים אַרויסגעגעבן אַזאַ מין ספּעציעל פּאַפּיר מיט אַ שטעמפּל אַז ער איז אַ פּוילישער בירגער, וואָס האָט אַ געוויסע באַשעפטיקונג דאָ אין דער דעלעגאַטור.

דער אַקטיאָר מיעטעק ראַטשיין און דער יונגער דזשיגאַן האָבן אײַנגעשטימט מיך צו לאָזן בײַ זיי נעכטיקן נאָך דעם ווי איך האָב זיי אַלצדינג פאַרטרוילעך איבערגעגעבן.

אין דער צײַט פון מײַן וואַרטן אויפן ענטפער פונעם דעלעגאַט בין איך געגאַנגען זיך קויפן אַ ביסל „קישמיש", ראַזשינקעס, צוצועסן צום ברויט. דאָס איז דעמאָלט געווען אין דער מילחמה־צײַט אַ הויפּט־מאכל.

אויפן מאַרק איז געשטאַנען בײַ די ראַזשינקעס קויפן אַ ריי פון אַ דרײַסיק טורקמענישע פרויען. פלוצלינג איז געוואָרן אַ געשריי, אַז איינער אַ הפקר־יאַט האָט אין דער ריי אַרויסגעכאַפּט דאָס בײַטעלע פון אַן אָרעמער פרוי וואָס האָט אויך געוואָלט קויפן אַ ביסל קישמיש. פּונקט איז אָנגעקומען אַ מיליטער־מאַן און געשריגן: — לויפט אַלע פון דער ריי כאַפּן דעם גנב, וואָס לויפט דאָ גלײַך מיט דער ברייטער גאַס. ס׳האָבן זיך געלאָזן לויפן אַלע,

וואָס זענען דאָ געשטאַנען אין דער ריי און מ׳האָט געכאַפּט דעם גנב. איך, נאַטירלעך, האָב זיך געוואָלט אַוועקדרייען פונעם גאַנצן געטומל, ווײַל ס׳האָט געשמעקט מיט פירן דעם גנב אין דער מיליץ. פּלוצלינג שרײַט צו מיר דער מיליטער־מאַן:

— פּע, נישט שיין, ווו גייסטו דיר אַוועק, דו דאַרפסט אויך זײַן אַן עדות אַז דער זשוליק האָט אַרויסגעכאַפּט בײַ דער בירגערן דאָס בײַטעלע, גיי און טו דײַן בירגערלכן חוב.

איך האָב געמוזט גיין אין דער מיליץ מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ און געטראַכט בײַ זיך אַז איצט בין איך שוין אַ פאַרפאַלענער.

אין דער מיליץ האָט זיך גלײַך אָנגעהויבן אַן אויספאָרשונג, ווער ס׳האָט בעסער געזען דעם גנב. יעדער איינער, וואָס איז דאָ אַהערגעקומען, האָט קודם זיך געמוזט לעגיטימירן מיט זײַן דאָקומענט... פינצטער איז מיר געוואָרן פאַר מײַנע אויגן. ס׳איז מיר געקומען אויפן זין אַז ערשט נישט לאַנג זיך געראַטעוועט פון אַזאַ געפאַר בײַם פילמירן און דאָ, צוליב קויפן אַ ביסל ראָזשינקעס, בין איך אַזוי מיאוס אַרײַנגעפאַלן. די הויט האָט אויף מיר געברענט. אַ פינצטערניש האָט מיך באַהערשט: גוואַלד, גוואַלד, וואָס טוט מען?

פּלוצלינג פאַלט מיר אײַן צו שרײַען: — וואָס האַלט איר מיך דאָ? איך האָב נישט קיין צײַט. כ׳דאַרף איצט מאַכן פּראָבע מיט מײַן אָרקעסטער אין טעאַטער. איך טאָר נישט פאַרשפּעטיקן אויף קיין מינוט. דאָס איז אַ מלוכה־טעאַטער. פאַר פאַרשפּעטיקן קומט אַ גרויסע שטראָף, און דאָ פאַרדרייט מען מיר דעם קאָפּ מיט אַ זאַך וואָס כ׳האָב נישט צו דעם קיין שום שײַכות, ווײַל כ׳קאָן נישט זײַן קיין עדות. כ׳האָב גאָרנישט געזען. צוויי מיליציאָנערן קוקן מיך גוט אָן און זיי געבן אַ געשריי:

— זיכער, ער איז דאָך גערעכט, ער איז דאָך דער טרובאַטש פון אָר־קעסטער אינעם קינאָ־טעאַטער ווו מע שפּילט אַזעלכע טײַערע שיינע זאַכן.

— גלײַך האָבן זיי עפּעס געזאָגט אין דער שטיל דעם וואָס האָט אויסגע־פאָרשט און קאָנטראָלירט די דאָקומענטן בײַ די עדות. יענער האָט געגעבן אַ באַפעל: — לאָזט דעם אַרטיסט־מוזיקער גיין אויף זײַן רעפּעטיציע, פאַר־האַלט אים נישט דאָ, ווײַל ער ווייסט דאָך סײַ ווי גאָרנישט אין דעם ענין.

דער נס איז געשען, מ׳האָט מיך גלײַך אַרויסגעלאָזט פון דער מיליץ.

מיט פינף טעג שפּעטער האָט דער פּוילישער דעלעגאַט, קאַפּיטאַן גלאָ־גאָווסקי, ביי מיר גענומען מיין לאַגער־קאַרטע און מיר דערקלערט, אַז ער גיט זי אָפּ דער ענקאַוועדע, און מיר גיט ער אַרויס אַן אייזערנעם בריוו, אַזאַ מין פּאַפּיר וואָס וועט מיך שיצן פאַר אַלע צרות וואָס קאָנען זיך מיר דאָ טרעפן... מיט דער צייט וועט זיך אים אפשר איינגעבן צו קאָנען באַקומען פאַר מיר אַ פּאַספּאָרט פונעם אַמבאַסאַדאָר קאָט, און כ׳וועל אפשר קאָנען אַוועקפאָרן לעגאַל פון דאַנען דורך איראַן. אַז איך האָב דאָס דערהערט האָב איך זיך צעוויינט פאַר פרייד. כ׳האָב אָנגעהויבן קושן דעם דעלעגאַט פאַרן טייערן צוזאָג. ער האָט מיר אויך דערציילט אַז אין דער דעלעגאַטור איז אָנגעשטעלט נאָך אַ ייִדישער אַקטיאָר מיטן נאָמען חיים לעווי. דער מאַן פון דער באַוווסטער אַקטריסע, דזשעני לאָוויץ, נישט קיין געוועזענער אַרעס־טירטער. ער האָט געהאַט אַ סאָוויעטישן פּאַס, און דאָ געאַרבעט לעגאַל. ער איז דאָ געווען אַ קוריער. מ׳האָט אים געשיקט כסדר מיט וואַגאָנען מעל, וואָס מ׳האָט באַדאַרפט צעטיילן צווישן די אַרויסגעקומענע פון די לאַגערן.

דער דעלעגאַט זאָגט מיר אַז אין קורצן וועל איך צוזאַמען מיטן פּאָלאַק וואַשילעווסקי געשיקט ווערן קיין קראַסנאָוואָצק צו ברענגען קאַסטנס מיט שוכוואַרג פאַר די פּוילישע בירגער, די לאַגעריסטן וואָס גייען כמעט אַלע באָרוועס, אַזוי, זאָגט ער, וועל איך מיר האָבן מיין שטיקל ברויט און אויך אַ האָפענונג פון דאַנען לעגאַל אַוועקצופאָרן. ער דערציילט מיר אַז די אָרדאָנוואַ פאַרט שוין אין קורצן אַוועק פון דאַנען מיט אַ טראַנספּאָרט פּוילישע קינדער־יתומים.

מיט עטלעכע טעג שפּעטער שטיי איך שוין ביי דער קאַסע אויפן וואָק־זאַל מיט אַ פּאַפּיר פון דער דעלעגאַטור, מע זאָל מיר געבן צוויי בילעטן פאַר מיר און פאַר וואַשילעווסקי צו פאָרן ברענגען פון דער פּאָרטשטאָט קראַסנאָוואָצסק, אַ פּאַרטיע קאַסטנס מיט שוכוואַרג פאַר די פּליטים, לויטן אָפּמאַך וואָס מ׳האָט געשלאָסן מיט מאָסקווע. דער מענטש, וואָס זיצט אין דער קאַסע, קוקט מיך שאַרף אָן, און הייסט מיר קומען מאָרגן... איך קום אויף מאָרגן און באַקום די צוויי בילעטן אויף הין און צוריק און אויך אַ פּאַפּיר צו מעגן ברענגען די קאַסטנס שוכוואַרג.

עטלעכע טעג בין איך מיטן פּאָלאַק וואַשילעווסקי געווען אין קראַס־נאָוואָצק און געוואַרט צו קאָנען צוריקפאָרן קיין אַשכאַבאַד. איך האָב אויך

געזען ווי אַ סך פוילישע סאָלדאַטן זענען אַרויף אויף אַ שיף כדי צו פאָרן איבער איראַן זיך איינגלידערן ערגעץ אין פוילישן מיליטער וואָס קעמפט קעגן די היטלעריסטן. איך האָב מקנא געווען די דאָזיקע סאָלדאַטן. טרערן האָבן זיך מיר געשטעלט אין די אויגן. דער פּאָלאַק וואַשילעווסקי האָט מיך געטרייסט אַז גאָר אין קורצן וועלן מיר ביידע אויך קאָנען אַוועקפאָרן.

מיר זענען ענדלעך אָנגעקומען צוריק קיין אַשכאַבאַד. דאָס איז געווען אין אַ פאַרטאָגס, אַרום זעקס אַזייגער. וואַשילעווסקי איז זיך אַוועק זיין וועג צו זיך אַהיים שלאָפן. מיר האָבן אָפּגערעדט אַז אַזייגער צען זאָלן מיר זיך טרעפן אין דער דעלעגאַטור. איך בין מיר אַוועק צו מיעטעק ראָטשטיין אין שטוב. כ׳האָב באַשלאָסן אַז כ׳וועל זיך שוין נישט לייגן שלאָפן נאָר וואַרטן ביז כ׳וועל איבערגעבן דעם ראַפּאָרט מיט די פּאַפּירן אין דער דעלעגאַטור און שפּעטער וועל איך שוין קאָנען כאַפּן גאַנץ רויִק אַ שלאָף... ס׳האָט נישט געדויערט מער ווי אַ שעה העכסטנס. פּלוצלינג הער איך שטימען פון הויף און גלייך גיט מען אַ מאַך־אויף די טיר. איך דערזע פאַר מיינע אויגן צוויי ענקאַוועדיסטן. זיי פרעגן מיך גלייך מיין נאָמען. איך ענטפער. לאַדנאָ, הער איך פון זיי, זייער גוט, און זיי שמייכלען... שפּעטער פרעגן זיי ווער ס׳איז דאָ דער באַלעבאָס פון דער שטוב, מיעטעק ראָטשטיין ענטפערט, אַז ער. זיי גיבן צו אים אַ געשריי: — ער זאָל זיך גלייך אָנטון און אַז מיר ביידע זאָלן גיין מיט זיי. איך דערקלער זיי אַז איך בין אַן אָנגעשטעלטער אין דער היגער פּוילישער דעלעגאַטור און איך קאָן נישט גיין פריִער מיט זיי ביז כ׳וועל עס נישט מעלדן דעם דעלעגאַט. ענטפערן זיי אַז זיי ווייסן שוין גאָר גוט ווער איך בין, און כ׳זאָל זיי אין איין וועג שוין ווייזן דאָס פּאַפּיר פונעם דעלעגאַט. איך ענטפער אַז דאָס פּאַפּיר טאָר איך קיינעם נישט אַרויסגעבן פון מיין האַנט. זיי ענטפערן אַז זיי וועלן סיי ווי סיי דאָס פּאַפּיר מיר נישט צונעמען. זיי ווילן נאָר זען צי זיי מאַכן נישט קיין טעות, צי איך בין די פּערזאָן צו וועמען זיי זענען געקומען. איך ווייז זיי דאָס פּאַפּיר און זיי האָבן שוין דווקא יאָ ביי מיר צוגענומען דאָס פּאַפּיר. איך און מיעטעק ראָטשטיין ווערן געפירט אין דער ענקאַוועדע פון אַשכאַבאַד. מיך פירט מען אַריין אין אַ באַזונדער צימער און אים אין אַ באַזונדער צימער. אויפן וועג האָב איך נישט געטאָרט אויסרעדן מיט אים קיין איין וואָרט...

גוטע אַכט שעה בין איך געהאַלטן געוואָרן אינעם אָפּגעזונדערטן צי־

מער. איך האָב קײנעם נישט געזען. מ׳האָט מיט מיר נישט גערעדט קײן וואָרט. שוין כמעט פאַרנאַכט האָט מען מיך אַרײַנגעפירט צו אַ נאַטשאַלניק פון דער ענקאַוועדע און ער האָט מיר דערקלערט אַז ראָטשײן האָט שוין אַלצדינג מודה געווען אַז איך געפין זיך דאָ שוין זײער לאַנג. זײ װײסן שוין װעגן מיר אַלץ. איך דאַרף נאָר אונטערשרײַבן אַ פּאַפּיר אַז איך װאַרף זיך אונטער צו פאָרן דאָרט אַהין װוּ די ענקאַװעדע װעט מיך שיקן... און אַז שוין מאָרגן דאַרף איך פאַרלאָזן אַשכאַבאַד. איך האָב געענטפערט אַז אַזױ װי ס׳עקסיסטירט אַן אָפּמאַך צװישן דער פּױלישער רעגירונג אין לאָנדאָן און דעם סאָװיעטן־פאַרבאַנד, קאָן מען מיך נישט פאַרהאַלטן דאָ אָן שום פאַרשטענדיקונג מיטן דעלעגאַט פון לאָנדאָן װאָס געפינט זיך דאָ אין שטאָט און װאָס האָט מיר געגעבן מײַן שוצפּאַפּיר. בײַם געבן מיר דאָס פּאַפּיר האָט מען מיר צוגענומען מײַן באַפרײַונג־קאַרטע פון מײַן לעצטן לאַגער װוּ ס׳שטײט דאָרט שװאַרץ אױף װײַס אַז איך בין אַ פּױלישער בירגער און אױף דעם סמך בין איך געװאָרן באַפרײַט. אױסער דעם בין איך איצט שוין כמעט אַן אָנגעשטעלטער אין דער דעלעגאַטור, װאָס האָט מיך געשיקט צו־זאַמען מיט נאָך אײנעם, אױך אַ באַפרײַטן פון אַ לאַגער. איך מײן אַז מע דאַרף מיר צוריק אָפּגעבן דאָס פּאַפּיר פון דער דעלעגאַטור און מיך באַפרײַען כדי איך זאָל זיך קאָנען פאַרשטענדיקן מיט דער דעלעגאַטור װעגן אײַער פאָדערונג, כ׳זאָל פאַרלאָזן אַשכאַבאַד.

די אױספאָרשונג און די סטראַשונקעס מיך װײַטער צו פאַרשיקן אין אַ לאַגער אױף אַ לאַנגער צײַט האָט געדױערט אַ גאַנצע נאַכט. ס׳האָבן זיך געביטן די װאָס האָבן מיך אױסגעפאָרשט. דעם גאַנצן טאָג און די גאַנצע נאַכט האָב איך אַפילו קײן גלאָז װאַסער נישט באַקומען... װען כ׳האָב אײַנגעזען, אַז כ׳װעל דאָ מיט מײַן האַלטונג קײן גוטס נישט קאָנען דערװאַרטן, װײַל לױט זײערע רײד, קאָנען זײ מיט מיר טון װאָס זײ װילן, האָב איך מסכים געװען אונטערצושרײַבן אַ פּאַפּיר, אַז כ׳װעל אַװעקפאָרן פון אַשכאַ־באַד, אָבער נאָר מיטן באַדינג, מע זאָל מיר אָפּגעבן דאָס פּאַפּיר פון דער דעלעגאַטור װאָס שטעלט פעסט מײַן פּױלישע בירגערשאַפט. מ׳האָט מיר אָבער קאַטעגאָריש געמאָלדן אַז דאָס פּאַפּיר װעלן זײ מיר נישט געבן. ס׳האָט זיך באַװיזן דער הױפּט־נאַטשאַלניק און געזאָגט אַז כ׳װעל דאָ מיאוס ענדיקן אױב כ׳װעל דװקא װעלן נאָר צוריק באַקומען דאָס פּאַפּיר. אָן קײן שום

דאָקומענטן, האָב איך געמאָלדן, ווייל איך נישט אַוועקגיין פון דאַנען, ווײַל איך ווייס שוין וואָס ס׳קאָן מיט מיר פּאַסירן אַז כ׳וועל קיין שום דאָקומענט נישט האָבן. פּלוצלינג איז איבערגעריסן געוואָרן די אויספאָרשונג. איך בין געבליבן אינעם צימער אַליין.

אַ ביסל שפּעטער האָט זיך באַוויזן דער סעקרעטאַר פון דער דעלעגאַטור. מ׳האָט מיר געמאָלדן אַז איך שרײַב אונטער גלײַך אויפן אָרט אַז איך פּאַרלאָז אַשכאַבאַד און גיי דאָרטן וווּ זיי שיקן מיך. אין קעגנטייל וועט איך פּאַרהאַלטן און אַפּגעפירט אין טורמע. איך האָב אָנגעקוקט דעם פּוילישן סעקרעטאַר, מראָטשקאָווסקי. ער האָט מיר גאָרנישט געזאָגט... איך האָב באַשלאָסן אַז איך שרײַב אונטער דעם אַרויספּאַר מײַנעם ווען איך באַקום איינס פון די ביידע: אָדער דאָס פּאַפּיר פון דער דעלעגאַטור אָדער מײַן באַפרײַונג־קאַרטע פון לאַגער. איך האָב באַלד באַקומען מײַן לאַגער־קאַרטע וואָס האָט זיך געפונען אין דער ענקאַווּעדע. צוזאַמען מיטן סעקרעטאַר בין איך אַוועק אין דער דעלעגאַטור און דאָרטן געבליבן. דער דעלעגאַט האָט זיך צו מיר באַוויזן אין אַן אויפגערעגטן צושטאַנד. ער האָט געשריגן אַז די ענקאַווּעדע באַגייט דאָ אַ שווינדל... זיי טײַטשן אויס שלעכט דעם אָפּמאַך. זיי טענהן אַז דער אָפּמאַך האָט אַ שײַכות נאָר צו פּאָלאַקן און נישט צו ייִדן. און ער האַלט אַז דער אָפּמאַך איז נוגע אַלע פּוילישע בירגער, אָן אונטערשיד, צי ער איז אַ קאַטאָליק אָדער אַ ייִד. ער האָט מיר דערציילט אַז אָט דער וואָשילעווסקי, וואָס איז צוזאַמען מיט מיר געפּאָרן ברענגען די קאָסטנס, קאָן יאָ דאָ בלײַבן אין אַשכאַבאַד, און נאָר איך מוז אַוועקפּאָרן. ער איז קעגן אַזאַ האַנדלונג. ער מיינט אַז איך בין פּונקט אַזאַ פּוילישער בירגער ווי וואָשילעווסקי און איך פּאַל אַרונטער די רעכט פונעם אָפּמאַך וואָס גענעראַל שיקאָרסקי האָט געשלאָסן מיט דער ראַטנמאַכט. ער האָט מיר געזאָגט אַז ס׳קומט דאָ פּאָר אַ מאָדנער פּאַל:

— דו — זאָגט ער — ביסט דאָך אַן אַקטיאָר, אַן אַרבעטמענטש, און דער וואָשילעווסקי, וואָס מע דערלויבט אים דאָ צו בלײַבן, איז ביז צו דער מילחמה געווען אַ קאַפּיטאַליסט, אַן אייגנטימער פון אַ ציגעלניע הינטער לידע. איז דיר דערלויבט מען נישט צו בלײַבן און אים יאָ? און ווער טוט עס? די פּראָלעטאַרישע מלוכה, די ראַטנמאַכט. הייסט עס אַז דאָ גייט נאָר אין דעם ווײַל דו ביסט אַ ייִד... ער זאָגט מיר אַז איך זאָל דאָ בלײַבן רויִק

אין דער דעלעגאַטור און נישט פאַרן אין ערגעץ. פאַרנאַכט האָט זיך גע־מאָלדן עמעצער פון דער ענקאַווועדע צום דעלעגאַט מיט אַן אָנפראַגע פאַר וואָס איך בין נאָך נישט אַוועקגעפאָרן?

פינף טעג איז אָנגעגאַנגען אַ געראַנגל פונעם דעלעגאַט מיט דער ענקאַווועדע וועגן מיר. ווען דער דעלעגאַט האָט זיך איבערגעצייַגט אַז זיי, די ענקעוועדיסטן, זענען גרייט צו אַרעסטירן אַלעמען, וואָס געפינען זיך דאָ צוזאַמען מיט מיר און אים אַליין, דעם דעלעגאַט אויך, — האָט ער זיך געזען געצווונגען צו קאַפּיטולירן. ס׳איז געוואָרן באַשלאָסן אַז צוויי מיליציאָנערן פירן מיך צו צו דער באַן און זעצן מיך אַרייַן אין אַ וואַגאָן. איך פאָר אָפּ דאָרטן אַהין ווו מע גיט מיר אַ בריוו צו דער דאָרטיקער ענקאַווועדע אַז איך מעג דאָרטן זייַן אין דער שטאָט... מיט אַ שווער האַרץ בין איך געגאַנגען אין דער באַגלייטונג פון די צוויי מיליציאָנערן צו דער באַן. איך האָב פון זיי באַקומען אַ בילעט, ווו עס איז געשטאַנען אויפגעשריבן דאָס וואָרט „מאַרי״, וואָס דאָס איז פאַר אַ שטאָט האָב איך נאַטירלעך נישט געוווסט. ביז די באַן האָט נישט גערירט פון אָרט זענען די מיליציאָנערן נישט אָפּגע־טראָטן פונעם וואַגאָן...

מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ בין איך אַוועקגעפאָרן פון אַשכאַבאַד אין מייַן נייַעם פאַרשיקונג־אָרט, קייַן „מאַרי״.

קאַפּיטל 58

אויף פרייער פאַרשיקונג אין מאַרי

איך בין אָנגעקומען קייַן מאַרי מיט אַ זעקל אין האַנט. דאָרט איז געלעגן דרייַ ברויטן, צוויי הערינג, עטלעכע שטיקלעך זייף, וואָס איז אין יענער צייַט באַטראַכט געוואָרן ווי אַן אוצר. עטלעכע קעסטלעך שוועבעלעך, וואָס זענען אויך געווען פון גרויסן ווערט, ווייַל זיי זענען כמעט נישט געווען צו באַקומען. כ׳האָב אויך געהאַט מיט זיך עפּעס געלט, אָנגעהאָנגען אין אַ טאָרבעלע אויף מייַן האַלדז. אָט דאָס אַלצדינג האָב איך באַקומען פון דער דעלעגאַטור אין אַשכאַבאַד בייַם אַוועקפאָרן. און נאָך עפּעס האָב איך גע־

האָט בײַ זיך — די ספּעציעלע קאַרטע פון דער אַשכאַבאַדער ענקאַווּעדע צו דער מאַרי׳ער ענקאַווּעדע, מע זאָל מיך דאָרט לאָזן װױנען... אָבער װער װעט מיר דאָרטן װעלן פֿאַרדינגען אַ װױנונג, מיך אָנקוקנדיק?... מיט װאָס פֿאַר אַ דאָקומענט װעל איך מיך פֿאַר די מענטשן פון אַ װױנונג באַװײַזן? מיט אַ קאַרטע פון אַ געװעזענעם לאַגערניק? איך בין געפֿאָרן אויף הפקר.

אין מאַרי איז זײער אַ הײסער קלימאַט. די זון ברענט דאָרט געפֿערלעך. מ׳האָט געמוזט עפּעס טראָגן אויפֿן קאָפּ. כ׳האָב אָנגעטון אַ היטעלע װאָס כ׳האָב צופֿעליק באַקומען, אָן אַ דאַשיק. אַװדאי האָב איך פֿאַרן מענטשלעכן אויג נישט געמאַכט קײן גאָר עלעגאַנטן אײַנדרוק... װער אָבער האָט זיך אין יענער ביטערער און טראַגישער צײַט גערעכנט מיט דעם?

איך בין אַרײַנגעלאָזן געװאָרן פון װאָקזאַל אין שטאָט אַרײַן דורך דער מיליץ װאָס איז דאָרט געשטאַנען און האָט קאָנטראָלירט יעדן אײנעם. די קאַרטע פון דער אַשכאַבאַדער ענקאַװעדע איז געװען פֿאַר מיר אַן אײַזערנער דאָקומענט אַז איך מעג אַרײַן אין שטאָט. איך האָב זיך גלײַך געמוזט מעלדן אין דער מיליץ. מ׳האָט מיר דאָרט געזאָגט אַז איך זאָל זען צו באַקומען עפּעס אַן אַרבעט כּדי זיך צו קאָנען אויסהאַלטן. זײ האָבן שוין פֿרי׳ער געװוּסט, האָבן זײ מיר געזאָגט, אַז איך דאַרף דאָ קומען אַהער. איך האָב זײ דערקלערט אַז איך פֿיל זיך קראַנק און שװאַך. צו קײן שװערער אַרבעט קאָן איך זיך נישט פֿאַרדינגען. זײ האָבן זיך איבערגעװוּנקען צװישן זיך און מיר געמאָלדן אַז איך קאָן שוין גײן. נאָר אײדער אָבער כ׳האָב פֿאַרמאַכט די טיר האָבן זײ מיר געזאָגט, אַז ס׳איז דאָ פֿאַראַן אַן אָרט װוּ פֿאַר קלײן געלט קאָן איך דאָרטן איבערשלאָפֿן אַ נאַכט. זײ האָבן מיר געגעבן דעם אַדרעס.

אַז כ׳בין דאָרט אַהין געקומען און האָב דערזען דאָס אָרט, װוּ כ׳װעל דאַרפֿן שלאָפֿן, בין איך גלײַך פון דאָרט אַנטלאָפֿן... גענוג געװען צו כאַפּן אַ קוק אין װעמענס שכנהשאַפֿט מיר װאָלט אויסגעקומען צו שלאָפֿן! דער דאָזיקער „שײנער עולם“ װאָלט מיך באַגנבֿעט װי גרויס איך בין. מע װאָלט מיך געלאָזט מיט אַ לײדיק זעקל. אויך דאָס טאָרבעלע מיטן ביסל געלט, װאָס איך טראָג אָנגעטון אויפֿן האַלדז, װאָלט אַריבער אין זײער רשות.

אַ גאַנצן טאָג האָב איך געזוכט עפּעס אַן אָרט װוּ צו קאָנען כאַפּן אויף אַ פּאָר שעה אַװעקלײגן מײַן מידן קאָפּ. דעם ערשטן טאָג האָב איך לײדער

נישט געפֿונען קיין אָרט. קוים מיט צרות האָב איך זיך אײַנגעבעטן בײַם מיליציאָנער אַז ער זאָל מיר דערלויבן איבערצונעכטיקן אויפֿן וואָקזאַל, פֿאַרשטייט זיך, אַז נישט אומזיסט... כ׳האָב אים געגעבן צוויי שטיקלעך זייף און אַ קעסטעלע שוועבעלעך פֿאַרן איבערנעכטיקן דאָרטן די ערשטע דרײַ נעכט אויף דער פּאָדלאָגע...

ליגנדיק אַזוי איז מיר אײַנגעפֿאַלן פֿאַר וואָס זאָל איך נישט פּרווון עפּעס צו פֿאַרדינען טאַקע אויפֿן וואָקזאַל. אָפּהיטן ווען ס׳קומט אָן אַ באַן און העלפֿן בײַם טראָגן די באַגאַזשן פֿון די פּאַסאַזשירן? אָבער נישט אַזוי גרינג מאַכט זיך עס ווי ס׳טראַכט זיך...

די אַלטע טרעגער פֿון וואָקזאַל האָבן מיך נישט צוגעלאָזן. אמת, אויפֿן וואָקזאַל זענען איצט פֿאַראַן ווייניקער טרעגער ווי פֿאַר דער מילחמה, ווײַל די יונגערע זענען מאָביליזירט געוואָרן אין דער אַרמיי, איך האָב זיך קוים אײַנגעבעטן בײַ איינעם אַן אַלטן טרעגער, צו קאָנען ווערן זײַן געהילף... דערפֿאַר וויל איך נישט מער ווי ער זאָל זען כ׳זאָל אַ שטיקל צײַט האָבן ערגעץ וווּ צו שלאָפֿן. מעג זײַן אין אַ קעמערל, אַפֿילו אויף דער ערד... דער אַלטער האָט מיט מיר אַ ביסל מיטגעפֿילט און מיך צוגעפֿירט צו אַ וועכטער וואָס היט דאָ פֿאַרשידענע סחורות בײַנאַכט. אָפּגעמאַכט מיט אים מיך צו לאָזן שלאָפֿן אין אַן אַלטן צעבראָכענעם וואַגאָן וואָס איז געשטאַנען אויף אַ זײַטיקער ליניע...

צוהעלפֿנדיק דעם טרעגער בין איך שוין געוואָרן דאָ אויפֿן וואָקזאַל ווי אַ שטיקל אייגענער. ס׳האָבן מיך שוין געקענט די מיליציאָנערן וואָס פֿלעגן דאָ שטיין. אָבער אַז איך שלאָף אין אַ וואַגאָן האָט קיינער נישט געוווּסט אויסער דער אַלטער טרעגער און דער שומר וואָס האָט בײַנאַכט געהיט די סחורות. מײַן שלאָפֿן איז דאָ געווען אַ גרויסער סוד... קיין צופֿיל אַרבעט האָב איך נישט געהאַט, ווײַל קיין גרויסע צאָל פּאַסאַזשירן פֿלעגן דאָ אַהער נישט קומען. כ׳פֿלעג יעדן טאָג לאַנג אַרומגייען אין די גאַסן און זוכן אפֿשר וועל איך פֿאַרט געפֿינען עמעצן וואָס קען מיך, אָדער עפּעס אַ פֿאַרשיקטן ייִד. פֿאַרשיקטע האָבן זיך דאָ געפֿונען איבער גענוג.

דאָס ערשטע האָב איך באַמערקט אויפֿן מאַרק, אַז דער קאַלכאָזניק, וואָס האָט פֿאַרקויפֿט קאַרטאָפֿל, האָט זײַן סחורה געהאַלטן אין זײַנע קעשע־נעס. יעדעס מאָל האָט ער אַרויסגעלייגט אויף אַ טיש איין קאַרטאָפֿל און

אויסגערופן אַז ס׳קאָסט פינף רובל. אַ גרויסער עולם האָט זיך געלאָזט כאַפּן די מציאה פאַר פינף רובל אַ קאַרטאָפל... איך האָב זיך אויך דערוווּסט אַז פאַר די צאַרישע צייטן פלעגט מען דאָ אַהערשיקן קיין מאַרי אַ סך פּאָליטישע פאַרברעכער. איצט, ביי דער סאָוויעטן־מאַכט, פאַרשיקט מען אַהער די באַפרייטע פון די צוואַנגלאַגערן. איין מאָל האָט זיך מיר פאַרגלוסט אַריינגיין אין אַ רעסטאָראַן עפּעס אָפּצועסן האָט מען מיר אַפילו אויף דער שוועל נישט געוואָלט אַרויפלאָזן. מ׳האָט מיך פּשוט אַוועקגעטריבן, מיטן רוסישן „וואָן אָט סיודאַ!" אַוועק פון דאַנען... אַז כ׳האָב געוואָלט עסן אַ ביסל זופּ האָב איך זיך געמוזט שטעלן אין דער ריי מיט אַ בלעכן קענדל אין דער האַנט און וואַרטן ביז מע וועט מיר פאַרקויפן אַ ביסל זופּ פון דער ביליקער קיך... אין דער ריי שטייענדיק האָב איך זיך ערשט גוט איבערגעצייגט מיט וועמען איך געפין זיך דאָ אין שטאָט. איך האָב זיך דערוווּסט פון די שטייענדיקע אין דער ריי, אַז דאָ געפינען זיך טויזנטער פאַרשיקטע. אין דער שטאָט מאַרי געפינען זיך איצט שוין אַ סך אַנטלאָפענע פון די היטלעריסטן פון ווייסרוסלאַנד און אוקראַינע, און אַז דאָ געפינט זיך אויך אַן אוקראַינישער טעאַטער. איך האָב באַשלאָסן צוצוגיין אַ מאָל צום אוקראַינישן טעאַטער. לאָמיר כאַפּן אַ קוק — האָב איך מיר געטראַכט — אפשר וועל איך זיך דאָרטן קאָנען דערשלאָגן צו עפּעס אַן אַרבעט.

כ׳האָב זיך עטלעכע טעג געפּרוּווט דאָרטן פאַרנאַכט אַרומדרייען. איין מאָל, ווי איך בין אַזוי געשטאַנען לעבן דעם אַריינגאַנג פון טעאַטער, דערזע איך אַז ס׳קומט אָן אַ יונגער מענטש פון נישט הויכן וווּקס מיט אַ זייער באַקאַנט פּנים. איך לאָז מיך צו אים צו. ער בלייבט שטיין זייער נאָענט פון מיר און פרעגט מיך:

— איר ווילט עפּעס פון מיר?

איך באַטראַכט אים גוט, און בעט אים איבער פאַר מיין דרייסטקייט, און גיב אים אַ פרעג:

— איר זענט אַ ייִד?

ער קוקט אויף מיר, קוקט לאַנג און ענטפערט מיר:

— יאָ, אַ ייִד.

איך הייב אָן גלייך צו רעדן צו אים אויף ייִדיש:

— זייער מעגלעך אַז איך מאַך נישט קיין טעות... איר זענט, דאַכט זיך מיר — זאָג איך — אַרטורס אַ ברודער, אַרטור זיגלבוימס אַ ברודער.

ער ווערט שטאַרק פֿאַרוווּנדערט און ענטפֿערט:

— יאָ, איר האָט געטראָפֿן, אָבער ווער זענט איר? אײַער שטימע קומט מיר עפּעס פֿאַר זייער באַקאַנט... אָבער אײַער אויסזען... זײַט מיר מוחל מײַן פֿרעגן: איר קומט נישט פֿון אַ לאַגער?

ער באַטראַכט מיך אַ ביסל בעסער און גיט אַ פֿרעג:

— איר זענט נישט געווען אַן אַקטיאָר, פֿון וואַרשע?

— יאָ, — זאָג איך, — איך בין אַן אַקטיאָר.

— וואַרט, וואַרט, — זאָגט ער, — איך וויל זיך גוט דערמאָנען און טרעפֿן ווער איר זענט.

איך ענטפֿער אים:

— ס׳וועט אײַך זײַן שווער צו טרעפֿן ווער איך בין.

אָבער ער שרײַט אויס: — איך ווייס שוין ווער איר זענט! כ׳האָב זיך ערשט גוט דערמאָנט וועלכן אַקטיאָר מ׳האָט אַרעסטירט אין ביאַליסטאָק. איר זענט דוד לעדערמאַן, אמת?

— יאָ, — זאָג איך, — דאָס בין איך...

— אוי, אוי! — שרײַט ער כמעט אויס — ווי ווי דו זעסט אויס? ווער וואָלט דיך דען דערקענט ווען דו שטעלסט מיך נישט אָפּ און הייבסט נישט אָן צו רעדן צו מיר...

— איך האָב עפּעס געהאַט אַ פֿאַרגעפֿיל, אַז פֿאַר מיר שטייט אַ באַ־קאַנטער, אָבער אין גאַנצן זיכער בין איך נישט געווען, ווײַל בײַ מײַנע איבערלעבענישן האָב איך געקאָנט אַ סך פֿאַרגעסן.

ער פֿירט מיך אַוועק פֿון טעאַטער אין אַ זײַטיק געסל און פֿרעגט מיך אויס ווי אַזוי כ׳קום דאָ אַהער פֿלוצלינג, קײַן מאַרי.

כ׳האָב אים אַלץ דערציילט. זײַן געזיכט איז געוואָרן ערנסט, אַ גוואַל־דיק מיטגעפֿיל האָט אים אַרומגעכאַפּט צו מיר. ער האָט מיר דערציילט אַז ער איז דאָ אינעם אוקרײַנישן טעאַטער דער טעכנישער לײַטער. ער וויל, קודם, מיך נישט לאָזן זיך וואַלגערן אינעם צעבראַכענעם וואַגאָן, וואָס קאָן זיך פֿאַר מיר פֿאַטאַל ענדיקן, ווײַל ס׳איז מילחמה־צײַט. איך וועל קאָנען בײַ אים שלאָפֿן עטלעכע נעכט, אָבער נאָר, לײַדער, עטלעכע. ער ווײנט צוזאַמען

מיט אַ גאַנצער גרופּע אַקטיאָרן. טאַקע באַזונדער אין אַ צימערל, אָבער אין זעלבן הויז ווו אַלע וווינען. איז בעסער מע זאָל נישט באַמערקן אַז איך שלאָף כסדר ביי אים. ס׳קאָן ביי זיי ווערן עפּעס אַ פּאַרדאַכט.

ער האָט מיך נאָך אין דער זעלבער נאַכט אַריינגעפירט אין זיין צימערל, אַריינגעלייגט אין זיין בעטל און אַליין האָט ער זיך געמאַכט אַ געלעגער אויף דער פּאָדלאָגע. זיין מאָטיוו איז געווען אַז ער וויל מיט זיין ליגן אויף דער פּאָדלאָגע כאָטש סימבאָליש מיטמאַכן מיינע ליידן. ער האָט מיר כסדר געהאַלטן אין איין זאָגן, אַז איך פאַרשאַף אים דאָס גרעסטע פאַרגעניגן מיט דעם וואָס איך שלאָף אין זיין בעטל כאָטש עטלעכע נעכט.

איך האָב אים געדאַנקט און געזאָגט אַז אין מיין איצטיקער קלאָגעדיקער לאַגע איז דאָס לאָזן מיך אויסרוען מיינע צעבראָכענע ביינער אין זיין בעטל געווען דאָס גרעסטע וואָס ער האָט מיר נאָר געקאָנט פאַרשאַפן.

שטייענדיק אַ מאָל נאָך מיין זופּ אין דער ריי ביי דער ביליקער קיך האָב איך געהאַט אַ מאָדנע באַגעגעניש. כ׳האָב באַמערקט הינטער מיר שטיין אַ מאַן מיט אַ ווונדערלעך אינטערעסאַנט פּנים. מ׳האָט אָבער געזען אַז דער מענטש האָט אַ סך איבערגעלעבט. ער האָט מיך אויסגעפרעגט פון וואַנען איך קום דאָ אַהער. כ׳האָב באַמערקט אַז זיין רוסישער אַקצענט איז אַ שווערער. האָב איך אים געפרעגט אין וועלכער שפּראַך איז אים גרינגער צו רעדן צו מיר. האָט ער מיר געענטפערט: אין אונגאַריש. מיין ענטפער איז נאַטירלעך געווען אַז איך פאַרשטיי נישט קיין אונגאַריש.

— נו, און דייטש פאַרשטייסטו?

— יאָ, — האָב איך געענטפערט. ער האָט מיך געבעטן אַז ווען מיר וועלן נעמען דאָס עסן זאָלן מיר ביידע גיין אויף אַן אָרט, ווו ער וועט מיר אָנווייזן, וועט ער מיר עפּעס דערציילן וואָס וועט מיך אינטערעסירן...

פריער האָט ער געוואָלט וויסן מיין געשיכטע ווי כ׳קום דאָ אַהער. כ׳האָב עס אים דערציילט אין קורצן. שפּעטער האָט ער מיר דערציילט אַז ער האָט אַמאָל פאַרנומען איינס פון די גרעסטע ערטער אין זיין היימלאַנד ווי אַ יוריסט. ער איז געווען דער באַרימטסטער אַדוואָקאַט אין זיין לאַנד. ער האָט געהערט צו דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון זיינע יינגסטע יאָרן אָן. געמוזט אַנטלויפן פון זיין לאַנד צוזאַמען מיט דער דעמאָלטיקער קאָמוניסטישער רעגירונג. איז ווו האָבן זיי געזאָלט אַנטלויפן? פאַרשטייט זיך,

אין ראַטנפאַרבאַנד. אין אָנהייב האָט מען זיי גוט אויפגענומען, פאַראַדירט מיט זיי. פּלוצלינג האָט מען זיי אַלע אַרעסטירט און ליקווידירט. מיט אים איז געשען אַ מאָדנער נס. ער איז פּונקט אין דער צייַט געלעגן אין שפּיטאָל אויף טיפוס. האָט מען אים דעמאָלט צופעליק נישט געטשעפּעט. ער האָט זיך גוט אָפּגעמוטשעט אין שפּיטאָל און געזונט געוואָרן. שפּעטער האָט מען אים אַרײַנגעוואָרפן אין אַ טורמע און נאָך שפּעטער אין פאַרשידענע לאַגערן. צום שלוס איז ער פאַרשיקט געוואָרן דאָ אַהער. ער וואָלט מיר פון זיך גאָרנישט דערציילט, ווײַל צו וואָס דאָס דערציילן? ס'וועט אים דען בעסער ווערן פון דעם? אָבער אַזוי ווי ער פילט אַז לאַנג וועט ער שוין נישט לעבן, פון טאָג צו טאָג פילט ער ווי די כוחות גייען אים אויס. האָט אים אַרומגע־כאַפּט עפּעס אַ מאָדנע בענקעניש צו זײַן היימלאַנד — אונגאַרן. עפּעס האָט אים געשטויסן אַ מאָדנע געפיל אַז ער זאָל זיך מיר פאַרטרויען אַז ער איז איינער פון בעלאַ קונס רעגירונג־מיטגלידער וואָס זענען אַנטלאָפן קײַן רוסלאַנד און דאָ ליקווידירט געוואָרן דורך זייערע אייגענע פאַרטיי־חברים. אָבער דער צופאַל האָט געוואָלט אַז איינער זאָל נאָך בלײַבן בײַ אַ זייער טרויעריק געמוטשעט לעבן. אַזוי האָט, אָפּנים, געוואָלט דער צופאַל. און אפשר צוליב אַ טעות איז ער געבליבן לעבן. ווער ווייסט? דאָ אין דעם גרויסן באַלאַגאַן איז אַלצדינג מעגלעך...

בײַם געזעגענען זיך האָט ער מיר געזאָגט אַז מיט מיר געזעגנט זיך דער וואָס האָט אָנגעפירט מיט דער יוסטיץ פון בעלאַ קונס רעגירונג, וואָס האָט דערמיט געמאַכט דעם גרעסטן טעות אין זײַן לעבן...

מער האָב איך אים נישט געזען. איך האָב דאָרטן אויך אין מאַרי נאָך איבערגעלעבט אייניקע סורפּריזן... גאַנץ צופעליק האָב איך דאָרט געטראָפן די קליינקונסט־אַקטיאָרן נוסבוים, באָטשקאָווסקי און נײַפעלד. זיי זענען אָבער דאָרט געקומען לעגאַל. פאַרשטייט זיך, אַז זיי האָבן מיך קוים דערקענט, און ווי דער שטייגער איז געווען — טרערן, פרייד און ווײַטער טרערן... דער גרעסטער סורפּריז אָבער איז פאַר מיר געווען ווען אין אַ געוויסן טאָג האָב איך פּלוצלינג דערזען אויסגעקלעפּטע אַפישן, אַז ס'קומט קײַן מאַרי אויף אייניקע גאַסטשפּילן דער באַרימטער דזשאַז־אָרקעסטער פון אַדי ראָזנער. אַדי ראָזנער איז געווען דער מאַן פון רות טורקאָוו, די טאָכטער פון זיגמונט טורקאָוו. זיי ביידע, אַדי און רות, האָבן זיך באַקענט

אין אַ בונקער אין וואַרשע ווען די היטלעריסטן האָבן באַלאַגערט די שטאָט, בײַדע זענען אַנטלאָפן נאָך דער קאַפּיטולאַציע פון וואַרשע קײַן רוסלאַנד. אַדי ראָזנער האָט דאָרטן געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג. אַפילו באַקומען דעם לענין־אָרדן. געפאָרן אויף גאַסטשפּילן מיט זײַן באַרימטן דזשאַז־אָרקעסטער אין אַן אייגענעם וואַגאָן. פּלוצלינג האָט ער זיך באַוויזן אין מאַרי. איך בין גלײַך אַוועק צו אים אין טעאַטער. באַקענט בין איך געווען מיט אַדי ראָזנערן נאָך פון יאָר 1938 אין פּאַריז, ווען ער איז דעמאָלט אויפגעטראָטן מיטן גרעסטן דערפאָלג אין טעאַטער „אַ.בע.סע.“ אויף די בולוואַרן. כ׳האָב אים גע־טראָפן דעמאָלט אין מאַרי צוזאַמען מיט זײַן שטיפשוועער, דעם צווייטן מאַן פון אידאַ קאַמינסקאַ, דעם שוישפּילער מאיר מעלמאַן, וואָס איז געפאָרן מיט זײַן איידעם, ווי דער בינע־לייטער. כ׳האָב נאָך דאָרטן אויף דער בינע געטראָפן אויך אַ סך ייִדישע מוזיקער פון פּוילן. צווישן זיי אַברהם שטאַק־פּעדערס אַ זון און דוד בייגעלמאַנס אַ זון. אויפן ערשטן בליק האָט קיינער פון זיי מיך נישט דערקענט. אָבער איך אַליין האָב נישט געקאָנט מער וואַרטן און זען ווי זיי קוקן אויף מיר מיט אויסגעגלאָצטע אויגן און ווייסן נישט ווער דער „שלעפּער“ איז וואָס איז צו זיי אַרויף אַזוי דרייסט אויף דער בינע... אַז זיי האָבן דערהערט מײַן נאָמען, און דערזען ווער עס שטייט פאַר זיי, האָט פון אַלעמען זיך אַרויסגעכאַפּט איין גרויסער אויסגעשריי: — אוי, אוי! זעט נאָר ווי ער זעט אויס!... און ווײַטער טרערן, טרערן און טרערן.

שפּעטער מיט אַ שעה האָבן זיי מיך געפירט אין רעסטאָראַן, אין וועלכן מ׳האָט מיך נישט געוואָלט אַרײַנלאָזן... מיט אַדי ראָזנערן האָט מען מיך שוין יאָ אַרײַנגעלאָזן. דער, וואָס איז געשטאַנען בײַ דער טיר, האָט געקוועטשט מיט די פּלייצעס און אַפּנים נישט געקאָנט פאַרשטיין ווי קום איך עפּעס צו אַדי ראָזנערן וואָס טראָגט צוגעשפּיליעט צו זײַן רעקל דעם לענין־אָרדן?...

זיי האָבן מיך שוין נישט אָפּגעלאָזן פון זיך נאָך דעם ווי כ׳האָב זיי דערציילט מײַנע איבערלעבונגען... זיי האָבן מיר אַ טאָג פאַר זייער אַוועק־פאָרן געזאָגט אַז זיי זענען געקומען צום באַשלוס אַז מע טאָר מיך דאָ נישט איבערלאָזן... ווײַל אָן אַ קאָמאַנדיראָווקע, אָן אַ פּאַפּירל פון דער ענ־קאַוועדע וועל איך פון דאַנען קיין מאָל נישט קאָנען אַרויספאָרן. איז פּונקט איצט דאָ דער גרויסער שאַנס פאַר מיר צו קאָנען פון דאַנען זיך אַרויסרײַסן... מיט זיי צוזאַמען. זיי האָבן אַן אייגענעם וואַגאָן, וואָס ווערט צוגעטשעפּעט

צו דער ערשטער באַן וואָס גייט אָפּ פון דאַנען. וועלן זיי מיך שוין מיטנעמען און אַראָפּלאָזן אין אַ צווייטער רעפּובליק פון ראַטנפאַרבאַנד. קיינער וועט דאָ אַפילו נישט וויסן אַז איך בין שוין דאָ מער נישטאָ... זיי האָבן מיך פאַרזיכטיק אין אַ בײַנאַכט אַרײַנגעפירט אין זייער וואַגאָן און מיך אַוועק־געפירט קײַן סאַמאַרקאַנד וואָס געהערט שוין צו אוזבעקיסטאַן.

אַזוי בין איך דורך אַ ריינעם צופאַל געראַטעוועט געוואָרן פון מײַן אייביק פאַרשיקונג־אָרט אין מאַרי.

קאַפּיטל 59

אין סאַמאַרקאַנד צווישן פּליטים

איך בין אַראָפּ פון וואַגאָן אויף דער סטאַציע סאַמאַרקאַנד און געבליבן שטיין. וווּ גייט מען? צו וועמען זיך ווענדן? ס'האָט שוין געהאַלטן בײַ ווערן נאַכט. איך האָב באַמערקט, אַז ביידע זײַטן באַנליניע זענען באַוווינט. בײַ מײַן אָנקום האָב איך נאָך נישט געוווּסט אַז די שטאָט טיילט זיך אײַן אין דרײַ טיילן: די געגנט ווו עס געפינט זיך דער וואָקזאַל, די נײַע שטאָט און די אַלטשטאָט. פון וואָקזאַל ביז דער נײַער שטאָט איז דאָ מער ווי צען קילאָ־מעטער און דער וועג אַהין איז פאַרבונדן מיט אַ שמאָלער באַן־ליניע אַזאַ מין „קאָלייקע" וואָס פלעגט קורסירן אַ מאָל אין אַ יובל... צי ס'איז געווען מחמת מילחמה צי שוין אַזאַ אײַנגעשטעלטער סדר, איז מיר בײַ מײַן אָנקומען נאָך נישט געווען קלאָר... דעמאָלט איז די סאַמאַרקאַנדער קאָלייקע געשטאַנען.

וואָס־זשע טוט מען; איז טאַקע זייער שלעכט אויפן האַרצן אַז מע בלײַבט אין אַ פרעמדער שטאָט ווי אויפן פוסטן פעלד. כ'זע מענטשן גייען הין און צוריק איבער דער באַן־ליניע. כ'הייב זיך אָן אײַנצוקוקן אין די פּנימער, ווײַזט זיך מיר אויס אַז אַ סך זענען ייִדישע... כ'נעם זיך אָן מיט מוט און פרעג אַן אַדורכגייער וועגן אַ האָטעל דאָ אין דער געגנט. — נישטאָ אַזעלכעס בײַם וואָקזאַל — באַקום איך אַן ענטפער — נאָר אין דער נײַער שטאָט אָדער אין דער אַלטשטאָט. פּלוצלינג דערהער איך ווי מע רעדט ייִדיש. כ'גיב זיך אַ קער אום און זע פאַר זיך צוויי ייִדן. איך בעט זיי מיר

זאָגן ווי אַזוי איך וואָלט געקאָנט צוקומען צו דער נײַער אָדער אַלטער שטאָט צו קאָנען איבערנעכטיקן דאָרט. זיי באַטראַכטן מיך און זאָגן, אַז זיי זעען דאָך אַז קיין גרויסער גביר בין איך נישט, און אַז קיין האָטעל אין דער נײַער שטאָט וועל איך מיר זיכער נישט קאָנען פאַרגינען, בלײַבט נאָר איבער כ׳זאָל זיך קאָנען דערשלאָגן צו דער אַלטשטאָט ווו עס איז פאַראַן אַ ביליקער האָטעל. ס׳הייסט, קיין ריכטיקער האָטעל איז עס נישט, אַ מין אַכסניה. מע קאָן דאָרט איבערשלאָפן אַ נאַכט. איז אַזוי ווי זיי, די צוויי ייִדן, דאַרפן דאָ אויפן וואָקזאַל אָפּנעמען אַ באַגאַזש, סחורות פאַר אַ פאַבריק ווו זיי אַרבעטן, אין אַ סאָוויעטישן אַרטעל, וועלן זיי מיך שוין מיטנעמען אין דער אַלטער שטאָט אַרײַן. אָבער איך מוז וואַרטן.

איך דאַנק זיי פאַר זייער פרײַנדלעכקייט. זיי ענטפערן מיר אַז זיי זענען מיר מוחל דעם דאַנק, וואָס הייסט? זענען זיי דען נישט קיין ייִדן? זיי פאַרשטייען זייער גוט ווער איך בין, זיכער איינער וואָס קומט פון אַ לאַגער, אמת? אין סאַמאַרקאַנד — זאָגן זיי — געפינען זיך זייער אַ סך געקומענע לאַגערניקעס. די אַלטע שטאָט איז פול מיט זיי, שוין אַ סך מאָל ווי זיי האָבן געפירט פון דאַנען די געקומענע לאַגערניקעס נאָך דער אַמנעסטיע אין שטאָט אַרײַן מיטן קאַמיאָן.

איך האָב געוואַרט מער ווי אַ שעה און בין מיט די צוויי אומבאַקאַנטע ייִדן מיטגעפאָרן אין אַ קאַמיאָן ביז דער אַלטער שטאָט. זיי האָבן מיר געוויזן דעם האָטעל און אַז לעבן האָטעל איז פאַראַן אַ „טשײַכאַנאַ״, אַזאַ מין „טיי־הויז״, ווו מע באַקומט אַ טשײַניקל מיט גרינע טיי. כ׳האָב באַשלאָסן קודם־כל אַרײַנצוגיין אין דער טשײַכאַנאַ און דערקוויקן מײַן פאַרחלשט האַרץ מיט אַ גלעזל טיי און צובײַסן אַ שטיקל ברויט וואָס כ׳האָב געהאַט אין מײַן זעקל...

אין דער טשײַכאַנאַ זענען געזעסן אַ סך אוזבעקן אויף דער פּאָדלאָגע, די פיס אונטער זיך און געטרונקען די „גרינע טיי״ פון שעלעכלעך וואָס מ׳האָט זיי גערופן „פּיאַלעס״. אין דעם טייהויז איז געווען ענג און שמוציק, אָנגערויכערט אַזוי אַז מ׳האָט קוים געקאָנט זען איינער דעם צווייטן... איך האָבן זיך דערקוויקט מיט דער טיי און שטיקל ברויט און בין אַוועק צום „האָטעל״.

ס׳האָט מיך דאָרט באַגעגנט איינער אין אַ לאַנגן כאַלאַט. ער האָט מיך אַרײַנגעפירט אין אַ גרויסן צימער און געזאָגט, אַז ער האָט נאָר איין ליידיק

בעטל ווו איך וועל קאָנען שלאָפן. כ׳האָב געגעבן אַ קוק, ס׳איז מיר פינצטער געוואָרן פאַר מײַנע אויגן. געשטאָנען זענען זענען דאָרט אַ פּופּצן בעטלעך. כמעט אויף אַלע זענען שוין געשלאָפן אָדער גלאַט געלעגן אַזעלכע פאַרשווינען וואָס איך וואָלט אַפילו בײַטאָג מיט זיי מורא געהאַט צו זײַן אין איין צימער... כ׳האָב אים געפרעגט צי ער האָט נישט קיין אַנדער צימער פאַר מיר. ער האָט מיר געענטפערט אַז מער ווי אַזעלכע פיר גרויסע צימערן האָט ער נישט. און דאָס זע איך איצט ווייניק מענטשן שלאָפן דאָ, ווײַל אַ סך מאָל קומט אויס דאָ אַרײַנצושטעלן נאָך אַ פינף־זעקס בעטלעך... ער ראָט מיר, כ׳זאָל וואָס גיכער פאַרנעמען דאָס ליידיקע בעטל, ווײַל ס׳קאָן גלײַך אָנקומען אַ צווייטער מענטש וואָס וועט עס פאַרכאַפּן. ער האָט בײַ מיר געבעטן מײַן דאָקומענט. אָן „פּאַפּירן״ — זאָגט ער — לאָזט ער בכלל קיינעם צו זיך אין זײַן „האָטעל״ נישט אַרײַן, ווײַל ער קאָן האָבן דערפאַר דאָס אמתע „פּעקל״ פון דער מיליץ... הײַנט איז מילחמה־צײַט, און די מיליץ קומט כסדר רעווידירן ווער ס׳שלאָפט דאָ... פּאָניאַטנאָ? איך דאַרף אויך גלײַך אים באַצאָלן פאַרן בעטל, ווײַל ס׳האָט שוין געטראָפן אַז מ׳איז אָפּגעשלאָפן אַ נאַכט און גאַנץ פרי אַנטלאָפן און נישט באַצאָלט... איבערהויפּט האָבן אים אָפּגעטון אַזעלכע שפּיצלעך אָט די וואָס זענען אַרויסגעלאָזן געוואָרן פון די לאַגערן... מער וועט ער אַזעלכע לײַט נישט לאָזן שלאָפן בײַ זיך אין האָטעל.

— נו — זאָגט ער — ווײַז שוין דײַן פּאַספּאָרט.

כ׳האָב אים געוויזן מײַן לאַגער־קאַרטע. ווי נאָר ער האָט דערזען די קאַרטע האָט ער אָנגעהויבן שרײַען:

— טראָג זיך אָפּ פון דאַנען וואָס גיכער.

כ׳האָב אים געבעטן, ער זאָל אויף מיר רחמנות האָבן און מיך נישט טרײַבן. ס׳איז איצט בײַנאַכט. ווו וועל איך גיין אין אַ פרעמדער שטאָט. ער אָבער:

— ניין און ניין! גיי, אין דער טשײַכאַנאַ און זיץ דאָרטן איבער די נאַכט.

איך האָב אים ווײַטער געבעטן און אים פאַרגעלייגט אַז כ׳וועל אים באַצאָלן, ער זאָל מיך לאָזן בײַ אים איבערזיצן דאָ ערגעץ די נאַכט. כ׳בין אים מוחל דאָס בעטל... ער איז געוואָרן ווייכער. ער האָט מיך אַרײַנגעפירט אין אַ קליין קיכל און געזאָגט:

— אַט דאָ קאָנסטו זיצן אָדער ליגן אויף דער פּאָדלאָגע ווי דיר געפעלט.

ער האָט גענומען בײַ מיר געלט און מיר געזאָגט אַז ער וועט מיך דאָ פאַרשליסן. און מיר אָנגעזאָגט, אַז טאָמער קומט אין מיטן נאַכט די מיליץ וועט ער מיך גלײַך אויפשליסן. טאָמער פרעגן זיי ווי איך קום דאָ אַהער זאָל איך זאָגן אַז איך בין נאַר־וואָס אַרײַן פרעגן אויף אַ נאַכטלעגער און אַז ער האָט מיר נישט געוואָלט געבן קיין בעטל דאָ צו נעכטיקן...

איך בין באַשטאַנען אויף אַלץ וואָס ער האָט מיר געזאָגט... פאַרשטייט זיך, אַז כ׳בין שוין די נאַכט נישט געשלאָפן. אַ ביסל געזעסן, אַ ביסל געלעגן אויף דער פּאָדלאָגע און געוואַרט עס זאָל שוין ווערן טאָג, כ׳זאָל קאָנען אַרויס פון דער פאַרשלאָסענער קיך.

אַ צעבראָכענער, נישט אויסגעשלאָפן בין איך גאַנץ פרי אַרויס פון האָטעל, ווידער אַרײַן אין דער טשײַכאַנאַ און זיך דערקוויקט מיט אַ ביסל גרינע טיי און מיט אַ שטיקל ברויט... שפּעטער בין איך אַרויס אין גאַס און דערזען פאַר זיך אַ סך ייִדן. מ׳האָט גערעדט ייִדיש אויפן הויכן קול. איך האָב אויפגעכאַפּט די ווערטער: „פּונקט״, „מעל״, „ברויטקאַרטן״, „לעפּיאָש־קעס״, „קיש־מיש״, „פון וועלכן לאַגער קומסטו?״, „און דו פון וועלכן?״, „ביסט גלײַך געקומען אַהער קיין סאַמאַרקאַנד?״, „ווער איז גלײַך געקומען אַהער, משוגענער!...״, „איך בין שוין אויסגעווען אַ שיין ביסל שטעטלעך, דערפלעך, קאָלכאָזן ביז כ׳האָב מיך דערשלאָגן אַהער״...

אַט די אַלע רייד האָבן מיר שוין אַלצדינג אויפגעקלערט... כ׳האָב שוין אײַנגעזען אַז איך געפין זיך צווישן אַ סך געוועזענע לאַגעריסטן, צווישן בלויז נאַשבראַט...

איך האָב זיך אָנגעהויבן אַרײַנדרייען אין רעדלעך ייִדן וואָס זענען גע־שטאַנען און האָבן געשמועסט צווישן זיך. פלוצלינג האָב איך דערהערט רעדן די ווערטער:

— ער איז דאָך אַ גלעזער, דו ווייסט? אַן אַקטיאָר געווען אין דער היים און דאָ גאָר אַ גלעזער... ער טראָגט אַ קעסטל מיט גלאָז אויף די פּלייצעס, יאָך זאָל אַזוי לעבן, כ׳האָב עס אַליין געזען! אָט דאָ נישט ווײַט זעט מען אים שטיין כמעט יעדן טאָג.

איך האָב געשטעלט אַ פראַגע:

— זאָגט מיר, איך בעט אײַך, ווער איז עס דער אַקטיאָר וואָס איז דאָ אַ גלעזער?

— וואָס הייסט ווער? משה ליפּמאַן!

איך פרעג ווײַטער:

— אפשר קען מיר ווער פון אײַך זאָגן ווו ער וווינט.

— באַלד, באַלד, אָט דאָ נישט ווײַט געפינען זיך די צוויי ברידער פריד־ריך. זיי זענען אויך גלעזערס. זיי וועלן אײַך קענען זאָגן. באַלד גיט מען מיך אַ פרעג:

— אַ לאַגעריסט?

— יאָ — זאָג איך — אַ לאַגעריסט.

זיי לאַכן און זאָגן:

— ווער דען וועט קומען קײַן סאַמאַרקאַנד? זיכער אַ לאַגעריסט!

איך זאָג זיי:

— כ'האָב געבראַכט פאַר ליפּמאַנען אַ גרוס.

— פון וועמען? — פרעגן זיי.

איך ענטפער:

— פון אַ צווייטן אַקטיאָר וואָס איז געווען אין עטלעכע לאַגערן...

דער עולם ווערט נײַגעריק:

— פון אַ צווייטן אַקטיאָר? ווער איז עס? אפשר קענען מיר דעם צווייטן אַקטיאָר, מיר בעטן אײַך, זײַט אַזוי גוט און זאָגט אונדז ווער דאָס איז.

איך זאָג זיי:

— פון דעם אַקטיאָר דוד לעדערמאַן.

— פון וועמען?

— וואָס רעדט איר? ער לעבט?

— מ'האָט דאָך דאָ געזאָגט אַז דער אַקטיאָר דוד לעדערמאַן איז אין דער ביאַליסטאָקער טורמע משוגע געוואָרן און געשטאָרבן...

— נישט אמת, ייִדן, — האָב איך זיי געזאָגט, — איך בין אַליין געזעסן מיט אים אין עטלעכע לאַגערן. איך בין אַן עדות אַז ער לעבט.

באַלד קומט צולויפן דער וואָס דאַרף מיר ברענגען דעם אַדרעס פון ליפּמאַנען. ער גיט מיר אַ פּאַפּירל מיט ליפּמאַנס אַדרעס. איין ייִד פרעגט

מיך צי כ׳בין שוין געווען אויפֿן „פּונקט“, ווו די לאַגעריסטן באַקומען אַ געווּיסע הילף.

— ניין, — זאָג איך, — איך בין נאָך נישט געווען.

זיי שרײַבן מיר אויף דעם אַדרעס ווו צו גיין צום פּונקט. איך באַשליס צו גיין צו ליפּמאַנען ערשט שפּעטער, פֿאַרנאַכט. איך וועל נאָך פֿריִער זײַן אין גאַס און הערן וואָס ייִדן, געוועזענע לאַגערניקעס, רעדן צווישן זיך... איך האָב זיך דערוווּסט, אַז ס׳געפֿינען זיך דאָ זייער פֿיל לאַגערניקעס וואָס האָבן געבעטן מע זאָל זיי אַרײַננעמען אין דער פּוילישער אַרמיי וואָס ווערט איצט אָרגאַניזירט קעגן היטלערן. אָבער ס׳האָט גאָרנישט געהאָלפֿן. קיין ייִדן האָט מען נישט געוואָלט אַרײַננעמען. פֿון טויזנטער האָט מען אַרײַנגענומען איינעם אָדער צוויי. אין די פּוילישע מיליטערישע קרײַזן הערשט אַ גרויסער אַנטיסעמיטיזם: ייִדן נישט, טאַקע דערפֿאַר ווײַל זיי זענען ייִדן. אײַ דאָס וואָס זיי זענען געווען אַרעסטירט דערפֿאַר, ווײַל זיי האָבן נישט געוואָלט נעמען די סאָוויעטישע פּעסער, דאַרף מען דאָך זיי זיכער אַרײַננעמען אין דער פּוילישער אַרמיי, אָבער ניין, מע נעמט זיי נישט. ווײַל די ענקאַווּעדע האָט זיך צונויפֿגערעדט מיט דער קאָמאַנדע פֿון דער פּוילישער אַרמיי, דאָס הייסט, אַנטיסעמיטן האָבן זיך צונויפֿגערעדט מיט אַנטיסעמיטן נישט צו נעמען קיין ייִדן. די זאַך איז מיר געוואָרן קלאָר...

פֿאַרנאַכט, איך שטיי פֿאַר אַ שטיבל אין אַ קרום געסל, אין אַ געגנט, ווו עס וווינען די מערהייט פּליטים, אויך איזבעקישע, בוכאַרישע ייִדן, ספֿרדים, וואָס פֿאַרשטייען אויך אַ ביסל עבֿרית. אָבער דאָס זענען אויסנאַמען. די געגנט זעט אויס ווי אַ געטאָ פֿון אַמאָליקע צײַטן. בלאָטיקע קרומע געסלעך. די לופֿט דאָ איז נישט קיין גאָר שמעקעדיקע. איך דערפֿרעג מיך קוים צום גלעזער. מע ווײַזט מיר איך זאָל אַרויפֿגיין אויף טרעפּ. איך קום אַרויף און טרעף די גאַנצע פֿאַמיליע ליפּמאַן. טרערן, טרערן, פֿרייד און טרערן. איך בלײַב דאָרט נעכטיקן. אָבער דאָס צימערל איז אַ קליינס. זיי זענען דרײַ פּערזאָן. זיי זאָגן מיר אַז מער ווי דרײַ נעכט קאָן איך דאָרט נישט נעכטיקן.

אויף צומאָרגנס גיי איך גלײַך אויפֿן פּונקט. איך ווײַז מײַן לאַגער־קאַרטע. מ׳הייסט מיך וואַרטן. ס׳באַווײַזט זיך צו מיר אַ מאַן, וואָס שטעלט זיך פֿאָר ד״ר מאַנטעל. ער איז דער אָנפֿירער פֿונעם פּונקט. געוויינטלעך קומט ער דאָ זעלטן אַהער. אָבער איך האָב מזל — זאָגט ער — כ׳האָב אים

פּונקט געטראָפן. ער איז אַ באַוווּסטער אַלטער פּוילישער סאָציאַליסט, ער האָט אָנגעהערט צו דער פּע. פּע. עס.[1] ער אַליין, אַדוואָקאַט מאַנטעל, קומט אויך פון אַ לאַגער. מ׳האָט מיר געגעבן צוויי קילאָ מעל, זייף, נאָך עטלעכע פּראָדוקטן און אויך אַ געוויסע סומע געלט. אויף אַ שטיקל צייט בין איך געוועזן פאַרזאָרגט.

אויפן דריטן טאָג איז געבליבן אַז איך וועל גיין שלאָפן אויף אַ צווייט אָרט, אַ צווייטע הײַזער ווײַטער פון ליפּמאַנען. דאָרטן האָבן געוווינט ליפּמאַנס זון העניעק מיט זײַן פרוי, און קעגנאיבער אים — אַ טיר אין אַ טיר — האָט געוווינט ליפּמאַנס טאָכטער, ענין ליטאַן מיט איר מאַן יצחק גרודבערג. דאָס איז דער יינגסטער ברודער פון די טורקאָווס. בײַ זיי האָב איך באַדאַרפט שלאָפן. אָבער אַזוי ווי זיי האָבן אַליין נישט פאַרמאָגט מער ווי אַ קליין אײַזערן בעטל, אַ טישל, און צוויי טאַבורעטקעס, איז מיר אויסגעקומען זיך צו לייגן אויף דער הוילער ערד. אָבער איך בין מיט דעם אויך געוועזן צופרידן. כ׳בין זיי געוועזן דאַנקבאַר פאַרן האָבן ווו אַוועקצולייגן דעם קאָפּ.

אין קורצן איז יצחק גרודבערג מיט זײַן פרוי אַוועקגעפאָרן און אַזוי ווי דאָס צימער איז שוין געוועזן באַצאָלט פאַרויס פאַר צוויי חדשים בין איך דאָרט געבליבן שלאָפן. אָבער נישט אין בעט, ווײַל דאָס בעטל איז געוועזן אַ געבאָרגטס, און מ׳האָט עס געמוזט אָפּגעבן. בין איך מיר אַזוי געשלאָפן אויף דער הוילער ערד.

אויף דער אַכטער נאַכט הער איך פּלוצלינג ווי אויפן הויף, ווו איך האָב זיך געפונען, רודערט זיך עפּעס. איך הער שטימען אויף רוסיש, ווי מע פרעגט זיך ווער ס׳וווינט דאָ. און גלײַך אַ קלאַפּן אין דער טיר מיט אַ געשריי איך זאָל אויפמאַכן. איך האָב געעפנט. ס׳איז געווען פּאָליציי. זיי פרעגן מיך מײַן נאָמען, איך ווײַז מײַן לאַגער־קאַרטע. זיי באַזוכן מיך. רעדן צווישן זיך עפּעס און מע לאָזט מיך איבער. מע טשעפּעט מיך נישט... איך טראַכט, וואָס האָבן זיי אייגנטלעך געוואָלט?

מיט עטלעכע טעג שפּעטער, אין מיטן דער נאַכט, אַרום צוויי אַזייגער, הער איך פּלוצלינג ווי מע קלאַפּט אין דער וואַנט פונעם צימער ווו איך שלאָף. איין וואַנט פון דעם צימער איז אַרויסגעגאַנגען צו דער גאַס. איך

---

[1] פּוילישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי.

הער זיך גוט איַין ווי מע רופט מיַין נאָמען, איך זאָל אויפמאַכן! פאַרשטייט זיך אַז איך האָב זיך געפונען אין אַ שווערער לאַגע און נישט געוווּסט וואָס צו טון. מע קלאַפּט ווידער און מע רופט פאַרצווייפלט מיַין נאָמען. וואָס טוט מען דאָ? ערשט מיט עטלעכע טעג צוריק איז דאָ געווען פּאָליציי, מ׳האָט פאַרשריבן מיַין נאָמען, מיך אויסגעפרעגט און אַוועק. אפשר וויל מען מיך איצט אַרויסנאַרן און אַוועקפירן ווו מע וועט אַפילו נישט וויסן ווו מיַין געביין איז אַהינגעקומען? איך פרעג:

— ווער איז עס? קומט אַן ענטפער אַז דאָס איז אַן אַקטיאָר. ווער קאָן עס זיַין? אפשר געפינט זיך דער ייִדישער מענטש אין אַ סכנה?

איך עפן שטיל מיַין טיר און לאָז אַריַין דעם מענטשן. ס׳איז געווען אַ פינצטערע נאַכט. כ׳האָב פאַר קיין פאַל נישט געקאָנט זען ווער דאָס איז. אַז איך האָב פאַרמאַכט מיַין טיר איז דער מענטש אויף מיר אַרויפגעפאַלן מיט אַ געוויין:

— ליבער און טיַיערער חבר לעדערמאַן, דו האָסט מיר איצט געראַטעוועט מיַין לעבן. איך בין דאָך דיַין חבר, יצחק קרעלמאַן.

— קרעלמאַן? וואָס איז געשען? ווי קומסטו צו מיר עפּעס אַזוי שפּעט ביַינאַכט...

— פרעג נישט, — זאָגט ער, — איך ווער געיאָגט פון דער ענקאַוועדע און איך ווייס נישט פאַר וואָס. איך האָב זיך דערוווּסט אַז מע זוכט מיך, מע וויל מיך אַרעסטירן. וויסנדיק פון עמעצן, אַז דו געפינסט זיך דאָ בין איך געווען געצוווּנגען זיך צו דערשלעפּן אַהער. גיב אַן עצה, ווי קאָן מען פון דאַנען צוקומען צו דער באַן, אָבער נישט דורכן הויפּטוועג, נאָר דורך אַ צווייטן וועג, אַ זיַיטיקן.

איך האָב אים געראָטן אַז ער זאָל אָנקלאַפּן אַנטקעגן מיַין טיר, ווו עס וווינט ליפּמאַנס זון, העניעק, אפשר וועט ער אים צופירן צו דער באַן. ער ווייסט אַלע הינטערוועגן.

מיר האָבן פאָרזיכטיק אָנגעקלאַפּט אין דער טיר און דערקלערט די לאַגע פון קרעלמאַנען. העניעק האָט איַינגעשטימט און אים אַוועקגעפירט צו דער באַן, אים אַריַינגעזעצט אין אַ באַגאַזש-וואַגאָן וואָס איז פונקט געשטאַנען צום אָפּפאָרן. פאַרשטייט זיך, אַז קרעלמאַן האָט פאַר דעם גוט

באַצאָלט. אַנדערש וואָלט מען אים נישט אַרײַנגעלאָזט אין באַגאַזש־וואַגאָן. און אַזוי איז קרעלמאַן גערעטעוועט געוואָרן פון אַ זיכער אומגליק...

איך אַליין האָב אָנגעהויבן קלערן עפּעס צו טון. ס׳איז מיר געלונגען צו ווערן אַן אָכראַניק, אַ נאַכטוועכטער. כ׳האָב געדאַרפט היטן בײַנאַכט וואַגאָנען מיט קוילן. דאָס איז געווען אַ שווערע אַרבעט. אויפצוזײַן נאַכט בײַ נאַכט אין רעגן און ווינט און דאַרפן היטן מע זאָל נישט גנבענען קיין קוילן. איך האָב פאַר דעם באַקומען דרײַ פערטל קילאָ ברויט אַ טאָג, אַ טאַלאָן אויף אַ טעלער זופּ אין אַ ביליקער קיך און אַן אָרט ווו צו שלאָפן בײַטאָג. אָבער אַזוי ווי די אַרבעט האָט שטאַרק געווירקט אויף מײַן געזונט האָב איך מער ווי זעקס חדשים בײַ דעם נישט געאַרבעט. מ׳האָט מיך געמוזט נעמען אין שפּיטאָל אַרײַן. פון מײַנע שרעקלעכע איבערלעבונגען, פון טרויעריקן לעבן האָב איך אָפּגעשפּאַרט אַ קראַנקייט: מאַלאַריע. איך פלעג באַקומען מאַלאַריע־אַטאַקן, מיט הויכער טעמפּעראַטור פון איבער פערציק גראַד היץ. אין אַזאַ צושטאַנד האָט מען מיך אַוועקגעפירט אין פּויליש־ייִדישן שפּיטאָל וואָס האָט זיך געפונען אין סאַמאַרקאַנד.

קאַפּיטל 60

אין סאַמאַרקאַנדער פּויליש־ייִדישן שפּיטאָל

אַ לאַנגע צײַט בין איך געלעגן אין פּויליש־ייִדישן שפּיטאָל אין סאַמאַרקאַנד אויף טאַשלאַצקע גאַס נומער 6, אינעם ראַיאָן פון וואָקזאַל. כ׳האָב דאָרט געטראָפן אַ סך קראַנקע ייִדן — געוועזענע לאַגעריסטן. דער שפּיטאָל איז געוואָרן אויסגעהאַלטן פונעם פּוילישן „פּונקט" דורכן ספּעציעלן פאַרשטייער ד״ר מאַנטעל, אַ ייִד.

ווען איך בין געלעגן איז שוין געווען אַ צווייטער פאַרשטייער פון שפּיטאָל, אינזשעניער אימיך, אויך אַ ייִד, און אויך אַ געוועזענער אַרעסטירטער. אימיך איז געווען אַ טשענסטאָכאָווער.

יעדן טאָג זענען געווען עטלעכע טויטפאַלן אין שפּיטאָל, גראַד יונגע מענטשן. דער לאַגער האָט זיי אַזוי אויסגעמוטשעט אַז זיי האָבן נישט באַ־

וויזן איבערצוהאַלטן קיין קראַנקייט. ס׳האָט געשניטן בײַם האַרץ צוזעענדיק ווי יונגע ייִנגלעך, צווישן אַכצן און פּיראונצוואַנציק יאָר, זענען געפאַלן ווי די פליגן...

די צײַט פון מײַן ליגן אין שפּיטאָל איז געווען צווישן ראש־השנה און יום־כיפּור און טאַקע ערב יום־כיפּור צו כל־נדרי בין איך געלעגן אין היצן פיבער. צוזאַמען מיט מיר האָבן זיך דעמאָלט געפונען אַ זעכציק קראַנקע ייִדן. אַלעמען האָט אַרומגעכאַפּט אַ דראַנג צו זאָגן כל־נדרי. אין שפּיטאָל האָט געאַרבעט ווי אַ נאַכטוועכטער דער שרײַבער משה גראָסמאַן. ער פלעגט קומען פאַרנאַכט און אַזוי שוין בלײַבן היטן דעם שפּיטאָל ביז אין דער פרי. אַ גאַנצן טאָג פון ערב יום־כיפּור האָבן די קראַנקע נישט אויפגעהערט צו־צושטיין צו מיר, כ׳זאָל פאַר זיי זאָגן כל־נדרי. כ׳האָב זיי געענטפערט אַז כ׳וויס נישט צי כ׳וועל זײַן בכוח אין מײַן קראַנקן צושטאַנד מיט אַזאַ גע־העכערטער טעמפּעראַטור. די עלטסטע קראַנקנשוועסטער האָט זיך אָנגערופן אַז כ׳זאָל אומבאַדינגט זאָגן כל־נדרי. אין דעם זכות וועל איך ווערן געזונט. איך האָב אײַנגעשטימט און די קראַנקנשוועסטער, אַליין אויך אַ געוועזענע אַרעסטירטע, האָט אויף גיך געבראַכט ליכט און זיי אָנגעצונדן. אָנשטאָט אין טליתים, האָט מען זיך אַלע אײַנגעהילט אין די ווײַסע לײַלעכער...

אַלע קראַנקע האָבן זיך פאַרזאַמלט אין גרויסן קראַנקנצימער. מע קאָן זיך שוין פאָרשטעלן דאָס בילד ווי זעכציק קראַנקע ייִדן, אײַנגעהילט אין לײַלעכער, זאָגן כל־נדרי. איך ווייס נישט ווי כ׳האָב דעמאָלט גענומען כוח אַראָפּצוגיין פון בעט און זיך שטעלן לעבן טיש מיט די אָנגעצונדענע ליכט און אָנהייבן זאָגן:

— אוי־אוי, אוי־אוי־אוי, כל־נדרי...

אָפּזאָגנדיק עטלעכע שורות האָב איך אַ געשריי געטון:

— איך קאָן נישט מער! זיך אָנגעהויבן אויסטענהן מיטן רבונו־של־עולם... און געפאַלן אין חלשות.

צומאָרגנס, אַז כ׳בין אַ ביסל געקומען צו זיך, האָט מיר די עלטסטע קראַנקנשוועסטער דערציילט וואָס ס׳איז געשען מיט מיר, און צוגעגעבן, אַז כ׳קאָן מיר גאָרנישט פאָרשטעלן דאָס בילד ווי כ׳בין געשטאַנען און גע־זאָגט, און אַלע קראַנקע האָבן נאָכגעזאָגט און געגאָסן מיט טרערן. ווען כ׳האָב זיך געווענדט צו גאָט מיטן אויסגעשריי: „פאַרוואָס? פאַרוואָס קומט עס אונדז

אַזאַ געמאַטערט לעבן״? איז געוואָרן אַזאַ געוויין אַז אַפּילו שטיינערנע הער־צער האָט עס געקאָנט רירן...

ווען כ׳בין געזונט געוואָרן האָט זיך צו מיר געוואָנדן דער הויפּט־דאָקטער פון שפּיטאָל, ד״ר פרידמאַן, אויך אַ געוועזענער אַרעסטירטער, אַ גאַליציאַנער ייִד פון קראָקע, און מיר געזאָגט:

— ווו וועסטו איצט גיין? דו האָסט דאָך נישט ווו צו זײַן און ווו צו ווױנען? בלײַב דאָ איבער אין שפּיטאָל, וועסט זײַן אַ סאַניטאַר און וועסט צוהעלפן אויך בײַ אַנדערע אַרבעטן... אויך מײַן פרײַנד, דער שרײַבער משה גראָסמאַן, דער נאַכט־סטרוזש פון שפּיטאָל, האָט מיך שטאַרק צוגערעדט.

— נו, מילא, — האָב איך געזאָגט, — אַ שרײַבער איז שוין דאָ אין שפּיטאָל, וועט אויך זײַן אַן אַקטיאָר.

כ׳בין פאַרבליבן אַרבעטן אין שפּיטאָל. כ׳האָב אָבער נישט געקאָנט צוזען מיט וואָס פאַר אַ וואַסער מע קאָרמעט די קראַנקע. ס׳האָט מיך אַזש אָנגעהויבן צו שווידערן דערפון.

אין סאַמאַרקאַנד איז געווען אַזאַ וואַסער וואָס איז אַרומגעלאָפן איבער דער גאַנצער שטאָט. מ׳האָט עס גערופן „וואַסער פון אַריק״. דאָס איז געווען אַזאַ ברייטער רינשטאָק וואָס איז געלאָפן לעבן טראָטואַר. די אַריקן, אַפּנים, האָבן זיך געצויגן פון ערגעץ אַ טײַך, אָבער דאָ איז עס געווען זייער שמוּ־ציק. אַ סך אוזבעקן פלעגן דאָ אָפּטון זייער מענטשלעכן געברויך... כ׳האָב נישט געקאָנט זען ווי מע גיט די קראַנקע אַזאַ וואַסער, און באַשלאָסן צו ברענגען יעדן טאָג וואַסער פונעם זייער ווײַטן ברונעם. מ׳האָט מיר געגעבן קאָראָמיסלעס מיט צוויי עמערס און כ׳בין געוואָרן דער וואַסערטרעגער.

אויב משה גראָסמאַן איז דאָ געווען דער נאַכט־סטרוזש — האָב איך געזאָגט — מעג מיר אָנשטיין צו זײַן דער וואַסערטרעגער פאַר די ייִדישע קראַנקע. כ׳האָב זיך באַמיט מיט וואָס כ׳האָב נאָר געקאָנט העלפן מײַנע קראַנקע ייִדישע ברידער.

משה גראָסמאַן איז געקומען יעדן אָוונט אין שפּיטאָל אַרײַן און געבראַכט כסדר נײַעס. אַז דער דעמאָלטיקער אויסערן־מיניסטער, ווישינ־סקי, האָט געהאַלטן אַ רעדע אין מאָסקווע; אַז די ייִדן, וואָס געפינען זיך אין ראַטנפאַרבאַנד, די פון פּוילן, וועלן נישט קאָנען מער צוריקפאָרן אַהיים... פאַרוואָס? ווײַל זיי זענען פרײַוויליק אַנטלאָפן פון דאָרטן. נאָר די פּאָלאַקן —

האָט ער געזאָגט — ווען נאָך דער מילחמה זיך קאָנען אומקערן. מע קאָן זיך שוין פאָרשטעלן וואָס מיר האָבן דעמאָלט איבערגעלעבט! ס׳איז שוין פון לאַנג געווען באַוווסט אַז ווישינסקי איז אַ גרויסער אַנטיסעמיט. אָבער קיינער האָט זיך נישט געקאָנט פאָרשטעלן אַז ער וועט זיך עפנטלעך אַרויס־זאָגן אַזוי געמיין. מעגלעך אַז ווען נישט וואַנדאַ וואַשילעווסקאַ מיט איר גרינגדן דעם פאַרבאַנד פון פוילישע פּאַטריאָטן, וואָלטן זייער אַ סך ייִדן נישט געקאָנט אַזוי לײַכט אַרויספאָרן פונעם סאָוויעטישן גן־עדן... איין זאַך אָבער איז געווען מער ווי זיכער אַז די געוועזענע אַרעסטירטע וועט מען נישט קאָנען פאַרהאַלטן, ווײַל אין זייערע באַפּרײַ־קאַרטן איז געווען קלאָר געשריבן אַז זיי זענען פוילישע בירגער. די פראַגע האָט נאָר געקאָנט זײַן וועגן די וואָס האָבן גענומען סאָוויעטישע פּעסער... נו, האָבן זיי אָבער גע־טענהט, אַז זיי זענען געווען געצווונגען דערצו... ווײַל נישט יעדער איינער האָט אין זיך געהאַט דעם גרויסן כוח צו וועלן גיין אין די טורמעס און לאַגערן...

אין יענער צײַט איז געקומען קײַן סאַמאַרקאַנד דער גוטבאַקאַנטער זשורנאַליסט פון פוילן בערנאַרד זינגער, וואָס האָט אין וואַרשע מיטגעאַר־בעט אין „הײַנט“ און אין דער ייִדיש־פוילישער צײַטונג „נאַש פּשעגלאָנד“. ער האָט פאַרנומען אַן אַנגעזעענעם אַמט אין דער פוילישער אַמבאַסאַדע בײַם פּראָפעסאָר קאָט אין קויבישעוו. אויך ער האָט זיך אויסגעדריקט אַז ס׳איז נישט זיכער צי אַלע ייִדן וועלן ווערן געלאָזן צוריק קײַן פוילן. ער האָט שוין גוט געוווּסט וואָס ס׳האָט זיך דעמאָלט געטון אין מאָסקווע...

איך האָב זיך אויך דערוווּסט אַז אין סאַמאַרקאַנד איז אַרעסטירט גע־וואָרן דער אַקטיאָר חיים לעווין און מ׳האָט אים פאַרשיקט אין אַקטיובינסקער לאַגער. ער האָט באַקומען צען יאָר.

גייענדיק מיט די צווײ עמערס וואַסער עטלעכע מאָל אין טאָג פון זייער ווײַט, האָב איך זיך גוט צוגעקוקט ווי געוועזענע לאַגערניקעס ליגן אויס־געלייגט אויפן גאַס בײַם טויער פון שפּיטאָל און בעטן מע זאָל זיי אַרײַנ־נעמען. דער שפּיטאָל איז אָבער געווען שוין איבערגעפּולט. נישט געווען קיין שטיקל אָרט ווו מע זאָל קאָנען לייגן אַ נײַעם קראַנקן. אַ סך פון די קראַנקע, וואָס זענען געלעגן פאַרן שפּיטאָל־טויער, האָבן אויסגעהויכט זייע־רע נשמות אַזוי ליגנדיק אויף דער גאַס. נישט געווען ווו זיי צו נעמען. די

שטאָטישע שפּיטאָלן זענען אויך געווען פול מיט קראַנקע, וואָס מ׳האָט גע־בראַכט פון די פראָנטן. ס׳איז דאָך געווען מילחמה... ווען ס׳וואָלט אָבער געווען אַ גוטער ווילן בײַם שטאָטישן סאָוויעט וואָלט מען געקאָנט העלפן די אומגליקלעכע. נישט געווען איז אָבער אַזאַ ווילן לגבי די ייִדן, געווע־זענע לאַגעריסטן. פאַרקערט, זייער אָפט פלעגט אַנלויפן אַהער די מיליץ און טרײַבן די קראַנקע מיט געשרייען:

— וואָס ליגט איר דאָ? געגאַנגען פון דאַנען!

נישט איין מאָל האָבן זיי געגעבן די אומגליקלעכע אויך געַנוג קלעפּ... יעדן טאָג זענען אין די גאַסן פון דער געגנט אַרום וואָקזאַל געפונען גע־וואָרן אָפּגעשטאָרבענע יונגע מענטשן. מע פלעגט זיי אַלע צוזאַמענעמען, אַרײַנוואַרפן אין איין וואָגן, אוועקפירן הינטער דער שטאָט. אַזוי אין די קליידער אַרײַנוואַרפן אין גריבער און זיי פאַרשאָטן. אַ סך מענטשן זענען געלאָפן וועגן דעם עניין צום שטאָטישן סאָוויעט, געבעטן. זיי האָבן אָבער געטראָפן טויבע אויערן...

אין מיטן פון אָט די אַלע געשעענישן האָט אַ פרישע נײַעס געמאַכט אויף מיר אַ שטאַרקן אײַנדרוק. כ׳האָב זיך דערוווּסט, אַז דזשיגאַן—שומאַכער זענען געוואָרן אַרעסטירט. ווי אַזוי? גאָר איינפאַך. די ענקאַווּעדע האָט געהאַט אַן אָפּמאַך מיט דער פּוילישער קאָמאַנדע פון דער אַרמיי, אַז זיי קאָנען אַרויסנעמען סאָלדאַטן וואָס דאַרפן לויטן סאָוויעטישן געזעץ ווערן אַרעס־טירט... דזשיגאַן—שומאַכער זענען געווען אין דער פּוילישער אַנדערס־אַרמיי, אינעם שטעטל קערמינע, זיי זענען אַרעסטירט געוואָרן פריִער דורך דער פּוילישער מיליטער־זשאַנדאַרמעריע און שפּעטער איבערגעגעבן גע־וואָרן דער ענקאַווּעדע...

מיט עטלעכע חדשים שפּעטער איז פּלוצלינג געקומען אינעם פּויליש־ייִדישן שפּיטאָל אַרײַן אַ קאָמיסיע פון ענקאַווּעדע. זיי האָבן אַלצדינג פאַר־שריבן וואָס דאָרט געפינט זיך. פאַר אונדז איז געוואָרן קלאָר אַז עפּעס גרייט זיך. איידער די אַלע זאַכן זענען פאָרגעקומען איז געשען אַ פאַל מיטן שרײַבער משה גראָסמאַן. אויפזײַענדיק נאַכט נאָך נאַכט איז ער איין מאָל אײַנגעשלאָפן זיצנדיק נישט ווײַט פון שפּיטאָל־טויער. פּונקט אין דער זעלבער נאַכט האָט זיך פאַרגלוסט צו קומען אַ קאָנטראָל־קאָמיסיע פונעם פּוילישן פּונקט צו זען צי מע היט בײַנאַכט גוט דעם שפּיטאָל, זיי האָבן

פּלוצלינג דערזען ווי דער שרײַבער־נאַכט־סטרוזש שלאָפט... משה גראָסמאַן האָט פאַרלוירן דעם נאַכט־סטרוזש־פּאָסטן...

אַזוי זענען געגאַנגען די געשעענישן. גאָר אין קורצן האָט די ענקאַוועדע ליקווידירט דעם שפּיטאָל.

קלאַנגען זענען אַרומגעגאַנגען אַז דעם אָפּמאַך וואָס די סאָוויעטן האָבן אונטערגעשריבן מיט דער פּוילישער גלות־רעגירונג איז שוין פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ ווערטלאָז שטיקל פּאַפּיר...

איך בין אַרויס פון שפּיטאָל און אַנגעהויבן זוכן אַן אָרט וווּ צו שלאָפן. צופעליק האָב איך זיך באַקענט מיט אַ פּאָרפאָלק — אויך פּליטים — וואָס האָבן זיך שוין געהאַט אַ ביסל אײַנגעאָרדנט אין סאַמאַרקאַנד. זיי האָבן געוווינט אין דער געגנט פון וואָקוואַל, אויף דער צווייטער זײַט באַגליניע, אויף דער פּיאָניערסקע גאַס נומער 81. דאָרטן האָב איך באַקומען בײַ זיי אַ ווינקל וווּ צו שלאָפן. דאָרטן האָבן זיך אויך אויפגעהאַלטן נאָך פּליטים. מיר האָבן זיך געפונען אין אַ דורכגאַנג־צימער, ווײַל אין אַנדערן צימער נאָך אונדז האָט געוווינט אַ רוסישע פאַמיליע פון פינף פּערזאָן. אַ מאַן מיט אַ פרוי און דרײַ קינדער.

איך פלעג פון צײַט צו צײַט גיין פון מײַן וווינונג אין דער אַלטער שטאָט אַרײַן צו משה גראָסמאַן. איך פלעג גיין נישט דורך דער נײַער שטאָט, נאָר דורך אַ צווייטן וועג, אַ קירצערן, דורך פאַרשידענע בערג און טאָלן. קומענדיק איין מאָל אין דער אַלטער שטאָט האָב איך זיך דערוווּסט, אַז דאָרט איז אָנגעקומען אַ יידיש טעאַטער, וואָס שפּילט צוויי מאָל אין וואָך. זיי האָבן געשפּילט אין אַלטן שמוציקן אוזבעקישן טעאַטער, נאָך פון תּרח׳ס צײַטן. איך בין אַרײַן צו זיי, און געבעטן מע זאָל מיך פאַרשרייבן צווישן אַנסאַמבל, כּדי כ׳זאָל קאָנען באַקומען אַ ברויטקאָרטע. זיי האָבן מיר אָבער אָפּגעזאָגט. צי דאָס איז געווען פון שלעכטקייט אָדער פון מורא איז מיר נישט געווען קלאָר. איך מיין אַז גיכער פאַר מורא, ווײַל כ׳בין געווען אַ געזעסענער... איך האָב געזען אַ פאָרשטעלונג בײַ די אַקטיאָרן וואָס האָבן זיך טיטולירט ווי דער כאַרקאָווער מלוכה־טעאַטער. די פּיעסע וואָס זיי האָבן געשפּילט האָט געהייסן „די זעקסטע ווײַב״. בײַ אונדז אין פּוילן און אויף דער גאַנצער וועלט האָט די פּיעסע געטראָגן דעם נאָמען „די רומענישע חתונה״. כ׳האָב באמת נישט פאַרשטאַנען פאַר וואָס זיי האָבן די פּיעסע גערופן „די זעקסטע

ווײַב". זיי האָבן מיסתמא געוואָלט, אַז ס'זאָל זײַן אַ מער קיצלדיקער נאָמען... אין דער רומענישער חתונה גייט אַ רײַכער גוטבאַזיצער חתונה האָבן צום זעקסטן מאָל. דערפֿאַר דער נאָמען. אין פּוילן אָבער איז די זאַך געוואָרן אויפֿגעפֿירט ווי אַ ריינע קאָמעדיע. צום ערשטן מאָל האָט זי געשטעלט אין 1927, אין קאַמינסקי־טעאַטער, דער רעזשיסער יונגוויץ, קלאַרע יונגס מאַן. „די רומענישע חתונה" איז דעמאָלט געגאַנגען אַ גאַנץ יאָר. דאָ האָב איך פֿאַר זיך דערזען עפּעס גאָר אַ נײַע זאַך. די הויפּטראָל, קיזלער, דער גוטבאַזיצער, איז בײַ אונדז געגאַנגען אָנגעטון אין אַ ווײַסן קאָסטיום מיט אַ שטרויהוט, ווײַל די האַנדלונג קומט פֿאָר אין אַ דאָרף. דאָ האָב איך פֿאַר זיך דערזען אַ מאָדנע זאַך. קיזלערן האָבן די סאָוויעטישע אַקטיאָרן פֿאָרגעשטעלט גאָר ווי אַ ייִד אַ חסיד, אין אַן אַטלאַסענער קאַפּאָטע מיט אַ לאַנגער באָרד. עס הייסט, אַז נאָר אַ חסיד קאָן חתונה האָבן צום זעקסטן מאָל... נאָך עפּעס ערגערס האָב איך געזען. די פֿאָרשטעלונג איז געשפּילט געוואָרן אין רוסיש. כ'בין דעמאָלט געזעסן אין טעאַטער צווישן פּובליקום. ס'האָט אויף מיר געמאַכט אַן אָפּשטויסנדיקן אײַנדרוק, ווי מע וואָלט עפּעס ספּעציעל חוזק געמאַכט פֿון חסידישן ייִד קיזלער. צו דעם אַלעמען האָט מען דאָך גערעדט רוסיש. מע קאָן זיך שוין פֿאָרשטעלן ווי דער רוסישער עולם האָט רעאַגירט אויף דעם, ווען זיי האָבן דערזען אויף דער בינע, ווי אַ ייִד אַ חסיד, רײַסט זיך חתונה צו האָבן צום זעקסטן מאָל מיט א יונגער געזונטער מויד, מיט דער דבורה...

כ'האָב זיך גוט אײַנגעהערט מיט וואָס פֿאַר אַן אַנטיסעמיטישע ווערטלעך דער סאָוויעטיש־דערצויגענער עולם האָט באַגלייט די פֿאָרשטעלונג... „ווי דער זשיד זוכט צום זעקסטן מאָל חתונה צו האָבן"... זיי האָבן גערעדט הויך און צוגעגעבן דעם רוסישן מי שברך, מיט דער יאָפּקע אין טאַטנס טאַטן אַרײַן...

אויב איך דערמאָן שוין טעאַטער וויל איך דאָ אויך דערמאָנען אַז כ'האָב זיך געזען אין סאַמאַרקאַנד מיט דער גרויסער קינסטלערין קלאַרע יונג. זי האָט שוין באַדאַרפֿט דעמאָלט זיכער אַלט זײַן אַ זיבעציק יאָר.

איך האָב באַמערקט אין די סאַמאַרקאַנדער װוּנדערבאַרע מעטשעטן ריזיקע לעכער אין די ווענט. אַז כ'האָב געשטעלט די פֿראַגע וואָס ס'באַטייטן די לעכער האָט מען מיר דערציילט אַז דאָס שטאַמט פֿון דער צײַט ווען

מ'האָט אָנגעהויבן אײַנצופירן די קאָלכאָזן. דעמאָלט האָבן זיך די אוזבעקישע פויערן שטאַרק קעגנגעשטעלט. אין מאָסקווע האָט מען אָבער געהאַט באַשלאָסן צו מאַכן עס מיט כּוח. מ'האָט אַהינגעשיקט דעם גענעראַל בודיאָני וואָס האָט געפירט דעם קאַמף מיט די אוזבעקישע פויערן. ער איז געקומען מיט אַ גאַנצער אַרמיי. ס'האָבן זיך אָנגעהויבן שלאַכטן מיט די אוזבעקן, זיי האָבן זיך פאַרבאַריקאַדירט אין די מעטשעטן. בודיאָני האָט אויף זיי דעמאָלט געשאָסן פון האַרמאַטן און זיי באַזיגט... לויט ווי אײַנוווינער האָבן פאַרזיכערט זענען בײַ די קאַמפן געפאַלן פיר הונדערט טויזנט אוזבעקן, און ווי שטומע עדות פון יענער שחיטה אײַנצופירן די קאָלכאָזן זענען געבליבן די לעכער אין די ווענט פון די מעטשעטן.

לויט ווי ס'האָבן מיר אויך דערציילט אייניקע בוכאַרער ייִדן זענען אין יענער צײַט אויך אַרעסטירט געוואָרן אַ סך אוזבעקישע ייִדן. מ'האָט בײַ זיי אויך קאָנפיסקירט זייער פאַרמעגן...

מ'האָט מיר אָנגעוויזן אויף אַ מאַן פון אַ יאָר 85, וואָס פלעגט כמעט יעדן טאָג גיין איבער דער הויפּטגאַס פון דער נײַער שטאָט ביז צו דער אַלטשטאָט. יעדעס מאָל האָט ער זיך אָפּגעשטעלט בײַ די מעטשעטן מיט די אויסגעריסענע לעכער און געזאָגט, אַז ער, זײַן פאָטער, זײַן זיידע און זײַן עלטערזיידע זענען געבוירן געוואָרן אין סאַמאַרקאַנד און קיין שום צאַרישע מאַכט האָט נאָך אַזוי שרעקלעך נישט באַהאַנדלט די באַפעלקערונג ווי די ראַטנמאַכט וואָס רעדט אין נאָמען פון גערעכטיקייט. ער האָט כּסדר צוגעגעבן פיר הונדערט טויזנט האָבן זיי אומגעבראַכט, נאָר פון אונדזער אומגעגנט, און וויפל צענדלינגער מיליאָנען אין גאַנצן לאַנד?

קאַפּיטל 61

מײַן באַפרײַונג

דאָס לעצטע קאַפּיטל ביז דער באַפרײַונג פונעם גרויסן צווייהונדערט־מיליאָניקן קאָנצענטראַציע־לאַגער איז געווען זייער אַ שווערער. בײַ יעדן איינעם פון די צוריקפאָרנדיקע איז פריִער אויסגעצאַפּט געוואָרן די לעצטע

טראָפּנס בלוט וואָס ער האָט נאָך פאַרמאָגט ביז ער האָט שוין דערלעבט צו דערזען זײַן נאָמען אויף דער ליסטע פון די וואָס פאָרן אַוועק פון סאַמאַר־קאַנד מיטן ערשטן עשאַלאָן... אָבער לאָמיר ווײַטער גיין מיט אַ סדר ביזן אָפּפאָרן אַזוי ווי מיר זענען געגאַנגען ביז איצט.

איין מאָל, ווען איך בין געקומען צו דער שטוב פון משה גראָסמאַן, האָב איך זיך דערוווּסט, אַז מ׳האָט אים בײַנאַכט צוגענומען פון זײַן היים. גאָר אין קורצן איז באַוווּסט געוואָרן אַז ער געפינט זיך אין אַ צוואַנגלאַגער אַרום סאַמאַרקאַנד... קיין לאַגער פאַר די שקלאַפן־אַרבעטער האָט אויך נישט געפעלט אין סאַמאַרקאַנד. אויך דאָ האָבן זיך געפונען פיל טויזנטער רוסישע פּליטים פון געביטן וואָס די היטלער־אַרמיי האָט אַטאַקירט און שפּעטער פאַרנומען... מ׳האָט זיך גענוג אָנגעהערט פון זייער אומגליקלעך לעבן וואָס איז געווען כמעט אַזוי שטאַרק ווי אין דער אַרומיקער אַנטיסעמיטישער סביבה אין פורישקעוויטשס צײַטן. די סאָוויעטישע ייִדן האָבן ווי פאָרויס־געזען אַז נאָך דער מילחמה וועט זיך בײַ זיי דער אַנטיסעמיטיזם פאַרשטאַרקן און ווערן ברוטאַלער, ווײַל זיי האָבן גוט געוווּסט די שטימונג פון די רוסן, אוקרײַנער, ליטווינער און לאַטישן. זיי האָבן דערציילט אַז טאָג און נאַכט האָט מען נאָר געהערט רעדן שלעכטס וועגן ייִדן. כאָטש אין יעדער ייִדישער פאַמיליע האָט שוין געפעלט אַ זון, אָדער אַ פאָטער, צי בײדע צוזאַמען וואָס זענען געפאַלן אויף די פראָנטן. וויפל קרבנות די ייִדן האָבן געגעבן איז עס פאַר די אַנטיסעמיטן אַלץ געווען ווייניק...

כ׳האָב זיך אין סאַמאַרקאַנד באַגעגנט מיטן שרײַבער פון וואַרשע, דעם מיטאַרבעטער פון „הײַנט“, בערל קוטשער. ער איז געווען אַ נאַכטוועכטער אין אַ סאָד און געפירט אַ געמוטשעט לעבן. ער איז געקומען קיין סאַמאַר־קאַנד פון פאַרשיקונג. אין די קאָמי־וועלדער האָט ער אויסגעהאַקט ביימער און דאָ איז ער געוואָרן אַ „סאַדאָווניק“...

כ׳האָב זיך דאָ אויך באַגעגנט אין סאַמאַרקאַנד מיט נאָך אַ שרײַבער, בצלאל טערקעל. ער איז דאָ געווען מיט זײַן פאַמיליע אין דער זעלבער געגנט ווו איך האָב געוווינט, בײַם וואָקזאַל אין די בלאָטיקע קרומע געסלעך. טערקעל האָט געאַרבעט ווי נאַטשאַלניק פון אַן אַרטעל. כ׳האָב באַקענט זײַן פאַמיליע. זײַן יונגיטשקע טאָכטער, יהודית, זייער אַ טאַלאַנטירט קינד, האָט וווּנדערבאַר געזונגען ייִדישע פאָלקסלידער.

איך האָב דאָרט באַגעגנט מײַנע חברים אַקטיאָרן שלמה פּריזאַמענט און גיזע היידען. זיי זענען דאָרט געווען אויף גאָר גרויסע צרות. כ׳האָב דאָרט אויך געטראָפן די אַקטיאָרן אײַזיק ראָטמאַן, יעקב פישער און דעם וואַרשעווער טעאַטער־פּריזירער גרישע ראָטשטיין.

אויף די פּראָנטן האָט אָנגעהויבן גיין בעסער. די שטימונג איז געוואָרן אַ הייטערע און די האָפענונגען מונטערע. איך האָב געטראַכט, אפשר וועל איך נאָך אַ מאָל דערלעבן די אמתע פרײַהייט.

מײַן לאַגע איז געוואָרן פון טאָג צו טאָג ערגער, ווײַל אין שפּיטאָל האָב איך דאָך פאָרט געהאַט מײַן אָרעם אויסקומעניש. וואָס טוט מען אָבער איצט? דער צופאַל האָט מיך צונויפגעפירט מיט אַ באַקאַנטן נאָך פון מײַן יוגנט, מיט אַ געוויסן שמואל פײַנגאָלד פון לאָדזש. ער איז געווען אויף די זעלבע צרות וואָס איך. ער האָט מיך שטאַרק צוגערעדט מיר זאָלן פּרוּוון זיך פאַרשרײַבן אין אַ קאָלכאָז. שוין דער פאָרשלאָג אַליין פון מײַן חבר צו גיין אין אַ קאָל־כאָז האָט מיך געמאַכט טרויעריק. אָבער נויט ברעכט אײַזן. כ׳האָב געמוזט אויך מאַכן דעם פּרוּוו און פאַרזוכן דעם טעם פון אַ קאָלכאָז...

שמואל האָט מיך אָוועקגעפירט אין דזשערזשינסקי־קאָלכאָז, אין אַ געגנט נישט ווײַט פון סאַמאַרקאַנד. קוים ווי איך האָב זיך דערשלעפּט אַהין. מיר זענען געגאַנגען צופוס, מער ווי פינפאונצוואַנציק קילאָמעטער. דער וועג איז געווען זייער שווער. אַ בלאָטיקער. ווען מיר זענען צוגעקומען אַהין איז שוין געווען פאַרנאַכט. כ׳האָב מיך קוים דערפרעגט צום אָנפירער פונעם קאָלכאָז, אַן אוזבעק... ער האָט מיר אויסגעשטעלט אַ צעטל, און געוויזן ווו צוגיין צו אַ שטיבל. כ׳האָב שוין דאָרטן געטראָפן אַ מאָן דרײַסיק. איך מיט מײַן באַקאַנטן האָבן באַקומען אַ שטיקל אָרט אויף דער ערד, אויף איבערצושלאָפן... איך בין געלעגן אין געהאַקטע צרות און נישט געקאָנט אײַנשלאָפן פון הונגער און קעלט...

אין דער פרי האָב איך באַקומען אַ לעפּיאָשקע, אַזאַ מין אוזבעקיש פּלעצל, מיט אַ ביסל קיפּיאַטאָק. גלײַך מיטן פרימאָרגן האָט מען שוין באַ־דאַרפט גיין אין פעלד אַרײַן און אַרבעטן בײַ „כלאָפּאָק". בײַ רײַסן וואַטע... אַזוי האָט מען באַדאַרפט אַרבעטן פון פאַרטאָג ביז ס׳איז געוואָרן פינצטער מיט אַ קורצן איבעררײַס צו קאָנען עסן מיטאָג. אָך און ווי איז אָבער גע־ווען צו דעם מיטאָג. אַ ביסל געקאָכט וואַסער מיט גרויפּן און צוגעגאָסן אַ

ביסל אייל, כדי ס׳זאָל אויסזען, אַז ס׳איז „פעט״, צו דעם אַ שטיקל שוואַרץ נאַס ברויט.

נאָך דער אַרבעט האָט מען ווידער באַקומען אַ שטיקל ברויט מיט אַ ביסל קיפּיאַטאָק. כדי צו באַקומען אָט דאָס ביסל עסן האָט מען געמוזט אָפּרײַסן אַ געוויסע צאָל קילאָ וואַטע. די אָנפירערס פון קאָלכאָז האָבן געוויגן אויף אַ וואָג וואָס יעדער איינער האָט אויסגעאַרבעט, וויפל קילאָ וואַטע ער האָט אָפּגעריסן. טאָמער האָט איינער נישט געקאָנט מאַכן די נאָרמע, האָט ער שוין דאָס ריכטיקע עסן נישט באַקומען. פאַרנאַכט האָט ער שוין גאָרנישט געקריגן און זיך געמוזט לייגן שלאָפן מיט אַ הונגעריקן מאָגן.

דער אַרבעטפּלאַץ איז געווען אין נאַסע ליימיקע פעלדער, דערצו האָט דאָרטן אָפט גערעגנט. אַז מ׳האָט אַרײַנגעשטעלט אַ פוס אין דער ליימיקער ערד איז שווער געווען אים אַרויסצונעמען. איך האָב געליטן אויף מאַלאַריע אין אַ שטאַרקער פאָרעם. די אַרבעט איז מיר דאָרטן אָנגעקומען ביז גאָר שווער. פון צײַט צו צײַט פלעג איך באַקומען געפערלעכע מאַלאַרישע אָנפאַלן.

אַזוי האָב איך מיך דאָרט אָפּגעמוטשעט גאַנצע אַכט חדשים. סוף־כל־סוף בין איך געווען געצוווּנגען זיך אומצוקערן קײַן סאַמאַרקאַנד. אַזוי גיך אָבער מאַכט מען עס נישט, ווײַל מ׳האָט נישט געלאָזט אַוועק. כ׳האָב פון דאָרטן געדאַרפט בײַנאַכט, קיינער זאָל נישט זען, אַנטלויפן. כ׳האָב זיך צוריקגעשלעפּט מיט די לעצטע כוחות. לאַנג געגאַנגען צופוס ביז כ׳האָב שוין דערלעבט צו דערזען סאַמאַרקאַנד.

איך האָב אָנגעהויבן צו זוכן מיטלען ווי זיך צו קאָנען עפּעס העלפן כדי איבערצולעבן די ביטערע צײַט. דער צופאַל האָט מיך צוזאַמענגעפירט מיט צוויי נײַע פרײַנד, צוויי וואַרשעווער ברידער, וואָס האָבן דאָ געאַרבעט אין אַ קיש־מיש־זאַוואָד. אַ פאַבריק פון ראָזשינקעס, אין דער געגנט פון וואָקזאַל, אויף דער צווייטער זײַט באַנליניע. די צוויי ברידער — אַברהם און שלמה אַרבעטסמאַן — האָבן מיר פאַרשאַפט עטלעכע מאָל אין וואָך אַ טאַלאָן צו באַקומען אַ מיטאָג אין דער קיש־מיש־פאַבריק פאַר אַ קליינעם אָפּצאָל — דאָס קענדל אין וואָס צו באַקומען דאָס ביסל עסן האָט מיר געמאַכט דער בלעכער פון פאַבריק, מיכל זעמעלמאַן, וואָס געפינט זיך היינט

אין בוענאָס־איירעס. דאָס דאָזיקע ביסל עסן האָט מיך אַ ביסל געהאַלטן אויף מײַנע פיס מיט דער האָפענונג אַז עס וועלן אפשר קומען בעסערע צײַטן...

די נײַעס פון די פראָנטן זענען דעמאָלט געווען גוטע. די מערדערישע היטלער־אַרמיי האָט באַקומען שטאַרקע קלעפּ. זיי האָבן זיך געמוזט צוריק־ציִען פון עטלעכע פראָנטן. דאָס האָט אונדז געגעבן אַ געוויסע האָפענונג צו דערלעבן די אמתע פרײַהייט... ס׳איז אויך געוואָרן קלאָר אַז גאָר אין קורצן וועלן די אַליִירטע עפענען דעם צווייטן פראָנט קעגן היטלערן. אָט די אַלע גוטע בשורות האָבן אַ ביסל ליכטיקער געמאַכט מײַן פינצטערע דאָליע. זוכנדיק ווי צו קאָנען זיך אויפהאַלטן בײַם לעבן האָב איך זיך דער־מאָנט אַז מ׳האָט מיר נישט אָפּגעגעבן, בײַם באַפרײַען מיך פון לעצטן לאַגער, מיינע ווערטזאַכן, דעם גאָלדענעם זייגער, דעם לאָנדזשין מיטן גאָלדן קייטל, אַ גאָלדענע פעדער, אַ גאָלדן פינגערל און נאָך עטלעכע זאַכן. אויך געלט. ווען כ׳זאָל עס איצט האָבן וואָלט איך דערפאַר געקאָנט באַקומען אַזוי פיל צו קאָנען דורכלעבן אַ יאָר און אפשר מער... מ׳האָט מיך שטאַרק צוגערעדט כ׳זאָל אַוועקשיקן אַ טעלעגראַמע קײַן מאָסקווע אין „גולאַג״, וואָס פירט אָן מיט אַלע לאַגערן פון ראַטנפאַרבאַנד. כ׳האָב זייער גוט אויפגעהיט דאָס פּאַפּירל פון דער ביאַליסטאָקער טורמע, וואָס מ׳האָט מיר דעמאָלט אַרויס־געגעבן אויף די אַלע זאַכן. האָב איך געפּאָלגט און געשיקט אַזאַ טעלעגראַמע קײַן מאָסקווע. מײַנע גוטע פרײַנד האָבן פאַר דעם באַצאָלט מיט דער האָפע־נונג אַז ווען כ׳וועל באַקומען מײַנע ווערטזאַכן וועל איך זיי מיט גרויס דאַנק אומקערן די סומע געלט. אין אַ צען טעג אַרום נאָכן שיקן די טעלעגראַמע צום „גולאַג״, דורכגייענדיק דורך דער באַנליניע, ווי כ׳פלעג עס טון יעדן טאָג, ווײַל כ׳האָב דאָך געוווינט אויף דער צווייטער זײַט באַנליניע, שטעלט מיך אָפּ אַ מיליציאָנער און גיט צו מיר אַ געשריי:

— דו, לאַגערניק, ביסט מיר שוין פאַרדעכטיק פון לאַנג, ווײַל כ׳זע דיך דאָ כסדר גיין איבער דער באַנליניע הין און צוריק...

— איך וווין דאָך דאָ, מוז איז דאָך אַדורכגיין.

— קום מיט מיר — זאָגט ער — אין דער מיליץ.

דאָרט האָט מען מיך קודם געגעבן אַ וואָרף אַרײַן אין אַ קאַמער וווּ ס׳האָבן זיך געוואַלגערט פאַרשידענע קרימינעלע פאַרברעכער. מ׳האָט מיך אָפּגעהאַלטן פינף טעג אָן שום אויספרעגן. כ׳האָב אָנגעהויבן בעטן, מע זאָל

מיך פירן צום נאַטשאַלניק, ווײַל איך װיל זיך באַקלאָגן אַז מ׳האָט מיך אָן שום רעכט אַרעסטירט. מ׳האָט מיר געענטפערט:

— מאָלטשי! און אַרײַנגעזאָגט אין טאַטנס טאַטן אַרײַן. שפּעטער האָט מען מיך אַרויסגענומען פונעם קאַמער און אַזוי צעשלאָגן אַז איך בין געבליבן ליגן אַ צעבלוטיקטער. מ׳האָט מיך געוואָרנט כ׳זאָל פון הײַנט אָן האַלטן מײַן זשידאָווסקע מאָרדע, און מיך אַרײַנגעוואָרפן אין אַ קליין קעמערל, וווּ כ׳בין אָפּגעלעגן עטלעכע טעג. כ׳האָב באַקומען נישט מער ווי אַ שטיקל ברויט יעדן טאָג און אַ ביסל קיפּיאַטאָק. אַזוי האָט מען מיך אָפּגעהאַלטן פינף וואָכן.

אויף דער זעקסטער וואָך בײַנאַכט האָט מען מיך אַרײַנגעזעצט אין אַ פּאָליציי־וואָגן און געפירט אין דער נײַער שטאָט אַרײַן צו אַ געבײדע וואָס כ׳האָב זי דערזען צום ערשטן מאָל אין סאַמאַרקאַנד. דאָרט האָט מען מיך אַרויפגעפירט אויף אַן ערשטן שטאָק, און אַרײַנגעפירט אין אַ צימער צו אַ נאַטשאַלניק, וואָס פון זײַן בלויזן קוק איז מיר געוואָרן ביטער אויפן האַרץ און פינצטער אין די אויגן... אַן עלטערער מענטש, מיט אַן אָפּגעגאָלטן קאָפּ, אַ הוילן שאַרבן, מיט אַ רויט רוי פּנים און הייזעריקער שטימע. ער האָט מיך גלײַך געגעבן אַ פרעג: וואָס כ׳האָב געמיינט מיט דער טעלעגראַמע צום „גולאַג״.

כ׳האָב געענטפערט, אַז ווען כ׳בין אַרויס פון לעצטן לאַגער האָט מען מיר פאַרזיכערט, אַז מײַנע ווערטזאַכן ווערן איבערגעשיקט צום „גולאַג״. איך מעג זיך מעלדן צו יעדער צײַט צום „גולאַג״ טעלעגראַפיש און בעטן מײַנע ווערטזאַכן, און אַזוי האָב איך געטון.

ער קוקט מיך אָן מיט זײַן פינצטערן בליק און פרעגט מיך:

— האָסט עפּעס צו ווײַזן אַ פּאַפּיר אויף דעם?

איך ווײַז אים דאָס פּאַפּירל, וואָס איך האָב אָפּגעהיט אין אַ טאָרבעלע, האַלטנדיק עס אויף מײַן קערפּער גוט צוגעבונדן שיינע עטלעכע יאָר.

ער נעמט צו דאָס פּאַפּיר און זאָגט אַז ער וועט שוין וועגן די זאַכן מאַכן אַן אָנפראַגע. נאָר פון הײַנט אָן זאָל איך וועגן דעם האַלטן ס׳מויל, נישט דערציילן קיינעם וועגן דעם און אויך נישט זאָגן, אַז כ׳בין דאָ בײַ אים געווען הײַנט אין מיטן נאַכט... ער וועט מיך הייסן באַפרײַען פון דער מיליץ. יעדן צווייטן טאָג אָבער זאָל איך זיך דאָרט מעלדן. ווען ער האָט

שוין געהאַלטן בײַם אַרײַנרופן אַ מיליציאָנער האָט ער מיך פּלוצלינג גע־
געבן אַ פרעג:

— און וואָס טוסטו איצט?

כ׳האָב אים דערציילט אַז כ׳בין שוין געווען דאָ אַ נאַכטוועכטער בײַ
קוילן, כ׳בין אָבער שטאַרק קראַנק געוואָרן, געלעגן אַ לענגערע צײַט אין
שפּיטאָל, ביז מ׳האָט דעם שפּיטאָל פאַרמאַכט. איך בין אויך געווען כמעט
אַ יאָר אין קאָלכאָז. כ׳בין קראַנק געוואָרן און לייד שטאַרק פון מאַלאַריע.
אַזוי ווי כ׳האָב נישט פון וואַנען צום לעבן וויל איך זיך ראַטעווען מיט מײַנע
ווערטזאַכן וואָס קאָנען מיר געבן אַ שטיקל צײַט צו פאַרזיכערן מײַנע אויס־
קומעניש.

ער האָט פּלוצלינג ווײַטער אָנגעהויבן צו שרײַען, אַז ער זעט שוין
אַז כ׳וויל דאָ, אין ראַטנפאַרבאַנד, ווערן אַ טאַרגאָווטשיק! אַ סוחר!...

כ׳האָב אים געענטפערט, אַז כ׳האָב געהאַט אין זינען די זאַכן מײַנע
צו פאַרקויפן אין אַ רעגירונג־קראָם, ווי ס׳איז דערלויבט לויטן געזעץ. ער
האָט מיר נאָך געמאַכט עטלעכע גוטע „פּאַמאַטיערעס" און געוואָרנט כ׳זאָל
מער מיט קיינעם נישט רעדן פון מײַנע ווערטזאַכן אויב כ׳וויל נישט פאַר־
פוילט ווערן דאָ בײַ אים אין אַ קעלער, אָדער אין דער סאַמאַרקאַנדער טור־
מע, און אָנגעהויבן צו שרײַען:

— אַרויס פון דאַנען! געררופן דעם מיליציאָנער און געהייסן מיך
אַרויספירן.

מ׳האָט מיך נאָך געהאַלטן אין דער מיליץ אַ שטיקל צײַט און קוים
מיט צרות מיך באַפרײַט. איבער צוויי חדשים בין איך געווען אַרעסטירט.
אַפּנים, נאָר דערפאַר ווײַל כ׳האָב געגעבן די טעלעגראַמע צום „גולאַג" וועגן
מײַנע ווערטזאַכן... כ׳האָב שוין גוט פאַרשטאַנען אַז אויב איך וויל טאַקע
נישט פאַרפוילט ווערן דאָרטן אין קעלער בײַ דעם נאַטשאַלניק אָדער אין
סאַמאַרקאַנדער טורמע, דאַרף איך שוין פאַרגעסן צו מאָנען מײַנע זאַכן.

אין דער מיליץ האָט מען מיר געגעבן אַ צעטעלע כ׳זאָל זיך מעלדן
יעדע פופצן טעג. כ׳האָב זיך אַגב דערוווסט אַז דער, וואָס האָט מיך אַזוי
„פײַן" אויפגענומען אין מיטן נאַכט, איז געווען נישט מער און נישט ווײ־
ניקער ווי דער נאַטשאַלניק פון דער ענ.קאַ.גע.בע. אין סאַמאַרקאַנד (נאַ־
ראָדני קאָמיסאַריאַט גאָסודאַרסטווענאַיע בעזאָפּאַסנאָסטי), דאָס איז אַזאַ

פּאָליציי וואָס שטייט נאָך העכער פון דער ענקאַווועדע, און פאַרנעמט זיך מיט אויסלאַנד־ענינים.

ווען איך האָב זיך צו די פּופּצן טעג געמאָלדן האָב איך געמוזט אונ־טערשרייבן אַ פּאַפּיר, אַז איך טאָר מער נישט שרייבן וועגן דעם גאַנצן „ענין", און אַז איך האָב נישט קיין שום טענה צו קיינעם... איך האָב פאַר־שטאַנען, אַז איך דאַרף זיך שטאַרק היטן די ביינער. אַז כ'מוז שווייגן.

נאָך דעם ווי איך האָב זיך עטלעכע מאָל געמאָלדן אין דער מיליץ האָט מיך דאָס לעצטע מאָל אויפגענומען אַ הויכער באַאַמטער, אַ ייִד, מיטן נאָמען מעלאַמוד. ער האָט מיר געזאָגט זײַן נאָמען. מיך געהייסן קומען שוין איין מאָל אין חודש, מער נישט, און מיר געזאָגט, אַז כ'זאָל גוט געדענקען, קיינעם נישט צו דערציילן וועגן דעם לעצטן אַרעסט מײַנעם. בכלל שווײַגן וועגן דעם אַלעם. שווײַגן און שווײַגן. ער האָט פאַרענדיקט אויף ייִדיש, אַז ער פילט מיך מיט. ער ווייסט שוין אַז כ'בין אַן אַקטיאָר, און פאַרשטייט זייער גוט מײַן לאַגע. אויב כ'וויל מער נישט לײַדן זאָל איך הערן וואָס ער האָט מיר דאָ אָנגעזאָגט. כ'האָב שוין גוט פאַרשטאַנען אַז אויב מײַנע זאַכן זענען נישט געוואָרן צוגעגנבעט אין לעצטן לאַגער פונעם טשעקיסט שנײַדערמאַן, וועלן שוין די זאַכן מײַנע בלײַבן בײַ אַ גנבישן נאַטשאַלניק אין מאָסקווע, אָדער בײַם נאַטשאַלניק פון דער סאַמאַרקאַנדער ענקאַגעבע. און איך האָב שוין געשוויגן...

אין סאַמאַרקאַנד בין איך אויך געווען אַן עדות ווי פאַרשידענע מילחמה־אינוואַלידן, רוסן, אוקראַינער און אַנדערע, האָבן געפירט אַן אַנטיסעמיטישע העצע, געגרופּן צו שלאָגן ייִדן, און טאַקע ממש גערופן עפנטלעך צו פּאָ־גראָמען. די מיליץ האָט דאָס געהערט, צוגעזען און געשוויגן.

אין פעברואַר, 1945, געציילטע חדשים פאַרן סוף פון דער מילחמה, פונקט אין דעם טאָג וואָס די סאָוויעטישע אַרמיי האָט געפײַערט איר יום־טוב פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, בין איך געגאַנגען אַהיים בײַנאַכט צו מיר, ווו כ'האָב געוווינט צוזאַמען מיט נאָך פּליטים. ס'האָט געדאַרפט זײַן אַזייגער נײַן בײַנאַכט. כ'בין געגאַנגען מיט נאָך אַן אַרבעטער פון קיש־מיש־זאַוואָד, מיט אַ געוויסן זילבערמאַן, אַ לעמבערגער יונגערמאַן. זענען אונדז אַנטקעגן געקומען דרײַ סאָוויעטישע אָפיצירן. זיי האָבן אונדז צוגערופן און

געפרעגט ווער מיר זענען. איך האָב געענטפערט, ביעזשענצעס. האָט איינער פון זיי מיך גלײַך געגעבן אַ פרעג:

— נאַציאָנאַלנאָסט? דײַן נאַציאָנאַליטעט?

האָב איך אים געענטפערט:

— אַ ייִד.

— יעוורעי! — האָט ער אָנגעהויבן אויף מיר שרײַען — קאַקאָי טי יעוורעי? טי זשיד! זשיד! זשיד!

ער האָט מיר דערלאַנגט אַ פײַערדיקן פּאַטש אַז פונקען זענען מיר געפלויגן פון מײַנע אויגן, און מיטן שטיוול אַ זעץ אין בויך אַז איך בין אומגעפאַלן באַגיסנדיק זיך מיט בלוט. אויך דער צווייטער אַרבעטער האָט געכאַפּט קלעפּ. כ׳האָב מיט מײַנע לעצטע כוחות געוואָלט שרײַען, ליאַרמען. האָט מיך זילבערמאַן צוריקגעהאַלטן. די שטימונג איז דאָך אַ שרעקלעך־אַנטיסעמיטישע. זיי קאָנען אויסקלערן אויף מיר אַ בילבול אַז כ׳האָב עפּעס געזאָגט קעגן ראַטנפאַרבאַנד. דעמאָלט וועל איך אויסער די קלעפּ נאָך דערצו אַרעסטירט ווערן אויך... די אָפיצירן האָבן זיך נאָך דעם גוט צעלאַכט, געמאַכט אונדז „פּאַמאַטיערעס״ אין טאַטנס טאַטן אַרײַן און זענען אַוועק.

אויפן זעלבן הויף, ווו כ׳בין געשלאָפן, האָט געוווינט אַ מיליטער־מאַן. ווען די שטימונג איז בײַ אים געוואָרן גאָר אַ גוטע, האָט ער פאַרבעטן זײַנע חברים מיליטער־לײַט און מ׳האָט געמאַכט אַ כוסה. ווען זיי זענען שוין געוואָרן גאָר נישטקשהדיק שיכורלעך, האָט זיך אָנגעהויבן די אַנטיסעמיטישע אַוואַנטורע. דער גאַנצער הויף איז פאַרהילכט געוואָרן פון זייערע אויסגעשרייען קעגן די זשידעס. ס׳האָט אַפילו נישט געפעלט דער אַלטער אויסגעשריי: „ביעי זשידאָוו, ספּאַסאַי סאָוויעטקויו ראָסיו״. (שלאָג ייִדן און ראַטעווע סאָוויעטן־רוסלאַנד). ס׳איז געקומען דערצו אַז זיי האָבן שיכורערהייט זיך געוואָלט כאַפּן צו אונדז שלאָגן...

איך האָב זיך נאָך גענוג אָנגעליטן הונגער און נויט, ביז כ׳האָב שוין דערלעבט דעם טאָג פון אַכטן מאַי, 1946...

גלײַך ווי די מילחמה האָט זיך פאַרענדיקט — דעם נײַנטן מאַי 1945 — האָבן זיך פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז ס׳וועט שוין לאַנג נישט געדויערן און מיר, די פּליטים, פּוילישע בירגער, וועלן זיך קאָנען אַ ביסל שפּעטער רעגיסטרירן צום אַהיימפאָרן. צו דער רעגיסטראַציע האָט מען אָבער גע־

מוזט האָבן פּאַפּירן וואָס זאָלן פעסטשטעלן, אַז מ׳איז טאַקע אַן אמתער פּוילישער בירגער, וואָס קאָן געניסן פון דער רעפּאַטריאַציע. גענוג טראַגעדיעס זענען פאָרגעקומען דערבײַ. ווײַל אַ סך לאַגערניקעס האָבן שוין געהאַט פאַרלוירן זייערע אַמנעסטיע־קאַרטעס וועגן זייער באַפרײַונג פון די לאַגערן... בײַ טייל האָט מען געהאַט צוגעגנבעט די קאַרטן, און בײַ אַ סך האָט די מיליץ אַליין צוגענומען. מ׳האָט אָבער געקאָנט קריגן צו קויפן באַפרײַונג־קאַרטן פאַר גוט געלט. מ׳האָט זיי אויך פאַרקויפט צו סאָוויעטישע בירגער, וואָס האָבן זיך שטאַרק געוואָלט אַרויסכאַפּן בײַ דער געלעגנהייט פון דעם גן־עדן... די קאַרטן האָבן דאָך נישט פאַרמאָגט קיין פאָטאָגראַפיעס. דערפאַר האָט די מיליץ מיט זיי געקאָנט מאַכן פאַרשידענע קאָמבינאַציעס... מע קאָן זיך שוין פאָרשטעלן, וואָס ס׳האָט זיך אָפּגעטון אין סאַמאַרקאַנד צווישן די פּליטים, אַז מ׳האָט זיך דערוווּסט אַז דעם אַכטן מאַי, 1946, — פּונקט צום יאָר ווי די מלחמה האָט זיך געענדיקט — וועט אָפּגיין דער ערשטער עשאַלאָן מיט די אַהיימפאָרנדיקע ייִדן קײַן פּוילן. יעדער טאָג האָט זיך געצויגן ווי אַ יאָר. אין דער זעלבער צײַט בין איך נאָך אַ מאָל געוואָרן אַרעסטירט. מ׳האָט מיך ווײַטער געהאַלטן אין אַרעסט צוואָנציק טעג אָן אַ פאַרוואָס, און צוגענומען בײַ מיר מײַן באַפרײַונג־קאַרטע פון לאַגער... אַפּנים, כדי זיך צוקאָנען טשעפּען צו מיר פאַר מײַן אַהײַמפאָרן, כ׳זאָל זיי ווײַזן מײַנע דאָקומענטן — האָבן זיי געזאָגט — אַז כ׳בין טאַקע אַ פּוילישער בירגער, וואָס קאָן געניסן פון דער רעפּאַטריאַציע. וואָס האָב איך געקאָנט ווײַזן, אַז זיי האָבן בײַ מיר צוגערויבט מײַן באַפרײַונג־קאַרטע, איך האָב דעמאָלט איבערגעלעבט שווערע חדשים פון פאַרצווייפלונג און מורא... נאָך לאַנגע באַמיונגען און איפּוויײַזונגען ווער איך בין, איז געשען דער גרויסער נס:

כ׳האָב איבערגעלייענט אויף דער ליסטע פון ספּעציעלן קאָמיטעט פון דער נאַטשאַלסטווע, וואָס האָט באַשטימט ווער עס קאָן אַהיימפאָרן, אויך מײַן נאָמען, אַז איך וועל זיך קאָנען אומקערן קײַן פּוילן מיטן ערשטן עשאַלאָן...

דעם צענטן מאַי, 1946, בין איך אַרײַן אינעם וואַגאָן נײַן אַזייגער אין דער פרי, אָבער ערשט בײַנאַכט האָט דער עשאַלאָן אָנגעהויבן רירן פון אָרט...

אַזוי בין איך געפאָרן ביזן דרײַסיקסטן מאַי, 1946, און זעקס אַזייגער

פאַרטאָג בין איך אַדורך די נײַע סאָוויעטיש־פּוילישע גרענעץ בײַ דער שטאָט פּשעמישל...

אָט די איינאָונצוואָציק טעג און נעכט זיך שלעפּן אינעם פינצטערן משא־וואַגאָן האָט זיך מיר אויסגעוויזן ווי אַן אייביקייט. אין מײַן קאָפּ האָט געהאַלטן אין איין רוישן, אַז ענדלעך ווער איך באַפרײַט פונעם סאָוויעטישן צוויי הונדערט מיליאָניקן קאָנצענטראַציע־לאַגער.

איך האָב גוט געפילט, אַז איך פאָר אינעם לאַנד, וווּ ס'איז פאָרגעקומען די גרויסע שחיטה איבער אונדזער פאָלק — קײַן פּוילן, אינעם נײַעם פּוילן; אַז איך פאָר באַטרעטן די ערד וווּ יעדער שטיין האָט אויף זיך צייכנס פון יידיש בלוט. כ'האָב געפילט אַז כ'וועל דאָרטן אויך נישט קאָנען בלײַבן; וואָרעם פאַר מיר, פאַר אַ ייד מיט אַ יידיש האַרץ — האָב איך געוווּסט — וועט דאָרט אויף דער אויסגעברענטער ערד, נישט זײַן מער קיין אָרט צו קאָנען לעבן פרײַ ווי אַ ייד און ווי אַ מענטש.

דאָס פּוילישע ייִדנטום

ביכער־סעריע פון דעם צענטראַל־פאַרבאַנד פון פּוילישע ייִדן אין אַרגענטינע

רעדאַקטאָר: מאַרק טורקאָוו

פאַרלאַג־לייטער: אַבֿרהם מיטלבערג

ביז איצט דערשינען:

1) מאַרק טורקאָוו — מלכּה אָוושיאַני דערציילט... (אויספאַרקויפט)
2) ה. ד. נאָמבערג — י. ל. פּרץ (אויספאַרקויפט)
3) וו. גראָסמאַן־וויערניק — טרעבלינקע (אויספאַרקויפט)
4) פּרץ גראַנאַטשטיין — מײַן חרובֿ שטעטל סאָקאָלאָוו (אויספאַרקויפט)
5) ישׂראל טאַבאַקסבלאַט — חורבן לאָדזש (אויספאַרקויפט)
6) זרובבל — באַרג חורבן (אויספאַרקויפט)
7) אלחנן צייטלין — אין אַ ליטעראַרישער שטוב (אויספאַרקויפט)
8) ד״ר ח. שאָשקעס — פּוילן — 1946 (אויספאַרקויפט)
9) ז. סעגאַלאָוויטש — טלאָמאַצקע 13 (אויספאַרקויפט)
10) מ. נודעלמאַן — געלעכטער דורך טרערן (אויספאַרקויפט)
11) ד״ר מאיר באַלאַבאַן — די ייִדן־שטאָט לובלין (אויספאַרקויפט)
12) ישׂראל אפרת — היימלאָזע ייִדן (אויספאַרקויפט)
13) ד״ר יעקבֿ שאַצקי — אין שאָטן פון עבֿר (אויספאַרקויפט)
14) דוד פלינקער — אַ הויז אויף גזשיבאָוו (אויספאַרקויפט)
15) ד״ר הלל זײַדמאַן — טאָגבוך פון וואַרשעווער געטאָ (אויספאַרקויפט)
16) זאַמלונג פון דאָקומענטן — קינדער־מאַרטיראָלאָגיע (אויספאַרקויפט)
17) חיים גראַדע — פּליטים (אויספאַרקויפט)
18) ש. קאַטשערגינסקי — פּאַרטיזאַנער גייען!... (אויספאַרקויפט)
19) פרידע זרובבל — נע־ונד (אויספאַרקויפט)
20) מרדכי שטריגלער — מאַידאַנעק
21) יעקבֿ לעשצינסקי — אויפן ראַנד פון אָפּגרונט — (אויספאַרקויפט)
22) ז. סעגאַלאָוויטש — געבראָכענע טריט (אויספאַרקויפט)
23) אַבֿרהם טייטלבוים — וואַרשעווער הויף
24) טאַניאַ פוקס — אַ וואַנדערונג איבער אָקופּירטע געביטן
25) ש. ל. שנײַדערמאַן — צווישן שרעק און האָפענונג (אויספאַרקויפט)
26) לעאָ פינקעלשטיין — מגילת פּוילן (אויספאַרקויפט)
27) יאָנאַס טורקאָוו — אַזוי איז עס געווען... (חורבן וואַרשע)
28) ש. איזבאַן — „אומלעגאַלע״ ייִדן שפּאַלטן ימען
29) יעקבֿ פּאַט — הענעך
30) ד״ר י. קערמיש — דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ

31) שמחה פּאַליאַקיעוויטש — אַ טאָג אין טרעבלינקע

32) מרדכי שטריגלער — אין די פאַבריקן פון טויט (אויספאַרקויפט)

33) אַברהם נחתומי — אין שאָטן פון דורות

34) יחיאל לערער — מײַן היים (אויספאַרקויפט)

35) יוסף וואָלף — לייענענדיק פּרצן...

36) צפורה קאַצענעלסאָן־נאַכומאָוו — יצחק קאַצענעלסאָן

37) י. הירשהויט — פינצטערע נעכט אין פּאַוויאַק

38) נחום סאָקאָלאָוו — פּערזענלעכקייטן

39) רחל קאָרן — היים און היימלאָזיקייט (לידער)

40) א. אַלמי — מאָמענטן פון אַ לעבן

41) מנשה אונגער — פּשיסכע און קאָצק (אויספאַרקויפט)

42) מ. בורשטין — איבער די חורבות פון פּלוינע

43) מ. קיפּניס — הונדערט פאָלקס־לידער (אויספאַרקויפט)

44) ז. סעגאַלאָוויטש — מײַנע זיבן יאָר אין תל־אָביב (אויספאַרקויפט)

45) ד״ר ח. שאָשקעס — אַ וועלט וואָס איז פאַרבײַ... (אויספאַרקויפט)

46) שלמה וואַגאַ — חורבן טשענסטאָכאָוו

47) אַברהם זאַק — יאָרן אין וואַנדער (לידער)

48־49) ש. איזבאַן — פאַמיליע קאַרפּ (אויספאַרקויפט)
(פּרעמירט דורכן צבי־קעסעל־ליטעראַטור־פאָנד, מעקסיקע 1950)

50) ד״ר אַ. מוקדוני — מײַנע באַגעגענישן (זכרונות)

51) ר. שושנה־קאַהאַן — אין פייער און פלאַמען (אויספאַרקויפט)

52) י. י. טרונק — די יידישע פּראָזע אין פּוילן

53) יאָנאַס טורקאָוו — אין קאַמף פאַרן לעבן (אויספאַרקויפט)

54) יצחק פּערלאָוו — די מענטשן פון „עקזאָדוס 1947״ (ראָמאַן)

55) פּנחס ביזבערג — שבת־יום־טובדיקע יידן

56־57־58) שלום אַש — פּעטערבורג — וואַרשע — מאָסקווע

59) ד״ר פיליפּ פרידמאַן — אַשוויענטשים

60) ב. ראָזען — טלאָמאַצקע 13

61־62) דוד פלינקער — אין שטורעם (ראָמאַן)

63) יאַנוש קאָרטשאַק — משהלעך, יאָסעלעך, ישראליקלעך (אויספאַרקויפט)

64־65) מרדכי שטריגלער — „ווערק צע״ (אויספאַרקויפט)
(פּרעמירט דורכן האָפּער־לייב ליטעראַטור־פאָנד ביים
יידישן קולטור־קאָנגרעס, בוענאָס־איירעס, 1951)

66) חיים גראַדע — שײַן פון פאַרלאָשענע שטערן

67) רבקה קוויאַטקאָווסקאַ — פון לאַגער אין לאַגער

68) יואל מאַסטבוים — מײַנע שטורמישע יאָרן (זכרונות)

69) אליהו טראַצקי — גלות דײַטשלאַנד

70) ד״ר י. שאַצקי — קולטור־געשיכטע פון דער השכלה (אויספאַרקויפט)

71) נחמן מײַזיל — געווען אַמאָל אַ לעבן... (אויספאַרקויפט)

72) י. י. טרונק — סימכע פלאַכטע פון נאַרקאָווע (אויספאַרקויפט)
(פּרעמירט דורכן צבי־קעסעל־פּרײַז, מעקסיקע, 1951)

73) יהודה עלבערג — אונטער קופערנע הימלען (אויספארקויפט)
(פרעמירט דורכן ליטעראטור־פאנד אין סאן־פאולא, בראזיל, 1951)
74) ד״ר א. מוקדוני — אויסלאנד
75) זיגמונט טורקאוו — פראגמענטן פון מיין לעבן
76) יהושע פערלע — יידן פון א גאנץ יאר
(פרעמירט מיט דער פרץ־פרעמיע פון יידישן פען־קלוב אין פוילן
און ליטעראטור־פרעמיע פון „בונד״ אין פוילן, ווארשע, 1937)
77) יעקב לעשצינסקי — ערב חורבן
78) דניאל טשארני — ווילנע
79) ז. סעגאלאוויטש — דער לעצטער לאדזשער ראמאן (אויספארקויפט)
80) יזכור־בוך — בעלכאטאוו (אויספארקויפט)
81) מ. י. שעליובסקי — אויף א פולשער וואך
82־83) יצחק פערלאוו — דער צוריקגעקומענער (ראמאן)
84) יוסף אקרוטני — דאס בוך פון די עלנטע
85־86) מרדכי שטריגלער — גורלות (אויספארקויפט)
87) ד״ר יוסף טענענבוים — גאליציע — מיין אלטע היים
88) זלמן שזר — שטערן פארטאג (זכרונות)
89) משה־דוד גיסער — דאס געזאנג פון א לעבן (אויספארקויפט)
90) ז. י. אנכי — ר׳ אבא און אנדערע כתבים
91־92) עמנואל רינגעלבלום — קאפיטלען געשיכטע
93) שמעון האראנטשיק — אין געוויש פון מאשינען (ראמאן)
94) גרשם באדער — מיינע זכרונות (קראקע)
95־96) יאנאס טורקאוו —פארלאשענע שטערן (אויספארקויפט)
(פרעמירט דורכן צבי קעסעל ליטעראטור־פאנד, מעקסיקע 1954)
97־98) אלטער קאציזנע — שטארקע און שוואכע (ראמאן)
99) פועה ראקאווסקי — זכרונות פון א יידישער רעוואלוציאנערין
100) מארק טורקאוו — די לעצטע פון א גרויסן דור (אויספארקויפט)
101) י. הירשהויט — יידישע נאפט־מאגנאטן
(פרעמירט דורכן מרדכי־סטאליאר־ליטעראטור־פאנד, ביי „די אידישע
צייטונג״, בוענאס־איירעס, 1955)
102) משה זאנשיין — יידיש ווארשע
103) פ. מינץ (אלעקסאנדער) — די געשיכטע פון א פאלשער אילוזיע
104) י. י. טרונק — די וועלט איז פול מיט נסים (ראמאן)
105־106־107) מיכאל בארוויטש — אידישע פאפירן
(פרעמירט דורכן ניימאן־פאנד, פאריז, 1958)
108־109) מרדכי שטריגלער — געארעמט מיטן ווינט (ראמאן)
110־111) ד״ר א. מוקדוני — ווארשע און לאדזש
(פרעמירט דורכן האפער־לייב ליטעראטור־פאנד, ניו־יארק, 1956)
112) ברוך האגער — מלכות חסידות
(פרעמירט דורכן מרדכי סטאליאר־ליטעראטור־פאנד, בוענאס־איירעס, 1956)
113) ב. שעפנער — נאוואליפיע 7 (אויספארקויפט)
114) פנחס שטיינוואקס — יידן צום געדענקען
115) ק. צעטניק — דאס הויז פון ליאלקעס (אויספארקויפט)

116) מאַקס ווײַנרײַך — פון בײדע זײַטן פלויט
117) אליעזר וויזל — און די וועלט האָט געשוויגן
118) ש. בערלינסקי — ירושה
(פרעמירט דורכן יידישן קולטור־קאָנגרעס, ניו־יאָרק, 1957)
119) ד״ר יוסף טענענבוים — צווישן מלחמה און שלום
120) יוסף אָקרוטני — סוף קאַפּיטל
121) זיגמונט טורקאָוו — טעאַטער־זכרונות פון אַ שטורמישער צײַט
122) בער י. ראָזען — פּאָרטרעטן
123) אַברהם טענענבוים־אַרזי — לאָדזש און אירע ייִדן
124־125) משה קאַגאַנאָוויטש — די מלחמה פון ייִדישע פּאַרטיזאַנער
126־127) אַברהם זאַק — קנעכט זענען מיר געווען
(פרעמירט דורך דער באָריס סוראוויטש־פּרעמיע, ניו־יאָרק, 1957)
128) יעקב גלאַטשטיין — ווען יאַש איז געפאָרן
129־130) דוד פלינקער — נײַע צײַטן (ראָמאַן)
(פרעמירט דורך דער מרדכי סטאָליאַר־פּרעמיע, בוענאָס־איירעס, 1958)
131) משה יודל שעליובסקי — אין דער וועלט אַרײַן
(פרעמירט דורך דער האָפּער־לייב־פּרעמיע, ניו־יאָרק, 1958)
132) ד״ר יצחק שוואַרצבאַרט — צווישן בײדע וועלט־מלחמות
133) לעאָן לענעמאַן — דער חשבון בלײַבט אָפן
134) שלמה פראַנק — טאָג־בוך פון לאָדזשער געטאָ
135) מ. באַקאַלטשוק — זכרונות פון אַ ייִדישן פּאַרטיזאַן
136) פנחס ווײַלנער — אין יענע טעג
137) אלימלך ראַק — זכרונות פון אַ ייִדישן האַנטווערקער־טוער
138) הירש אַבראַמאָוויטש — פאַרשווונדענע געשטאַלטן
(פרעמירט דורכן צבי־קעסעל־פאָנד, מעקסיקע 1959)
139) ב. טערקעל — צווישן שאַקאַלן
140) י. ל. וואלמאַן — פּוילישע ייִדן (ראָמאַן)
141־142) נ. שמן — דאָס געזאַנג פון חסידות
143־144) צבי כהן — שטורמישע דורות (ראָמאַן)
145) יאָנאַס טורקאָוו — נאָך דער באַפרײַאונג
146) העלענאַ שערעשעווסקאַ — צווישן צלם און מזוזה
147) פנחס שטיינוואַקס — ייִדישע מאַמעס צום געדענקען
148) וואָלף מערקור — די וועלט איז כעלעם
149) ראובן בן־שם — פּוילן ברענט...
150) יצחק טורקאָוו־גרודבערג — פּנימער און מאַסקעס
151) שלמה פּריזאַמענט — די בראָדער זינגער
152) דוד לעדערמאַן — פון יענער זײַט פאָרהאַנג

עס גרייט זיך צום דרוק:

אינזש׳ דוד דאַווידאָוויטש — קונסט־געשיכטע פון שולן אין פּוילן
שלמה ברײַנסקי — זשעלעכאָווער מענטשן
זיגמונט טורקאָוו — די איבערגעריסענע תקופה
ד״ר יצחק שוואַרצבאַרד — אונדזער קאַמף אין יאָרן פון חורבן
מלך ראַוויטש — דאָס מעשה־בוך פון מײַן לעבן
פּאָלאַ אָפּענשלאַק — ד״ר יאַנוש קאָרטשאַק
יעקב צינעמאַן — די שטאָט ביים טײַך סאַן

פרעסע־שטימען וועגן דער ביכער־סעריע

דאָס פּוילישע ייִדנטום

★

ב. פּיק שרייבט וועגן בצלאל טערקעלס בוך „צווישן שאַקאַלן" („אונדזער געדאַנק", בוענאָס־איירעס, נומער 132):

גאַנץ אָפט, ווען ייִדישע קאָמוניסטן ווילן פאַרטיידיקן די סאָוויעטישע פּאָליטיק און אָפּשלאָגן די שאַרפע קריטיק איבער דעם זאָאָלאָגיש־אַנטיסעמיטישן קורס פון ראַטנפאַרבאַנד, ברענגען זיי דעם אויסגעדראָשענעם פיזמון וועגן דעם ווי אַזוי די סאָוויעטן האָבן, אינעם ערשטן יאָר פון דער צווייטער וועלט־מילחמה, געראַטעוועט די ייִדישע פּליטים פון פּוילן פאַרשיקנדיק זיי אין די ווייטע געגנטן פון ראַטנפאַרבאַנד. „די סאָוויעטישע מאַכט האָט פריער עוואַקוירט די ייִדישע פּליטים וואָס זענען אַריבער דעם וואַלג און שפּעטער ערשט אירע אייגענע בירגער".

דאָס פאַרשפּרייטן די דאָזיקע לעגענדע, האָט זיי אָפט מאָל געהאָלפן געווינען אומפּאַרטייִשע מענטשן און זיי מאַכן פאַר זייערע מיטלויפערס. וואָרעם, עס איז דאָך קלאָר ווי דער טאָג און עס האָט אַנדערש נישט געקאָנט זײַן, אַז אויס דאַנקבאַרקייט פאַר דער דאָזיקער כלומרשט מענטשלעכער טאַט, אַז ביי גרויסע מאַסן ייִדן, וועלכע האָבן זיך געפונען ווייט פון דער סצענע פון די געשעענישן און זענען געווען ווייט פון צו וויסן דעם אמת, זאָל זיך אָננעמען די דאָזיקע לעגענדע. דערפאַר טאַקע האָט זיך ביי ייִדן דער קאָמוניסטישער איינפלוס אין די יאָרן פון דער מילחמה און שפּעטער נאָך דער מילחמה פאַרשטאַרקט. אַפילו אַזאַ געשעעניש ווי דער טרויעריק באַרימטער היטלער־סטאַלין־אָפּמאַך, וואָס איז דאָך געווען אין שרייענדיקן קאָנטראַסט צו די „סאָציאַליסטישע" דרשות פון די קאָמוניסטישע פּריידיקערס, האָט נישט געקאָנט אָפּשוואַכן דעם קאָמוניסטישן איינפלוס. עפּעס אַ קלייניקייט: ראַטנפאַרבאַנד האָט געעפנט די טויערן פאַר די פאַרפאָלגטע ייִדן, און שפּעטער, כדי זיי צו ראַטעווען פון דער געפאַר אַרײַנצופאַלן אין די הענט פון די נאַציס (ווײַל אָט גרייט זיך דאָך

אַ מילחמה צווישן ראַטנפֿאַרבאַנד און דײַטשלאַנד) ווערן זיי עוואַקויִרט אין געגנטן ווו די דײַטשע האַנט וועט זיי נישט דערגרייכן.

ווייל ס׳איז אמת אין דער דאָזי־קער באַוווּ־מעשה וועגן כלומרשטן „עוואַקויִרן פון די יידישע פּליטים" האָבן מיר געהאַט די מעגלעכקייט פעסטצושטעלן, רײדנדיק מיט עדות, וועלכע האָבן די דאָזיקע „עוואַקואַ־ציע" אַדורכגעלעבט, און באַזונדערס האָבן מיר וועגן דעם געלייענט אין די פילע דאָקומענטאַציע ־ ביכער פון אַזעלכע באַגלויבנווערטיקע שרײַבער ווי: משה גראָסמאַן, יעזשי גליקסמאַן, אַברהם זאַק א״אַ.

אינטערעסאַנט איז, אַז סיי די עדות מיט וועלכע מיר האָבן וועגן די ענינים געשמועסט און סײַ די שרײַבער, וועלכע האָבן וועגן דעם באַריכטעט, פּאַלן זיך צונויף אין זייערע דער־קלערונגען.

האָבן מיר פאַר זיך דאָס בוך „צווי־שן שאַקאַלן" (שבעה מדורי „גן־עדן") פון דעם שרײַבער־פּליט בצלאל טער־קעל. דער מחבר פון דעם אינטערע־סאַנטן בוך האָט געהאַט דאָס „גרוי־סע גליק" צו זײַן איינער פון די עוואַ־קויִרטע פון „באַפרײַטן" ביאַליסטאָק אין טיפן רוסלאַנד.

דער מחבר, בצלאל טערקעל, האָט אין אַ קינסטלערישער פאָרעם אַרויס־געבערענגט די גאַנצע עפּאָפּייע וואָס עס האָבן דורכגעמאַכט אונדזערע ברידער, די פּליטים, פונעם מאָמענט ווען זיי האָבן זיך אַרײַנגעבאַקומען אין דעם טייל פון פוילן, וואָס איז באַזעצט געוואָרן פון די סאָוויעטן אויפן סמך פון דעם באַרימטן אָפּמאַך צווישן ראַטנפאַרבאַנד און דײַטשלאַנד און וואָס האָט געמאַכט אַ סוף צו דער פוילישער זעלבסטשטענדיקייט. פוילן ווערט פונאַנדערגעטיילט צווישן היט־לער־דײַטשלאַנד און סאָוועט־רוס־לאַנד.

דער מחבר שטעלט זיך אַליין אין שאָטן. ער לאָזט בעסער ריידן די העלדן פון זײַנע דערציילונגען, וועל־כע ער נעמט אַרויס פון דער גרוי־סער פּליטים־מאַסע. און מיר מוזן מודה זײַן, אַז טערקעל האָט זײַן ציל דערגרייכט.

שוין די נעמען פון די באַזונדערע אָפּטיילונגען פונעם בוך סימבאָליזירן דעם מאַרטירער־וועג וואָס עס האָבן דורכגעמאַכט די פּליטים. עס איז גע־נוג זיי איבערצולייענען און שוין קען מען האָבן אַ בילד וועגן דער „גליק־לעכער" עפּאָכע אין וועלכער זיי זע־נען אַרײַן, באַטרעטנדיק דעם „סאָציאַ־ליסטישן" באָדן. אָט זענען די טיט־לען :

1) אין די פאַרנומענע געביטן, 2) אויפן ווײַטן צפון, 3) אין שיינעם סאַמאַרקאַנד, 4) אַבלאַוועס און אַרעס־טן, 5) הונגער, 6) נאַטשאַלניקעס, 7)

קאַלכאָזניק, 8) „מיליאָנערן", 9) אי־
לוזיעס, 10) עשאַלאָנען, 11) מיט אַן
אויפגעהויבענעם קאָפּ.

די אָפּטיילן זענען נישט געבונדן
מיט זיך. ס'זענען נישט די זעלביקע
העלדן, כאָטש זייער גורל איז דער
זעלבער. אַלעמען האָט אַהער געטריבן
די שרעק און די איבערלעבענישן
אונטער דער דײַטשער אָקופּאַציע.
דער ווילן אָפּצוראַטעווען דאָס הויי־
לע נפש און דער אינערלעכער דראַנג
צו קומען אין אַ פרײַער וועלט און
דערציילן וועגן טויט און אומקום
וואָס עס טראָגן פאַר דער ייִדישער
באַפעלקערונג אין פּוילן די דײַטשע
אַרמייען. אָבער דאָ, אין די פון די
סאָוויעטן באַזעצטע געביטן, האָבן די
אומגליקלעכע פליטים באַגעגנט די
ערשטע אַנטוישונג.

ווען חיים גרינשטיין דערשלאָגט
זיך ענדלעך אין „באַפרײַטן" ביאַ־
ליסטאָק און האָט פאַרן ערשטן רויט־
אַרמייער געפּרוווט מיט זײַנע פאַר
צעבראָכענע רוסישע ווערטער דער־
ציילן, וואָס אַזוינס עס איז דער פאַר־
שאָלטענער דײַטש פאַר וועלכן ער איז
אַנטלאָפן קײַן ביאַליסטאָק, רופט זיך
אָפּ דער רויטאַרמייער:

„טשטאָ טי סקאַזאַל, פּראָקליאַטי
ניעמעץ, ניעלזיאַ עטאָ וועט נאַש סאָ־
יוזניק" — מען טאָר אַזוי נישט ריידן,
דאָס איז דאָך אונדזער פאַרבינדע־
טער (ז' 20).

אָט דאָס איז דער ערשטער ברוך־
הבא אויף דער „באַפרײַטער ערד".
דער דײַטש איז דער פאַרבינדעטער
פון די רוסן. אַוודאי, אַנדערש האָט
דאָך נישט געקאָנט זײַן. צוליב דעם
האָבן זיי דאָך געחתמעט דעם טרויי־
עריק־באַרימטן „היטלער־סטאַלין"־
אָפּמאַך.

וואָס עס האָבן איבערגעלעבט די
פליטים הערנדיק די דאָזיקע דער־
קלערונגען פונעם „פאַרשטייער" פון
רוסישן פאָלק, קענט איר זיך אַליין
שוין פאַרשטעלן.

און דעריבער איז אויך נישט קיין
וווּנדער, וואָס וועלוול בעקער, וואָס
איז פון קליינווײַז אויף געווען אַ „לינ־
קער", ווערט דאָ אין זײַן „פאָטער־
לאַנד" אויסגעהיילט פון זײַן קאָמו־
ניסטישן לינקיזם. און וויסן מוזט איר,
אַז וועלוול בעקער איז נישט אַבי
ווער. טערקעל דערציילט, אַז —

„וועלוול איז נאָך צו דעם געווען
אַן עקשן און אַזאַ פאַרביסענער, אַז
ער האָט נישט געלאָזט צו זיך ריידן,
אַפילו קאָסטעק־ביערנאַצקיס קאַר־
טור־בערעזע, די באַרימטע לאַגערן
פאַר קאָמוניסטן אין פאַרמילחמהדיקן
פּוילן, האָבן אים נישט געקאָנט אויס־
היילן, און נישט געהאָט אויף אים די
מינדסטע פעולה" (ז' 23).

און וועלוול דערפילט, אַז אין זײַן
„פאָטערלאַנד" איז אַלץ פאַרקערט ווי
ער האָט זיך דאָס פאַרגעשטעלט. או־

מעטום הערשט כּאַבאַר, קאָרופּציע פּשוטע גנבה און עס איז נישטאָ פאַר וועמען זיך צו פאַרקלאָגן. עק וועלט. ביסלעכווײַז הייבט ער אָן אײַנצוזען, אַז זײַנע פאַרלוירענע יאָרן אין דער תּפיסה זענען געווען אומזיסט אַרויס־געוואָרפן.

— „יאָ, חברל, — זאָגט ער צום געהילף זיִינעם, — די פּוילישע פּאַ־נעם האָבן מיך נישט געקאָנט אויס־היילן פון מײַנע איבערצײַגונגען, זיי, די טאָוואַרישטשעס האָבן מיר געעפנט די אויגן, זיי האָבן מיך ראַדיקאַל אויסגעהיילט". (ז' 29).

שפּעטער מיט יאָרן ווען רעשטלעך פון די, מיט ניסים, אָפּגעראַטעוועטע, האָבן זיך באַוויזן אין די פרײַע לענדער זענען וועלוול בעקערס רייד געווען דאָס טאָג־טעגלעכע ברויט פון הונדערטער קאָמוניסטן וואָס זענען אויסגעהיילט געוואָרן פון זייער קאָ־מוניזם אין די טײַגעס פון סיביר און אַנדערע וויסטענישן פון דעם גרויסן רוסלאַנד און אין די פאַרשיקונג־לאַ־גערן וווהין זיי זענען „פרײַוויליק" פאַרשיקט געוואָרן.

ווי אַזוי עס האָט אויסגעזען די פרײַוויליקע עוואַקואַציע דערציילט אונדז דער מחבר אין דעם קאַפּיטל וואָס הייסט „די לעצטע נאַכט".

לויט דער קאָמוניסטישער ווער־סיע האָט מען די עוואַקוירטע פּשוט געוואָלט אָפּראַטעווען פון די געפאַרן פון אַ נאָענטער רוסיש־דײַטשער מילחמה.

הערט־זשע ווי אַזוי עס האָט אויס־געזען אַזאַ „עוואַקואַציע". ס'איז שפּעט בײַנאַכט. מעכעלע איז אַהיימגעקומען אַ מידער, אַ פאַרמאַטערטער נאָך אַ שווערן טאָג אַרבעט. אַ האַסטיקער קלאַפּ אין דער טיר האָט אויפגע־וועקט די גאַנצע שטוב.

„אָטקריוואַי! ביסטראָ! אָטקריוואַי"!

אין צימער האָבן זיך אַרײַנגעריסן דרײַ פאַרשוינען, מיליטעריש אָנגע־טאָן און באַפוילן:

— גיך זיך אָנטאָן, נעמען די זאַכן און הײַדאַ! (ז' 30).

— אין געציילטע מינוטן איז פאַר־טיק געוואָרן ס'פּעקל, אײַנגעוויקלט אין אַ קאָלדרע. מעכעלע זאַרעצקי מיט זײַן ווײַב און ס'קינד אויף דער האַנט זענען אַרויס אין דער נאַכטי־קער קילקייט באַגלייט פון דרײַ מי־ליטערלײַט, באַוואָפנט מיט ביקסן.

אָט אַזוי האָט זיך עס אָנגעהויבן דער וואַנדער־וועג אין דער פאַרשי־קונג פון צענדלינגער טויזנטער פּלי־טים וואָס האָבן געמיינט, אַז זיי האָבן ענדלעך אָפּגעראַטעוועט זייער הויל נפש.

ווײַטער גייט עס שוין „נאָרמאַל". אויף אַ זײַטיקער באַנליניע שטייען עטלעכע משא־וואַגאָנעס; די געבראַכ־טע ווערן רעגיסטרירט און זיי ווערן

אַרײַנגעשטופּט אין וואַגאָן אַרײַן און צוגעהאַמערט די טיר.

פֿון אַלע גאַסן גייען פּליטים, איינציקווײַז און גרופּנווײַז, אונטערן קאָנוואָי, אַהער, צום לאַנגן צוג.

מיר האָבן זיך איבער דעם דאָזיקן טרויעריקן עפּיזאָד אַ ביסל לענגער אָפּגעשטעלט, כּדי צו צעשטערן די ליגנערישע באַהויפּטונגען פֿון די ייִדישע קאָמוניסטן וועגן דער ממש אידעאַלער און מענטשלעכער עוואַקואַציע פֿון די פּליטים. און מען טאָר נישט פֿאַרגעסן, אַז דאָס דאָזיקע איז געשען נישט חלילה מילחמה־צײַט, נײַערט אין אַ תּקופֿה פֿון שלום און גוטברודערשאַפֿט צווישן דײַטשלאַנד און ראַטנפֿאַרבאַנד.

**
*

לאָמיר נאָך אַ ביסל דערציילן וועגן די ערשטע צײַט פֿון דער פֿאַרשיקונג. ווי אַזוי ווערן די פּליטים אויפֿגענומען אויף זייער פֿאַרשיקונג־אָרט, וועגן דער באַציִונג פֿון דער אָרטיקער סאָוויעטישער מאַכט.

— ס'פֿאַרגייען טעג און וואָכן. דער צוג רײַסט זיך מיט אימפּעט, אָן אָפּהאַלט. די מענטשן פֿאַרלירן ביסלעכווײַז דעם צלם מענטש. דער עשאַלאָן שטעלט זיך זעלטן אָפּ. דער עולם זיצט אין די וואַגאָנעס אָן ברויט און אָן וואַסער.

דער ערשטער סימפּטאָם פֿון פּליטים־לעבן: ה ו נ ג ע ר.

ענדלעך, אין אַ מיטן נאַכט איז דער עשאַלאָן געבליבן שטיין. די פּליטים ווערן אַרויסגעיאָגט פֿון די וואַגאָנעס און אונטער שטרענגער שמירה ווערן זיי פֿאַרלאָדן אויף פֿויערישע פֿורלעך און אַן אומהיימלעך שוואַרצער וואַלד האָט אײַנגעשלונגען עטלעכע וואַגאָנעס פּליטים.

„גאָר נאָענט האָבן זיך געצייכנט די קאָנטורן פֿון גראָע באַראַקן אויסגעשטעלט אין אַ ריי. עס איז צוגעקומען אַ מיליטערמאַן און אין דער שטילקייט פֿון דער נאַכט אויסגעשריגן צו די פּליטים:

דאָ איז אײַער אָרט. דאָ וועט איר אַרבעטן און לעבן. פֿון דאַנען איז שוין קיין צוריקוועג נישטאָ. דאָ וועט איר שוין פֿאַרבלײַבן אויף אייביק“! (ז' 36).

און ווײַטער גייט שוין „נאָרמאַל“... אַרבעט בײַ אַ פֿראָסט פֿון אַריבער 65 גראַד מיט אַ ליידיקן מאָגן. טויזנטער זענען געפֿאַלן בײַ דער נישט־מענטשלעכער אַרבעט און פֿון אוממענטשלעכע שיקאַנעס מצד די מאַכט־האָבערס אין די לאַגערן. און ווען היטלער באַפֿאַלט דעם ראַטנפֿאַרבאַנד, דערטראָגט זיך די ידיעה וועגן אַן אַמנעסטיע פֿאַר אַלע פּוילישע פֿאַרשיקטע.

**
*

הונגער!!! אַ סך, זייער אַ סך, קעמפּערס זענען געגאַנגען אין תּפיסות פֿאַרן וועלן אויסקעמפֿן אַ וועלט אין וועלכער עס זאָלן נישט זײַן קיין הונגעריקע. אָבער ווייניק האָבן אויף זייער אייגענעם לײַב דערפֿילט דעם אמתן אינהאַלט פֿון דאָזיקן שרעקלעכן וואָרט. דעם ריכטיקן באַטײַט פֿון הונגער האָבן געפֿילט די פֿאַרשלאָסענע אין די געטאָס און אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן. אָבער אויך די פֿאַרשיקטע אין די ווײַטע מרחקים פֿון גרויסן און ברייטן ראַטנפֿאַרבאַנד, און שפּעטער די „באַפֿרײַטע” אויפֿן סמך פֿון דער אַמנעסטיע האָבן דערפֿילט דעם טעם פֿון הונגער.

אינעם בוך „צווישן שאַקאַלן” פֿון בצלאל טערקעל פֿאַרנעמט זיך אַ גאַנצע אָפּטיילונג מיט דערציילן וועגן הונגער, וואָס עס האָבן געליטן די גרויסע מאַסע פֿון באַפֿרײַטע פֿון די אַרבעטלאַגערן.

אין דער דערציילונג „אַ מעשה מיט אַ באַראַן” האָט זיך בײַם העלד פֿון דער דערציילונג, קלמן, געשאַפֿן אַ גאַנצע „פּרעס־פֿילאָסאָפֿיע”.

„... גיי טענה זיך דורך מיטן זולל וסובא, דעם מאָגן דײַנעם, און גיב אים צו פֿאַרשטיין אַ פּרק פּרעסאָלאָגיע. דערקלער אים, אַז שוין דרײַ יאָר ווי ער באַגנוגנט זיך מיט אַ שטשיבאָרשטש, אַן אַ אויגן פֿעטס און מיט פֿינפֿהונדערט גראַם שוואַרצן, טוכלען, נאַסן נישט־אויסגעבאַקן ברויט, הלוואי וואָלט דאָס אויך געווען נאָרמאַל יעדן טאָג און דאָ גאָר... ווײַל ס׳איז נישטאָ און מען קאָן עס נישט באַקומען פֿאַרן פֿאַבריל־לוין, האָט זיך אים גראָד איצט אָנגעשמעקט... (ז׳ 139).

— און ס׳געשעט דאָס גרויסע וווּנדער: ווען קלמן גייט אַרויס אָוונטצײַט צו אַ מענטשלעך געבורויך, זעט ער אַז איבערן בערגל אינדערהויך איז זיך רחבותדיק געלעגן אויסגעצויגן אַ באַראַן, אַן אמתער באַראַן, מיט פֿלייש און ביינער און דערצו אַ טויטער.

נישט טויט, נישט לעבעדיק כאַפּט זיך קלמן אַרײַן אין דער קיביטקע, צו זײַן באַלעבאָסטע און ער דערציילט איר פֿון דעם גרויסן נס וואָס עס איז זיי געשען, אָבער די באַלעבאָסטע גלייבט נישט אין קיין ניסים.

„טשטאָ טי, ס׳אומאַ סאַשאָל”, — ביסט פֿון זינען אַראָפּ, — „דוראַק”.

„יעי באָגו, שווערט זיך קלמן, — אַן אמת, מאַריאַ איוואַנאָוונאַ, לאָמיר אַ קוק טאָן”. (ז׳ 142).

אַהיימגעשלעפּט מיט די לעצטע כּוחות דעם פּגר און זיך גענומען אים אָפּצושינדן. די אויערן זענען אָנגעשפּיצט צו יעדן באַוועג פֿון דרויסן. ווער ווייס, ווען מען כאַפּט בײַ אַזאַ

מעשה, קאָן מען זיך פאַרדינען אַ צען יאָר טורמע אָדער לאַגער. אַ גאַנצע נאַכט האָט קלמן געחלומט וועגן גוטע קאָטלעטן, וויפל געבראָטנס, וויפל פעטע זופן מען ווען מאַכן פון די ביינער, אַ קלייניקייט, אַזאַ פעטער באַראַן! אָבער, אוי, אַן אומגליק, דאָס פלייש, שטייענדיק איבער נאַכט פאַרמאַכט אין אַ פעסל און אָן זאַלץ אין אַ גרויסער היץ, איז איבערגעפירט געוואָרן, געוואָרן בלוי און גרין, שוואַרץ און געל. אַלע משונהדיקע קאָלירן באַקומען און פאַרשטונקען געוואָרן.

דאָס איז געווען דער סוף פון קלמנס זיסן חלום.

עס וואָלט זיך נאָך געוואָלט קאָמענטירן וועגן דער דערציילונג „אַ חלום וועגן עסן“ און אַנדערע דערציילונגען וועלכע ברענגען אַרויס אויף אַ פלאַסטישן און רירנדיקן אופן דעם טראַגישן צושטאַנד פון די פליטים, פאַרוואָרפענע אין די ווײַטקייטן פון ראַטנפאַרבאַנד. אָבער צוליב דעם באַגרענעצטן פלאַץ מוזן מיר זיך אָפּזאָגן דערפון.

ווייניק פון די ביז־איצט דערשינענע ביכער, וואָס דערציילן וועגן דעם וואָס עס האָבן איבערגעלעבט די פליטים אין ראַטנפאַרבאַנד האָבן אַזוי ברייט אַרומגענומען דעם גאַנצן פעריאָד זינט דעם אָנהייב פון דער מילחמה ביזן צוריקקערן זיך קײַן פוילן. די דערציילונגען פונעם לעבן אין די קאָלכאָזן דעקן אויף אַן אײַטערדיקע ווונד פון דעם „סאָציאַליסטישן פאָטערלאַנד.

זייער אינטערעסאַנט זענען די דערציילונגען פון אוזבעקישן שטייגערלעבן. ביז גאָר רירנדיק זענען די מעדיטאַציעס פון די פליטים נאָכן אומקערן זיך קײַן פוילן.

בצלאל טערקעלס בוך „צווישן שאַקאַלן“ וועט זײַן אַ גרויסע הילף פאַר דעם היסטאָריקער וועלכער וועט דאַרפן רעקאָנסטרויִרן אַ שטיק יידישע געשיכטע פון דער טרויעריקסטער צײַט פון דעם הײַנטיקן יאָרהונדערט.

Este libro se terminó de imprimir el día 14 de julio de 1960 en los Talleres Gráficos ZLOTOPIORO HNOS. S. R. L., San Luis 3149, Bs. Aires, Rep. Argentina.

וועגן אַלע ענינים וואָס האָבן אַ שייכות צום פאַרלאַג
„דאָס פוילישע ייִדנטום“, זיך ווענדן:
UNION ISRAELITA POLACA
Pueyrredón 667 — Buenos Aires (Argentina)

COLECCION
"EL JUDAISMO POLACO"
DIRECTOR:
MARC TURKOW
DIRECCION ADMINISTRATIVA:
ABRAHAM MITELBERG
Volumen 152

IMPRESO EN LA ARGENTINA — PRINTED IN ARGENTINA

Hecho el depósito que marca la Ley.

Copyright by:
D. LEDERMAN,
BUENOS AIRES

The publication of this volume was made possible by a grant from the Cultural Fund of the Conference on Jewish Material claims against Germany.

DAVID LEDERMAN

DETRAS DE LA CORTINA

★

Editado por la
UNION CENTRAL ISRAELITA POLACA EN LA ARGENTINA
Buenos Aires, 1960